איך גלויב ניט, אז איך מאך א טעות ווען איך האלט אז, ווען א סעקסועלע פערווערזיע איז אי ניט קיין ירושה, אי זי שטיצט זיך ניט אויף א פערבארגענער און דרעמלענדיגער דיספאזיציע און אי זי איז ניט געווארען אנטוויקעלט דורך שכרות און שפעטער איינגעפעס־טיגט א דאנק דער אלקאהאלישער אבשוואכונג פון דעם געהירן און בעזונדערס פון דעם ווילען, איך מאך ניט קיין טעות דענקענדיג אז זי קאן אלעמאל קורירט ווערען דורך היפנאטיזם אדער פסיך־אנאליז. איך בין דעריבער פעסט איבערצייגט, אז די ניט פערבעסערליכע פאלען פון סעקסועלע פערווערזיעס זענען, אדער פערווערז בירושה, אדער דורך ירושה שטארק געניינט צו פערווערזיעס, אדער זיי זענען געווארען פער־ווערז דורך א טרוימאטישער ווירקונג, אדער ענדליך זענען זיי אל־קאהאליש דעגענערירטע אינדיווידוען.

א סאציאלע פערהיטונג פון דעם געזונדהייטס־צושטאנד איז שייכות צו דעם געשלעכטס־לעבען, קאן אהן ספק די פערווערזיעס פון נארמאלע און ניט נארקאטיזירטע מענשען אראבברענגען צו א ניט געפערליך מינימום. די פערווערזיעס, די אורזאך פון וועלכע איז שכרות, קאנען איין מאל פאר אלע מאל אבגעשאפט ווערען נאר דורך דעם פערבאט פון אלקאהאלישע געטראנקען; דער פערבאט פון אלקאהאל צוזאמען מיט א קאנסעקווענטער געזונדער מענשליכער צוכטוואהל קאנען זיי בעקעמפען און סוף כל סוף דעם גרעסטען טייל פון זיי אב־שאפען. אזוי ווי די פערווערזיעס, וועלכע האלטען זיך אויף סוגעסציע אדער אוטא־סוגעסציע, ווערען מייסטענס בעשאפען אין בארדעלען, אדער דורך דעם דירעקטען זעהען די פערווערזיעס ביי אנדערע, אדער דורך פאטאגענע ווירקונגען, דעריבער קאן מען זיי פערמיידען טיילווייז דורך א סאציאלען סאניטארען צושטאנד, און טיילווייז קאנען זיי בעקעמפט ווערען דורך א היפנאטישער אדער פסיך־אנאליטישער בעהאנד־לונג. עס איז איבעריג צו זאגען, אז מענשען מיט סעקסועלע פערווער־זיעס דארפען אינגאנצען זיך אבהאלטען פון אלערליי אלקאהאלישע גע־טראנקען.

בכדי צו פערמיידען מיספערשטענדניסען, זאל מען רופען „ס ע ק ס ו ע ל ע  פ ע ר וו ע ר ז י ע ס“ בלויז יענע פערווערזיעס, וועלכע זענען דערווארבען געווארען דורך דער נייגונג נאך אבוועקסלונג אדער דורך געוואוינהייט. הגם די דאזיגע קאטעגאריע איז אין זיך גופא בעצם אנדערש פון יענע פערווערזיעס וועלכע קומען בירושה, האבען מיר אבער געזעהען, אז צוליב מעהר אדער ווייניגער ענטוויקעלטע פערבארגענע דיספאזיציעס, ווערט צווישען זיי געשאפען א ניט אונטערבראכענע קייט פון איבערגאנג, מחמת וואס עס איז אפטמאל שווער גענוי אבצושאצען אן איינצעלנעם פאל.

מיר מוזען בעטאנען, אז צווישען יענע מענשען, וועמעס סעקסועלע פערווערזיעס זענען געקומען ריין דורך ירושה און מיט וועלכע זיי זענען געבוירען געווארען, בעגעגענען מיר א סך, וועלכע זענען דורכויס אנשטענדיג, אפילו מיט גרויסע פעהיגקייטען און מיט עטישע פיינע געפיהלען. אמת, זיי זענען כמעט תמיד מעהר אדער ווייניגער שטארקע פסיכאפאטען. אבער מיט זייער סעקסועלען פעהלער שעמען זיי זיך און פערבארגען איהם אויף אזוי ווייט, אז זיי איז ליבער זייער טיפען און שמערצליכען סוד מיטצונעהמען מיט זיך אין קבר, איידער איהם אפילו ארויסצוגעבען פאר זייער דאקטאר. אנדערע עפענען טיילמאל זייער הארץ פאר א דאקטאר, און דא ווערט ענטפלעקט ניט זעלטען דאס לעבען פון אן אמת'ען מארטירער, פון א פערביטערטען מענש, וועלכער בענקט נאכ'ן טויט און טראכט שטענדיג פון זעלבסמארד. שוואכע נאטורען, ציניקער, עגאיסטען און מאראלישע אידיאטען, ווערען איבערגעוועלטיגט פון זייערע פערווערזע נייגונגען. און די דאזיגע זענען עס, וועלכע מיר בעגעגענען געווענליך אין געריכטס-הייזער אדער מכח וועלכע מיר ווערען געוואר דורך אנדערע קוועלען. דעריבער, אויב מיר איילען זיך און שטעלען באלד אויף א כלל, אז סעקסועל פערווערזע מענשען זענען נויטיגערווייז ציניקער אויסגעלאסענע און נידעריגע ברואים, מאכען מיר פשוט א שווערען טעות. מען קאן ליידער ניט אבשאצען, וויפיל סעקסועלע פערווערזען עס ליגען בעהאלטען הינטער א גרויסער צאל פון פערזעסענע, פעסימיסטען און כל המינים קרעכצער פון ביידע געשלעכטער, בעזונדערס אבער צווישען מענער.

1.) עס איז זעהר אפט פאראן א פערעראסטיע, אהן א סמן פון א האמא־סעקסועלע טריב און ליבע. זי ווערט אויך פראקטיצירט אויף פרויען אריינפירענדיג דעם פעניס אין אנוס:

2.) דער נאטאגאניזם איז זעהר פערשפרייט און ער הערט אויף פון זיך אליין ביי דער געלעגענהייט צו א נארמאלער סעקסועלער בעפרידיגונג;

3.) די סאדאסיע האט אפטמאל אויף דיזעלביגע אורזאכען;

4.) די אורזאך פון קינדער־שענדונגען איז בשום אופן ניט אלע־מאל, און אפשר אין די מיינסטע פאלען אפילו ניט איינמאל, א מיטגעבוירענע פערווערזיע פון געשלעכטס־טריב;

5.) עס איז פאראן א לעסבישע ליבע, א קונילינגוס און א קוי־טוס דורך דעם מויל, אהן א סמן פון א האמא־סעקסועלער ליבע אדער אנדערע מיטגעבוירענע פערווערזיעס פון געשלעכטס־טריב.

די דאזיגע אלע זאכען ווערען מיינסטענס פראקטיצירט אין באר־דעלען, אדער הויפטזעכטליך מיט הורען, אין קאזארמעס, אין שולען אין וועלכע די קינדער וואוינען, אין קלויסטערס און אין פערוואר־פענע פלעצער וואו מענער (טיילמאל אויך פרויען) לעבען אבגעזונ־דערט פון דעם צווייטען געשלעכט.

בעצם איז דער סאדיזם, דער מאזוכיזם, דער פעטישיזם און אויך דער עקסהיביציאניזם א סך זעלטענער די פעולה פון אזוינע געוואוינ־הייטען, מחמת זייערע אביעקטען און די פאנטאזיעס מיט וועלכע זיי זענען פערקניפט, רייצען זעלטען ווען, און הגב זעהר שוואך דעם נאר־מאלען געשלעכטס־טריב. איך קאן דא אין דעם דאזיגען פרט ניט זיין איינפערשטאנען מיט קראפט־עבינג; ער בעטראכט דעם עקסהיביציא־ניזם אלס א פאלגע פון אימפאטענץ ביי געוויסע אויסגעלאסענע מענ־שען, אדער אלס אן אונבעוואוסטע האנדלונג פון עפילעפטיקער. דאס דאזיגע קאן זיך פונקט צוזאמענטרעפען אין געוויסע פאלען; אבער די פערשידענע עקסהיביציאניסטען, וועלכע איך האב געזעהען, האבען אלע געהאט א מיטגעבוירענעם פערווערזען טריב, א חוץ צוויי אדער דריי פאלען, ביי וועלכע דער פעהלער איז בעשאפען געווארען דורך שכרות, אדער דער אלקאהאל האט לכל הפחות אויפגעוועקט די דיס־פאזיציע.

פענים אין מויל אדער אין אגוס), סיי, בכדי זיך צו פערהיטען קענען זוענערישע קראנקהייטען, און סיי אלס א נויטמיטעל (בעזונדערס דער אגאניזם), בכדי צו פערמיידען א מעגליכע שטראף אדער אן עפענטדער איבערזל פערשפרייטער אלקאהאל צו כל'ערליי סעקסועלע פערווערזיעס.

עס איז קלאר ווי דער טאג, אז א סיסטעמאטישער, שטאאטליך טאלערירטער האנדעל מיט פרויען — מחמת, אט דאס איז די רעגולירטע פראסטיטוציע מיט איהר קאנצעסיאנירטען פרויען־האנדעל — ווענדט אן אלע מיטלען וואס קאנען נאר אויסגעטראכט ווערען, כדי צוצוציהען און אויפצורעגען זיינע קליענטען. אויף דעם אופן ווערט די פראסטיטוציע א הויך־שול פאר כל המינים פון סעקסועלע פערווערזיעס. זי באט אן איהר סחורה ניט בלויז יענע, וועלכע האבען בירושה סעקסועלע פערווערזיעס, יענע מיט וועלכע מיר האבען זיך פריהער בעקענט, נאר זי ענטוויקעלט קינסטליך אלערליי פערווערזיעס ביי מענשען מיט א נארמאלער ירושה. אפילו סאדיסטישע און מאזאכיסטישע מאניפולאציעס ווערען אנגעווענדט, בכדי צוריק אויפצואוועקען א געשלעכטס־טריב, וועלכער איז געווארען אבגעשוואכט דורך מיסברויכונג. אימפאטענט געווארענע מענער זוכען זיך ניט זעלטען אויפצורעגען דורך זעהען דעם געשלעכטס־פערקער ביי אנדערע א. דגל. בקצור קאן מען זאגען, אז אין דעם סאמע הארץ פון דער קינסטליכער רייצונג פון א געשלעכטס־טריב, דער איינציגער צוועק פון וועלכען איז בלויז גענוס, געהט אויף א זומפ פון פוילקייט און עפוש, און, אז כדי דער דאזיגער זומפ זאל געדייהען, זארגען שוין די אפאסטאלען פון מאמאן און באקכוס, ד. ה. די זשערנעקייט און דער אלקאהאל־קולטוס. — יענע דורך געלד־אינטערעסען, און דער דורך זיין טרייבען צו א פאטהאלאגישער רייצונג און דעגענעראציע דורך זיין גיפט וואס פאראליזירט דאס גאנצע עטישע פיהלען און די גאנצע קראפט צו דענקען. די פערינטערעסירטע נוצען דעם אלקאהאל גארניט שפארעוודיג, מחמת זיי ווייסען זיין געוואלדיגען כח און קאנען איתם אבשאצען.

בכדי מען זאל אונז גוט פערשטעהען, שטעלען מיר אוועק דעם פאלגענדען סך־הכל :

הערסטער קינדהייט. אבער דאָס דאַזיגע איז ניט מעהר ווי אַ קאַמף אין ווערטער, מחמת די ערפֿאַרונג ווייזט, אַז בלויז פּסיכאָפּאַטען בירושה, בעזונדערס היסטעריקער, ליידען אַזוינע פּעהלערס, ווי פּאָביעס, פּערווערזיעס א. אז. וו. דורך די דאַזיגע ווירקונגען. אַ חוץ דעם דאַרף מען דאָ נאָך בעטאָנען, אַז די ווירקונג פֿון דער פּסיכאָ און נוראָפּאַטישער ירושה בעגרעניצט זיך ניט בלויז אויף איין בעשטימטער פּאַטהאָלאָגישער פֿאָרם, נאָר זי נעהמט אַרום אַלע אָדער די מייניסטע פֿאָרמען. אַט פּונקט ווי דער זוהן פֿון אַ משוגע'נעם קאָן ווערען אַ היסטעריקער אָדער אַ מאַניאַק, אַט פּונקט אַזוי גוט קאָן ער ווערען אַ האָמאָ־סעקסואַליסט אָדער אַן אַלגאָלאַגניקער (סאַדיסט, מאַזאָכיסט). און פּונקט ווי דער זוהן פֿון אַן אַלגאָלאַגניקער קאָן ווערען אַ האָמאָ־סעקסואַליסט אָדער אַ פֿעטישיסט, קאָן ער אויך ווערען סעקסועל נאַרמאַל אָדער אַ היפּאָכאָנדריק א. אז. וו. די פֿאָרם פֿון דער פּערווערזיע קאָן אויף אַזאַ שטייגער ביי אַ מענש מיט אַ בירושה'דיגער פּסיכאָפּאַטישער דיספּאָזיציע אָבהענגען פֿון אַ סעקסועלער אָדער אַן אַנדערער טרוימאַטישער ווירקונג. דאָ זעהט מען, ווי ירושה און די ווירקונג פֿון אַ וואונד נעהמען אָפּטמאָל געקניפּט צוזאַמען. דאָס דאַזיגע ניט אויך אַ קלאָרען וואונק וואָס איז שייך צו דער בעהאַנדלונג. ביי מענשען מיט אַ דיספּאָזיציע צו אַ פּעהלער קאָן מען טיילמאָל דורך אַ פּאָרורטייל, דורך אַ צו פֿריהען אָדער איבערגעטריבענעם פּסיך־אַנאַליז, אַ קאָמפּלעקס פֿיקסירען אָדער בעשאַפֿען (סוגערירען).

## סעקסועלע פּערווערזיעס דורך געוואוינהייט.

כמעט אַלע פּערווערזיעס פֿון דעם געשלעכטס־טריב, מכח וועלכע מיר האָבען דאָ גערעדט אין דעם דאַזיגען קאַפּיטעל, אַהן דעם צו זיין מיטגעבוירען און אויך אַהן דעם צו האָבען אַלס יסוד אַ בעזונדערע דיספּאָזיציע בירושה, מיט אָדער אַהן פּאַטאָגענע ווירקונגען אָדער אויטאָ־
[illegible]

קינסטליך געריצט, זוכענדיג איהם צו בעפֿרידיגען דורך אַבוועקסלונג און דורך אַלערליי זעלטענקייטען. אַ חוץ דעם גיט מען זיך אָב ניט זעלטען מיט אַ טייל סעקסועלע פּערווערזיעס, סיי מחמת זיי פֿירען ניט צו קיין שוואַנגערשאַפֿט (צ. ב. דער אָנאַניזם, דאָס אַריינפֿירען דעם

אפטמאל ווערען זיי אפילו אונהיילבאר. דורך דעם, ז.ה. אז מען לאזט נאך אמאל איבערלעבען יענע אורזאך פון דעם איצטיגען צושטאנד יענע סיטואציע (דעם אזוי־גערופענעם קאמפלעקס), בעזונדערס היפּ־נאטיש, ווי דאס ווערט געטון פון פראנק און וואגט, ווערט ארויס־גערופען דורך אידעען־פערבינדונגען אז איבערטראכטונג, וועלכע איז דעמאלט דאס ערשטע מאל געוועזען שוואך, ד. ה. זי ווערט איצט פער־פולשטענדיגט, און דער פעהלער קאן אויף דעם אופן שטענדיג קור־ירט ווערען. דאס איז די פסיך־אנאליטישע אדער קאטארטישע מעט־טאדע פון היילען. דאס גריבלען זיך נאך אזוינע קאמפלעקסען פאדערט א געוואלדיג געדולד. די דאזיגע קאמפלעקסען זענען בשום אופן ניט אלעמאל סעקסועל און אויך ניט אלעמאל דארף מען זיי זוכען אין צווייטען אדער אין דריטען לעבענס־יאהר, ווי פרויד וויל האבען. אבער פראנק מיינט, אז זעהר א סך סעקסועלע פערווערזיעס ווערען דער־ווארבען אויף דעם דאזיגען וועג, און אז זיי ענטוויקלען זיך ווערליג דער אינדיווידועלער בירושה'דיגער דיספאזיציע. איך בין מיט איהם דורכויס איינפערשטאנען, און איך גלויב, אז בכלל איז דאס שטאמלען אויך געבויט אויף א טרוימאטישע (וואונד) ווירקונג אין דער קינד־הייט. דאס שטאמלען איז דאך ניט מעהר ווי א פאביע פון דער שפּראך.

די טרוימאטישע ווירקונג פון דער מורא און איהר אריינקלעמונג אין דער אונטער־בעוואוסטער ספערע פון דער טעטיגקייט פון דעם גרויסען געהירן, געהערט פאקטיש צום געביט און צו דעם בעגריף פון דער היסטערישער אוטא־סוגעסציע. פאקטיש זענען דאס ניט מעהר ווי אנדערע ווערטער וואס זאגען דיזעלביגע זיך. דאס נייע איז ברויער'ס און פרויד'ס פארשונגען, ליגט אין דער ערפינדונג פון דער פסיך־אנאליטישער מעטאדע, אין דער אויסגראבונג און אין דעם לאַ־זען נאך אמאל איבער'חלומ'ען פאטאגענע (דעם פעהלער פערורזאַ־כענדיג) קאמפלעקסען, און אין דעם בעווייז, אז אזוינע פאטאגענע ווירקונגען דארף מען גאנץ אפט זוכען אין דער פריהער קינדהייט (צווישען דעם דריטען און אכטען יאהר).

דאס דאזיגע שוואכט שטארק אב די מעגליכקייט צו קאנען בע־ווייזען, צ. ב. אויף ווי ווייט א סעקסועלע פערווערזיע איז א גע'ירש'־ענטע אדער א דערווארבענע. אנטגעגען דער ריינער ירושה קאן מען אלעמאל ארויסשטעלען די מעגליכקייט פון א ווירקונג אין דער פריי־

אבנארמאליטעט בעוויזט זיך מעהר אדער װעניגער ביסלעכווייז און אהן זי צו האבען דערװארבען דורך לאנגע שלעכטע געוואוינהייטען, פלוצלונג, אהן א דייטליכער אורזאך, ביי א מענש וועלכער איז ביז אהער געוועזן נארמאל, זאל מען תמיד אין זין האבען די סוגעסציע אדער אוטא-סוגעסציע.

די ביידע בעגריפען סוגעסציע און אוטא-סוגעסציע קאן מען דא שווערליך פאנאנדערשיידען, מחמת דאס, וואס פערורזאכט דא די סוגעסציע, זענען געוועגליך די װארנעמונגען, די עמפינדונגען פון די חושים (װארנעמונגען פון חוש-הראיה, חוש-הריח,- חוש-המשוש און חוש-השמיעה), וועלכע געהן צוזאמען מיט געוויסע סיטואציעם און שטארקע איינפלוסען, און אויף דעם אופן ווערען זיי טיף און שטארק אריינגעגראבען אין געהירן. טיילמאל קאנען עס זיין נאר בלויזע אידעען און פאנטאזיעס. אין זעלטענע פאלען ווערט מען בע-וואוסט, דאס הייסט אבזיכטליך סוגערירט פון א היפנאטיסט. דע-ריבער זענען עס געוועגליך צופעליגע סונעסציעס דורך מענשען אדער אביעקטען, סיטואציעס אדער טיפע איינדרוקען, וועלכע רייצען דעם טריב נאכצוטון, און דאס אלעס גרעניצט זיך גאנץ נאהענט מיט אויטא-סוגעסציע. יענע פאלען פון א בעוואוסטער, אבזיכטליכער סוגעסציע וועלען מיר שפעטער בעהאנדלען.

ברויער און פרויד (שטודיען איבער היסטעריע) האבען די ער-שטע געוויזען, אז ביי קינדער, וועלכע האבען א נייגונג צו נערוועז-זיטעט, בלייבען איבער, אלס א פעולה פון געוויסע ווירקונגען, בע-זונדערס פון שרעק אבער מיינסטענס ווען דערביי איז פאראן דאס סעקסועלע עלעמענט (סעקסועלע אנגריפען , אנאניזם א. אז. וו.), בפרט דעמאלט ווען פוי דעם שרעק און דעם שוידער ווערט דאס קינד פערווירט און מעהר אדער װעניגער בעוואוסטלאז, אזוי-גערופענע פסיכישע וואונ-דען אין זייער אונטער-בעוואוסטזיין, דאס הייסט,זיי בלייבען דארט אריינגעקארבט פונקט ווי א שמערצליכער ריץ אדער שראם פון אן ענלי-כער רייצונג. די וואונדען קומען שפעטער, אדער זעהר שוואך אדער איג-גאנצען גארניט מעהר צום בעוואוסטזיין און זיי ווערן אפילו מיינסטענס פערגעסען: זיי פערורזאכען אבער אלערליי נערוועז-גייסטיגע שטע-רונגען, בעזונדערס פאביעס, צוואנגס-פאנטאזיעס, היסטערישע אנ-פאלען א. אז. וו., וועלכע פייניגען דעם קראנקען יאהרען-לאנג, און

עפּעס א געוועגליכער, אבער אין דערזעלביגער צייט שטאַרק סוגעס־טיווער אידעע. ער קאַן אזוי ארום אויף איינמאָל פערלירען זיין נאַר־מאַלע ליבידאָ פאַר פרויען און ווערען האָמאָ־סעקסועל.

עס פערשטעהט זיך אז דאָס דאָזיגע קאָן הויפּטזעכטליך טרעפען בי מענשען מיט א פּאַטהאָלאָגישער סוגעסטיביליטעט אדער ביי היס־טערישע מענשען, אבער בכלל ביי מענשען מיט א שטאַרק עמפּינדלי־כער סוגעסטיביליטעט. דאָ ליגט אויף דער שליסעל צו דער דערקלערונג פון א גרויסען טייל פון די דערוואָרבענע סעקסועלע אבנאָרמאַליטעטען, אבער אין דערזעלביגער צייט אויך א וואונק ווי אזוי זיי צו היילען. אין די דאָזיגע אלע פאַלען האַנדעלט עס זיך דעריבער, אי ניט אין א מאָראַלישער געזונקענקייט, און אי ניט אלעמאָל אין א מיטגעבוירע־נער אדער פערבאָרגענער בירושה'דיגער דיספּאָזיציע, נאָר פּשוט און בלויז אין א פּלוצליכער, מיינסטענס אַן איינציגער אדער אויף טייל־מאָל אז איבערגע'חזר'ערטער סוגעסטיווער ווירקונג. צווישען אַן אַנ־צאָל פון ענליכע פאַלען, איז מיר איינמאָל אויסגעקומען צו בעהאַנד־לען א זעהר אנשטענדיגען און געבילדעטען מאַן, וועלכער איז געוועזן זעהר סוגעסטיבעל. זייענדיג היים פערליבט אין זיין יונגער פרוי, איז ער פּלוצלינג, אלס פּעולה פון א פּשוט'ער אידעע, געוואָרען אימפּאָ־טענט און האָמאָ־סעקסועל. זיין כאַראַקטער איז געוועזן נענוג שטאַרק און ער האָט קיינמאָל ניט נאָכגעגעבען זיין דערוואָרבענעם פּאַטהאָ־לאָגישען טריב צו א פערקער מיט מענער, ער איז אבער אריינגעפאַלען אין א טיפען יאוש. איך בין איבערצייגט, אז ווען מען זאָל טיפער פאָר־שען דעם דאָזיגען ענין וועט מען געפינען א גרויסע צאָל פאַלען פון א דערוואָרבענע סעקסועלער פּסיכאָפּאַטיע דורך סוגעסציע אדער אוטאָ־סוגעסציע.

אַט אזוינע פאַלען קאָנען ווערען ספּאָנטאַן געהיילט. עס איז קלאָר אז ביי זיי איז אויך די בעהאַנדלונג נאָר א סוגעסטיווע און זי קאָן ווירקען אדער אליין אדער אין פערבינדונג מיט פּסיך־אַנאַליז. עס איז להלוטין איבעריג, דאָ נאָך אמאָל ארומצורעדען די אלערליי אבנאָר־מאַליטעטען, וועלכע מיר האָבען פריהער בעהאַנדעלט, מחמת אלעס וואָס איז אין דער פונקציע פּסיכיש, קאָן סוגעסטיוו ווערען ארויס־גערופען אדער, אדרבה, קאָן סוגעסטיוו ווערען אבגעשאַפט, דאָ איז אבער וויכטיג צו בעטאָנען, אז אין אלע פאַלען, וואו א סעקסועלע

וואונדערען ווי אזוי אויף ער האט זיך פריהער, צוליב דעם חשק נאכצו־טון, געלאזט אריינפירען אין דעם דאזיגען סאציאלען זומפ.

## סעקסועלע אבנארמאליטעטען און פערווערזיעס דורך סוגעסציע און אוטא-סוגעסציע.

די ראלע פון היפנאטישע ערשיינונגען, ד. ה. פון דער סוגעסציע אין דעם געשלעכטס-לעבען, איז א סך גרעסער, איידער מען דענקט געווענליך. צו דעם דאזיגען ענ; וועלען מיר צוריקקומען אין א בעזונדער קאפיטעל, איך מוז אבער דא דערקלערען, אז א גרויסע קאטעגאריע פון אלערליי סעקסועלע פערווערזיעס און אבנארמאליטעטען, מיט וועלכע מען איז ניט געבוירען געווארען, נאר וועלכע מען האט דערווארבען, און וועלכע קראפט־עבינג, הגם ער גופא ברענגט די שארפסטע בייי־שפילען, רעכענט פשוט צו צו די פאלגען פון די סעקסועלע עקס־צעסען און פערדארבענקייטען אדער צו דער געווענליכער פסיכאפא־טיע, זענען אין דער אמת'ן ניט עפעס אנדערש ווי די דירעקטע ווירקונג פון א שטארקע סוגעסציע אדער אוטא־סוגעסציע. צו דער דאזיגער קאטעגאריע רעכען איך אריין אלע יענע פאלען, ווען א מענש, וועל־כער אין די גאנצע צייט געווען סעקסועל נארמאל, ווערט פלוצלינג צוליב עפעס א שטארקען איינדרוק פאטהאלאגיש. צום ביישפיל, א מאן ווערט געוואלדיג געשלעכטליך אויפגערעגט אין א בארדעל אדער ערגיץ אנדערש פון אן עראטישער פרוי מיט שעהנע שיכלעך. ביים צופעליגען אנבליק פון אט יענע שיכלעך דערגרייכט זיין אויפרעגונג צו- העכסטען שטאפעל. פון דעם דאזיגען מאמענט אן האבען אויף איהם ווייבליכע שיך, דורך סוגעסטיווע אידעען־פערבינדונגען, א גע־וואלדיגען געשלעכטליכען רייץ, א רייץ וועלכער געהט אלעם אריבער און וועלכער מאכט איהם פאר א שוך־פעטישיסט: איהם קאן ניט מעהר אויפרעגען דער ווייבליכער קערפער; די איינציגע זאך וואס איז בכח דאס צו טון, איז דער ווייבליכער שוך.

[ז]יף דעם זעלביגען אופן קאן אויך סוגעסטיוו דערווארבען ווע־רען דער האמא־סעקסואליזם. צ. ב. ווען א סעקסועל נארמאלער מענש ווערט מיט א געוואלדיגער מאכט פסיכיש אויפגערעגט דורך אויסגעלא־סענע פעדעראסטישע אדער אנאניסטישע האנדלונגען, אדער דורך

ליך און פריידליך, כסדר וויכענדיג דעם אלקאהאל און מעהר ניט זיינ־קענדיג אין איהר פריהערדיגער סעקסועלער פאלשקייט צו איהר מאן. מיט עטליכע יאהרען שפּעטער האב איך זי געזעהען מיט איהר מאן גליקליך, דאנקבאר און בליהענדיג.

דעם דאזיגען פאל האב איך דא איינגענס געברענגט, כדי צו וויי־זען, אז די סעקסועלע עקסצעסען אליין פאר זיך, מוזען דוקא ניט אפילו אין דער פרוי, פערדארבען דעם כאראקטער, דעם ווילען, דאס געפיהל פון בושה א. אז. וו. אלעס ווענדט זיך אין זייערע אורזאכען. אויב די אורזאך ליגט אין א מיטגעבוירענער כאראקטער־שוואכקייט, דעמאלט נאטירליך איז דער שאדען אזוי גוט ווי פערפאלען. אויב פערקערט זי איז דערווארבען אבער זי ווערט אין דער ריכטיגער צייט אבגעשאפט, דעמאלט קאן מען אויך די ווירקונג מבטל־זיין אויף אייביג.

עס זענען אבער אויך פאראן טרינקערקעס, וואס זענען סעקסועל קאלט און שטויסען אב די מענער, בעת ביי אנדערע, פערקערט, פער־בינדט זיך זייער שכרות מיט דער עקעלדיגסטער פארם פון עראטיזם, וועלכע דערגעהט ביז צו נימפאמאניע.

אין וועמעס הארץ עס שלאגט נאך א ווארים געפיהל פאר דער מענשהייט און איהר צוקונפט, און ווער עס בענעהמט מיט זיין שכל, ניט בלויז די אט ערשט געשילדערטע פאקטען, נאר אויך די איבערי־גע פערוויסטונגען וועלכע דער אלקאהאל ברענגט אויף דער געזעלשאפט, זאל איינמאל פאר אלעמאל זיך אננעהמען מיט מוט און אלס א פראבע — לאמיר זאגען פאר א האלב יאהר — פולשטענדיג זיך אבזאגען פון אלע אלקאהאלישע געטראנקען, בכדי צו בעקעמפען דעם סאציאלע; אלקאהאל־עלענד מיט א לעבעדיגען ביישפיל און ניט בלויז מיט פוס־טע פראזען. אויב ער וועט שפּעטער אויסגעפינען, פונקט ווי אלע מענשען וועלכע האבען אויפגעהערט טרינקען האבען אויסגעפינען, אז דער אלקאהאל, מעג מען איהם געניסען ווי וועניג, האט פאר איהם קיין שום ווערט ניט, אדרבה, אז ער איז נאך שעדליך, דעמאלט וועט ער זיין גאנץ לעבען בלייבען אבסטינענט. די נארישקייט פון דער מענשהייט וואס האלט זיך אין איין פער׳שכר׳ען, וועט פאר איהם ווערען אלץ מעהר און מעהר אונבעגרייפליך און ער וועט זיך

דונג פון די העכערע אויסשטראלונגען (ליבע, בושה א. אז. וו.) א דאנק דער ווירקונג פון אלקאהאל, איז די אורזאך פון דער פרוי'ס גע־וואלדינער שוואכקייט און אונפעהיגקייט צו קעמפען קעגען דעם גע־שלעכטליכען וואונש פון דעם מאן. א בעטרונקענע פרוי איז דעריבער א לייכטער קרבן פון איטליכען סעקסועל אויפגערעגטען מאן. אין שייכות צו דעם זענען מיר בעקאנט עטליכע זעהר לעהרייכע פאלען און איך וועל דא דערמאנען איינעם פון זיי.

א מיידעל, יונג, שעהן, געזונד און אויך רייך, האט חתונה געהאט מיט א מאן וועמעס כאראקטער איז געווען שוואך און ניט איבעריג פיין. ער איז אבער ניט געווען קיין שלעכטער. ביידע האבען געהאט א היבשע שוואכקייט צום טרונק. ווען זי איז שוואנגער געווארען, האט איהר דער דאקטאר פערשריבען א גרויסע מאס וויין און זינט דעמאלט איז זי געווארען א ליידענשאפטליכע טרינקערין. איהר מאן'ס פריינד און בעקענטע איז דאס דוקא געפעלען, זיי האבען מיט איהר גע־שפאסט און געלאכט, און זי האט זיך ביסלעכווייז אנגעהויבען אויפ־פירען ווי אז אמת'ע פראסטיטוטקע; זייענדיג שטענדיג בערוישט פון אלקאהאל, האט זי זיך צו איטליכען איבערגעגעבען געשלעכטליך. תחלת האט דער מאן ניט געהאט קיין מוט צו מאכען א סוף צו דעם דאזיגען שפיל און ער האט זי אויך ניט געוואלט גט'ען צוליב איהר געלד. דעריבער האט ער די פרוי אריינגעגעבען אין דעם משוגעים־אנשטאלט, וועלכער איז געשטאנען אונטער מיין פערוואלטונג, כדי זי אויסצוקורירען פון איהר אלקאהאליזם. איך האב מיר פארגעשטעלט, אז דאס איז א ציניש, עראטישע און פערפירערישע פרוי. ניט אויף א האר אפילו. קוים נאר האט זי זיך אויסגעניכטערט, איז זי געווארען זעהר בעשיידען, אנשטענדיג און פלייסיג. דאס געפיהל פון בושה איז אין איהר געווען טיף איינגעווארצעלט. גענויער אונטערזוכענדיג איהר פסיכישען צושטאנד בעת זי איז געווען אין דער היים, בין איך דער־נאנגען, אז איהר איבערגעבען זיך צו די מענער איז ניט געווען אזוי־פיל די שולד פון איהר שטארקער ליבידא סעקסואלים, ווי פון איהר פסיכישער שוואכקייט און גלייכגילטיגקייט וועלכע דער אלקאהאל האט אין איהר אנטוויקעלט. איהר איצטיגע אויפפירונג איז געווען לויי־בענסווערט. זי האט זיך אנגעשלאסען אין אן אבסטינענץ פעריין, איז צוריקגעקומען צו איהר מאן און האט ווייטער מיט איהם געלעבט גליק.

בעפלעקט פון אן אלקאהאלישער בלאסטאפטהאריע לייהען פון אלער־לייי פסיכישע אבנארמאליטעטען, צווישען וועלכע די מאראלישע פעה־לערם און די סעקסועלע פערווערזיעס פערנעהמען דעם גרעסטען פלאץ.

7.) די אייפערזוכטס־משוגעת איז א ספעציפישער סימפטאם פון דעם כראנישען אלקאהאליזם און זי פירט צו די שרעקליכסטע האנד־לונגען, צו די ווידערליכסטע קערפערליכע און פסיכישע פייניגונגען און אפילו צו מארדען.

8.) דער אלקאהאל איז אויך כמעט אן אונענטבעהרליך בעטרייב־מיטעל פון דער פראסטיטוציע און פון דעם האנדעל מיט לייבער, פאר וועלכע עס וואלט געווארען אונמעגליך אהן איהם, לפחות אין זייער איצטיגער, רויהער פארם, זיך אויפצוהאלטען.

9.) דער אומגעלומפערטער און וואולגארער אלקאהאלישער עראָ־טיזם ברענגט מיט זיך איבעראל, אין עפענטליכע אזוי גוט ווי אין פריי־וואטע פלעצער, די נידעריגסטע און שמוציגסטע פארם פון פלירט, וועל־כע בעליידיגט אפטמאל גראב און ציניש יעדעס געפיהל פון אנשטענ־דיגקייט.

די אויבינע בעהויפטונגען זענען מיינסטענס נוגע מענער. צווי־שען די פרויען, לכל הפחות צווישען די פרויען פון דעם קאנטינענטא־לען א יראפא, איז דער אלקאהאליזם א סך וועניגער פערשפרייט: אין ענגלאנד אבער בושעוועט ער שווידערליך און זיינע פאלגען זענען שרעקליכע. פערקערט אבער, צווישען גאסענפרויען האט דער אל־קאהאליזם כמעט איבעראל די אויבערהאנד. געווענליך ווערען מיידלעך פערפירט און נעמאכט פאר גאסענפרויען מיט דער הילף פון אלקא־האלישע געטראנקען; פריהער ווערען זיי מיט א כיטרער אויסרעכע־נונג פער'שכור'ט פון קאדעטען, און שפעטער פערפירט און פערהאנ־דעלט, דערנאך טרינקען זיי שוין מיינסטענס ווייטער, כדי זיך צו בערוישען און פערגעסען זייער טרויריג לעבען.

דער אלקאהאל האט א זונדערבארע ווירקונג אויף דעם גע־שלעכטס־טריב פון דער פרוי. בכלל ווערט ביי איהר דער געשלעכטס־טריב פערשטארקט, אבער ביי דער פאסיווער ראלע פון דעם ווייבליכען געשלעכט קאן ווענען דער פאטענץ גאר קיין פראגע ניט זיין. די פארא־ליזירונג פון דער פסיכישער צוימונג און קאנטראלע און די פערשוויג־

שטאנדפונקט, פון די שעדליכע ווירקונגען פון אלע נארקאטישע מיט־לען בכלל און פון אלקאהאל בפרט, קלאר ארויסנעהמען דאס פאל־גענדע :

1.) ניט בעדענקטע סעקסועלע פערבינדונגען אלס פעולה פון א פערשטארקטען חיה'שען־טריב און דאס פערשווינדען פון אלע עטישע און אינטעלעקטועלע צוימונגען; אויך פערפירונגען פון מיידלעך, פראסטיטוציע, האבען קינדער מיט א נידעריגערער קלאס פרויען אדער אונטער שלעכטע בעדינגונגען.

2.) צוליב דיזעלביגע אורזאכען האבען מיר א גרעסערע צאל ווענערישע קראנקהייטען. א סטאטיסטיק, וועלכע איך האב צוזאמענגעשטעלט ווייזט, אז פון 200 ווענערישע קראנקהייטען האט מען 150 בעקומען אונטער דעם איינפלוס פון אלקאהאל, און הויפטזעכליך בעת מען איז געווען לייכט בערוישט און שטארק אונטערנעהמעריש. (וויענער מעדיציגישע וואכענשריפט 1901, נר. 16.)

3.) אלערליי אונגליקען און קאטאסטראפען, ווי שוואנגערשאפטען אויסער דער הייראט, פערצווייפלונגען, זעלבסטמארד א. אז. וו., די אורזאכען פון וועלכע זענען ניט בעדענקטע און לייכטזיניגע סעקסועלע פערבינדונגען.

4.) דאס ארויסקומען פון דער גרעסטער צאל פון סעקסועלע פערברעכענס, אויך אלס פעולה פון אונבערעכענטקייט, פון א פערשטארקטען ערעטיזם צוזאמען מיט דער אומגעלומפערטער מאטארישער אימפולסיוויקייט, דא שפילט די אייפערזיכט א געוואלדיגע ראלע. די וויכטיגסטע און זיכערסטע סטאטיסטיקען (צ. ב. פון באער, אין דייטשלאנד) בעווייזען, אז איבער א העלפט ביז דריי־פיערטעל פון פערברעכענס ווערען דורכשניטליך בעגאנגען אונטער דעם איינפלוס פון אלקאהאל. צווישען זיי שטעהען די זיטליכקייטס־פערברעכענס אויבען אן מיט 75 ביז 80 פראצענט.

5.) דאס פערשטארקען און טיילמאל דאס ארויסרופען פון סעקסועלע פערווערזיעס.

6.) די בעשאפונג פון א בירושה'דיגער אלקאהאלישער בלאסטאפטהאריע, די אורזאך פון וועלכער עס קאן זיין אדער אן איינמאליגע און אן איינציגע בעטרונקענקייט, אדער א צוגעוואוינטער שכרות, אפילו פון דעם מעסיגען און לייכטען טרינקען. די קינדער וואס ווערען

דעם, וואס איך האב געזאגט ביים סוף פון קאפיטעל 1 איבער בלאס־טאפּטהאריע. דער אלטער גלויבען, אז א שלעכטע בעשאפונג פון קינדער איז די פעולה פון שכרות, שיינט צו קריגען א שטיצונג אין די אונטערזוכונגען פון בעזזאלא. אויף דעם יסוד פון דער אלגעמיינער פאלקס־צעלונג אין דער שווייץ פון יאהר 1900, און נאך א גענויער אונטערזוכונג פון די סטאטיסטישע ציפערען מכח דער צאל אידיאטען האט דער דאזיגער מחבר בעוויזען, אז די 9000 געצעלטע אידיאטען, הגם זיי האבען זייער חלק אין דעם אלגעמיינעם מאקסימום פון בעשאפונג אין זו־מער, ווערט מען אבער אממיינסטען מיט זיי שוואנגער בעת צוויי קורצע פעריאדען פון יאהר, און דאס איז, אין דער צייט ווען מען נעהמט אראב די וויינטרויבען און אין דער צייט פון די קארגיוואל־נעכט, ד. ה. דעמאלט ווען מען טרינקט אממיינסטען; און, אז בע־זונדערס אין די ויין־קאנטאנען איז באלד נאך דעם ויין־סעזאן די צאל שוואנגערשאפטען מיט אידיאטען די געוואלדיגסטע. נאך מעהר, די דאזיגע ביידע „בעשאפונגס־מאקסימא" פאלען פונקט אויס אין א צייט פון יאהר, ווען די צאל פון שוואנגערשאפטען ווייזט דאס מינימום צווישען דער איבעריגער בעפעלקערונג. דאס איינציגע מאק־סימום פון דער נארמאלער בעשאפונג איז אין זומער, בעזונדערס אין אנפאנג זומער. אין פאל דער דאזיגער פאקט זאל ווייטער בעשטע־טיגט ווערען, דעמאלט וועלען מיר קאנען אננעהמען, אז אפילו די אקוטע, פאריבערגעהענדיגע אלקאהאל־פערגיפטונג האט א בלאס־טאפּטהארישע ווירקונג. מיר קאנען דא ניט אנדערש ווי בלויז קומען צום בעשלוס, אז ווען א זאמען־צעלע פערלאזט דעם קערפער אין א מאמענט ווען זי איז אלקאהאליזירט, און איהר איז געלונגען צו דער־גרייכען א קאניוגאציע, איז זי מעהר ניט אימשטאנד צוריקצוקומען צו איהר נארמאלען צושטאנד, מחמת איהר פעהלט די שנעלע „אב־וואשונג", די רייניגונג דורך דעם שטאף־וועקסעל פון דער בלוט־צירקולאציע. אויף דעם אופן טראגט זי אריבער אלערליי פעהלערס און פערדארבענקייטען צו דעם אינדיווידיום, וועלכעס וועט זיך פון איהר ענטוויקלען.

ווערליג נאך דעם וואס מיר האבען געזאגט, קאנען מיר, אין דעם סעקסועלע געביט, פון דעם אינדיווידועלען און פון דעם סאציאלען

לונגס-לאקאלען א. אז. וו. איז א מוסטער פון דעם אלקאהאלישען פלירט (זעה קאפיטעל 4).

נאך אן איינגענטימליכקייט פון דעם געשלעכטס-טריב בעת ער איז אלקאהאליזירט, איז זיין בעסטיאלישע רויהקייט. די העכערע ליבעס-אויסשטראלונגען פון דעם געשלעכטס-טריב זענען דעמאלס מיינסטענס פולשטענדיג פאראליזירט און די ריינע ליידענשאפט בעווייזט איהר נאקעטקייט און אונגעצווימטקייט, אפילו ביי אזוינע מענשען, וועלכע פערמאגען די פיינסטע און העכסטע ליבעס-געפיהלען בעת זיי זענען ניכטער. די געוואלדיגע שעדליכע ווירקונג פון אלקאהאל אויף דעם געשלעכטס-טריב, קאן מען דעריבער קוים אבשאצען. אבער דערווייל האבען מיר מיט דעם געזאגטען נאך ווייט ניט אנגערירט אלע זיינע שעדליכע ווירקונגען; צוויי פון זיי מוזען מיר דא בעזונדערס בעהאנדלען:

דער אלקאהאל בעגעניגענט זיך ניט מיט דער פאראליזירונג פון די העכערע בעגריפען פון מאראל און פון פעהיגקייט צו אורטיילען מיט שכל, דערמיט געבענדיג א פולשטענדיגען פרייען לויף דעם בעסטיאלישען טריב; ניין, ער האט אפילו א שטארקע טענדענץ דעם טריב גופא פאטהאלאגיש צו פערדארבען. א בעדייטענדע צאל פאלען פון עקסהיביציאניזם, האמא-סעקסואליזם, פאטהאלאגישע נייגונגען צו קינדער אדער חיות א. אז. וו., ווערען א דאנק דער ווירקונג פון אלקאהאל פערשטארקט אדער אפילו דירעקט בעשאפען ווען עס איז פאראן אויף וויפיל-ניט-איז א פערבארגענע דיספאזיציע. איך האב בעהאנדעלט א גאנצע רייה סעקסועלע פארעסטהעזיעס אין מענשען, וועלכע האבען אין א ניכטערנעם צושטאנד געהאט א נארמאלען געשלעכטס-טריב, אבער וועלכער איז געווארען פערווערן אונטער דער ווירקונג פון דער קלענסטער אלקאהאלישער בערוישונג. איך בין איבערציינגט, אז ווען מען זאל דעם דאזיגען ענין שענקען מעהר אויפמערקזאמקייט, וואלט זיך פערגרעסערט די צאל פון פאלען, וואו דער אלקאהאל פערשטארקט די פערווערזיע אדער וואו ער איז די אורזאך פון איהר אויסברוך.

אבער נאך וויכטיגער איז דער פאקט, אז אי די אקוטע און אי די כראנישע אלקאהאל-פערגיפטונג האט א שעדליכע ווירקונג אויף דער זאמען-פראטאפלאזמע פון די בעשאפערס. איך ווייז דא אן אויף

דאָס טון." (מאַקבעטה, אַקט 2, סצענע 2.) עס פערשטעהט זיך, ניט אַלע נאַרקאָטישע מיטלען האָבען דיזעלביגע ווירקונג און יעדעס מיטעל האָט זיך איהרע ספּעציפישע אייגענטימליכקייטען. אָבער בּכלל ליגט אין די דאָזיגע עטליכע ווערטער אויסגעדריקט דער תּמצית פון דער ווירקונג פון אַלע נאַרקאָטישע מיטלען אויף דעם געשלעכטס־טריב: צוערשט די אויפרעגונג פון דער ליבּידאָ, די פערשווינדונג פון די קאָנטראָלירענדיגע מאָראַלישע און גייסטיגע בּעגריפען און די פערשטאַרקונג פון דעם אינטערגעהמונגס־חשק; דערנאָך ווערט אַלץ מעהר און מעהר פּאַראַליזירט די פּאָטענץ, און צום סוף די פולשטענדיגע פערלעשונג פון דעם גאַנצען רייץ.

די דאָזיגע ערשיינונגען זענען פון אַ געוואַלדיגער וויכטיגקייט בּיי דעם אַלקאָהאָל־נאַרקאָז, וועלכער שפּילט די סאַמע גרעסטע ראָלע אין די ציוויליזירטע לענדער. בּיי איהם איז דער אָנהויב פון דער אויפרעגונג שאַרף און קלאָר קענטיג, ווען אָבער מיר אונטערזוכען זי גענויער, מעג קען מיר בּאַלד פון אָנהויב אַ שוואַכער־ווערען פון דער סעקסועלער טעטיגקייט און בּעזונדערס אַ טעמפּקייט אין די עמפּינדונגס־רייצען. בּיים געשלעכטס־פּערקער קומען די ערעקציעס לאַנגזאַמער. אמת, די תּאוה־געפיהלען זענען סוביעקטיוו זעהר שטאַרק, אָבער זיי ענטוויקלען זיך אויך לאַנגזאַמער און דער זאַמער־אויספלוס קומט אויף שפּעטער. דער דאָזיגער לאַנגזאַמער גאַנג פערלענגערט די צייט פון דעם געשלעכטס־פּערקער און אַ דאַנק דעם ווערט אויף פערגרעסערט די נעפּאָר צו ווערען אָנגעשטעקט, אויב איינער פון בּיידע האָט אַ ווענערישע קראַנקהייט. די מידקייט וואָס בּעפאַלט שפּעטער איז זעהר גרויס, און אַ מאַן, וועלכער האָט אַפילו גאָר ווייניג געטרונקען, איז ניט בּכח צו האָבּען אַ געשלעכטס־פּערקער אַזוי שנעל און אַזוי אָפט כּסדר נאָכאַנאַנד, ווי ווען ער איז אין אַ ניכטערנעם צושטאַנד. ווען די שכּרות פערגרעסערט זיך ווערט בּיסלעכווייז די אימפּאָטענץ פולשטענדיג. אָבער דער שכּור, ווען דער נאַרקאָז האָט איינגעוויגט אין אן אילוזיע פיהלט, אדרבּה, אַז ער איז אַנגעהייער פּאָטענט.

די אומגעלומפּערטע, מאוס'ע, רויהע און צודרינגליבע פאָרם פון פלירט, בּעת ער איז אונטער דער ווירקונג פון אַלקאָהאָל, איז איטליכען בּעקענט. די גראָבקייט און אונהעפליכקייט, מיט וועלכע שכּור'ע מענער בּענעמען זיך אַנטקעגען פרויען אין אייזענבאַנען, אין פערזאַמ־

נען די דאזיגע „אלטע בעלי־תאוה'ניקעס". פירט אפטמאל דערצו, אז אלטע מענער, וועלכע האבען ביז אהער געפירט א בראווו, ריין און בע־שיידען לעבען, אבער וועלכע זענען איצט קרבנות פון יענער געהירן־קראנקהייט, ווערען עפענטליך פעראכט אדער אפילו פערדאמט צו געפענגנים־שטראפען.

## די ווירקונג פון נארקאטישע מיטלען, בעזונדערס פון אלקאהאל, אויף דעם געשלעכטס-טריב.

די פאראליזירונג פון די געהירן־פונקציעס דורך נארקאטישע מיט־לען, איז ווי עס איז בעקענט, אין איהר פסיכאלאגישען און פיזיאלאגי־שען אויסדרוק שטארק ענליך צו דער ארגאנישער פאראליזירונג, וועל־כע איז א פעולה פון א לאנגזאמער איינשרומפונג פון דער אויבער־שטער שיכט אדער קארע פון דעם געהירן, ווי מען קאן עס בעאבאכטען ביי דער אלגעמיינער „הירן־פאראליזיס": א בעגייסטערטע און גליק־ליכע שטימונג, — ערע, ניט זיכערע און לאנגזאמע בעוועגונגען ביז צו דער פולשטענדיגער פאראליזיס, זיין דיסאריענטירט און בלאנדזען אין צייט און ארט, און בכלל א גייסטיגע צוטראגענקייט. דערביי פער־לירט דער מענש די ריכטיגע אבשאצונג פון זיין איך און פון דער ארומיגער וועלט: ער האלט גייסטיג און קערפערליך זעהר פעהיג, בעת דער היפוך איז דער אמת, און אין זיין סאמע ערגסטען צושטאנד לייכט פ איהם אלעס אין די רויזיגסטע פארבען. ער פיהלט ווי זיינע מוסק־לען זענען שטארק ווי שטאל, בעת ער וואקעלט זיך און איז געלעמט.

ביים אנהויב פון דער נארקאזיס זענען די ערשיינונגען אביסעל אנ־דערש איידער ביים סוף. ביים אנהויב ווערט מען בעהערשט פון א געוויסער אויפרעגונג, פון א געוויסע אונטערנעהמונגס־לוסט און פון א פערשטארקונג פון די טריבען; בעת שפעטער נעהמען איבער די הויפט־ראלע די פאראליזיס, די פערמאטערטקייט און דער שלאף

אין דער געשלעכטס־ספערע האבען די נארקאטישע מיטלען בכלל אן ענליכע ווירקונג; זיי שוואכען אב די פאטענץ און, לפחות אין אנ־הויב, הויבען זיי אויף און רייצען דעם חשק און די ליבידא. ווי שעקספיר זאגט: „די תאוה ווערט (פון טרונק) אויפגעהויבען און צו־ריק דערשטיקט: ער רייצט אויף דעם פערלאנג, אבער ער מאכט שווער

נאָבעלסטע מאָטיוועז. די פּסיכאָפּאַטישע פרוי (און אויך דער מאַן) נאַרט דערביי אָב זיך גופא צוזאַמען מיט אַלע איבעריגע.

אין 1908 איז אין פרייבערג, סאַקסען, היגגעריכט געוואָרען אַ פרוי, גרעטע בייער. זי האָט אויף אַ קאַלטבלוטיגען, אויסגערעכענטען און ראַפינירטען אופן פער׳סמ׳ט און דערשאָסען איהר חתן, נאָכדעם ווי זי האָט פון איהם אויסגענאַרט זיין פערמעגען. דאָס אַלעס האָט זי געטוהן, כדי צו קאָנען התונה האָבען מיט איהר געליבטען. וועדליג מיין מיינונג איז זי געווען דער טיפּוס פון אַ היסטערישע פרוי, לגמרי אָהן אַ מאָראַלישען חוש (מאָראַ׳יש אידיאָטישע היסטעריע). גלחים, פּסיכיאַטרען און ניט פּראָפעסיאָנעלע מענשען זענען געווען ערשטויגט און אין ספק. די סעקסועלע ליידענשאַפט איז געווען דער הויפּט־מאָטיוו פון איהר האַנדלונג. זי איז געבליבען עכט היסטעריש־טעאַטראַליש ביז צו דער גילאָטינע.

אַנדערע קראַנקהאַפטע סימפּטאָמען, אַזוינע ווי צוואַנגס־אימפּול־סען און צוואַנגס־פאַנטאַזיעס. האָבען אויך אַ געוויסען בעדייט פאַר דעם געשלעכטס־טריב און פאַר דער ליבע. די ליבע אָדער די צוריקוויי־זונג, אַזוי גוט ווי פערשידענע אַנדערע סעקסועלע איינבילדונגען, קאָנען ווערען אַן אָביעקט פון אַ צוואַנגס־פאַנטאַזיע פון וועלכער מען ווערט שרעקליך געפּיניגט. דערביי ליידען ווייניג די אַרומיגע מענשען, מחמת די צוואַנגס־פאַנטאַזיע איז פּאַסיוו און געפּלאַנט ווערט בלויז דער, וועל־כער האָט זי. אָהן אַן אויפער שטעהט זי פאַר דעם קראַנקען׳ס בעוואוסט־זיין און האַלט איהם אין איין פּייניגען. צוואַנגס־אימפּולסען, פערקערט, קאָנען ווערען געפעהרליך און פירען צו סעקסועלע געוואַלט־טאַטען, מחמת דאָ טרייבט די קראַנקע פאַנטאַזיע צו אַ האַנדלונג. אַזאַ צושטאַנד קאָן זיך טיילמאָל פערבינדען אָדער מיט אַ נאָרמאַלען געשלעכטס־טריב אָדער מיט פערוועזרע געשלעכטליכע נייגונגען.

12.) אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער סעקסועלער פּאַטהאָלאָגיע און דער סעניל דעמענציא ביי מענער איז, ווי מיר האָבען געזעהען, דאָס פערליבען זיך אין קינדער (זעה פּאַראַדאָקסיע). דאָס איז אַן אָבשטאַמונג פון דער גייסטיגער אויפרעגונג אין אָנהויב פון דער קראַנקהייט, און דאָס קאָן זעהר אָפט פירען ביז צו דער פערגעוואַל־טיגונג פון קליינע קינדער. די „מאָראַלישע ענטריסטונג" פון דער ברייטער מאַסע, און ליידער אויך פון אַ סך אונוויסענדע ריכטער, אַנטקעג־

פאטענץ, אנעסטהעזיע אדער טיילמאל מיט שמערצען און עקעל ביים
געשלעכטס־פערקער (בעזונדערס ביי פרויען, ביי וועלכע דער פערקער
איז אפטמאל שמערצליך צוליב וואגיניזם); סיי פערקערט, בעת אז
אינטענסיווער געשלעכטס־טריב געהט צוזאמען מיט א קאלטקייט,
גלייכגילטיגקייט אדער גאר מיט א ברוטאלען עגאיזם (בעזונדערס ביי
מענער). טייל פסיכאפאטען זעהען אוים צו זיין הארציג פערליבט, זע־
נען דערביי שרעקליך ליידענשאפטליך, אבער שפעטער פירען זיי זיך
אויף ניט זעלטען ווי ווילדע בעסטיעס אנטקעגען זייער געליבטער
פערזאן. דאס זענען מיינסטענס יענע העלדען, וועלכע זענען באלד
גרייט זייער געליבטע צו דערשיסען, דערווערגען אדער דערשטעכען,
ווען זי גיט זיי אויף דער שטעל ניט נאך יעדע זאך, אדער אניט זענען
עס יענע שוואכע ברואים, וועלכע סטראשען באלד מיט זעלבסטמארד
ווען מען ענטפערט ניט צוריק זייער ליבע. נאך אנדערע, יענע וועלכע
ליידען פון א פאטהאלאגישען עראטיזם, פערפאלגען אנשטענדיגע מייד־
לעך אהן אן אויפהער מיט זייערע מאניעס און מיט זייער פארנאגרא־
פישער רויהקייט. איך האב געזעהען אזא האלב־משוגע'נעם מאן, וועל־
כער האט געשריבען צו אן אנשטענדיג מיידעל בריף און אפילו אפענע
פאסט־קארטען, אויף וועלכע עס זענען געווען אויסגעצייכענט ווייב־
ליכע געשלעכטס־טיילען.

ביי דער פרוי ווייזט זיך א בעזונדערס בלינדער און אייגנע׳־
עקשנ׳ענטער האס און דראנג נאך נקמה, אלס א פעולה פון אייפער־
זוכט, א צושטאנד וועלכער איז אין א גלייכגעוויכט מיט דער פרוי׳ס
אויסגעהאלטענקייט פון ווילען. דעמאלט ווען דערביי ווירקען אויף
מיט די כראנישע ליידענשאפטען פון דער פסיכאפאטיע. אזא פרוי
קאן דורך איהרע ראפינירטע אינטריגעס, דורך איהרע פאלשע שיל־
דערונגען, — אילוזיעס פון א זכרון, וועלכער איז פערוואלקענט מיט
ליידענשאפט, אילוזיעס, וועלכע זי גיט איבער מיט דער העכסטער דרא־
מאטישער טעאטראלער קונסט, אזא פרוי קאן שפילען אן אמת טייפ־
לישע ראלע און אפילו אבנארען דאס גאנצע געריכט. ווען מיר געהען
טיפער אריין אין דער זאך, שטעלט זיך מיינסטענס ארויס, אז די
אמת׳ע אורשפרינגליכע אורזאך פון דעם אונגליק איז די סעקסועלע
ליידענשאפט, וועלכע ווערט שפעטער אפטמאל אויף אן אונבעוואוס־
טען היפאקריטישען אופן, שעהן בעצירט און אידעאליזירט מיט די

10.) אַן אַנדערער טייל פון דער פּאַטהאָלאָגישער ליבע איז די ליבעס־טיראַנײ פון אַ סך פּסיכאָפּאַטען. זי בעשטעהט דער־ דין, דעם געליבטען מענש כסדר צו פערביטערען דאָס לעבען, איהם צו פּייניגען, און טיראַניזירען מיט פערשידענע פערלאַנגען, מוסר־דייה, קאַפּריזען, נאַרישע ווידערשפּרוכען, וואונשען און אייפערזוכט. דעם דאָזיגען אופן פון ליבען מערקען מיר אי ביי מענער און אי ביי פרויען, אָבער ביי די פרויען אפשר נאָך מעהר איידער ביי די מענער.

11.) די ליבע ביי די פּסיכאָפּאַטען איז בכלל אַן ענין אָהן אַ סוף. ווען די מענשליכע געזעלשאַפט וואָלט געוועזען בעסער בעקענט מיט דעם דאָזיגען ענין, וואָלט פערשוואונדען אַ גרויסער טייל פון די מיספערשטענדניסען און אונגליקען פון דעם פער־ הייראַטען לעבען. די אויבען דערמאַנטע ליבעס־טיראַנײ קאָנען ביי פּסי־ כאָפּאַטען אַננעהמען די שוידערליכסטע פאָרמען און די אייפערזוכט וועלכע מיר האָבען דערמאַנט אין פּאַראַגראַף 4. איך האָב געקענט אַ פרוי, וועלכע האָט ניט ערלויבט איהר מאַן זיך צו פערשליסען אין אָבטריט, מורא האָבענדיג ער זאָל דאָרט ניט מיטנעהמען די דינסט. אַן אַנדערע איז אַריינגעפאַלען אין דער ווילדסטער אייפערזוכט, ווען אַ פרוי איז געזעסען ביי איין טיש אַנטקעגען איהר מאַן און האָט בלויז אויף איהם אַ בליק געטהון. אויף דער גאַס און אין האָטעלען האָט דער אָרימער מאַן פּשוט ניט געוואוסט וואָס צו טון מיט זיינע אויגען, כדי ניט פערדעכטיגט צו ווערען פון זיין פרוי. אַנדערע פּסיכאָפּאַטען פער־ מאַטערען זייער געליבטע פּערזאָן מיט אַ כסדר'דיג אַכטונג־געבען און זאָרגען, ציטערענדיג טאָג און נאַכט פאַר יעדער איינגעבילדעטער גע־ פאַר, פאַר דעם קלענסטער שוואַכקייט אין געזונד א. ד.ג.ל. אַנדערע ווי־ דער ליידען פון אַ היפּערעסטהעזיע (איבער עמפּינדליכקייט), און יעדע שטערונג אָדער דאָס איבערשלאָגען זייערע געדאַנקען וואַרפט זיי אַריין אין אַ כעס און דאָס צוזאַמענלעבען מיט זיי איז אַ מאַטערניש אי פאַר זיי און אי פאַר אַנדערע. נאָך ערגער איז די איבער־עמפּינד־ ליכקייט פון דעם נעמיהט, ביי וועלכער מען זעהט אין איטליכער קליי־ ניגקייט אַן אָבזיכטליכע בעליידיגונג, אַ בייזען ווילען א. אז. וו.

די ניט גלייכע פּראָפּאָרציע צווישען ליבע און געשלעכטס־טריב איז אויך אַ פּייניגונג פאַר אַ סך פּסיכאָפּאַטען, סיי בעת אַ טיפע גייסטיגע ליבע געהט צוזאַמען מיט אַ סעקסועלער גלייכגילטיגקייט, אָמ־

בונדרען מיט א שטארקען סעקסועלען אפעטיט, בעת צו מענער איז זי געווען פולשטענדיג קאלט. ווען זי איז עלטער געווארען האט זיך אין איהר פערליבט א מאן און זי האט איהם נאכגעגעבען מעהר אויס מיט־לייד און אויס ווייבליכער פאסיווקייט איידער אויס ליבע. נאך שפע־טער האט זי זיך פערליבט אין אן אנדערען מאן, פונקט מיט אזא היץ ווי אין דעם יונגען מיידעל פון איהרע יונגע יאהרען. איהר לעצטע ליבע איז געווען א בעגייסטערטע, אבער אויך א שטארק ליבידינעזע. איהר געשלעכטס־טריב האט אויף דעם אופן זעהר ספאנטאן צוריקגעווינען זיין נארמאלע ווענדונג.

ביי היסטערישע מענער קומט אויך טיילמאל פאר אן ענליכער איבערבייט פון געפיהלען, אבער ניט אזוי לייכט, מחמת אין דער נאטור פון דער מענליכער סעקסואליטעט איז פאראן א קלארערער אונטערשיד צווישען נשמה (געדאנק) און געשלעכטס־טריב. די היסטע־רישע פאנטאזיע און דיססאציאציע ביי פרויען פערורזאכט א פאליאנ־דרישע ווענדונג פון זייער טריב, א ווענדונג, וועלכע קומט רעלאטיוו זעלטען פאר ביי פרויען, א דאנק וואס זיי רוקען זיך אב פון דער דורכשניטליכער, ווייבליכער סעקסועלער נארמאליטעט און זיי דער־נעהענטערען זיך צו דער מענליכער. פערקערט, היסטערישע מענער ווערען מעהר ווייבליך, ניט ווייל זייער טריב איז געווארען ווייניגער פאליגאמיש, נאר א דאנק דער גרעסערער דיססאציאציע אין זייער פיהלען און דענקען. א סך פון זיי זענען האמא־סעקסועל אדער "א־פעלט־מעקסועל. עס האט מיך תמיד געוואונדערט, וויפיל פון די אזוי־גערופענע פאטהאלאגישע שווינדלער (עקסטרעמע היסטעריקער) זענען האמא־סעקסואליסטען.

9.) איין טייל פון דער פאטהאלאגישער ליבע ביי גייסטיג אב־נארמאלע מענשען איז די איינגעבילדעטע ליבע, וועלכע איז ניט געבויט אויף קיין משוגעת. עס זענען פאראן פסיכא־פאטען, מענער און פרויען, וועלכע זענען איבערצייגט, אז זיי זענען פערליבט אין עמיצען, און פלוצלונג נאך דער פערלאבונג אדער נאך דער חתונה, דערזעהען זיי, אז זיי האבען געמאכט א טעות און, אז זיי האבען דעם מענש קיינמאל ניט געליבט. אזא זונדערבארע זעלבסט־אבנארע־ריי איז גראד ניט פון די גרויסע זעלטענקייטען. זי איז די אורזאך פון א סך אבגעלאזטע שדוכים, פון א סך גיטין און אונגליקען.

און בייטען זיך באלד ווידער צוריק. ווערליג נאך דעם איינפלוס אונ־טער וועלכען זי לעבט, קאן דיזעלביגע היסטערישע פרוי ווערען אדער א מוסטער פון גוטסקייט אדער פון שלעכטסקייט.

אין דעם סעקסועלען געביט ווייזען זיך דיזעלביגע עקסטרעמען אויף א שארפען און קלארען אופן. אונטער דעם איינפלוס פון א גלי־הענדיגער ליבע קאן א היסטערישע פרוי דערגעהען צו די שרעקליכסטע עראטישע עקסצעסען, און פערקערט, קאן זי זיין פולשטענדיג קאלט און גלייכגילטיג. דעם מאן וועלכען זי ליבט קאן זי ארויסווייזען די פייערדיגסטע סעקסועלע וואונשען, און אין דערזעלביגער צייט קאן זי זיין אנטקעגען אנדערע מענער קאלט ווי אייז. אמת, דאס לעצטע איז טיילווייז נארמאל ביי דער פרוי, אבער אין ערגיץ ניט איז דאס אזוי שארף און קלאר ארויסגעוויזען ווי ביי דער היסטעריע.

אפטמאל האט מען אויפגעהויבען די פראגע, אויב א פרוי קאן ליבען מעהר ווי איינמאל אין איהר לעבען אדער ניט. עס איז אהן ספק, אז א סך פרויען האבען אזא שטארקען מאנאגאמישען אינס־טינקט אז זיי זענען אימשטאנד בלויז איינמאל צו ליבען אין זייער לעבען. אבער עס איז פונקט אזוי זיכער, אז א היסטערישע פרוי קאן ניט בלויז אין פערשידענע צייטען ליבען בעצם גאנץ פערשידענע מע־נער, נאר, אז זי איז קאפאבעל ניט זעלטען אין איין צייט צו זיין הייס פערליבט אין עטליכע מענער, מחמת איהר פערזענליכקייט, איהר איך, קאן זיך זעהר לייכט צושפאלטען. אבער דעם, ווען זי האט אזוי געליעבט, קאן זי שפעטער פונקט אזוי פייערדיג האסען און, פער־קערט, דעם, וועמען זי האט געהאסט, ווידער ליבען, אלעס ווערליג דער סוגעסציע, אונטער וועלכער זי געפינט זיך. אויף אן ענליכען אופן בעגעגענען מיר דאס אלעס אויך ביי דעם היסטערישען מאן.

א היסטערישער מענש קאן צוליב דערזעלביגער אורזאך אונטער פערשידענע איינפלוסען בייטען די קוואליטעט פון זיינע ליבעס־עמ־פינדונגען, און ער קאן צ. ב. איבערגעהן פון א פערווערזער ליבע צו א נארמאלער און פערקערט. איך האב פאר זיך געהאט א פאל, א זעהר געבילדעטע היסטערישע פרוי, וועלכע האט זיך אין איהר יוגענד צום ערשטען מאל פערליבט אין אן אנדער מיידעל. אין יענער צייט זענען איהרע געפיהלען געווען ריין האמא־סעקסועל: איהר ליבע צו דעם מיידעל איז בתוך געווען פון א האמא־סעקסועלער נאטור און פער־

בעגאנגען פון אידיאטען בכלל אבער פון מאראלישע אי־
דיאטען בפרט. מענשען, ביי וועמען עס פעהלט איטליכער מא־
ראלישער, און אפטמאל אויך, איטליכער עסטעטישער בעגריף. פער־
פירונג, קינדער־שענדונג, געשלעכטליכער מארד, נעקראפיליע, בעס־
טיאליטעט א. ד. גל. זענען אין די מיינסטע פאלען די ארבייט פון
אידיאטען. הויפטזעכליך פון מאראלישע אידיאטען, בעזונדערס דע־
מאלט ווען זייער שוואכזיניגקייט איז קאמפליצירט מיט אנדערע גע־
שלעכטליכע פערווערזיעס אדער מיט אן איבערגערייצטען געשלעכטס־
טריב.

7.) אויך די היפאכאנדריע ברענגט איהרע פרוכט
אין דער סעקסועלער ספערע (סעקסועלע היפאכאנדריע), מיר האבען
שוין גערעדט מכח די איינגעבילדעטע אנאניסטישע עקסצעסען פון די
היפאכאנדריקס. אנדערע ווידער זענען איבערצייגט, אז זיי זענען
בעגאנגען מורא'דיגע סעקסועלע עקסצעסען, פון וועלכע זיי ווערען אזוי
א שטיקל אבגעשוואכט, בעת אין דער אמת'ן האבען זיי דאס קיינמאל
ניט געטון. איך האב נעקענט א קרעפטיג געבויטען פערהייראטען הי־
פאכאנדריק, וועלכער האט געגלויבט, אז ער איז קראנק און צובראָ־
כען צוליב זיינע סעקסועלע עקסצעסען, האבענדיג מיט זיין פרוי א
געשלעכטס־פערקער איינמאל אלע צוויי אדער דריי מאנאטען. טייל
היפאכאנדריקס ווערען אימפאטענט נאר דערפאר, ווייל זיי שטעלען
זיך פאר, אז זיי זענען אימפאטענט. אנדערע ווידער פערביטערען זיך
דאס לעבען מיט דעם געדאנק, אז זיי ליידען פון ווענערישע קראנק־
הייטען, וועלכע זיי האבען קיינמאל ניט בעקומען.

8.) א גאנץ כאראקטעריסטישע און וואונדערבארע סעקסואלי־
טעט בעגעגענען מיר ביי היסטערישע פרויען און
מענער. דער יסוד פון היסטעריע איז א קראנקהאפטע אויטא־
סוגעסציע אדער א דיסהארמאניע, און אונפעריינבארקייט פון דער
גייסטיגער טעטיגקייט. ביי היסטערישע מענשען איז אפטמאל גענוג
אן איינציגער געדאנק, בלויז אן אנצוהערעניש, בכדי ארויסצורופען
די פערווירקליכונג פון דאס, וואס דער געדאנק שטעלט מיט זיך פאר.
זייער פאנטאזיע קאן זיי פירען צו פונקט אנטקעגענגעזעצטע מיינונ־
גען און האנדלונגען, דערביי אפטמאל גארניט אדער כמעט ווי גארניט
וויסענדיג דעם ווידערשפרוך. ליבע און האס בייטען זיך ביי זיי גיך,

ביי געזונדע מענשען ווערט דער זכרון זעהר פיל אבגענארט פון פערפאלשט פון די סעקסועלע, אזוי גוט ווי פון די אנדערע ליידענשאפטען. און א סך פאלשע בעהויפטונגען און אויסטייטשונגען הויבען אן אויסצוזעהען ווי אן אבסאלוטע זיכערקייט. מענשען רופען זיך דעמאלט ליגנערס און פערלוימדערס, בעת אין דער אמת'ן האנדעלט זיך וועגען א פעלשונג, אן אילוזיע פון דעם זכרון.

4). איינע פון די אונגליקליכסטע סעקסועלע אבנארמאליטעטען ביי משוגעים איז די פאטהאלאגישע איפערזוכט, בעזונדערס ביי מענער, וועמעס פרויען זענען אמת'ע מארטירערינס. ניט זעלטען ענדיגט זיך זייער פייניגונג ערשט מיט זייער ערמארדונג. אויך ביי גייסטיג־קראנקע פרויען שפילט די איפערזוכט א שרעקליכע ראלע; און מורא'דיג איז אויך די איפערזוכט ביי שכורים. די איפערזוכטס־משוגעת אדער די משוגעת פון דער אונטרייקייט איז פערהייראטען (און אויך סעקסועלען, ניט פערהייראטען) צוזאמענלעבען פירט דעם קרבן צו די ווילדסטע אויסברוכען. אין איטליכען אונשולדיגען ווארט, אין א בליק, אין איטליכער קליינער פאסירונג, זעהט ער „אונצווויידייטיגע בעווייזען" פון זיין פרוי'ס פאלשקייט. די פרוי מעג אנווענדען אלע איהרע כחות, כדי צו פערמיידען אפילו א שאטען פון אן אורזאך וואס קען פירען צו איפערזוכט, קיין שום זאך אבער העלפט ניט. צוריקגעהאלטענקייט און בעשיידענקייט ווערט אויסגעטייטשט אלס היפאקריטסטווע: זי ווערט בעוואכט, געסטראשעט, בעליידיגט, טאג און נאכט פערפאלגט, אפטמאל אהן דער מינדסטער אורזאך אין דער געגענווארט פון א דריטען מענש אפען פערדעכטיגט, פערלוימדט און בעשמוצט. ער שטעלט איהר אונטער פערשידענע פאסטקעס און אלעס צוליב דער געוואלדיגער און הייסער „ליבע"! די צאל פון אזוינע פאלען איז ליידער זעהר גרויס, און ביי שכורים איז דאס במעט ווי אן איינגעפירטער כלל.

5). עס פערשטעהט זיך, אז די סעקסועלע פערעסטהעזיעס: סאדיזם, מאזאכיזם, פעטישיזם, האמא־סעקסואליזם א. אז. וו., מכח וועלכע מיר האבען אויבען גערעדט, קומען אויך פאר ביי ווירקליכע משוגעים.

6). די שרעקליכסטע סעקסועלע פערברעכענס — די שווידערליכסטע סעקסועלע אבנארמאליטעטען ווערען מיט א בעזונדערער ליבע

איז ניט געווען גענוג שארף און קענטיג בכדי דערקענט צו ווערען פון
יוריסטען און אזוי איז פאר דער פרוי געבליבען נאר איין מיטעל—
פון איהם צו אנטלויפען. מען קאן אנשרייבען דיקע ביכער, מיט די
שילדערונגען פון אלע סעקסועלע שווידערליכקייטען וואס ווערען בעגאנ־
גען פון אזוינע משוגעים.

אבער מיר מוזען נאך דערמאנען איינע פון די אפטסטע פארמען
פון דער פאטהאלאגישער ליבע ביי גייסטיג־קראנקע פרויען, דאס
ס ע ק ס ו ע ל ע מ ש ו ג ע ת ־ ס י ס ט ע ם. זייערע ליבעס־גע־
פיהלען פאר א מאן ווערען פון אזוינע פרויען קאמבינירט מיט די
ווילדסטע פאנטאזיעס און האלוצינאציעס. די קראנקע זעהט אין
איהר משוגעת, אז איהר געליבטער איז צ. ב. א קעניג אדער קריסטוס,
זי אליין האלט זיך פאר קריסטוס' כלה, אדער פאר א מלכה, פאר
עפעס א וועלט־בעהערשערין א. אז. וו. אין איהרע חלומות און האלו־
צינאציעס) זעהר לייבליך נעבען זיך, ווי ער האט מיט איהר א גע־
„קעניג" ליגט מיט איהר אין בעט. זי פיהלט איהם (געפיהלס־האלו־
צינאציעס זעהר לייבליך נעבען זיך, ווי ער האט מיט אהר א גע־
שלעכטס־פערקער, וועלכער ענדיגט זיך מיט אדער אהן אן ארגאזם.
די רעזולטאטען פון דעם דאזיגען פערקער פעהלען אבער אויך ניט.
זי גלויבט, אז זי שוואנגערט און, אז זי טראגט גיין מאנאטען א
קינד אין איהר לייב. זי קאן זיך אפילו פארשטעלען אז זי געהט צו־
קינד. דער סוף פון דער דאזיגער האלוצינאציע איז, אז דאס קינד האט
מען ביי איהר צוגענומען, אז מען מאטערט עס, אז מען נארט זי אב
א. אז. וו. אהן א צאל זענען די משוגעת ־ סיסטעמען, וועלכע דרעהען
זיך אלץ ארום אזוינע פאטהאלאגישע פאנטאזיעס פון דער סעקסוע־
לער ספערע פון דעם צענטראל־נערווען־סיסטעם.

מען זעהט, ווי אזוינע פסיכישע אויסשטראלונגען פון דער סעק־
סועלער פאטהאלאגיע בעשאפען פאנטאזיעס פון פייניגונג, וועלכע
טרייבען דעם קרבן צו א ווילדער משוגעת, און וועלכע פערבינדען זיך
מיט אזוינע קראנקהאפטע שטימונגען און ליידען (פערעסטהעזיעס)
און האלוצינאציעס. די אילוזיעס פון זכרון שפילען אין די דאזיגע
פאלען א געוואלדיגע ראלע, מחמת א סך, אויף וואס די קראנקע בעקלא־
גען זיך, האבען זיי קיינמאל ניט געפיהלט און עס איז ניט מעהר ווי
אן אילוזיע פון זייער זכרון. לאמיר דא גלייך בעמערקען. אז אפילו

וועלכע איז פערבונדען מיט א פולשטענדיגער אימפאטענץ אדער מיט אן אבגעשוואכטער פאטענץ. דאסזעלביגע טרעפט אויך אפטמאל ביים אלקאהאליזם.

3). משוגעים וואס לײדען פון א גדלות־ אדער פערפאלגונגס־מאניע קאנען בעגעהען די שרעקליכסטע סעקסועלע עקס־צעסען; זײ זענען אפטמאל געשלעכטליך אונגעהײער אויפגערײצט און זײ טיראניזירען און פײניגען דעם פרויען־קרבן אויף א שוידער־ליכען אופן. דעם ווילדסטען אויסדרוק פון דעם דאזיגען גרויזאמען עראטיזם בעגעגענען מיר אין דעם פארם פון א רעליגיעזער משוגעת, וואו, פערמישט מיט פערשידענע רעליגיעזע ווילדע פאנטאזיעס און מיט א פאנאטישער צופלאמקײט, דעגענערירט ער אפטמאל אין די שוידערליכסטע סעקסועלע ארגיעס. אונטער מײן בעהאנדלונג איז גע־ווען א משוגענער, וועמעס ליפען האבען גערעדט די פרומסטע רײד און וועלכער האט זיך געהאלטען פאר א מין נביא; דערבײ האט ער אן ארימע פרוי צוזאמען מיט איהר טאכטער אזוי ווײט בעקומען אונ־טער זײן מאכט, אז ער איז מיט בײדע געשלאפען אין אײן צימער און בײדע סעקסועל מיסברויכט; דערנאך האט ער די טאכטער גע־צוואונגען אויסצומישען אין קאפע איהר מענסטרואל־בלוט מיט זײן זאמען און עס אויסצוטרינקען. דאס האט געזאלט זײן א טיעפער רע־רעליגיעזער סוד און א סגולה צו בעשאפען א העלדישען דור. צום סאמע סוף האט ער נאך אונטערגעצינדען דאס הויז פון דער דאזיגער ארימער פרוי.

דורך זײערע רעליגיעזע אסקעטישע פראזען פערדרעהען אזוינע משוגעים די קעפ פון לײכט־גלויביגע פרויען, בדי זײ שפעטער סעק־סועל צו מיסברויכען. די ערגסטע זײנען יענע משוגעים, וועלכע קאנען זײער משוגעת פארזיכטיג בעהאלטען און פאר דעם פאלק אנעמען א פאזע פון נארמאלע גײסטער אדער גאר פון הײליגע, פון מארטירער. איך האב אאונטערזוכט א פרומען גלח, וועלכער האט גענאסען איבעראל דעם גרעסטען כבוד, איז געווען שטרענג ארטאדאקסיש, האט געהאל־טען די פרומסטע אסקעטישע דרשות, און אין דער הײם האט ער זײן פרוי געשלאגען, טײלמאל זי האלב דערווארגען, געפאדערט פון איהר די שמוציגסטע סעקסועלע האנדלונגען און זײן פערמעגען צוזאמען מיט דעם פערמעגען פון זײן פרוי פערשווענדעט; אבער זײן משוגעת

לעסטיגט געווארען: בעת אין די פרויען־אבטיילונגען איז זי אטאקירט געווארען פון די עראטישע פרויען כמעט אזוי שטארק ווי די מענליכע דאקטוירים. איך ברענג דא דעם דאזיגען פאקט, מחמת טייל מענשען גלויבען אז די סעקסועלע אויפרעגונג פון די גייסטיג־קראנקע פרויען ווערט פעראורזאכט פון די בעזוכען פון מענליכע דאקטוירים.

די דאזיגע פאקטען זענען שארף און קלאר און בעווייזען אפשר אמבעסטען, אז דער ווייבליכער געשלעכטס־טריב געפינט זיך א סך מעהר אין דעם גרויסען געהירן, בעת דער מענליכער געשלעכטס־טריב איז מעהר פיקסירט אין די אונטערשטע געהירן־צענטערס, ווי מיר גרויסען געהירן. און טאקי דערין דארף ליגען די אורזאך פון אזא גרויסען געהירן, און טאקע דערין דארף ליגען די אורזאך פון אזא געוואלדיגער אויפרעגונג פון די סעקסועלע פאנטאזיעס און ליידענשאפטען פון דער פרוי, און פון, פערקערט, אזא רוהיגקייט ביי מענער.

די וויכטיגסטע פאטהאלאגישע סעקסועלע אייגענטימליכקייטען ביי גייסטיג־קראנקע זענען די פאלגענדע:

1.) **עראטאמאניע** (**סאטיריאזיס און נימפאמאניע**) **אדער די אבנארמאלע פערשטארקונג פון דעם געשלעכטס־טריב**. — דעם דאזיגען צושטאנד מערקט מען דאס רוב ביי אקוטע מאניעס, ביים אנהויב פון אן אלגעמיינער פאראליזים און פון דער סעגילע דעמענציא, (משוגעת ביי זקנים) און אויך אלס א פאריבערגעהענדיגער אדער בלייבענדיגער צושטאנד ביי אנדערע גייסטיגע קראנקהייטען. זי דריקט זיך אויס דורך פערליבטקייט, סעקסועלע עקסצעסען. גבול־פה און דורך אן אונבעשרענקטען אנאניזם. די קאנסטיטוציאנעלע נימפאמאניע און סאטיריאזיס האבען מיר בעהאנדעלט פריהער ביי דער סעקסועלער היפערעסטהעזיע.

2). **די סעקסועלע אנעסטהעזיע און אימפאטענץ** זענען אבער אפטמאל, אדרבה, די פעולה פון א צושטאנד פון נידערגעשלאגענקייט און פון א טייל מעלאנכאלישע פראצעסען, אזוי גוט ווי פון די שפעטערדיגע שטאפלען פון פאראליזים און סענילע דעמענציא. ביים אנהויב פון דער אלגעמיינער פאראליזים בעווייזט זיך אפטמאל א געוואלדיגער געשלעכטליכער אפעטיט.

אַז זי שוואַנגערט, הגם בעת דער גאַנצער צייט פון איהר קראַנקהייט איז זי געהאַלטען געוואָרען אונטער אַ שטרענגער ווייבליכער אויפזיכט אין דער אונרוהיגער אבטיילונג, און ערשט נאָך אַ רוהיגער איבערלעגונג האָט זי אַליין געמוזט צוגעבען, אַז עס איז אבסאָלוט ניט דאַ קיין אורזאַך פאַר איהר שרעק. אפילו יענע פרויען, וועלכע זענען אין זייער נאָרמאַלען צושטאַנד די בעשיידענסטע און סעקסועל די קיהלסטע, קאָנען, בעת זיי זענען גייסטיג קראַנק, אַריינפאַלען אין דעם ווילדסטען עראָטיזם און צייטענווייז זיך אויפפירען ווי פּראָסטיטוטקעס. דאָס קאָן מען בעזונדערס קלאָר בעאָבאַכטען אין די פּעריאָדישע היפּאָמאַניעס. עס איז אַ בעוואוסטער פאַקט, אַז אין דער אונרוהיגער פרויען־אבטיילונג פון אַ משוגעים־אַנשטאַלט, ווערען די דאָקטוירים אַלע מאָל ארומגערינגעלט פון עראָטישע פרויען, וועלכע רייסען און קנייפּען זיי, אַזוי, אַז אָפטמאָל קומט זיי אָן שווער זיך אַרויסצודרעהען פון זייערע ניט איבריג אַנגענעמע אומאַרמונגען, קושען א. אז. וו., אָדער, פערקערט, כדי ניט צו ווערען בעגליקט מיט זייערע ווילדע אַנגריפען פון אַ פייערדיגער אייפערזוכט. פון דער אַנדערער זייט אָבער איז אָהן ספק דער גרעסטער איבעריגער טייל פון די גייסטיג קראַנקע פרויען סעקסועל אינגאַנצען אָדער כמעט אינגאַנצען גלייכגילטיג.

פערקערט, ווען מען געהט דורך, אפילו אין דער בעגלייטונג פון פרויען, די מענער־אבטיילונג פון דעם משוגעים־ אַנשטאַלט, ווערט מען פערוואונדערט איבער די שטילע גלייכגילטיגקייט און די סעקסועלע אָבגעלאָזענקייט פון כמעט אַלע גייסטיג־קראַנקע מענער. בלויז אַ קליינע צאָל פון זיי איז עראָטיש און בעפרידיגט זיך מיט אָנאַניזם, אָדער מיט פעדעראַסטישע פערזוכען (און יענע אויסער די אַנשטאַלטען בעפרידיגען זיך מיט פערשידענע סעקסועלע עקסצעסען). א חוץ די סאַמע אונרוהיגסטע אבטיילונגען, קאָנען כמעט צו יעדער צייט אַלע אבטיילונגען בעזוכט ווערען אפילו פון יונגע פרויען, אָהן דערביי צו זיין אויסגעזעצט צו וועלכער ניט איז צודרינגליכקייט מצד די מענער. א יונגע, קרעפטיגע אַסיסטענטין, פרוילעין דר. נ., וועלכע האָט יעדענפאַלס געהאַט גענוג מוט, האָט אין דעם צוריכער משוגעים־אַנשטאַלט אַליין געמאַכט די וויזיטען דורך די גאַנצע מענער־אבטיילונג, אפילו דורך די אונרוהיגסטע, און איז דערביי פון די קראַנקע גאַרניט בע־

זינליכער אדער ריין פסיכישער איינגעבילדעטער ליבע, גיט זעלטען אין א דירעקטען פערלאנג צו די דאקטוירים מיט זיי צו פערקערען: אין כסדר׳דיגע משוגע׳נע אייפערזוכטס־סצענעס און אפטמאל אין א געגענזייטיגען סעקסועלען חשד. בקצור, אין א משוגעים־אנשטאלט ווערט פאר אונז אויפגעדעקט, געוועהנליך אין א אבשטויסענדיגער, פערצערטער און דעגענערירטער פארם, אלע זייטען און שטאפלען פון דעם ווייבליכען געשלעכטס־לעבען : די קאקעטסטווע, דער דראנג זיך אויסצופוצען מיט כל׳ערליי צאצקעס און צירונג, זיך אויסצושמירען מיט קויט און אורין זייענדיג געשלעכטליך אויפגערעגט. אבער מעהר פון אלצדינג, דאס שרעקליכע שילטען און שימפען פאר כלומרשט א סעקסועלען אטענטאט אדער עפעס אן אונזיטליכע בענעמונג, בעזונדערס אנטקעגען זייער אייגענער פערזאן. גייסטיג קראנקע פרויען בילדען זיך איין מיט א בעזאנדערער ליבע אז זיי זענען כלות אדער פערהייראט מיט קיסרים, מיט קריסטוס׳ן, מיט גאט א. אז. וו. שוואנגערשאפטען און געבורטען שפּילען אין זייערע קראנקע פאנטאזיעס א געוואלדיגע ראלע. טייל קראנקע ליידען פון דער איינבילדונג, אז זיי שוואנגערען, אז זיי זענען געהיימניספול שוואנגער געווארען, דערנאך, אז בעת זיי האבען געדרעמעלט האט מען ביי זיי צוגענומען דאס קינד.

איינע פון מיינע געוועזענע קראנקע האט דערצעלט מיט די שרעקליכסטע שימפווערטער, אז איך קום צו איהר יעדע נאכט בסוד צו האבען מיט איהר א פערקער, אז פון מיר האט זי אלע אכט טעג א קינד און דערפאר האט זי מיך גערופען מיט דעם ליבלינגס־נאמען „שנעל שוואנגערער“. די הונדערטער קינדער, וועלכע זענען אויף דעם אופן בעשאפען געווארען און שפעטער פון איהר געווארען צוגענומען, זענען, הייסט עס, פון מיר בעגראבען געווארען אין די ווענד פון דעם אנשטאלט און זיי ווערען כסדר געמאטערט. און זי הערט כסדר זייער יאמערען.

אן אנדערע קראנקע, וועלכע האט געליטען פון א היילבארער מאניע, איז בעת איהרע אטאקעס געווען אזוי שרעקליך עראטיש, אז זי האט איטליכען דאקטאר וואס האט זי בעזוכט, געבעטען צו א געשלעכטס־פערקער. איהר פאנטאזיע איז געווען פול מיט עראטישע בילדער, אז אפילו נאך איהר היילונג איז זי געווען אין איין שרעק,

דערפאַר אויסגע'מוסר'ט זאָגט ער: „וואָס געהט דאָס אייך אַן, די ציג איז דאָך מיינע, איך האָב זי געקויפט פאַר מיין געלד.“ ער האָט מיט אַ מוסולמאַנישען פאַטאַליזם אויפגענומען די שטראָף. אָבער פ א ר וואָס מען האָט איהם בעשטראָפט, האָט ער אויף קיין פאַל ניט געקענט פערשטעהען.

געוויס, די פראַגע ווערט אַנדערש ווען די סאָדאָמיע איז קאָמ־פּליצירט מיט סאַדיזם, דעמאָלט ווען דאָס ליידען און דאָס בלוט פון דער חיה רעגט אויף די תאוה (זעה סאַדיזם).

עס איז נאָך פאַראַן א ג אַ נ צ ע ר י י ה פון קראַנק־האַפטע פערווערזיעס פון געשלעכטס־טריב, אָבער מיר קאָנען זיי אַלע דאָ ניט אויסרעכענען. מיר ווילען בלויז דערמאָנען די מענער וועלכע ווערען געשלעכטליך אויפגערעגט פון געוויסע פרויען־שטאַטועז, מיט וועלכע זיי אָנאַנירען אויף וועלכען ניט איז אופן. ווייטער, יענע וועל־כע ווערען געשלעכטליך אויפגערעגט נאָר בעת זיי זעהען אַנדערע האָבען אַ פּערקער אָדער ווען אַנדערע האָבען שטולגאַנג; אָדער יענע, וועלכע האָבען אַ נייגונג זייער פּנים צו רייבען אָן דעם אַנגעטוענעם קערפּער פון אַ פרוי א. אַז. וו. אָבער דאָס זענען מייסטענס אויס־וואוקסען פון אַן איבערגערייצטען נאָרמאַלען עראָטיזם. דער פאַל־גענדער פאַל איז אויך כאַראַקטעריסטיש : אַ געוויסער מאַן, אַ זוהן פון אַלטע עלטערן, ווערט געשלעכטליך אויפגערעגט אויסשליס־ליך נאָר ווען ער זעהט פערד. ער קריגט ערעקציעס און אָרגאַזמען נאָר ביים רייטען. פרויען עקלען איהם. מיט אַ פרוי האָט ער קיינמאָל ניט געקאָנט לעבען געשלעכטליך.

## די סעקסועלע אַבנאָרמיטעטען ביי משוגעים און פּסיכאָפּאַטען.

ווען מען ווערט בעקענט מיט דער בעפעלקערונג פון אַ משוגעים־הויז, מוז מען באַלד דערזעהען אין דעם סעקסועלען געביט אַ זונדער־באַרע און מערקווירדיגע ערשיינונג. אַ גרויסער טייל פון די ווייבליכע משוגעים איז געשלעכטליך זעהר שטאַרק אויפגערעגט. די דאָזיגע לייי־דענשאַפט דריקט זיך אויס ביי אַ טייל קראַנקע אין אַ אומאויפהערלי־כער מאַסטורבאַציע; ביי אַנדערע אין גבול־פּה: אַ סך מאָל איז אַ

גענץ ווערען אפטמאל מעהר פארגעצויגען, ביי וואס זיי קומען אום, בעת, פערשטעהט זיך, פאר גרעסערע חיות, ווי למשל הינט, ציגען און קיה איז די זאך אינגאנצען אונשעדליך. דער געשלעכטס־טריב צו חיות איז אויך פאראן ביי דער פרוי; ביי איהר האנדעלט זיך מייג־סטענס וועגען הינט, וועלכע מען לערענט אויס צו האבען א געשלעכטסר פערקעהר אדער צו לעקען דעם קליטאריס.

אין דער דאזיגער „שרעקליכסטער פון אלע זינד פון סדום" קאנען מיר מיט א ניכטערעם בליק ניט דערזעהען ניט קיין שרעקליכע זינד און ניט קיין פערברעכען — א חוץ דעמאלט ווען עס קומט צו א פייניגונג פון חיות. בעטראכטענדיג די זאך אי פון א מענשליכען און אי פון א געזעצליכען שטאנדפונקט, איז זי פאקטיש איינע פון די אונשענדליכסטע פארמען פון דער פאטהאלא־גישער פערבלאנדזעניש פון דעם מענשליכען געשלעכטס־טריב. עס איז נאר די מענשליכע פאנטאזיע, וואס זעהט אין איהר שדים און רוחות און האט זי געשטעמפעלט אלס א פער־ברעכען. ערשטענס, ווערט ביי דער סאדאמיע מיט גרויסע חיות קיינער ניט בעשעדיגט, אפילו ניט די חיה; צווייטענס, שטעהט דערביי ניט אין קאן דער צווייטער דור, ווייל פשוט ער קומט ניט אן, דריטענס, קאן דא בכלל קיין פראגע ניט זיין וועגען אנשטעקענדיגע קראנקהייטען. העכסטענס קען דערביי ליידען די עסטעטיק, הגם ניט פאר איין קינ־סטלער שוין האט די פערבינדונג פון דעם שוואן מיט לעדא געדינט אלס טעמא. אבער א חוץ אלעם איז פאר דער מענשליכער געזעל־שאפט זיכער פיל בעסער, ווען אן אידיאט אדער א משוגע'נער האט א געשלעכטליכען פערקעהר מיט א קוה, איידער ווען ער מאכט שוואנגער א מיידעל און בעשאפט פרישע אידיאטען; די קוה פון איהר זייט פרעסט ווייטער גאנץ געמיטליך און אלעם בלייבט ביים אלטען. ביי די געריכטליכע פראצעסען פון די דאזיגע פאלען האב איך אלעמאל געזעהען, אז דער ווירקליכער זינדער און דאס ווירקליכע אונרעכט איז געלעגען ניט אויף דעם סאדאמיסט, נאר אויף דעם מסור און אויף דעם ריכטער. וועלכע האבען דעם ארימען יונג פערדאמט צו לאנגע און שווערע יאהרען אין תפיסה און איהם דערמיט צובראכען אויף אייביג. א טערק איז אמאל פאר סאדאמיע מיט א ציג פערורטיילט גע־ווארען פון א קריסטליכען ריכטער. בעת דער ריכטער האט איהם

בּיסלעכווייז אריינגעטריבּען אין אַ נערוועזען אויפרעגונג און אין אַ מעלאַנכאַלישער נידערגעשלאַגענקייט, וועלכע איז דערגאַנגען ביז פערצווייפלונג.

ביי אַן אנדערען מאַן האט זיך דער מיטגעבוירענער געשלעכטס־טריב בּלויז געווענדט אויף אינגלעך פון 12—16 יאָהרען, און אַ קורצע צייט האבען איהם אויך אויפגערעגט מיידלעך אין דיזעלביגע יאָהרען.

די פּערעראַזיס איז אָפטמאָל קאָמפּליצירט מיט אנדערע סעקסועלע אבּנאָרמאַליטעטען, דער עיקר מיט האָמאָ־סעקסואַליזם און אַלגאָלאַגניע, אָבער אויך מיט עקסהיביציאַניזם און פעטישיזם, מחמת די דאָזיגע נייגונגען ווענדען זיך אָפטמאָל אויף קינדער.

עס טרעפט אויך, הגם זעהר זעלטען, אַז פרויען האבּען אַן אַבּנאָרמאַלען סעקסועלע נייגונג צו קליינע אינגלעך.

## די געשלעכטליכע נייגונג צו חיות (סאָדאָמיע אָדער בּעסטיאַליטעט).

אַ פּאַטהאָלאָגישער געשלעכטס־טריב, וועלכער איז אויסשליסליך געווענדט אויף חיות, איז יעדענפאַלס ניט אַזאַ אָפטע ערשיינונג. דער געשלעכטס־פערקעהר מיט חיות נעהמט זיך געווענליך פון דעם ניט־האָבּען די געלעגענהייט אויף אַ נאָרמאַלען אופן צו בּעפרידיגען דעם געשלעכטס־טריב אָדער אַלס פעולה פון איבּעררייצונג (סאַטיריאַזיס אָדער נימפאָמאַניע), און פון דעם דראַנג נאָך אבּוועקסלונג. דעם דאָזיגען טריב האָב איך בּעגעגענט מייגסטענס ביי שוואַכזיניגע אָדער אידיאָטען, וועלכע, ווערענדיג אויסגעלאַכט און פערשעמט, זוכען זיי און זיי געפינען זייער טרויסט אין דער שטילער שטאָל ביי אַ קוה; אָבּער דערפאַר מוזען זיי אַבּזיצען שווערע טערמינען אין צוכטהויז. געווּיסע געזונקענע וויסטלינגען בעפרידיגען זייער אויסגעלאַסענעם, פערדאָרבּענעם און איבּערגערייצטען טריב מיט ציגען, אפילו מיט אָבּגעשונדענע גרויסע פויגלען.

פונדעסטוועגען זענען פאַראַן פאַלען, וואו אַ פּאַטהאָלאָגישער געשלעכטס־טריב איז געווענדט לגמרי נאָר אויף חיות אליין. מערקווירדיג איז דערביי, וואָס קליינע חיות, אַ שטייגער קראַליקעס, היהנער און

מען *פעדעראזיס*. קראפט עבינג וויל דעם צושטאנד דערקלערען בלויז אלס אן אויסגעלאסענקייט פון בעלי־תאוות, אן אויסגעלאסענקייט וועלכע ער רופט אן *פעדאפיליא עראטיקא*. איך בין אבער מיט דעם בליק ניט איינפערשטאנען. דער אויסדרוק פעדאפיליע גופא (א קינד) איז צווייריייטיג, ווייל ער טראגט ניט אין זיך דעם סעקסועלען עלעמענט. דער פאלגענדער איז א טיפישער פאל פון א געשלעכטס־טריב וועלכער איז אויסשליסליך געווענדט אויף קינדער.

א טאלענטירטער קינסטלער, מיט א העכסט מאראלישען כאראקטער און מיט די פיינסטע געפיהלען, איז פון זיין יוגענד אן געשלעכטליך אויפגערעגט געווארען בלויז דורך קליינע קינדער, בעזונדערס דורך קליינע מיידלעך צווישען 5 און 10 יאהרען. זייערע קורצינקע קליידלעך, זייערע פיסלעך א. אז. וו. האבען אונגעהייער אויפגערעגט זיין ליידענשאפט. זיין טריב איז געווען געווענדט הויפטזעכטליך, הגם ניט אויסשליסליך אויף מיידלעך. אזוי באלד ווי זיי זענען געווארען אביסעל גרעסער—זיי האבען אפילו ניט געדארפט זיין געשלעכטליך רייף — האבען זיי פאר איהם פערלוירען דעם גאנצען זינליכען רייץ. פונקט אזוי איז ער אויך געווען אבסאלוט גלייכגילטיג אנטקעגען פרויען און מענער. קיין איין מאל אין זיין לעבען האט ער ניט געהאט קיין געשלעכטס־פערקער. צוליב זיין שטארקען געשלעכטס־טריב האט ער זיך טיילמאל געוואלדיג פערליבט אין איינצעלנע קליינע מיידלעך פון 5 ביז 10 יאהרען.

אזוי ווי ער האט באלד פון אנהויב געוואוסט, אז דאס איז אן אבנארמאלער געשלעכטס־טריב, האט ער איהם זיין גאנץ לעבען אונטערדיקט. ער האט בלויז, אין איינצעלנע פאלען, אויף א זעהר פארזיבטיגען אופן ארומגענומען און געקושט א קליין מיידעלע, דאס קינד אוועקגעזעצט אויף זיין שויס און עס זעהר לייכט געדריקט צו זיך, דורכדעם אויסרופענדיג אן ערעקציע און א זאמען־אויספלוס, אהן נאטירליך דאס קינד זאל דערפון האבען דעם קלענסטען חשד. זיין מאראלישע פעראנטווארטליכקייט און זיינע פרינציפען זענען געווען שטארק גענוג, בכדי איהם אבצוהאלטען פון צו געהען ווייטער. און ער האט אנאנירט כדי זיך צו בערוהיגען און כדי זיך צו קאנען בעהערשען, הגם דאס האט ווענינ געהאלפען. און דער דאזיגער צושטאנד האט איהם

אלזא, א דאנק דעם דאזיגען צושטאנד, איז ביי דער פרוי, אין אן איינצעלנעם פאל, שווערער איידער ביים מאן, אנצואווייזען די גרעניץ־ליניע צווישען הער ביהושה׳דיגע דיספאזיציע צום האמא־סעקסואליזם און דער לעסבישער אדער סאפישער ליבע (זי קאן אויך זיין פלאטאניש) וועלכע מען האט דערווארבען דורך געוואוינונג אדער פערפירונג. ביי הודען און עראטישע, לייכטזיניגע פרויען איז דאס לעצטע, דער צוגעוואוינטער סאפיזם, נאר ניט אזא זעלטענקייט: יעדענפאלס בעגעגענען מיר איהם ביי זיי אפטער אהן נויט, איידער די פערעראסטיע ביי מענער מיט א נארמאלער סעקסועלער דיספאזיציע.

די עכטע האמא־סעקסועלע פרוי שווידערט ביי דעם געדאנק מכח א סעקסועלען פערקער מיט מענער. אזוינע פרויען האבען טיילמאל (אונטער בעזונדערע אומשטענדען) געדינט יאהרען לאנג אין דער ארמעע א. דגל.

## די געשלעכטליכע נייגונג צו יונגע קינדער.
## (פעדעראזים אדער פעדאפיליע.)

מען קאן האבען א צווייפעל אויב די דאזיגע נייגונג קאן אוועקגעשטעלט ווערען אין א בעזונדערער קאטעגאריע פאר זיך, מחמת א סך סעקסועלע אנגריפען אויף קינדער, און אפשר די מייסטע, זענען אדער די פעולה פון א סעניִלע דעמענציא (משוגעת ביי זקנים), אדער פון א מיסברויך פון דער קינדליכער אונשולדיגקייט כדי צו בעפרידיגען א גאנץ נאמאלען געשלעכטס־טריב. אבער איך אליין האב געזעהען א סך פאלען, ביי וועלכע דער געשלעכטס־טריב האט זיך לגמרי געווענדעט נאר אדער כמעט נאר אויף קינדער, און דעריבער קאן איך ניט אנדערש ווי זיין פעסט איבערצייגט, אז עס איז אויך פאראן אין דער דאזיגער ריכטונג א ספעציעלע בירושה׳דיגע פאטהאלאגישע דיספאזיציע. אמת, די מייסטע שענדער פון קינדער זענען פעהיג צו א נארמאלען פערקער מיט פרויען אדער זיי זענען אין דערזעלביגער צייט אויך האמא־סעקסואליסטען, אדער זיי זענען אויך אלגאלאגניקער, סאדיסטען א. אז. וו. אבער ביי א סך איז דער טריב צו קינדער אזוי קלאר פון קינדווייז אן, אז ער ווייזט אויף א בעזונדערע דיספאזיציע. אויף דעם דאזיגען גרונד שלאג איך דא פאר פאר איהר דעם נא־

בקצור, דער נארמאלער מאן שיידט בכלל אב פולשטענדיג און שארף זיין גייסטיגע התלהבות און זיין סימפאטיע, וועלכע ער פיהלט פאר אן אנדערען מאן, פון זיין סעקסועלער עמפינדונג און ער פיהלט ניט דעם קלענסטען חשק צו קושען, אדער צו גלעטען, אדער גאר זיך אב־צוגעבען געשלעכטליך מיט זיין הייס געליבטען פריינד. א יוצא־מן־הכלל זענען כמעט נאר מענליכע אינטערטאנען אדער ענליכע גענויסטע מענער... פון מענער, וואו עס פעהלען פרויען, און צווישען וועלכע עס פרעסען זיך דעריבער אריין פערפירונג, געוואהנונג אדער נויט, דער אנאניזם און די פעדעראסטיע. דעריבער איז טאקע פערדעכטיג יעדער ליידענ־שאפטליכער ליבעס־שפיל צווישען מענער, אויב ניט אלעמאל אויף האמא־סעקסואליזם, איז לפחות אויף א שלעכטער סעקסועלער ערזאץ געוואוינהייט.

ביי דער נארמאלער פרוי פערקערט, ווי מיר האבען שוין געזעהען, רופען ארויס די בעגייסטערטע סימפאטיע־געפיהלען זעהר אפט א חשק צו קושען, צו גלעטען און צו האלזען. דעריבער ווערט אויך, ניט זעלטען געפיהלט א ניט לאקאליזירט זינליך פערגעניגען. אויב אפילו דאס דא־זיגע פערגעניגען פירט שפעטער שטאפעלווייז צו א צערטליכקייט, וועלכע דעגענערירט ענדליך אין א געגענזייטיגער מאסטורבאציע א.אז.וו. בלייבט עס פון דעסטוועגען ענג פערבונדען מיט דער פסיכישער בע־גייסטערונג און סימפאטיע, פון וואס עס קאן זיך ניט אזוי לייכט אב־שיידען ווי ביים מאן. דעם דאזיגען אונטערשיד צווישען ביידע גע־שלעכטער האבען מיר שוין פריהער אנגעוויזען, אבער ער זעהט זיך ארויס אמקלארסטען אין די ליבעס־פערהעלטניסען צווישען א ווייב־ליכען האמא־סעקסואליסט און זיינע קרבנות.

אין יאהר 1906 איז אין ניו־יארק געשטארבען איינער פון דורכ־געריבענסטע פאליטיקער, א מיטגליד פון טאמאני האלל און פון דעם אירא־קוואי קלוב, וועלכער האט דריי מאל געהייראט מיט פרויען. ערשט נאך זיין טויט האט זיך ארויסגעשטעלט, אז ער אליין איז געווען א פרוי! מען קען דא זעהר לייכט אננעהמען, אז דער דאזיגער „דזשעני־טעלמען" איז געווען א ווייבליכער האמא־סעקסואליסט.

אין זיינע געשלעכטס־איבערגענג גיט הירשפעלד עטליכע גוטע שילדערונגען פון ווייבליכע האמא־סעקסואליסטען, צווישען וועלכע עס איז אויך דא די מאלערין ראזא באנור.

גענענזייטיגע סימפאטיע און מען רופט זיך מיט ליבעס־נעמען. באלד קומט צום קושען, צום האלזען, צו אלערליי צערטליכקייטען, און אזוי אט לויפט מען דורך ביסלעכווייז, שטאפעל נאך שטאפעל, און אונבעמערקט, א גאנצען לייטער פון ליבעס־שפילערייען, ביז סוף כל סוף, אפטמאל כמעט ניט ווילענדיג און ניט וויסענדיג, דערגרייכט מען צו דער אויפרעגונג פון דער געשלעכטליכער תאוה. א האמא־סעקסועלע פרוי האט מיר מודה געווען, אז זי האט פערפירט און פערדארבען צוועלף נארמאלע מיידלעך, און, אז אלע האבען זיך אין איהר משוגע פערליבט.

אויף דעם דאזיגען אופן קאן א נארמאלע פרוי סיסטעמאטיש פערפירט ווערען פון א ווייבליכען האמא־סעקסואליסט, זיך אין איהם פערליבען ביז איבער די אויערען און יאהרען־לאנג פראקטיצירען די ערגסטע סעקסועלע עקסצעסען, אהן דערביי אליין גופא ניט צו זיין פאטהאלאגיש. פאטהאלאגיש ווערט די זאך נאר דעמאלט, ווען די פערווערזיע ווערט צוליב א לאנגער געוואוינהייט איינגעפעסטיגט, פיקסירט, א זאך וואס קאן לייכט טרעפען ביי דער פרוי א דאנק איהר נאטירליכער אויסדויערקראפט אין דער ליבע. די פאלען וועלכע קראפטעביג ברענגט (צ. ב. דער ווייבליכער האמא־סעקסואליסט „גראף סאנדאר" און זיינע קרבנות) ווייזען דיזעלביגע ערשיינונג. מען זעהט דארט אויך ווי יונגע מיידלעך, וועלכע זענען פערפירט געווארען פון פרויען האמא־סעקסואליסטען, ווערען פערצווייפעלט, שרעקען אפילו מיט זעלבסטמארד, ווען זיי ווערען פערלאזען פון זייער פערפירערין. פערקערט, אויב א נארמאלער מאן ווערט פון א האמא־סעקסואליסט בעוואוינען אדער פערפירט צום אנאניזם א. דגל. בלייבט דאס ביי איהם א ריין דרויסענדיגער לאקאליזירטער רייץ און רופט דורכויס ניט ארויס קיין שום פסיכישע ליבעס־אויסשטראלונגען. אזוינע אויסשטראלונגען איז בלויז אן ערשיינונג ביי דעם האמא־סעקסואליסט, אזוי דאס זיינע „קרבנות" קאנען איהם יעדען אויגענבליק פערלאזען מיט דער גרעסטער לייכטקייט. דעריבער, מיט דער אויסנאהם פון קינדער און נאך אנדערע אונשולדיגע יונגעלייט, זענען אלע „קרבנות" פון די מענליכע האמא־סעקסואליסטען כמעט תמיד, אדער געלד־ארויספרעסער אזוינע וואס גיבען זיך איבער פאר געלד.

פרויען־נאטור גארניט אזא אונגעווענליכע זאך. זיך קושען, ארומנעהמען, האלזען, ליגען אין איין בעט, א. אז. וו. איז ביי מיידלעך אין ערך ווייניגער אויפפאלענדיג איידער ביי איינגלעך, און בכלל רופט דאס ביי א נארמאלער פרוי, ווען זי ווערט אזוי געצערטעלט פון אן אנדער׳ער פרוי, ניט ארויס דעמזעלביגען עקעל וואס ביי א מאן. ביסלעכווייז און אויף א געשיקטען אופן, געלינגט עס אפטמאל דעם ווייבליכען האמא־סעקסואליסט ביי זיין קרבן אויפצואוועקען געפיהלען פון תאוה דורך קושען די בריסט־ווארצלען און דורך רייבען דעם קליטארים. דאס וואונדער דערביי איז, וואס די געליבטע איז בכלל, אדער לפחות זעהר אפט, כמעט ווי בלינד צו דער אבנארמאליטעט פון דער נאנצער זאך און זי בלייבט זעהר לייכט בעגייסטערט פערליבט. צום ביישפיל, א ווייבליכער האמא־סעקסואליסט, פערקליידעט אין מענער־קליידער, האט אבגענארט א נארמאל מיידעל, מיט איהם פערוויקעלט א ליבע און זיי זענען פארמעל געווארען חתן־כלה. שפעטער אבער האט מען ענט־דעקט דעם שווינדעל, די פרוי ארעסטירט און פערשיקט אין משוגעים־הויז כדי צו ווערען אונטערזוכט. אבער אפילו נאך דער דאזיגער דע־מאסקירונג איז דאס מיידעל געבליבען פערליבט און האט בעזוכט איהר „געליבטען". וועלכער, איצט אין פרויען־קליידער, איז געפאלען אויף איהר האלז און, אין דער געגענווארט פון אלע מענשען, האט ער זי געקושט מיט א ברענענדיגער תאוה: די דאזיגע סצענע לאזט זיך קוים בעשרייבען.

איך בין דערביי געוועז און איך האב שפעטער פאר דעם געזונדען און בליהענדיגען מיידעל אויסגעדריקט מיין פערוואונדערונג ווי אזוי זי קאן נאך האבען א געפיהל צו דעם דאזיגען פאלשען „יונגען מאן", וועל־כער האט זי אזוי מאוס אבגענארט. דער ענטפער איז געווען אמת כא־ראקטעריסטיש פון א פרוי: „אה, איהר זעהט, דאקטאר, איך האב זי ליב און איך קאן אנדערש ניט טון."

אזא פסיכישע ליבע ביים מאן לעגט זיך כמעט ניט אויפ׳ן שכל. אבער ווען מען קוקט אריין אין דעם דאזיגען ענין טיפער און ווען מען שטודירט די נאטור פון דער פרוי, בעגרייפט מען, ווי אזוי א געוויסע ווייבליכע התלהבות קאן שטאפעלווייז און ניט בעמערקטער־הייט אריבערגעהען אין א ליבע און ענדליך אין א געשלעכטליכער לי־בע. פון אנהויב „פערשטעהט מען זיך אזוי גוט", מען האט אזויפיל

פיהלט אויך אלס א מאן אנטקעגען אנדערע פרויען. אזוינע פרויען טראגען גערן קורצע האר, רייטען און האבען בכלל שטארק הנאה פון א מענליכער בעשעפטיגונג. ניט זעלטען זענען זיי געשלעכטליך געוואלדיג אויפגערעגט און דעמאלט ווערען זיי די אמת'ע ווייבליכע דאן זשואנס. איך האב געקענט עטליכע אזוינע פרויען, וועלכע האבען אבגעהאלטען די פייערליכסטע ארגיעס און דערביי פערפירט א גאנצע רייה פון נארמאלע מיידלעך, ד. ה. זיי געמאכט פאר זייערע געליבטע אדער פרויען אויף דעם אויבען דערמאנטען אופן. פונקט ווי ביי די מענער, מאניפעסטירט זיך אויך דא א בעדערפעניש נאך פערלאבונג, חתונה און א שמועה פאר אן אייביגער טרייקייט. אין געהיים, אדער אפילו עפענטליך, ווערען געפייערט פערלאבונגען. מען גיט זיך רינגלעך א. רגל.. אבער בעזונדערס ווערט דאס געטון ווען דער האמא־סעקסואליסט פערקליידט זיך פאר א מאן אדער, ווען ניט דורך אזא מאסקאראד, טון זיי דאס מיט דער הילף פון געהיימע, צווישען זיך אליין בעקענטע סמנים. דערביי דינט אויך דער אלקאהאל אלס א טרייבקראפט צו די סעקסועלע ארגיעס. איך האב געקענט א ווייבליכען האמא־סעקסואליסט, וועלכער האט זיין געליבטע גערופען ווענוס. די עקסצעסען, וועלכע ווערען אויף דעם אופן בעגאנגען פון די ווייבליכע האמא־סעקסואליסטען, געהען טיילמאל אריבער די עקסצעסען פון די מענליכע האמא־סעקסואליסטען. אין טייל פאלען פאלגט איין ארגאזם נאך דעם אנדערען, טאג און נאכט, כמעט אהן אן אונטערברעכונג, אבער אזא האמא־סעקסועלע נימפאמאניע בעגעגענט מען ניט זעהר אפט. זייער אייפערזוכט איז כמעט נאך שטארקער איידער די אייפערזוכט פון די מענליכע האמא־סעקסואליסטען.

א זעהר כאראקטעריסטישער שטריך פון דעם ווייבליכען האמא־סעקסואליזם איז געבויט אויף דער פריהער געשילדערטער אייגענטימליכקייט פון דער פסיכישער אויסשטראלונג פון דעם ווייבליכען געשלעכטס־טריב (זעה קאפיטלען 4 און 5). ווערליג מיר האבען געזעהען, איז דער געשלעכטס־טריב ביי פרויען פיל וועניגער בעגרעניצט אויף די געשלעכטס־טיילען און אויף אן ארטליכער תאוה, איידער ביים מאן. דאריבער, ווען א האמא־סעקסועלע פרוי וויל פערפירען א נארמאל מיידעל, געלינגט דאס איהר געוועהנליך לייכט. זי רייצט אויף אין מיידעל א בעגייסטערטע ליבע צו זיך, וועלכע איז פאר דער

ראלע, אז אפילו אויף דער גאס טראגט ער כמעט נאר פרויען־קליידער און, לויט זיינע הויזמענשען דערצעלען, טראגט אפילו א געשטיקט פרויען־נאכטהעמד.״

„גענויער זיך צוקוקענדיג צו די אנגוועזענדע האב איך צו מיין פערוואונדערונג ענטדעקט אויף פערשידענע בעקענטע: מיין שוסטער, וועלכער איך וואלט אנגענומען פאר אלעס, אבער ניט פאר א „פרויען־פיינד", ער איז היינט „טרובאדור" מיט א שווערט און א פעדער־הוט, און זיין „לעאנארע" אין כלה־קאסטיום דערלאנגט מיר מיינע האוואנא ציגארען אין ציגאר־געשעפט. די „לעאנארע", וועלכע האט אין דער פויזע אויסגעטאן איהרע הענטשקעס, דערקען איך גאנץ דייטליך צוליב איהרע גרויסע פערפראָרענע הענד. ריכטיג! אט דא איז אויך מיין קראוואטען ליפעראנט. ער לויפט דא ארום אין א פערדעכטיגען קאסטיום אלס באקכוס און איז דער סעלאראן פון א חלשות'דיג אויסגעפוצטער דיאנא, וועלכע איז ניט מעהר ווי א קעלנער אין א קאפע־הויז. וועגען די אמת'ע „דאמען" דא אויף דעם באל, איז אונמעגליך צו רעדען עפענטליך. יעדענפאלס פערברענגען זיי בלויז צווישען זיך און מיידען אויס יעדע דערנעהנטערונג צו די פרויען־פיינדליכע מענער, און די דאזיגע ווידער בלייבען אויך שטרענג אבגעזונדערט, אמוזירען זיך, און איגנארירען פולשטענדיג דאס שעהנע געשלעכט.״

## די ווייבליכע האמא-סעקסועלע ליבע.

דער ווייבליכער האמא־סעקסואליזם אדער די ווייבליכע האמא־סעקסועלע ליבע איז דורכויס ניט קיין זעלטענקייט. זי בעווייזט זיך אבער אין א סך א קלענערען גראד און אויך זעלטענער עפענטליך, איידער די אייגענע אבנארמאליטעט ביי מענער. דעם ווייבליכען האמא־סעקסואליזם רופט מען א מ א ר ל ע ס ב י ק ו ס א ד ע ר ס א פ י ז ם: און די ווייבליכע האמא־סעקסועליסטען הייסען טריי־באדען. זיי זיינען בעקענט אין דער געשיכטע, אבער מיר בעגעגענען זיי אויך היינט אין אונזערע שטעדט. זיי בעפרידיגען זייער טריב דורך א געגענזייטיגען אנאניזם, בעזונדערס אבער דורך א געגענזייטיגען קונילינגוס (דאס לעקען פון קליטארים). דער אויסגעשפראכענער ווייבליכער האמא־סעקסואליסט האט זיך ליב אנצוטון אלס א מאן און

פּנים מיט די טיף „איינגעפינזעלטע“ אויגעז־ברעמעז, די גאָלדענע אויערינגלעך, דער בוקעט לעבעדיגע בלומען אויף זיין אַקסעל און ברוסט וועלכער פּערצירט זיין עלעגאַנטען שוואַרצען לייב־ראָק, די גאָלדענע בראַנזלעטען און דער גלאַנצענדיגער פעכער אין דער ווייסער האַנ־ — דאָס זענען דאָך ניט קיין סמנים פון א מאַן. און ווי קאָקעטיש ער האַלט דאָס דעם פּעכער, ווי ער שפּרינגט דאָס און טאַנצט, ווי ער דרעהט זיך און שוועבט ! און דאָך ! און דאָך האָט די מוטער נאַטור האָט די דאָזיגע פּופּע בעשאַפען אלס א מאַן. ער איז אַנגעשטעלט אין איינעם פון די גרויסע קאָנפעקציאָנס־געשעפטען, אין די פריהער־דיגע באַלעט־טענצערקע אז זיין „קאָלעגע“.

”דאָרט ארום די טישען אין די ווינקלען שיינט צו זיינגאַר לעבעדיג. עטליכע עלטערע הערען שפּאַרען זיך אַרום א גרופּע שטאַרק דעקאָלמירטע דאַמען, וועלכע זיצען ביי א גלאָז וויין און — ווערלינג דער שמחה — ווערען דאָרט געמאַכט ניט איבעריג פיינע וויצען. ווער זענען די דאָזיגע דריי דאַמען ? „דאַמען!“ שמייכעלט מיין ערפאַר־נער בעגלייטער. די ערשטע אין דער רעכטער זייט, מיט די ברוינע האָר און מיט דעם האַלב־לאַנגען פאַנטאַזיע־קאָסטיום, איז א פריזירער, די צווייטע, די בלאָנדע, אין דעם שאַנסאָנעטען־קאָסטיום און מיט דעם פּערל האַלזבאַנד, איז דאָ בעקענט מיט דעם נאָמען „מיס עלאַ“, און זי איז א דאַמענשניידער, — און די דריטע — נו, דאָס איז דאָך די וויט און ברייט בערימטע „לאָטע“.

„אָבער דאָס קאָן דאָך ניט זיין קיין מאַן ? די טאַליע, דער בוזים, די דאָזיגע צאַרטע אַרעמס, די גאַנצע האַלטונג איז דאָך ריין ווייבליך !“

„איך ווער געוואָר, אז „לאָטע“ איז פריהער געוועזן א בוכהאַלטער. היינט איז זי, אַדער בעסער, איז ער, קודם כל בלויז א „לאָטע“ און האָט א תענוג די מענער־וועלט ווי ווייט מעגליך צו האַלטען אין ספק מכח זיין געשלעכטס. „לאָטע“ זינגט גראַד איצט דוקא ניט אזא גאַנץ אַנשטענדיג לידעל אין א גוטער אַלטאַ־שטים, וועלכע ער האָט דערוואָרבען דורך א לאַנג־יאָהריגער פּראַקטיק, א שטים מיט וועל־כער ניט איין זינגערין וואָלט איהם מקנא געווען. „לאָטע“ האָט שוין אויך „געאַרבייט“ אויף דער בינע אלס א דאַמען־קאָמיקער. היינט האָט זיך דער געוועזענער בוכהאַלטער אזוי אריינגעלעבט אין דער פרויען־

גען פון א גוטען ארקעסטער ווערט לוסטיג געטאנצט. דער דיקער וואל־קען רויך פערשלייערט דאס ליכט און לאזט ניט דערבליקען יעדער איינצעלקייט פון די לויפענדיגע כוואליעס. ערשט אין דער טאנץ־פויזע קענען מיר זיך נעהענטער צוקוקען. די מיינסטע מענשען זענען מאס־קירט, א שווארצער פראק אדער א באל־ראבע בעווייזען זיך בלויז זעל־טען".

„אבער וואס איז דאס ? די דאמע אין דעם רויזען טארלא־טאן־מוסלין, וועלכע האט דא פאר אונז ערשט דורכגעשוועבט, האלט א גליהענדיגען ציגאר אין מויל־ווינקעל און רויכערט ווי א דראגא־נער. און זי טראגט אויך א בלאנד בערדעל, וועלכעס איז בלויז אביסעל „אוועקגעשמינקט". און איצט רעדט זי מיט א טיף דעקאלטירטען „ענ־געל" אין טריקאט, וועלכער האלט די נאקעטע ארעמס אריבערגעקרייצט אויף דעם ריקען, אויך רויכענדיג. דאס זענען צוויי מענער־שטימען. און זייער אונטערהאלטונג איז אויך שטארק מענליך: זי דרעהט זיך ארום דעם „פערלוכטען טאבאק, וואס האט ניט קיין לופט". אלזא, צוויי מענער אין פרויען־קליידער."

„א קלאון אין א דארפישען קאסטיום שטעהט דארט אנגעשפארט אן א זייל און איז פערזונקען אין א צערטליכען געשפרעך מיט א באלעט־טענצערקע, האלטענדיג זיינע ארעמס ארום איהר ניש'קשה'־דיגער טאליע. זי האט א בלאנדען טיטוס־קאפ, א שארף געשניטענעם פראפיל און א גאנץ שעהן ענטוויקעלטען קערפער. די בריליאנטענע אוירינגלעך, דער האלזבאנד מיט דעם מעדאליאן, די פולע רונדע אקס־לען און ארעמס לאזען ניט צו קיין צווייפעל צו איהר „עכטקייט". אבער פלוצלונג ניט זי זיך א דרעה ארויס פון די ארעמס וואס האלטען זי ארומגענומען, און געניצענדיג רוקט זי זיך אב און זיפצט ארויס מיט א טיפער באס־שטים: „עמיל, דו ביזט היינט זעהר לאנגווייליג". דער פרעמדער גלויבט ניט זיינע אויגען, אויך די באלעט טענצערקע איז פון דעם מענליכען געשלעכט !"

„מיט א פערדאכט שטודירען מיר ווייטער. אונז הויבט זיך אן דאכטען, אז דא ווערט געשפילט א פערקערטע וועלט, אט דא געהט, אדער בעסער, שוועבט און טאנצט א מאן — ניין, דאס קאן ניט זיין קיין מאן, ניט קוקענדיג אויף זיינע פיין געדרעהטע וואנצעס. דער פרעכטיג פריזירטער לאקען־קאפ, דאס געפודערטע און געשמינקטע

דאַ האָט זיך אַהז ספק געהאַנדעלט אין אַ סעקסועלער אַנעס־טהעזיע, וועלכע איז געוועז פערבונדען מיט אַ ריין פּסיכישער איבער־קערונג פון די סעקסועלע אויסשטראַלונגען פון דעם איך. דער דאַזיגער פאַל איז זעהר לעהרייך, מחמת ער ווייזט, אַז די פּסיכאָ־סעקסועלע פערזענליכקייט, אומאַבהענגיג פון די געשלעכטס־אָרגאַנען, קאַן זיין בירושה פון פאָרויס בעשטימט בלויז אין געהירן, און אַז זי קאַן אפילו פונקציאָנירען אַהן וועלכער ניט איז סעקסועלער עמפּפינדונג אָדער אַהן אַ געשלעכטס־טריב. אין דעם דאַזיגען פאַל האָבען מיר אַהן ספק געהאַט צו טון מיט אַן אַלקאָהאָלישער בלאַסטאָפטהאָריע און ניט מיט אַ נעוועגליכער ירושה (דער פאָטער האָט געמוזט זיין אַ גרויסער טרינ־קער).

גאַנץ ענליכע פאַלען בעצייכענט י. בלאָך מיט דעם נאָמען „יור־נאַרען": ביי זיי איז יאָ פאַראַן אַ געשלעכטס־טריב, וועלכער איז דוקא געווענדעט צו פרויען, אָבער פּסיכיש פיהלען זיי זיך גופא אַליין אַלס פרייען און האָבען אַ דראַנג צו טראָגען פרויען קליידער.

קראַפט־עבינג ברענגט אין זיין בוך די פאָלגענדע כאַראַקטעריס־טישע שילדערונג:

„די פאָלגענדע ציטאַטע וועלכע איך נעה אַרויס פון אַ בערלינער צייטונג פון פעברואַר, 1894, וועלכע איז מיר צופעליג אַריינגעפאַלען אין האַנד, שיינט צו געבען אַ גוטען בעגריף מכח דעם לעבען און שטרעבען פון דער האָמאָ־סעקסועלער קליקע".

„ד ע ר ב א ל פ ו ן ד י פ ר ו י ע ן ־ פ י י נ ד. כמעט אַלע סאָציאַלע עלעמענטען פון בערלין האָבען זייערע געזעל־שאַפטען און פעראיינען: די דיקע, די פליכעוואַטע, די אַלטע בחורים, די אַלמנים — פאַרוואָס אויך ניט די פרויען־פיינד ? דער דאַזיגער פּסיכאָלאָגיש מערקווירדיגער סאָרט מענשען, וועמעס געזעלשאַפט איז ניט איבעריג בעלעהרענדיג און אויפבעסערענדיג, האָט די טעג גע־האָט אַ באַל. „דער גרויסער וויענער מאַסקען־באַל" — אַט אַזוי האָט געשריבען די מעלדונג: דער בילעט־פערקויף אָדער בעסער, די צו־טיילונג פון בילעטען ווערט דורכגעפירט מיט דער גרעסטער שטרענג־קייט, די דאַזיגע הערשאַפטען ווילען בלייבען זעהר פריוואַט. זייער פערזאַמלונגס־פּלאַץ איז איינער פון די בעקענטע גרעסערע טאַנץ־זאַ־לען. מיר קומען אַריין אין זאַל אַרום האַלבע־נאַכט. אונטער די קלאַנ־

דאס פאלגענדע איז א זונדערבארער פאל פון א ריין פסיכישע האמא־סעקסואליזם צוזאמען מיט א פולשטענדיגער סעקסועלער אנעס־טהעזיע:

א. מ., 22 יאהרען אלט, וואוינט אין א דארף, דער זוהן פון א שכור, און האט א שוואכזיניגע שוועסטער. צארט געבויט, אבער זעהר אינטעליגענט און געשיקט. הגם ער האט פולשטענדיג נארמאל געבויטע מענליכע געשלעכטס־ארגאנען, וועלכע האבען זיך אויך ביי זיין גע־שלעכטליכער רייפצייט אבסאלוט נאמאל ענטוויקעלט, פיהלט ער זיך פון קינדוואיז אן אלס א מיידעל. ער האסט צו זיין צווישען אינגלעך און צו טון א מענליכע ארבייט, בעת ער איז ליידענשאפטליך פערטון מיט אן ארבייט, ווי למשל, קאכען, נעהען, פליקען, וואשען, ביגלען, שטיקען, און בכלל מיט אלערליי ווייבליכע הויז־ארבייטען. מיט א געוואלדיגער קראפט האט איהם געטריבען זיך אנצוטון ווי א פרוי, און קיין שום געלעכטער און קיין שום שטראף האט געגען דעם ניט געהאלפען. ער האט פשוט גע׳טענה׳עט, אז ער איז א מיידעל און, אז ער וויל זיך אויסלערנען א פרויען בעשעפטיגונג. אלע פערזוכען איהם צו בעשעפ־טיגען אין א קליין שטעדטעל ביי א מענליכער ארבייט, זענען אויך קיין פאל ניט געלונגען. זיין ווייבליכע בענעמונג איז געווארען אזוי פער־דעכטיג, אז די פאליציי האט איהם געהאלטען פאר א מיידעל וואס טראגט אינגעלשע קליידער און האט איהם געסטראשעט מיט ארעסט. אויך שפעטער ווען ער איז געוועזען געצוואונגען אנצוטון מענער קליי־דער, האט ער פון אונטען געטראגען פרויען וועש, און אפילו א קאר־סעט.

איך האב דעם דאזיגען פאל גענוי אונטערזוכט. דאס אינטערע־סאנטסטע דערביי איז, אז א. מ. איז סעקסועל פולשטענדיג אנעסטהע־טיש. אלעס וואס האט געהאט א שייכות מיט דעם געשלעכטס־טריב, האט איהם געשווידערט. דער געדאנק וועגען א געשלעכטליכען פערקער מיט מענער, פאר וועלכע ער האט מורא געהאט, איז איהם געווען נאך שרעקליכער, איידער דער געדאנק וועגען א נארמאלען געשלעכטס־פער־קער מיט פרויען. ער האט קיינמאל ניט געהאט קיין ערעקציעס, הגם דער פענים און טעקטילען זענען געוועזען פולשטענדיג נארמאלן ענטוויקעלט. זיין שטים איז געווען א קוויטשענדיגע און בכלל האט זיין גאנץ בענעמען־זיך דערמאנט אין א יעוונוה.

איצט ניט ענטדעקט קיין האָמאָ־סעקסואַליסטען ביי חיות; מיר געפינען בלויז הערמאַפראָדיטען, וועלכע זענען די אמת'ע צווישען שטופען, און אויך פּעדעראַסטישע האנדלונגען צוליב נויט אָדער טעות. דאָס דאָזיגע דערקלערט זיך פּשוט דערמיט, מחמת ביי חיות געהען אונטער די קרענקליך דעגענערירטע אינדיווידועו אינ'ם קאַמף פאר דעם דאַזיין. נאָר דער מענש אליין האָדעוועט און ענטוויקעלט זיי, אַזוי גוט ווי א סך אַנדערע אַבנאָרמאַליטעטען, א דאנק זיינע הומאַניטערע און קאָנווענציאָנעלע איינריכטונגען.

אמת אינטערעסאַנט איז דער פּועל יוצא פון הירשפעלד'ס אַנקעטע מכח דער רעלאַטיווער צאָל פון האָמאָ־סעקסועלע, דאָפּעלט־סעקסועלע און העטעראָ־סעקסועלע מענער אין דער בעפעלקערונג. צווישען 3916 מענער זענען געווען, 94.6% מיט העטעראָ־סעקסועלע געפיהלען נאָרמאַלע), 3.9% מיט דאָפּעלט־סעקסועלע געפיהלען און 1.5% מיט האָמאָ־סעקסועלע געפיהלען. די לעצטע זענען די עכטע האָמאָ־סעקסואַליסטען.

פאר מעהר און גענויערע איינצעלקייטען מכח דעם האָמאָ־סעקסואַליזם ראָט איך דורכצולעזען די ביז איצט ניין ארויסגעגעבענע יאָהרגענג, 1899־1908, פון דעם יאָהרבוך פאר סעקסועלע צווישען־שטופען פון דר. מ. הירשפעלד, לייפּציג, וועלכע ענטהאַלטען ארום 5000 זייטען מיט אַן אונגעהייערע מאַסע איינצעלקייטען מכח דעם דאָזיגען גאַנצען ענין. אין דער לעצטער צייט האָט דער פּראָצעס הארדען־מאָלטקע קלאָר גענוג אילוסטרירט פאר דער גאַנצער וועלט דעם טרויריגען אופן ווי אונזער יוסטיץ בעהאַנדעלט די האָמאָ־סעקסועלע פראַגע.

בעת מען ווערט געשלעכטליך רייף בעהערשט זעהר אָפט ביידע געשלעכטער א שטימונג פון א דאָפּעלטער סעקסואַליטעט; דאָס געשלעכט איז דעמאָלט נאָך ניט קאָרעלאַטיוו אַזוי שאַרף דיפערענצירט (די באַרד צ. ב.), און דעריבער דאַרף מען א טייל פאַלען פון א געגענזייטיגען אַנאַניזם, פון א בעגייסטערטער ליבע, אפילו פון פּעדעראַסטישע אַנפאַלען צושרייבען צו דעם דאָזיגען פאַקט; שפּעטער אבער געהט דאָס אַלעס פערביי.

וועלכער האט פערהערליכט די האמא־סעקסועלע ליבע. דאס בוך איז ליטעראריש געווען א גאנץ שוואכע ארבייט. עס האט אבער אויסגע־דריקט די האמא־סעקסועלע ליבעס־געפיהלען.

דער האמא־סעקסואליזם דערגעהט אזוי ווייט, אז אין געוויסע לענדער, בעזונדערס דארט וואו ער איז שטארק פערשפרייט, צ. ב. אין בראזיליען און אויך אין געוויסע אייראפעישע שטעדט, עקזיסטירען מענער־באָרדעלען.

אין זיין, אגב זעהר פערדינסטפולען און לעהררייכען יאהרבוך פאר סעקסועלע צווישען־שטופען, פרופט מ. הירשפעלד צו בעווייזען, אז די האמא־סעקסואליסטען זענען אין זייער קערפער־געבוי א צווישען־שטופע צווישען מאן און פרוי. אז אפטמאל האבען מענליכע האמא־סעקסואליסטען סאמאטישע (קערפערליכע) ווייבליכע אייגענטימליכ־קייטען, און פערקערט, אז ווייבליכע האמא־סעקסואליסטען האבען מענליכע אייגענטימליכקייטען, קאן מען ניט אבלייקענען. אבער דורכ־ווים ענליכע סאמאטישע אייגענטימליכקייטען געפינט מען אויך ביי מענשען וואס זענען פולשטענדיג העטערא־סעקסועל, בעת אפשר די גרעסטע צאל האמא־סעקסואליסטען האבען קערפערליך קלאר און שארף אלע סמנים פון זייער אייגען געשלעכט. דער האמא־סעקסואליזם איז דער עיקר א ריין פסיכישער צושטאנד. אבער די גאנצע צווישען־שטו־פען טעאריע צופאלט ווייטער, מחמת לאגישערווייז קומט אויס, אז א ווירקליכע סעקסו־עלע צווישען־שטופע דארף גראד זיין צווישען־סעקסועל אדער הערמאפראדי־טיש, אבער ניט דוקא האמא־סעקסועל. דעריבער, ווען א מענש מיט דורכווים כאראקטעריסטישע געשלעכטס־ארגאנען און מיט איבעריגע סמנים פון איין געשלעכט, פיהלט גע־שלעכטליך דוקא און בלויז נאר צו זיין אייגען געשלעכט — און אזוי פיהלט טאקע דער טיפישער האמא־סעקסואליסט — איז דאס, ווי מיר האבען שוין געזאגט, טראָץ אלע געקינסטעלטע קעגען־ארגומענטען, א פאטהאלאגישע ערשיינונג, אדער אויב מען וויל, אן אבנארמאליטעט, און קאן ניט בעטראכט ווערען אלס א נארמאלע צווישען־שטופע. עס איז אויך אבנארמאל דאס צווישען אדער דאפעלט־סעקסועלע געפיהל ביי געשלעכטס־דריזען פון איין געשלעכט. דערווייל האט מען נאך ביז

אנדערע מענער, און ער איז עטליכע מאָל פערורטיילט געוואָרען פאַר פּעדעראַסטיע מיט מענער און פרויען. ער האָט מיר א סך מאָל מודה געווען, אז בכלל האָט ער געהאַט מעהר פערגעניגען פון א האָמאָ־סעקסועלען פערקער איידער פון א נאָרמאַלען געשלעכטס־פערקער מיט פרויען, אבער ער האָט זיך געקאָנט בעפרידיגען מיט ביידע. אן אונ־פולשטענדיגער האָמאָ־סעקסואַליסט האָט צו מיר געזאָגט, אז זיין אידעאַל וואָלט געווען א מאַן מיט א שייד.

א חוץ דעם איז אבער פאַראַן נאָך א רייה האָמאָ־סעקסואַליסטען, ביי וועלכע, עס ווערט דערקלערט, אז דער האָמאָ־סעקסואַליזם איז ד'ערוואָרבען, מחמת פון אָנלויב האָבען זיי געהאַט א נאָרמאַלען גע־שלעכטס־טריב צו פרויען, אבער נאָכדעם ווי זיי זענען ביי עפּעס א געלעגענהייט פערפירט געוואָרען פון האָמאָ־סעקסואַליסטען צו א גע־גענזייטיגער מאַסטורבאַציע אָדער צו פּעדעראַסטיע, ווערען זיי דורך דעם שטאַרק אויפגערעגט, הויבען אָן פּלוצלינג (זעה סוגעסציע) אָדער ביסלעכווייז צו פיהלען אן עקעל צו פרויען און האָבען בלויז א סעק־סועלע נייגונג צו מענער. אבער די דאָזיגע פאַלען געהערען פּאַקטיש בלויז ביז צו א גאַנץ שוואַכען גראַד צו דעם דערוואָרבענעם האָמאָ־סעקסואַליזם. דאָ האָבען מיר פאַר זיך, א חוץ ביי די ריין סוגעסטיווע און פּסיכיש טרוימאַטישע פאַלען, א דרעמלענדיגע אָדער לאַרווירטע בירושה'דיגע האָמאָ־סעקסועלע דיספּאָזיציע, וועלכע איז דעמאָלט ביי דער ערשטער געלעגענהייט אויפגעוועקט געוואָרען און זיך געוואַל־דיג ענטוויקעלט. עס איז ניט שווער צו בעווייזען, אז מענער מיט א נאָרמאַלען געשלעכטס־אינסטינקט, אפילו נאָכדעם ווי זיי זענען דורך פערפירונג, שלעכטעביישפּילען און מאוס'ע געוואוינהייטען געבראַכט געוואָרען צו א געגענזייטיגער מאַסטורבאַציע אָדער פּעדעראַסטיע, ווע־לען באַלד דערפון אוועק ווען מען גיט זיי די מעגליכקייט פאַר א נאָר־מאַלען געשלעכטס־פערקער מיט פרויען. עס איז דעריבער א טעות, צו האַלטען, אז דער יסוד פון דער האָמאָ־סעקסועלער עמפּינדונג זענען די אויסגעלאַסענקייט און די דעמאָראַליזאַציע. זי איז און בלייבט, לכל הפּחות איז דאָס א כלל מיט גאָר־גאָר ווייניג אויסנאַהמען, א פּאַטהאָלאָגישער אויסוואוקס פון אַבנאָרמאַלע סעקסועלע פּסיכאָפּאַ־טישע דיספּאָזיציעס. איך גופא האָב געזעהען א געדרוקטען ראָמאַן (רו־בי), וועלכער איז געווען פערפאַסט פון א האָמאָ־סעקסואַליסט און

זעלשאפט בעטראכט נאטירלייכערוויין פאר ניט געפערליך און אויך ניט פאר אונאנשטענדיג ווען אינדיווידועז פון איין געשלעכט באדען זיך, שלאפען אדער וואוינען צוזאמען. אין די משוגעים־הייזער ווערען די מענער געפלעגט פון מענער און די פרויען פון פרויען. די הייליג־קייט פון צניעות ביי די קאטאלישע גלחים און נאנעס האט אויך גע־פירט צו אן אבזונדערונג פון די געשלעכטער. אין די ראזיגע אלע מנהגים האט מען גארניט גענומען אין בעטראכט דעם האמא־סעקסו־אליזם. מען דארף זיך דעריבער גארניט חדוש'ען, ווען די האמא־סעקסואליסטען בענוצען זיך מיט דעם דאזיגען צושטאנד און זוכען מיט א פארליבע דוקא אזא אמט, אין וועלכען עס איז דא אן אורזאך צו האפען אויף א גוטער געלעגענהייט מעהר אדער וועניגער אהן א געפאר צו בעפרידיגען זייערע פערווערנע ליידענשאפטען. זיי ווער־לען זיך אוים מיט א בעזונדערע פארליבע צ. ב. א קאריערע פון א קא־טאלישען גלח, פון לעהרער, פון א שפיטאל־פלעגער, בעזונדערס פון א בעדינער אין א משוגעים־הויז א. אז. וו. אין דער לעצטער שטעלע פערלאזען זיי זיך צ. ב. אויף דער פערווירטקייט פון די משוגעים און אויף זייער אונפעהיגקייט זיך צו בעקלאגען. אין די עפענטליכע באד־פלעצער קאנען זיי אהן דער קלענסטער געפאהר געניסען דאס זעהען פון נאקעטע מענער. בעזונדערס געפערליך זענען די האמא־סעקסוא־ליסטען און די שולען און דער עיקר אין קינדער אנשטאלטען, וואו זיי פערפירען נארמאלע קינדער פון זייער אייגען געשלעכט.

ביז איצט האבען מיר בלויז גערעדט מכח דעם ריינעם פולשטענדיגען האמא־סעקסואליסט. עס פערשטעהט זיך אז ניט אלע אינדיווידועז וואס געהערען צו דעם דאזיגען קלאס האבען אזא שארפע האמא־סעקסועלע דיספאזיציע. עס זענען פאראן א סך, די מעהר נייטראלע, וועלכע האבען אונבעשטימטע סעקסועלע נייגונגען, און וועלכע ווע־רען טיילמאל אויך אויפגערעגט צו פרויען. קראפט־עבינג רעדט אפילו וועגען פ ס י כ א ־ ס ע ק ס ו ע ל ע ה ע ר מ א פ ר א ד י ט ע ן, וועלכע פיהלען כמעט א גלייכע צוציהונג צוביידע געשלעכטער און פערקערען טיילמאל מיט איין געשלעכט, און טיילמאל מיט דעם צוויי־טען געשלעכט. איך האב געקענט א פערהייראטען מאן וועלכער איז זעהר פאטענט צו זיין אייגענער פרוי, אבער א חוץ מיט איהר האט ער אפטמאל געהאט א פערקער אי מיט אנדערע פרויען און אי מיט

אויב דער האמא־סעקסואליסט איז רייך, דעמאלט האבען זיי זייער רויב, דעמאלט האבען זיי געפינען זייער מילך־קוה. אויף דעם דאזיגען אופן ווערט א תל פון די מיינסטע רייכע האמא־סעקסואליסטען. זיי לעבען אין א כסדר'דיגען פחד און וועהטאג, מחמת זייער טריב ציהט זיי דוקא צו מענער וועלכע פיהלען אנדערש איידער זיי.

מאלל, קראפט־עבינג און הירשפעלד האבען געשריבען זעהר א סך איבער דעם האמא־סעקסואליזם. די גזזעצען זענען צו פיל שטרענג און קוקען אויף דער גאנצער זאך פון א פאלשען שטאנדפונקט. סוף כל סוף כל זמן די האמא־סעקסועלע ליבע רייסט זיך ניט אריין צווישען די מינדער־יאהריגע אדער משוגעים, איז זי בערך אונשעדליך, מחמת זי ברענגט ניט קיין קינדער און שטארבט אב דורך צוכטוואהל. ווען דיביידע אינדיווידוען זענען איינפערשטאנען, איז זי ניט ערגער, זיכער נאך וועניגער שעדליך איידער די גזזעצליך געשיצטע פראסטיטוציע. ווען א נארמאלער מאן ווערט בעלעסטיגט פון א האמא־סעקסואליסט, איז איהם ניט שוער פון איהם פטור צו ווערען: עס איז איהם פון דעם האמא־סעקסואליסט א סך גרינגער פטור צו ווערען איידער א פרוי קאן פטור ווערען פון אן אויסגעלאסענעם מאן וועלכער פערפאלגט זי.

די זאך נעהמט אבער אן א גאנץ אנדער פנים, אזוי גיך ווי דער האמאסעקסואליסט פערפאלגט קליינע אינגלעך, אדער אזוי גיך ווי זיין האמא־סעקסואליזם איז קאמפליצירט מיט אנדערע געפערליכע סעקסועלע פערעסטהעזיעס, למשל פריהער פאר אלעם מיט דעם סאדיזם. מיט עטליכע יאהרען צוריק האבען די שוידערליכע מעשים פון אן אוונצווייפעלהאפטען האמא־סעקסועלען סאדיסט אויפגערודערט די גאנצע ציוויליזירטע וועלט פון איירא פא. דאס איז געווען דער פאל מיט דעם לעהרער דיפפאלד, וועלכער האט מיט די שרעקליכסטע גרויזאמקייטען אזוי געמאטערט צוויי אינגלעך וועלכע מען האט איהם אנפערטרויעט צו ערציהען, אז איינער פון זיי איז געשטארבען פון דער פייניגונג. די געזעצליכע בעשיצונג פון ביידע געשלעכטער געגען אלע מינים סעקסועלע פערפירונגען, זאל לכל הפחות דערגעהען ביז צום זיבענצענטען, און אפילו ביז צום אכצענטען יאהר.

דער האמא־סעקסואליזם ברענגט מיט זיך גאנץ זונדערבארע פאלען, מבח וועלכע מען דענקט בכלל זעהר וועניג. די מענשליכע נא־

צו דעם פאקט וואס די ליבע איז א געקויפטע, און זיי לאזען זיך איבעררעדען חתונה צו האבען. דאס איז די גרעסטע נארישקייט און אין דער זעלביגער צייט די ערגסטע זאך וואס זיי קאנען בעגעהען. מחמת זייערע פרויען פירען א לעבען פון מארטירער, זיי פיהלען זיך באלד אבגענארט, פעראכט און פערלאזען. דער האמא־סעקסואליסט בעהאנדעלט זיין פרוי ווי א דינסט אדער א הויז־האלטערין, ער האט מיט איהר אדער קיינמאל ניט אדער גאר זעהר זעלטען א געשלעכטס־פערקער, ער פערבעט אהיים זיינע מענליכע געליבטע, און דער פעול יוצא פון דעם דאזיגען פערהייראטען לעבען איז זעהר אפט זיין שכרות. אנשטענדיגע פערהייראטע האמא־סעקסואליסטען פירען אויך א טרויריג לעבען, סיי ווייל זיי האלטען זייער צושטאנד בסוד, און סיי ווייל זיי פערטרויען זייער וועהטאג פאר זייערע פרויען. אזוינע הייראטען זענען פריהער געווען אפטער איידער היינט, מחמת דעמאלט האט מען די גאנצע פראגע מיספערשטאנען און מען האט זי פשוט צוגעשריבען צו א שלעכטער געוואוינהייט. זיי ענדיגען זיך מיינסטענס מיט א שרעקליכען אונגליק אדער גט. עס איז דעריבער א פערברעכען צו צורעדען צו אזא הייראט, וויסענדיג צו וואס זי פירט. אזא „הייראט" קאן נאר זיין דורכגעפירט ווען זי איז געבויט אויף א טיפער אינטעלעקטועלער איינשטימיגקייט און פריינד־שאפט, אזוי גוט ווי אויף א געפיהל פון דער העכסטער ערלעקייט.

דאס געזעץ זאל דעריבער זוכען מיטלען געגען די דאזיגע אונגליקליכע הייראטען, און ניט בעשטראפען די האמא־סעקסועלע ליבעס־פערהעלטניסען צווישען דערוואקסענע מענער.

די צווייטע טרויריגע פאלגע פון דער האמא־סעקסועלער ליבע זענען די אהן א שעור געלד־אויספרעסונגען פון כל'ערליי שווינדלער, צו וועלכע דער האמא־סעקסואליסט איז אויסגעזעצט. איינער פון די געווענליכסטע ראנדעוואו־פלעצער פון די האמא־סעקסואליסטען זענען די עפענטליכע אבטרעטען, בעדער א. דגל. די פראפעסיאנעלע געלד־ארויספרעסער וויסען דאס זעהר גוט, זיי לאזען זיך דארט בעקוקען און בעטאפען, און גיבען זיך איבער פאר געלד צום האמא־סעקסואר ליסט. אבער אזוי ניך ווי זיי ווערען געוואר דעם נאמען און דעם פינאנציעלען שטאנד פון זייער קרבן, הויבען זיי איהם אן צו שרעקען מיט פאליציי און געריכט און פרעסען פון איהם ארויס געלד פאר שווייגען.

די האָמאָ־סעקסואַליסטען, מיט וועלכע מען האָט מיינסטענס צו טון אין עפענטליכע אנשטאַלטען און אין געריכטס־הייזער, זענען צי־ניסער און בעלי־תאוות ניט קוקענדיג אויף די אידעאַלען וועלכע זיי שטעלען ארויס פאַר דער וועלט. אָבער עס וואָלט געוועזן אַן עולה, דאָס צו מאַכען אפּר אַ כלל. די ציניקער זעהט מען מיינסטענס אי דער ער־רייה, מחמת זיי פעהלט דאָס געפיהל פון בושה. אין מיין פּריוואַטער פּראַקטיק האָב איך מיך בעקענט אויך מיט אַ סך זעהר אנשטענדיגע, אפילו טיף מאָראַלישע האָמאָ־סעקסואַליסטען, מענשען מיט דער העכס־טער אינטעלעקטועלער ענטוויקלונג און אויך געניאַלע האָמאָ־סעקסואַ־ליסטען, וועלכע זענען פאַר בושה און וועהטאָג צוליב זייערע פערווער־זיעס און זייער פּסיכאָפּאַטישען צושטאַנד געוואָרען פעסימיסטען. די ראַזיגע ענדיגען ניט זעלטען מיט זעלבסמאָרד, נאָכדעם ווי זיי האָבען אין דער שטילסטער פערבאָרגענקייט אָנגעפירט אַ פערצווייפעלטען קאַמף געגען זייער קראַנקהאַפטען טריב און האָבען בעסער געוואָלט שטאַרבען איידער ווערען פון איהם בעזיגט. אַזוינע טראַגישע קרבנות רופען אַרויס אונזער טיפסטען רחמנות, און טיילמאָל אַפילו אונזער רעספּעקט. זיי האַלטען זיך מיינסטענס פון דער ווייטענס פון די אויבען דערמאָנטע קליקעס פון האָמאָ־סעקסואַליסטען.

דער האָמאָ־סעקסואַליזם האָט צוויי שווערע און בייזע שאָטענס, וועלכע זענען צום גרעסטען טייל די פעולה פון דער געריכטליכער שטרענגקייט מיט וועלכער די מיינסטע געזעצגעבונגען פערפאָלגען די ראַזיגע אַבנאָרמאַלע מענשען:

ערשטענס, אַזוי גיך ווי אַ האָמאָ־סעקסואַליסט דערזעהט זיין אַבגעזונדערטע און געפעהרליכע לאַגע אין דער געזעלשאַפט, אין וועל־כער ער פיהלט זיך ווי אַ פערשטויסענער, מיינט ער אָפטמאָל, אַז עס איז זיין חוב צו פאָלגען די עצות פון אונוויסענדע פריינד, יאָ, לייי־דער אויך די עצות פון אָפטמאָל אונוויסענדע דאָקטוירים, און ער פּרופט זיין אַבנאָרמאַלען צושטאַנד צו קורירען דורך הייראַט. טייל־מאָל בעזוכט ער פריהער אַ באָרדעל איידער ער בעשליסט צו הייי־ראַטען אַ סך האָמאָ־סעקסואַליסטען געלינגט אין באָרדעל דער גע־שלעכטס־פערקער דערפאַר, מחמת אין זייער פאַנטאַזיע שטעלען זיי זיך פאַר די פּראָסטיטוטקע אלס אַ מאַן. דעם ווידערווילען, וועלכער איז זיי דערביי אַזוי שווער בייצוקומען, שרייבען זיי צו טיילווייז

יענע משונעים וואס ליידען פון א פסעודאלאגיא פאנ־טאזיקא און וועלכע זענען אין איין צייט אויך האמא־סעקסועל, און אויך די פילע האמא־סעקסועלע אלגאלאגניקער, בעווייזען די נאהענטע קרובה'שאפט צווישען דעם האמא־סעקסואליזם (ער ווערט אויך גערופען „אוראניזם") און אנדערע פסיכאפאטישע צושטאנדען. איך בין פולשטענדיג איינשטימיג מיט רידינ'ן, אז די פסיכא־פאטהא־לאגישע ערשיינונגען פון די מיינסטע האמא־סעקסואליסטען זענען פרימיטיוו, ד. ה. זיי זענען געקומען בירושה, און בשום אופן זענען זיי ניט, ווי הירשפעלד מיינט, דערווארבען געווארען דורך די לעבענס־אומשטענדען. העכסטענס קאן דא די סביבה ניט מעהר ווי ארויסרו־פען, אבער קיינמאל ניט בעשאפען.

וואס מען קאן הירשפעלד'ן יא צוגעבען איז, אז דער דאזיגער פערקערטער געשלעכטס־טריב, צוזאמען מיט דער האמא־סעקסועלער ליבע, קאנען טיילווייז פערגליכען ווערען צו א מין הערמאפראדיטיזם. אין וועלכען די געשלעכטס־דריזען און די פארבינדונגס־ארגאנען האבען די סמנים פון איין געשלעכט, בעת דאס געהירן און אפטמאל אויך אנדערע טיילען פון קערפער, ווי דער בעקען, די ברוסט א. אז. וו. טראגען ביז א הויכען שטאפעל די סמנים פו דעם צווייטען געשעלכט. (הירשפעלד: געשלעכטס־איבערגענג.) דערמיט ווערט אבער די גאנצע ערשיינונג ניט ווייניגער פאטהאלאגיש: אדרבה דער האמא־סעקסואליזם געווינט ערשט דערפאר א פאטהאלאגישע אבזונדערונג. אבער פון דער אנדערער זייט האבען מיר שוין געזעהען, אז אלע סעקסועלע פסיכאפא־טיעס, פונקט ווי אלע קאנסטיטוציאנעלע פסיכאפאטיעס איבערהויפט. זענען געבויט אויף ירושה. זעהר א סך, אויב טאקע ניט די מיינסטע פאלען, האבען א נאהענטע קרובה'שאפט מיט היסטעריע. דאס זעל־ביגע איז אויך אמת מכח האמא־סעקסואליזם. עס איז קלאר, אז ביי א בריאה, מיט שארף אבגעשיידטע געשלעכטער, א שטייגער ווי דער מענש, געהערט א מישונג פון די אייגענשאפטען פון ביידע געשלעכטער אין איין און דעמזעלביגען אינדיווידיום, א מישונג אפילו נאר פון די קארעלאטיווע סמנים און אויך אנדערע בירושה'דיגע אבנארמאליטע־טען פון געהירן אדער אבנארמאליטעטען פון אנדערע ארגאנען, צו דער פאטהאלאגיע פון דער בירושה'דיגער מנעמע.

כסדר'דיגער מורא ניט צו ווערען גע'מסר'ט און פערפאלגט. זיי פיה־לען זיך דעריבער גליקליך, ווען זיי ענטדעקען די געהיימע פעריינען פון אנדערע האמא־סעקסואליסטען און וועלכע זיי שליסען זיך באלד אן. אויב זיי שטעהען ניט אויף א זעהר הויכען מאראלישען שטאפעל.

אויב דעם האמא־סעקסואליסט געלינגט צו געפינען א מענלי־כען געליבטען, הויבט ער געוועהנליך ניט אן א קויטוס־ענליכע פערבינ־דונג דורך אריינפירען זיין פעניס אין דעם אנוס פון זיין געליבטען. זיין בעגער טרייבט איהם מיינסטענס פשוט צו א געגענזייטיגען אנא־ניזם. אבער די מייסנטע האמא־סעקסואליסטען פיהלען זייער העכ־סטע תאוה, בעת אז אנדערער מאן פירט אריין דעם פענים אין זייער אנוס, ד. ה. ווען זיי שפילען די ראלע פון די אזוי־גערופענע פאסיווע פעדעראסטען. טייל אבער בעגניגענען זיך אויך מיט דער ראלע פון אקטיווע פעדעראסטען.

דעם האמא־סעקסואליסט'ס אידעאל וואלט געווען די געזעצליכע ערלויבניש פון א הייראט צווישען מענער. אבער די ליבע פון די דא־זיגע לייט איז בכלל ניט זעהר דויערהאפט און זיי צייגען א זעהר שטארקע נייגונג צו א מעגליכער פאליגאמיע. זיי פיהלען א טיפע פער־אכטונג צו א סעקסועלער ליבע מיט פרויען, בעטראכטען די דאזיגע ליבע אלס שמוציג און נידעריג, און אין בעסטען פאל נאר גוט בכדי צו פראדוצירען יונגע האמא־סעקסואליסטען!

אין דער וועלט געשיכטע האט דער האמא־סעקסואליזם געשפילט א סך א גרעסערע איידער מען שטעלט זיך געוועהנליך פאר. פלא־טאן און סאפפא זענען געווען האמא־סעקסואליסטען. דאס אייגענע זאגען די האמא־סעקסואליסטען מכח אנדערע היסטארישע פערזענ־ליכקייטען (פלאטא, פרידריך דער גרויסער). אבער דאס איז אויך קיין פאל ניט בעוויזען געווארען.

מיר מוזען זיין איינשטימיג מיט קראפט־עבינג, אז די האמא־סעקסועלע ליבע איז פאטהאלאגיש און, אז כמעט אלע האמא־סעקסוא־ליסטען זענען א חוץ דעם מעהר אדער ווייניגער שווערע פסיכאפאטען, בעזונדערס היסטעריקער, און אז זייער געשלעכטס־טריב איז ניט נאר אבנארמאל, נאר בכלל איז ער אויך שטארקער. דאס דאזיגע בעווייזט מיר מיין אייגענע ערפארונג. האמא־סעקסואליסטען־משוגעים, ווי א שטייגער קעניג לודוויג דער צווייטער פון ביירן, א גרויסע צאל פון

א שפיטאל, וועלכער האט זיך אין איינעם פון זיינע קאמעראדען אזוי היים פערליבט, אז ער האט צען מעטער פון א לייוועגטענער טאשמע, מיט וועלכער מען האט בעצייכענט די וועש פון פאציענטען, בעשריבען מיט דעם נאמען פון זיין געליבטען. די ליידענשאפטליכסטע ליבעס־בריף, שבועות פון איבערגעבענקייט און טרייקייט ביז צום טויט, ברענענדיגע אייפערזוכט צו אנדערע פריינד פון דעם געליעבטען, און אפילו חתונה צערעמאניעס זענען גאנץ אפטע געשעהענישען צווישען האמא־סעקסואליסטען.

דער האמא־סעקסואליסט פערליבט זיך געוועגליך ניט אזוי לייכט אין א צווייטען האמא־סעקסואליסט, איידער אין א נארמאלען מאן. דער נארמאלער מאן האט פאר איהם א בעזונדערע אנציהונגס־קראפט; ער וואלט געוואלט זיין „זיין פרוי". אבער אזוי ווי ער ווערט געוועגליך מיט אן עקעל אבגעשטויסען, געסטראשעט מיט געריכט אדער עס ווערט פון איהם אויסגעפרעסט געלד, דעריבער מוז ער זיך אפטמאל בענוצען מיט זיינע אייגענע מענשען. עס איז צו שטוינען ווי גוט די דאזיגע לייט דערקענען זיך; זיי ארגאניזירען א געהיימע פעריין, א מין פריימוי־רעריי און מען דערקענט זיך דורך צייכענס.

די ערשטע סמנים פון דעם האמא־סעקסועלען טריב, מיט זייערע ערשטע נאיווע אבשטראלען, מאלען די וועלט, דאס גליק און די ליבע פאר דעם האמא־סעקסואליסט פון א גאנץ אנדערען שטאנדפונקט, דער בעדינג פון וועלכען עס איז זיין בעזונדערע סעקסועלע ריכטונג. זייער לעבענס־גליק מאלט זיך פאר זיי אין א פעראייניגונג מיט א געליבטען מאן. שפעטער אבער, ווען זייער סעקסועלער בעגער ווערט שטארקער און ווען זיי ווערט ענדליך קלאר, אז די מעהרצאל מענשען פיהלען אנדערש איידער זיי, אז די מענשהייט פערמעהרט זיך דורך א פעראייניגונג פון צוויי פערשידענע געשלעכטער א. אז. וו., ווערען זיי זעהר אונגליקליך און פערביטערט. זיי זעהען, אז עס איז אי לעכערליך און אי געפערליך ארויסצואווייזען זייערע טיפסטע געפיהלען און זיי הויבען אן געוועגליך צו אנאנירען. אבער זעלטען קאנען זיי בייקומען זייערע גליהענדיגע געפיהלען צו געוויסע יונגע מענער; זיי רופען דעריבער ארויס אן אבשיי און אן עקעל ביי אנדערע יונגע לייט און זענען אויף דעם אופן פערדאמט צו א פייניגונג זייערע ברענענדיגסטע בעגערען שטענדיג צו בעגראבען אין זיך ווי פערברעכער; זיי לעבען אין א

בעז און ער ווערט נאך איצט בענוצט אין דייטשלאנד. אולריך איז זיינס גלייכען האבען געפּרופט בעווייזען, אז די אורנינגס זענען א בע־זונדערער נאָרמאל־פיזיאָלאָגישער מין מענשען, א טעאָריע וועלכע איז א בעשיינפּערליכע נארישקייט, און האבען זיך בעמיהט אויך פאר דער דאָזיגער מין ליבע צו קריגען די געזעצליכע גלייכבערעכטיגטע אנערקע־נונג. די נאָרמאלע מענשען רופט אולריך ד י א נ י נ ג ס. אבער ווי לעכערליך די דאָזיגע אנשויונג מוז ניט אויסקוקען אין די אויגען פון א נאָרמאל פיהלענדיגען און דענקענדיגען מענש, און ווי אונזיניג עס איז, אזא אבסאָלוט צוועקלאָזען געשלעכטס־טריב צו וועלען געבען א נאָרמאל אויסזעהען, איז אבער די גאנצע זאך דורכויס כאראקטעריס־טיש פאר דעם פיהלען פון די אורנינגס. עס איז זונדערבאר, וואס הירש־פעלד האט אין דער לעצטער צייט געפּרופט דערקלערען, אז די האמאָ־סעקסואליסטען זענען א וואריעטעט פון די נאָרמאלע מענשען. די דאָ־זיגע טעאָריע איז אבער א זייפענבלאָז, און איז געבויט אויף סאָפיזם, אויף א שפּיל מיט ווערטער און מיט די בעגריפען פון קראנקהייט און נאָרמאליטעט.

אנגעפאנגען פון די סאמע ערשטע קינדליכע סעקסועלע געפיהלען, האבען די האמאָ־סעקסואליסטען, אין פאל זיי זענען מענער, אנטקעגען אנדערע מענער דיזעלביגע געפיהלען וואס פרויען. זיי פיהלען א בע־דערפעניש זיך פאסיוו אונטערצוגעבען: זיי זענען פול מיט פאנטאזיעס און חלומות, האבען ליב ווייבליכע בעשעפטיגונגען און ווייבליכע קליי־דער, זיי פערברענגען זעהר גערן מיט פרויען פונקט ווי מיט פריינדינס וועלכע זיי פערשטעהען: זיי זענען געוועהנליך, אבער ניט אלעמאל, קלייגליך סענטימענטאל, זענען גענייגט צו א רעליגיעזער פרומקייט, האבען ליב פוץ, צירינג און קאָקעטסטווע, פרעהען זיך מיט אלץ וואס גלאנצט און שפּיגעלט, מיט צערעמאָניעס, מיט לוקסוס און פראכט. ווערליג נאך דעם אינדיווידיום איז דער אדער יענער כאראקטער שטריך מעהר ענטוויקעלט.

זייער געוועהנליך שטארקער געשלעכטס־טריב הויבט זיך אן זעהר פריה מיט אן אונגלויבליכער בעגייסטערטער ליבע פאר געוויסע מע־נער. איך האב בעהאנדעלט א זעהר גרויסע צאל האמאָ־סעקסואליס־טען און איך האב זיך יעדעס מאל געמוזט וואונדערען איבער זייערע ברענענדיגע ליבעס. איך וויל בלויז דערמאנען א קראנקען־פלעגער אין

איז ניט שוואכער איידער דער אבשיי וואס נארמאלע מענשען פיהלען פאר זייער אייגען געשלעכט. דער דאזיגער אבשיי, פערשטעהט זיך, איז בלויז נוגע דעם סעקסועלען און אויף קיין פאל ניט דעם איבעריגען פערקער. דא האנדעלט זיך דעריבער בלויז מכח דעם געשלעכטס-טריב און מכח דער געשלעכטליכער ליבע פון א מאן צו א מאן, און פון א פרוי צו א פרוי. וואס מיר האבען דא פאר זיך, האט גארניט צו טון מיט דעם בלויזען ערזאץ־ אדער נויט־מיטעל מכח וואס מיר האבען גע־רעדט ביי דעם נאטאנאניזם, און וועלכעס דריקט זיך אויס, צ. ב. ביים מאן אין דער פארם פון פעדעראסטיע ווען עס פעהלט די פרוי, און ביי דער פרוי, אין דער פארם פון א געגענזייטיגער סעקסועלער רייצונג ווען עס פעהלט דער מאן. די לעצטע ערשיינונגען זענען בלויז די פעולה פון פערדארבענע זיטען, פון ניט האבען קיין געלעגענהייט צו א נאר־מאלען פערקער און בכלל פון א סעקסועלער איבער־רייצונג. מען קאן פסיכיש פיהלען א ווידערווילען און אן עקעל צו א געוויסער זאך. און פונדעסטוועגען וועט מען א ריין חיה'שען (ספינאלען) סעקסועלען רייץ אנאניסטיש „בעפרידיגען", ד. ה. מען בעפרייט זיך, אפטמאל מיט א גאנץ קליינעם חשק, אויף דעם אופן, פון דעם רייץ ווען ער ווערט צו שטארק.

## די מענליכע האמא-סעקסועלע ליבע.

אט פונקט ווי אבסורד עס מעג ניט אויסקוקען, ווי א מאן'ס גאנ־צער געשלעכטס-טריב צוזאמען מיט זיין גאנצער ליבע, איז געווענדט, פון זיין פריהערסטער יוגענד אן און אין משך פון זיין גאנץ לעבען, בלויז אויף מענשען פון זיין אייגען געשלעכט, איז אבער פונקט אזוי זיכער, אז די דאזיגע פאטהאלאגישע ערשיינונג איז ליידער זעהר פער־שפרייט און, אז איהר פסיכאלאגישע און מאראלישע זייט איז פול־שטענדיג מיספערשטאנען געווארען אי פון דערברייטער מאסע און אי פון דער יוריספרודענץ, פון דער רעכטס־וויסענשאפט, ביז עטליכע פון די קראנקע גופא און דערנאך די פסיכיאטרען האבען ענדליך אריינ־געברענגט א קלארקייט אין דער דאזיגער פראגע. איינער פון אט די מענער, אסעסאר אולריך, וועלכער איז עפענטליך ארויס אלס פערטיי־טיגער פון דער האמא־סעקסועלער ליבע, האט די האמא־סעקסואליסטען א נאמען געגעבען א ו ר נ י נ ג ס. דער דאזיגער נאמען איז געבלי־

מע טייפּלען זעלטען ארוים פון דער פּאָליציי. אבער די געזעצליכע בע־שטראפונג קאן די דאָזיגע מענשען ניט אבהאלטען פון זייער ליידענ־שאַפט, וועלכע ברענגט זיי גופא מעהר שאדען איידער די פרויען וועל־כע זיי בעלעסטיגען און דערשרעקען; מייגסטענס עקסהיבירען זיי אבער פאר יונגע קינדער. אם אזוי ווערען כמעט אלע מענליכע עקסהי־ביציאָניסטען די קרבנות פון דער פּאָליציי און די געריכטען.

דער עקסהיביציאָניזם ביי פרויען איז ניט אזוי זעלטען צווישען משוגעים און איך גופא האב בעהאנדעלט צוויי טיפּישע פאַלען. אויב מען בעגעגענט איהם ביי מיושב'ע, ניט גייסטיג קראנקע פרויען, ווייס איך ניט; יעדענפאלס וואלט פאר זיי געוועזן כמעט ווי אונמעגליך צו פּראקטיצירען דעם דאָזיגען טריב אהן דער גרעסטער געפאר.

דער עקסהיביציאָניזם איז אלעמאל א סמן פון א שווערען פּסי־כאָפּאטישען צושטאנד, וועלכער ווערט אָפטמאל ארויסגערופען פון אל־קאָהאָליזם, אבער דאָך קומט ער מייגסטענס בירושה. דער נאָרמאלער געשלעכטס־פערקער און דאס פערהייראטע צוזאמענלעבען קאָנען איהם ניט היילען. א סך עקסהיביציאָניסטען זענען פערהייראטע מענער. דער טריב איז אזוי געוואלדיג, אז קלוגע, בראווע און געבילדעטע מענשען, וועלכע איך גופא האב געקענט, האבען דערמיט אונטערגעגראבען זיי־ער לעבען און זייער קאריערע.

### די געשלעכטליכע נייגונג צו מענשען פון אייגענעם געשלעכט אָדער די האָמאָ־סעקסועלע ליבע.

ווי שרעקליך און אבסורד די ביז אהער בעשפּראָכענע פערבלאָנ־דזשענישען און פערקרימונגען פון דעם געשלעכטס־טריב און זיינע פּאַ־טהאָלאָגישע אויסשטראלונגען זאָלען ניט זיין, זענען זיי אבער אלע ארויסגעוואקסען פון אן אורשפּרינגליך נאָרמאלען סעקסועלען שייכות צווישעןביידע געשלעכטער.

די אבנאָרמאלקייטען וועלכע מיר וועלען איצט בעהאנדלען האַ־בען די בעזונדערקייט, וואס ניט בלויז דער אינסטינקטיווער גע־שלעכטס־טריב, נאָר אלע זיינע פּסיכישע אויסשטראלונגען, זענען גע־ווענדט צום אייגענעם געשלעכט, און אדרבה, מען פיהלט א סעקסועלען אבשיי, אן אבשטויס פאר דעם אנדערען געשלעכט, אן אבשיי, וועלכער

קערט. זיי זענען אין גאנצען גלייכגילטיג צו א נאקעטען פרויען־קער־פער. אין יאנואר 1906 האט מען אין בערלין ארעסטירט א צאפ־פעטישיסט; ביי איהם אין דער היים האט מען אין שופלאד געפינען ניט ווענינער ווי 31 צעפ און עטליכע לאקען, וועלכע ער האט אבגעשניטען אין גערדרענגען. נאך אלס איינגעל האט ער שוין אבגעשניטען דעם צאפ פון זיין אייגענער שוועסטער. דער פעטישיזם איז דער עיקר א מענליכע פערווערזיע. פונדסטוועגען בעגעגענען מיר איהם אויך ביי פרויען. איך האב געזעהען פרויען, וועלכע זענען געווארען פעטישיסטיש אויפגערעגט ביז'ן העכסטען גראד און האבען בעקומען דעם ארגאזם, ביי דעם בלויזען געדאנק וועגען געהען צו קינד אדער וועגען שוואנגערדיגע פרויען.

נעקראפיליע. געוויסע מענשען פאלען אן אויף מתים, שענדען זיי, אפטמאל צושניידען זיי זיי און אויף דעם אופן בעפרידיגען זיי זיך געשלעכטליך. צווישען זיי זענען פאראן א סך אידיאטען און משוגעים. ביי א טייל איז עס א סימבאלישער אדער פעטישיסטישער סאדיזם, וועלכער פערנעהמט דעם פלאץ פון פייניגען לעבעדיגע.

עקסהיביציאניזם. — עס איז פאראן א קלאס פון מענשען, מייסטענס מענער, וועמעס איינציגע געשלעכטליכע בעפרידיגונג איז, צו אנאנירען אין דער געגענווארט פון פרויען. זיי שטעלען זיך אוועק ערגיץ וואו אין א שטילער געגענד, אדער זיי בעהאלטען זיך מיט זייער אפענעם חויזען־שליץ ערגיץ הינטער א קוסט. ווען א פרוי אדער עטליכע פרויען קומען אז שפרינגען זיי ארויס, רופען זיי אדער אויף וועלכען ניט איז אופן צו׳הע זיי צו זייער אויפמערקזאמקייט, שטעלען ארויס זייערע געשלעכטס־ארגאנען און מאסטורבירען מיט דער שטארקסטער אויפרעגונג. די דאזיגע אינדיווידועז קאנען זיך בלויז בעפרידיגען בעת זיי פיהלען, אז זיי ווערען בעאבאכט פון פרויען. ווייסענדיג, אז מען וועט זיי באלד איבערגעבען צו דער פאליציי, אנטלויפען זיי באלד אזוי גיך ווי זיי האבען דעם זאמען־אויספלוס, און דערצו זענען זיי אויסערגעווענליך געשיקט. די פרויען וועלכע רעגען זיי אויף, ווערען פון זיי קיינמאל ניט אנגערירט. אלעס שפילט זיך אב פון דער ווייטענס.

די דאזיגע פאלען זענען ניט קיין זעלטענקייט און מייסטענס נאטירליך פירען זיי באלד צו א סקאנדאל. דעריבער דרעהען זיך די ארוי־

נע איז אויך מכח דעם אבדעקען פון געוויסע טיילען פון דער פרוי'ס קערפּער, וועלכע זענען געוועהנליך בעדעקט.

דער ריכטיגער פעטישיסט איז בעצם א פּאַטהאָלאָגישער מענש. וועמעס גאַנצער געשלעכטס־טריב, אָפטמאָל אפילו צוזאַמען מיט אלע זיינע אויסשטראַלונגען אויף די העכערע שטאַפּלען פון ליבע, אויף ווי ווייט די ליבע קאָן דאָ גענומען ווערען אין בעטראַכט, איז בעגרע־ניצט אויף בעשטימטע געגענשטאַנדען וועלכע האָבען א שייכות מיט פרויען. די געוועהנליכסטע פעטישען זענען ווייבליכע נאַזטיכלעך, שיך, הענטשקעס, אויך שטיקלעך פלוש און ענגליכע שטאָפען; אָדער אויך טיילען פון דער פרוי'ס קערפּער, למשל די האָר, די הענד, די פיס א. אז. וו. מען דאַרף אבער צו די דאָזיגע אלע געגענשטאַנדען, צו די דאָזיגע פעטישען, ניט צושרייבען דיזעלביגע ראָלע וואָס זיי שפּילען אין דער נאָרמאַלער ליבע, דעמאָלט ווען זיי רופען ארויס דאָס בילד פון דער געליבטער פרוי דורך אן אידעען־פערבינדונג. דערפון קאָן ביים פעטישיסט לגמרי גאָר קיין רייד ניט זיין. דער פעטישיסט ליבט נאָר דעם פעטיש אָבער ניט די פרוי, צו וועלכער דער געגענשטאַנד געהערט. דער אָנבליק אָדער די בערירונג פון דעם פעטיש, איהם צו דריקען צום הארץ אָדער צו די געשלעכטס־אָרגאַנען, דאָס אליין איז אימשטאַנד ביים פעטישיסט ארויסצורופען ערעקציעס, תאוה און זאַ־מען־אויספלוס. עס עקזיסטירען אפילו פעטישיסטען וואָס ווערען גע־שלעכטליך אויפגערעגט בלויז ווען זיי דערזעהען געוויסע פעהלערס ביי פרויען, ווי שיקעלדיגע, קאַסאָקע אויגען, קרומע פיס א. אז. וו. טייל פעטישיסטען שניידען אָב פרויען צעפּ; די דאָזיגע מענשען זוכען אין א געדרענג אבצושניידען א פרויען־צאָפּ, בכדי מיט איהם צו אָנאַנירען. אזוינע צעפּ־פעטישיסטען ווערען אפילו בעגייסטערט פון א בעשרייבונג פון פרויען־האָר. געוויסע פרויען־קאָסטיומען קאָנען אויך זיין פעטישען. און דעריבער האלט מען זיי אין געוויסע באָרדעלען בכדי צו בעפרידיגען יענע קונדען וועלכע פערלאַנגען זיי. דער שוך־פעטישיזם מכח וועלכען מיר האָבען גערעדט ביים מאַזאָכיזם, איז א סך מעהר פערשפּרייט איי־דער דער קליידער־ און טאַשענטוך־פעטישיזם. קראַפט־עבינג דערמאָנט א טיפּישע פאַל פון א פסיכישער אויסשטראַלונג ביי א שוך־פעטי־שיסט; ער האָט געדענקט אז עס איז שרעקליך אוממאָראַלישׂ ארויס־צושטעלען פרויען־שיך אין די פענסטער פון די שוך־געוועלבען. פער־

זער שעהנקייט, איז ביי מיר ניט מעהר ווי א פראגע פון א שקלאפען־געשענק, א מתנה, נאך וועלכער איהר שקלאפישע הינט לעכצט און בעטעלט אזוי גיך ווי איהר פערזוכט דערפון ניט מעהר ווי א טראפען.“
„דערנאך ווילט איהר אויך — פרעסען: איך קען אייך דאך, איהר פערוועהזע חיות, אבער איך וועל אויך דיך דורך און דורך מאכען אויס מענש: אויך דיך וועל איך דערמיט פעט מאכען, ווייל אין מיין סא־דיסטישער און פערווערזער הויכקייט געפין איך דערין מיין וואונש“...
א. אז. וו.

„די הערין“.

אויף דעם ציניששטען אופן, און וואס מען קאן דא ניט איבער־געבען, דערקלערט שפעטער די שרייבערין פון דעם דאזיגען בריף צום מאזאכיסט (ער איז געשריבען מיט אן אמת וויבליכער האנדשריפט). ווי אזוי ער זאל רייצען איהרע געשלעכטס־ארגאנען א. אז. וו....
דער דאזיגער בריף ווייזט, ערשטענס, וואס פאר א גרויסער אונ־טערשיד עס איז אפטמאל פאראן צווישען סאדיסטען און מאזאכיסטען. ער איז אבער אויך אן עדות פאר דער וויבליכער עקסטרעמקייט, פאר דער הויכקייט פון דער עראטישער ליידענשאפט ביי אזוינע פאטהא־לאגישע פרויען, און ווי ווייט זייער ציניזם קאן דערגעהען.
פ ע ט י ש י ז ם (דאס ארויסרופען פון תאוה־געפיהלען דורך דעם אנבליק אדער בערירונג פון איינצעלנע טיילען פון קערפער אדער קליידער פון דער פרוי, אדער דורך דעם בלויזען זיך פארשטעלען פון זיי). מכח דעם דאזיגען סימפטאם האבען מיר שוין גערעדט, און מיר האבען געזעהען וואס פאר א ראלע ער שפילט ביים סאדיזם און בע־זונדערס ביים מאזאכיזם. מיר האבען ווייטער געזעהען, אז א געוויסע פארם פון פעטישיזם איז פערקניפט מיט דעם נארמאלען געשלעכטס־טריב, אויף אן אופן, אז געוויסע טיילען פון קערפער, מלבושים, גע־וויסע ריחות א. אז. וו. רופען ארויס ביי א סך מענשען א בעזונדערס שטארקע אויפרעגונג פון זייער געשלעכטס־טריב. דעריבער, קאנען יע־נע טיילען פון דער פרוי'ס קערפער, וועלכע רעגען אויף דעם גע־שלעכטס־טריב אויף א נארמאלען אופן, ווי די בריסט און די גע־שלעכטס־ארגאנען, און אויך די פארשטעלונגען וועגען זיי, ניט אריינ־גערעכענט ווערען צו די פאטהאלאגישע פעטישען. פונקט דאס אייגע־

„שקלאַף! דער ענטפער וועלכען איך האָב ערהאַלטען, צייגט דאָס וואָס איך האָב ריכטיג ערוואַרט: צו וויסען פון אַ הינטישען שקלאַף, ווי ער וועט מיר אפשר געפעלען. ווייל, דער נפש צייגט די געוועהנליכע שקלאַפען־נאַטור זיך געהאַרכזאַם צו פּראָסטיטואירען און, פערייניגט מיט דעם הינטישען טריב, צו טון אַלעס וואָס איהר ווערט בעפוילען. איך האָב אָבער ליב, אַז דער שקלאַף זאָל זיין מעהר ענטוויקעלט, אַז ער זאָל געוויסענסלאָז אויספירען יעדען אונפערשעמטען בעפעל, אַז, צי פון מיר, זיך אָדער אַנדערע, זאָל זיין קראַפּירטער לייב זיין אַזוי אויפנאַהמס־פעהיג, אַז ניט בלויז זאָל ער קאָנען בענוצט ווערען אַלס אַ שפּיי־קאַסטען, נאָר, אַז מען זאָל איהם אויך קאָנען בענוצען פאַר פערשידענע אַנדערע אָבפאַלען פון קערפּער, און, אַז זיין הינטישע צונג זאָל שפּל'דיג און געפאַלען זיין אימשטאַנד צו טון אַלע לעק־דינסטען ווי לאַנג דאָס זאָל ניט דויערען".

„מיינע ביז איצטיגע טיף פון מיר געשעפּטע ערפאַרונגען לערנען מיך, אַז פריהער פאַר אַלעס איז נויטיג אַט אַזאַ אונטערוואַרפונג צו מיין רייץ־קיצעל. און, אַז שקלאַפען, וועלכע זענען פּאַרטיג דערצו, אָדער יענע וועלכע איך האָב ביז צו אַזאַ געוואונשטען שטאַפּעל דער־צויגען, פערשאַפען מיר דאָס געזוכטע פערגעניגען. כדי איינצובּרעכען דעם שקלאַף האָב איך מיך ביז איצט געקאָנט בעגעהען אָהן אַ בייטש, ווייל מיינע איבעריגע שניידענדיגע מיטלען און ווערקצייג, וועלכע האָ־בען זיך ארויסגעצייגט אַזוי פּאַרטרעפליך עמפינדליך, מאַכען די בייטש ניט בלויז איבערפליסיג, נאָר די שקלאַפען ווערען אונטער זייער וויר־קונג אויסגעצייכענט צוגעפּאַסט, איינגעבראַכען איז ראַפינירט. אויף דער דאָזיגער מעטאָדע קאָן איך מיך רוהיג פערלאָזען. בעשעפעניש, וועלכע זענען פון אָנהויב געווען פער'עקשנ'ט, אָדער האָבען געהאַט געוויסע שוואַכקייטען, האָב איך מיט דער דאָזיגער מעטאָדע איינציג־ווייז געמאַכט אַזוי ווילענלאָז און געהאַרכזאַם, אַז שפּעטער האָב איך זיי ניט נאָר בענוצט איינציגווייז, נאָר צו צוויי מיט אַמאָל, און טייל־מאָל, צוליב אָבוועקסלונג, אויך מיט אַ שקלאַפין, אויב מיר האָט זיך נאָר געגלוסט מיין פערווערזיטעט צו בעפרידיגען אויף דעם דאָזיגען אופן."

„דיך, דו הינטישער שקלאַף, דיך נאָך מעהר צו מאַכען אויס מענש, דיך צו בעשענקען מיט דער גאָלדענער פליסיגקייט פון מיין פערווער־

בעו א מוטיגעו הערשער צו וועמען זי זאל קאנען ארויפקוקען. בכלל האבען אפילו נארמאלע פרויען ניט שטארק גערן, ווען זייער מאן פרעגט זיי א סך עצות, ווען ער צווייפעלט, שטאמעלט און שלאגט זיך מיט דער דעה; אדרבה, זיי האבען ליב דעם מאן ווען ער איז פעסט ענט־שלאסען און אפילו אביסעל הערשעריש, דערביי זייענדיג געגנוג העפליך. עס איז א שפריכווארט, אז א סך פרויען ווילען אפילו געשלאגען ווערען פון זייערע מענער, און זענען ניט צופרידען ווען ער טוט עס ניט. בעז־זונדערס אפט שיינט דאס אזוי צו זיין אין רוסלאנד. פוגדעסטוועגען בעגעגענט מען ביי פרויען זעהר זעלטען אויסגעשפראכענע און שארפע פארמען פון מאזאכיזם.

דער מאזאכיזם ווייזט בעשיינפערלעך א געוויסע ענליכקייט מיט דעם רעליגיעזען עקסטאז פון די פאקירען (אסקעטען, פרושים), פלאַ־געלאנטען, די וואס לאזען זיך שמייסען (מלקות) א. דגל. די דאזיגע מענשען שיינען ממש צו ווערען אנגעצונדען מיט א געוויסער התלהבות, דורך דעם געדאנק, אז דורך זייער אבקומעניש וועלען זיי נושא־חן־זיין ביי גאט און אריין אין גן־עדן. איך האב געקענט אן אלטען זעהר גע־בילדעטען מאן וועמעס איינציגע ליידענשאפטליכע אויפרעגונג אין משך פון זיין גאנץ לעבען איז בעשטאנען אין א האגעל פון קלעפ. אלס אינגעל האט ער, פונקט ווי רוססא, אויף אלערליי אופנים, דורך פער־שידענע שפיצלעך און מאוס׳ע אויפפירונגען געזוכט צו קריגען גע־שלאגען. ווען ער איז געווארען עלטער און דאס האט מעהר ניט גע־קאנט אנגעהען, האט ער דורך אלערליי כיטרע שטיק געפירט צו א געשלעג צווישען די שול־אינגלעך, בעת וואס ער האט זיך כלומרשט צוליב דעם שטארק געבייזערט און זיי געמאכט פארוואורפען. דאס האט נאטירליך די אינגלעך נאך מעהר געדייצט און זיי האבען זיך באלד צו איהם אויך געטשעפעט, איהם געסטראשעט און איהם געוואלט בייז מאכען. דאס אליין איז אויף דעם אופן שוין געווען געגנוג ביי איהם ארויסצורופען ערעקציעס און זאמען־אויספלוסען אין משך פון זיין גאנץ לעבען. אנדערע סעקסועלע אויפרעגונגען זענען איהם געווען פונקט אזוי פרעמד ווי די סעקסועלע ליבע.

פון א בריף פון א סאדיסטין, וועלכע שטאמט פון די אזוי־גערו־פענע בעסערע קרייזען (!), צו א מאזאכיסט פון דערזעלביגער געזעל־שאפט, נעהמען מיר ארויס די פאלגענדע באראקטעריסטישע שטעלען:

ער נאָך א שווערערע פרוי און נאָך א גרויזאַמערע פאָרם פון פייניגונג. נאָך א צוויי אָדער דריי שטונדען איז ער געווען בעפרידיגט, בעצאָלט די פרויען, טראַקטירט זיי מיט ווייַן, רייבט זיך זיינע בלויע פלעקען, טוט זיך אָן, בעצאָלט וואָס עס קומט נאָך פון איהם און געהט אין זיין געשעפט, אין א וואָך ארום צוריקצוקומען בכדי פון דאָס ניי צו געניסען דעם דאָזיגען זונדערבאַרען תענוג."

אלס „לאַרווירטען מאַזאָכיזם" בעצייכענט קראַפט־עבינג יענע אַלע פאַלען פון פעטישיזם, ביי וועלכע די נאַטור פון דעם פעטיש וועלכער וועקט אויף די געשלעכטליכע אויפרעגונג, און דער אופן ווי אזוי ער ווערט בענוצט, בעווייזען, אז ביים פעטישיסט איז אויך פאַראַן א בעדערפעניש צו ווערען דערנידעריגט און מיסהאַנדעלט פון א פרוי. דאָס איז בעזונדערס דער פאַל מיט דעם שוך־ און פוס־פעטישיזם. ביי די וואָס ליידען פון דער דאָזיגער פּאַטהאָלאָגישער ספּעציאַליטעט, ווערען אמלייכסטען ארויסגערופען תאווה־געפיהלען בעת זיי ווערען גע־טרעטען פון ווייבליכע פיס אָדער שיך. אין זייערע חלומות זעהען זיי נאָר שיך און פיס פון שעהנע פרויען. טייל פון זיי שלאָגען זיך אריין לאַנגע נעגעל אין זייערע שיך, און דער וועהטאָג וועקט ביי זיי אויף די תאווה. ווידער אַנדערע מאַזאָכיסטען קאָנען זיך געשלעכטליך אויפ־רעגען בלויז ווען זיי בעריהרען דעם פּעניס מיט א ווייבליכען שוך. נאָך אנדערע לאַרווירטע מאַזאָכיסטען ווערען אויפגערעגט דורך דער השתנה אָדער אפילו דורך דעם תנוך פון דער פרוי. איינמאָל בין איך קאָנ־סולטירט געוואָרען פון א טיפּישען מאַזאָכיסט, וועלכער איז געווען זעהר רעליגיעז און דעריבער איז ער געווען איבערצייגט, אז זיין פער־דאָרבענער געשלעכטס־טריב איז א זינד. קעמפּענדיג א לאַנגע צייט מיט אַלע זיינע כחות, האָט ער שפּעטער חתונה געהאַט, גלויבענדיג, אז זיין חרטה וועט איהם מיט גאָט'ס הילף מאַכען פאַר אן אַנדערען מענש. אבער ער איז נאַטירליך געווען פולשטענדיג אימפּאָטענט, און אונפעהיג צו האָבען א געשלעכטס־פערקער מיט זיין פרוי.

בעת דער מאַזאָכיזם איז ביים מאַן ניט מעהר ווי אן אַפּטע ער־שיינונג, איז ער אבער ביי דער פרוי גיכער א סמן, אן אַנדייטונג, פון איהרע איגוועניגסטע נאָרמאַלע סעקסועלע געפיהלען, מחמת ביז א הויכען שטאַפּעל פאַלט ער צונויף מיט איהר נאָרמאַלער פּאַסיווער ראָלע. די פרוי האָט ניט ליב דעם שוואַכען און שקלאַפישען מאַן; זי וויל האָ־

ווערט דערצו געטריבען אינסטינקטיוו, נאר מחמת זי קריגט בעצאלט דערפאר. אנדערע מאזאכיסטען האבען אן הנאה פון דער פארשטעלונג, אז זיי ווערען פון פרויען צושטאכען מיט מעסערס אדער צושניטען אויף שטיקער. אנדערע ווידער לאזען זיך פון זייערע פרויען איינזייפען און ראזירען, בעת וואס זיי בעהערשט א מאזאכיסטישע פאנטאזיע, אנשטאט מיט זיי צו האבען א געשלעכטס־פערקער. רייכע מאזאכיסטען ארגאניזירען גאנצע טעאטער־סעצענעס, אין וועלכע בייזע פרויען שפילען די ראלען פון ריכטערינס פון וועלכע זיי לאזען זיך נאקעט און געבונדען שמייסען, בעליידיגען און פערורטיילען צום טויט. ביי א טייל מאזאכיסטען איז גענוג, דאס אלעס זיך בלויז פארצושטעלען, פערבינדענדיג טיילמאל זייער פאנטאזיע מיט קויטוס אדער אנאניזם.

די זונדערבארע פאנטאזיעס פון דעם טאלאנטפולען, און אין א געוויסען פרט אפילו געניאלען, פראנצויזישען דיכטער באדעלעיר, וועלכער לאזט זיין אייגענעם טויטען קערפער הענגען אויף דער תליה אויף דעם אינזעל ציטהערא, וועלכער ווערט צוריסען פון קארשונגען (רויב־פויגעל) א. אז. וו. דארפען, ווי קראפט־עבינג האט ריכטיג בעמערקט, בעטראכט ווערען אלס געמיש פון מאזאכיזם און סאדיזם, וועלכע דער דיכטער האט דורך א געוויסער פארם פון א פאסיוו־סעקסועלער נעקראפילע (זעה ווייטער אונטען) צוזאמענגעקניפט מיט זיין אייגענער פערזאן. ער האט געזוכט צום געשלעכטס־פערקער די מאוס׳טע און אבשטויסענדיגסטע פרויען פון אלע ראסען, כינעזינס, נעגערינס, קארליקעס, גיגאנטען אדער מאדערנע, וואס מעהר געקיננטעלטע פרויען, און ער איז בכלל געווען א דורך און דורך פאטהאלאגישע נאטור. דער פאלגענדער פאל וועלכען קראפט־עבינג ציטירט פון האמאנד איז טיפיש:

„א פערהייראטער מאן, שטרענג זיטליך, און א פאטער פון עטליכע קינדער, האט צייטענוויז געהאט אנפאלען בעת וועלכע ער איז אוועק אין א באָרדעל. ער זוכט זיך אויס צוויי אדער דריי פון די שווערסטע פרויען און פערשליסט זיך מיט זיי. ער טוט אויס זיין אויבערשטען טייל קערפער, לעגט זיך אויף דער ערד, קרייצט איבער זיינע הענד, פערמאכט די אויגען און לאזט די פרויען טרעטען אויף זיין נאקעטער ברוסט, האלז און פנים, און ער פערלאנגט פון זיי ביי יעדען טריט צו דריקען זיין פלייש מיט זייערע קנאפלען. טיילמאל פערלאנגט

נים. אויב זי איז פולשטענדיג, איז דעמאַלט דער מאַזאָכיסט פּסיכיש
אימפּאָטענט ד. ה. ער איז אונפעהיג צו אַ נאָרמאַלען געשלעכטס־פער־
קער. נאָר די דערמאָנטע מיסהאַנדלונגען און בושות זענען אימשטאַנד
ביי איהם אַרויסצורופען אַ געפיהל פון תאוה צוזאַמען מיט ערעקציעס
און זאָמען־אויספלוסען. אבער אויך דאָ, פונקט ווי ביים סאַדיזם, קאָ־
נען ריכטיג צוגעפּאַסטע און אייגנאַרטיגע פאַנטאַזיעס, אָדער קאָמע־
דיעס אין וועלכע דער מאַזאָכיסט זעהט זיין אייגענע דערנידערונג,
פערנעהמען דעם פּלאַץ פון דער פּאַקטישער מיסהאַנדלונג און אויף דעם
דאַזיגען אופן דערגרייכען דעם געווינשטען ערפּאָלג.

נאָך אַלס קינד, בעת עס וועקען זיך אויף די ערשטע סעקסועלע
געפיהלען, ציהט עס ליידענשאַפטליך דעם מאַזאָכיסט נאָך קנעכט־
שאַפט און אונטערוואַרפונג, צו ווערען פון אַ פרוי בעהערשט און בע־
האַנדעלט ווי אַ שקלאַף. ער חלומ'ט אין דער פאַנטאַזיע פאַר איהר צו
ליגען אויף זיינע קניע, צו ווערען געטרעטען מיט די פיס, געבונדען
מיט קייטען און אפילו געוואָרפען אין תפיסה. זיין העלדין מוז פון
איהם וואָס מעהר חוזק מאַכען און וואָס מעהר בעליידיגען. קערפּער־
ליכע שטראַפען, מיט דעם ערנסטען צוועק צו פערבעסערן, בעפרי־
דיגען ניט דעם אמת'ן מאַזאָכיסט. אין זיין „Confessions" האָט זיך
רוססאָ אַרויסגעוויזען פאַר אַ ניש'קשה'דיגען מאַזאָכיסט. עס איז צו
שטוינען, ווי ווייט ביים מאַזאָכיסט וועבט זיך צונויף אַ פּאָעטישע
ראָמאַנטיק מיט אַ סעקסועלער פּערווערזיע. אַ חלום אין וועלכען ער
זעהט זיך צוזאַמען מיט זיין אידעאַל, אַ רעגירערישע און גרויזאַמע
פרוי, און וועלכער ער שענקט זיין ליבע אין דער טיפסטער פערגעטערונג
און אין דער שפּל'דיגסטער הכנעה. עס פערשטעהט זיך, אַז די ערעק־
ציעס וואָס זענען די פעולה פון אָט אַזוינע מאַזאָכיסטישע פאַנטאַזיעס,
פירען אָפטמאָל צום קויטוס מיט דער איינגעבילדעטער העלדין, אָדער
דער זאָמען־אויספלוס ווערט אַרויסגערופען דורך מאַסטורבאַציע. ניט
זעלטען ווערען מאַזאָכיסטען אַזוי־גערופענע פ ל אַ ג ע ל אַ נ ט ע ן
און זיי לאָזען זיך שמייסען און טרעטען מיט די פיס פון גאַסענפרויען.
פונדעסטוועגען טרעפט אָפטמאָל, אַז זיי ווערען ענטוישט און אנשטאָט
תענוג האָבען זיי יתורים; פאַר זיי ווערט פּלוצלינג דער גאַנצער שפּיל
אויפגעדעקט, זיי דערזעהען, אַז אַלעס איז ניט מעהר ווי אַ בעשטעלטע
קאָמעדיע און, אַז די פרוי שלאָגט זיי און פייניגט זיי ניט מחמת זי

אינז אלעמאל די ציימונגען און די קרימינאל פראצעסען אלץ נייע און נייע בילדער. די בעקאנטע לעגענדע פון בלויבארט איז אחן ספק געבויט אויף סאדיסטישע פערברעכענס. טייל סאדיסטען הרג׳ענען קינדער, ווידער א סך אנדערע, אויב זיי האבען מעהר אדער ווייניגער א האמא־סעקסועלע נייגונג, טויטען זיי אויך מענער.

דער סאדיזם בעגנוגענט זיך אבער ניט אלעמאל בלויז מיט לעבעדיגע מענשען. טייל סאדיסטען פייניגען און טויטען חיות אנשטאט מענשען און זעטיגען זייער תאוה מיט דעם בלוט פון זייער קרבן. אנדערע בעפרידיגען זייער טריב דערמיט, וואס זיי שלאגען די פרוי מיט א בייטש און שטעכען איהר לייב ביז בלוט. ווידער אנדערע פערשאפען זיך דעם גרעסטען תענוג דורך א לאנגזאם און סיסטעמאטיש מאטערען און פייניגען פון זייער קרבן. נאך אנדערע בעגנוגענען זיך מיט א געשפילטער, סימבאלישער סצענע פון אונטערוואַרפונג, ביי וועלכער די פרוי מוז זיי פערגעטערען און צו זיי בעטען אדער כלומרשט אנקומען נאך א גענאד, אדער אויך מיט אבשניידען די האר, מיט מאַ־כען קליינע בלוטיגע ריסען אדער שפאלטען אין דער הויט, מיט א כלומרשט אבראזירען די האר פון דער הויט א. ד.גל. די דערנידערונג און בעליידיגונג פון דער פרוי שפילט א גרויסע ראלע ביים סאדיזם פון מאן און טיילמאל דעגענערירט ער אין א פעטישיזם. אפטמאל זע־נען בלויז גענוג בלוטיגע און טיראנישע פאנטאזיעס, קאמפּליצירט מיט אנאניזם אדער נארמאלען געשלעכטס־פערקער, וועלכע רייצען זייער תאוה; אנדערע סאדיסטען בעפרידיגען זיך ווידער דורך אויסשמירען זייער לייב מיט דעם טנוף פון דער פרוי וועלכע זיי „ליבען“.

ב). מ א ז א כ י ז ם. (א פערבינדונג פון א פאסיוו אריבער־טראגען פון גרויזאמקייט אדער שווידער מיט דער געשלעכטליכער תאוה). דער דאזיגער פערווערזיע האט קראפט־עבינג א נאמען געגעבען מאזאכיזם נאך דעם שריפטשטעלער זאכער־מאזאך, וועלכער האט זי בעשריבען אין א טייל פון זיינע ראמאנען. דער מאזאכיזם איז פונקט דער היפוך פון סאדיזם, אבער ווי מיר האבען געזעהען, איז ער מיט איהם נאהענט פערוואנדט און אפטמאל פערמישט. דער מאזאכיסט ווערט געשלעכטליך אויפגערעגט, בעת ער ווערט אונטערוואַרפען, פערשעמט, געשלאגען אדער בכלל, ווען ער ליידט שמערצען. פונקט ווי דער סאדיזם קאן די דאזיגע פערווערזיע זיין פולשטענדיג אדער

דיפּפּאָלד א. אז. וו. אמת'ע לוסט־מערדער פיהלען די העכסטע תאוה ווען זיי צושניידען און צורייסען זייער פערנאַרטען קרבן. ביי טייל איז די תאוה אַזוי גרויס, אַז זיי פרעסען זייִן פלייש און טרינקען זיין בלוט.

לאָמבראָזאָ צייגט, ווי די מאָרדלוסט, וועלכע ווערט פריי געלאָזט דורך קאַמף און שלאַכט בשעת מלחמות, פיהרט אויפגערעגטע סאָלדאַ־טען צו די ווילדסטע גרויזאַמסטע סעקסועלע עקסצעסען. דאָס איז א מין פערקערטער סאַדיזם, מחמת דאָ ווערט די תאוה אויפגעוועקט דורך דער בעגייסטערונג און דורך דעם צאָרן פון קאַמף בשעת זיין גרעסטער בערוישונג.

שוואַכע סאַדיסטישע אַבקלאַנגען מערקען מיר זעהר אָפט אי ביי מענער און אי ביי פרויען, מחמת ניט זעלטען בעת דער העכסטער תאוה פון געשלעכטס־פערקער, אין דעם עקסטאַז פון זייערע אומאַר־מונגען, בייסט און צוקראַצט דער מאַן, אָדער די פרוי, אויס ריינער ליבע (ד. ה. צוליב דער אויפגערעגטער תאוה). דאָס זענען בלויז סימ־באָלישע סמנים וואָס זענען דורכויס אונשעדליך און וועלכע זענען זעהר פערשפּרייט.

א חוץ דעם לעבט נאָך אין מאַן, בעזונדערס צוליב זיין אַקטיווער ראָלע, אַז אַטאַוויסטישע איבערבלייבעניש פון דעם אינסטינקט פון מאַכט, אַז איבערבלייבעניש פון די קאָנקורענץ־קאַמפּען פון זיינע פאָר־פאַטערס מיט אַנדערע מענשען און פון דער ברוטאַלער עראָבערונג פון דער פרוי, און דעריבער פיהלט ער א געוויסע תאוה אין דער פולשטענ־דיגער אונטערוואַרפונג פון דעם אָביעקט אויף וועלכען זיין געשלעכטס־טריב איז געווענדט.

ביי א טייל סאַדיסטען איז דער געשלעכטס־פערקער פערבונדען מיט גרויזאַמקייט: א סך א גרעסערע צאָל אָנאַנירען פשוט דערביי. אָבער אפשר די גרעסטע צאָל סאַדיסטען טון ניט דאָס ערשטע און ניט דאָס צווייטע; דאָס בלויזע זעהען יענעם ליידען רעגט ביי זיי אויף די תאוה און דעם אָרגאַזם. די דאָזיגע מענשען ווערען ספּעציאַליסטען אין דער מאָרד־קונסט אָהן דערביי ענטדעקט צו ווערען. דער ציניזם, מיט וועלכען טייל סאַדיסטען בעשרייבען זייערע געפיהלען, איז אַן עדות פאר זייער קאַלטבלוטיגקייט און שוידערליכקייט. קראַפט־עבינג בעשרייבט א ריי פון אַזוינע שרעקליכע טיפּען. און ליידער ברענגען

אלע, אדער כמעט אלע אלגאלאגניקער זענען מעהר אדער ווענינער שווערע פסיכאפאטען. פריהער איז נויטיג א פאטהאלאגישע היסטערי־שע דיספאזיציע אין געהירן, בכדי דער שפעטערדיגער סעקסועלער טריב זאל קאנען פון אזוינע מינים וואונדען פערפירט ווערען אויף אזא קרומען וועג.

זעהר וויכטיג איז אויך דער פאקט, וואס אפילו ביים נארמאלען געשלעכטס־לעבען מערקען מיר סמנים פון דער אלגאלאגניע. צארן, עקסטאז און תאוה זענען צווישען זיך פערוואנדט (זעה דעם סוף פון קאפיטעל 5, דאס שייכות צווישען ליבע און רעליגיע). איך וויל נאך זאגען, אז די אלגאלאגניע קומט פאר אי ביי דעם נארמאלען (העטעראָ־סעקסועלען) און אי ביי דעם האמא־סעקסועלען גאנג פון דעם טריב. די וויכטיגקייט פון דעם דאזיגען ענין האט מען אהן אן ערך אונטער־געשאצט און פאר א לאנגע צייט האט מען אין די עקסטאטיקער (התלהבות), אין די פלאגעלאנטען (מלקות, שלאגען צוליב פרומקייט) און אין דעם שמייסען קינדער אין דער שולע, פערזעהען דאס סעקסוע־לע עלעמענט. סאדיסטישע לעהרער און מאזאכיסטישע שילערס זע־נען דא א סך מעהר ווי מען שטעלט זיך פאר; טייל זענען געווען מיי־נע פאציענטען. דאס זאג איך בעזונדערס פאר די אנהענגער פון בע־שטראפען קינדער מיט שלאגען. איבער דעם דאזיגען ענין ראט איך צו לעזען דאס בוך פון לידיא פאן וואלפרינג „די בעשטראפונגען פון קינדער, זייערע אורזאכען און די מיטלען זיי צו היילען“.

איצט ווילען מיר בעשרייבעןביידע פארמען פון אלגאלאגינע:

א) סאדיזם אדער די אויפרעגונג פון דער תאוה דורך גרויזאמקייט. היסטארישע ביישפילען פון סאדיזם ביי מענער און פרויען פעהלען ניט: נערא, קאליגולא, טיבעריוס, איוואן דער שרעק־ליכער, קאטהארינא דע מעדיצי (בארטהאלאמיוס־נאכט, דאס בייטשען פון איהרע הויפדאמען), עליזאבעטה פון רוסלאנד א. אז. וו. — דער נאמען קומט פון מארקיז דע סאדע, פון וועמעס פארנאגראפישע ראָ־מאנען עס טריפען תאוה מיט גרויזאמקייט, וועלכער איז אבער געווען בעגאבט און האט דעם גאנצען ענין ריכטיג שטודירט און בעשריבען. די שווידערליכסטע און מיינסטענס טיף מאראליש געזונקענסטע סאַ־דיסטען שינדען, צוהאקען און פייניגען זייער קרבן ביז צום לוסט־מארד. אזוינע טיפען זענען „דזשעק דהי ריפפער“. דער לעהרער

## דער פערדארבענער (פערווערזער) געשלעכטס-טריב געווענדעט צו א מענשען פון דעם צווייטען געשלעכט.

די אלגאלאגניע אדער די תאוה נאך שמערץ (סאדיזם און מאזאכיזם). מיט דעם דאזיגען נאמען רופט אן שרענק-נאטצינג די אויפרעגונג פון דער סעקסועלער ליידענשאפט דורך א פערורזאכטען אדער געליטענעם קערפערליכען אדער גייסטיגען וועהטאג אדער שרעק.

וועדליג מיין ערפארונג צוזאמען מיט דער ערפארונג פון קראפט-עבינג, דארף מען דיווארצלען פון דער אלגאלאגניע בכלל זוכען אין דער קינדהייט. איך האב ניט געזעהען קיין איינציגען דערווארבענעם פאל, ביי וועלכען עס האט פריהער עקזיסטירט א נארמאלער געשלעכטס-טריב. די אלע וועלכע ליידען דערפון געדענקען, אויף ווי ווייט זייער זכרון גרייכט צוריק, צו האבען געווארען געשלעכטליך אויפגעטרעגט ביז צום סאמע ארגאזם, וועדליג נאך דעם פאל, דורך שלאגען אדער קריגען געשלאגען (בעזונדערס אויף דעם געזעס), און דורך ענליכע פאנטאזיעס, דורך שוידערליכע סצענעס, דורך געליטענע און פערורזאכטע ערנידערונגען, בושות א. אז. וו. דערביי זענען פאראן א סך מישונגען, אבער אויך גאנץ אדער כמעט גאנץ ריינע סאדיסטען און מאזאכיסטען. טיילמאל איז מיט דעם צושטאנד פערקניפט אן ערעקציע מיט א געפיהל פון תאוה אדער דגל., בעת מען מאכט גימנאסטיק אדער מען קלעטערט אויף דער שטאנג.

אז אהן ספק זעהר וויכטיגער פאקטאר ביי דער ענטשטעהונג פון א סך פאלען פון אלגאלאגניע איז אן איינגעקלעמטע סעקסועלע ליידענשאפט, וועלכע האט זיך בעוויזען אין דער קינדהייט, זיך שפעטער ארייגעגראבען אין געהירן אלס אן אזוי-גערופענער קאמפלעקס און וועלכער איז טיילמאל קורירט געווארען דורך פסיך-אנאליז (ברויער, פרויד, א. וואנט, פראנק, בעזזאלא א. אז. וו.). עפעס וואס רופט ארויס ביים קינד אן אנגסט, א שוידער צוזאמען מיט א תאוה. דאס איז גענוג, אז די גאנצע אסאציאציע פון די געפיהלען זאל זיך ארייננישטערען און זיך בעזעצען אין דער אונבעוואוסטער געהירן-ספערע, דארט פערבליבען, האבען איהר ווירקונג, און אויף דעם אופן בעהערשען דאס וויטערדיגע געשלעכטס-לעבען פון דעם אינדיווידיום. דאס דארף אבער ביט פערשטאנען ווערען אלס א היפוך צו דער ירושה. ארבה:

קראנקהייטען. עס וואָלט אבער געווען א גרויסער טעות צו גלויבען, אז דער אנאניזם שאדט זיי פיל ווענינער איידער די מענער. הגם ביי זיי פעהלט דער זאמען־אויספלוס און מיט איהם אויך דער שליים־פערלוסט, דערפאר אבער זענען די איבער'חזר'ונג און די אנשטרענגונג פון דער נערווען־רייצונג מיינסטענס שטארקער ביי זיי און זיי שאדען בכלל מעהר איידער דער שליים־פערלוסט. אבער עס איז כאראקטעריסטיש, אז פרויען וואס אנאנירען שעמען זיך דערמיט וועניגער איידער מענער, און, אז דער געמיהטס־צושטאנד, די נידערגעשלאגענקייט, וועלכע שיינט צו ברענגען דעם גרעסטען שאדען, איז ביי זיי שוואכער. אפשר איז אין דעם טיילווייז שולדיג וואס ביי דער פרוי פעהלט דער זאמען־פערלוסט. דער דאזיגער צוועקלאזער זאמען־פערלוסט רופט ארויס ביים מאן זיין בעזונדערס נעדריקטע און געפאלענע שטימונג, מחמת ער איז אזוי טיף אבנארמאל, און פאר די אויגען פון דעם אנאניסט שטראמט דורך דער נעוואלדיגער תהום צווישען דעם צוועק פון געשלעכטס־טריב אין זיין בעזונדערקייט פון אנאניזם.

די דאזיגע, הגם אבנארמאלע הויכע אויפגערעגטקייט פון דער פרוי'ס געשלעכטס־טריב, האט מיט איהרע איבעריגע כאראקטער אייגענשאפטען גאר זיך גופא גארניט צו טון. און זי קאן געהען האנד אין האנד מיט א העכערען מאראלישען, עסטעטישען און אינטעלעקטועלען שטאפעל, און אפילו מיט א שטארקען ווילען. א מאראלישע געזונקענקייט און א שוואכער ווילען קאנען, אדרבה, זיין געפּאָרט מיט א סעקסועלער קאלטקייט, און, ווי מיר האבען שוין געזעהען, קאנען זיי, ווערליג דער אייגענטימליכקייט פון די ווייבליכע געפיהלען, אהן תאוה פירען צו געשלעכטליכע עקסצעסען. דערמיט זעהען מיר אלץ מעהר, ווי ווייט קאמפּליצירט עס זענען די אורזאכען פון א געוויסער פאלגע אין דעם געביט פון דעם געשלעכטס־לעבען.

## פערווערזיעס פון דעם געשלעכטס־טריב אדער די פארעסטהעזיעס פון דער סעקסועלער עמפינדונג.

דא האנדעלט זיך מכח א ריכטונג פון געשלעכטס־טריב וועלכע איז צוערשט גרינדליך שטודירט געווארען פון קראפט־עבינג; מיר וועלען נאכפאלגען די וויכטיגסטע פונקטען ווערליג זיין איינלייטונג.

אַז די דאָזיגע קאַטעגאָריע אָנאַניסטען, וועלכע יאָמערען און קלאָפּען זיך אין האַרץ, שטעלט מיט זיך בשום אופן נישט פאַר דעם אָנאַניזם אין זיין פערשפּרייטסטער און איבער־מאָסיגסטער פאָרם. די איבער־מאָסיגסטע, די ערגסטע אָנאַניסטען, יענע וועלכע אָנאַנירען אָפּטמאָל עטליכע מאָל אין טאָג, געהערען צו דער קאַטעגאָריע פון די סעקסועלע היפּערעסטהעטיקער און זיי האָבען אויף קיין פאַל נישט דאָס יאָמערליכע און טרויעריגע אויסזעהען וועלכעס איז דאָס פּאָפּולערע בילד פון אָנאַניסטען. אדרבה, זיי ווערען נישט זעלטען נאָך אין די גאַנץ יונגע יאָהרען פרעכע דאָן זשואַנס, פּונקט ווי אַנדערע קאָנען זיי אויך זיין מוטיגע און פּיזיש שטאַרקע און געשיקטע מענשען, און תמיד זיין גרייט צו אַלערליי שפּאַסען און שפּיצלעך. דעריבער איז פּשוט נישט אמת, אַז „אַן אָנאַניסט דערקענט מען אין פּנים און אין זיינע מאַניערען", ווי עס ווערט אָפּטמאָל דערקלערט. אַז די דאָזיגע געוואַלט־אָנאַניסטען טוען זיך אָן אויף אַלערליי אופנים גרויסע שאָדענס, האָבען מיר שוין געצייגט ביי דער סעקסועלער היפּערעסטהעזיע. דעם גרויסען טעות וואָס מען בעגעהט ביי די היפּאָכאָנדרישע אָנאַניסטען, איז ווידער, וואָס מען פערבייט די אורזאַך מיט דער פאָלגע. די סעקסועלע היפּאָכאָנדריע איז לגמרי נישט די פאָלגע פון אָנאַניזם, נאָר זי געהט איהם פאָרויס און איז, אדרבה זיין אורזאַך. עס איז אָהן ספק, אַז אין דעם אָנאַניסט, מיט זיין שעמעדיגקייט און מיט זיינע מאַטערענדיגע גריבלערייען, געפינט שפּעטער די היפּאָכאָנדריע אַ רייכע פעלד פאַר איהר געדייהונג.

פון די דאָזיגע פאַקטען זעהען מיר צוויי זאַכען: ערשטענס, אַז אַ סעקסועלען היפּאָכאָנדריק זאָל מען בעהאַנדלען ווי אַ היפּאָכאָנדריק, און נישט ווי אַן אָנאַניסט; צווייטענס, אַז די ערגסטע שקלאַפּען פון אָנאַניזם מוז מען זוכען ערגיץ אַנדערש איידער ביי דער דאָזיגער פּסיכיש קראַנקער פעריאָמערטער קאַטעגאָריע.

ביי פרויען, בעזונדערס ביי יונגע מיידלעך, איז די היפּאָכאָנדריע אַ זעלטענע קראַנקהייט. דעריבער איז ביי זיי אַ פאַל פון אַ סעקסועלער היפּאָכאָנדריע מיט יאָמערען און זעלבסט־בעשולדיגונגען, איינע פון די גרעסטע זעלטענקייטען. פרויען וואָס אָנאַנירען בעהאַלטען מייגסטענס זייער מאוס'ע געוואוינהייט גאַנץ פאָרזיכטיג ביי זיך, זיי שאַפען זיך דערמיט אַ פערגעניגען און בכלל בעקלאָגען זיי זיך גאַנץ וועניג אויף

אין דער גאנצער געשיכטע פערגעסט מען, פונקט ווי יענע מאלפע אין דער פאבעל, בלויז איין זאך, און דאס איז אנצוצינדען די לאטער־נע, ד. ה. מען פערגעסט ביי די אלע אינדיווידוען זיך געגוי און באריכות צוצוקוקען צו זייער כלומרשט שוידערליכען אנאניזם. אויב מען טוט דאס אהן פארורטיילען, קומט מען צו די פאלגענדע רעזולטאטען:

די דאזיגע מענשען זענען פסיכאפאטען בירושה, פון קינדהייט אן שעמעדיג, נידערגעשלאגען, צוריקגעצויגען, מיט א נייגונג זיך צו גריב־לען און זיין פערטון בלויז אין זיך. אבער מעהר פון אלעם צו האבען א היפאכאנדרישע נאטור, ד. ה. צו האבען א טבע אין איטליכער קליינינגקייט און אין דעם מינדסטען וועהטאג צו זעהען שווערע און געפערליכע קראנקהייטען, וועלכע מאכען א תל פון זייער לעבען און זייער געזונד און צו וועלכע זיי האלטען זיך אין איין צוהערען און צו־קוקען. אט אזוי לעבען זיי אין איין שרעק. די דאזיגע גייסטיגע אב־נארמאליטעט איז ביי זיי עלטער ווי זייער אנאניזם, אויב זיי זענען אנאניסטען גאר אינגאנצען, מחמת אפטמאל זענען זיי דאס גארניט. צווישען דער גרויסער צאל פון אזוינע אונגליקליכע פאציענטען, וועלכע איך האב בעהאנדעלט, האבען זיך געפינען א סך וועלכע האבען זינט זייער געשלעכטליכער רייפצייט געהאט אויף א נארמאלען אופן נאכט־ליכע פאלוציעס, אבער געמיינט האבען זיי, אז אט דאס איז דער שרעק־ליכער אנאניזם. זעהר א סך זענען טאקע נאטאנאניסטען און גראד דער־פאר, מחמת זייער שעמעדיגע, אייזאמע און ענסטליכע נאטור האלט זיי אב פון דער פראסטיטוציע און פון אנדערע סעקסועלע עקסצעססען. בעת זייער שטענדיג זיך־גריבלען אין זייערע אלע עמפינדונגען פירט זיי זעהר לייכט צום אנאניזם. אבער זיי זענען מיינסטענס אזוי שרעק־קעדיג, אז זיי טרייבען דעם אנאניזם בשום אופן ניט צו ווייט. זיי מאסטורבירען אפשר איין אדער צוויי מאל אין דער וואך, זעהר אפט נאך פיל זעלטענער, אזוי, אז אפטמאל ווערט אפילו ניט דערגרייכט, און זעלטען אריבערגעשטיגען, די נארמאלע אפטקייט פון קויטוס, וועד־ליג לוטהער, וועלכע מיר האבען דערמאנט פריהער. זעהר ווייניג פון די דאזיגע מענשען זענען פריהצייטיגע אדער עקסצעסיווע אנאניסטען. אבער, ווי שוין געזאגט, גיבען מיר צו, אז א היפאכאנדרישע קאנס־טיטוציע איז אביסעל גענייגט צום אנאניזם.

אבער דאס וואס מיר מוזען אמקלארסטען ארויסברענגען איז,

צו איהם צוריקקומען ווען מיר וועלען רעדען וועגען האָמאָ־סעקסואַלי־
טעט. בעת די נאַטירליכסטע און די שכל'דיגסטע היילונג פון דעם נאַ־
טאַנאַניזם ליגט אין דעם נאָרמאַלען געשלעכטס־פערקער, קאָן אָבער דאָ
דערפון קיין רייד ניט זיין, ווי מיר ווילען דאָס זעהען שפּעטער. מיר
ווילען דעריבער, מען זאָל געדענקען, אַז בכדי צו קאָנען אורטיילען מכח
דעם כאַראַקטער פון דעם אָנאַניזם, מוז מען זיך אַלעמאָל איבערצייגען
מיט וועלכע עראָטישע בילדער ער איז פערבונדען. אויב די פאַנטאַזיעס
ביי מענער זענען וועגען פרויען, האַנדעלט זיך דעמאָלט פּשוט וועגען
נאָטאָנאַניזם אָדער דגל.. זענען זיי וועגען מענער, איז עס אַ פראַגע
פון האָמאָ־סעקסואַליזם; זענען דערביי בכלל קיין בילדער ניט פאַראַן,
דעמאָלט איז דאָס פּראָבלעם צווייפעלהאַפט, אָבער אָפּטמאָל בלייבט אַ
חשד אויף אַן אַבנאָרמאַליטעט, טיילמאָל אפילו אויף אַ האָמאָ־סעקסואַ־
ליטעט אין איהרע אָנפאַנגס־שטאַפּלען. יעדענפאַלס בעגעגענען מיר
אָפּטמאָל דעם אָנאַניזם ביי קליינע קינדער, ביי וועלכע די פּסיכאָ־סעק־
סועלע אויסשטראַלונגען פעהלען נאָך גאָר אינגאַנצען.

## דאָס שייכות פון אָנאַניזם צו היפּאָכאָנדריע.

קענטיג אַ גרויסע צאָל אָנאַניסטען נעהמען מיט זיך גופא חשבון
און קלאָגען זיך אַן פאַר האָבען צובראָכען זייער אייגען לעבען. זיי
וויינען פאַר זייער דאָקטאָר און זייערע פריינד, האַלטען זיך אין אייז
בעשולדיגען, ברעכען פערצווייפעלט זייערע הענד און בעטען מען זאָל
זיי ראַטעווען. זיי קוקען אויף זיך ווי אויף אָרימע בעלי־אבֵרות, אין
וועמעס חרבן זיי בעשולדיגען אי זיך און אי אַנדערע; זיי האָבען גע־
לעזען „דר. לאַנדער'ס פערזענליכע פערהיטונג" און ענליכע סענזאַציאָ־
נעלע שריפטען אָדער שווינדעל־ביכער, וועלכע עקספּלואַטירען אי די
נידערגעשלאָגענקייט און אי דעם עראָטיזם פון אַזויגע שוואַכע כאַראַק־
טערס. זיי האַלטען זיך פאַר איביג פערלוירען, און זיי זענען ווירקליך
צו בעדויערען. אָט דאָס זענען די טיפּען וועלכע מען גיט אונז אַלס מאָ־
דעלען אין די אַלע שווינדעליכע ביכער איבער אָנאַניזם. צי מען גלויבט
זיי אָדער מען מאַכט אַזוי ווי מען גלויבט זיי, זיי דינען אַלס די טיפּי־
שע בילדער פון די, ווי עס הייסט בלומרשט, פיזיש און מאָראַליש צו־
בראָכענע אָנאַניסטען.

שלעכטע פאלגען. ליבע און דער נארמאלער געשלעכטס־פערקער זענען פערשטעהט זיך די בעסטע היילמיטלען פאר דער מאסטורבאציע ווען זי איז דערווארבען געוואָרען דורך געוואוינהייטען.

אלס א פיערטע פארם פון אנאניזם קאן מען אריינרעכענען די אויבען דערמאנטע פאלען פון פאראדאקסיע; דא בעווייזט זיך דער אנאניזם ספאנטאן, די אורזאך פון וועלכען עס איז א בירושה געבוי־רענע פסיכיש־סעקסועלע פריהצייטיגע רייפקייט אדער א סאטיריאזיס און נימפאמאניע.

א חוץ יענע פארם פון פאראדאקסיע, די אורזאך פון וועלכער עס איז א בכלל ניט היילבארער סעקסועלער סאטיריאזיס, קאן מען אלע ביז אהער דערמאנטע צווייגען פון אנאניזם ערפאלגרייך בעקעמפען. ניט מיט שטראף און סטראשונקעס, נאר מיט פריינדליכע, אפענהאר־ציגע רייד, מיט אן אבווענדונג פון דעם גייסט אויף אנדערע געגענ־שטאנדען, מיט א בעשעפטיגונג, און טיילמאל אויך מיט היפנאטיזם. די ניי־געגרינדעטע רעפארם־שולען, די אזוי־גערופענע לאנד־ערצי־הונגס־היימען (זעה קאפיטעל 17), האבען זיך אין דעם דאזיגען פרט אויסגעצייכענט, מחמת פון אין דער פריה ביז אויף דער נאכט האט דאס קינד ניט קיין רגע צייט צום פוילענצען און קיין איין אויגענבליק איז ער ניט אליין. אין אבענד ווען עס געהט שלאפען, איז עס אזוי מיד, אז דער שלאף רויבט ביי איהם צו דעם גאנצען אנאניסטישען חשק. א חוץ דעם איז דער גייסט און די ריכטונג פון דער שולע בכלל, א שטארק געגענגיפט געגען אזעלכע געוואוינהייטען. אבער אין שייכות צו דער געשלעכטס־פראגע פאדערט זיך אין יעדער שולע די גרעסטע פארזיכ־טיגקייט און די פינקטליכסטע פערוואלטונג. לאמיר האפען, אז מיט דער צייט וועט די דאזיגע שול־רעפארם אויך דערגרייכען די געוועהנליכע שולען.

אלס די פינפטע פארם פון אנאניזם קאן גערעכענט ווערען דער אנאניזם פון די אורנינגס (האמא - סעקסואליסטען); דאס איז דער סאמע תמצות פון דעם אנאניזם. דא האנדעלט זיך מכח מענשען, וועל־כע האבען ניט קיין געשלעכטס־טריב צום אנדערען געשלעכט, נאר צום אייגענעם. זיי ווערען גערופען האמא־סעקסואליסטען, און דער אנאניזם איז פאר זיי די נאטירליכע בעפרידיגונג פון זייער געשלעכטס־טריב. מיר ווילען דא ניט בעהאנדלען דעם דאזיגען ענין, מחמת מיר וועלען

דעם גאַנצען זומפּ פון דער פּראָסטיטוציע, ד. ה. די אַזוי־גערופענע געקויפטע „ליבע“, וועלכע איז בכלל קיין ליבע ניט, וועלכע איז ניט מעהר ווי א בעסטיאַלישע בעפרידיגונג פון דעם געשלעכטס־טריב, קאָן איך אריינרעכענען צו דעם נאַטאַנאַניזם. א פערקער מיט א בעצאַלטער פּראָסטיטוטקע, וועלכע נעהמט אויף כסדר אַלץ נייע קליענטען, האָט א גאַנץ קליינעם שייכות מיט דער נאָרמאַלער ליבע און מיט דעם נאַר־מאַלען צוועק פון דעם געשלעכטס־טריב; ער שטעהט דעריבער בשום אופן ניט העכער פון דעם אָנאַניזם, אדרבה, ער שטעהט נאָך נידעריגער.

א צווייטע פאָרם פון אָנאַניזם בעגעגענען מיר ביי זעהר קליינע קינדער צוליב א צופעליגער רייצונג: ביי איינגלעך מייִנסטענס דורך א פימאָזיס, און ביי מיידלעך געוועהנליך דורך א בייסען פון גאַנץ קליינע ווערימלעך (אָקסיורען) וואָס האַלטען זיך ארום אַנוס און ארום דער וואולווא. ווי אונשולדיג דער אָנפאַנג זאָל ניט זיין, קאָן אבער דער דאָזיגער אָנאַניזם ווערען געפערליך צוליב דער געוואוינהייט. דעריבער דאַרף מען זעהר שטאַרק פערהיטען פון אָקסיורען און פימאָזיס און דאָרט וואו זיי בעווייזען זיך, וואָס שנעלער צו קורירען. די פימאָזיס קאָן מען לייכט היילען דורך א ניט געפערליכע אָפּעראַציע (מל זיין).

א דריטע פאָרם פון אָנאַניזם ווערט פערורזאַכט דורך אויסלער־נען אָדער נאָכטון. ווי עס איז בעקענט, קאָן דאָס זעהר לייכט טרעפען אין שולען און בכלל צווישען קינדער, און אַזוי קאָנען זיך זעהר פריה אָנהויבען די געשלעכטליכע אויפרעגונגען און זיך שפּעטער ענטוויקלען צו א שרעקליכער געוואוינהייט, וועלכע איז אויסערגעוועהנליך שווער צו בעקעמפען. דער אָנאַניזם פון קליינע, געשלעכטליך נאָך ניט רייפע קינדער, איז אָהן ספק ערגער איידער דער אָנאַניזם אין די שפּעטערע יאָהרען. די פעולה קאָן זיין, אז די קינדער זאָלען ניט בלויז ווערען פויל, שוואַך, שעמעדיג און שלעכט אויסזעהען; אז ניט בלויז זאָל גע־שטערט ווערען זייער ערנעהרונג און פערדויונג, נאָר ער קאָן אויך ווערען געפערליך פאַר דעם שפּעטערדיגען געשלעכטס־טריב און זיין דער אָנהויב פון אימפּאָטענץ אָדער פון אנדערע אבנאָרמאַליטעטען.

מכח וועלכע מיר וועלען נאָך רעדען. ביי א גוטער אויפפּאַסונג, דורך גימנאַסטיק און פרישע לופט, און אויך דורך אָבווענדען די געדאַנקען אויף אנדערע געגענשטאַנדען און דורך אויפקלערונג, קאָן מען דעם פעהלער אבשאַפען און ער וועט נאָך זיך ניט איבערלאָזען קיין שום

זיך קיין געפיהל פון תאוה ניט אנצינדען צוליבביינאכטיגע פאלוציעס וועלכע זאלען ספאנטאן אויפוועקען דעם געשלעכטס־טריב. דערפאר מוז זי אנקומען נאר צו א פאטהאלאגישער סעקסועלער אויפרעגונג, בכדי ספאנטאן ארויסצורופען ליידענשאפטליכע חלומות אדער מאסטורבאציע. צוליב דערזעלביגער אורזאך קאן ביי דער פרוי ניט גערעדט ווערען מכח א נאטאנאניזם, וועלכער ברענגט א דערלייכטערונג דורך אן אויספלוס פון זאמען אדער ספערמא. אבער דער אנאניזם איז דורכויס ניט קיין זעלטענקייט ביי פרויען, הגם א סך ווייניגער איידער ביי די מענער. ער איז די פעולה פון א קינסטליכער אדער פון א צופעליגער לאקאלער רייצונג, אדער פון שלעכטע ביישפילען, אדער פון א דורכויס פאטהאלאגישער אויפרעגונג. פונקט ווי ביים מאן, ווערט שפעטער כסדר מאסטורבירט, האבענדיג זיך צוגעוואוינט צו דעם ליידענשאפטליכען רייץ.

די פרויען אנאנירען רייבענדיג דעם קליטארים מיט א פינגער, אדער אריינפירענדיג הארטע, רונדליכע און גלאטע געגענשטאנדען אין דער שייד און אימיטירען דערביי די קויטוס־בעוועגונגען, אבער ניט זעלטען אויך האלטענדיג פשוט א פוס איבער א פוס און רייבענדיג איינעם אנטקעגען אנדערען. ביי משוגעים קאן דער אנאניזם אריבער־געהען אלע גרעניצען און מען קאן איהם ניט צוריקהאלטען מיט קיין מיטעל. עס טרעפט אויך, אז בעת מאסטורבירען פירען אריין געוויסע פרויען געגענשטאנען אין דער אורעטהרא (אורין־קאנאל) און קריגען שווערע ענטצינדונגען פון דער אורין־בלאז.

נאך א פארם פון א סעקסועלער רייצונג, וועלכע פערנעהמט ביי פרויען ניט זעלטען דעם פלאץ פון דעם נארמאלען געשלעכטס־רייץ, איז דאס געגענזייטיגע לעקען פון דעם קליטארים מיט דער צונג (קונילינגוס). הגם זיי זענען ווייט ניט אזוי געפערליך ווי מען האט בע־הויפט, זענען זיי אבער אלע וויסטע פערקרימונגען און פערבלאנדזע־נישען פון דעם געשלעכטס־טריב און מיר דארפען דא קוים דערמאנען. אז א מענש, שוין צוליב דעם פשוט'ען דרך ארץ פאר זיך גופא, זאל פון זיי אבווייכען. דער מאן וועלכער האט ניט די מעגליכקייט פאר א נארמאלען געשלעכטס־פערקער, זאל זיך בעגנוגענען מיט נאכטליכע פאלוציעס, און די פרוי, זי ערשט זאל זיך מיט אלע כחות היטען פון יעדער קינסטליכער אויפרעגונג. איך וויל דא טאקע באלד זאגען, אז

אויף דער פערלוסט אין איי־זווייסעל אלס פּועל יוצא פון די צאָלרייכע זאמען־אויספלוסען. האט מיט דער צייט אביסעל א שלעכטע ווירקונג אויף דעם געזונדהייטס־צושטאַנד, הגם ביי אזוינע עקסצעסען ווערט סוף כל סוף אַבגעלאָזט מעהר פּראָסטאַטאַ־שליים איידער זאמען. אבער דאָס ערגסטע דערביי איז, דאָס אבשוואכען פון דער קראפט פון ווילען: ער ווערט אלץ מעהר און מעהר געבראכען און פּאַראַליזירט וואָס לענגער מען פּראקטיצירט דעם אָנאַניזם. עס איז ניט זיין ווילען בכלל וואָס ווערט אַבגעשוואכט, נאָר עס איז זיין געגנערשאפט, זיין שנאה און זיינע בעשלוסען געגען דעם אָנאַניזם, וועלכע ווערען טאקע פון דעם אָנאַניזם צובראכען.

ווי אָפט דאָ ווערט פערביטען אורזאך און פאָלגע. מחמת מענשען מיט א שוואכען ווילען ווערען לייכטער אָנאַניסטען, דעריבער גלויבט מען, אז דער אָנאַניזם איז די אורזאך פון זייער ווילענס־שוואכקייט. פאר זיך גופא איז א זאמען־אויספלוס דורך מאַסטורבאַציע ניט געפערליכער איידער א ביינאכטיגע פּאָלוציע; ביידע ווערען מייסטענס בעגלייט מיט אן אונאנגענעם נערוועזן געפיהל און דעריבער זענען זיי ביז א געוויסען גראד מעהר אויסמאַטערענדיג איידער א נאָרמאלער געשלעכטס־פערקער. איך מוז אבער בעטאָנען, אז די פאָלגען פון א מעסיגער מאַסטורבאַציע ביי דערוואקסענע מענשען האט מען אהן א שעור איבערגעטריבען, סיי צול׳ ב׳ שווינדעל און שאַרלאַטאַנסטווע, סיי בכדי נאַיווע מענשען אריינצונאַרען אין דער נעץ פון דער פּראָסטיטוציע און זיי דאָרט אויסצופלינדערען, און סיי דורך דעם טעות וואָס מען פערבייט די אורזאכען מיט די פאָלגען. דער נאָטאָנאַניזם ווערט זעהר פיל פּראקטיצירט און ער איז אונגעהייער פערשפּרייט. פּונקט ווי די פּראָסטיטוציע איז ער א פּעול יוצא פון דער ציוויליזאציע, פון דער קאָנווענציאָנעלער מאָראל און פון די אזוי־גערופענע זיטען, וועלכע מאכען קינסטליך שווער אויף א נאַטירליכען אופן צו בעפרידיגען דעם געשלעכטס־טריב.

ווי מיר האָבען געזעהען, איז דער געשלעכטס־טריב ביי נאָרמאלע מענער א סך שטארקער, שטורימדיגער און אונווידערשטעהליכער איידער ביי די פרויען. א חוץ דעם דרינגט די אָנגעזאמעלטע ספּערמא זעהר שטארק צו אן אויפרעגונג פון דער תאוה און צו א זאמען־אויספלוס. אבער די פרוי האט ניט קיין זאָמען־אויספלוס; ביי איהר קאן

פארם פון אנאניזם קאן מען בעצייכענען מיט דעם נאמען נ א ט א־נ א ג י ז ם, מחמת ער איז אייגענטליך ניט געבויט אויף קיין אב־נארמאליטעט פון דעם געשלעכטס־טריב, נאר ער איז א מין נויטמיטעל. עס איז פאראן א גאנצע רייה אופנים צו מאסטורבירען, מאניפולאציעס וואס ווערען פראקטיצירט צוליב דערזעלביגער אורזאך, וועלכע פירען צום זעלביגען ציל און זיי זענען אונבעדינגט פסיכיש גלייכווערטיג צום נאטאנאניזם. אין איינזאמע און פערווארפענע באראקען און אין שולען וואו עס פעהלט א ריכטיגע אויפפאסונג, בעפרידיגען די גרעסע־רע שילער ניט זעלטען זייער געשלעכטס־טריב דורך א געגענזייטיג מאס־טורבירען אדער דורך ארייגפירען דעם פעניס אין דעם אנוס פון זיי־ערע יונגערע חברים, בעזונדערס יענע וואס זענען פעט און האבען אביסעל א ווייבליך אויסזעהן. דאס ווערט גערופען פ ע ד ע ר א ס־ט י ע. דאס אייגענע איז זעהר אפט די אורזאך פון דעם פערקער מיט חיות (קיה, ציגען א. אז. וו.) עס איז ניט נויטיג אויסצורעכענען נאך אנדערע נויטמיטלען; די וואס מיר האבען דערמאנט זענען די געוועהנליכסטע. די וואס פראקטיצירען די מיטלען, זענען אבסאלוט ניט אלעמאל „מאראליש געזונקענע מענשען", ווי מען רופט זיי אן מיט א נארישער און אפטמאל היפאקריטישער ענטריסטונג; זיי זענען אפטמאל פשוט ניט מעהר ווי געשלעכטליך אויפגערעגט, אבער אין דערזעלביגער צייט בעשיידענע און בראווע יונגען; טיילמאל זענען דאס אידיאטען אדער שוועכלינגען וואס ווערען פערלאכט פון אלע פרוי־ען, און זיי נעמען זיך צו אזוינע מיטלען, כדי צו בערוהיגען זייער אויפ־רעגונג.

דער נאטאנאניזם איז אונגעהייער פערשפרייט. ער ווערט אבער מיינסטענס ניט אנערקענט אדער מודה געווען, מחמת מען קאן איהם זעהר לייכט בעהאלטען. אפילו דער אנאניזם פון אונג'ען גופא איז גע־ווען א מין נאטאנאניזם, צו וועלכען זיין פאטער'ס פערלאנג האט איהם געטריבען. דער נאטאנאניזם איז רעלאטיוו אמווייניגסטען געפערליך, ער איז אבער אלעמאל מאוס, לאזט איבער א געדריקטע שטימונג און איז ניט זעלטען די אורזאך פון א גרעסערער אדער קלענערער פיזישער און גייסטיגער מידקייט, מחמת דעם אנאניסט קומט שוין אן צו לייכט צו בעפרידיגען זיין טריב, אזוי אז ער קריגט א שוואכקייט צו אן איבער־נאסיגע, צו אפט זיך איבער'חזר'ענדיגע געשלעכטליכע אויפרעגונג.

פ אַ ל ע ן. דעמאָלט ווען די אַבנאָרמאַליטעט איז טיף איינגעוואָר־צעלט בירושה, איז די קאַסטראַציע דאָס זיכערסטע מיטעל און איז אַ טובה אי פאַר דעם פּאַציענט און אי פאַר דער געזעלשאַפט. עס פערשטעהט זיך, דער געשלעכטס־טריב ווערט אָבגעשאַפט בלויז ווען מען קאַסטרירט אין דער יוגענד; אויף וויפיעל ער ווערט אָבגעשוואַכט דורך דער קאַסטראַציע פון דערוואַקסענע איז דערווייל נאָך ניט קלאָר בעוויזען געוואָרען.

## אָנאַניזם אָדער מאַסטורבאַציע.

דאָס וואָרט אָנאַניזם קומט פון דעם נאָמען אונן, **בן יהודה.** לויט דעם אַלטען טעסטאַמענט האָט זיין פאָטער פון איהם פערלאַנגט, אַז לויט דעם דין מוז ער חתונה האָבען מיט זיין ברודער׳ס אַלמנה און האָבען מיט איהר קינדער; אָבער דאָס האָט אונן ניט געוואָלט טון, און, ער האָט זיין מילה גערייצט אַנטקעגען דער ערד, און אויף דעם אופן אָבגעלאָזט די זרע, בכדי צו פערמיידען דאָס געבוירען ווערען פון קינדער מיט זיין שוועגערין. „דאָס האָט פערדראָסען גאָט און ער האָט איהם געטויט.“

מיר האָבען שוין פריהער געוויזען, ווי דער געשלעכטס־טריב קומט אַן מיט טונקעלע, אַנזאָגענדיגע סמנים און שוואַכע פּאַרגעפיהלען אין די רייצגעגענדען פון די געשלעכטס־טיילען, בעזונדערס אין דער אייכעל פון דעם קינד. אויב אַ יונגער מאַן קאָן ניט אויף אַ נאַטירליכען אופן בערוהיגען זיין אַלץ מעהר און מעהר זיך ענטוויקלענדיגען געשלעכטס־טריב, מיט די אַלעמאָל אָפטערע ערעקציעס, דעמאָלט, ווען דער טריב איז שוין גענוג שטאַרק, רייסט ער זיך דורך, אָדער אין דער פאָרם פון ביינאַכטיגע פּאָלוציעס און עראָטישע חלומות, אָדער עס ווערען דורך אַ קינסטליכער רייצונג אַרויסגערופען אָרגאַזמען און אַ זאָמען־אויספלוס: דאָס לעצטע ווערט גערופען אָנאַניזם אָדער מאַסטורבאַציע. ביים מאַן בעשטעהט דער אָנאַניזם פון רייבען דעם פּעניס מיט דער האַנד, אָדער זיך צודריקען און איהם רייבען אַנטקעגען אַ ווייכען געגענשטאַנד, בעת וואָס, בעזונדערס אין לעצטען פאַל, מיט דעם אָנאַניזם זענען פערבונדען, פּונקט ווי אין חלום, עראָטישע פאַנטאַזיעס פון נאַקעטע פרויען און ווייבליכע געשלעכטס־אָרגאַנען. די דאָזיגע

**מ א נ י ע.** ביי פרויען האב איך בעאבאכט צוויי דורכויס פערשידע־נע מינים פון דער סעקסועלער היפערעסטהעזיע. אין איינעם, די אמת'ע נימפאמאניע, ווערען די פרויען מיט אן עלעמענטא־רע געוואלט, מיט לייב און נשמה, געטריבען צום מאן, און אויף אן אמת ווייבליכען שטייגער נעהמט דא דאס גאנצע געהירן מיט זיך מיט דעם טריב. פערקערט, אנדערע פרויען ווערען ריין פעריפעריש, אדער בעסער געזאגט, אונטער־סעקסועל, געטריבען צום אנאניזם: זיי האַ־בען עראטישע חלומות מיט ארגאזמען פון וועלכע זיי ווערען מעהר גע־מאטערט איידער בעפרידיגט, אבער אין קיין פאל פערליבען זיי זיך ניט לייכט און קאנען אפילו זיין קאלט אנטקעגען מענער און אויך זעהר וועהלעריש. זייער גרויסגעהירן־נשמה בלייבט אמת ווייבליך, פול מיט די צארטסטע געפיהלען, בעת זייערע נידעריגע נערווען צענטערס זענען מעהר מענליך און אין דערזעלביגער צייט דורכויס פאטהאלאגיש. עס זענען פאראן צאלרייכע איבערגענג צווישען די דאזיגע ביידע עקס־טרעמע פארמען. די דאזיגע מענשען זענען אפטמאל אונגליקליך, קאנ־סולטירען דאקטוירים זוכענדיג א מיטעל געגען זייער סעקסועלער אויפ־רעגונג וועלכע פערמאטערט זיי, זיי שטרענגען אן זייערע כחות אויף אלערליי אופנים זיך אליין צו בעהערשען און פאלען טיילמאל אריין אין א גייסטיגער און נערוועזער נידער־געשלאגענקייט. מען מוז אבער אנערקענען דעם מערקווירדיגען פאקט, אז א סך פון זיי זענען פונ־דעסטוועגען אין אנדערע בעציהונגען קערפערליך און גייסטיג פריש און געזונד און לעבען לאנג אויב זיי האבען ניט קיין ווענערישע קראנק־הייטען און טרינקען ניט קיין אלקאהאל.

אויב א סעקסועלע היפערעסטהעזיע איז געווארען קינסטליך ענט־וויקעלט דורך שלעכטע געוואוינהייטען, קאן מען זי ניט זעלטען קורי־רען דורך היפנאטיזם און דורך א סיסטעמאטישער אבגעוואוינונג. טא־מער אבער איז זי געקומען בירושה, און אויך ווען זי איז טיילמאל פערבונדען מיט א קינדליכער פאראדאקסיע אדער מיט אנדערע אב־נארמאלע ענליכע גייסטיגע דיספאזיציעס, דעמאלט וואלט די קאסט־ראציע געווען דאס איינציגע ווירקזאמע היילמיטעל. אין פאל זי איז מעהר א דערווארבענער פעהלער, ווערט אפטמאל דערצו העלפען א שטארקע אבווענדונג פון דעם גייסט אויף אנדערע פראגען א חוץ נע־שלעכטליכע. א ב ע ר פ א ר די ג א נ צ ג ע פ ע ר ל י כ ע

איטליכען געגענשטאַנד וואָס געהערט אָדער וואָס האָט אַ שייכות צו איהם, און דעריבער איז די היפּערעסטהעזיע ענג פערבונדען מיט דעם פעטישיזם, מכח וועלכען מיר האָבען שוין פריהער גערעדט. אַ חוץ דעם איז ביי איהר דאָס געפיהל פון זאַטקייט כמעט ווי פרעמד אָדער עס איז בלויז פאַראַן אַ קורצע צייט נאָך דעם אָרגאַזם. נימפאָמאַניאַקען און סאַטירס ווערען פערפאָלגט פון אַ ניט דערזעטליכען סעקסועלען דראַנג, וועלכער איז ניט זעלטען פערבונדען מיט אַ געפיהל פון אונרוהיגקייט און אַנגסט. ווי מיר האָבען געזאָגט, קאָן אַזאַ היפּערעסטהעזיע, אפילו ווען זי איז ניט געקומען בירושה, ביז אַ געוויסען שטאַפּעל ענטוויקעלט און אויפגעהאַלטען ווערען דורך אַ כסדר'דיגער קינסטליכער רייצונג.

ביי פרויען איז עס בעת אָדער נאָך דער מענסטרואַציע ווען די ליבידאָ בכלל און אויך די סעקסועלע היפּערעסטהעזיע איז אַמשטאַרקסטען, אָבער ביי געוויסע אינדיווידוען טרעפט פּונקט דער היפּוך.

די פעולה פון דער סעקסועלער היפּערעסטהעזיע איז, וואָס דער געשלעכטס-טריב וואַרפט זיך אויף איטליכער זאַך וועלכע קאָן איהם אויף עפּעס אַן אופן בעפרידיגען. דער געוועהנליכסטער אויסוועג, ווען דאָס צווייטע געשלעכט פעהלט, איז דער אָנאַניזם. אָבער אויך אַלע שליימהוטיגע ערטער (אַנוס, מויל א. אז. וו.) און אפילו טויטע געגענשטאַנדען קאָנען אויף וועלכען ניט איז אופן בעפרידיגען דעם קרענקליך אויפגערעגטען טריב פון אַזוינע אינדיווידוען. די אַנשטענדיגסטע מענשען קאָנען אין אַזאַ צושטאַנד בעגעהען די נאַרישסטע און שרעקליכסטע זאַכען. חיות ווערען בענוצט פון ביידע געשלעכטער כדי זיך געשלעכטליך צו רייצען. פרויען פירען אריין אַלערליי געגענשטאַנדען אין זייער שייד בכדי אויף דעם אופן צו רייצען דעם קליטאָרים. מענער בעגעהען זאַכען וועלכע מען קאָן זיך קוים פאָרשטעלען און ביי זיי וועקט זיך אויף די ווילדסטע תאוה ביים אַנבליק פון אַ פרוי וועלכע האָט נאָר דעם מינדסטען רייץ. טייל ווערען טאָג און נאַכט פערפאָלגט פון די שמוציגסטע עראָטישע פאַנטאַזיעס, וועלכע נעהמען אַן אָפּטמאָל דעם כאַראַקטער פון מאַניעס און ווערען אַן אמת'ע מאַטערניש. דאָסזעלביגע טרעפט טיילמאָל אויך ביי פרויען.

דעם העכסטען גראַד פון דער סעקסועלער היפּערעסטהעזיע רופט מען ביים מאַן ס אַ ט י ר י אַ ז י ס און ביי דער פרוי נ י מ פ אָ-

גאנצען אויסגעשלאסען פון דער סעקסועלער נארמאלקייט פון דער פרוי, מחמת די פרוי איז בטבע פאסיוו, און עס איז גיכער די שטארק ליבידיגעזע פרוי וועלכע גרעניצט זיך מיט דעם פאטהאלאגישען. דאס נארמאלע סעקסועלע געפיהל פון דער פרוי בעוועגט זיך, ווי מיר האבען געזעהען, א סך מעהר אין די גרעניצען פון א העכערער ליבע, פון ליבעס-שפילען און פון א בענקען נאך קינדער. דעריבער בעקלאגען זיך אפטמאל עראטישע מענער איבער די געשלעכטליכע קאלטקייט פון זייערע פרויען, און מען מוז מודה זיין, אז אזא קאלטקייט בעת דעם געשלעכטס-פערקער איז פאר דעם מאן ניט אנגענעהם: מחמת די תאוה פון איין געשלעכט פערגרעסערט די תאוה פון דעם צווייטען געשלעכט. אזוינע קאלטע פרויען גיבען זיך איבער „אויס פליכט“, אדער זיי געניסען די אומארמונגען פון זייער מאן בלויז גייסטיג, זעעליש און אהן תאוה.

די סעקסועלע אנעסטהעזיע בעווייזט זיך נארמאלערווייז אויף דער עלטער. זי קאן אבער אויך קומען פריהער צוליב צושטערטע אדער אטראפירטע געשלעכטס-דריזען, צוליב צו גרויסע עקסצעסען אדער, אדרבה, צוליב א כסדר׳דיגער געשלעכטליכער צוריקגעהאלטענקייט. זי קאן אויך זיין די פעולה פון קערפערליכע און גייסטיגע קראנקהייטען.

## די סעקסועלע היפערעסטהעזיע אדער די אבנארמאלע פערשטארקונג פון דעם געשלעכטס-טריב.

פון דעם ביז אהער געזאגטען פערשטעהט זיך אז די דאזיגע אבנארמאליטעט קאן קומען בירושה, און ווייזט זיך ארויס אמקלארסטען ביי דער פאראדאקסיע פון קינדער. איטליכען איז בעקענט די איבערמאסיגע שטארקקייט פון דעם געשלעכטס-טריב ביי ביידע געשלעכטער. די דאן-זשואנס און די מעסאלינעס. עס איז אבסאלוט זיכער, אז די דאזיגע היפערעסטהעזיע איז ביי דער פרוי זעלטענער און אבנארמאלער איידער ביים מאן; ווען זי איז אבער פאראן, איז זי גלייך שטארק אין ביידע געשלעכטער, ווי מיר האבען שוין דאס פריהער געזעהען. זי דריקט זיך אויס אין א סעקסועלער ליידענשאפט, וועלכע ווערט אויפגעוועקט, ניט בלויז דורך דעם אנבליק אדער אפילו דורך דעם דירעקטען זינליכען פיהלען פון דעם צווייטען געשלעכט, נאר דורך

מענער־שטים, פון דעם מענליכען כאראקטער, דער אינטעליגענץ, דעם ווילען, דער ענערגיע א. א. וו.. לכל הפחות קאן זיך דאס אלעס אזוי צוזאמענטרעפען. די דאזיגע מענשען ליידען פונקט אזוי ווייניג דורך דער סעקסועלער אנעסטהעזיע ווי א שטיינער דער פארבען־בלינדער דורך זיין אונפעהיגקייט צו אונטערשיידען געוויסע פארבען. אבער פונקט ווי דאס לעצטע קאן פירען צו פערשידענע מיספערשטענדניסען, ליידען זיי אויך ווען זייער פעהלער קומט אין קאנטאקט מיט אנדערע מענשען, מיינסטענס אבער דעמאלט, ווען זיי בעגעהען די נארישקייט אין האבען חתונה טראצדעם וואס זיי האבען פון דער הייראט א טאָ־טאל פאלשען בעגריף.

עס זענען פאראן פאלען פון סעקסועלער אנעסטהעזיע, די אורזאך פון וועלכע איז בלויז אן אנעסטהעזיע פון דער אייכעל וואס איז נוגע די געפיהלען פון תאוה. איך האב צ. ב. געזעהען א מאן, וועלכער האט געהאט ערעקציעס און זאמען־אויספלוס מיט געפיהלען פון תאוה בעת ער האט דערזעהען בילדער פון נאקעטע אדער בכלל שעהן ענטוויקעל־טע קאקעטע פרויען: דאס אייגענע האט געטראפען אין חלומות; אבער קיינמאל איז דאס ניט געשעהען דורך רייבונג פון דער אייכעל. דער אנאניזם איז איהם געווען אונבעקאנט זיין גאנצען לעבען. דער ארגאזמוס איז געקומען אלע מאל אהן א בערירונג אדער רייבונג פון דעם פעניס און אהן קויטוס־בעוועגונגען; ער איז געקומען בעת דער אבסאלוטער אונבעוועגליכקייט. און דער זאמען האט געהאט לעבעדיגע ספערמאטאזאען. די אייכעל האט געהאט א נארמאל טאפ־געפיהל (חוש המשוש) און ער האט געהאט א פימאזיס. מיר זעהען דעריבער, אז דער געשלעכטס־טריב איז דא יא געווען, אבער דאס זעהר שוואכע געשלעכטליכע תאוה־געפיהל, וועלכעס איז געווען פערבונדען מיט אן אונרוהיגקייט, איז געווען ניט קלאר לאקאליזירט אין אונטערלייב און אין דער געדערים־געגענד.

ביי פרויען, ווי מיר האבען שוין געזעהען, איז די סעקסועלע אנעסטהעזיע זעהר א סך פערשפרייט. פראפעסאר קראפט־עבינג האט א טעות, ווען ער מיינט, אז אין אלע אזוינע פאלען זענען די פרויען גוראפאטיש. עס זענען פאראן אויסערגעוועהנליך נארמאלע און פעהי־גע פרויען, וועלכע בלייבען געשלעכטליך קאלט אין משך פון זייער גאנץ לעבען. א שטארק ענטוויקעלטע ליבידא סעקסואלים איז אינ־

ראזיגער פאטהאלאגישער סעניַלער געשלעכטס־טריב א פערווערזיטעט וועלכע נעהמט אן איינע פון די אבנארמאלע פארמען מכח וועלכע מיר וועלען שפעטער רעדען. טיילמאל זענען אזוינע זקנים נאך פאטענט, אבער זעהר אפט זענען זיי אימפאטענט און דעמאלט נעהמט מיינסטענס אן דער פערקער די פארם פון א געגענזייטיגער רייצונג פון די געשלעכטס־ארגאנען דורך די הענד. ביי וואס דער אלטער זוכט זיך אויפצורעגען אין דעם ארגאזמוס פון דעם מיידעל. אזוינע פאלען שפילען א גרויסע ראלע אין געריכטליכע סקאנדאל־פראצעסען, און פון נידעריג געזונקענע מיידלעך און קינדער אדער פון זייערע עלטערן ווערען זיי זעהר אפט אויסגענוצט ארויסצופרעסען געלד כון דעם קרבן. ביים אנפאנג פון דער דעמענציא סעניליס פערליבט זיך אפטמאל אז אלטער מאן אין א שעהנער יונגער אבער כיטרער פרוי אדער אין א הור, וועלכע נוצען אויס די זאך דערמיט וואס זיי האבען מיט איהם חתונה, בכדי אריינצוקריגען זיין פערמעגען. מיט דער בערימטע טענה „צו שיצען דעם מאן׳ס פערזענליכע פרייהייט און פרייען ווילען", ווערט אין די מיינסטע פאלען אט אזא מין אויספלינדערונג סאנקציאנירט פון געזעץ.

## די סעקסועלע אנעסטהעזיע אדער דאס מיטגעבוירענע פעהלען פון דעם געשלעכטס-געפיהל און- טריב.

איך זאג דער עיקר פון דעם געשלעכטס־געפיהל: אבער דאס געשלעכטס־געפיהל איז מיט דעם געשלעכטס־טריב אזוי ענג פערבונדען, אז עס איז זיי שווער פאנאנדערצושיידען. אמת, ביי א דערוואקסענעם מענש, וועדליג מיר האבען געזעהען, קאן שפעטער יא עקזיסטירען א געוויסער טריב אהן די געפיהלען פון תאוה: אבער דאס איז מיינסטענס א סעקונדערע ערשיינונג.

די פולשטענדיגע סעקסועלע אנעסטהעזיע טרעפט ביים מאן זעהר זעלטען. עס איז ניט א ספעציעלע אבנארמאליטעט, נאר אן אבשוואכונג פון א נארמאל געפיהל ביז צום נול־פונקט. דאס אייגענטימליכע און כאראקטעריסטישע פאר די דאזיגע פאלען איז, להיפוך די יעווּנרבען און דער קריפטארכיע, די פולשטענדיגע נארמאלע ענטוויקלונג פון אלע קארעלאטיווע געשלעכטס־סמנים, פון דער באָרד, פון דער

דעם האָט ער געהאַט אַ פערברעכערישע נאַטור און האָט זיך שפּעטער אַזוי ענטוויקעלט.

אַ ניין־יאָהריג מיידעל האָט אָנגעהויבען סעקסועל צו רייצען אַלע אינגלעך, פון איהרע יאָהרען אָדער יונגערע, וועלכע זי האָט נאָר געקאָנט קריגען. דאָס האָט זי געטהון אַזוי געניט און כיטרע, אַז ביסלעכווייז האָט זי איינעם פון איהרע יונגערע ברידער געטויט און ביים אַנדערען שווער צושעדיגט דעם אורין־קאַנאַל און די אורין־בלאַז. מיט אַן עלטער אינגעל האָט זי געהאַט אַ געשלעכטליכען פערקער ערגיץ וואו אין אַ בעהעלטעניש. אין דעם דאָזיגען פאַל האָב איך ניט געקאָנט פעסטשטעלען אויב דער פעהלער איז געקומען דורך ירושה. אַזוינע אינדיווידוען ווערען געוועהנליך פערברעכער, אָדער די אונפערשעמטסטע אָנאַניסטען אָדער הורען.

ווי מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, קאָן טיילמאָל דער געשלעכטס־טריב דערהאַלטען ווערען פאַר אַ לענגערע צייט אין די עלטערע יאָהרען; ער קאָן אויך, הגם אין זעהר זעלטענע פאַלען, צוליב אַ געוויסער ליבע, לפחות פאַר אַ קורצער צייט, צוריק אויפפלאַקערען און ווידער אַביסעל אויפוועקען די פּאָטענץ. בכלל אָבער איז די פּאַראַדאָקסיע ביי זקנים דער אָנפאַנג פון אַ שווערער געהירן־קראַנקהייט (דעמענציאַ סעניליס) אָבער ווייל אין דער צייט פון דער דאָזיגער סעקסועלער אויפרעגונג איז די קראַנקהייט מיינסטענס נאָך גאַנץ ווייניג ענטוויקעלט, ווערט זי דעריבער אָפטמאָל פערזעהען, און די קראַנקע, צוליב זייערע מאוס׳ע סעקסועלע אויפפירונגען, ווערען בעטראַכט אַלס פערברעכער און געזעצליך בעשטראָפט. אין משוגעים־הויז האָב איך געזעהען אַ פּאַציענט וועלכער האָט געליטען פון אַ שרעקליכער סאַטיריאַזיס; ער האָט אָנאַנירט אפילו אין דער געגענוואַרט פון אַלע מענשען. אין דעם פאַל האָט זיך דער פּאַציענט געבעסערט, און דעריבער האָט מען נאָך געקאָנט זיין אין ספק, צי דאָס איז געווען אַן אמת׳ע דעמענציאַ סעניליס, הגם די אויפרעגונג איז געווען פערבונדען מיט אַ געוויסער אונרוהיגקייט און נידערגעשלאָגענקייט.

ביי די מיינסטע גרייזען וועלכע ליידען פון אַ סעקסועלער פּאַראַדאָקסיע, איז דער געשלעכטס־טריב געווענדעט אויף קינדער אָדער אויף זעהר יונגע מיידלעך, וועלכעס נאַטירליך מאַכט די אָנקלאַגע נאָך שווערער פון אַ געזעצליכען שטאַנדפּונקט. אין אַ סך פאַלען איז דער

ניט פערביטעז ווערעז מיט געוויסע פארמעז פוז אנאניזם, מכח וואס מיר וועלעז שפעטער רעדעז. פערשידענע פעלקער, בעזונדערס איז די טראָ־פישע לענדער, ענטוויקלעז זיך געשלעכטליך א סך פריהער איידער אנדערע, בעזונדערס איידער יענע פעלקער וואס וואוינעז איז קאלטע געגענדעז. אבער דאס העננט מעהר אב פון דער ראסע איידער פון'ם קלימאט. ביי געוויסע פעלקער ווערעז די אינגלעך געשלעכטליך רייף צווישעז 12 און 14 יאהרעז און די מיידלעך צווישעז 9 און 10 יאה־רעז, בעת ביי אנדערע ווערעז די ערשטע רייף ארום 20 יאהרעז און די צווייטע ערשט נאך 17 אדער 18 יאהרעז. א חוץ דעם קאנעז זיין איז דערזעלביגער ראסע אונגעהייערע אינדיווידועלע פערשידענקיי־טעז. בכלל אבער, א דאנק א גע'ירש'ענטער סאטיריאזיס אדער נימפאָ־מאניע, בעגעגענעז מיר ביי קינדער פון 7 ביז 8 יאהרעז, אפילו ביי דריי־יאהריגע קינדער, א געשלעכטס־טריב וועלכער האט זיך ענטוויי־קעלט פון זייער אייגענער נאטור און אהן קיין שום דרויסענדיגען איינ־פלוס ביז צו אן אונגלויבליך הויכען גראד. לאמבראזא דערמאנט א מיידעלע פון דריי יאהרעז, וועלכעס האט געהאט א געוואלדיג שטאר־קען טריב צום אנאניזם. איך גופא האב בעאבאכט די פאלגענדע צוויי און נאך אנדערע ענליכע פאלען :

א זיבען־יאהריג אינגעל, וועמעס עלטערן זענען געוועזען באַרדעל אייגענטימער, האט פלוצלינג אנגעהויבען פערפאלגען קליינע מיידע־לעך, יונגערע אדער איז דיזעלביגע יאהרעז. דורך צוקערלעך האט ער זיי פערנארט איז קוסטעס אדער איז אנדערע בעהעלטענישען און מיט זיי געהאט א פולשטענדיגען געשלעכטס־פערקער. דאס אלעס האט ער געטון אויף א זעהר געשיקטען אופן, אז אלע אנשטרענגונגען איהם דערפון אבצוגעוואוינען זענען ניט געלונגען, און ענדליך האט מען איהם פערשיקט איז משוגעים־הויז וואו איך בין געווען דירעקטאר. ער האט באלד געפרופט זיינע העלדענטאטען מיט אביסעל אן עלטער אינגעל און בכלל האט ער זיך ארויסגעצייגט אלס א ווידערשפעניגער און צו־לאזענער פוילענצער מיט די נידעריגסטע און מאוס'סטע אינסטינקטען. ער האט אבער ניט געוואגט צו האבען א געשלעכטס־פערקער מיט דער־וואקסענע פרויען אדער מענער. זיינע געשלעכטס־ארגאנען זענען גע־ווען קינדליך און אבסאלוט ניט אבנארמאל ענטוויקעלט. זיין סעקסועלע פאראדאקסיע האט דעריבער ארויסגעשטראמט פון געהירן. א חוץ

קאַן בלויז אין זעהר זעלטענע פאַלען פירען צו אַן אבגעשוואַכטען גע־שלעכטס־טריב אָדער צו פּאָלוציעס (אויספלוס) אין שלאָף. די פאָלגע איז דעמאָלט אַן אונפעהיגקייט צום געשלעכטס־פערקער, ד. ה. ביים קאָנטאַקט מיט דער פרוי האָט דער מאַן גאָר קיין אָדער אַ גאַנץ שוואַ־כע ערעקציע. אין געוויסע פאַלען ווייס דער מאַן בכלל ניט פון פאָלו־ציעס אין וואַכיגען צושטאַנד. אַזוינע פאַלען האָב איך געהיילט מיט היפּנאָטיזם.

אי ביים מאַן און אי ביי דער פרוי קאָן אַ געניוטער און געצוואונ־גענער צוריקדראַנג פון דעם נאָרמאַלען געשלעכטס־טריב האָבען די ווירקונג פון אַ קראַנקהייט און ארויסרופען פּאַביען, סעקסועלע פּער־ווערזיעס, אַן עקעל פאַר דעם געשלעכטס־פערקער אָדער אַנדערע נער־ווען שטערונגען. די אורזאַך פון אַ סך פאַלען פון אַ שיינבאַרער גע־שלעכטליכער קאַלטקייט, בעזונדערס ביי פרויען, אבער אויך ביי גע־וויסע מענער, איז נאָר אַט אַזאַ צוריקדראַנג פון דעם געשלעכטס־טריב. איך האָב דאָס אין אַ רייה פאַלען געפינען קלאָר בעשטעטיגט.

די דאָזיגע פעהלערס צוזאַמען מיט די אַלע אַנדערע פערשידענע אבנאָרמאַליטעטען, און זעהר אָפט אויך די סימפּטאָמען ביי מענער וועלכע זענען, אדרבה, אין אַ גאַנץ נאָרמאַלען צושטאַנד, ווייזען מיט דעם קלאָרסטען ליכט דאָס שייכות פון דעם געהירן צו דעם געשלעכטס־טריב און צו דעם געשלעכטס־פערקער.

עס פערשטעהט זיך, אַז ביי דער פרוי קאָן קיין פראַגע ניט זיין פון אימפּאָטענץ. פונדעסטוועגען קומען פאַר ביי איהר אויך דיזעלביגע פּסיכישע פּאַראַליזען און גערדאַנקען, וועלכע האַלטען איין אָדער שטעלען אינגאַנצען אָב די תאוה־געפיהלען, דעם גאַנצען אָרגאַזמוס בכלל און אין אַ סך פאַלען רופען זיי אפילו אַרויס אַ געפיהל פון עקעל, ווי מיר האָ־בען שוין פריהער דערמאָנט.

## סעקסועלע פּאַראַדאָקסיע.

סעקסועלע פּאַראַדאָקסיע מיינט דאָס אָנקומען פון דעם גע־שלעכטס־טריב, טיילמאָל אויך פון דער ליבע, אין אַ גאַנץ אבנאָרמאַלער עלטער. אבער דער אונטערשיד צווישען דער פּאַראַדאָקסיע ביי קינדער און דער פּאַראַדאָקסיע ביי זקנים איז אונגעהייער גרויס.

די סעקסועלע פּאַראַדאָקסיע אין די קינדער־יאָהרען דאַרף אויף

דער פענים ווערט באלד ווייך און דער פערקער ווערט דריבער אונמעגליך. די ערינערונג אין דעם דאזיגען מיספערפאלג צוזאמען מיט דער קרענקונג און בושה, אזוי גוט ווי דער געדאנק זיך אנצושטרענגען ביי א נייעם פערזוך ארויסצורופען אן ערעקציע אינדירעקט, מיט א בעוואוסטער אויסרעכענונג, זענען ווייטערדיגע אורזאכען וועלכע רייסען איבער דעם סעקסועלען דראנג פאר דעם אויגענבליק, ד. ה. זיי שטערען דורך זייער אריינמישען־זיך דעם גאנג פון דעם געשלעכטס־טריב און לאזען ניט צו קיין ערעקציע. וואס גרעסער עס איז די מורא פאר א דורכפאל, אלץ גרעסער איז די אימפאטענץ. די דאזיגע אונפעהיגקייט צו האבען א פערקער קאן אמאל זיין בעשרענקט בלויז צו א געוויסער פרוי, אבער מיינסטענס איז זי אלגעמיין: אפטמאל האט מען נאר א האלבע, ניט פולשטענדיגע ערעקציע. די דאזיגע שוואכקייט קאן אמבעסטען בעהאנדעלט ווערען מיט היפנאטיזם. דאס בעוואוסטזיין פון אונפעהיגקייט מאכט דעם מאן נידערשלאגען, און די נידערשלאגענקייט פערגרעסערט די אונפעהיגקייט. מיינסטענס אבער פערגעהט די זאך פון זיך אליין.

אן אנדערער אויסדרוק פון דער פסיכישער אימפאטענץ זענען די אלע פאלען, וואו, הגם אן ערעקציע איז יא פאראן, בעהערשט אבער דער געדאנק וועגען דעם זאמען־אויספלוס אזוי שטארק, אז ער פאראליזירט אזש אי די תאוה און אי די ליבעס־געפיהלען, און דער זאמען פליסט אב אהן אדער כמעט אהן געפיהלען, אדער די ערעקציע הערט אויף בעת דער פענים איז נאך אין דער שייד.

עס איז אויך פאראן א גראדענווייז זיך־אויסלעשען פון דער ערעקציאנס־פעהיגקייט ביי מענשען מיט אבגעשוואכטע נערווען, ביי געוויסע אלטע אנאניסטען א. אז. וו., אבער די אורזאך פון דער דאזיגער ערשיינונג איז ניט קלאר. דערביי קאן די ליבידא בלייבען אדער פערשווינדען.

פון דער אנדערער זייט אבער זענען פאראן זקנים, וועמעס זאמען האט שוין לאנג ניט קיין ספערמאטאזאען און וועמעס געשלעכטס־לעבען איז ווייט אריבער די גרעניץ פון מעסיגקייט, וועלכע זענען פולדעסטוועגען נאך אלץ פאטענט, ד. ה. ערעקציאנס־פעהיג אבער זייער אויספלוס איז דער שליים פון דער פראסטאטא־דריז.

א געוויסע און אנגעשטרענגטע סעקסועלע צוריקגעהאלטענקייט

די פּועלה זענען כסדר'דיגע, אָפטמאָל שמערצליכע אָדער ווענינסטענס אונאנגענעמע ערעקציעס און אַהן אַ געפיהל פון תאוה קאָנען זיי זיך טיילמאָל ענדיגען מיט אַ זאמען־אויספלוס. אין אנדערע רעפלעקס־אַבנאָרמאַליטעטען איז די רייצענדיגע שוואכקייט, ביי וועלכער די תאוה געפיהלען קומען אַן צו שנעל, באלד נאָך אַ ניט פולשטענדיגער אָדער קורץ־דויערענדיגער ערעקציע, וועלכע ענדיגט זיך מיט אַ צו פריהען זאמען־אויספלוס. ענליך צו דעם איז דער זעהר קורץ־דויערענדיגער און זעהר פריהער אָרגאַזמוס ווענעריקוס ביי דער פרוי. דער אַזוי־גערופענער טענעזמוס און אנדערע שמערצען, קראַמפען א. אז. וו. אין און ארום דער געשלעכטס־געגענד, קאָנען אויך קומען דורך אַ נערוועזן־רעפלעקציע ביים סוף פון אָרגאַזמוס אָדער ביי אַ סעקסועלער אויפרעגונג. אבער די דאָזיגע אָפטע אַבנאָרמאַליטעטען ביי „נערוועזע“ מענשען, האָבען פאַר אונז דאָ אַ גאַנץ קנאַפּע וויכטיגקייט און זיי געהערען צו דעם געביט פון מעדיצין: מיר גיבען זיי דאָ בלויז אלס ביישפּילען, וועלכע, הגם, האָבען ניט קיין פּרעטענזיע אויף פולשטענדיגקייט.

## פּסיכישע אימפּאָטענץ.

די פּסיכישע אימפּאָטענץ איז אַ סימפּטאָם וועלכער בעוויזט זיך צופעליג אין אַ נאָרמאַלען און זעהר אָפט אין אַן אַבנאָרמאַלען געשלעכטליכען צושטאַנד. דער דאָזיגער פאַקט איז זעהר וויכטיג און מיר דערמאָנען איהם דאָ אייגענס דערפאַר, כדי ביי די איינצעלנע פאָרמען ניט צו דאַרפען איהם אַלעמאָל צו איבער'חזר'ען. ער בעשטעהט דערין:

ביי אַ גאַנץ פולשטענדיג נאָרמאַלען סעקסועלען מעכאַניזם ווערט דער ערעקציאָנס־צענטער געשטערט דורך עפּעס אַ געגען־געדאַנק, צוליב וואָס די שטייפקייט אין די בלוט־געפעסען, וועלכע איז נויטיג פאַר דער ערעקציע, לאָזט נאָך, און אויף דעם אופן ווערט די ערעקציע אונמעגליך. צום ביישפּיל, אַ זעהר הייס־פערליבטער מאַן, וועלכער האָט געהאַט שטאַרקע ערעקציעס אין מאָמענט ווען ער גלויבט, אַז ענדליך האָט דערגרייכט דעם ציל פון זיין בעגער און איז פאַרטיג פאַר דעם קויטוס (געשלעכטס־פּערקער), קאָן פּלוצלינג דערזעהען די אונמעגליכקייט אָדער די נאַרישקייט און ד. גל., פון דער גאַנצער זאַך;

זענען דער יסוד פון דער דערהאלטונג און ענטוויקלונג פון דעם מין פון א מין. אין ערגיץ ניט און קיינמאל ניט זענען דאס סעקסועלע פערווערזיעס. אלס א געירש'ענטע פאטהאלאגישע דיספאזיציע געהערט דאס שוין צו דער בירושה'דיגער מנעמע, און דעריבער איז א טעות די ערשטע סעקסועלע סמנים פון א נארמאל קינד צו בעצייכענען אלס פערווערזיעס. שטיצענדיג זיך אויף מיין גרויסער פערזענליכער ערפארונג, קאן איך ווייטער זאגען, אז די גרעסטע צאל סעקסועלע פערווערזען (ניט אריינרעכענענדיג יענע וועמעס סעקסועלע פערווערזיעס קומען אוליב דעם בעגער נאך אבוועקסלונג אדער צוליב נויט) האבען א חוץ דעם נאך פסיכאפאטישע אדער נוראפאטישע פעהלערס אין אנדערע געביטען. א דאנק וואס מיין מיינונג ווערט ממשות'דיג פעסטגעשטעלט.

ווייטער וויל איך נאך בעמערקען, אז צווישען אזוי פיל סעקסועלע אבנארמאליטעטען, וועלכע איך האב אונטערזוכט, האב איך ניט געפינען קיין צוויי גלייכע פאלען, אפילו ניט צווישען די האמא־סעקסואליסטען. דעריבער דארף מען אין דעם דאזיגען געביט, נאך מעהר איידער אין דער איבעריגער פסיכא־פאטהאלאגיע פרינציפיעל אויסמיידען אלע פעדאנטישע כללים, אלע לעהרזאצען. מען מוז דא בעטראכטען איטליכען אינדיווידועלען פאל בעזונדער, דערפארשען דעם גאנצען מענש און זיין לעבען (אפטמאל זענען עס צוויי מענשען!), און דורכקוקען דורך זיין נשמה. דערנאך מוז שטודירט ווערען די בירושה'דיגע דיספאזיציע. נאך אלעם דעם ערשט קאן מען שכל'דיג איטליכען בעזונדער געבען אן עצה אדער בעהאנדלען.

לאמיר איצט אריבערגעהען צו פאקטען.

## רעפלעקס־שטערונגען.

מיר האבען שוין דערמאנט דעם וואגיניזם ביי דער פרוי, דעם שמערצליכען קראמף אין דער שייד בעת אין איהר קומט אריין א געגענשטאנד און בעזונדערס דער פענים. אביסעל ענליך צו דער דאזיגער ערשיינונג איז דער פריאפיזם ביים מאן. ער קומט פון א צו פיל רעפלעקטארישע רייצונג פון די ערעקציאנס־נערווען א דאנק א צו שטארקע אויפרעגונג פון די נערווען־צענטערס פון דער ערעקציע.

קלאָר ארויס, אז די דערוואָרבענע אויסגעלאַסענקייטען פון א יחיד טאָ־
רען ניט אזוי אַבגעפּטר'ט ווערען אלס אן אויספלוס פון זיין
בייזען און שלעכטען פ ר י י ע ן ווילען, נאָר זי מוז בעטראַכט ווע־
רען אלס די אונגליקליכע און בייזע פאָלגע פון א שלעכטער בירושה'דיי־
גער דיספּאָזיציע, וועלכע איז ענטוויקעלט געוואָרען א דאנק די מאָוס'ע
געוואוינהייטען פון דער ארומיגער וועלט, א דאנק דעם בייזען איינפלוס
פון דער סביבה. היינט, אזוי ווי די „סביבה" גופא איז ניט מעהר ווי
א רינג פון מענשען, זעהט מען דאָ קלאָר ארויס א לאָגישען צוזאַמענ־
פאל פון אורזאַך און פאָלגע. די בירושה'דיגע ענערגיען פון איטליכען
יחיד בעשאפען ביסלעכווייז די מידות, און די מאוס'ע מידות ענטוויק־
לען די פערדאָרבענע אינדיווידועלע דיספּאָזיציעס און, זיי קאָנען אפילו
בעשאפען נייע דורך בלאַסטאָפּטהאָריע. די „געזעלשאפט" איז ניט
מעהר ווי דאָס, וואָס די בעזונדערע יחידים זענען, פון וועלכע זי בע־
שטעהט. די „מאָראַלישע ענטריסטונג" אויף די אויסגעלאַסענקייטען
דערמאָנט מיך דעריבער אין דעם ברוגז־זיין פון א קינד וועלכעס שלאָגט
דעם אויוון ביי וועלכע עס האָט אַבגעבריהט.

איך מוז דעריבער וואָרענען פאר די עקסטרעמע בעהויפּטונגען פון
יענע מענשען, וואָס דערקלערען, אז „אַלעס איז פּאַטהאָלאָגיש", אָדער
אז „אַלעס איז נאָרמאַל". דעם געשלעכטס־טריב בלויז צו ענטוויקלען
אלס גענוסמיטעל איז פאר זיך גופא ביים מענש ניט פּאַטהאָלאָגיש,
און אזוי זענען א סך פערווערזע סעקסועלע האנדלונגען ניט מעהר ווי
שלעכטע געוואוינהייטען. ווען אבער א מחבר ווי ס. פרויד, וועלכער
האָט הגב א שוואַכקייט, ביי זיין פולען פערדינסט, אויפצובויען די
עקסטרעמסטע אידעען, האלט, אז די דיספּאָזיציע פון די סעקסועלע
פּערווערזיעס (פערדאָרבענקייטען) איז געווען די אורשפּרינגליכסטע
דיספּאָזיציע פון דעם מענשליכען געשלעכטס־טריב בכלל, פון וועל־
כער עס האָט זיך בעת דעם גאַנג פון דער אָנטאָגענעטישער רייפונג
ענטוויקעלט דאָס נאָרמאַלע געשלעכטס־לעבען, דעמאָלט איז דאָס, זאָג
איך, ניט מעהר ווי א פּשוט'ער אונזין און עס ווייזט א טאָטאַלע אונ־
וויסענקייט מכח דער מענשליכער פילאָגעניע. אין דעם רוים פון די
בירושה'דיגע דיספּאָזיציעס שטראַמען די נאָרמאַליטעטען און די פּאַ־
טהאָלאָגיע אויף א ניט־מערקליכען אופן צוזאַמען. אבער דאָס אבסאָ־
לוט נאָרמאַלע מוז אַלעמאל זיין צוגעפּאסט צו די פאָדערונגען וועלכע

און דערוואָרבענעם פּעהלער פון דער אנדערער זייט, איז פאַראַן אַ ליי־טער מיט אַהן אַ שעור שטאַפּלען פון מעהר אָדער ווייניגער שטאַרקע בירושה׳דיגע דיספּאָזיציעס צו אַט אַ שטייגער יענער אַבנאָרמאַליטעט, אָדער צו אַנדערע אַבנאָרמאַליטעטען אָדער כאַראַקטער־שטריכען וועלכע קאָנען ארויסרופען יענע אַבנאָרמאַליטעט. אַט אויף דעם סדר קאָן אַ שטאַרקע גע׳ירש׳ענטע טבע צו ווערען לייכט בעיינפלוסט, ארויפטרייבען אַ זעהר מעסיגען און נאָרמאַלען גע־שלעכטס־טריב ביז צו אַ זעהר הויכען שטאַפּעל, אָדער דורך געוויסע איינפלוסען איהם געבען אין אַבנאָרמאַלע ריכטונג. אַ שוואַכע און ניט קלאָרע טענדענץ צום האָמאָ ־ סעקסואַ־ליזם קאָן זיך ענטוויקלען צוליב אַ צופעליג זיך צונויפטרעפען מיט אַ ליידענשאַפטליכען האָמאָ־סעקסואַליסט, בעת דערזעלביגער מאַן וואָלט זיין אַבנאָרמאַלע טענדענץ פערלוירען, ווען ער וואָלט זיך ערענסט פערליבט אין אַ פרוי. אפשר די גרעסטע צאָל פון די אַבנאַרמאַליטעטען געפינען זייער פּלאַץ אויף אַ געוויסען שטאַפּעל פון דעם דערמאָנטען לייטער. אויב אַ בירושה׳דיגע דיספּאָזיציע איז זעהר שטאַרק, איז בלויז גענוג אַ גאַנץ קליינער צופאַל כדי זי אַ שטוים צו טון צו דער העכסטער הויך. טאָמער איז די דיספּאָזיציע אַ שוואַכע, דעמאָלט מו־זען שוין מיטווירקען פערשידענע אומשטענדען בכדי זי אויפצוואַוועקען און ענטוויקלען. אבער אין פאָל זי איז לגמרי ניט דאָ, דעמאָלט קאָנען זי אפילו ניט ענטוויקלען די שטאַרקסטע פערפירונגען און די ערגסטע איינפלוסען. אז מען האָט דאָס אין זין, מוז מען מודה זיין, אז מיט דעם וואָרט בעצייכענט אַ גרויסע צאָל כאַראַקטעריסטישע ערשיינונגען, וועלכע האָבען אויף פערשידענע גראַדען זייערע וואָרצלען אין דער בירושה׳דיגער דיספּאָזיציע. אויסגעלאַסענקייט און קראַנקהייט זענען צוויי ווערטער וועלכע ווערען בעטראַכט אלס געגענזאַצען אַ דאַנק דער טיפער אונוויסענקייט פון דעם אמת. אין דער אמת׳ן איז דער יסוד פון די מיינסטע אויסגעלאַסענקייטען אַ מעהר אָדער ווייניגער קרענקליכע אָדער לפחות איינזייטיגע בירושה׳דיגע דיספּאָזיציע; זי ווערט דע־מאָלט אין משך פון גאַנצען לעבען דורך די גוטע אָדער שלעכטע איינ־פלוסען פון דער ארומיגער סביבה, אָדער שטאַרקער ענטוויקעלט אָדער, אדרבה, אָבגעשוואַכט און צוריקגעהאַלטען.

צווייטענס, שטעלט זיך פון די דאָזיגע פונדאַמענטאַלע אמת׳ען

כונג ביז צו דער פולשטענדיגער פּאַראַליזירונג פון דער דאָזיגער פונק־ציע. — א צו שוואכע אָדער גאָר ניט קיין רעאקציע אויף די רייצען ; 3) א ניט פולע (אַבנאָרמאַלע) פונקציע. — א קוואַליטאַטיוו ניט פולקאָ־מענע רעאקציע אויף די רייצען.

די נוראַפּאַטיע און די פּסיכאָפּאַטיע שאַפען דאָ קיין שום נייעם ניט. אלע ערשיינונגען, אפילו די גאָר אלגעמיינע קוואַליטאַטיוו ניט פולקאָמענע רעאקציעס, האָבען ענטשפּרעכענדע וואָרצלען אָדער סמנים אין דעם נאָרמאַלען געהירן און אין דעם נערווען־לעבען. און דאָס אייגענע איז אויך ביי דער סעקסועלער פּסיכאָפּאַטיע.

ווייטער שטעלט זיך דאָ ארויס א פראגע פון אַן אלגעמיינעם כאַ־ראַקטער, א פראגע, וועלכע איך האַלט פאַר זעהר א וויכטיגע. מען האָט געמאַכט אַן אונטערשיד צווישען מיטגעבוירענע אָדער גע׳ירש׳ענ־טע סעקסועלע אַבנאָרמאַליטעטען און אַזוינע, וועלכע זענען דערוואָר־בען געוואָרען, ווי מען זאָגט, דורך מאָס׳ע געוואוינהייטען. אפילו קראַפט־עבינג, אין זיין בערימט בוך „פּסיכאָפּאַטהיאַ סעקסואַליס“, מאַכט א ניש׳קשה׳דיג שאַרפען אונטערשיד צווישען די דאָזיגע צוויי פאָרמען און דריקט זיך אויס מכח די לעצטע מיט א טיפען מאָראַלישען וועהטאָג. געוויס, מיר מוזען מודה זיין, אז אַזא אונטערשיד איז טאַקע פאַראַן, אבער אויף דעם אופן ווי די פאַקטען ווערען אָוועקגעשטעלט, מוז איך זיך שטעלען אנטקעגען צוויי פונדאַמענטאַלע טעותים.

ערשטענס איז דער אונטערשיד צווישען גע׳ירש׳ענטע און דער־וואָרבענע סעקסועלע אַבנאָרמאַליטעטען בלויז רעלאַטיוו און שטאַפּעל־דיג, און דעריבער קאָן מען זיי ניט אוועקשטעלען אלס אבסאָלוטע גע־גענזאצען. אויב א סעקסועלע אַבנאָרמאַליטעט בעווייזט זיך אין קינד־ספּאַנטאַן אזוי ווי דורך געוואַלט, ביי דעם ערשטען בליאסק פון זיין נשמה, דעמאָלט איז קלאָר, אז זי איז דער אויסדרוק פון א טיפען גע־ירש׳ענטען פעהלער, א פעולה פון אַן אונגליקליכער קאָמבינאַציע פון ענערגיען ביי וועלכע עס האָט זיך צופעליג פעראייניגט (קאָניוגירט) צוויי עלטערליכע זאַמען־צעלען. אין אַזא פאַל איז רעלאַטיוו ניט שווער אַנצואווייזען דעם פּאַטהאָלאָגישען סימפּטאָם וועלכער איז ניט אב־העגניג פון דעם אינדיווידיום׳ס דערוואָרבענע פעהלערס. אבער צווישען דער ריינער און פולשטענדיגער ירושה פון א טריב אָדער פון אַן אב־נאָרמאַליטעט פון איין זייט, און פון א ריין קינסטליך ענטוויקעלטען

שולדיגער פרוי, וועמעס ריין און ערליך לעבען ווערט דורך דעם אזוי גרויזאם בערויבט פון זיין פרוכט, און אלע אידעאלען, האפענונגען און חלומות צופאלען אין שטויב. מיר קאנען פערשטעהען, ווי אזוי מענער, אבער בפרט פרויען, קאנען דורך דעם אריינזינקען אין דעם טיפסטען יאוש, אין א פערביטערטקייט געגען זייער מזל און געגען דעם גאנצען לעבען. אין דער לעצטער צייט האבען טייל פראנצויזישע מחברים, בריעו (LesAvaries) און אנדרע קואוורוד (La Graine) אין דראמאטישע ווערק און אין ראמאנען מיט פיל קראפט געשילדערט די טראגישע פאלגען פון די ווענערישע קראנקהייטען, זייער ירושה אין דער פאמיליע, און זייער ווירקונג אויף דער געזעלשאפט בכלל. פון אבסאלוט זיכערע קוועלען וויים איך, אז אין געוויסע שטעדט, צ. ב. אין וויען, הערשט אן אבערגלויבען, אז ווען אנגעשטעקטע מע־נער האבען א געשלעכטס־פערקער מיט יונגע אונשולדיגע מיידלעך פון 11 אדער 12 יאהרען, ווערט זייער קראנקהייט צוליב דעם קורירט. דער דאזיגער שוידערליכער אבערגלויבען האט אלס פעולה די פער־גוואלדיגונג און די אנשטעקונג פון אן אנצאל ארימע, אונשולדיגע קינדער. עס איז ווירקליך שווער צו געפינען נאך עפעס וואס זאל קלא־רער אילוסטרירען די גרויזאמקייט פון דער מענשליכער נארישקייט און בעסטיאליטעט.

## די סעקסועלע פסיכא־פאטהאלאגיע.

א חוץ אין העם האמא־סעקסואליזם און אין דער פאטהאלאגישער ליבע ביי משוגעים, האלט זיך די סעקסועלע פסיכא־פאטהאלאגיע מיינסטענס אין די גרעניצען פון דעם געשלעכטס־טריב און איז ענג פערבונדען מיט דעם פעטישיזם (זעה קאפיטעל 5) אין וועלכען זי האט אויך איהרע ווארצלען. קודם כל מוזען מיר אבער ארומרעדען א רייה פון אבנארמאליטעטען, וועלכע געהערען טיילווייז צו די נידע־ריגערע נערוועז־פונקציעס.

באלד פון אנהויב מוז איך בעמערקען, אז אלע אזוי־גערופענע פונקציאנעלע שטערונגען פון דעם נערוועז־סיסטעם, און דעריבער אויך פון דער נשמה (פסיכא־פאטהאלאגיע), צופאלען אין דריי גרופען: 1) א פאטהאלאגישע פערשטארקונג פון א נארמאלער פונקציע, — א צו שטארקע רעאקציע אויף די רייצען; 2) א פאטהאלאגישע אבשווא־

גילטיג, וואלטען די קראנקהייטען סוף כל סוף פערשוואונדען. דער־
ווייל האט אבער די מעדיצין, אין פערבינדונג מיט דער תאוה־לוסט
פון די מענער, בעשאפען איינע פון די נארישסטע און מאוס'סטע
ארגאניזאציעס וואס מען קאן זיך נאר פארשטעלען: דאס דולדען, רע־
גולירען און דאס כלומרש'טע־ריינינגען פון דער פראסטיטוציע דורך
דעם שטאאט. מיט דעם תירוץ פון היגיענע צווינגט מען די גאסען־
פרויען זיך צו מעלדען אין דער פאליציי אדער צו וואוינען אין באר־
דעלען. זיי זענען אויף דעם אופן אונטערווארפען צו א רעגעלמעסיגער
מעדיצינישער אונטערזוכונג, וועלכע, ווי עס הייסט, האט דעם צוועק,
אלע ווענעריש קראנקע אבצוזונדערען און זיי צו צווינגען זיך צו בע־
האנדלען אין א שפיטאל. דער אמת ליגט פון אויבען אויף, אז די מעהר
אדער וועניגער אונאנגענעמע ארבייט פון א באדעל־דאקטאר ווערט,
מיט געוויסע אויסנאהמען, מייסטענס געטון פון מינדערווערטיגע
דאקטוירים, וועלכע קאנען גאנץ וועניג פערהיטען. מיר וועלען שפע־
טער זעהען, אז דאס גאנצע סיסטעם איז א דורכפאל. מען האט דעם
ווערט פון דער בעהאנדלונג פון וועגערישע קראנקהייטען שטארק אי־
בערגעשאצט. דורך א שלעכטע בעהאנדלונג ווערט טיילמאל א טריפער
נאך געמאכט ערגער אנשטאט איהם צו היילען. די איינציגע זיכערסטע
בעהאנדלונג (זעה קאפיטעל 14) פון אלע ווענערישע קראנקהייטען איז,
זיך צו היטען פון זיי. עס איז כמעט אונגלויבליך ווי אזוי עהרלע
פרויען קאנען פערטייטיגען אזוינע בארבארישע אינסטיטוציעס ווי דאס
האנדלען מיט לייבער, די פראסטיטוציע און איהר רעגולירונג, מיי־
נענדיג דערביי, אז אויף דעם אופן פערזיכערען זיי זייערע טעכטער
געגען דער תאוה פון מענער. דאס דאזיגע קאן נאר דערקלערט ווערען
מיט דעם איינפלוס פון די מענער אונטער וועלכען די פרויען געפינען
זיך אזוי אפט. דער יסוד פון דעם, וואס א סך מענער און דאקטוירים
פערטייטיגען דאס דאזיגע סיסטעם, איז א געמיש פון א בלינדען
קאנזערוואטיזם, א גלויבען אין אויטאריטעטען און אן אונפעהיגקייט
צו אורטיילען, וועלכע געהען טיילמאל צוזאמען מיט א בעהאלטענעם,
אפטמאל אונבעוואוסטען עראטיזם. מכח דעם דאזיגען ענין וועלען מיר
שפעטער נאך רעדען אין קאפיטעל 10.

איינע פון די טראגישסטע פאלגען פון די וועגערישע קראנקהיי־
טען איז דאס אנשטעקען פון אונשולדיגע קינדער אדער פון אן אונ־

פעהלערס, וועלכע די עלטערן קאנען איבערטראגען צו די קינדער דורך דער אזוי־גערופענער ירושה־סיפילים. די שטערבליכקייט ביי קינדער פון סיפיליטישע עלטערן איז זעהר גרויס. פארניער און אנדערע ספעציאליסטען דענקען, אז די לעבענס־שוואכקייט און אלערליי אנדערע פעהלערס, רופען זיך אב ביז דעם דריטען דור. אנדערע ווידער ווילען די עקזעמא און ענליכע קראנקהייטען, צושרייבען צו סיפילים פון עלטערן אדער פאר־עלטערן. ווערדליג אונזער מיינונג איז דאס אלעס די אמת׳ע בלאסטאפטהאריע. אפטמאל קומען דאך ארויס געזונדע קינדער פון רעלאטיוו געהיילטע סיפיליטיקער. אפטמאל בלייבען די לעצטע סטעריל. עס זענען דא מעהר סיפיליטישע מענער איידער פרויען; די אורזאך דערפון איז די פראסטיטוציע און דאס בארדעל־לעבען. די צאל פון פרויען וואס פראסטיטואירען זיך איז אין ערך קלענער צו דער צאל פון מענער וואס בענוצען די פראסטיטוציע, און איין איינציגע הור קאן אנשטעקען א מאסע מענער. די יונגע מענער, וואס האבען געלעבט מיט גאסען־פרויען, ברענגען שפעטער דעם טריפער און די סיפילים צו זייערע געהייראטע פרויען און אט אזוי פערשפרייט זיך אויף א נחרויזאמען אופן די דאזיגע עפידעמיע מיט אלע איהרע אומגליקען און צרות אין דער גאנצער מענשליכער געזעלשאפט.

3. דער ווייכער שאנקער. — די דריטע ווענערישע קראנקהייט איז דער ווייכער שאנקער. די ערשטע הארטע געשוויר פון סיפילים ווערט גערופען ה א ר ט ע ר ש א נ ק ע ר. פון אלע דריי ווענערישע קראנקהייטען איז דער ווייכער שאנקער וועניגער געפערליך, אבער רעלאטיוו אויך די זעלטענסטע. ער בעגרעניצט זיך בלויז אין א געגענד, אויב ער איז נאר ניט קאמפליצירט מיט סיפילים, וועלכעס טרעפט אפט. ער בעשטעהט פון א מעהר אדער וועניגער גרויס געשוויר אויף די געשלעכטס־ארגאנען, וועלכעס צופרעסט אלעס ארום זיך. די צופרעסענע טיילען ווערען צושטערט; דערנאך ציהט זיך מיינסטענס די וואונד צוזאמען און פערהיילט זיך. די אורזאך פון ווייכען שאנקער איז א ספעציפישער באציל.

די ווענערישע קראנקהייטען געהערען צו די ערגסטע שונאים וואס בעגלייטען דאס געשלעכטס־לעבען. מיר וועלען שפעטער זעהען, אז ווען די מענשען וואלטען ניט געווען אזוי אונוויסענד און אזוי גלייב־

דערטקייט, פּאַראַליזירט שטאַפּעלוויין אין מענש אַלע זיינע פונקציעס: גייסט, נערוועז, עמפּינדונג, בעוועגונג, שפּראַך און אינטעלעקט, מאַכט פון איהם דעם טרויריגסטען חורבן וואָס מען קאָן זיך נאָר פאַרשטעלען. ער פערלירט כמעט זיין מענשליך אויסזעהען, ביז ענדליך דער טויט דערבאַרימט זיך אויף דאָ איבער אַט דעם גייסטיג שוין לאַנג טויטען, צובראָכענעם און צופוילטען קערפּער. ביי דער דאָזיגער קראַנקהייט קאָן מען דירעקט און טריט ביי טריט בעאָבאַכטען ווי דאָס גאַנצע נשמה־ און נערווען־לעבען פון דעם מענש ווערט פּאַקטיש צוברעקעלט בעת דאָס געהירן ווערט כסדר מעהר און מעהר איינגעשרומפּט.

ניט זעלטען ווערט די סיפיליס ניט דערקענט צוליב איהר בע־האַלטענעם כאַראַקטער, בעזונדערס פון אָנפאַנג ווען עס זענען פאַראַן גאַנץ שוואַכע סימפּטאָמען; אַ קליינעם אויסשלאַג אויף דער הויט קאָן מען לייכט פערבייטען מיט אַנדערע הויט־אויסשלאַגען. מיט קוועק־זילבער און אַנדערע מיטלען איז מעגליך צו פערטרייבען די מעהר קלאָ־רע סימפּטאָמען פון איהר אָנפאַנגס־פעריאָדע (די פּרימערע און די סעקונדערע סיפיליס). אָבער אַזוינע „געהיילטע" סיפיליטיקער, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, זענען קיינמאָל ניט פערזיכערט געגען פּאַראַ־ליזיס, מעטאַסיפיליס אָדער אַנדערע סיפיליטישע אויסברוכען. די גע־שווירען אין די ערשטע צוויי, דריי יאָהרען פון דער קראַנקהייט זענען זעהר אַנשטענדיג, אָבער זיי שטערען ניט צו האָבען אַ געשלעכטס־פערקער, מחמת זיי בייסען ניט און טוהן אויך ניט וועה. שמערצען קו־מען ערשט שפּעטער, אויב זיי קומען גאָר אינגאַנצען. נאָך דריי אָדער פיער יאָהרען איז די קראַנקהייט, וועניגסטענס בכלל, ניט מעהר אַנ־שטעקענדיג. אָבער אַזאַ סיפיליטיקער, ווען ער האָט חתונה בעת דעם דאָזיגען שטאַדיום פון דער קראַנקייט, קאָן האָבען סיפיליטישע קינדער, וועלכע שטאַרבען טיילמאָל אין דער מוטער'ס בויך אָדער ביי דער גע־בורט, אָדער זיי ווערען געבוירען מיט סיפיליס פון וואָס זיי ליידען שפּעטער. די מוטער אַליין קאָן דערביי ניט ווערען אָנגעשטעקט, אָבער דאָס לעצטע ווערט אָבגעלייקענט. אַ קינד וואָס האָט געהאַט דאָס אומ־גליק געבוירען צו ווערען מיט סיפיליס קאָן האָבען זיין שרעקליכסטען סוף. די שווערסטע ליידען פון געהירן־פּאַראַליזיס אָדער מעטאַ־סיפי־ליס צווישען זיין צענטען און צוואַנציגסטען יאָהר; איך גופא האָב דאָס אַפילו עטליבע מאָל בעאָבאַכט. עס איז שווער, גענוי אויסצורעכענען די

בלייבט נים לאקאליזירט אין א בעשטימטען טייל פון קערפער, א שטיי־גער ווי די גאנאקאקען. נאר ער פערשפרייט זיך איבער דעם גאנצען ארגאניזם חורך די בלוט־ און לימף־אדערען. נאך עטליכע וואכען בעווייזט זיך אן אויסשלאג אויף דעם פנים אדער אויף דעם גאנצען קערפער און דעמאלט הויבען זיך אן די ליידען און מאטערנישען פון דעם קראנקען, וועלכער איז קיינמאל אין משך פון זיין גאנץ לעבען ניט זיכער מיט אן אבסאלוטער היילונג, מחמת סיפילים קאן ניט בלויז מאנאטען, נאר אין משך פון א סך יאהרען בלייבען אין א לאטענטען (דרעמלענדיגען) צושטאנד, בכדי שפעטער פלוצלונג אויף דאס ניי אויסצוברעכען אין אנדערע טיילען פון קערפער און ברענגען פרישע וואונדען.

זי מאכט געשווירען איבעראל אויף דער הויט און אין אלע שליימהויטען, פרעסט זיך טיילמאל אריין אין די ביינער, מאכט א תל פון די אינוועניגסטע ארגאנען, צ. ב. די לעבער, איז די אורזאך פון לונגען־קראנקהייטען, מאכט קראנק די בלוט־געפעסען, וועלכע ווערען הארט און ברעכען זיך און גרייפט אן די אויגען, בעזונדערס די אירים און די רעטינא. אבסצעסען (מכות) אויף דעם געהירן, אזוי גוט ווי א גאנצע רייה פון נערווען־פאראליזים זענען אויך ניט זעלטען די פעולה פון סיפילים.

איינע פון די שרעקליכסטע פאלגען פון סיפילים הייגט־צוטאג איז די אזוי־גערופענע מעטא־סיפילים, אדער פארא־סיפילים, ד. ה. די פערהארטונג פון מארך אין רוקענביין, (חוט־השדרה), און די לאנגזאמע אלגעמיינע געהירן־לעמונג (פאראליזים אדער ווי זי ווערט פאלש גערופען, די געהירן־פערווייכונג): די ערשטע פערהארטעוועט און צו־שטערט דעם רוקען־מארך, בעת די צווייטע פערהארטעוועט און צו־שטערט דאס גרויסע געהירן. אויף די דאזיגעביידע קראנקהייטען ליידען נאר אלטע סיפליטיקער, בכלל ערשט נאך פינף ביז צוואנציג יאהרען, אבער אמאפטסטען, נאך צען ביז פופצען יאהרען זינט דער סיפיליטישער אנשטעקונג, און מיינסטענס גראד יענע, וועלכע מיינען זיך צו האבען פולשטענדיג אויסגעהיילט. נאך עטליכע יאהרען ליידען די שרעקליכסטע וועהטאגען ענדיגט זיך די מעטא־סיפילים מיט דעם טויט. די פאראליזים פון דעם גרויסען געהירן בעשאפט צוערשט די פערוקטסטע פאנטאזיעס און משוגעת׳ען און בכלל א גייסטיגע צורו־

דער טריפּער פיל זעלטענער די אורזאך פון פערענגערונגען פון דעם אורין־קאנאל און פון ענטצינדונגען פון דער אורין־בלאָז. אבער דער טריפּער בעגעגענט זיך ניט דערמיט, ד. ה. מיט די דאָזיגע פערקריפּ־לונגען פוןביידע געשלעכטער. דאס אונשולדיגע קינד, וועלכעס מוז ביי דער געבורט דורכגעהען זיין מוטער'ס גאַנאַרעיש קראַנקע גע־שלעכטס־אָרגאַנען, ווערט פון די גאָנאָקאָקען אָבגע'טוב'עלט, פון וואָס די בינד־הויט פון זיינע אויגען (די אינוועניגסטע הויט פון די אויגען־לידער) ווערט גאַנאַרעיש ענטצינדעט, וועלכעס מען רופט די בלע־נאָרעע פון די ניי־געבוירענע קינדער. די דאָזיגע קראנקהייט ווערט געפערליך, מחמת אָפטמאל לאָזט זי איבער אויף דער האָרן־הויט (קאַרנעאַ) ווייסע, פערצויגענע פלעקען וועלכע שטערען דער ראיה און פירען אָפטמאל צום פולשטענדיגען בלינד ווערען. דיזעלביגע אויגען־ענטצינדונג קאָנען אויך בעקומען דערוואקסענע מענער און פרויען וואָס האבען טריפּערס, אויב זיי זענען ניט פּאָרזיכטיג און בערירען זייערע אויגען מיט די הענד וואָס זענען שמוציג מיט גאָנאָרעישען אייטער.

דער טריפּער קאן אויך זיין די אורזאך פון פערשידענע געלענק־ענטצינדונגען, אבער מייגסטענס ווערען ענטצינדען די טעסטיקלען און די דערבייאיגע געשלעכטס־דריזען, וועלכעס קאן פירען ביז צו סטערי־ליטעט א. אז. וו.

2. סיפילים. — די דאָזיגע וועגערישע קראנקהייט איז נאך שרעק־ליכער איידער די גאָנאָרעע. מיר קענען נאך ניט גאַנץ זיכער דעם באַ־ציל וועלכער איז די אורזאך פון דער אנשטעקונג. אין די לעצטע יאָה־רען האָט שאודינן גערעכענט, אז דער באציל איז א מין פּראָטאָזאָאָן, די אזוי־גערופענע ספּיראָכאָעטאַ. דאָס איז אבער דערווייל נאך ניט זיכער; פונדעסטוועגען שיינט, אז די ספּיראָכאָעטאַ פּאַללידאַ איז ווירקליך די אורזאך פון סיפילים. דערפאר אבער איז מען בעסער בע־קענט מיט דעם גאנג פון דער דאָזיגער קראַנקהייט. זי בעהאלט זיך און שלייכט זיך מעהר איידער דער טריפּער, און איהר אנהויב איז אָפטמאל א קוים בעמערקבאר הארט געשווירעל סיי, און דאָס איז מיינסטענס, אויף די געשלעכטס־אָרגאַנען, סיי אויף אַ אנדערען פלאַץ, צ. ב. אין מויל דורך אַ קוש אדער קומענדיג אין בערירונג מיט די געשלעכטס־אָרגאַנען פון א סיפליטיקער. אבער דער סיפילים־סם

אופנים. די לעצטע וועלן מיר אבער פערביילאָזען, מחמת זיי קאָנען היינט לייכט בעקעמפט ווערען דורך ספּעציעלע דעזינפיציר־מיטלען.

**1. דער טריפּער אָדער די גאָנאָרעע.** — די דאָזיגע קראַנק־הייט בעשטעהט אין אן אייטערדיגער ענטצינדונג פון דעם אורין־קאנאל, די אורזאך פון וועלכער איז א באציל וועלכען מען רופט ג אָ נ אָ־ק אָ ק ו ס. אונטער גינסטיגע אומשטענדען און ביי א ריכטיגער בעהאנדלונג קאן מען זי היילען, דערביי ליידענדיג גרויסע שמערצען, אין א משך פון 14 טעג. אבער זעהר אָפט ענטוויקעלט זיך די ענטצינדונג מעהר און מעהר, זי ווערט כראָניש און גרייפט אויף אָן די דערבייאיגע אָרגאנען. וועה איז דעמאָלט דעם קראנקען! ניט זעלטען פערורזאכט דער כראָנישער טריפּער ביים מאן, אן אייביגע פערענגע־רונג פון דעם אורין־קאנאל, שפּעטער פירט דאָס צו דער פערהאלטונג פון דעם אורין, צו אַ קאַטאַר פון דער אורין־בלאָז און צו אנדערע שווערע קראַנקהייטען פון דעם נירען־בעקען און פון די נירען א. אַז. וו. און ער ענדיגט זיך ניט זעלטען מיט דעם טויט. דער אויסקורירטער טריפּער איז אויף קיין פאל ניט קיין פערזיכערונג געגען א שפּעטערדיגער אנ־שטעקונג; אדרבה, מען ווערט נאָך לייכטער אָנגעשטעקט. און ווען דער טריפּער ווערט כראָניש, קומען צוריק אַקוטע אָנפאלען אָהן צו האָבען זיך פון דאָס ניי אָנגעשטעקט, ווייל ערגיץ וואו אין א פעלבעלע זענען נאָך פערבליבען נעסטען מיט דעם באָציל.

אונטער שלעכטע אומשטענדען זענען די פאָלגען פון דער גאָ־נאָרעע ביי דער פרוי נאָך ערגער איידער ביים מאן, ווייל ביי איהר איז די קראנקהייט נאָך שווערער פולשטענדיג אויסצוהיילען. א גאָנאָרעישע הויף קאן אנשטעקען אונצעליגע מענער און געגען דעם העלפט די מע־דיציניש באָרדעל אינספּעקציע אָדער גאָרניט אָדער כמעט ווי גאָר־ניט. די גאָנאָקאָקען בעגראָבען זיך אין אלע ווינקלען און אין אלע פאלבען פון די אינווענינסטע געשלעכטס־אָרגאנען פון דער פרוי און ענטצינדען זעהר אָפט די געבערמוטער, די מוטער־טראָמפּעטען און אפילו די אייערשטעק. זיי גרייפען אָן די ארומיגע געגענד און קאנען פירען צו פערוואקסונגען פון די בויך־אָרגאנען. בכלל ווערען אַזוינע פרויען סטעריל, ליידען אָפטמאָל די שרעקליכסטע וועהטאָגען און טיילמאָל מוזען זיי יאהרענלאנג ליגען אין בעט. ביי דער פרוי איז

## ווענערישע קראנקהייטען.

מיר קאָננען דאָ ניט געבען א פולשטענדיג בילד פון דעם דאָזיגען שרעקליכען קוואל פון יסורים, פון וועלכען עס נעהמען זיך אזוי פיל אונענדליכע אונגליקען אין דער פאמיליע און אין דעם געזעלשאפט־ליכען לעבען פון דער מענשהייט. קודם כל מוזען מיר דאָ בעטאָנען, אַז עס איז א געוואלדיגער טעות, אויף וועלכען אלע עמרצים ליידען, צוצורעכענען אלע שרעקליכע פאלגען, וועלכע זענען אויסשליסליך די פעולה פון אַנשטעקענדיגע געשלעכטס־קראנקהייטען צו דער סעקסועלער ליידענשאפט און צו די סעקסועלע עקסצעסען אלס אַזוינע. הגם ביי ציוויליזירטע פעלקער איז עס א רעלאטיווע זעלטענקייט, קאן מען זיך אבער אַנשטעקען פון ווענערישע קראנקהייטען אויף א גאנץ אונשול־דיגען אופן אפילו דורך א קוש, דורך א צושניטענעם פינגער, דורך נעהמען צום מויל אָדער צולעגען צו אנדערע טיילען פון קערפּער. צ. ב. א גלאָז אָדער עפּעס אַן אנדער געגענשטאַנד וואָס איז פריהער גענוצט געוואָרען פון אַן אנגעשטעקטען, דורך שמוציגע וועש, דורך שמוץ, אבער אמאָפטסטען דורך דעם בעדויערענסווערטען און עלענ־דען צוזאמענלעבען. מען מוז געדענקען, אַז א געגענשטאַנד, צ. ב. א שרייבפעדער, איז געפעהרליך, ווען ער איז ניט גערייניגט געוואָרען און איז געקומען אין א בערירונג, ניט מיט דער געזונדער הויט, נאָר מיט א שליימהויט, א וואונד אָדער א קליינעם קראַץ. פערקערט, קאן א דאָן זשואן מיט א גראבער הויט אויף זיך, זיך אריינלאָזען אין די שרעקליכסטע סעקסועלע עקסצעסען, און פונדעסטוועגען ניט ווערען אַנגעשטעקט, אויב ער איז נאָר פאָרזיכטיג און האט דערצו נאָך אבי־סעל מזל. ווידער פערקערט, האָב איך געזעהען מענשען, וועלכע האָבען בלויז איין איינציג מאָל אין זייער יוגענד פערבלאָנדזעט, געוואָרען אַנגעשטעקט און געמאַכט א תל פון זייער גאנץ לעבען. אַזוינע קראנק־הייטען קריגט מען מיינסטענס פון הורען.

עס זענען פאראַן דריי ווענערישע קראנקהייטען, וועלכע מיר ווע־לען דאָ בקצור מיט זייערע פאלגען בעשרייבען. צו זיי קאן מען נאָך צורעכענען געוויסע פאראַזיטען, ווי פילץ־לייז (געשלעכטס־לייז), קרעץ און נאָך אנדערע אונגעציפער, וועלכע מען קאן בעקומען דורך א סעק־סועלען פערקער מיט שמוציגע מענשען, אבער אויך אויף אַנדערע

ג י נ י ז ם, ד. ה. פון שמערצליכע קרעמפען בעת א געגענשטאנד. א פינגער אדער דער פענים, קומט אריין אין דער שייד. זעלטענער זענען שוין די פאלען פון דעם אזוי־גערופענעם פ ע נ י ס ק א פ ט ו ם, ביי וועלכע דער קראמף אין דער שייד דריקט אזוי שטארק צונויף דעם אריינגעברענגטען פענים, אז מען קען איהם ניט צוריק ארויסציהען. דער ה ע ר מ א פ ר א ד י ט י ז ם ביים מענש איז תמיד פאטהאלאגיש, און ער פערדינט בעזונדערס דערמאנט צו ווערען. ער איז זעהר, זעהר זעלטען, און כמעט אלעמאל אונפולשטענדיג, ד. ה. ער איז קיינמאל ניט אזוי, אז איין זייט פון קערפער זאל זיין דורכויס מענליך, בעת די אנדערע זייט זאל זיין, פערקערט, דורכויס ווייבליך. מיינסטענס עקזיסטירען בלויז אונפולשטענדיגע מישונגען פוןביידע געשלעכטער, מישונגען, הויפטזעכליך פון די סעקונדערע, קארעלאטיווע געשלעכטס־סמנים; אווירקליכע פולשטענדיגע דאפעלטע בריאה מיט דאפעלטע פונקציעס, בעגעגענען מיר בלויז אין בבא־מעשיות און אין לעגענדען. א בערימטער הערמאפראדיט קאטהארינא האהמאן, וועמען איך אליין האב געזעהען, האט פאקטיש געהאט אן אויסערגעוועגליך קורצען פענים, כמעט ענליך צו א קליטאריס, בעת אין דער לינקער זייט איז געווען א ריכטיגער טעסטיקעל, ארומגענומען מיט א שטיק הויט וועלכע איז געווען אביסעל ענליך צו א גרויסער שאם־ליפ פון דער גואולווא. אין איין זייט איז זי אהן ספק געווען מענליך, האט געהאט זאמען־אויספלוס און האט גאנץ פריי און אפען סעקסועל זיך אמוזירט מיט די דינסטען, מחמת נעטויפט איז זי געווארען אלס א פרוי. ווידער איהר ווייבליכע נאטור, איז געווען זעהר צווייפעלהאפט; יעדענפאלס האט געפעהלט א ריכטיגע שייד און א געבערמוטער, און הגם מען האט אפילו יא דערצעלט, אז זי מענסרואירט, האט מען דאס אבער קיינמאל ניט בעוויזען מיט וועלכער ניט איז זיכערקייט. דערפאר זענען אבער ניט אזוי זעלטען הערמאפראדיטען מיט פערקערטע קארעלאטיווע געשלעכטס־סמנים, וועלכע מען קאן אפט זעהען אויף אויסשטעלונגען, למשל, פרויען מיט בערד, מענער מיט שטארק ענטוויקעלטע בריסט א. דגל.

טיילמאל דעם פעניס אזוי שטארק צוזאמען, אז ער ווערט ענטצינדעט און געשוואלען און די ערלה קאן מעהר ניט געהען צוריק. דעם ראזיגען צושטאנד רופט מען פ א ר א פ י מ א ז י ס, און ער קאן ווערען זעהר געפערליך. א חוץ דעם זאמעלט זיך אן אין א פימאטישער פאר־הויט כל׳ערליי שמוץ, וועלכער רייצט די אייכעל און פירט צום אנא־ניזם. די פימאזיס זאל וואס פריהער אפערירט ווערען, אפילו, ווען נויטיג, דורך מל זיין.

די צאל קראנקהייטען ביי פרויען, א דאנק וועלכע זיי קאנען פערלירען זייער פרוכטבארקייט, איז א סך גרעסער איידער ביי די מע־נער. הגם פון די אייערשטעק קאן ווערען א תל אלם פעולה פון גע־שווילעכצען (ציסטען) א. אז. וו., זענען אבער פאראן וועניגער קראנק־הייטען פון די אייערשטעק איידער פון דער געבערמוטער און די שייד, בעזונדערס קאטארען און ענטצינדונגען, וועלכע טויטען די ארייגקו־מענדיגע ספערמאטאזאען, איידער נאך זיי דערגרייכען דאס ארויסגע־שטויסענע איי. שטערונגען פון דער מענסטרואציע האבען א סך ווע־ניגער איינפלוס אויף דער פרוכטבארקייט. עס זענען אויך פאראן פא־לען, וואו די געבערמוטער בלייבט קינדליך קליין, וועלכעס איז אויך אן אורזאך פון סטעריליטעט. די איבעריגע קראנקהייטען פון די ווייב־ליכע געשלעכטס־ארגאנען געהערען שוין מעהר אין דעם געביט פון דער פאטהאלאגיע בכלל און האבען א קנאפען שייכות צום געשלעכטס־פערקער.

די לעצטע צייט האט מען ענטדעקט א מיטעל וועלכעס שיינט צו האבען די מעלה צו מאכען די פרוי סטעריל ניט איבערלאזענדיג די חסרונות, בעת מען פלעגט אויסשניידען די אייערשטעק: מען רייסט פשוט איבער זייער פערבינדונג מיט דער געבערמוטער דורך אן ענדע־רונג פון א פאזיציע, אויסשניידענדיג אדער אונטערבינדענדיג די מו־טער־טראמפעטען (טובען). געוויסע ענטצינדונגען, דאס איבעררוקען א. אז. וו. פון די אייערשטעק, בפרט פון דער געבערמוטער, זענען די אורזאך פון א סך ליידען, נעדריקטע שטימונגען און נערוועזיטעט. די מענסטרואציע איז אפטמאל די אורזאך פון נערוועזע אנפאלען. אין זעלטענע פאלען איז דאס הימען אזוי שטארק ענטוויקעלט, אז עס קאן זיין א הינדערניש צום געשלעכטס־פערקער און מען זאל עס מוזען אפערירען. פערקערט אבער, ליידען א סך יונגע פרויען פון ו ו א־

שוואך ענטוויקעלט. זיי קאנען אבער, פערשטעהט זיך, ניט בעפרוכטען א פרוי. פערקערט, מיט טייל פרויען, וועלכע האבען קיינמאל ניט מענסטרואירט, איז ניט אזוי; בכלל האבען זיי טראצדעם נארמאלע אייערשטעק אין וועלכע עס ווערען רייף אייער. זיי קאנען שוואנגע־רען און האבען קינדער. שווינדזוכט, ענטצינדונגען און געשווילעכצען פון די טעסטיקלען און די אייערשטעק, קאנען זיין די אורזאך פון סטעריליטעט. ארגאנישע קראנקהייטען פון דעם צענטראל־נערווענסיס־טעם, בפרט פון דעם מארך אין די לענדען (טובערקולאזיס, ריקען־מארך־ענטצינדונג א. אז. וו.) פערורזאכען אפטמאל א סעקסועלע אימ־פאטענץ.

צוליב געוויסע אבנארמאלע פארמען פון דעם פעניס קאן ווערען אונמעגליך א ריכטיגע ערעקציע, און דורך דעם, דער געשלעכטס-פער־קער, צ. ב. די מיטגעבוירענע היפאספאדיע און די עפיספאדיע, ביי וועלכע די עפענונג פון אורין־קאנאל געפינט זיך אין דער אונ־טערשטער אדער אין דער אויבערשטער וואנד פון פעניס. צוליב אנא־ניזם, נערוועזיטעט, אבער אמאל אויך צוליב א שטארקער פערשטא־פונג א. אז. וו., קומט טיילמאל בעת דעם אורינירען א ניט־ווילענדיגער זאמען־אויספלוס אהן אן ערעקציע און אהן אדער מיט א תאוה־גע־פיהל, וואס מען רופט ספערמאטארעע. מכח דעם דאזיגען זאמען־אויספלוס האט מען זיך שוין צופיל פערנומען און בכדי צו בעשווינד־לען האט מען שוין ניט איין היפאכאנדריק דערמיט אבגעשראקען. וואס ווענינער אויפמערקזאמקייט מיר וועלען שענקען דער דאזיגער ערשיינונג, אלץ גיכער וועט זי פערשווינדען, בעזונדערס נאך, ווי עס איז מיינסטענס דער פאל, ווען זי איז פון א ריין נערוועזען כא־ראקטער.

איינער פון די אונאנגענעמסטע און זעהר פערשפרייטע פעהד־לערם איז די פימאזיס; זי איז כמעט תמיד אן עמבריאנישע און מיטגעבוירענע פערוואקסונג פון דער דרויסיגער עפענונג פון דער פארהויט (ערלה), וועלכע ווערט אפטמאל אזוי ענג, אז די אייכעל, לפחות ביי דער ערעקציע, קאן דורך איהר ניט דורכגעהען, אדער קאן זיך נאר דורכשפארען אפטמאל מיט דער גרעסטער שפאנונג און וועה־טאג. טאמער ווערט די פארהויט בעת אורינירען אדער אנאנירען פאר דער ערעקציע צוריקגעצויגען הינטער די אייכעל, דעמאלט שנירט זי

האָט מיר מיט טרערען אין די אויגען דערצעלט, ווי אין דייטשלאַנד האָט איהם א דאָקטאָר ארויסגעטריבען מיט די ווערטער: „דאָס איז שווינעריי, איהר זענט א חזיר, פערמאַכט אייער מויל און געהט ארויס!" אין דער אמת'ן האָט דער דאָזיגער טיף מאָראַלישער מאַן פּאָקטיש געפירט א העלדענקאַמף געגען זיינע פּאַטהאָלאָגישע, נערוועזע סעקסועלע נייגונגען! אבער אַט פּונקט ווי עס דענקט יענער אונוויסענדער דאָקטאָר, דענקען כמעט אלע מענשען, די גאַנצע מענשליכע געזעלשאַפט. א דאַנק דער בילנדקייט מכח דעם גרעסטען טייל פון דעם עניין וועלכען מיר געהען דאָ בעהאַנדלען; דערפאַר ווי אבשטויסענדיג ער זאָל ניט זיין, מוזען מיר דאָ לכל הפחות געבען זיינע דרויסענדיגע ליניעס וועלכע, א חוץ דעם, וואַרפען א לעהררייך ליכט אויף דער געשלעכטס-פראגע בכלל.

## די פּאַטהאָלאָגיע פון די געשלעכטס-אָרגאַנען בכלל.

אלע פערקריפּלונגען, קראַנקהייטען אָדער אָפּעראַציעס, וועלכע צושטערען דעם קינד'ס געשלעכטס-דריזען אָדער וועלכע מאַכען שווער זייער ענטוויקלונג, רופען ארויס, אי ביים מאַן און אי ביי דער פרוי, יענע ערשיינונגען וועלכע מיר האָבען בעשריבען רעדענדיג מכח קאַסטראַציע. דאָס צום ביישפּיל איז זעהר געוועהנליך דער פאַל ביי דער אַזוי-גערופענער קריפּטאָרכיע, ביי וועלכער די טעסטיקלען האַלטען זיך איין אין דער בויך-הייל אָדער אין לייסטען-קאַנאַל און זיי קאָנען זיך דאָרט ניט ענטוויקלען. אבער מיר האָבען געזעהען, אַז ווען אַט אַזאַ צופאַל טרעפט מיט א דערוואַקסענעם מענש, קאָנען ניט בלויז נאָר דערהאַלטען ווערען די קאָרעלאַטיווע געשלעכטס-סמנים, נאָר עס בלייבט אפילו איבער די פעהיגקייט צום געשלעכטס-פערקעהר און די געפיהלען פון דער געשלעכטליכער תאוה. א כאַראַקטעריסטישער פעהלער ביי מענער איז די אַזוי-גערופענע אַספּערמיע, ביי וועלכער די טעסטיקלען זענען יאָ ענטוויקעלט, אבער דער זאַמען האָט ניט קיין ספּערמאַטאָזאָען. טראָצדעם אבער זענען אַספּערמאַטישע מענער בכלל פעהיג צו האָבען ערעקציעס, צו האָבען א געשלעכטס-פערקעהר און אויך צו בעקומען אָרגאַזמען, זיי קאָנען זיך פערליבען א. אז. וו.. הגם די געשלעכטס-פונקציעס זענען ביי זיי געוועהנליך

# קאפיטעל VIII.

## די סעקסועלע פּאטהאלאָגיע.

דאַ ראַטען מיר דעם לעזער צו דעם ווערק פון קראפּט־עבינג, „פּסיכאָפּאַטהיאַ סעקסואַליס“, צו די ווערק פון האַוועלאָק עלליס, הירש־פעלד און אנדערע. אין יענע ווערק געפינט זיך אַ מאסע בעאָבאַכטונגען, אויף וועלכע מיר קאָנען זיך דאַ ניט אָבשטעלען באַריכות. מיר מוזען זאָגען באַלד פון אָנפאַנג, אַז אַ חוץ ביי די ווענערישע קראנקהייטען, שפּילען די געשלעכטס־אָרגאַנען אַליין פאַר זיך אין דער דאָזיגער פראַגע כמעט גאָר קיין ראָלע ניט. כמעט אַלע פּאַטהאָלאָגישע ערשיינונגען שפּילען זיך אָב אין צענטראַל־נערווענסיסטעם, בעזונדערס אין דעם אָרגאַן פון דער נשמה, אין דעם גרויסען געהירן.

צווייטענס, די אָבנאָרמאַליטעטען פון דעם געשלעכטס־לעבען געהערען בים, אָדער העכסטענס בלויז ביז צו אַ זעהר שוואַכען גראַד, צו יענע דערוואָרבענע אַקוטע קראַנקהייטען וועלכע דער דאָקטאָר קאָן בעהאַנדלען מיט מעדיצינען אָדער ענליכע רפואות. זיי זענען איינגעוואָרצעלט כמעט אויסשליסליך אין דער פּסיכישער קאָנסטיטוציע, אין די גע'ירש'ענטע דיספּאָזיציעס פון דעם געהירן, וועלכע זענען אָפּטמאָל פערבונדען מיט טרוימאַ־ (וואונד) קראַנקהייטען. אָבער די פּאַטהאָלאָגיע פון די גע'ירש'ענטע געהירן־ אָדער נשמה־דיספּאָזיציעס איז אַן אָהן אַ ערך ווייט און ברייט פעלד, וואו מען קאָן כמעט אין ערגיץ ניט בעשטימט אַנווייזען שאַרפע גרעניצען צווישען קראַנק און געזונד. אַ גרויסער טייל פון דעם, וואָס דאָס ליבע פּובליקום, און אפילו געבילדעטע טהעאָלאָגען, יוריסטען און דאָקטוירים וואָס האָבען ניט שטודירט די פּסיכיאַטריע, בעטראַכטען אַלס פערברעכענס, אַלס זינד, אַלס שאַנד אָדער שלעכטסקייט, איז געבויט אויף פּאַטהאָלאָגיש גע'ירש'ענטע דיספּאָזיציעס. איינמאָל האָט מיך קאָנסולטירט אַ אַזאַ מין פערצווייפעלטער קראַנקער, הגב אַ זעהר עדעלער מענש, וועלכער

דערוייל נאָך אויף שוואכע פיס, בעת געוויסע מינים פון דער וועלט פון חיות האָבען איהם אויף אַן אינסטינקטיווען יסוד ענטוויקעלט אַ סך שטארקער (בינען, מוראַשקעס); אבער טאקע נראָד דער לעצטער פאַקט ווייזט אַן אויף אַ נאַטור־געזעץ, לויט וועלכען די געזעלשאַפט־ליכע אָרגאַניזאַציעס פירען צו דער ענטוויקלונג פון דעם געפיהל פון פליכט און אַלטרואיזם. די געשיכטע פון דער מענשהייט איז אַן עדות, אַז אונזער געזעלשאַפטליכער פערבאַנד האָט לאַנגזאַם, מיט שווערע טריט, דורכגעהענדיג אונצעליגע קאַמפען, זיך ענטוויקעלט, די־רעקט אָדער אינדירעקט, פון דעם פערבאַנד פון פאַמיליעס. די הייג־טיגע אומשטענדען אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד טרייבען צו אַט דער דאָזיגער ענטוויקלונג פון אַלע איצטיגע נאָך שוואכע, סאָציאַלע געפיהלען און אינסטינקטען פון די מענשען, און די לעצטע מוזען פאָלגען, ווייל קודם כל זענען זיי צוגעקניפּט צו דעם פאַמיליען־, פריינד־און שבט־אַלטרואיזם וועלכער איז פילאָגענעטיש טיף איינגעווארצעלט אין דעם מענשליכען געהירן, ד. ה. זייער יסוד איז דאָס בירושה אין אונז דרעמלענדיגע סימפּאַטיע־ און פליכט־געפיהל אַנטקעגען איינצעל־נע מענשליכע אינדיווידוען וועלכע זענען מיט אונז נעהענטער פער־בונדען. אויף דעם דאָזיגען יסוד האָט זיך שוין שטאַפּעלווייז ענטווי־קעלט אַן אַלגעמיין מענשהייטס־געפיהל.

עס איז אַ פונדאַמענטאַלער טעות צו ווילען בויען די סאָציאַלע סאָלידאַריטעט אויף אונזערע שוואכע פילאָגענעטישע סימפּאַטיע־געפיהלען, אָדער אויף אַ ריין אידעאַלער אויפאָפּפערונגס־פעהיגקייט א. ד. גל. עס איז אבער פונקט אזא פונדאַמענטאַלער גרויסער טעות, צו בויען די סאָציאַלע סאָלידאַריטעט אויף דעם עגאָאיזם. דעם עגאָאיזם און דעם אַלטרואיזם דאַרפען מיר ניט מאכען פאַר אַנטימאָניעס; מיר מוזען זיי בעטראַכטען אַלס צוויי פאַקטאָרען, צוויי טיילען אי פון דער מענשליכער געזעלשאַפט און אי פון איטליכען יחיד בעזונדער. מען מוז ווייטער מודה זיין, אַז דער אַלטרואיסט, דער מענש וועלכער איז בעגאַבט מיט שטאַרקע אינסטינקטיווע סימפּאַטיע־ און פליכט־געפיה־לען, איז אַ ניצליכער געזעלשאַפטליכער בויער. בעת דער מענש אָהן אַ מאָראַלישען חוש, דער ריינער עגאָאיסט, איז אַ שעדליך עלעמענט אין דער געזעלשאַפט. עס איז דעריבער אַ סאָציאַלע פליכט, דורך דעם סעק־סועלען וועג דעם ערשטען צו פערמעהרען און בנוגע צום צווייטען צו העלפען איינפירען ווי ווייט מעגליך די גרעסטע סטעריליטעט.

זי קאן אוועקשענקען איהר גאנצע ליבע. דאס איז דאס בעסטע מיטעל צו פערמיידען אנגעבמורעטקייט און קאפריזנע שטימונגען. מען קאן זאגען, אז די ליבע, וועלכע איז א פילאגענעטישע צווייג פון דעם גע־שלעכטס־טריב, מיט וועלכען זי איז ענג צוזאמענגעקניפט אין די סאמע קרעפטיגסטע יאהרען פון לעבען, ווערט שפעטער בילעכוויין אליין מעהר און מעהר זעלבסטשטענדיג און דארף לסוף האבען אנדערע ערזאץ־געגענשטאנדען. אט דערין ליגט א וואונדערבארע צופאסונג פון דער ליבע צום לעבען.

אלס קינד איז דער יחיד אין אלע פרטים קודם כל אויף א נאַ־טירליכען אופן עגאיסטיש: זיינע אינסטינקטען זענען געווענדט אויף דער דערהאלטונג פון זיין איך. פונדעסטוועגען זענען פאראן גרויסע אינדיווידועלע פערשידענקייטען: מיר מערקען אין קינדער אפטמאל שוין א זעהר גרויס פליכט־געפיהל און זעהר טיפע געפיהלען פון רחמנות. שפעטער, ווען דער מענש ווערט געשלעכטליך רייף, טרייבט איהם זיין געשלעכטס־טריב צו דער סעקסועלער ליבע, צום דועל־עגאיזם און דער דאזיגער טריב ווערט דער וויכטיגסטער פאקטאר פאר דער פערמעהרונג פון דעם מין. אויף דער עלטער ענדיגט זיך דער דאזיגער זעלבסטצוועק פון דעם יחיד. זיין לעבען וואלט דעריבער נאר געווארען א לאסט פאר דער געזעלשאפט, ווען זיינע איבעריגע יאהרען וואלטען ניט געקאנט פארווענדט ווערען לטובות הכלל. דורך איהר ברייטקייט און טיפקייט, דורך איהר אויסלויטערונג, פערוואנ־דעלט זיך איצט די סעקסועלע ליבע, אויף א נאטירליכען שטייגער, אין א ריין מענשליכע, אלטרואיסטישע און סאציאלע ליבע. לפחות וואלט עס אזוי בעדארפט זיין, און דעמאלט וואלט אויך העקעל'ס ביאַ־גענעטיש גרונד־געזעץ, אז „די אנטאגעניע איז א פערקירצטע איבער־חזר'ונג פון דער פילאגעניע" בעקומען א ווייטערדיגע אילוסטראציע. פילאגענטיש האט אונזער פרימיטיווסטער אור־פאטער (די איין־צעליגע חיה) געלעבט נאר פאר זיך אליין; שפעטער איז געקומען די גע־שלעכטליכע פארטפלאנצונג אהן ליבע, דערנאך מיט א סעקסועלער ליבע און א פאמיליען־ליבע (העכערע חיות, פויגלען און זויג־חיות) און אלס דער העכסטער שטאפעל האט זיך ענטוויקעלט די סאציאלע ליבע אדער דאס סאלידארישע פליכט־געפיהל, דער אלטרואיזם. אבער וועדליג מיר האבען געזעהען, האלט זיך דער אלטרואיזם ביים מענש,

מיט דעם קלימאַקטעריום דאַרף נאָרמאַלערוויז דער געשלעכטס־טריב אָדער זעהר שטאַרק זיך אַבשוואַכען אָדער אינגאַנצען זיך אָב־שטעלען. מיינסטענס איז דאָס אָבער ניט אַזוי. עלטערע פרויען ווערען אָפטמאָל געמאַטערט פון דער ליבידאָ סעקסואַליס, און די פייניגונג איז פאַר זיי נאָך גרעסער מחמת זיי האָבען קנאַפּ־וואָס אָנציהונג פאַר די מענער. אָבער זייער צושטאַנד קאָן ניט בעטראַכט ווערען אַלס נאָר־מאַל. אויף אַ נאָרמאַלען אופן ווערט אויך ביי דער פרוי אין די עלטערע יאָהרען דער געשלעכטס־טריב אַלץ מעהר אָבגעשוואַכט און פערקלע־נערט, און אויך ביי איהר, פונקט ווי ביים מאַן, ענטוויקעלט זיך פון דעם גליקליכען געשלעכטליכען צוזאַמענלעבען, יענע געלויטערטע לי־בע וועלכע מיר האָבען אויבען געשילדערט.

מכח אַלטע פרויען רעדט מען אָפטמאָל מיט אַ געוויסער פער־אַכטונג. מען מוז מודה זיין, אז ניט בעפרידיגטע טריבען און ליידענ־שאַפטען און כל המינים פערוועהטאַגטע געפיהלען, מעהר פון אַלעם אָבער אַ פּאַטהאָלאָגישע קאָנסטיטוציע, מאַכען פון דער פרוי וואָס הויבט זיך אָן צו עלטערען, זעהר אָפט אַ בעשעפעניש וואָס פערמאָגט קנאַפּ־וואָס ליבענסווירדיגקייט. איך בין אָבער איבערצייגט, אז ווען די פרוי זאָל דערהויבט ווערען צו אַ העכערען סאָציאַלען שטאַפּעל און ווען צו איהר ערציהונג זאָל צוגעלעגט ווערען מעהר זאָרג, וואָלט זיך דער האַזיגער צושטאַנד זעהר פיל פערבעסערט. די ערציהונג פון דער פרוי זאָל זיך ניט בעגרעניצען אויף נאַרישקייטען און פּוסטע ענינים. די פרוי דאַרף מען ענטוויקלען פאַר אַן ערענסטער אַרבייט און פאַר אַ טיפער אויפפאַסונג פון לעבען. מיר בעגעגענען גענוג אַלטע פרויען וועלכע קאָנען זיין פאַר אונז עטיש־סאָציאַלע מאָדעלען אַ דאַנק זייער טעטיגקייט, זייער אויסגעהאַלטענקייט, זייער שאַרפען און גע־זונדען שכל און צוליב זייער ליימזעליגקייט און ליבליכקייט. הגם זייער ממשות׳דיגע גייסטיגע פּראָדוקטיוויטעט הערט בכלל אויף פריהער איידער ביים מאַן, שליסט דאָס אָבער ניט אויס אַ אויסדויערענדיגע, דורכגעטראַכטע, רעפּראָדוקטיווע און פּראַקטישע טעטיגקייט פון שכל צוזאַמען מיט אַ פיין און צערטליך געהילפס־לעבען. נאָך דעם טויט פון איהר מאַן, נאָך דעם אויסגעבען פון איהרע קינדער א. ד. גל. גע־פינט די פרוי וואָס דערגרייכט די עלטערע יאָהרען אַן אַנדער גליק אין אַן אינטענסיווער געזעלשאַפטליכער אַרבייט, אַן אַרבייט וועלכער

איידער דער מאן, און וועלכע שטעלט זיך אב און ווערט אויטאמאטיש אויף פריהער איידער דער לעצטער. דאס הגב איז אויך ביז א הויכען שטאפעל, הגם ניט די וויכטיגסטע, אורזאך פון דער נידעריגער גייס־טיגער בילדונג פון אונזערע פרויען. דא מוז מען ווידער מאכען א חלוק צווישען די טיפערע פילאגענעטישע דיספאזיציעס פון דער פרוי און דעם איינפלוס פון דער ערציהונג אין משך פון איהר אנטאגענע־טישער ענטוויקלונג.

אין שייכות צו איהר געשלעכטס־טריב האבען מיר געזעהען, אז די ליבידא סעקסואלים פון דער פרוי ענטוויקעלט זיך בכלל ערשט נאך דעם געשלעכטס־פערקער, בעת פאר דעם איז זי מיינסטענס בע־שטאנען פון א פער'חלומ'ט בענקען. דעריבער טרעפט אפטמאל, אז אין דעם אנטאגענעטישען ענטוויקלונגס־גאנג איז די ליבידא סעקסוא־לים אמשטארקסטען ביי אביסעל שוין עלטערע פרויען (צווישען דריי־סיג און פערציג יאהרען): דעמאלט פערליבען זיך די פרויען זעהר לייכט אין גאנץ יונגע מענער. אויך די פרויען, פונקט ווי די מענער, ווערען דורך ערפארונג געניט און כיטרע און זיי פערשטעהען אויס־געצייכענט ווי אזוי צו געווינען יונגע, היציגע און אונערפארענע מענער, און טיילמאל אפילו צו פערפירען גאנץ יונגע קינדער. אזוינע פערבינדונגען, וועלכע מען בעגעגענט זעהר אפט מיינסטענס ביי אלמנות, זענען אבער אין זעלטענע פאלען גליקליך. ווייל, ווי יעדער פערשטעהט, ווערען אזוינע פרויען זעהר לייכט אייפערזיכטיג און זיי־ערע מענער ווערען זעהר שנעל אויסגעניכטערט און אונצופרידען. בכלל איז די נארמאלסטע פארם פון א מאנאגאמישער פערבינדונג דע־מאלט, ווען דער מאן איז מיט זעקס ביז צוועלף יאהרען עלטער פון זיין ווייב און ווען די פרוי האט חתונה וואס יונגער.

ביי דער סעקסועלער אנטאגעניע פון א נארמאלער פרוי שפילען דאס טראגען, די געבורטען און דאס זויגען און ערציהען קינדער, א סך א גרעסערע ראלע איידער דער געשלעכטס־טריב. די דאזיגע גע־וואלדיגע פאסירונגען אין דעם ווייבליכען געשלעכטס־לעבען איינעמען מיט דער צערטליכקייט צו איהר מאן, פערנעהמען דעם גרעסטען טייל פון דער פרוי'ס געהירן־ארבייט, פילען אויס איהרע געדאנקען און זענען אין דערזעלביגער צייט די בעדינגונגען פאר איהר ווירקליך גליק און לעבען.

נעו אזוינע מיידלעך מיינסטענס אויך ניט גאַנץ נאָרמאַל. זיי זענען אָדער היסטעריש אָדער אונגעהייער עמפינדליך, ווערענדיג זעהר לייכט בעיינפלוסט.

אין דער עלטער, ווען דאָס געשלעכטס־לעבען האָט זיך אין זיין נאָרמאַלען גאַנג ענדליך פעסטגעשטעלט, לאָזט עס איבער אלס אַ נאַטיר־ליכע צואה, א ריינע, געלויטערטע ליבע, וועלכע פערצירט און פער־גאָלדט מיט די פרעכטיגסטע הערבסט־פארבען דעם אבענד פון דעם לעבען. דאָס דאָזיגע ווערט זעהר אָפט פערגעסען פון די מאָדערנע חוזק־מאכער פון דער הייראַט. געוויס, גאַנץ אָפט ווערט דער אבענד פון פערהייראַטען לעבען טרויריג, פול מיט ליידען און קאַמף, אבער דעמאָלט, ווען די הייראַט איז געווען געבויט אויף צוואַנג, אויף א מיספערשטענדנים פון די כאראקטערס בעת דעם געגענזייטיגען ליבעס־רויש, אויף געלד־אינטערעסען און יחוס, אָדער ווען די הייראַט ווערט געשטערט דורך פערשידענע קראַנקהייטען.

די סעקסועלע אַנטאַגאָניע ביי דער פרוי איז אַנדערש איידער ביים מאַן. די פרוי ווערט פריהער רייף, ד. ה. שנעלער. אין אונזער ראַסע ווערט אַ פרוי פון 18 יאָהרען ניט בלויז געשלעכטליך רייף, נאָר אויך הייראַטס־רייף און איז אין דער פולסטער בליהונג פון איהר ענט־וויקלונג, און אין דעם משך פון איהר אכטצענטען ביז איהר פינף־און־צוואַנציגסטען יאָהר איז זי אין דעם בעסטען צושטאַנד פאַר דעם געשלעכטס־לעבען. דאָס דאָזיגע בעווייזט די גינעקאָלאָגישע וויסענ־שאַפט און די געבורטס־הילף. ביים סוף פון די פערציגער אָדער ביים אַנפאַנג פון די פופציגער יאָהרען פון דער פרוי קומט אָן דאָס קלי־מאַקטעריום און דערמיט דער סוף פון איהר פרוכטבארקייט. דער משך פון דער פרוי'ס פרוכטבאַרקייט איז אַלזאָ אַ סך קורצער און ענדיגט זיך אויך אַ סך פריהער איידער ביים מאַן.

אין איינקלאַנג מיט דעם איז אויך די גאַנצע ענטוויקלונג פון די גייסטיגע און סענטימענטאַלע אויסשטראַלונגען פון דער פרוי'ס גע־שלעכטס־טריב אַ סך אַ שנעלערע איידער ביים מאַן. די פרוי איז אַ סך פריהער פול ענטוויקעלט און האָט פריהער דערגרייכט איהר רעפּ־ראָדוקטיווע פעהיגקייט. דאָס דאָזיגע איז אויך אמת בנוגע צו דעם גאַנצען פסיכישען לעבען פון דער פרוי, וועלכע איז אין די עלטערע יאָהרען אַ סך ווייניגער מסוגל ווייטער צו ענטוויקלען איהר לעבען

געשלעכטס־טריב אדער די ליבע איז שטארקער ביי א געוויסען מאן.
עס פערשטעהט זיך, אז אויך דא זענען פאראן אלערליי מישונגגען,
שטאפלען און שאטירונגען.

ווערליג דער מיינונג פון וועסטערמארק קומט פאר, אונטער נאר־מאלע אומשטענדען, א צופאסונג פון יאהרען, ד. ה., אז עלטערע מענער פערליבען זיך גיכער אין אביסעל שוין עלטערע פרויען. געוויס, אין א סך פאלען איז עס טאקע אזוי, דארט, וואו עס הערשען שכל און העכערע ליבע. עס וואלט אבער געווען א תעות, דא אויפצושטע־לען כללים. עס איז איינע פון די מערקווירדיגסטע ערשיינונגען, צו בע־אבאכטען, אדרבה, ווי אפטמאל גאר פערליבען זיך אלטע מענער אין יונגע מיידלעך און, זונדערבאר, ווי יונגע מיידלעך פערליבען זיך אויפ־ריכטיג אין אלטע מענער. יא, מיר לעזען אין אלערליי אלטע ביכער, אז יונגע מיידלעך האבען חתונה געהאט מיט אלטע מענער בלויז צו־ליב זייער נאמען און זייער געלד, בכדי זיי שפעטער צו בעשווינדלען. דאס איז אהן ספק אמת, אבער איך האב זיך שטענדיג גע'חדוש'ט זעהענדיג, ווי בלוט־יונגע אכצען־ ביז צוואנציג־יאהריגע מיידלעך האבען זיך אפטמאל ביז צו משוגעת פערליבט אין אלטע דורכגעריבענע דאן זשואנס און דוקא דעמאלט, ווען נאמען און געלד זענען געווען אויף דער זייט פון די מיידלעך. ווענען די מיידלעכ'ס שווינדעל האט דעריבער גאר קיין רייד ניט געקאנט זיין. עס טרעפט אבער א סך אפ־טער, און עס איז אויך בעגרייפליכער, ווען אן אלטער מאן איז משוגע פערליבט אין א יונג מיידעל. מען מוז אבער זיין איינפערשטאנען מיט וועסטערמארק'ן, אז דער דאזיגער צושטאנד, בעזונדערס דער לעצטער פאל, איז ניט נארמאל, און, ווערליג מיר וועלען שפעטער זעהען אין קאפיטעל 8, איז דאס מיינסטענס, מען קאן זאגען בכלל, דאס רעזול־טאט פון א געהירן־קראנקהייט, דער אנפאנג פון דער געהירן־שוואכ־קייט ביי זקנים, ביי וועלכע עס האט פלוצלינג ווידער אויפגעפלא־קערט דער פערלאשענער געשלעכטס־טריב.

ווייניגער פערשטענדליך איז די פערליבטקייט פון יונגע מיידלעך אין אלטע מענער. די זריעה פון דער דאזיגער ליבע קאן טיילמאל זיין די אבוועזענטקייט פון אן אנדער צוגעפאסט אביעקט פאר זייער ליבע, אדער טיילמאל די גייסטיגע העכערקייט פון דעם מענליכען געשלעכט, וועלכעס, הגם, עלטערט זיך בכלל ניט אזוי פריה; פונדעסטוועגען זע־

די ליבע פעהלט ניט נאָר אינגאנצען. דער דאָזיגער פאקט ווערט נאָר צוליב דעם אזוי אָפט פערזעהען, מחמת מען מישט אויס די ליבע מיט דער ליבידאָ. ראָמאנען - שרייבער, וועלכע ספעקולירען אויף דעם עראָטיזם פון דער מאסע, וועלען פערשטעהט זיך, זיך מעהר פערנעהמען מיט א שילדערונג פון א סעקסועלער ליידענשאפט און ליבעס-רויש מיט אלע זייערע קאָנפליקטען און קאטאסטראָפען, איידער מיט א וועניגער פיקאַנטע שילדערונג פון א רוהיגער און אויסגעגליכענער ליבע פון אַן עלטער פּאָרפּאָלק, א ליבע וועלכע האָט אלס יסוד די האַרמאָניע פון דענקען און פיהלען און וועלכע געפינט איהר העכסטע בעפרידי-גונג אין א געגענזייטיגער געטריישאפט און איבערגעבענקייט פון דעם פּאָרפּאָלק. דער געשלעכטס-טריב און די סעקסועלע פּאָטענץ ווערען אויסגעלאָשען ביים מאַן צווישען דעם זעכציגסטען און אכציגסטען יאָהר. עס זענען פאראַן אכציג יאָהריגע פּאָטענטע גרייזען, זיי זענען אָבער פּרוכטבאר בלויז אין זעלטענע פאלען. בכלל לעשט זיך אוים די פּאָטענץ פריהער פאר דער ליבידאָ, און דאָס איז אויך די אורזאך ביי א טייל אלטע לייט אָנצואווענדען אלערליי מעהר אָדער וועיניגער אונ-ריינע קינסטליכע מיטלען, בכדי צוריק אויפצולעבען זייער פּאָטענץ אָדער לכל הפחות צו בעפרידיגען זייער ליבידאָ.

די אויבען דערמאָנטע פאקטען דערקלערען, פארוואָס דער עגאָאיסט, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט פון אן אמת'ער ליבע, קאָן ווערען אזוי מאוס און אזוי טיף אראָבזינקען ווען ער ווערט אלט. די אויס-געאַרבייטע רוטין פון זייער געשלעכטס-טריב, זייער געשלעכטליכע בעניטקייט, ענטוויקעלט זיך ביי זיי אין א סיסטעמאַטישער פערפיר-קונסט. אויף א געשיקטען אופן פערנעהמט די ליבעס-פראזע דעם פּלאַץ פון דעם ליבעס-געפיהל און אזוינע אלטע דאָן זשואַנס ווייסען גענוי ווי אזוי יונגע מיידלעך אריינצונאַרען אין זייער נעץ. דער דאָזיגער וואויל-בעקענטער פאקט שיינט צו זיין א סתירה צו דעם נאָרמאלען גע-זעץ, וועלכעס מיר האָבען פריהער דערמאָנט, אז די העכערע ליבע פערפיינערט זיך אין דעם מאַן'ס עלטערע יאָהרען. בכדי צו פערשטע-העז דעם תוך פון דער גאַנצער זאך, מוז מען קלאָר געדענקען איינס, אז די אַנטאַגאָנעטישע וייטערדיגע ענטוויקלונג פון דעם געשלעכטס-טריב איז עפּעס אנדערש איידער די ענטוויקלונג פון דער ליבע, און אז די פּאָלגע קאָן זיין פונקט א פערקערטע, וועדליג נאָכדעם אויב דער

אין קאפיטעל 4 האבען מיר בעשריבען די אחן אז ערך פערשי־
דענע אינדיוווידועלע שטאפלען פון דער ליבידא סעקסואלים אין ביידע
געשלעכטער, און אויך די פאטענץ פון די מענער. מיר האבען אויך גע־
זעהען, אז די יאהרען ווען דער געשלעכטס־טריב שטעלט זיך אב,
זענען אנדערש ביי פערשידענע מענשען. צו דעם דאזיגען פונקט ווע־
לען מיר זיך שוין מעהר ניט צוריקקערען. ווייטער דערמאן איך דא,
אז אין קאפיטעל 4 האבען מיר געזעהען, אז די שטארקסטע פאטענץ
און ליבידא זענען ביים מאן צווישען דעם צוואנציגסטען און פער־
ציגסטען יאהר. מיר קאנען אויך אננעהמען, אז די דאזיגע פעריאדע
האט אין זיך אלע מעלות צום בעשאפען פון א קרעפטיגען און געזונ־
דען דור און, אז די יאהרען פאר דרייסיג זענען בעסער איידער די יאה־
רען נאך דרייסיג.

די אנטאגענעטישע ענטוויקלונג פון דעם געשלעכטס־טריב און
פון דער ליבע פערורזאכט געוועגליך אז אייגענטימליכע ערשיינונג אין
מאן. בעת דאס ערציהען, דאס ציכטען און די צוגעוואוינטע בעפרי־
דינונג פון יעם געשלעכטס־טריב אלס אזוינעס, מאכט איהם ראפיניר־
טער, און דעריבער אין א געוויסען פרט ציניזשער, זייענדיג מעהר אויס־
גערעכענט, ענטוויעלט זיך. אדרבה, די סעקסועלע ליבע, אויב זי איז
פאראן, אלץ העכער און עדעלער, ווערענדיג ווייניגער עגאיסטיש אין
די עלטערע יאהרען איידער אין דער יוגענד. דאס לעצטע איז די פעולת
פון א פיינער געפיהלס־לעבען, וועלכעס איז א דאנק דער פסיכישער
ענטוויקלונג בכלל, דיסציפלינירט און ערצויגען געווארען, און דער־
מיט דערקלערט זיך אויך, וואס דער געשלעכטס־טריב ווערט ווייניגער
אינטענסיוו און דעריבער אויך ווייניגער ברוטאל און ווייניגער צווינ־
גענדיג. עס פערשטעהט זיך, מיר רעדען דא בלויז פון נארמאלע גע־
הירנס. אין די יונגע יאהרען טריומפירט דער ליבעס־רויש וועלכער
געהט צוזאמען מיט א שטארקער ליבידא; אבער נאך דער אנזעטי־
גונג פון דער סעקסועלער ליידענשאפט, טרעט אב דער ליבעס־רויש און
עס בעווייזען זיך ווידער די איבעריגע נאך ניט געצוימטע ליידענשאפ־
טען און עגאיסטישע טריבען פון יענער עלטער. עס איז אן אלגעמיין
בעקענטער אמת, אז ווען מען ווערט עלטער, איז די ליבע אונטער
נארמאלע אומשטענדען, אדרבה, מעהר אויסגעהאלטען, מעהר בע־
שטענדיג און גלייכמעסיג. געוויס, דאס אלעס ווערט געזאגט אין פאל

דער אייכעל אָדער דורך א רייצונג וואָס קומט פון פימאָזיס (זעה קאַ־פיטעל 6). דאָס אייגענע קומט פאָר ביי קליינע מיידלעך דורך א רייַ־צונג פון קליטאָרים. אזוינע רייצונגען פירען שפּעטער צום אָנאַניזם ביי קליינע קינדער. מכח וואָס מיר וועלען שפּעטער רעדען. אזוי ווי די טעסטיקלען ביי א יונג אינגעל שיידען פון זיך נאָך ניט אב קיין זאָמען, דעריבער ווערט ביי דער מאסטורבאציע פון אזוינע קינדער ארויסגע־רופען אן אבזונדערונג פון א שליים פון אנדערע דערבייאיגע דריזען, מיט וואָס אבער עס איז פונקט אזוי גוט פערקניפּט א געפיהל פון תאוה. נאָך מעהר זונדערבאר זענען, ווי מיר וועלען זעהען, יענע פּאַ־לען פון פּאַראַדאָקסיע, ביי וועלכע קליינע אינגלעך מיט קליינע מייד־לעך, אָדער פערקערט, קליינע מיידלעך מיט קליינע אינגלעך האָבען א ריכטיגען געשלעכטס־פערקער, הגם עס זענען ניט פאראן קיין זאָ־מען ביי די אינגלעך און קיין רייפע אייער אָדער מענסטרואציע ביי די מיידלעך, און הגם די געשלעכטס־אָרגאַנען זענען נאָך אינגאנצען אין אן עמבריאָנישען צושטאנד. הגם זיי זענען אָהן ספק פּאַטהאָלאָגיש, זענען זיי אבער זעהר כאראקטעריסטיש דערמיט, וואָס זיי ווייזען קלאָר, אז א דאנק א פּילאָגענעטישער דערוועררבונג פון דעם געהירן, איז דער געשלעכטס־טריב געוואָרען רעלאַטיוו אונאבהענגיג פון דער פולשטענדיגער ענטוויקלונג פון די געשלעכטס־דריזען. אמת, ביי גאנץ יונגע קאסטרירטע מענער ווערט דער געשלעכטס־טריב געוועהנליך ניט ענטוויקעלט; אבער דער געשלעכטס־טריב צוזאמען מיט די ערעקציעס און די דרויסענדיגע געשלעכטס־פונקציעס פערבלייבען, ווען מען ווערט קאסטרירט (דאָס אוועקשניידען פון די געשלעכטס־דריזען) ערשט נאָך דער געשלעכטליכער רייפצייט.

פון די אלע פאַקטען איז וויכטיג פאַר אונז דער שלוס וועלכער מוז דאָ געצויגען ווערען, אז אין זיך גופא איז דאָס בלויזע פאַראַן־זיין פון א געשלעכטליכער רייצונג אָדער פון א געשלעכטס־טריב בשום אופן ניט א סמן, אז זיי זענען נאָרמאַל. אין קאַפּיטעל 8 וועלען מיר זיך קלאָר איבערצייגען, אז ניט בלויז אבנאָרמאַליטעטען אין די גע־ירש'ענטע דיספּאָזיציעס, נאָר אויך קינסטליכע רייצונגען און שלעכ־טע געוואוינהייטען קאָנען זיין די אורזאך פון אלערליי מאָס'ע אויס־וואוקסען פון געשלעכטס־טריב, פון אלערליי געשלעכטליכע פערקריי־מונגען, אבנאָרמאַליטעטען און עקסצעסען.

ער ליבע צו ליאלקעס און דער אופן ווי אזוי זיי שפילען זיך מיט זיי, איז אין דעם דאזיגען פרט זעהר כאראקטעריסטיש פאר די קליינע מיידלעך. די דאזיגע אינסטינקטיווע ליבע נאך איידער עס איז פאראן א סמן פון א סעקסועלער פונקציע (צ. ב. מענסטרואציע) אדער א גע־שלעכטליך געפיהל, טראגט דעם כאראקטער פון יענעם געפיהל וועל־כעס ווערט שפעטער די מוטערליכע און דער טריב צו פלעגען קינדער. פערקערט, ביי אינגלעך זעהען מיר די קלארע טענדענץ, פאר די מייד־לעך צו ווייזען זייער העלדישקייט, זיך צו בערימען מיט זייער קראפט, צו איבערוועלטיגען די מיידלעך, אבער זיי אויך צו שיצען. א. אז. וו. די סעקסועלע אייפערזוכט עקזיסטירט שוין ביי גאנץ יונגע קינדער. מיר זעהען קליינע אינגלעך זיך בעמיהען פאר קליינע מיידלעך, און פערקערט, קליינע מיידלעך זיך בעמיהען פאר קליינע אינגלעך און זיי זענען אייפערזיכטיג אויף יענע, וועלכע ווערען מעהר פארגעצויגען. נאך אין די זעהר יונגע יאהרען ווייזען שוין די מיידלעך א בייגונג זיך צו פוצען און צירען פאר אינגלעך און מענער. די דאזיגע אלע ערשיינונ־גען זענען טיילווייז געבויט אויף אונבעוואוסטע (אונטער־בעוואוסטע) אינסטינקטען און טיילווייז זענען זיי פערבונדען מיט א שוואך סעק־סועל פארגעפיהל, וועלכעס שפילט א געוואלדיגע ראלע אין דעם קינד־ליכען ענטוזיאזם. בילדער פון שענע פרויען, געוויסע טיילען פון דער פרוי'ס קערפער אדער די ווייבליכע קליידונג, זענען מיינסטענס די אורזאך פון די דאזיגע ערשטע בעגייסטערונגען ביי אינגלעך; בעת מיידלעך בעגייסטערען זיך מעהר פאר כאראקטער־אייגענשאפטען, מו־טיגקייט, בכלל פאר אן אימפאנירענדיג אויפטרעטען, אבער אויך פאר דער מענליכער שענקייט. אין קאפיטעל 4 האבען מיר שוין גערעדט מכח די דאזיגע פארגעפיהלען פון געשלעכטס-טריב און פון דער געשלעכט־ליכער ליבע ביי יונגע מענשען.

א חוץ דעם גרייט זיך צו די געשלעכטליכע רייפצייט דורך געווי־סע פראצעסען אין די געשלעכטס־ארגאנען. ביי אינגלעך זענען עס קודם כל די ערעקציעס, וועלכע טרעטען שוין ארויס בעת דאס קינד איז נאך זעהר יונג, הגם דער פענים איז נאך גאר קליין. כאראקטעריס־טיש איז, אז צוליב פאטהאלאגישע דיספאזיציעס אדער צוליב מאוס'ע פערפירערישע ביישפילען, ווערען ביי גאנץ יונגע אינגלעך אויפגע־וועקט סעקסועלע געפיהלען און טריבען. בעזונדערס דורך רייבען פון

## די אַנטאָגעניע פון געשלעכטס-לעבען.

דער ערשטער פאקט אין דער אַנטאָגעניע פון דעם געשלעכטס-לעבען וועלכער פערנעהמט באלד אונזער אויפמערקזאמקייט, איז דער פאָלגענדער: אלע געשלעכטס־אָרגאנען, אי די דרויסענדיגע און אי די אינוועניגסטע, געפינען זיך אין אַ ניט פונקציאָנירענדיגען צושטאַנד ניט בלויז אין עמבריא, נאָר פאר אַ ניש'קשה'דיג לאַנגער צייט אפילו נאָך אין קינד: די גאַנצע אָרגאניזאציע פון די אָרגאַנען און זייערע עלעמענטען זענען פאַראַן, אבער זיי זענען נאָך קליין, ניט ענטוויקעלט און אין אַ רוהענדיגען צושטאַנד. שפּעטער ערשט, אין די רייפע יאָהרען, אין דער אזוי־גערופענער פובערטעט, וועלכע קומט פריהער אָדער שפּעטער צו פערשידענע אינדיווידועז, פערגרעסערען זיך די געשלעכטס־דריזען צוזאמען מיט די איבעריגע געשלעכטס־אַפּאַראטען און זיי הויבען אָן צו ווערען פעהיג צו פונקציאָנירען. אין אונזער ראַסע קומט די געשלעכטליכע רייפצייט צווישען דעם עלפטען און אכצענטען יאָהר ביי מיידלעך, און צווישען דעם דרייצענטען און אכצענטען יאָהר ביי אינגלעך. דערביי איז אבער זעהר כאַראַקטעריסטיש דאָס, וואָס די קאָרעלאַטיווע אויסשטראַלונגען פון דעם געשלעכטס־טריב אין דער מענשליכער נשמה, דאָס הייסט אין מענשליכען געהירן, (זעה קאַפּיטעל 5). ענטוויקלען זיך אַ סך פריהער איידער די געשלעכטס־אָרגאַנען און אפילו איידער דער געשלעכטס־טריב גופא. ווייטער, קומט אָפטמאָל דער געשלעכטס־טריב פריהער איידער די פולע ענטוויקלונג פון די געשלעכטס־אָרגאַנען און זייער נאָרמאלע פונקציאָנס־פעהיגקייט, בעת, אין זעלטענערע פאלען, פעהלט דער געשלעכטס־טריב טראָץ די נאָרמאל ענטוויקעלטע געשלעכטס־אָרגאַנען ביי אַ דערוואקסענעם מענש. (זעה קאַפּיטעל 8). אזוינע סתירות אין דעם געשלעכטס־טריב געהערען מייסטענס צו דער פּאַטהאָלאָגיע.

פון דער אנדערער זייט, איז אבסאָלוט נאָרמאל, אז נאָך גאַנץ יונגע מיידלעך און אינגלעך זאָלען ארויסווייזען אונטערשידען אין זייער גייסט, וועלכע זענען ענליך צו יענע וועגען וועלכע מיר האָבען גערעדט אין קאַפּיטעל 5. ביי מיידלעך ציינען זיך אויך אַ וואוילבעקענטען אופן די נייגונג זיך צו פוצען און צו געפעלען, די קאָקעטעריע, אייפערזוכט אָדער בעגייסטערונג פאר געוויסע אינגלעך א. אַז. ו. זוי־

דעם דאָזיגען צושטאַנד האָט זיך די קונסט צו געפעלען און די קאָ־קעטסטווע פון די מיידלעך אַלץ מעהר און מעהר ענטוויקעלט און מיר קאָנען איצט זעהען, בעזונדערס אין נאָרד־אמעריקא, ווי די שטרע־בונג צו געפעלען איז פּאַקטיש, אויב ניט אין פּרינציפּ, אַלעמאַל מעהר און מעהר איבערגעגאַנגען צו דעם ווייבליכען געשלעכט. דאָס דאָזיגע קאָן אָבער ניט בעטראַכט ווערען אַלס א פּילאָגענעטישע דערווערבונג פון דער העכערער ציוויליזאַציע. ניין, עס איז גיכער אן אונגעזונדער רעזולטאַט פון אַבנאָרמאַלע פערהעלטניסען. דאָס הייסט די סעקסועלע ניט־בעפריידיגונג פון די פרויען נעבען דער סעקסועלער איבערזעטיגונג פון די מענער. צוליב דער מורא צו פערזיצען מאַכט די פרוי די ערש־טע שריט. אין דעם פּרט איז אָבער גענוג בלויז צו בעזייטיגען די אונ־נאַטירליכע פערהעלטניסען, בכדי עס זאָל פערשווינדען דער דאָזיגער אויף דער נויט זיך האַלטענדיגער ווייבליכער טריב, מחמת ער האָט זיך נאָך זיכער ניט איינגעפעסטיגט אין דער סעקסועלער פּילאָגעניע פון דער פרוי.

איך וועל דאָ ניט פערגלייכען און באריכות ענטוויקלען די אונ־טערשידען פון דער סעקסועלער פּילאָגעניע אין דעם מענליכען און ווייבליכען געשלעכטס־לעבען, ווייל אין די קאַפּיטלען 4, 5 און 6 האָ־בען מיר שוין בעהאַנדעלט די פערורזאַכטע אונטערשידען און ווייל דאָס געזאָגטע איז גענוג כדי צו מאַכען דעם ענין פערשטענדליך. אן אמת נאָרמאַלער דורכשניטליכער מענש, מיט א פעהיגקייט זיך צו־צופּאַסען און אריינלעבען, וועט זיך אין זיין געשלעכטס־לעבען, פּונקט ווי אין זיין לעבען בכלל, אויפפירען ווערדליג די איינגעפירטע זיטען און מאָדעס, און אויך אין פערהייראַטען לעבען וועט ער זיך צום צוויי־טען טייל, צום מאַן אָדער צו דער פרוי, ביז א הויכען גראַד צופּאַסען, פון דער אַנדערער זייט, ווערט אָבער אַט אזא נאָרמאַלע מיטעלמעסיג־קייט לייכט א שקלאַף פון דעם איינמאָל אַנגענומענעם מנהג; ווערט אין איהם איינגעגליווערט און ווערט פערשלאָסען פאַר איטליכען ניי־עם געדאַנק. דעריבער מיינט זיין נאָרמאַליטעט ניט מעהר ווי א קלע־נערע פּלאַסטיק פון זיין נשמה אָדער ווייניגער פרייהייט און פעהיג־קייט זיך צוצופּאַסען צו נייע פערהעלטניסען, אין פערגלייך צו א מענש מיט א העכערער נאַטור וועלכע איז פריי פון אַלערליי פאָרור־טיילען

מין האט א גיפטיגע ווירקונג אויף א צווייטען מין, אז די דאזיגע אינסטינקטיווע אבשטויסונג, סיי אין פאטהאלאגישע פאלען, סיי ביי אן אונבעפרידיגטען געשלעכטס־טריב און סיי דורך שלעכטע געוואוינהייטען, קאן פערשווינדען אי ביים מענש און מעגליך אויך ביי חיות, וועלען מיר זעהען ווען מיר וועלען צוקומען צום ענין פון סאדאמיע. פונקט אזוי דארף מען אויך פילאגענעטיש בעגרינדען די אינסטינקטיווע אבשטויסונג געגען דער קאנסאנגוויניטעט. אבער וועדליג מיר האבען געזעהען אין קאפיטעל 6, ווען מיר האבען גערעדט מכח חתונות צווישען אייגענע און וועגען בלוטשאנדע, איז שווער אנצווייזען די פילאגענעטישע עקזיסטענץ פון אן אינסטינקטיווער אבשטויסונג געגען א געשלעכטס־פערקער צווישען אייגענע.

א ביישפיל, ווי גרינג מען קאן מאכען א טעות אין געוויסע רעזולטאטען פון בעשטימטע דרויסענדיגע אומשטענדען, בעזונדערס אין געוויסע לענדער, און זיי דערקלערען פאר נאטירליך פילאגענטיש, גיט אונז די היינטיגע שטרעבונג פון פרויען צו געפעלען (מען דארף דאס ניט פערבייטען מיט דער פרייהייט צו וועהלען, זעה קאפיטעל 6). מיר האבען געזעהען, אז אין מאן, זייענדיג דער טרעגער פון די אקטיווע זאמען, איז דער סעקסועלער טריב צו געפעלען און צו זוכען די פרויען, פילאגענעטיש טיף איינגעווארצעלט. דער דאזיגער טריב איז אבסאלוט נאטירליך און מיר בעגעגענען איהם כמעט נאר ביי ווילדע פעלקער. דער ווילדער מאן ריזיקירט א סך מעהר צו בלייבען אהן א ווייב, איידער די ווילדע פרוי אהן א מאן. עדות דערפאר זענען די גרויזאמע קאמפען, די אנשטרענגונגען פון די מענער צו קריגען די פרוי, און, פערקערט, פונקט ווי ביי די מייסטע חיות, די פאסיווקייט פון די פרויען. אבער די ציוויליזאציע האט דאס אלעס געענדערט. זי האט פון איין זייט בעשאפען דעם שטאנד פון אלטע, פערזעסענע מיידלעך, און פון דער אנדערער זייט דעם שטאנד פון פראסטיטואירטע. די לעצטע בעפרידיגען אויף א קינסטליכען און אונגעזונדען אופן דעם נידעריגען געשלעכטס־טריב פון די מענער. ווידער, דאס פערהייראטע לעבען און די פאמיליע גיבען דעם מאן מיה און מאטערניש אנשטאט עשירות. דאס האט געפירט דערצו, אז דער מאן קאן שטענדיג געפינען גענוג פרויען צוליב דער פאליאנדרישער פראסטיטוציע, בעת די פרוי קאן נאר געפינען א פאסיגען מאן דורך שווערע מיה און אנשטרענגונג. פון

פועל־יוצא פון א פערבלאנדזעניש צוליב מאכט און רייכטום. פונדעסט־וועגען איז די פילאגענטישע מאנאגאמיע אויף קיין פאל ניט גלייך מיט אונזער היינטיגער רעליגיעזער און געזעצליכער מאנאגאמיע. דער בראשית פון דער פילאגענעטישער מאנאגאמיע איז א פריהצייטיגע היי־ראט באלד נאך דער געשלעכטליכער רייפקייט, בעת אונזער ציוויליזאציע האט צווישען דער געשלעכטליכער רייפקייט און דער הייראט, וועלכע ווערט בכלל ערשט מעגליך גאנץ שפעט, אריינגעלעגט דעם שמוציגען זומפ פון פראסטיטוציע, וועלכער פערונרייניגט אפטמאל די הייראט גופא. צווייטענס, די פילאגענעטישע מאנאגאמיע שטיצט זיך ניט אויף קיין געזעצליכע געוואלט, נאר, אדרבה, זי האלט זיך אין די גרעניצען פון א פרייע, נאטירליכע, אינסטינקטיווע און געגענזייטיגע נייגונג, אויב איהר יסוד איז ניט די ברוטאלע קראפט פון דעם מאן. און דריטענס, שליסט זי, אונטער געוויסע אומשטענדען, בשום אופן ניט אוים די אבוועקסלונג נאך א בעשטימטער צייט. די מענשליכע נאטור איז אנדערש איידער די נאטור פון די אינסטינקטיוו און טריי מאנאגאמישע פאפוגייען און אפען, וועלכע מיר האבען שוין דער־מאנט. די מאנאגאמיע אהן קינדער האט וועניג אורזאך פאר איהר עק־זיסטענץ און דארף פשוט בעטראכט ווערען בלויז אלס א נויטמיטעל צו בעפרידיגען דעם געשלעכטס־טריב און די בעדערפעניש נאך ליבע. דאס איינענע איז מכח דעם חתונה האבען פון צוויי מענשען מיט א גרויסען אונטערשיד אין יאהרען, בפרט צווישען א יונגען, פריכטבא־רען מאן און אן עלטערער, אונפרוכטבארער פרוי. דא בעוויזען זיך די הייראט־אבוועקסלונגען, די גיטין, און סוף כל סוף אויך די ביגא־מיע אלס א נאטירליך אונפערמיידליכע ביי־מישונג.

אויף וויפיל עס איז בעקענט, זענען די מיינסטע סעקסועלע פערוועדזיעס, מכח וועלכע מיר רעדען אין קאפיטעל 8, א טרויריגע פאטהאלאגישע דערווערבונג פון דעם מין מענש. פונדעסטוועגען בע־געגנען מיר, הגם ניט באצם א האמא־סעקסועלע ליבע, איז לכל הפחות פעדעראסטישע האנדלונגען, אויך צווישען זכרים פון די העכערע זויג־חיות, ווען עס זענען ניט דא קיין נקבות.

די נארמאלע סעקסועלע אבשטויסונג צווישען חיות פון פערשי־דענע מינים איז געבויט אויף א פעסטען פונדאמענט פון ענגראפיע און צוכטוואהל, אויף דעם אופן, אז דאס בלוט און די זאמען פון איין

און אין די סעקסועלע דיספּאָזיציעס. אזוי גוט ווי אפילו אין דער פאָרם פון דער נאָז און פון די באַקען־ביינער אָדער אין דעם קאָליר פון דער הויט און פון די האָר. עס איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט, אז מענ־שען, איידער זיי האָבען חתונה, זאָלען זיך אין דעם פּרט אַ אליין קענען און אי מכח דעם זיך דורכרעדען און זיך געגענזייטיג גוט דער־קענען.

בכלל גענומען קאָנען מיר זאָגען, אז דער היינטיגער דורכשניטלי־כער מענש פּערמאָנט פּילאָגענעטיש אַ זעהר שטאַרקען געשלעכטס־טריב, אַ נים־בעשטענדיגע, זיך בייטענדיגע, בכלל אַ מיטעלמעסיג שטאַרקע סעקסועלע ליבע (מיר האָבען געזעהען, אז די לעצטע איז אייגענטליך שטאַרקער ענטוויקעלט ביי די העכערע אַפּען, איידער ביים נאַטור־מענש), און אַ סאָציאַלע ליבע וועלכע איז נאָך אַלץ אין אַ מיזעראַבלען און שוואַכען צושטאַנד. אמת, די לעצטע אַלס אזוינע געהערט ניט צום געשלעכטס־לעבען, זי מוז אָבער אַרייגגענומען ווערען אין חשבון אַלס איינע פון די וויכטיגסטע פּילאָגענעטישע צווייגען, מחמת אין אונזער מאָדערנעם לעבען ווערט זי טאָג־טעגליך אַלץ מעהר נויטיג און זי מוז ווערען ווייטער ענטוויקעלט האַרמאָניש מיט דעם געשלעכטס־לעבען. מען דאַרף נאָר בעאָבאַכטען דאָס קינד. האָט עס אַ „גוטע" ירושה, דעמאָלט וועט עס שוין אַרויסווייזען שטאַרקע אינדי־ווידועלע סימפּאַטיע־געפיהלען (צ. ב. רחמנות) און פּליכט־געפיהלען. די אָביעקטען פון וועלכע זענען נאָך אָבער נים סאָציאַלע. די דאָזיגע גע־פיהלען בעגרעניצען זיך נאָר אויף בעקענטע, אויף דירעקט שוין געזעהענע מענשען, הויז־חיות א. אז. וו., בעת די מוראַזשקע הויבט אָן איהר לעבען מיט אַ פולשטענדיג סאָציאַל פּליכט־געפיהל. ביים מענש מוזען די סאָציאַלע געפיהלען נאָך אַלץ דערוואָרבען ווערען דורך ערציהונג, אָבער בכדי צו קאָנען געדייהען, איז דערצו נויטיג אַ היבשע מאָס אינסטינקטיוו־גע׳ירש׳ענטע סימפּאַטיע־ און פּליכט־גע־פיהלען. אַ מענש אָהן אַ מאָראַלישען חוש וועט, געוויס, זיך זעהר לייכט אויסלערנען די סאָציאַלע פּראָזעאָלאָגיע, אָבער ער וועט נים דערווער־בען קיין סאָציאַלע געפיהלען.

מיר ווילען דאָ בערירען נאָך עטליכע פּונקטען.

די מאָנאָגאַמיע איז אָהן ספק פּילאָגענעטיש אַלט און טיף איינ־געוואָרצעלט, און מיר האָבען געזעהען, אז בכלל איז די פּאָליגאַמיע אַ

פון דער יונגסטער פילאָגעניע קאָמבינירען זיך אויף אַלערליי אופנים מיט דער ערציהונג, מיט די מנהגים, געוואוינהייטען, מיט דעם סאָציאַ־לען שטאַנד א. אז. וו. און די רעזולטאַטען זענען אַט אַזוינע מינים פּאַראַדאָקסען. א חוץ דעם שפּיגעלט זיך אָב די יונגסטע פילאָגעניע אין א סך פריהער דערמאָנטע נשמה־אויסשטראַלונגען פון דעם גע־שלעכטס־טריב, מכח וועלכע מיר האָבען גערעדט אין קאַפּיטעל 5. די געוואַגטקייט, איפּערזוכט, סעקסועלע בערימעריי און היפּאָ־קריטסטווע, צניות, פּאָרנאָגראַפיע, קאָקעטסטווע, התפעלות א. אז. וו. זענען געבויט, אין איטליכען בעזונדערען פאַל, ווערליג דעם גראַד פון זייער ענטוויקלונג, אויף א קאָמבינאַציע פון אינדיווידועל־סעקסועלע בירושה׳דיגע דיספּאָזיציעס מיט אינדיווידועלע דיספּאָזיציעס אויף אַנדערע געביטען פון דעם געפיהל, דעם אינטעלעקט און דעם ווילען. אויף דעם דאָזיגען אופן, א דאַנק דער הויכער ענטוויקלונג פון דעם מענשליכען געהירן און, א דאַנק זייער אונענדליכער פעהיגקייט זיך צו פערענדערען און צופּאַסען, פאָרמירט זיך די סעקסועלע אינדיווי־דואַליטעט פון איין מענש אונגעהייער קאָמפּליצירט און אַנדערש פון דער אינדיווידואַליטעט פון א צווייטען מענש. עס איז פּשוט ניט מעגליך אפילו אונפולשטענדיג צו בעשרייבען אַט די דאָזיגע שטאַפּ־לען און שאַטירונגען, אבער, אויב מען האָט פערשטאַנען דעם פּרינציפּ, דערמאָלט איז ניט שווער צו אינדיווידואַליזירען, דאָס הייסט, בכלל ריכטיג אָבצושאַצען די סעקסועלע אינדיווידואַליטעט פון א יחיד. פון א סעקסועל פּסיכאָלאָגישען שטאַנדפּונקט האָב איך מיך בעקענט אין די לעצטע יאָהרען (1898—1908) מיט א גרויסער צאָל קראַנקע און געזונדע מענשען. איך האָב אבער צווישען זיי ניט געפינען קיין צוויי גלייכע פאַלען. איטליכער האָמאָ־סעקסואַליסט איז אַנדערש און איטליכער מוז בעהאַנדעלט ווערען ווערליג זיינע בעזונדערע כאַראַק־טער־שטריכען. זעהר שטאַרקע בירושה׳דיגע דיספּאָזיציעס (כאַראַקטער־שטריכען) דערקענט מען שוין אין דער פריהעסטער קינדהייט. אויב מען איז גוט בעקענט מיט דער אָבשטאַמונג פון א מענש, קאָן מען איהרע יונגסטע פילאָגענטישע וואַרצלען אָנווייזען ביי זיינע פאָר־עלטערן. דאָ קאָן מען אויך זעהען די ווירקונגען פון א שטאַרקער קרייצונג צווי־שען וואַריעטעטען אָדער ראַסען, אָדער, אדרבה, פון א קרייצונג צווי־שען קרובים (קאָנסאַנגווינעטעט); דאָס זעהט מען איז כאַראַקטער

טראַכטעז, פון פילאַגענטישעז שטאַנדפּונקט. מכח דעם אונטערשייד צווישעז ירושה און מנהג, וועלכער איז בעהאַנדעלט געוואָרעז אין קאַפּיטעל 6.

אָבער צווישעז די צוויי עקסטרעמעז ליגט אַ געוואַלדיג וויכטיג געביט, דאָס איז די יונגסטע פילאָגעניע אָדער די פילאָגעניע פון די וואַריעטעטעז. יענע אַלע טיפע אינסטינקטעז און טריבעז פון דעם מיז, וועלכע זענעז אייגענטליך מיטגעבוירעז מיט אַלע נאָרמאַלע מענ־שעז, געהערעז צו דער טיפערער פילאָגעניע און מיר האבעז נאָר־וואָס געזעהעז, ווי טיף זייערע וואָרצלעז ליגעז אין דער חיות־וועלט. עס זע־נעז אבער פאַראַז אַ סך אייגענטימליכקייטעז. אונגעהייער פערשידענע כאַראַקטער־שטריכעז, וועלכע זענעז ביי טייל מענשעז שטאַרק ענטוויי־קעלט, ביי טייל זעהר שוואך ענטוויקעלט, וועלכע קאַנעז טיילמאָל גאָר אינגאַנצעז אָדער כמעט אינגאַנצעז פעהלעז, און פונדעסטוועגעז דאַרף מעז זיי ניט בלויז בעטראַכטעז אַלס אַ געוואָוינהייט אָדער מנהג, נאָר אַלס אַ בירושה'דיגע דיספּאָזיציע אין דער נאַטור פון דעם אינדי־ווידיום אָדער אַלס דער אינדיווידועלער כאַראַקטער. די דאָזיגע צווישען־גרופּע פון אייגענטימליכקייטעז איז אַ פּראָדוקט פון דער יונגערער פילאָגעניע. בעת טייל מענער האָבעז טיף־מאָנאָגאַמישע אינסטינקטעז, האָבעז אַנדערע אבסאָלוט פּאָליגאַמישע נייגונגעז. טייל מענשעז זענעז אינסטינקטיוו און בירושה עגאָיסטישער, בעת אַנדערע זענעז מעהר אַלטרואיסטיש. די דאָזיגע שטריכעז שפּיגלעז זיך אָב אין זייער געש־שלעכטס־לעבעז און ענדערט דעם כאַראַקטער פון זייער ליבע (אָבער ניט דעם געשלעכטס־טריב). אמת, דער עגאָיסטישער מענש קאַן לי־בעז זיין פרוי אָדער זיין מאַן, אבער די דאָזיגע ליבע איז אייגעננוציג און זעהר פערשידען פון דער ליבע פון דעם אַלטרואיסט. צווישעז די צוויי עקסטרעמעז זענעז פאַראַז זעהר אַ סך שטאַפּלעז און שאַטירונ־געז, וועדליג די אינדיווידועלע אינסטינקטעז און נייגונגעז. דערזעל־ביגער מענש קאַן זיין אַ גוטער, ווייכהאַרציגער און גרויסמוטיגער פאַ־מיליעז־פאַטער פון איין זייט, און אַן אונ'רחמנות'דיגער געזעלשאַפט־ליכער עקספּלואַטאַטאָר פון דער אַנדערער זייט. אַז אַנדערער, פער־קערט, קאַן מאַכעז אַן אָנשטעל פון אַ גרויסעז בעל־צדקה און אַ מענש וואָס איז זיך מקריב פאַר'ן כלל, בעת אין דער היים, צו ווייב און קינדער, איז ער אַן עגאָיסט און טיראַן. די אינדיווידועלע דיספּאָזיציעס

שלעכטס־טריב ; אדרבה, זיי קומט צו פערדאנקען אפילו פאר דעם תמצית פון א טייל עדלעלערע, פון דעם געשלעכטס־טריב אבגעטיילטע געפיהלען און אינסטינקטען, וועלכע געהערען שוין אין דעם געביט פון א העכערער געזעלשאפטליכער עטיק. בכלל קאנען מיר נאר זאגען, אז אין דעם אונגעהייער קאמפליצירטען מעכאניזם פון אונזערע געפיהלען און אינסטינקטען איז יענעם וואס איז אמטיפסטען איינגעוואר־צעלט אין דער מענשליכער נאטור, אין דערזעלביגער צייט אויך פיי־לאגענעטיש אמעלטסטען. צווישען די דאזיגע טיפע אינסטינקטען פון דעם געשלעכטס־לעבען געפינען זיך געוויסע שטראמונגען וועלכע האבען ניט צווישען זיך קיין עטישען אדער אינטעלעקטועלען צוזאמענ־האנג ; אזוי צ. ב. געפינען מיר פון איין זייט דאס אויפרעגען פון עראטיזם, פון דער ליבירא סעקסואליס, דורך דעם ריח פון די ווייבלי־כע געשלעכטס־ארגאנען, אדער דורך דעם אנבליק פון עראטישע ביל־דער, און פון דער אנדערער זייט, די העכערע ליבע און די אויפאפפע־רונג ביז צום טויט פון איין צד פאר דעם אנדערען, אדער פאר די קינדער. פערקערט, פראסטיטוציע, קויף־הייראט, רעליגיעזע הייראט, פערדאמונגען צוליב אונגעזעצליכע קינדער (ממזרים). הייראטס־רעכ־טען און פאמיליען־רעכטען פון איין אדער פון צווייטען געשלעכט א. ד. גל. זענען זאכען, וועלכע האבען ניט קיין ווארצלען אפילו אין דער סאמער יונגסטער פילאגעניע, מחמת זייער אורשפרונג איז בלויז צו פערדאנקען דרויסענדיגע מנהגים און געוואוינהייטען פון איינצעלנע פעלקער. טיילווייז זענען זיי אויסוואוקסען פון דעם פערוואוילטאגטען עגאיזם, דעם הערשערישען גייסט, דעם מיסטיציזם אדער דער היפא־קריטסטווע, און טיילווייז זענען זיי נויטמיטלען אין א לעבען וועלכעס איז געווארען אונגעהייער קאמפליצירט. וועסטערמארק'ס פארשונגען (קאפיטעל 6) זענען אין דעם דאזיגען פרט זעהר לעהררייך. אלע ווי־דערשפרוכען און אבסורדען, וועלכע דער בוים פון די מענשליכע הייר־ראטס־מנהגים און אונגערעכטיגקייטען האט אויף זיך געטראגען גע־שיכטליך און עטהנאגראפיש, לאזען זיך לייכט צוטיילען און מיר קא־נען געגוג קלאר אנווייזען אויף יענע, וועלכע זענען בלויז געבויט אויף מנהגים און מאדעס, און יענע, וועלכע, אלס ספעציפיש מענשליך, זע־נען בירושה'דיג טיף איינגעווארצעלט אין אונזער נאטור. בכדי צו פערמיידען איבער'חזר'ונגען, בעט איך דעם לעזער זיך אליין צו פער־

נאָך. ווען מען זעהט, אז דאָס זעלביגע פּאָרעל קומט אַלע יאָהר צוריק צו דער אַלטער נעסט. דאָס דאָזיגע פאַמיליען־לעבען פון די שוואַלבען שטערט זיי ניט זיך, הגם אין אביסעל א שוואַכען גראַד, צו פערבינדען געזעלשאַפטליך מיט אנדערע פויגלען און חיות. ווי מען קאָן דאָס מערקען אין זייערע געמיינשאַפטליכע אטאַקעס אויף רויב־פויגלען און אנדערע פיינד. פון דער אנדערער זייט ווערען מיר מענשען אינסטינקטיוו אויפגעבראַכט ווען מיר זעהען, אז ביי אַנדערע חיות פעהלט אַט די דויערענדיגע טרייקייט צו ווייב און קינד, צ. ב. ביי הינט און קראַליקעס, מחמת ניט ווילענדיגערהייט, זייענדיג א חוץ דעם ניט גערעכט, ערוואַרטען מיר אויך ביי זיי צו געפינען אונזערע עטישע געפיהלען.

ווי מיר האָבען געזעהען אין קאַפּיטעל 6, מוזען מיר פילאָגענעטיש קודם כל בעטראַכטען די געשלעכטליכע אויפפירונגען פון די העכערע אַפען און פון די פרימיטיווע מענשען. (זעה קאַפּיטעל 6). די פראַגע וועלכע אינטערעסירט אונז דאָ אממיינסטען, איז די פאָלגענדע: וואָס און וויפיל פון אונזערע סעקסועלע מנהגים און פון די מנהגים פון אונזערע דירעקטע שטאָם־פאָטערס האָט פילאָגענעטישע טיפע און אַלטע וואָרצלען, וואָס און וויפיל איז פילאָגענעטיש יונגער און וועניגער טיף איינגעוואָרצעלט, און ענדליך, וואָס און וויפיל איז פשוט געבויט אויף מנהגים, טראַדיציעס און געוואוינהייטען? ווען מיר נעהמען אין בעטראַכט דאָס ביז אהער געזאָגטע, וועלען מיר ווייטער באַלד זעהען, אז ניט בלויז דער געשלעכטס־טריב אלס אזוינער אליין, נאָר אויך אז א גרויסער טייל פון זיינע קאָרעלאַטיווען און אויסשטראַלונגען האָבען טיף פילאָגענטישע וואָרצלען. די סעקסועלע אייפערזוכט, די סעקסועלע קאָקעטסטווע, די מוטער־ליבע (בעזונדערס די אפען־ליבע), טרייקייט און ליבע, געפינען מיר ניט בלויז ביי די פרימיטיווע מענשען. נאָר אויך ביי אפען און אפילו ביי פויגלען. עס איז דעריבער ניט אמת, אז פון אונזערע חיה'שע אור־אורעלטערן האָבען מיר נאָר גע'ירש'ענט דעם נידעריגען און פראָסטען טייל פון גע־

פאסונג. ביי די בינען און מוראזשקעס טיילט זיך אב פון דער זי
דריט, כמעט נייטראל געשלעכט, א געשלעכט וואס קאן זיך מעהר
ניט פארען און לעגט העכסטענס נאר עטליכע ניט־בעפרוכטעטע אייער.
וועלכע ענטוויקלען זיך ביי א גינסטיגער געלעגענהייט דורך פארטהע־
נאגענעזיס. כמעט דאס אייגענע זעהען מיר ביי די טערמיטען. אין אנ־
דערע סאציאלע מוראזשקע, ביי וועלכע אבער די ארבייטער טיילען
זיך אב אי פון דעם זכר און אי פון דער נקבה, א געשלעכט, ביי וועלכען
די סעקסועלע ארגאנען זענען אינגאנצען ניט ענטוויקעלט, אבער דער־
פאר ענטוויקעלט זיך זייער קאפ. דאס דאזיגע דריטע געשלעכט, דער
אזוי־גערופענער ארבייטער, האט אבער ניט בלויז א העכער ענטווי־
קעלט געהירן איידער די אינדיווידוען מיט סעקסועלע גלידער, נאר עס
ירש'ענט אויך די גאנצע סאציאלע אויסשטראלונג פון דעם גע־
שלעכטס־טריב (אויך די טערמיטען־ארבייטער וואס האבען זיך אב־
געטיילט פון די זכרים), ד. ה. די איבערגעבענקייט צו די יונגע וועלכע
עס אליין האט ניט בעשאפען. אויף דעם אופן זענען ביי די דאזיגע
געזעלשאפטליכע חיות די זכרים (ביי די טערמיטען זענען עס ביידע
געשלעכטער, אויב זיי קאנען גרינדען א קאלאניע) כמעט אידיאטישע.
פליהענדיגע געשלעכטס־ארגאנען, וועלכע, נאכדעם ווי זיי פארען זיך.
קאנען ניט לעבען זעלבסטשטענדיג און, אדער זיי ווערען אויסגע־
הרג'עט פון די ארבייטער (ביי די בינען), אדער זיי שטארבען פון
הונגער און אויסצערונג (ביי די מוראזשקעס, טערמיטען). ווידער די
בעפרוכטעטע נקבות ווערען פערוואנדעלט אין מאשינען וואס הערען
ניט אויף צו לעגען אייער. ביי די מוראזשקעס זענען זיי בלויז אין אנ־
הויב פון זייער לעבען פעהיג צו ערנעהרען עטליכע לארווען מיט די
פליסיגקייטען פון זייער אייגענעם קערפער, ביז פון זיי ווערען די
ארבייטער, וועלכע נעהמען שפעטער איבער פאר תמיד די ארבייט פון
דער מוטער־ און די קינדער־פלעגע.

ווער עס האט געהאט די געלעגענהייט זיך צוצוקוקען צו דער
טרייער איבערגעבענקייט פון א פאר שוואלבען און צו דעם אופן ווי
דער ער און די זי פיטערען, פלעגען און ערציהען צוזאמען זייערע
יונגע, ווי רעלאטיוו איינפאך און אינסטינקטיוו די דאזיגע אויפפי־
רונג זאל ניט זיין, מוז ניט ווילענדיג זיך דערמאנען אין דער סעקסוע־
לער ליבע און אין דער פאמיליען־ליבע פון געטרייע מענשען. בפרט

צוליב דעם פעהלען פון א שפּראַך איז אונז אָהן אַן ערך שווער אויף וויפיל ניט איז בעקענט צו ווערען מיט דעם נשמה־לעבען פון די חיות. די אַנאַלאָגישע פערגלייכונגען ליגען דאָ וויט פון אונז, און די שלוסען זענען זעהר צווייפעלדיג. אונז בלייבט כמעט נאָר איבער צו שטודירען דאָס אויפפירען זיך פון די חיות. עס איז זעלבסטפער־שטענדליך, אז אזוי ווי דאָס געהירן (און דערפאַר אויך די נשמה) פון די חיות איז איבערהויפּט איינפאַכער און נידעריגער אָרגאַניזירט איי־דער דאָס געהירן פון דעם מענש, זענען אויך זייער סעקסועלע פּסיכאָ־לאָגיע און זייער ליבע פרימיטיווער און שטעהען אויף א נידעריגערען שטאַפּעל און. אז די פּסיכאָלאָגיע פון די חיות ווערט אויף אזוי פיל זיין נידעריגער פון דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם מענש, אויף וויפיל נידערי־גער עס ווערט זיין די ענטוויקלונג פון זייער געהירן. די פערגלייכענדע אַנאַטאָמיע און ביאָלאָגיע פון חיות בעשטעטיגען דעם דאָזיגען פאַקט.

אבער פון דער אנדערער זייט, הגם די הויכע געהירן־אָרגאַניזאַציע פון דעם מענש האָט אויף אַלערליי אופנים קאָמפּליצירט און פאַרמירט די פּסיכישע אויסשטראַלונגען פון זיין געשלעכטס־טריב, האָט זי זיי אבער דורכויס ניט אַלעמאָל פערעדעלט און פערפיינערט; אדרבה, אָפטמאָל האָט זי זיי פערפירט אויף קרומע און בייזע וועגען. איך וויל דאָ אַן אויף דעם קאַפּיטעל 6 און אויך אויף דעם קומענדיגען קאַפּיטעל 8 (פּאַטהאָלאָגיע), אין וועלכע מיר וועלען געפינען צאָלריי־כע בעווייזען פאַר ברוטאַליזירונג און דעגענעראַציע פון דעם מענשלי־כען געשלעכטס־טריב. די פערגלייכענדע ביאָלאָגיע פון חיות ווייזט אונז דורך א סך פערשידענע און ווייטע עקסטרעמען, ווי פון דעם גע־שלעכטס־טריב פאַרמירט זיך די ליבע. עס וואָלט מיך צו ווייט אוועקגע־פירט דאָ צו ברענגען די אונגעהייערע צאָל איינצעלקייטען פון דער פערגלייכענדער ביאָלאָגיע פון דעם געשלעכטס־לעבען, און דעריבער וועל איך מיך בלויז בעגנוגענען מיט עטליכע ביישפּילען.

בעת די זי פון די שפּינען טויט אָפטמאָל דעם ער און פרעסט איהם אויף, זעהען מיר ביי געוויסע פאַרלעך פון אַפּען און פּאַפּוגייען אדרבה די טיפסטע ליבע וועלכע ענדיגט זיך מיט דער גרעסטער פער־פערצווייפלונג און טויט אויס וועהטאַג, ווען איינס פון פּאָרעל שטאַרבט.

מיר געפינען דאָ די וואונדערבאַרסטע און אונגלויבליכסטע צו־

סאמע ערשטע זריעה פון דעם געשלעכטס־טריב ליגט, ווי מיר האבען דארט געזעהען, אין די ערשיינונגען פון דער צעל־צוטיילונג און די קאניוגאציעס (פערייניגונגען) פון די קערנער פון די זאמען־צעלען פון איין־צעליגע ארגאניזמען. ווי מיר האבען בעשריבען אין קאפיטעל 1. בכדי די לעבעדיגע בעשעפענישען זאלען זיך ענערגיש פארטפלאנצען, זענען נויטיג מישונגען אדער קרייצונגען פון זאמען, און אזוינע קרייצונגען קאנען נאר צושטאנדקומען דורך א געגענזייטיגע אנציהונג פון צוויי־ערליי סארטען פון זאמען־צעלען. ווערט אבער דאס אינדיווידיום פיל־צעליג און מעהר קאמפליצירט און עס טראגט בלויז איין סארט זאמען־צעלען, — דאס מענליכע אינדיווידיום טראגט די אקטיווע, ארייןדרינגענדיגע, בעת דאס ווייבליכע די פאסיווע, אויפנעהמענדיגע — דעמאלט מוז די דאזיגע אנציהונגס־קראפט אדער דער דאזיגער אנציהונגס־טריב אריבערגעהען צום גאנצען ארגאניזם.

אויף דעם דאזיגען יסוד האט זיך ענטוויקעלט די געשלעכטליכע פארטפלאנצונג, און צוזאמען מיט איהר דער געשלעכטס־טריב, אין דער גאנצער פלאנצען־וועלט, אבער בעזונדערס אין דער גאנצער חיות־וועלט, וואו די זאמען־טרעגער ווערען בעוועגליכע און זעלבסטשטענדיגע אינדיווידוען. אויף דעמזעלביגען יסוד ענטוויקעלט זיך אויך דער אונטערשיד צווישען דעם געשלעכטס־טריב פון מאן און דעם געשלעכטס־טריב פון דער פרוי, אזוי גוט ווי די אונטערשידען צווישען דער געשלעכטס־ליבע און די איבעריגע אויסשטראלונגען פון געשלעכטס־טריב אין מענשליכען נשמה־לעבען. (רעד דאזיגער ענין איז בעהאנדעלט אין די קאפיטלען 4 און 5).

ווען מען בעטראכט די פסיכאלאגיע פון מענשליכען געשלעכטס־לעבען און איהרע אונגעהייערע קאמפליצירטע וועגען, קוקט מען אראב אויף די חיות מיט א געוויסער פעראכטונג און מיט א זעלבסטצופרידענקייט רופען מיר אלעס וואס איז נידעריג אין אונזער געשלעכטס־טריב מיט דעם נאמען חיה'שער אינסטינקט. אבער אין דער אמת'ן זענען מיר ניט גערעכט צו די חיות. דאס קומט דערפאר, מחמת די גערעדטע און די געשריבענע מענשליכע שפראך איז פאר אונז א מיטעל, דורך דער פערגלייכונג פון געדאנקען, פערהעלטניסמעסיג גאנץ טיף ארייןצודרינגען אין דער פסיכאלאגיע פון אונזערע מיטמענשען און אויף דעם אופן אויפצובויען א מענשליכע פסיכאלאגיע. אבער

## קאַפּיטעל VII.

# די סעקסועלע עוואָלוציע.

די עוואָלוציע פון איטליכען לעבעדיגען בעשעפעניש איז א דאָ־פעלטע: 1) זיין אָ נ ט אָ ג ע נ י ע אָדער דער גאַנצער ציקעל אָדער פעריאָדע פון ענטוויקלונג פון דעם אינדיווידיום אלס אזוינס, אָנגעפאנגען פון דער קאָנצעפּציע ביז צום נאַטירליכען טויט אין די אלטע יאָהרען, און 2) זיין פ י ל אָ ג ע נ י ע אָדער די ענטוויקלונג דורך דער גאַנצער רייהע פאָרמען פון אַלע זיינע אור־אורעלטערן, אָנגע־פאנגען פון דער פרימיטיווער צעלע אין די עלטסטע און טונקעלסטע געאָלאָגישע פעריאָדען ביז צו זיין איצטיגער פאָרם. אין איהרע עיקר־שטריכען ווערט די אָנטאָגעניע ווערדליג די ירושה־געזעצען געצוואונגע־נערווייז בעשטימט פון דער פילאָגעניע, הגם ניט אויף דעם אופן פון א פשוט'ער איבער'חזר'ונג, ווי העקעל האָט געוואָלט. אזוי ארום, ווען מיר בעטראכטען דעם ענין פון דעם דאָזיגען שטאנדפונקט, איז דאָס הייג־טיגע מענשליכע געשלעכטס־לעבען געבויט אויף פילאָגענטישע פאָר־בעדינגונגען. נאָך מעהר, אין'ם לעבען פון איטליכען מענש מאכט דורך דער געשלעכטס־אינסטינקט אן אינדיווידועלע אָדער אָנטאָגענעטי־שע עוואָלוציע, וועלכע איז אין איהרע עיקר־שטריכען נאָך פון פאָרויס בעשטימט אין דעם זאמען דורך די פילאָגענעטיש גע'ירש'ענטע ענער־גיען פון דעם מין. מכח די דאָזיגע צוויי פונקטען איז אונז שוין אויס־געקומען פריהער צו רעדען. מיר מוזען אבער איצט דעם גאַנצען ענין בעהאַנדלען אינאיינעם.

### די פילאָגעניע פון געשלעכטס-לעבען.

אין קאפיטעל 2 האָבען מיר בעהאנדעלט די אַלגעמיינע פילאָגעניע אָדער אבשטאמונגס־געשיכטע און ביים אנהויב פון קאפיטעל 4 האָבען מיר בקצור אָנגעוויזען אויף דער פילאָגעניע פון געשלעכטס־טריב. די

טימליכקייטען פון זייער ראַסע װעלכע זענען בלויז פון דרויסען פער־שטעלט מיט מנהגים. עס פערשטעהט זיך, אז װאָס טיפער א ראַסע אונטערשיידט זיך פון אַן אַנדערער ראַסע און װאָס לענגער און ריינער זי איז עטהניש געבליבען אָבגעזונדערט, אַלץ קלאָרער זעהען זיך אַן די דאָזיגע כאַראַקטעריסטישע בעזונדערקייטען. ביים מענש, אַזוי גוט װי ביי די חיות, מוז מען אונטערשיידען די לייכטערע, װעניגער קאָנ־סטאַנטע און װעניגער בעשטענדיגע װאַריעטעטען, פון די קאָנסטאַנ־טערע, מעהר בעשטענדיגע, טיפער זיך פאַנאַנדערגעהענדיגע ראַסען אָדער אונטער־מינים. אויך ביי די ריין אינדיװידועלע אונטערשידען. װעלכע זענען ביים מענש דוקא שטאַרק און אויף אַלערליי אופנים ענט־װיקעלט, דאַרף מען ניט פערבייטען די רעזולטאַטען פון די יונגסטע פילאָגענעטישע קאָמבינאַציעס (קאָניוגאַציעס), מיט די טיפערע ראַ־סען־אונטערשידען. מוזיקאַלישע און ניט־מוזיקאַלישע אינדיװידוען בעגעגענען מיר צ. ב. ביי דייטשען אַזוי גוט װי ביי סלאַװען, אבער ניט קוקענדיג דערויף קאָנען זיי פונדעסטװעגען זיין עכטע טיפען פון דער ערשטער אָדער פון דער צװייטער ראַסע.

זיי טיף פערטון ביים פרויען־האַנדעל און ביי דער פראָסטיטוציע. אויך די מאָנגאָלען פירען אַ זעהר אינטענסיוו געשלעכטס־לעבען. ביי די פאַליאנדרישע שטאַמען אין טיבעט שיינט, אַז די אייפערזוכט פעהלט במעט פולשטענדיג; דאָס קאָן זיין צוליב מנהגים אָדער צוליב אַ פיזאָגנעטישען אינסטינקט. אַז די פּאָליגאַמיע איז ניט קיין ראַסען־כאַראַקטער, בעווייזען פון איין זייט די מאָרמאָנען, וועלכע שטאַמען אָב פון מאָנאָגאַמישע ראַסען, און פון דער אַנדערער זייט די גרויסע צאָל מאָנאָגאַמישע הייראַטען ביי די איסלאַמיטען. יעדענפאַלס וואָלט געווען לעהררייך צו שטודירען פון דעם דאָזיגען שטאַנדפּונקט די ראַסען־מישונג פון נאָרד־אַמעריקא. פון ערשטען בליק שיינט אָבער, אַז די אַזוי־גערופענע אַמעריקאַניזירונג פון די מנהגים אין יענעם געמיש פון די ראַסען, געהט אויך אַריין אין די גרעניצען פון דעם געשלעכטס־לעבען, און, אַז עס עקזיסטירען ניט קיין פונדאַמענטאַלע אונטערשידען צווישען אַמעריקאַניזירטע אירלענדער, סקאַנדינאַווער, פראַנצויזען, דייטשען און איטאַליענער. דאָס דאָזיגע קאָן זיך אָבער אויסדאַכטען פון ערשטען בליק, און אַ טיפער שטודיום פון די איינצעלהייטען קאָנען פירען צו אַנדערע רעזולטאַטען און צו מעהר קלאָרקייט. איין זאַך שיינט אָבער צו זיין פעסטגעשטעלט: די שטורעמדיגע, ניט־געצוימטע סעקסועלע ליידענשאַפט פון די נעגער, וועלכע איז פערבונדען מיט זייער גייסטיג נידריגערען שטאַפעל.

אַ מערקווירדיגער פאַקט איז ווייטער דאָס, וואָס די זיך ריין אויפהאַלטענדיגע פראַנצויזישע ראַסע אין די מזרח פּראָווינצען פון קאַנאַדאַ, האָט זיך, וואָס איז שייך געשלעכטליכע זיטען און מנהגים, גאַנץ אַנדערש ענטוויקעלט איידער די בעפעלקערונג פון דעם היינטיגען פראַנקרייך. די פראַנצויזען אין קאַנאַדאַ זענען אויסערגעוועהנליך געשלעכטליך בעשיידען און ריין, זיי פירען בכלל אַ סאָליד לעבען און האָבען גרויסע פאַמיליעס; פופצען ביז צוואַנציג קינדער איז ניט קיין זעלטענקייט. דאָ ציינט זיך קלאָר די ווירקונג פון פערשידענע מנהגים, קולטורען און קלימאַטען אויף איין און דערזעלביגער ראַסע. צוליב די אויבען אָנגעגעבענע אורזאַכען, וועל איך מיך בעגנוגענען מיט די דאָזיגע עטליכע קורצע בעמערקונגען, אָבער איך זאָג נאָך אַמאָל, אַז אַ טיפערע אויספאָרשונג פון דעם דאָזיגען ענין וועט אָהן ספק ענטדעקען, אין דעם כאַראַקטער פון די אינדיווידוען, ספּעציפישע אייגענ־

די געשיכטע פון א פערבינדונג, אין וועלכער די פרויען האבען טריט בײ טריט געזיגט איבער די לײדענשאפטען, די פארורטײלען און איבער דעם עגאיזם פון די מענער."

## 19. נאכװארט.

### דער אײנפלוס פון דער ראסע אויף דעם געשלעכטס-לעבען.

וואלט איך געהאט די בעהאװעגטקײט פון אן עטהנאגראף, וואלט איך דא געפרופט פעסטצושטעלען, אויב און אויף וועלכען אופן די ראסען-אונטערשײדען האבען א ווירקונג אויף אין מענשליכען געשלעכטס-לעבען. דער דאזיגער ענין אבער איז אזא שווערער, אז מיט איהם קאן זיך נאר פערנעהמען אן אבסאלוט קאמפעטענטער ספעציאליסט. אין דעם ביז־אהער געברענגטען סך־הכל פון וועסטערמארק׳ס ווערק געפינען מיר פונדעסטוועגען א סך פונקטען אויפצוקלערען דעם ענין. די גרעסטע שוועריגקײט ליגט דעריין, אין די זיטען און מנהגים פון איטליכער ראסע אבצושײדען יענע וועלכע זענען געבויט אויף היסטארישע טראדיציעס און געוואוינהײטען, פון די, וועלכע האבען אלס יסוד די ספעציפישע אײגענטימליכקײט פון דער ראסע. מען קאן דא אזוי לײכט ארײנפאלען אין א טעות, אז עס איז שוין ליבער צו שווײגען.

זעהר פיל ווערט גערעדט מכח דעם הײסען בלוט פון די ווארימע געגענדען, און בכלל שײנט עס צו זײן אמת, אז די פעלקער פון די ווארימע קלימאטען זענען סעקסועל היציגער אײדער די פעלקער פון די קאלטע קלימאטען. אבער דאס איז ניט קײן ראסען־אונטערשיד. די אידען, וועלכע האבען אויפגעהאלטען זײער ראסע רעלאטיוו זעהר רײן און ניט פערענדערט אונטער אלע לעבענס־בעדינגען און אונטער אלע קלימאטען, דארפען פאר אונז זײן דער בעסטער בײשפיל אין דעם דאזיגען ענין. זײערע כאראקטער־שטריכען שפיגלען זיך אויך אב אין זײער געשלעכטס-לעבען. בכלל האבען זײ א זעהר שטארקען געשלעכטס־טריב, און פון דער אנדערער זײט צײגען זײ א שטארקע צוגעקניפטקײט צו דער פאמיליע. זײער האנדעלס־גײסט דרינגט אויך דורך זײערע געשלעכטס־פערהעלטניסען און מיר געפינען

און גיט אלס א נידעריגע פאָרם פון פּראָסטיטוציע. סאָלאָן, אריסטידעס, סאָפאָקלעס, פּידיאס און סאָקראַטעס ציהען אויף זיך לכל הפּחות א שטארקען חשד אין שייכות צום האָמאָ־סעקסואַליזם. און זיי האָבען בעטראכט די דאָזיגע פאָרם פון ליבע פאר העכער איידער דעם סעקסועלען פערקער מיט פרויען, ד. ה. העכער איידער די נאָרמאַלע ליבע.

## 18. דער סך-הכל.

די פּרימיטיווע מענשליכע הייראט האָט ווארשיינליך געדויערט בלויז א קורצע צייט. ווען דער מענש איז שפּעטער געוואָרען א פלייש־פרעסער און דער פאטער האָט געמוזט דורך יאגד קריגען שפּייז פאר זיינע יונגע קינדער, איז די הייראט קענטיג געוואָרען מעהר דויער־האפט. ניט קיין סעקטע אָדער שבט, נאָר די פאמיליע איז געווען דער פּרימיטיווער געזעלשאפטליכער צושטאנד פון די מענשען, ביי וועל־כען די הייראט איז געווען א ירושה פון די העכער ענטוויקעלטע אַפּען, די אור־עלטערען. טראָץ דעם אָפטען פרייען געשלעכטליכען פערקער פאר דער הייראט און טראָץ דעם אָפטען הייראטס־וועקסעל, האָט אבער ביי דער פּרימיטיווער מענשהייט זיכער קיינמאָל ניט עקזיסטירט א צושטאנד פון א ריינער פּראָמיסקואיטעט. די פאטערליכע פערערונג און דער פאטריארכיזם מיט זיינע שעדליכע פאלגען זענען געווען דער פועל יוצא פון דעם מאַן'ס אויבערמאכט. מיט דעם גאנג פון דער ציוויליזאציע האָט די דאָזיגע גרעסערע קראפט פון מאן בעשאפען די קויף־הייראט און די פּאָליגאמיע, פון וועלכען די לעצטע איז איהר בארבארישער פאָרם דערנעהענטערט זיך היינט אלץ מעהר צו איהר אונטערגאנג. די אמת'ע העכערע קולטור פירט דורך די בעפרייונג פון דער פרוי צו א דויערהאפטער ליבע, געבויט אויף עטישע יסודות, און אויף דעם אופן צו א פרייערער און רעלאַטיווער מאָנאָגאמיע.

די ענטוויקלונג פון דער הייראט אין דער ציוויליזאציע האָט דער פרוי געגעבען מעהר רעכטען. דאָס ווייב איז מעהר ניט געווען דאָס אייגענטום פון מאן און עס זענען בעשאפען געוואָרען הייראטס־קאָנ־טראקטען, וועלכע אין זייער מאָדערנסטער פאָרם פירען אלץ מעהר צו דער פולער גלייכבערעכטיגונג פוןביידע געשלעכטער. ווי וועסטער־מארק זאָגט צום סוף: „די געשיכטע פון דער מענשליכער הייראט איז

בעגרעניצטער בילדונג פון די גריכישע הויז־פרויען האט די גייסטיגע ענטוויקלונג פון די העטערען נאך שארפער אבגעגלאנצט.

דעם גאנצען עניין מכח די מנהגים פון גריכענלאנד קאנען מיר בסך־הכל ענדיגען מיט די פאר ווערטער פון דעמאסטהעגעס, וועלכע זענען גוגע אטהען: „מיר האבען חתונה מיט א פרוי, בכדי צו האבען געזעצליכע קינדער און בכדי צו האבען א געטרייע וועכטערין אין הויז; מיר האבען קעבס־ווייבער פאר אונזער בעדינונג און פאר אונ־זער טעגליכער פלעגע. און מיר האבען העטערען פאר דעם גענוס פון ליבע.“

אין א טייל לענדער, צ. ב. אין יאפאן, ווערען די קינדער פון קעבס־ווייבער בעטראכט אלס געזעצליך און האבען דיזעלביגע רעכטען ווי די קינדער פון א געזעצליך געהייראטער פרוי, א דאנק וואס דאס קאנקובינאט ווערט א מין הייראט פון א צווייטער רייה.

אין אונזער מאדערנער צייט פעהלען אויך ניט קיין העטערען. אונטער די נעמען קורטיזאנקעס, מעטרעסען א. ד. גל. בעגעגענען מיר זיי איבעראל אלס ליבלינג פון קעניגען, אדעללייט און רייכע, אזוי גוט ווי אלס געליבטע פון מענער מיט א געוויסער געוואגטקייט און מוט, אדער אלס וואמפירען פון פערמעגליכע שוואכלינגען אין אלע קלאסען פון דער געזעלשאפט.

פון דער אנדערער זייט, האבען אויך פראמינענטע, איינפלוסריי־כע אדער רייכע פרויען זייערע מענליכע ליבלינג, וועלכע, אויב מען וויל, שפילען די ראלע פון מענליכע העטערען. אין אלע צייטען האבען געוויסע פרויען פון קעניגליכע אדער קייזערליכע פאמיליעס אונז גע־געגעבען גענוג אזוינעביישפילען.

אין אלע צייטען פון דער געשיכטע פון די ציוויליזירטע פעלקער האט אויך די פאטהאלאגיע געפירט צו מעהר אדער ווייניגער קאנטרא־לירטע אדער ניט קאנטראלירטע געשלעכטס־פערהעלטניסען אויסער דער הייראט. דא פערנעהמט דעם ערשטען פלאץ די ליבע צו אינגלעך אדער די האמא־סעקסועלע ליבע, וועלכע מיר וועלען גענויער בעהאנד־לען אין קאפיטעל 8. ביי די פארצייטיגע אידען, פערזיער, עטרוסקער א. אז. וו., אבער בעזונדערס אין גריכענלאנד, איז דער האמא־סעק־סואליזם בעטראכט געווארען מיט גרויס כבוד. גריכישע פילאזאפען האבען איהם פערטייטיגט אלס אן אידעאלע, האמא־סעקסועלע ליבע,

טען די אייגענטליכע פּראָסטיטוציע אויף א בילכערע פּראַקטיק, דאָס אויסזויגען פון געלדער ביי מענער וועלכע זיי האָבען פּערפירט.

דאָס פאָלגענדע פון ריבבעס איבער אַן אלגעמיינעם מנהג פון די סאלאָמאָ־אינסולאנער, איז טיפּיש פאר די בעגריפען פון ווילדע: א יונג רייף מיידעל ווערט אין א געוויסען טאָג (עפענטליך) דערקלערט אלס „מאַנגאַטטאַ“. פון דעם טאָג אָן קאָן זי האָבען א געשלעכטליכען פערקער מיט וועמען זי וויל, שווארץ אָדער ווייס. וואָס מעהר, אלץ גרעסער איז דער „כבוד“. דערביי געפינט זי א ליבהאָבער, וועלכער האָט מיט איהר חתונה. פון איצט אָן ווערט זי פאר אונטרייקייט בע־שטראָפט מיט'ן טויט. (דער סך הכל: עפּידעמיעס פון גאָנאָרעע.)

די קעבס־ווייבעריי קאָן מעהר אָדער ווייניגער זיין פריי. טייל קעבס־ווייבער זענען אָפטמאָל געוועזען ניט מעהר ווי גאנצע אָדער האַלבע שקלאַפינען, וועלכע פּראָמינענטע מענער האָבען צוליב זייער איי־גען פערגעניגען ביי זיך געהאלטען א חוץ זייערע געזעצליכע פרויען און וועלכע האָבען זיך פּשוט געמוזט אונטערוואָרפען. היינט־צוטאָג בעשאַפט די מאַכט פון געלד כמעט דעמזעלביגען צושטאַנד פון אָב־הענגיגקייט. דאָס פרייע קאָנקובינאַט, דאָס ציזאמענלעבען אָהן הייראַט, ביי וואָס דער געשלעכטס־פערקער צווישען מאַן און פרוי איז אבסאָלוט פריי און מעהר אָדער ווייניגער אונאָבהענגיג פון דער געלד־פראַגע, איז ממשות'דיג אנדערש און שטעהט אויף א העכערען מאָראַ־לישען שטאַפּעל. דאָסזעלביגע האָט אויך עקזיסטירט אין אלטערטום אין אלערליי פאָרמען. די גריכישע העטערען זענען געווען פּראָמינענטע קעבס־ווייבער, וועלכע זענען, אמת, ארויסגעוואַקסען פון דער פּראָס־טיטוציע און וועלכע האָבען זיך נאָך טיילווייז איבערגעגעבען פאר געלד. אבע.ר וועלכע האָבען געטראָגען מעהר דעם כאראַקטער פון בע־גלייטערינען אָדער פריינדינען פון גרויסע מענער. זיי האָבען געלעבט אין לוקסוס, בעזונדערס אין דער צייט פון פּעריקלעס און שפּעטער. טייל פון זיי זענען געוואָרען בערימט; פון זיי האָט מען אויפגעשטעלט שטאַטוען און זיי זענען געוואָרען קעבס־ווייבער פון קעניגען. פרינע איז געווען דאָס מאָדעל פאר דער ווענוס־שטאַטוע און זי האָט אַנגע־באָטען די טהעבאַנער אויפצובויען זייערע צושטערטע מויערען אויף איהרע אייגענע קאָסטען. טהאַיס איז געווען די געליבטע פון אלעק־סאַנדער און זי האָט געהאַט א יורש־עצר און אַזוי ווייטער. צוליב דער

ליבקייט אדער די ליבע, הגם, טיילמאל שפּילט דערביי די געוואלט אויך א געוויסע ראָלע.

אז די לעצטע מאָטיוועו קאָנען זיך אויף פערשידענע אופנים אויס־מישען מיט געלד־שאכעריי, איז קלאָר פון אויבען אויף. אין אלע צייטען פון דער מענשליכער ציוויליזאציע זענען פּראָסטיטוציע און קעבס־ווייבעריי געווען די פערפילונג אדער די צווייטע זייט פון דער געזעצליכער הייראט. זייער רעגולירונג האָט אפילו געפירט צו זונ־דערבארע רעזולטאטען, און ניט זעלטען זענען די דאָזיגע אינסטיטו־ציעס ארומגערינגעלט געוואָרען מיט א געוויסען רעליגיעזען קולט אדער מאָראלישען נימבוס.

אין בבל האָט זיך איטליכע פרוי איינמאל אין איהר לעבען אין טעמפעל פון ווענוס פאר געלד געמוזט פּראָסטיטואירען צו וועלכען ניט איז פּרעמדען מאַן. שלמה־המלך האָט איינגעפירט באָרדעלען און זיי פערזאָרגט מיט שקלאַפינען פאר דעם פּאָלק, בכדי אויף דעם אופן צו שיצען די הייליגקייט פון דער הייראט געגען די ליידענשאפטען פון דער יוגענד. אויך די רוימער האָבען געהאט זייערע עפענטליכע (שטאאטליכע) און אויך פּריוואטע באָרדעלען אדער לופּאַנארע. א חוץ פרייע פּריוואטע הורען. די פּראָסטיטוציע האָט זיך שטארק ענטווי־קעלט אין מיטעלאלטער בעזונדערס ביים סוף פון די קרייצצוגען. מען דערצעלט, אז דאָס קאָנזיל פון קאָנסטאַנץ האָט צוגעצויגען צו דער דאָזיגער שטאָדט 1500 הורען. איבעראל זענען מיט די ארמעען מיט־געגאנגען הורען. אין אינדיען גיבען זיך יונגע מיידלעך איבער צו די פּריסטער, וועלכע זענען די פערטרעטער פון גאָט, און דערפאַר קריגען זיי גרויס כבוד אלס טעמפּעל־מיידלעך. בכלל שפּילט אין אינדיען דער פאללוס־קולט א גרויסע ראָלע. די פּראָסטיטוציע איז א „הייליגער חוב“ פון די טעמפּעל־מיידלעך, וועלכע זענען געווען ביז דאָ ניט לאנג צוריק די איינציגע מעהר אדער ווייניגער געבילדעטע פרויען אין אינ־דיען. די בלומען־מיידלעך אין כינא, די פּוזען אין יאַוואַ און די מייד־לעך אין די טעע־הייזער אין יאפּאַן, זענען פּשוט׳ע הורען. אינטעלי־גענטע און ראפינירטע הורען זענען אין פערשידענע קולטור־שטאאטען דערגאנגען צו גרויס כבוד און איינפלוס, צוליב וואָס זיי האָבען זיך איבערגעגעבען בלויז פאר הויכע פּרייזען, אדער צום סוף, איבערגעבי־

און טויט, בעשטראפען יעדע אונטרייקייט, האבען זיי פונדעסטוועגען קיינמאָל און אין ערגיץ ניט באין אופן געקאָנט פערהינדערען, אז די סעקסועלע ליידענשאפטען זאָלען טראָץ דעם געזעץ אָדער נעבען דעם געזעץ אויף אַלערליי אופנים ניט געפינען נייע וועגען און מיטלען. די הייראטס-געזעצען האבען דעריבער געמוזט מאכען אויסנאהמען, גע־מוזט טאָלערירען און אָרגאַניזירען הילפס-מיטלען, צו זיי איז געפעלען אָדער ניט. בכדי אבער צו ראַטעווען די מאַיעסטעט פון אָט די הייראטס-געזעצען פון וועלכען שניט זיי זאָלען ניט געווען זיין, האבען בכלל אַלע פאָרמען פון דעם געשלעכטס-פערקער מחוץ דעם פערהייראַ־טען צוזאַמענלעבען געמוזט נעבראַנדמארקט ווערען מיט דעם שטעמ־פעל פון א געוויסער מינדערווערטקייט אָדער פעראכטונג. זייענדיג דער שוואכערער און פאסיווער טייל, איז דער פרוי כמעט תמיד אויס־געקומען צו טראָגען דעם דאָזיגען שטעמפעל.

צוליב די כל המינים מנהגים ביי די פערשידענע פעלקער פאלט מען אריין אין שווערע טעותים ווען מען וויל אויפשטעלען צו ברייטע כללים. פון דער אנדערער זייט, ווידער, קאָנען מיר זיך אויך ניט פער־נעהמען מיט איינצעלקייטען, מחמת דאס וועט אונז צו ווייט אוועק־פירען. פונדעסטוועגען קאן מען בעהויפטען, אז בכלל שפּילט ביי די נידעריגסטע פעלקער די רויהע געוואלט די עיקר-ראָלע און זי איז די פונדאמענטאלע שטיצונג פון דער הייראט. בעת אויף מיטלערע און העכערע קולטור-שטאַפּלען נעהמט איבער די אויבערהאנד די געזעצ־ליכע רעגולאַציע, ניט קוקענדיג ווי אבסורד און אַפּטמאָל אונמאָראַליש זי קאָן זיין.

די פאָרמען פון דעם געשלעכטס-פערקער אויסער דעם פערהיי־ראַטען לעבען זענען תמיד צופאלען אין צוויי הויפטגרופּען: פּראָסטי־טוציע און קעבס-ווייבעריי. די ביידע גרופּען זענען אָהן ספק צווישען זיך פערבונדען דורך א סך ניט קלאָרע איבערגאַנגען; מען מוז זיי אבער אונטערשיידען אין זייערע סאמע עקירים, מחמת זייער ענט־וויקלונג איז געבויט אויף אנדערע אורזאכען. אין דער פּראָסטיטוציע פערקויפט דער מענש זיין אייגענעם קערפּער פאר געלד; פּראָסטיטו־ציע איז א האנדעל. קעבס-ווייבעריי (קאָנקובינאַט) ווערט גערופען דער מעהר אָדער ווייניג פרייער געשלעכטס-פערקער אויסער דער הייראט. די מאָטיווען פון וועלכע זענען דער געשלעכטס-טריב, די בעקוועמ־

קלאנג מיט דער אמת'ער פראקטיק. אט דער דאזיגער צושטאנד דער־קלערט דעם היינטיגן דראנג נאך מעהר פרייהייט. הגם די פסיכישע אורזאכען פאר א מאנאגאמישער דויערהאפטער הייראט האלטען זיך אין איין פערמעהרען מיט דעם גאנג פון דער ציוויליזאציע.

## 17. די געשיכטע פון דעם אויסער-פערהייראטען סעקסועלען פערקער.

ביי די פרימיטיווע מענשען, פונקט ווי ביי די היינטיגע מענשען־ענליכע אפען, איז די מאנאגאמישע הייראט אויפגעהאלטען געווארען ניט דורך קינסטליכע געזעצען, נאר דורך מיטגעבוירענע, גע'ירש'ענ־טע אינסטינקטען און דורך דער רויהער פיזישער געוואלט, און זי איז געווען א ריין פראדוקט פון דער נאטירליכער עוואלוציע. מיילמאל האט איין ער, ד. ה. איין מאן, געטויט א צווייטען; דער זיגער האט שפע־טער צוגענומען זיין זי, ד. ה. זיין ווייב. די ערשטע שטאפלען פון קול־טור, ווי מיר האבען געזעהען, האבען ערשט א סך שפעטער געפירט פון דער רויב־הייראט צו דער קויף־הייראט, און ערשט דורך דעם האט זיך קענטיג ענטוויקעלט דער בעגריף פון א רעכטליכער, מאנאגאמישער אדער פאליגאמישער הייראט אלס א טייל פון די סאמע ערשטע, קאנ־ווענציאנעלע מענשליכע סאציאלע ארגאניזאציעס. אט אויף דעם דא־זיגען אופן דארפען מיר זיך פארשטעלען אין זעהר גראבע און קורצע שטריכען די פרעהיסטארישע עוואלוציע פון דער הייראט.

עס איז אהן ספק, אז אזוי באלד ווי דער בעגריף פון הייראט האט אנגענומען א סאציאל־רעכטליכען כאראקטער, עס מאכט ניט אויס, צי אויף דעם יסוד פון א בלויזען מענליכען בעזיץ אדער, אדרבה, אויף דעם יסוד פון א מעהר אדער ווייניגער גלייכבערעכטיגטען קאנ־טראקט צווישעןביידע געשלעכטער, האט זיך געמוזט ענטוויקלען, אלס פערפילונג, דער בעגריף פון א געשלעכטס־פערקער מחוץ דער הייראט. יעדער קינסטליכער שראנקען, וואס דער גריבלענדיגער מענש־ליכער גייסט שטעלט דעם נאטור־אינסטינקט אין וועג, וועקט אויף אן אפאזיציאנעלע בעוועגונג וועלכע ווערט געטריבען פון לעצטען. הא־בען די הייראטס־געזעצען פון די פרימיטיווערע אדער האלב־ציוויליזירטע פעלקער געמוזט ווי שארף און ווי בארבאריש, מיט מאטערנישע

בלויז איהר נדן, נאָר מיינסטענס אויך א חלק פון דעם בשותפות'דיגען פערמעגען, אדער גאָר דאס גאנצע פערמעגען. פערקערט, דער מאן קריגט צוריק די קויף־סומע פון זיין געקויפטער פרוי בכלל נאָר דע־מאלט, ווען די אורזאכען פון דעם גט זענען אונטרייקייט, סטערילי־טעט אדער אנדערע ערענסטע אורזאכען. דעריבער איז דער גט אמ־זעלטענסטען דאָרט, וואו די פרויען ווערען אמטייערסטען געקויפט. דאס רעכט אויף די קינדער נאָך דעם גט איז אנדערש ביי די פערשי־דענע פעלקער: טיילמאָל ווערען זיי צוגע'פסק'ענט צום פאטער, טייל־מאָל צו דער מוטער. ביי די כינעזער און אראבער. למשל, ווערען די גע'גט'ע פרויען פשוט הורען. הייראטען אויס ליבע, בעזונדערס ווען מאן און ווייב האבען זיך געקענט פון פריהער, זענען דויערהאפטער איידער הייראטען צוליב אנדערע אורזאכען.

מען קאן מיינען, אז מחמת דער משך פון ביינאנדלעבען הענגט אב פון דער הייראטס־פארם, דעריבער איז די מאנאגאמיע דויערהאפ־טער איידער די פאליגאמיע. דער אמת איז אבער ניט אזוי. דער בע־דינג פון דער מאנאגאמיע איז פשוט געלד־מאנגעל און דער אפטער וועקסעל פערגיטיגט דעם מאן'ס היזק.

עס איז כמעט ווי זיכער, אז ביי די פרימיטיווע מענשען האט די הייראט געדויערט בלויז ביז נאָך דעם געבוירען־ווערען פון א קינד, אדער העכסטענס עטליכע יאהרען מעהר. מיט דער ציוויליזאציע איז דער משך פון דער הייראט געוואָרען לענגער, מחמת צו דער קערפער־ליכער שעהנקייט, דעם געשלעכטס־טריב און דעם בעשאפונגס־טריב זענען צוגעקומען אויך אנדערע מאָטיווען. מיינסטענס זענען עס גע־ווען עטישע (אלטרואיסטישע) אורזאכען וועלכע האבען בעשאפען געזעצען כדי צו שיצען די הייראט, וועלכע זענען אבער, צוליב דער מענשליכער נייגונג צו דאגמאטיזירען, מיינסטענס דעגענערירט גע־וואָרען אין אונמאראלישקייט אדער אין רעליגיעזע אבסורדען. אויף דעם אופן האט די רוימישע קירך, אמת, אנפאנגענדיג פון אן אידעא־לען שטאנדפונקט, דורך א טיראנישער דאגמע מיט געוואלט איינגע־פירט, צווישען אנדערע זאכען, אט אונזער היינטיגע פארם פון דער קריסטליכער מאנאגאמיע, א מאנאגאמיע וועלכע איז אזוי ווייניג אין איינקלאנג מיט די נאטירליכע בעדינגען אין בעדערפענישען פון דעם געשלעכטס־לעבען פון דער ראסע, פונקט ווי ווייניג זי איז אין איינ־

אויף פראבע אדער פאר א בעגרעניצטער צייט. ביי די גריכען, רוימער און ביי די גערמאנער איז דאס גט'ען זיך געווען זעהר פערשפרייט.

כמעט ביי אלע ווילדע שבטים און אויך ביי א סך ציוויליזירטע פעלקער האט דער מאן אן אונבעשרענקט רעכט אבצוזאגען און פער־ווארפען זיין פרוי. די האוואס פערגלייכען די הייראט צו א זעהר לוי־זען קנופ. ביי די פארצייטיגע אידען, רוימער, גריכען און גערמאנער איז אן אונצופרידענקייט פון דעם מאן, דעם האר, געווען א גענוגענ־דיגע אורזאך צו פערשטויסען די פרוי. פון דער אנדערער זייט, זענען פאראן א סך ווילדע פעלקער (וועסטערמארק רעכענט אויס ארום 25), ביי וועלכע פערשטויסונגען אדער גט'ען זענען זעהר זעלטען און ביי וועלכע די הייראט דויערט לעבענסלענגליך.

בפרט ווען עס זענען דא קינדער, איז דער גט א זעלטענקייט. ביי די מייסטע פעלקער זענען די סטעריליטעט (די ניט פרוכטבארקייט) פון דער פרוי און די פאלשקייט די עיקר־אורזאכען פון דעם געזעצלי־כען גט.

ביי די ציוויליזירטע ראסען איז א לעבענסלענגליכע הייראט א סך אפטער איידער ביי ווילדע. דאס האבען מיר געזעהען צ. ב. ביי די אצטעקען א. אז. וו. ביי די כינעזער זענען פאראן זיבען אורזאכען פאר א גט: סטעריליטעט, אונאנשטענדיגקייט, גלייכגילטיגקייט צו שווער און שוויגער, די טבע צו פלאפלען, דאס אנטלויפען פון הויז. אויך אין יאפאן, פונדעסטוועגען איז דער גט אין כינא און אין יאפאן זעהר זעלטען. אין קריסטליכע לענדער איז דער גט פון אנפאנג געווען ערלויבט און איז ערשט שפעטער אונטערדריקט געווארען פון דעם רע־ליניעזען קאנזיל פון טרענט. דער קאטאליק זאגט: „וואס גאט האט פעראייניגט, דארף דער מענש ניט צושיידען". ביי א סך ווילדע, פער־קערט, איז דאס גט'ען זיך פולשטענדיג פריי פארביידע געשלעכטער. אמאל האט בלויז דער מאן דאס רעכט, טיילמאל האבען ביידע דאס רעכט צו פאדערען א גט צוליב פערשידענע אורזאכען (שכרות, אונטריי־קייט, אויסברענגעריי א. אז. וו.). אין אייראפא, פונקט ווי איבעראל, איז דער וואונש נאך אבוועקסלונג די געוועגליכסטע און אמת'סטע אורזאך פון גט'ען זיך. דער בעסטער באנד געגען דעם זענען קינדער. ביי ווילדע פעלקער נעהמט די פערשטויסענע פרוי מיט זיך מיט ניט

## 16. די דויערצייט פון דער הייראַט.

ביי די פויגלען ווערט די הייראַט מיינסטענס געשלאָסען פאַר דעם גאַנצען לעבען; ביי די זויג־חיות זעלטען מעהר ווי פאַר איין יאָהר, מיט דער אויסנאַהם פון די העכערע אַפען און מענשען.

ביים מענש איז די דויערצייט פון דער הייראַט זעהר פערשידען. ביי די אַנדראַמאַנער, ווערדאַס, געוויסע פּאַפּואַס קאַן קיין מחלוקה ניט צורייסען די הייראַט; זי ענדיגט זיך נאָר מיט דעם טויט. פערקערט, ביי די אינדיאַנער פון נאָרד־אַמעריקא דויערט זי נאָר אַ קורצע צייט. ביי די ווייענדאַטען זענען איינגעפירט פּריף־הייראַטען, וועלכע דויערען ניט מעהר ווי עטליכע טעג. אין גרענלאַנד גט מען זיך אָפּטמאָל נאָך זעקס חדושים. ביי די קריקס איז די הייראַט בלויז גילטיג אַ יאָהר. אויף דעם אופן קומט צושטאַנד אַ מין פּאָליגאַמיע דורך אַ בעגרעניצטער צייט אָדער אַ מין וועקסעל־מאָנאָגאַמיע, ביי וועלכע דער פאַטער קען גאָר ניט זיינע קינדער. אויך ביי די באַטאָקודען, ביי וועלכע מען האָט חתונה אַהן צערעמאָניעס, דויערט די הייראַט נאָר אַ קורצע צייט; מען צושיידט זיך אויף די נישטיגסטע תרוצים און מען האָט חתונה צוליב אבוועקסלונג. אויף דעם אופן, ווערט דאָס גט'ען־זיך אַזוי אָפט ווי דאָס חתונה־האָבען. דאָסזעלביגע קומט פאָר אין קווינסלאַנד, טאַזמאַניען, אויף די סאַמאָאַ־אינזלען א. אַז. וו. ביי די דיאַקען און סינגאַלעזער האָבען אָפטמאָל נאָך גאַנץ יונגע פרויען און מענער שוין צו עטליכע מאָל חתונה געהאַט. אָפטמאָל האָט דערזעלביגער מאַן עטליכע מאָל חתונה מיט דערזעלביגער פרוי, וועלכע ער האָט געג'גט בכדי צווישען דער צייט חתונה צו האָבען מיט אַנדערע פרויען. ביי די מאַנמיראַס בעגעגענט מען מענער, וועלכע האָבען שוין חתונה געהאַט צו פערציג ביז פופציג מאָל. אין פערזיען קאַן אַ פרוי חתונה האָבען פאַר אַ משך פון איין שעה ביז ניין־און־ניינציג יאָהרען. ענליכע מנהגים עקזיסטירען אין עגיפּטען: דאָ איז ערלויבט צו בייטען די פרוי יעדען מאָנאַט, אַזוי, אַז אין אַ משך פון צוויי יאָהרען קאַן אַ מאַן חתונה האָבען צוואַנציג ביז דרייסיג מאָל. ביי די מויהרען פון סאַהאַראַ איז פאַר דער פרוי אַריסטאָקראַטיש וואָס אָפטער צו הייראַטען, און דאָס לאַנגע פערהייראַטע צוזאַמענלעבען ווערט בעטראַכט פאַר נידעריג און וואולגאַר. אַביסיניער, נעגער א. אַז. וו. האָבען חתונה

טירט בלויז ביי פלעגמאטישע, מילדע פעלקער, וועלכע האבען ניט געוואוסט פון אייפערזוכט און זענען געשטאנען אויף א געוויסען שטאפעל פון ציוויליזאציע.

ספענסער איז מיט דער מיינונג, אז די צוקונפט וועט זיין מאנאגאמיש, בעת לובבאק דענקט פונקט פערקערט, אז זי וועט זיין פאליגאמיש. וועסטערמארק ווידער גלויבט, אז, אויב דער פארטשריט פון דער ציוויליזאציע וועט ווייטער געהען אין דערזעלביגער ריכטונג, ד. ה. אויב מיר וועלען ווערען אלטרואיסטישער און אונזער ליבע אלץ פיינער און געטרייער, וועט די מאנאגאמיע ווערען אלץ שטרענגער און שטרענגער.

דא, אבער, גלויב איך, איז נוצלאז צו שפילען דעם נביא. אויב די קולטור וועט באמת זיין בכח אויף אייביג צו בעזיגען די רויהקייט, די בארבאריי און די נארישקייט, און אויב זי אליין וועט ווייטער פראגרעסירען, וועט מסתמא קיין איינציגע פון די פריהערדיגע הייראטס־פארמען ניט פערבלייבען אין זייער פרימיטיווען צושטאנד. די פרימיטיווע מאנאגאמיע, וועלכע פאסט פאר רויב־חיות, קאן ניט געהען צוזאמען מיט די היינטיגע פעסט־געזעצטע סאציאלע פאדערונגען פון דער מענשהייט. די קויף־הייראט און יענע פאליגאמיע, וועלכע בעטראכט די פרוי אלס אייגענטום און אלס א נידעריגער בעשעפעניש, זענען בארבארישע מנהגים פון האלב־צוויליזירטע פעלקער, מנהגים וועלכע האבען שוין אבגעלעבט זייער צייט. די פאליאנדריע ווידער איז א סתירה צו דער מענשליכער נאטור און צו דעם בעדערפעניש פון פארטפלאנצונג; איינגעפירט אלס א כלל, איז זי תמיד א סמן פון אונטערגאנג. די הייראטס־פארם וועלכע האט מסתמא די בעסטע מעלות פאר דער צוקונפט, איז א מין פרייוויליגע מאנאגאמיע און א געלעגענטליכע, פאסיגע פאליגאמיע מיט בעשטימטע פליכטען פאר דער בעשאפונג פון קינדער און אנטקעגען די שוין בעשאפענע קינדער. דערביי דארף די פאליאנדריע בלויז האבען דעם ווערט אלס א זעלטענע, פיל בעסער, אלס א פאטהאלאגישע אויסנאהם.

פון איין זייט און דער סאָציאלער סאָלידאַריטעט אָדער דעם מענשליכען אַלטרואיזם פון דער אַנדערער זייט, ליגט אָהן ספק אַן אַנטימאָניע וועל־כע איז שווער אויסצוגלייכען. הגם אונלעזבאַר איז דאָס פּראָבלעם ניט, מוזען מיר אַבער מודה זיין, אַז עס איז אויך ניט אַזוי לייכט צו לעזען.

ווען מיר מאַכען אַ סך הכל, זעהען מיר פון אָנפאַנג אַן עוואָלו־ציע פון מאָנאָגאַמיע צו פּאָליגאַמיע. די העכסטע אַפען און די פּרימי־טיווע מענשען זענען מאָנאָגאַמיש; מיר געפינען אַבער ביי זיי קיין שטאַנד־ אָדער קלאַסען־אונטערשידען און זיי לעבען אין זעהר קליינע גרופּען. ציוויליזאַציע, רייכטום, גרעסערע געזעלשאַפטען, אַקערבוי און די קלאַסען־הערשאַפט האָבען דעמאָלט בעשאַפען די פּאָליגאַמיע. די אַלטע אינדיער זענען צוערשט געווען מאָנאָגאַמיש און זענען שפּע־טער געוואָרען פּאָליגאַמיש. די פּריווילעגיעס פון די ערשטע פרויען איבער די איבעריגע פרויען אין דער פּאָליגאַמיע איז בלויז אַ מאָנאָ־גאַמיש איבערבלייבעניש.

נאָך אַ העכערער קולטור־שטאַפּעל האָט פּערקלענערט די צאָל פון מלחמות, אָבגעקירצט די צייט צו זויגען קינדער, צושטערט דעם פּאַר־ורטייל געגען דעם געשלעכטס־פערקער בעת דער שוואַנגערשאַפט און דאָס לעבען פון דער פרוי אויף אַזוי ווייט פערבעסערט, אַז זי איז מעהר ניט גראָה און אַלט געוואָרען אַלס אַ לאַסט־חיה. דאָס אַלעס האָט געפירט צו מאָנאָגאַמיע. דורך דער גייסטיגער ענטוויקלונג האָבען די פרויען צוגעקריגען נאָך אַנדערע רייצען אַ חוץ זייער קערפּערליכע שעהנקייט. קינדער און פרויען שטעלען מיט זיך מעהר ניט פּאַר עשירות און דאָס ווידער שוואַכט אַב דעם טריב צו האָבען וואָס מעהר קינדער. און ענדליך קומט די מאַשין און פערנעהמט די פרויען־אַרבייט פון די אַלטע צייטען. ביי אַ העכערען קולטור־שטאַפּעל פירען אַט די אַלע פאַקטאָרען צו דער מאָנאָגאַמיע, אייגענטליך פירען זיי צוריק צו אַ נייער מאָנאָגאַמיע

אינסטינקטיוו איז די פרוי מאָנאָגאַמיש. דער פאָרטשריט פון דער ציוויליזאַציע פערגרעסערט אָהן אַן אויפהער די רעכטען פון די פרויען און די פערפיינערטע סימפּאַטיע־געפיהלען, לכל הפחות ביי דעם איצטיגען מענש, פערטראָגען זיך ניט אַזוי לייכט מיט דער פּאָליגאַ־מיע. וואָס איז שייך פּאָליאַנדריע, ווייזט אַן וועסטערמאַרק אויף דעם פאַקט, אַז זי איז אַלעמאָל געווען אַן אויסנאַהם און, אַז זי האָט עקזיס־

כען כאראקטער, האלטען זיי געוועגליך ניט לאנג אן. זענען זיי אבער געווענדט אויף גייסטיגע אייגענשאפטען און האבען זייערע ווארצלען אין אן אחדות פון דענקען און פיהלען, דעמאלט קאנען זיי געדויערען ביז אין די עלטערע יאהרען. ביין זאגט, אז אנדערע ליידענשאפטען, ווי מוטערליכע חאם, הערשזוכט האבען מייגסטענס א סך אנדערע אביעקטען, ב[illegible] די ליבע האט א טענדענץ זיך צו קאנצענטרירען בלויז אויף איין אביעקט, קריגענדיג דעריבער מעהר מאכט איבער אלע אנדערע געפיהלען און אויף דעם אופן טרייבענדיג צו דער מאנאגאמיע. מיר האבען געזעהען, אז פויגלען און אפען האבען מיינסטענס ליב נאר איין זי; ניט זעלטען קאן איינער פון א פארעל ניט איבערלעבען דעם טויט פון אנדערען, אזוי שטארק איז זייער געגענזייטיגע ליבע. דאס דאזיגע איז זיכער בעאבאכט געווארען ביי אפען און פויגלען, אפילו דעמאלט, ווען מען גיט זיי אן אנדערען חבר, א זי אדער אן ער. א זכר פון די ביזאם-אפען, נאכדעם ווי ער האט זיך איבערצייגט אין זיין ווייב׳ס טויט, האט זיך פערדעקט די אויגען מיט ביידע הענד, האט ניט געגעסען און איז געבליבען אזוי זיצען ביז ער איז געשטארבען. ווי מיר האבען געזעהען, קומט ביי ווילדע אפטמאל פאר זעלבסטמארד צוליב ליבע. צו דעם דאזיגען פונקט ביים מענש וועלען מיר נאך שפעטער צוריקקומען.

וועסטערמארק האט זיכער רעכט, ווען ער האלט די דאזיגע טענדענץ פון דער סעקסועלער ליבע, די טענדענץ זיך צו קאנצענטרירען אויף איין אביעקט, פאר איינעם פון די וויכטיגסטע פאקטארען פון דער מאנאגאמיע. א חלק פון דער אייפערזוכט איז אהן ספק ניט עפעס אנדערש ווי נאר די געגענזייט פון דעם דאזיגען סענטימענט; ער איז דער טיפער וועהטאג צוליב דער מעגליכקייט, אז דאס ליידענשאפטליכע און איינציג געליבטע אביעקט וועט ווערען פערפרעמדט אדער אונטריי. פון דער אנדערער זייט אבער האבען מיר בעטאנט, און מיר מוזען ווייטער אלץ מעהר בעטאנען, אז דוקא גראד די דאזיגע איינזייטיגע קאנצענטראציע פון דער ליבע, וועלכע איז, אמת, אויסגעצייכענט גוט צוגעפאסט פאר איזאלירטע פאמיליעס, פאר בעשעפענישען וועלכע לעבען אליין און אבגעזונדערט פונקט ווי רויב-חיות, פאסט אבער אבסאלוט ניט פאר א גרויסע, סאלידאריש פערבונדענע געזעלשאפט. צווישען דעם „דועל עגאיזם“, די קאנצענטרירטע ליבע,

דעם אופן די חויז- און גוטס־בעזיצעריז, ניט דער מאן. זי אליין רע־
גירט מיט דעם גאנצען פערמעגען. דאָ הערשט דער מאטריארכיזם,
אבער בשום אופן ניט די פּראמיסקואיטעט. ווייט, ווייט דערפון. אויב
דער מאן וויל — ער האט בלויז געוויסע רעכטען איבער זיינע מענליכע
קינדער — חתונה האבען מיט נאך א פרוי, מוז ער די גאנצע זאך
נאך אמאל אנפאנגען א ו י ף א ן א נ ד ע ר ע ר א ר ט. אויך
די צווייטע פרוי מוז פון איהם בעקומען א שטיק לאנד מיט בהמות,
אבער די ערשטע פרוי האט דערמיט קיין שום שייכות ניט; און אזוי
ווייטער און ווייטער. אויף דעם דאזיגען אופן זענען די פערשידענע
פרויען פון א פאלינאמישען גאאזשיר ניט בלויז אייגע פון דער אנדע־
דער בעצם אונאבהענגיג, נאר זיי זענען אויך אבגעזונדערט און אהן
א פערקער צווישען זיך; די אייפערזוכט ווערט אזוי ארום כמעט ווי
אויסגעשלאסען, בעזונדערס נאך, ווייל די פרויען האבען א טיפען רעס־
פעקט פאר די געזעצען פון זייער לאנד. זי מוז אבער שטארק אבהיטען
איהר טרייקייט צו איהר מאן. ביי אזא איינפיר קאן די פאליגאמיע ניט
זעהר ווייט דערגרייכען אהן דעם פולשטענדיג ניט אויסצושעפּען די
כחות פון איין מאן, מחמת ער מוז, א חוץ דער ארבייט ביי איטליכער
פון די היימען און פון דעם לאנד פאר זיינע פרויען, אויך העלפען אין
זייער ארבייט. מיר זעהען דערפון, אז געוויסע פארמען פון פאלינא־
מיע קאנען געהען בשותפות מיט א רעלאטיוו אנגעזעהענעם סאציאל־
הויכען שטאנד פון דער פרוי, מחמת ביי די גאאזשירען שפּילט דער
מאן ניכער די ראלע פון א וואנדער־פויגעל וואס וואנדערט פון איין
ווייב צום אנדערען, בעת די פרוי איז די איינציגע שטעהענדיגע
בעל־הבית'טע פון הויז, פון די קינדער און פון דעם גאנצען פערמעגען.

בכלל אבער הערשט די מאנאגאמיע מייגסטענס דארט, וואו עס
איז פאראן מעהר אלטרואיזם און מעהר דרך ארץ פאר דער פרוי; אזוי
איז צום ביישפּיל אין ניקאראגוא, ביי די דיאקען, אנדאמאנער א. אז.
וו. וואו די פרוי געניסט גרוים כבוד, האט א פּאליטישען איינפלוס,
און וואו עס הערשט א פיין פאמיליען־געפיהל. אויך ביי די סענטאלען
און ביי די מונדרא־קאלס איז די פרוי די בעל־הבית'טע פון הויז.

אין דעם דאזיגען ענין שפּילט אויך א געוואלדיגע ראלע די נא־
טור פון די ליבעס־ליידענשאפטען. אויב זיי זענען געווענדט אנטקע־
גען א דרויסענדיגען, קערפּערליכען רייץ און זענען פון א ריין זינלי־

נען דורך דער צאל פון זיינע פרויען. דערביי דארפען מיר ניט פערגע־
סען, אז ביי די מיינסטע ווילדע מענשען עקזיסטירען ניט איבערהויפט
די אבסטראקטע בעגריפען פון מאראל, דער בעגריף גוט אדער דער
בעגריף שלעכט. דעריבער מיינט ביי זיי גוט — רייך אדער שטארק,
בעת שלעכט מיינט ארים אדער שוואך. אין דער אמת'ן זענען די אי־
בעריגע פרויען, וואס א פאליגאמיסט האט, פשוט'ע שקלאפינען און זיין
מאכט און אויטאריטעט לאזט זעלטען ענטוויקלען צווישען זיי די איי־
פערזוכט. פונדעסטוועגען, מערקט מען א סך אייפערזוכט צווישען די
פרויען פון א פאליגאמיסט; אפילו זעלבסטמארדען קומען פאר צווי־
שען די אלטע פרויען צוליב וועהטאג וואס דער מאן ציהט גיכער פאר
נייע און יונגע פרויען; טיילמאל טויט די מוטער אויך איהר קינד;
אויך גיפט־מארדען קומען פאר. ביי די פייערלענדער ווערט א געצעלט
מיט דריי אדער פיער פרויען ניט זעלטען פערוואנדעלט אין א שלאכט־
פעלד. מיר האבען שוין דערמאנט דאס אבבייסען פון דער נאז, וואס
עס קומט פאר צ. ב. ביי די אייפערזיכטיגע פרויען פון די פידזשי־
אינזלען. ביי די איסלאמיטען און הינדוער זענען אינטריגעס און איי־
פערזוכט צווישען די פרויען אויך א גאנץ געווענליכע ערשיינונג. דאס
אייגענע אין אביססיניען, און אויך ביי די האוואס און ביי די צולוס.
דאס האווא־ווארט פאר פאליגאמיע איז „ דאפי", וועלכעס מיינט
„געגנער" !

בכדי צו פערמיידען די אייפערזוכט צווישען זיינע פרויען, גיט
אפטמאל דער פאליגאמישער מאן איטליבער פרוי א בעזונדער הויז.
דאס זעהען מיר אפט ביי די אינדיאנער פון זיד־אמעריקא. אין קא־
לאמביא האב איך מיך בעקענט מיט א פעהיגען נאטור־פארשער, גראף
דע ברעטטע, מיט וועמען איך האב פערברענגט א לענגערע צייט. בכדי
בעסער צו שטודירען די מנהגים פו די גאאזשירס־אינדיאנער, איז ער
אליין געווארען א מיטגליד פון דעם שטאם. די פאליגאמיע ביי זיי
איז אמת אינטערעסאנט. אויב א יונגער גאאזשיר וויל חתונה האבען,
מוז ער דעם מיידעל'ס עלטערן געבען א סך בהמות, אבער דאס מיידעל
גופא מוז געבען איהר צושטימונג. דערנאך דארף ער אבריינינגען א
שטיק וואלד, פערזייען אלערליי גרינצייג און בויען א געצעלט. דאס
אלעס מוז ער אוועקשענקען זיין שווער־פערהארעוועטער פרוי און
דערצו נאך דערלענגען די נויטיגע צאל בהמות. די פרוי ווערט אויך

זייערע פרויען און זאָגען, אז זיי קאָנען ניט כסדר געניסען דיזעלביגע שפייז. דער וואונש נאָך קינדער, נאָך כבוד, נאָך גלאַנץ און רייכטום, אזוי גוט ווי די אונפּרודוקטיווקייט פון אַ טייל פרויען, זענען אויך אורזאַכען פון דער פּאָליגאַמיע. ביי געוויסע פעלקער ווערט די פּאָליגאַמיע ערלויבט בלויז ווען די פרוי איז אַן עקרה אָדער ווען זי האָט נאָר מיידלעך, און אויף דעם אופן איז קלאָר, אז זי איז געבויט אויף דער מורא, אז נאָכ'ן אבשטאַרבען זאָל ניט בלייבען אַ דור אָהן מענער.

בכלל זענען די ווילדע פרויען, צ. ב. ביי די אינדיאַנער, ווענינער פרוכטבאַר איידער די ציוויליזירטע, אין וואָס עס איז אַ סך שולדיג די לאַנגע סעקסועלע צוריקגעהאַלטענקייט בעת די דריי אָדער פיער יאָהרען ווען די פרוי זויגט דאָס קינד. צו דעם קומט נאָך צו די גרויסע קינדער־שטערבליכקייט. צוליב די דאָזיגע אורזאַכען ווערט די פּאָליגאַמיע אַ קאַמפּס־מיטעל פאַר דעם צוועק פון פאָרטפלאַנצונג און אויך, בעזונדערס ביי די אפריקאַנישע פעלקער, אַ נאַטור־געזעץ. אַ צענטראַל־אפריקאַנער קומט אַן גאַרניט שווער צו האָבען אפילו מעהר ווי הונדערט ווייבער, מחמת זיי זענען ביי איהם דינסטען. די פרויען זענען טאַקע די אַ ר ב י י ט ע ר: די פּאָליגאַמיע איז דאָ דער סמן פון גרויסקייט, פון מאַכט, פון עשירות און פון גלאַנץ. זי איז אמשטאַרקסטען ענטוויקעלט ביי די אַגריקולטור פעלקער, ביי וועלכע די פרויען־ארבייט האָט אַ געוואַלדיגען ווערט און דאָס מיינט, דאָס אָנזאַמלען פון עשירות. זי איז אונמעגליך ביי אַ פּאַסטוכער־פּאָלק אָדער אַ פּאָלק וואָס האַלט איין אין ארומוואַנדערען. דאָ ווידער, ווי מיר זעהען, איז די נאַהרונגס־פראַגע דער עיקר. אין דאַהאָמי האָט דער קעניג געהאַט טויזענדער ווייבער, דער אָדעל־שטאַנד הונדערטער, דער פשוט'ער בירגער אַ צענדליג און דער אָרימער סאָלדאַט קיין איינציגע אפילו.

אין פּאָליגאַמישע פאַמיליעס הערשט ניט אַלעמאָל די אייפערזוכט און די קאָנקורענץ צווישען די פרויען. אין עקוואַטאָרישען טייל פון אפריקא טרייבען מיינסטענס די פרויען גופא צו פּאָליגאַמיע און אַ מאַן וואָס בעשרענקט די צאָל פון זיינע פרויען רופען זיי אַ קמצן. ליווינגסטאָן דערצעלט, אז די פרויען פון מאַקאָלאָלאָ האָבען איהם געזאָגט, אז זיי וואָלטען ניט געוואָלט לעבע אין מאָנאָגאַמישען ענגלאַנד, מחמת אַ רעספּעקטאַבלער מאַן מוז ארויסווייזען זיין פערמע־

קערט, פעלקער מיט א גרעסערער צאל פרויען, זענען נים אלעמאל פאליגאמיש. טיילמאל זעהען מיר פונקט דאס פערקערטע, הגם דער דערמאנטער נאטירליכער איינפלוס איז אבסאלוט אויך פאראן. דער בעדינג פאר דער פאליגאמיע איז ניט בלויז די גרעסערע צאל ווייבליכע געבורטען אדער דער טויט פון א סך מענער, נאר אויך אפטמאל א רעליגיעזע פאדערונג, א שטייגער ביי די מארמאנען און איסלאמיטען. ביי דער פאליאנדריע, ווידער, שפילט ניט נאר א ראלע די קאנסאנגוויניטעט און די גרויסע צאל מענער, נאר אויך די ארימקייט פון דעם פאלק. ווייטער, ביי דער פאליגאמיע דארף מען אויך נעהמען אין בעטראכט די געשלעכטליכע צוריקגעהאלטענקייט פון די מענער לויט די דינים פון זייער רעליגיע, א צוריקגעהאלטענקייט ניט בלויז בעת דער מענסטרואציע, נאר אויך בעת דער שוואנגערשאפט און אפילו אין משך פון דער גאנצער צייט ווען די פרוי זויגט דאס קינד, וועלכע דויערט ביי ווילדע פעלקער ניט זעלטען פון צוויי ביז פיער יאהרען. אין סיערראַ לעאן איז א פערברעכען ווען דער מאן האט א געשלעכטס־פערקער מיט זיין פרוי איידער דאס קינד קאן געהען.

הגם דער דאזיגער מנהג איז די גרעסטע טובה פאר דער פרוי'ס געזונדהייט, איז אבער זיין פונדאמענט ניט קיין מאניטארישע אידעען, נאר רעליגיעזע בעגריפען און אבערגלויבענס (כשוף א. אז. וו.) פרויען וואס מענסטרואירען, שוואנגערען און זויגען קינדער, ווערען ביי א סך ווילדע פעלקער בעטראכט פאר טמא, פער'כשופ'ט. צו דעם, אז מען לעגט נאך צו דעם פאקט, אז די פרויען פון די ווילדע, ווערענדיג בעהאנדעלט ווי פשוט'ע לאסט־חיות, ווערען גיך אלט, ווערט קלאר די פאליגאמישע נייגונג פון די מענער. עס איז כמעט אונגלויבליך ווי גיך די ווילדע פרוי עלטערט זיך. איהר בליהונגסצייט איז זעהר קורץ און דויערט פון ארום איהר דרייצענטען ביז איהר צוואנציגסטען יאהר. ביי פינף־און־צוואנציג יאהרען איז זי אלט, אונפרוכטבאר און אביסעל שפעטער זעהט זי אויס אפטמאל ווי אן אלטע מכשפה. אבער אין דעם זענען קענטיג מעהר שולדיג איהר שרעקליך שווערע ארבייט און דאס לאנגע זויגען פון קינדער, איידער איהר פריהצייטיגער געשלעכטליכער פערקער.

נאך אן אורזאך פון פאליגאמיע איז דער נאטירליכער טריב פון די מענער פאר אבוועקסלונג. די נעגער פון אנגאלא בייטען זיך מיט

„אללאה האָט אונז געגעבען מעהר פרויען איידער מענער, עס איז דער־ריבער קלאָר, אז די פּאָליגאַמיע איז א געבאָט פון גאָט“.

**די אורזאַך פון א מענליך אָדער ווייבליך קינד.** — בקצור וויל איך דאָ בעריהרען די פראגע מכח דער אורזאַך פון וועלכער עס העננט אָב די פערשידענקייט פון די געשלעכטער. אין דער דאָזיגער פראגע האָבען ניט געפעהלט קיין השערות, בעהויפּטונגען און עקספּערימענ־טען, אבער איך מוז מודה זיין, אז דערוויילי ווייסען מיר ניט מכח דעם ענין קיין פּאָזיטיווע זאַך. עס איז נאָך דערוויילי ניט געלונגען דורך עקספּערימענטען ביי חיות צו בעשאפען, לויט דעם ווילען, א זכר אָדער א נקבה. די טעאָריע, אז פון איבערזעטיגונג קריגט מען מיידלעך, בעת פון פאסטען אָדער פון ניט דערעסען קומען אינגלעך, האָט מען אמת אויעקגעשטעלט מיט א גרויסען טומעל, אבער זי איז נאָך ניט בשום אופן פּאָזיטיוו בעוויזען געוואָרען. הגם, אין געוויסע פּאַלען ביי חיות שיינט די השערה דאָך צו האָבען א קערן אמת אין זיך. פאַר דעם איי־גענעם צוועק האָט מען זיך אויך בענוצט מיט דער צוכטוואַל, בכדי דורך איהר צו בעשאפען יענעם געשלעכט וועלכעס פעהלט אוים. אבער אויך דאָ פעהלען בעווייזען. מען האָט געדענקט, אז א שטאַרקע קריי־צונג איז גינסטיג פאַר דער פּראָדוקציע פון נקבות, בעת די פּאָרונג צווישען נאָהענטע איז גינסטיג פאַר דער בעשאפונג פון זכרים. און ווירקליך ביי געמישטע פעלקער איז טאַקע די צאָל ווייבליכע געבורטען בעדייטענד גרעסער, בעת ביי פעלקער, ביי וועלכע מען האָט חתונה מיט גאַנץ נאָהענטע קרובים, ביי פּאָליאנדרישע שטאַמען א. אז. וו. איז, פערקערט, די צאָל פון מענליכע געבורטען גרעסער. עס איז אבער א סך בעסער, די גאַנצע פראגע צו לאָזען אָפען, ביז די וויסענשאַפט וועט אונז ברענגען פּאָזיטיווע בעווייזען. עטליכע נייע רעזולטאַטען וועלכע מען האָט בעקומען דורך עקספּערימענטען אויף נידעריגע חיות, גיבען א האָפנונג, אז די צוקונפט וועט א סך מעהר בעלייכטען דעם דאָזי־גען ענין.

א חוץ דעם זענען די הייראַטס־מנהגים ניט אלעמאָל אָבהענגיג פון דער גרעסערער צאָל געבורטען פון איין געשלעכט. פעלקער מיט א גרעסערער צאָל מענער זענען ניט אלעמאָל פּאָליאנדריש, און, פער־

די וויטסטע און אממיינסטען פערשפרייטסטע הייראטס־פארם. דאס דאזיגע ווערט קלאר פון דעם פאלגענדען:

די רעלאטיווע צאל פון מענער און פון פרויען. אפטמאל האט מען בעהויפטעט, אז די צאל פון ביידע געשלעכטער איז כמעט א גלייכע און מען האט דאס אנגעגעבען אלס אן ארגומענט פאר דער מאנאגאמיע, אבער די דאזיגע בעהויפטונג איז א פאלשע. טיילמאל זענען דא מעהר מענער און טיילמאל מעהר פרויען; געוועהנליך אבער זענען די פרויען אין א גרעסערער צאל. ביי די איינגעבוירענע פון ארעגאן קומען אויס ארום 700 מענער אויף 1185 פרויען, ביי די פונקאס און אויך ביי אנדערע פעלקער איז די צאל פרויען צוויי ביז דריי מאל גרעסער פון דער צאל מענער, אין קאטשא־האמבא קומט נאר אויס איין מאן אויף 5 פרויען. פערקערט, ביי א טייל אנדערע פעלקער זענען פאראן מעהר מענער איידער פרויען, בעזונדערס אין אויסטראליען, טאסמאניען און טאהיטי; אויף דעם לעצטען אינזעל איז נאר דא איין פרוי אויף 5 מענער. אין קאשמיר זענען דא דריי מענער פאר איין פרוי. ביי די נעגער ווידער זענען פאראן מעהר פרויען, טיילמאל 3 געגען 1, געוועהנליך אבער 3 געגען 2.

אין אייראפא ווערען דורכשניטליך געבוירען מעהר אינגלעך איי־דער מיידלעך. צווישען 15 ביז 20 יאהרען ווערען די צאלען גלייך, איבער דעם צוואנציגסטען יאהר ווערט די צאל פון פרויען גרעסער. די אורזאך פון דעם דאזיגען פערהעלטניס איז די גרעסערע שטערבליכ־קייט פון די מענער, אין וועלכער עס זענען שולדיג די מלחמות. די גרעסערע געפאהרען פון דער מענליכער ארבייט, אבער פריהער פון אלעם דער אלקאהאליזם, די שכרות־געוואוינהייט פון די מענער. אבער ביי גאנץ ווילדע פעלקער שלאגען זיך אויך די פרויען אין מלחמות, צ. ב. די אמאזאנען אין דאהאמי; מיט שכרות איז דאסזעל־ביגע, אדער ביידע טרינקען ניט, וואס דאס גלייכט אויס די זאך. אויב ביי די דאזיגע פעלקער איז די מענליכע צאל א גרעסערע, איז דערין ניט זעלטען שולדיג דאס טויטען פון די געבוירענע מיידלעך און טייל־וויז אויך די שווערע ארבייט פון די פרויען. ביי די סינגאלעזער ווערען טאקע געבוירען מעהר אינגלעך איידער מיידלעך, בעת אין קליין־אזיען, פערקערט, ווערען געבוירען כמעט צוויי מיידלעך פאר איין אינגעל, און אין אראביען אפילו 4 מיידלעך פאר 1 אינגעל. דער אראבער זאגט:

לעבט פונדעסטוועגען די מעהרצאָל פון דעם אָרימען פאָלק מאָנאָגאַמיש. עס זענען נאָר פאַראַן ווענינ פעלקער ביי וועלכע אַלע מענער האַבען צו עטליכע ווייבער. אין אינדיען לעבען 95% פון די איסלאַמיטען מאָנאָגאַמיש, און אין פערזיען דערגעהט די צאָל אַזש ביז 98%. די פאַקטישע פּאָליגאַמיע איז כמעט איבעראַל אַ פריווילעגיע פון הויפּטלינגען, פון פירסטען און פון די רייכע.

אַ חוץ דעם ווייזט זיך ביי די פּאָליגאַמישע פעלקער אַ טענדענץ פאַר מאָנאָגאַמיע: 1) צוליב ידי פריווילעגיעס און בעזונדערע רעכטען פון איין פרוי, געוועגליך פון דער ערשטער פרוי, אנטקעגען די איבעריגע פרויען; 2) מחמת אין דער ווירקליכקייט ציהט פאַר דער פּאָליגאַמישער מאַן צום געשלעכטס-פערקער בלויז איינע אָדער בלויז עטליכע ליבלינגס-ווייבער. פונדעסטוועגען זענען פאַראַן געוויסע פּאָליגאַמישע פעלקער, ביי וועלכע דער מאַן האָט אַ פליכט מיט איטליכער פון זיינע פרויען. איינער נאָך דער אַנדערער, צו לעבען געשלעכטליך פאַר עטליכע טעג, וואָכען אָדער מאָנאַטען. ביי אַ סך אַנדערע פעלקער ווידער בלייבען אַ טייל פרויען פאַקטיש ניט בעריהרטע בתולות, ווייל זיי געפעלען ניט דעם מאַן. ביי די מייניסטע פון די דאָזיגע פעלקער נעהמט דער מאַן אַ צווייטע פרוי ווען די ערשטע איז געוואָרען אַלט. און אויף דעם אופן ווערט געוועגליך פון דער פּאָליגאַמישער בייראַט אַ ביגאַמיע.

איידער דער ענגלישער עראָבערונג זענען די סינגאַלעזער געווען פּאָליאַנדריש און ביז 7 מענער האָבען געהאַט בשותפות איין פרוי. אבער בעזונדערס הערשט די פּאָליאַנדריע אין טיבעט. אבער אויך ביי דער פּאָליאַנדריע זענען אָפטמאָל פאַראַן נידעריגערע מענער אָדער, געהילפס-מענער, וועמעס ראָלע איז כמעט ענליך צו דער ראָלע פון די קעבס-ווייבער, אין וואָס מיר זעהען ווידער אַ טענדענץ צו מאָנאָגאַמיע.

די גרופּען-הייראַט הערשט ביי די טאָדאַס, וואו אַלע ברידער זענען די מענער פון דעם עלטסטען ברודער'ס פרוי, און אַלע שוועסטער פון דער פרוי זענען אין דערזעלביגער צייט די פרויען פון זייערע שוואָגערס. ניט רעכענענדיג די פּראָסטיטוציע, איז דאָס דער איינציגער פאַל ביים מענש וועלכער גרעניצט זיך מיט פּראָמיסקואיטעט. די גרופּען-הייראַט איז אבער אַ זעהר בעשרענקטע פּראָמיסקואיטעט.

די אונטערשטע שורה איז, אַז די מאָנאָגאַמיע איז פ אַ ק ט י ש

און אויך ביי א טייל ציוויליזירטע פעלקער. זי האט אבער פערשידענע פארמען. אין מעקסיקא, פערו, יאפאן, כינא, בעזיצט דער מאן איין איינציגע געזעצליכע פרוי, אבער א חוץ איהר האט ער נאך עטליכע קעבס־ווייבער, וועמעס קינדער זענען פונקט אזוי געזעצליך אנערקענט ווי די קינדער פון זיין אייגענטליכער פרוי. ביי די אידען האט די פאליגאמיע עקזיסטירט ביז צום מיטעלאלטער. שלמה המלך האט געהאט 700 ווייבער און 300 קעבס־ווייבער. אין די איסלאמיטישע לענדער זענען היינט־צוטאג די אידען פאליגאמיש. דער קאראן ערלויבט דעם גלוביגער פיער ווייבער און וויפיל קעבס־ווייבער ער וויל. די לעצטע געהען נאר ארויס פון רשות און בעשיצונג פון זייער פאטער, אבער א חוץ דעם האבען זיי דיזעלביגע רעכטען ווי געזעצליכע פרויען. די הינדוער און פערזיער זענען פאליגאמיש. די רוימער, הגם, זיי זענען געווען שטרענג מאנאגאמיש, האבען זיי אבער געהאט קעבס־ווייבער.

אין דעם קריסטליכען אייראפא איז די פאליגאמיע טיילמאל געווען ערלויבט אדער, מען האט זי טאלערירט און גערולדעט. דער הייליגער אוגוסטין האט זי ניט פערדאמט. לוטהער האט ערלויבט דעם גראף פיליפ פאן העססען חתונה צו האבען מיט צוויי ווייבער, און נאך דעם וועסטפאלישען פרידען־אבמאך איז אין דייטשלאנד צוליב דער פערקלענערונג פון דער בעפעלקערונג, ערלויבט געווארען די ביגאמיע. די מעטרעסען פון די היינטיגע פירסטען און פרינצען זענען אן איבערבלייבעניש פון דער פאליגאמיע. מחמת יעזוס האט קיין ווארט ניט געזאגט מכח דער פאליגאמיע, דעריבער האט לוטהער זי ניט פערבאטען. די מארמאנען האבען די פאליגאמיע איינגעפירט אין זייער רעליגיע. צו וועלכע עקסטרעמען די פאליגאמיע קאן דערגעהען ביי פירסטען און הויפטלינגען, ווייזט אונז דער נעגער־קעניג פון לאאנגא, וועלכער זאל הייסט עס האבען 7000 ווייבער, בעת די הויפטלינגען פון דעם פידזשי אינזעל בעגעניגענען זיך מיט 20 ביז 100 ווייבער.

צווישען די ווילדע פעלקער הערשט די מאנאגאמיע ביי די בעדוואינער פון די אנדאמען אינזלען, ביי די ניקאבארער, ביי די טודאס, ווערדאס, איראקעזער, ווייענדאטען, און אפילו ביי עטליכע אויסטראלישע שטאמען. ביי אנדערע איז די פאליגאמיע ערלויבט בלויז פאר די הויפטלינגען. אבער ביי די מיינסטע פאליגאמישע ראסען

וועלכע גרעניצט זיך כמעט מיט דער פּראָמיסקואיטעט, מחמת איטלי־כע זי ווערט בעפרוכט פון עטליכע זכרים. די פּאָליאַנדריע ווערט אונ־מעגליך ביי די מיינסטע העכער ענטוויקעלטע חיות צוליב די איפער־זוכט פון די זכרים. ביים מענש איז זי זעלטען. פונדעסטוועגען, ווי מיר האָבען געזעהען, עקזיסטירט זי ביי געוויסע פעלקער.

4. די גרופען־הייראט אדער די הייראט צווישען עטליכע בע־שטימטע מענער און עטליכע בעשטימטע פרויען. דער דאָזיגער זונ־דערבארער און זעלטענער מנהג איז איינגעפירט מיינסטענס ביי די טאָדאס, א ווילדער שטאָם. איך ווייס ניט אויב אזא מין הייראט עקזיסטירט ביי חיות.

5. די פּראָמיסקואיטעט אדער דער אינדיפערענטער געשלעכטס־פערקער פון אלע זכרים מיט דער ערשטער־בעסטער זי פון זייער מין און פערקערט. די דאָזיגע הייראט טרעפען מיר ביי א סך חיות, בע־זונדערס ביי נידעריגע חיות, ביי וועלכע דער געשלעכטס־אינסטינקט פון דעם זכר איז ניט פערבונדען מיט קיין שום זאָרג פאר דער זי אדער פאר די קינדער. די פּראָמיסקואיטעט קאן זיך נאָך שטארקער בעפעסטיגען דעמאָלט, ווען אויך די זי הערט זיך אויף צו זאָרגען מכח איהרע יונגע נאָכדעם ווי זי לעגט אָב די אייער. פונדעסטוועגען, ביי דער גרעסטער צאָל חיות בעגעניגענט זיך די זי מיט דעם געשלעכטס־פערקער בלויז פאר איטליכם מאָל לעגען אייער. אייגענטליך פאר איט־ליכער שוואנגערשאפט, און אויף דעם אופן, אז מיר בעטראכטען די זאך נעהענטער, איז די ריינע פּראָמיסקואיטעט ניט אזוי פערשפרייט ווי עס דאכט זיך אויס פון ערשטען בליק. ביים מענש, פערקערט, דערגרייכט זי איהר פולסטע בליהונג אין דער פּראָסטיטוציע, וועלכע איז כמעט די איינציגע ריינע פאָרם פון פּראָמיסקואיטעט. אבער די פאָלגען פון פּראָסטיטוציע, בנוגע צו דער אויפהאלטונג פון דעם מין ד. ה. וואָס איז נוגע צו דעם אייגענטליכען צוועק פון דער געשלעכטלי־כער פערבינדונג, זענען פון א צושטערענדיגער נאַטור. דערזעלבינער סוף איז געווען ביי די אַנעידאָס (זעה אויבען: קריטיק פון דער פּראָמיסקואיטעטס-לעהרע), ביי וועלכע עס זענען געבוירען געוואָרען זעהר ווענינ קינדער.

די פּאָליגאַמיע איז געווען ערלויבט ביי די מיינסטע אלטע פעל־קער און נאָך היינט איז זי ערלויבט ביי דער גרעסטער צאָל ווילדע

טרינקען. דערמיט זענען געווען פערבונדען אויך פערשידענע רעליגיע־זע צערעמאָניעס. אונזערע היינטיגע חתונה־מנהגים האָבען דעם זעל־ביגען שורש. אין דער ערשטער קריסטליכער צייט האָבען ניט עקזיס־טירט קיינע רעליגיעזע חתונה־צערעמאָניעס; אפילו ביז צום יאָהר 1563 (קאָנזיל פון טרענט), איז די קאָטאָליש־רעליגיעזע בענעדיקציע (איינזעגנונג) פון דער הייראט ניט געווען קיין פליכט. לוטהער האָט געוואָלט איינפירען בלויז די ציוויל־ אָדער בירגערליכע הייראט, ער האָט אָבער גאָרניט אויסגעפירט. ערשט די פראנצויזישע רעוואָלוציע האָט ביי אונז איינגעפירט די געזעצליכע ציוויל־הייראט, וועלכע האָט, הגב, שוין עקזיסטירט פאַרצייטענס ביי די פּערואַנער, ניקאַראַגוּאַנער א. אַז. וו. (אינדיאַנער). ביי א טייל פעלקער ווערט דאָס חתונה־האָבען אָהן פרן, אָדער, אָהן צערעמאָניעס, אָדער אָהן קויף, אָדער אפילו צווישען פערשידענע קאסטען א. אַז. וו. אָפטמאָל בעטראַכט אלס קעבס־ווייבעריי.

## 15. הייראַטס-פאָרמען.

ניט רעכענענדיג דעם הערמאַפראָדיטיזם פון די שנעק, ביי וועל־כע איטליכס אינדיווידיום האָט אי מענליכע און אי ווייבליכע גע־שלעכטס־אָרגאַנען און איז אנטקעגען איטליכען אנדערען אינדיווידיום אי א זכר און אי א נקבה, זענען ביי חיות מיט בעזונדערע געשלעכטער פאַראַן פינף פאָרמען פון הייראַט.

1. די מאָנאָגאַמיע (אויף א קורצער אָדער לאַנגער צייט) אָדער די הייראט צווישען איין אינדיווידיום פון איין געשלעכט און איין אינדיווידיום פון אנדערען געשלעכט, ווי צום בייספּיל, ביי פויגלען, ביי א טייל זויג־חיות און ביי זעהר א סך מענשען־ראַסען.

2. די פּאָליגיניע אָדער פּאָליגאַמיע אין אן ענגערען זין, ד. ה. די הייראט צווישען איין זכר און עטליכע נקבות. די דאָזיגע הייראט קומט פאַר ביי מעלה־גרה'עס, הירשען, עופות און אנדערע חיות אַזוי גוט ווי ביי א טייל מענשען, א שטייגער ביי די פעלקער פון איסלאַם, די נעגער, ביי די מאָרמאָנען א. אַז. וו.

3. די פּאָליאַנדריע אָדער די הייראט צווישען איין נקבה און עטליכע זכרים. אין דער חיות־וועלט געפינט מען צווישען אנדערע, אָבער מיינסטענס רעגעלמעסיג ביי די מוראַזשקעס א פּאָליאַנדריע

כען דער מאן האט מיינסטענס דאס רעכט צו זאגען דעות איבער זיין פרוי'ס נדן, בעת דער נדן גופא בלייבט דאס אייגענטום פון דער פרוי און איהר פאמיליע.

ביי די מעקסיקאנער, וואו מען גט זיך אפט צוליב א מחלוקת אין צוזאמענלעבען, און טיילווייז אפילו אויך ביי געוויסע מאהאמע־אַ־נער, איז איינגעפירט א צוטיילונג פון פערמעגען נאך דער חתונה, און ביים פאנאנדערגעהען אדער גט קריגט די פרוי, לויט א גענויען חשבון, צוריק איהר פערמעגען.

אין דער איצטיגער צייט אין איירֿאפא, מיינסטענס אין פראנק־רייך, איז איינגעפירט א פערקערטער מין קויף־הייראט, א קויף־היי־ראט וועלכע האט שוין עקזיסטירט ביי די גריכען, לויט וועלכער עס ווערט פאר א מיידעל אזוי־צוזאגען געקויפט א מאן פאר א גרויסען נדן. וועסטערמארק ענדיגט דעם דאזיגען ענין מיט די פאלגענדע ווער־טער: „היינט־צוטאג איז א מיידעל אהן נדן, אויב עס איז ניט קיין אויסערגעווענליכע יפהפיה, אין דער גרעסטער געפאר צו פערזיצען. דער דאזיגער צושטאנד ענטוויקעלט זיך נאטירליכערהייט אין א גע־זעלשאפט וואו די מאנאגאמיע ווערט געזעצליך ארויפגעצוואונגען, וואו די צאל פון דערוואקסענע פרויען איז גרעסער פון דערוואקסענע מע־נער, וואו א סך מענער האבען קיינמאל ניט חתונה און, וואו פער־הייראטע פרויען פירען א לעבען פון פוילענצען און פוסטקייט." ווען מיר לעגען נאך צו, „אין א געזעלשאפט וואו מאמאן איז דער אבסא־לוטער הערשער", דארף שוין דאס בילד זיין אמת נאטור־טריי.

## 14. חתונה-צערעמאָניעס און מנהגים.

ביי די פרימיטיווע פעלקער, וואו דאס ווייב ווערט פשוט געכאפט אדער געקויפט, אפטמאל אפילו נאך א גענענזייטיג פערהאנדלען, פעה־לען געווענליך די חתונה־צערעמאָניעס. די שפעטערדיגע חתונה־צערע־מאָניעס האבען זיך מיינסטענס ענטוויקעלט פון איבערבלייבענישען, ד. ה. פון סימבאלען פון אן אלטער, פערלאזענער פארם פון הייראטס־אבמאכען, סימבאלען פון דעם סעקסועלען פערקער. נאכדעם ווי די צערעמאָניעס האבען זיך געענדיגט און די חתונה איז געווארען דער־קלערט פאר געזעצליך, פלעגט מען זיך משמח־זיין און עסען און

ציוויליזירטע ראסעז. ווי מיר האבן געזעהען, זענען נאך עד־היום פאראן איבערבלייבענישען פון יענער צייט.

פונדעסטוועגען זענען די רויב־הייראט און די קויף־הייראט קיין־מאל ניט געווען אן איינגעפירטער כלל. געוויסע פעלקער אין אינדיען און אפריקא, צום ביישפיל, די פאדאמס אין אינדיען, האלטען פאר א דערנידערונג פאר א כלה צו בעצאלען א פרייז.

פון א היסטארישען שטאנדפונקט איז אינטערעסאנט דער פאקט, אז די צערעמאניעס פון דער קויף־הייראט, מיינסטענס א סימבאליש לפנים'דיג רויבען פון דער כלה, דערמאנט נאך אין די פריהערדיגע רויב־הייראטען; און אויך, אז ביי פעלקער ביי וועלכע א העכערע הייראטס־פארם האט פערנומען דעם פלאץ פון דער קויף־הייראט, ווערען נאך אלץ אין געוויסע הייראטס־סימבאלען אויפגעהאלטען די זכרונות פון דער אלטער קויף־הייראט.

## 13. דער אונטערגאנג פון דער קויף-הייראט.

מיר האבען געזעהען, אז ביי א העכערער ציוויליזאציע פערבע־סערט זיך דער שטאנד פון דער פרוי איניינעם מיט דעם פארטשריט פון אלטרואיזם בכלל. דעריבער האט די קויף־הייראט ביסלעכוויין פער־לוירען איהר ווערט בעת דער ענטוויקלונג פון דער ציוויליזאציע אין אינדיען, כינא, גריכענלאנד, רוים. ביי די גערמאנען א. אז. וו. שטא־פעלוויין האט דער מנהג צו געבען חתונה־מתנות דער כלה פערנומען דעם פלאץ פון דער פריהערדיגער קויף־סומע, און נאך שפעטער איז אויף זיין פלאץ געווארען א מנהג, אז די כלה זאל געבען נדן דעם חתן. א זונדערבארער איבערגאנגס־שטאפעל צווישען די צוויי מנהגים זענען די כלומרשט'ע מתנות, א שטייגער, ווען דער חתן גיט מתנות דער כלה'ס עלטערן, וועלכע זיי מוזען אבער צוריקגעבען דער טאכטער. ביי א טייל ווילדע פעלקער ווערט אפילו דער פרייז, וואס איז געגעבען געווארען פאר דעם ווייב, פון איהרע עלטערן דעם מאן צוריקגעגעבען אין אן אנדער פארם. אט דאס איז אפטמאל געווען דער אורשפרונג פון נדן.

ביי די רוימער איז דער כלה'ס נדן געווארען דאס אייגענטום פון מאן. פון דעם האט זיך ענטוויקעלט דער מאדערנער מנהג, לויט וועל־

פרוי, בעת מאַקלענאַן דערקלערט זי דורך דער הערשאַפט פון עקסאָ־גאַמיע. אבער די רויב־הייראט קומט אויך פאָר ביי אבסאָלוט ענדאָ־גאמישע פעלקער. וועסטערמארק גלויבט, אז די אורזאַך פון דער רויב־הייראט איז געווע דער ווידערווילען געגען חתונות וואָס האָבען זיך בלויז בעגרעניצט צווישען ענגע און געשלאָסענע קרייזען. דעם ווילדען קומט אַן שווער צו קריגען אַ פרוי אַהן דעם ער זאָל ניט דאַר־פען איהר פאטער עפּעס געבען פאַר איהר; און אַ חוץ דעם שטעהען איהם אין וועג, פון איין זייט, זיין אייגענער סעקסועלער ווידערווילען געגען די שפּיל־חבר׳טעס פון זיינע קינדער־יאָהרען און דער פּאַר־ורטייל געגען דער הייראט מיט קרובים, און פון דער אנדערער זייט, די שנאה צו אנדערע שטאַמען. דעריבער האָט ער זיך אָפּטמאָל ענט־שלאָסען צום ווייבער־רויב. פונדעסטוועגען איז די רויב־הייראט אין קיין שום צייט ניט געווען קיין כלל, די חתונות וועלכע זענען געווען גע־בויט אויף אַ געגענזייטיג־זיך־פערשטעהען און איינשטימיגקייט האָ־בען אלעמאָל איבערגעוואויגען די לעצטע.

נאָך דער רויב־הייראט איז אין סדר פון צייט געקומען די קויף־הייראט, אלס אביסעל אַ העכערער קולטור־שטאַפּעל, וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט צוליב דעם טויש־פערקער דורך אלערליי ווערט־סימבאָ־לען, צוערשט איז געקומען, צ. ב. אין אויסטראַליען, די טויש־היי־ראט (אויסבייטען אַ פרוי אויף אַ שוועסטער אָדער טאָכטער), שפּע־טער האָט דער חתן בעצאָלט דער כלה׳ס פאָטער מיט קנעכט־אַרבייט. ביי דער קויף־הייראט ווענדט זיך דער פּרייז ווערדליג דער שעהנקייט, דעם געזונד און ווערדליג דעם יחוס פון דער כלה. אַ יונג מיידעל איז דרכשניטליך מעהר ווערט געווען איידער אַן אלמנה אָדער אַ גרושה. די פיזישע ארבייטס־פעהיגקייט פון דער פרוי האָט אויך גע־העכערט דעם פּרייז. ביי די אינדיאַנער אין בריטיש־קאָלאָמביא האָט אַ פרוי געקאָסט 20 ביז 40 פונט שטערלינג; בעת אין אָרעגאָן האָט מען זיי אויסגעביטען אויף פערד־דעקען, פיפעל־פעל א. ד. גל. ביי די קאַפירס איז דריי, פינף אָדער צען קיה אַ נידעריגער פּרייז, און צוואַנ־ציג ביז דרייסיג קיה אַ הויכער פרייז פאַר איין פרוי. טאָמער גיט מען אַ ווייב אומזיסט, האָבען איהרע עלטערן אַ רעכט אויף די קינדער. די קויף־הייראט און די טויש־הייראט עקזיסטירען נאָך היינט ביי די נידעריגע ראַסען און זענען געווען אויך פריהער איינגעפירט ביי די

מען טאָר ניט איבערטרעטען, מחמת אויף זיי זענען שטרענגע געגען חתונה האָבען מיט אנדערע ראסען. ביי די אראבער, צום ביישפּיל, איז דער אינסטינקט פאר דער עטהנישער אבזונדערונג אזוי שטארק, אז דיזעלביגע בעדואינישע פרוי, וועלכע וועט זיך פאר געלד לייכט איבערגעבען צו א טערק אָדער אייראָפּעער, וואָלט איהר גאנץ לעבען זיך בעטראכט פאר נידעריג און געזונקען געזעצליך חתונה צו האָבען מיט איינעם פון זיי. אָט אויף דעם אופן פירט א מנהג צו א קאסטען־אָדער קלאסען־ענדאָגאָמיע אין די גרעניצען פון דעמזעלביגען פאָלק, צום ביישפּיל דער אדעל־שטאַנד. אין אייראָפּא, צ. ב. אין רוים, איז פּארצייטענס געוועזען איינגעפירט אז א פּאטריציער האָט ניט געטאָרט חתונה האָבען מיט א פּלעבעיערין. אָט אזוי איז אויף פאראַן אן ענ־דאָגאָמיע אויף רעליגיעזע יסודות צ. ב. ביי אידען.

קינדער בעפעסטיגען די הייראט. אין דער שווייץ קומען פאָר צוויי פיפטעל פון די גיטין ביי פראָפּעלקער אָהן קינדער, הגם קינדער־לאָז איז בלויז איין פיפטעל פון אלע חתונות.

ווי עס איז בעקענט ווערען די געפיהלען ביי די הייראטס־בעשלו־סען זעהר אָפט דערשטיקט דורך געלד־אינטערעסען. אין אונזער היינ־טיגער צייט, אין דער צייט פון מאַמאָנ'ס מאכט איבער אונז, ווערען מיינסטענס ניט גענומען אין בעטראכט די ליבע, קראפט, שעהנקייט, ארבייטס־פעהיגקייט, אינטעליגענץ, געשיקטקייט און אפילו ניט די געזונדקייט פון התן־כלה, אין פערגלייך צו דעם שמוציגען געלד. דער דאָזיגער טרויריגער אמת איז בלויז א נייע, אביסעל פערשלייערטע פאָרם פון דער קויף־הייראט.

## 12. רויב-הייראט און קויף-הייראט.

דאָס רויבען פון פרויען קומט פאָר אין א סך געגענדען; געוויסע הייראטס־צערעמאָניעס בעווייזען, אז דער רויב איז פריהער געוועזען א סך מעהר פערשפּרייט איידער היינט־צוטאָג. אָפטמאָל זענען פרויען אפילו גע'גנב'עט געוואָרען פון אייגענעם שטאַם; אניט האָט מען זיי געקויפט. ביי געוויסע אינדיאנער שבטים איז דער געמאַכטער רויב און דאָס כלומרשט'ע פערכאַפּען פון דער כלה, א טייל פון דער חתונה־צערעמאָניע. דער מנהג, פאָדערט פון דער כלה, אז זי זאָל כלומרשט ניט וועלען. לויט ספּענסער האָט די רויב־הייראט איהר אורשפּרונג אין דער נאַטירליכער אָדער פאלשער צוריקגעהאלטענקייט און צניעות פון דער

שלעכטליך צוזאמענלעבען, און זיי ווערען בעזונדערס בעפעסטיגט דורך דער בשותפות׳דיגער ליבע צו קינדער.

בכלל האָבען זיך די געגענזייטיגע נייגונגען פון מאַן־און־ווייב ביי די קולטור־פעלקער ענטוויקעלט צוזאמען מיט דעם אַלטרואיזם. די צערטליכקייט און די עדעלקייט פון דער ליבע ביי די העכער ציוויליזירטע מאָדערנע פעלקער, זענען געווען ניט בעקענט די מיינסטע ווילדע פעלקער און אויך ניט די אַלטע ציוויליזאציעס. אין כינא איז אַ שפּילעבעל צו שלאָגען דאָס ווייב, און ווען דער אָרימער כינעזער בעהאַנדעלט זיין ווייב מיט גוטסקייט, טוט ער עס נאָר בכדי ניט צו מוזען קויפען אַן אַנדער ווייב. די אַראַבער פערשטעהען אונטער ליבע בלויז דעם געשלעכטס־טריב און ביי די גריכען איז עס טיילווייז אויך אַזוי געווען. אין דעם ציוויליזירטען אייראָפּא פּראָגרעסירט די קולטור אויף דעם וועג צו דער גלייכבערעכטיגונג פון דער פרוי, אַזוי, אַז וואָס ווייטער זעהט דער מאַן אין זיין ווייב אַ בעגלייטערין מיט גלייך געבוירענע רעכטען. די בשותפות׳דיגקייט פון די אינטערעסען, פון די מיינונגען, פון די עמפּינדונגען און פון דער קולטור, איז דער ערשטער בעדינג פאַר די געפיהלען פון אַ געגענזייטיגער סימפּאַטיע און פערשטאַרקט די געפיהלען פון פריינדשאַפט און ליבע. אמת, להיפך דעם ווירקט טיילווייז דער פאַקט, ווי מיר האָבען געזעהען, וואָס די ליבע ווערט אויפגעוועקט דורך קאָנטראַסטען; דער קאָנטראַסט דאַרף אָבער טאָקע דערפאַר ניט זיין אַזוי גרויס, אַז ער זאָל אַזש אויסשליסען די סימפּאַטיע. אַ צו גרויסער אונטערשיד אין יאָהרען איז געפערליך פאַר די ליבעס־נייגונגען, מחמת די אינטערעסען און צילען געהען זיך צו ווייט פאַנאַנדער. די ענליכע בילדונג און דער גלייכער סאָציאַלער שטאַנד פערשטאַרקערען די ליבע, צוליב וואָס עס האַלטען זיך אויף די קלאַסען־אונטערשידען, זעלטען־ווען פערליבט זיך אַ פּראָמינענטער מאַן אין אַ דאָרפסמיידעל, אָדער אַ פּראָסטער בעל־מלאכה אין אַ בערימטער דאַמע, אַ חוץ גאָר ריין ליידענשאַפטליך. מיינסטענס פערמיידט מען חתונה צו האָבען מיט מענשען פון אַ פרעמדער ראַסע אָדער רעליגיע.

די ענדאָגאַמיע און די עקסאָגאַמיע ענטוויקלען אויך ניט אַזוינע אַבסאָלוטע קאָנטראַסטען, ווי מען קאָן פון ערשטען בליק מיינען. אפילו ביי די עקסאָגאַמישע פעלקער איז פאַראַן אַ געוויסע גרעניץ וועלכע

ווייבליכסטע ווייב און קלייניגע שוואכע מענער ליבען, אחרבה, גרויסע און שטארקע פרויען: מענשען מיט קורצע נעז האבען ליב לאנגע נעז, הויכע און שמאלע מענער האבען ליב קורצע און דיקע פרויען, און דאס פערגרעסערט די פרוכטבארקייט." דער דאזיגער אינסטינקט אליין איז שוין גענוג כדי צו שיצען געגען דער קאנסאנגווינישעט, מחמת אינסטינקטיוו זוכען געשלעכטער געגענזאצען, וועלכע די קאנ־סאנגווינישעט שוואכט אב.

## 11. די ראלע פון די געפיהלען און די געדאנקען ביי דער געשלעכטליכער צופאסונג.

יוגענד, שעהנקייט, געזונדקייט, צירונג און פלירט רייצען די סעקסועלע ליבע. אבער מיט זיי פערבינדען זיך נאך א סך אנדערע גע־בעננעפיהלען, ווי א שטייגער די בעוואונדערונג, די הנאה פון בעזי־צען, דאס געפיהל פון דרך ארץ, רחמנות, זעלבסט־צופרידענקייט א. אז. וו. אמת, די ליבע איז וויכטיג, אבער בשום אופן ניט א נויט־ווענדיג עלעמענט פון דער סעקסועלער פערבינדונג. אויף דעם נידע־רינען שטאפעל פון דער מענשהייט איז די צערטליכקייט אנטקעגען קינדער א סך שטארקער איידער די געשלעכטליכע ליבע גופא. ביי א סך ווילדע פעלקער פעהלט אינגאנצען אדער כמעט אינגאנצען ביים מאן די ליבע צום ווייב, און אויך פערקערט, די ליבע ביים ווייב צום מאן. דא האלט זיך די היראט אויף דעם יסוד פון א געגענזייטינער בעקוועמליכקייט, אויף דעם וואונש נאך קינדער און אויף דער הנאה און בעפרידיגונג פון א ריין חיה'שען געשלעכטס־טריב. פונדעסטוועגען, ביי ריזעלביגע פעלקער, פיהלען די עלטערן א צערטליכע ליבע צו זייערע קינדער. דער מאן מעג שלאגען זיין ווייב; אבער דאס ווייב ווערט בעטראכט פאר נידעריג און פערברעכעריש ווען זי שלאגט איה־רע קינדער. ביי די נארד־אמעריקאנישע אינדיאנער, למשל, איז די ליבע צום ווייב אזוי גוט ווי ניט בעקענט. פערקערט, ביי אנדערע וויל־דע פעלקער, למשל, די טוארעגס, ביאם־ניאמס, ניי קאלעדאניער, טאנגא־נער און אויסטראליער, האט דער מאן טיף און אמת ליב זיין פרוי, און ווען זי שטארבט, איז ער אפילו פארטיג צו בעגעהען זעלבסטמארד. בסוף הכל זענען די ליבעס־געפיהלען דער פועל יוצא פון א לאנג גע־

האָבען פּאַקטיש בעוויזען, אַז די חתונות צווישען שוועסטערקינדער האָבען קיין ממשות ניט ביי דער בעשאַפונג פון משוגעת.

אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם און זייענדיג אודאי אויך בעאיינפלוסט פון דער אַלגעמיינער מיינונג, שיינט וועסטערמאַרק ביז אַ געוויסען שטאַפּעל נאָך אַלץ צו גלויבען אין אַן אינסטינקטיווען ווידערווילען געגען דער הייראַט מיט קרובים. ווען אין אונזער היינטיגער געזעלשאַפט וואָלט דאָס חתונה האָבען צווישען אייגענע געווען אַזוי פערשפּרייט ווי אַ שטייגער ביי געוויסע חיות, וואָלט איך געקאָנט זיין מיט איהם איינפערשטאַנען, אַז אַ שטאַרקע כסדר'דיגע קאָנסאַנגוויניטעט איז באמת טאַקע סוף כל סוף שעדליך פאַר דעם מין. אָבער אַזאַ קאָנסאַנגוויניטעט עקזיסטירט אבסאָלוט ניט אין אונזער קאַסמאַפּאָליטישער און טיף געמישטער מאָדערנער געזעלשאַפט; אדרבה, איך בין איבערצייגט, אַז די חתונה צווישען קרובים וואָס קומען נאָך היינט־צוטאָג פאַר זענען אַזוינע זעלטענע אויסנאַהמען, אַז פאַר זיך גופא זענען זיי פאַר אונז ניט די קלענסטע געפאַר. עס איז בלויז אַן איבערבלייבעניש פון אַן אָבערגלויבען. געגען וואָס מיר דאַרפען זיך יאָ היטען, זענען דאָס קינדער־האָבען פון פּאַטהאָלאָגישע עלטערן און די בלאַסטאָפטהאָריע. מען דאַרף ניט פערגעסען, אַז די אייגענטליכע בלוטשאַנד צווישען עלטערן און קינדער אָדער צווישען שוועסטער און ברידער, איז היינט פערבליבען כמעט נאָר צווישען דעגענערירטע פּסיכאָפּאַטען. דאָ ווערט אויף דעם אופן פערביטען די אורזאַך (גייסטיגע אַבנאָרמאַליטעט) מיט דער פאָלגע.

טאַקע וועסטערמאַרק גיט אונז אַ טיפּיש ביישפּיל. זינט די אורעלטע צייטען האָבען אַלע איינוואוינער (3300) פון דער קאָמונע באַטס חתונה צווישען זיך. טראָצדעם זענען דאָרט אַלע זעהר געזונד און זיי ציינען ניט קיין סמן פון דעגענעראַציע.

פערקערט, געגענזאַצען אין דער ליבע ציהען זיך אינסטינקטיוו צו, בעת שטאַרקע ענליכקייטען שטויסען זיך אדרבה אָב. בערנאַרדין דע סט. פּיער זאָגט: „ליבע ווערט בעשאַפען פון קאָנטראַסטען און וואָס גרעסער עס זענען די קאָנטראַסטען, אַלץ מעהר קראַפט האָט די ליבע.“ און שאָפּענהויער זאָגט דאָס פאָלגענדע: „איטליכער מענש זוכט אין צווייטען געשלעכט אַן איינזייטיגקייט, וועלכע זאָל זיין אין קאָנטראַסט צו דער אייגענער איינזייטיגקייט; דער מענליכסטער מאַן זוכט דאָס

אבער מכח דעם גארניט חדוש'ען. דער שאדען פון דער קאנסאנגוויני־טעט, וועלכע מיר האבען געקאנט אנצייגען ביי חיות, איז א פועל יוצא פון א כסדר'דיגען געשלעכטליכען פערקער צווישען שוועסטער און ברי־דער און עלטערן אין א משך פון א סך דורות. אבער אזא זאך קומט קיינ־מאל ניט פאר ביים מענש. חיות און פלאנצען קאן מען בעת א סך יאהרען פארטפלאנצען דורך דער ענגסטער קאנסאנגוויניטעט, אהן דערביי זאל זיך ווייזען א היזק. ביי פערזיער און עגיפטער האט עקזיסטירט א רעלאטיוו לאנגע פערייניגונג צווישען אייגענע, אהן דעגענעראציע. א חוץ דעם דערצעלען אונז די ציכטער פון חיות, אז בלויז איין טראָ־פען פון פרעמד בלוט (ספערמא) איז גענוג בכדי אוועקצומאכען די שעדליכע פאלגען פון קאנסאנגוויניטעט. אזוינע פרעמדע טראפענס זע־נען אבער ביים מענש צאלרייך, אפילו ביי דער שטארקסטער און ענט־וויקעלטסטער קאנסאנגוויניטעט. די פראלעמעער, וועלכע האבען כמעט תמיד חתונה געהאט מיט זייערע שוועסטער, פלימעניצעס אדער שוועס־טערקינדער, האבען לאנג געלעבט און זענען געווען פרוכטבאר. ביי די וועדאס, אין צעילאן, עקזיסטירט א שטארקע קאנסאנגוויניטעט; זיי האבען ווייניג משוגעים, זיי זענען אבער קליין, ווייניג פרוכטבאר און האלטען ביים אונטערגעהען.

אין אייראפא האט מען דעם ענין פון חתונות צווישען שוועס־טערקינדער געמאכט זעהר ערענסט און מען האט כסדר געזוכט צו בע־ווייזען זייער שעדליכקייט. אבער ביי אן אונפארטייאישער און אביעק־טיווער אונטערזוכונג שטעלט זיך ארויס, אז אין אלע פאלען איז אין דעם שאדען תמיד בלויז שולדיג, ניט די קאנסאנגוויניטעט, נאר די אנזאמלונג פון געוויסע פאטהאלאגישע פאמיליען־פעהלערס, ווי, למשל, משוגעת, בלוט־קראנקהייטען א. ד. גל., וועלכע קאן צושטאנדקומען ביי א כסדר'דיגער פארונג פון מיטגלידער פון איין פאמיליע. אבער דערזעלביגער שאדען וואקסט אויך ארויס פון דער הייראט צווי־שען גייסטיג־קראנקע מענשען (און אויך אנדערע קראנקהייטען), וועל־כע שטאמען אב פון צוויי גאנץ פערשידענע פאמיליעס. דעריבער דארף מען די אורזאך פון דעם איבעל ניט זוכען אין דער מענשליכער קאנ־סאנגוויניטעט, וועלכע איז אלעמאל שוואך, צופעליג און ווערט אי־בערגעריסען דורך פרעמדע פערבינדונגען, נאר אין דער בירושה'דיגער פארטפלאנצונג פון א פאטהאלאגישען קערן. די סטאטיסטישע ציפערן

גערס מיט שוועגערינס, שטיף־ברידער מיט שטיף־שוועסטער, אדאפּ־טירטע קינדער א. אז. וו. די ענדאגאמיע שיינט בכלל ניט צו האבען עקזיסטירט ביי פעלקער וועלכע האבען געלעבט אין זעהר קליינע און ענגע קאמונעס.

די בלוטשטאנד צווישען קרובים וואס לעבען ביינאנד האט איבע־ראל די איינענע נאטירליכע אורזאך: די קליינע צאל פרויען ביי פא־מיליעס וואס לעבען אבגעזונדערט און פאר זיך. אין פערבינדונג מיט סאדאמיע און ענליכע פערווערזיעס, טרעפען מיר די בלוטשטאנד ביי די קיהער אין די גאנץ ווייטע, פערוואָרפענע אלפען. זעהר אפט האלט זי זיך אויך ביי פסיכא־פאטהאלאגיש דעגענערירטע פאמיליעס. איהר יסוד זענען אבער דא פסיכא־פאטהאלאגישע אינסטינקטען און פאר־שטעלונגען. ביי חיות וואס לעבען אליין און איינצעלווייז, ביי וועלכע די פאמיליעס ווערען באלד אויפגעלזט (צ. ב. קעץ), איז דער סעקסועלער פערקער צווישען אייגענע, עלטערן און קינדער, א גאנץ געוועגליכע ערשיינונג.

אבער ווי האלט עס מיט דער נאטור־וויסענשאפטליכער בעגרינדונג פון דעם גאנצען ענין? פון איין זייט זעהען מיר, אז בכדי די בעשאַ־פונג זאל זיין א גוטע, איז נויטיג די גלייכקייט פון די מינים. דאס ווערט בעוויזען דורך דער לעבענס־שוואכקייט אדער גאר די פולשטענדי־גע אונפרוכטבארקייט פון די באסטארדען, וועלכע זענען א פראדוקט פון דער קרייצונג צווישען פרעמדע ראסען אדער אונטער־מינים. אבער פון דער אנדערער זייט זעהען מיר אויך פונקט אזוי קלאר די געפאַ־רען פון א כסדר'דיגע קאנסאנגוויניש רעפּראדוקציע. אויב אזא קאנ־צענטרירטע פּארונג, די פערבינדונג צווישען אייגענע ביי חיות, ווערט פארטגעזעצט אין א משך פון א סך דורות, בעקומט מען ביז 25% טויט־געבורטען, בעת דער געוועגליכער ציפער איז בלויז 8%. היינט פרעגט זיך, אויב די קאנסאנגווינישע פערבינדונגען זענען שוין בלויז דערפאר גופא ניט שעדליך, וואס זיי זאמלען אן פאטהאלאגישע פעה־לערס.

ניט קוקענדיג אויף דעם, מוז וועסטערמארק צוגעבען, אז עס איז זעהר שווער אנצואווייזען דעם פאקטישען שאדען פון די קאנסאנגוויני־שען חיראטען (די גערופענע בלוטשאנד) ביים מענש. מען דארף זיך

מאַן, גערייצט דורך דעם נייעם און ניט־געוואוינטען. און, פערקערט, אַבגעקיהלט דורך דעם אלטען און געוואוינטען. ניט דער פאַקט וואָס אַ מאַן און אַ פרוי זענען זיך קרובים, נאָר דער פאַקט וואָס זיי וואוינען צוזאַמען פון קינדווייז אויף, שטויסט זיי ביידע אָב געשלעכטליך. פאַקטיש זעהען מיר דיזעלביגע סעקסועלע ווידערווילינקייט צווישען אדאָפּטירטע קינדער און אינטימע יוגענד־בעקענטע, פערקערט, דאָרט, וואו שוועסטער און ברידער אָדער כלל נאָהענטע קרובים זענען פון קינדווייז אויף געוועזן צושיידט צוליב אַ קריג אָדער אַנדערע אורזאַכען, טרעפט ניט זעלטען, אז צווישען זיי ענטוויקעלט זיך די וואַרימסטע ליבע ווען זיי קומען זיך צופעליג שפּעטער צוזאַמען. עס עקזיסטירט ניט, דעריבער, קיין מיטגעבוירענער ווידערווילען געגען אַ סעקסועלען פערקער מיט קרובים, אבער עס איז דאָ אַ ווידערווילען בלויז צווישען יענע מענער און פרויען, וועלכע האָבען געלעבט צוזאַמען פון זייער יונגסטער קינדהייט אָן. אזוי ווי אבער אזוינע זענען מיינסטענס קרובים פון איין בלוט און פלייש, עלטערן און זייערע קינדער, דערקלערט זיך דער גאַנצער ענין איינפאַך און קלאָר. אויך די אורזאַך פון דער גאַנצער עקסאָגאַמיע ווערט אויף דעם אופן פערשטענדליך, צוליב דעם פאַקט וואָס די מיטגלידער פון איין שטאַם לעבען צוזאַמען צו אינטים. גראַד די קליינע שטאַמען, פון דרייסיג ביז פופציג מענשען מיט בלויז עטליכע פאַמיליעס, האָבען די שטרענגסטע געזעצען געגען דער בלוטשאַנד. דאָרט, אבער, וואו די פאַמיליעס וואוינען מעהר אָבגעזונדערט, אין אייגענע הייזער, עקזיסטירען ניט אזוינע פערבאָטען. די מאָאָרים האַלטען זעהר שטאַרק פון דעם פּערזענליכען רעכט אויף אייגענטום און בעוואוינען זעהר גרויסע און אבגעזונדערטע דערפער; זיי זענען ענדאָגאַמיש און ביי זיי איז ערלויבט די הייראַט צווישען קרובים. אויף אזאַ אופן בעגעגענען מיר די ענדאָגאַמיע און די הייראַט צווישען די קרובים בכלל מיינסטענס דאָרט, וואו עס עקזיסטירט ניט קיין שטאַם־לעבען און וואו די קרובים זענען זיך ווענינ בעקענט און קומען זיך וועניג צוזאַמען. דער ווידערווילען געגען דער הייראַט צווישען מענשען וואָס לעבען אינטים צוזאַמען איז אויף דעם אופן געוועזן דער בעשאַפער אי פון די פערבאָטען געגען דער הייראַט צווישען קרובים, און אי צווישען מיטגלידער פון דעם אייגענעם שטאַם. ער איז אויך ביז אַ הויכען שטאַפּעל געוועזן די אורזאַך פאַרוואָס מען האָט פערבאָטען דאָס חתונה־האָבען פון שוואָ־

פאר אוננאַטירליך. דאָס לעצטע בעווייזט בלויז, אז פערבינדונגען צווישען יונגע מענער און אַלטע פרויען זענען ניט נאַטירליך. חתונות צווישען ברידער און שוועסטער, בעזונדערס אבער צווישען שטיף־ברידער און שטיף־שוועסטער, זענען געווען ערלויבט ביי די פערזיער, עגיפּטער, סיריער, אַטהענער און ביי די פארצייטיגע אידען, חתונות צווישען פעטערס און פּלימעניצעס (זעלטענער צווישען טאַנטעס און פּלימעניקעס) זענען טיילמאָל ערלויבט, טיילמאָל פערבאָטען. מיט דער אויסנאהם פון שפּאַניען און רוסלאנד, זענען אין אייראָפּא ערלויבט חתונות צווישען שוועסטערקינדער.

עקסאָגאַמיע און ענדאָגאַמיע. — ביי א סך ווילדע פעלקער זענען חתונות צווישען קרובים ניט ערלויבט אפילו ביז'ן דריטען דור. נאָך מעהר, אפילו די מיטגלידער פון דעם אייגענעם שבט אָדער שטאַם טאָרען ניט חתונה האָבען צווישען זיך, ניט קוקענדיג וואָס זיי זענען אפילו ניט קיין קרובים. דאָס ווערט גערופען דאָס  ע ק ס אָ ג אַ מ י־ ש ע  הייראַטס־סיסטעם. דאָס דאָזיגע סיסטעם איז אממיינסטען ענטוויקעלט ביי די אויסטראַליער, וועלכע מעגען חתונה האָבען בלויז מיט פרעמדע שטאַמען. דערמיט קומען מיר צוריק צו אונזער ענין. מיר זעהען, אז די גרעסטע מעהרצאָל ווילדע פעלקער ציהען דעם בעגריף פון בלוטשאַנד א סך וויטער איידער מיר. פארוואָס?

מכח דער דאָזיגער פראגע האָט מען פיל דיסקוטירט. פריהער האָט מען געזאָגט, אז די הייראַט צווישען קרובים איז פערבאָטען פון גאָט, אז זי בעליידיגט די נאַטירליכע בושה, אָדער אז זי פערפלאָנטערט און פערוויקעלט די קרובה'שאפט א. אז. וו. איצט זאָגט מען, אז זי איז שעדליך פאר די שפּעטערדיגע דורות. די עטהנאָגראַפיע לערענט אונז אבער, אז אויף אזויפּע רייד דארף מען זיך ניט פיל פערלאָזען.

ווי מאַקלענאַן האָט בעוויזען, איז אויסער דער עקסאָגאַמיע פאַראַן ביי א סך אנדערע ווילדע פעלקער א סיסטעם פון  ע נ ד אָ־ ג אַ מ י ע,  ד. ה. א פערבאָט חתונה צו האָבען מיט א פרעמדען שטאַם. ספּענסער און מאַקלענאַן דערקלערען אנדערש דעם דאָזיגען מנהג. וועדליג מיין מיינונג טרעפט דאָ וועסטערמארק ווידער דעם נאָגעל אויפ'ן קאָפּ. מאַכענדיג אונז אויפמערקזאם אויף די פאָלגענדע פאקטען: ווי מיר האָבען געזעהען, ווערט דער געשלעכטס־טריב, בעזונדערס ביים

זעהר א סך באסטארדען אין זיד־אמעריקא און אין מעקסיקא זענען זיי אפילו צוויי דריטעל פון דער בעפעלקערונג.

בראקא האט בעהויפטעט, אז די מענשליכע באסטארדען וואס זענען געקומען פון דער קרייצונג צווישען ווייטע ראסען, צ. ב. צווישען ענגלענדער און נעגער אדער אויסטראליער, זענען געוועהנליך ניט פרוכט־באר. וועסטערמארק בעשטרייט דאס. פונדעסטוועגען גיט ער צו, אז נאך עטליכע דורות ווערען אזוינע באסטארדען־ראסען אבגעשוואכט. עס איז אויך א פאקט, אז די געמישטע חתונות צווישען אידען און אייראפעער זענען דורכשניטליך זעהר וועניג פרוכטבאר. אבער דער דאזיגער פונקט איז דערווייל נאך ניט גענוג אויפגעקלערט. פונדעסטוועגען קאן מען זאגען, אז די מולאטען אדער די באסטארדען צווישען נעגערס און ווייסע, זענען א דעגענערירטע, קוים לעבענספעהיגע מענשען־מאסע, ווען זיי זאלען זיך ניט פולשטענדיג צוריקקערען צו איינער פון די אורשפרונגס־ראסען. בעת די מעסטיצען אדער לאדינאס, ד. ה. די באסטארדען צווישען אינדיאנער און ווייסע אין צענטראל־ און זיד־אמעריקא, שיינען, פערקערט, צו זיין מעהר לעבענספעהיג, הגם פון א קלענערען ווערט.

## 10. דער פערבאט פון חתונות צווישען אייגענע.

די סעקסועלע פערבינדונג צווישען נאהענטע קרובים רופט ארויס כמעט תמיד א געפיהל פון אבשייליכקייט ביים מענש, און אזוינע פערבינדונגען ווערען געבראנדמארקט אלס „בלוטשאנד". דער דאזיגער כלל האט זעהר זעלטענע אויסנאהמען. בעזונדערס רופט ארויס א געפיהל פון עקעל דער פערקער צווישען מוטער און זוהן. פונדעסטוועגען ביי די קאניאגמוטען, טינעהס און טשיפעגאס, פארען זיך זעהר פיל עלטערן מיט קינדער פונקט אזוי גוט ווי שוועסטער מיט ברידער. אויך ביי א גרויסער צאל אנדערע פעלקער איז וועניגסטענס ערלויבט דאס חתונה האבען צווישען שוועסטער און ברידער. בכלל אבער רופט דאס מיינסטענס ארויס א טיפען עקעל. די ווערדאס בעטראכטען די הייראט צווישען אז עלטערען ברודער און זיין יונגער שוועסטער פאר זעהר נארמאל, בעת, פערקערט, די הייראט צווישען א יונגערען ברודער און אז עלטערער שעוועסטער, אדער צווישען א פלימעניק מיט זיין טאנטע,

און אינדיאַנער ווערען ליכטיגער אין די צפון־לענדער. דאַ, אין דעם פּרט פון קאָליר, ווירקט אָהן שום ספק די אינדיווידועלע און די בירושה׳דיגע ענגראַפּיע, א פאַקט וועלכער שטעלט זיך ארויס א דאַנק די פאַרשונגען פון דר. קאַממערער אין דעם אנשטאַלט פאַר ביאָלאָ־גישע עקספּערימענטען אין וויען.

## 9. ענליכקייט-געזעץ-באַסטאַרדען.

פּונקט ווי פון א סם ווערט יעדער מין אינסטינקטיוו אָבגע־שטויסען פון פּאָרען־זיך מיט א פרעמדען מין. נאַטירליכע באַסטאַרדען זענען דעריבער א זעלטענקייט און בלויז ביי פלאַנצען און הויז־חיות טרעפט מען זיי אביסעל אָפטער. די פרוכטבארקייט ביי באַסטאַרדען, אויב זיי האָבען א פערקער צווישען זיך, ווערט כמעט תמיד קלענער. עס איז דעריבער בעגרייפליך, פאַרוואָס דער אינסטינקט צו אַזוינע פרוכטלאָזע פּאָרונגען האַלט כסדר אין אבשטאַרבען.

אין זיין ווערק „די מנעמע“ דערקלערט ר. סעמאָן אויף א מער־ווירדיג קלאָרען אופן די אונפרוכטבארקייט פון די באַסטאַרדען, דורך דער פערוויקלונג און פלאָנטער, וועלכע א צו גרויסע צאָל ניט־גלייכע בירושה׳דיגע ענגראַמען פערורזאַכען אין דער האָמאָפאָניע פון דער אינ־דיווידועלער מנעמע. אבער ביי א קלענערער פערשידענקייט פון די עלטערן, קאָן די האָמאָפאָניע נאָך גוט בעפעסטיגט ווערען און דעמאָלט האָבען די דיפערענצען, אדרבה, א זעהר גוטע ווירקונג אויף דער ענט־וויקלונג פון דעם צווייטען דור.

די מאָראַלישע בעגריפען זענען געבויט אויף די אינסטינקטען און דאָס דערקלערט פאַרוואָס מען בעטראַכט די סאָראָמיע (די פאָרונג מיט חיות) פאַר א שרעקליך פערברעכען. מיינסטענס קומט דאָס פאָר ווען איין געשלעכט ווערט פולשטענדיג אבגעזונדערט פון צווייטען גע־שלעכט אָדער ווען עס איז א פּאַטהאָלאָגישע פערווערזיע. אבער אויך צווישען פערשידענע ראַסען, ביי חיות אזוי גוט ווי ביי מענשען, איז פאַראַן א געוויסער ווידערווילען צום געשלעכטליכען פערקער, צום בייי־שפּיל, צווישען פערשידענע ראַסען שאָף און פערד, צווישען ווייסע און נעגערס אָדער אינדיאַנער א. אז. וו. פונדעסטוועגען זענען פאַ־אַן

בסך הכל זענען אלזא פאראן בלויז עטליכע אלגעמיינע סמנים פון דעם סעקסועלען פארצוג: די דאזיגע זענען דער אידעאלער ראסען־טיפ און די געזונדקייט פוןביידע געשלעכטער; פול־ענטוויקעלטקייט און גראציע ביי דער פרוי, און קראפט און געשיקטקייט ביי דעם מאן. דאס איבעריגע איז רעלאטיוו און פערענדערליך און הענגט אב פון דעם שטאנדפונקט פון דער ארומיגער סביבה, פון די מנהגים, ראסען, אינ־דיווידועלען געשמאק א. אז. וו. ווערליג נאך דעם ווערען טאטואירונ־גען, געוויסע פארמען פון דער בארד און פריזורען, ענדערונגען פון דער נאז, דעם שארבען, די פיס א. אז. וו. געשאצט פון דעם עסטעטישען בליק פון דער סביבה. געוועגליך ווערען דערביי פערגעטערט די ראסען־אייגענטימליכקייטען. דער ווייסער אייראפעער פערגלייכט דעם בוזעם פון זיין שעהנער פרוי מיט שנעע און דער טונקעל־געלער מאלאיער פערגלייכט איהם מיט גאלד. אין קאראמאנדעל מאלען די איינגעבוירע־נע זייערע געטער און קינדער שווארץ, בעת דעם טייפעל מאלען זיי ווייס.

דאס שייכות צווישען דער סעקסועלער ליבע און דער שעהנקייט איז ניט געבויט אויף עסטעטישע געפיהלען, מחמת דאס לעצטע איז ניט אייגעננוציג, בעת די סעקסועלע ליבע, אלס אן אורשפרינגליכער אינסטינקט, איז אייגענגוציג. דאס שייכות האט זיך גיכער אוועקגע־שטעלט אויף דער אינסטינקטיווער פאדערונג פון געזונדקייט נעבען דער געשלעכטליכער ליבע, הגם, ווי מיר האבען געזעהען, האבען די מנהגים און געוואוינהייטען געטריבען צו געוויסע פערקרימונגען. אינס־טינקטיוו ווערט דער אידעאלער ראסען־טיפ דעריבער געזוכט, מחמת דאס צו ווייטע ארויסווייכען פון דעם דאזיגען וועג איז מעהר אדער ווייניגער פאטהאלאגיש, און דעריבער ווערט מען דורך דער סעקסועלער צוכטוואהל אינסטינקטיוו צוריקגעשטויסען.

ביי ווילדע פעלקער הערשט אויך די מאכט פון דער מאדע. די מא־דע איז אבער ביי זיי ווייניגער פערענדערליך איידער ביי אונז און דער איבערבייט פון זייער געשמאק פאר שעהנקייט בעוועגט זיך אין די ענגע גרעניצען פון זייערע מנהגים.

דאס קלימאט האט נאטירליך א געוואלדיגע ווירקונג אויף דעם ראסען־טיפ און בכלל פאסען זיך די ראסען צו צום קלימאט. אזוי ווע־רען די אייראפעער טונקלער אין די טראפישע לענדער, און די נעגער

זעלביגען פאקט זעהען מיר ביי אונז: א מיידעל מיט א פיינער בילדונג וויל ניט חתונה האבען מיט א פראָסטאַק, אבער א נעבילדעטער מאַן האַט זעהר אָפט חתונה מיט א ניט־געבילדעט און פראָסט מיידעל.

בעזונדערס ביי ווילדע ציהט פאַר די פרוי דעם שטארקסטען, גע־שיקטסטען, פייערדיגסטען און געוואגטסטען מאַן. די „העלדען" האַ־בען אייביג געלעבט אין דער נשמה פון דער פרוי, און דער זיגער איז איהר אידעאל. דאַס אידעאל פון געוויסע ווילדע פרויען אין באָרנעאָ איז א מאַן, וועלכער האַט בעזיגט אסך פיינד און פערמאָגט זייערע קעפּ. דער דאַזיגער פּסיכאָלאָגישער שטריך איז לטובה דער נאַטיר־ליכער צוכטוואהל, מחמת דורך דעם געווינען די פרויען בעסערע בע־שיצער און שטארקערע קינדער.

פון דער אנדערער זייט ציהט עס דעם מאַן צו א געזונדער, גוט ענטוויקעלטער און יונגער פרוי. אויף דעם דאַזיגען יסוד האַט די גרי־כישע קונסט בעשאַפען עראָס און אפראָדיטע און האַט די לעצטע גע־מאכט פאר דער געטין פון ליבע און שעהנקייט.

דער בעגריף פון שעהנקייט. — דער בעגריף פון שעהנקייט איז א זעהר רעלאַטיווער. די אויסטראַליער לאַכען פון אונזערע לאַנגע נעז און די קאַבין־כינעזער פון אונזערע רויטע באַקען; די ערשטע פערגלייכען אונזער נאַז צו דער נאַז פון א הונט און אונזערע רויטע באַ־קען פערגלייכען די לעצטע צו קאַרטאָפּעל־בלומען. ביי א געוויס ווילד פאָלק שנירען זיך די פרויען אונטער די קניען, בכדי זייערע פיס זאָלען ווערען געשוואָלען; דאַס איז זייער בעגריף פון שעהנקייט. די כינע־זער בעוואונדערען די צוקריפּעלטע פיס און די הויכע באַקען־ביינער פון זייערע פרויען. ביי איטליך פאָלק פאַלט צונויף דער בעגריף פון שעהנקייט מיט דעם אידעאַלען טיפּ פון דער ראַסע בנוגע צו ביידע גע־שלעכטער. בכלל ווערט ביים מאַן געפעלען די מוסקולען, בעת ביי דער פרוי געפעלט די פולקייט פון קערפּער. דערפאר זענען שטארק ענטוויי־קעלטע, פעטע פרויען אמליבסטען ביי די מענער. די האָטענטאָטען זע־נען פערליבט אין די אונגלויבליכע הענגבריסט פון זייערע פרויען, וועל־כע זיי קאָנען אריבערוואַרפען איבער זייער רוקען און אנזויגען זייערע קינדער פון הינטען; זיי האבען אויך ליב זייערע קינסטליך פערלענ־גערטע שאַמליפּען.

שטאפעל נאך עד־היות א געזעץ, לויט וועלכען אפילו דערוואקסענע מענער און מיידלעך, אפטמאל אפילו ביז נאך זייער דרייסיגסטען יאהר, טארען פארמעל ניט חתונה האבען אהן דער צושטימונג פון זייער פאטער.

אויף אזא אופן זעהען מיר, אז אין דעם פרט פון וואהלפרייהייט אין שדוכים, שטעהען די גאנץ ווילדע פרימיטיווע פעלקער אמנאהענס־טען צו אונזערע מאדערנע בעגריפען און זענען אמפרייעסטען. צווישען זיי און זאונז ליגט א יאהרטויזענד אלטער בארבארישער טעות — די הייראט דורך קויף און די פאטריארכאלישע אוטאקראטיע אלס א צווי־שען־שטאפעל. פערבלאנדזונגען פון דעם מין אין א צווישען־שטאפעל פון דער ציוויליזאציע, האבען עקזיסטירט און עקזיסטירען נאך איצט. איך וויל דא בלויז דערמאנען די טארטור (פייניגונג), די שקלאפעריי און דער היינט נאך בליהענדיגער מנהג פון דעם אלגעמיינעם געברויך פון נארקאטישע מיטלען, בעזונדערס דער געברויך פון אלקאהאל.

## 8. געשלעכטליכע צוכטוואהל.

אונטער געשלעכטליכער צוכטוואהל מיינען מיר די געשלעכטליכע פעריייניגונג דורך א געגענזייטיגער אויסוואהל צווישען די בעסטע טי־פען פוןביידע געשלעכטער. ביי רוקענביינינגע חיות וועהלט בכלל א סך מעהר די זי איידער דער ער. דער ער איז א סך מעהר געניינט זיך צו פארען מיט איטליכער זי, איידער די זי מיט איטליכען ער. מיר קאנען מיט זיכערקייט אננעהמען, אז אזוי איז אויך געווען ביים פרימיטי־ווען מענש, בפרט נאך ווען עס האט עקזיסטירט א פארונגס־צייט, מחמת דעמאלט איז דער געשלעכטס־טריב שטורימדיגער. אפילו נאך היינט זענען אונזערע פרויען דורכשניטליך מעהר וועהלעריש און שטרענגער איידער די מענער. שוין ביי דער היבעידאציע (געמישטע צוזאמענפא־רונג) איבערטרעט געוועגליך דער ער דעם אינסטינקט פון זיין מין. שקלאפינען אנטלויפען אפט פון זייערע פרייע מענער, אבער קיינמאל אנטלויפען ניט שקלאפען פון זייערע פרייע פרויען. איבעראל ביי וויל־דע פעלקער איז די פרוי מעהר וועהלעריש. ביי א געמישט פארפאלק איז כמעט תמיד דער פאטער פון א העכערער ראסע, און ניט פער־קערט. זעהר זעלטען האט א ווייסע פרוי חתונה מיט א נעגער. דעמ־

און קיין ארבייט. אין דעם אייגענטליכען זין פון דעם וואָרט, האָט איט־ליכס אינדיווידיום גופא געקעמפט און פערדינט זיין לעבען. און דער פאָטער האָט דעריבער געהאט ניט מעהר אורזאך אדער מעגליכקייט צו פערקויפען זיינע טעכטער פאר שקלאפען, איידער עס האָבען היינט אן אָראנג־אוטאן אדער א גאָרילא־פאָטער צו פערקויפען זייערע טעכטער. מען דארף אבער די הייראט דורך רויב, די הייראט וואָס ווערט ארויפ־געצוואונגען אויף פרויען וועלכע מען האָט געפאנגען בעת מלחמות, ניט פערבייטען מיט דער הייראט ווען די פרוי אנטלויפט און האָט פריי־וויליג חתונה.

ביי ווילדע זענען די אינגלעך אויך דאָס אייגענטום פון פאָטער, און ער האָט דאָס רעכט זיי צו פערקויפען אדער אפילו טויטען. זייער פרייהייט הויבט זיך אן ווען זיי ווערען רייף און מענליך; דעמאָלט האָבען זיי דאָס רעכט צו הייראטען ווי אזוי זיי ווילען. די עלטערן קאָנען זיי אין דעם גארניט צווינגען. פונדעסטוועגען זענען פאראן א סך פאַטריארכאַלישע פעלקער (געוויסע אינדיאנער, אזיאַטען), ביי וועלכע דער פאָטער האָט אן אונגעהייערע מאכט; וואָס עלטער ער איז, אלץ מעהר ווערט ער פערערט און אלץ אונבעגרעניצטער איז זיין הערשונג. אלע קינדער און קינדס־קינדער מיט זייערע פרויען און זייע־רע קינדער עסען ביי זיין טיש; קיינער פון זיין אבשטאַמונג טאָר ניט חתונה האָבען אהן זיין צושטימונג א. אז. וו. די פאָלגען פון פאַטריאר־כיזם זענען זעהר טרויריגע און זעהר אונמאראַלישע. דער פאַטריארך מיסברויכט זיין מאכט, — ער גיט זיינע אלטע ווייבער צו די קינדער און נעהמט פון זיי צו די יונגע. דאָס ריינסטע און אונשולדינסטע יאַ־פאַנעזישע מיידעל מוז אויף איהר פאָטער'ס בעפעל באלד ארייַן אין א באָרדעל און זיך אויף אייביג פּראַסטיטואירען. דער פאַטריארך האָט די מאכט איבער דעם לעבען און טויט פון זיינע קינדער פון ביידע געשלעכטער און פון דעם האָט זיך ענטוויקעלט דער גלויבען אין דער הייליגקייט פון די אבות. היינטצוטאָג זעהען מיר אזא מין מאראַלישע געפאַלענקייט אין רוסלאנד צווישען די פּויערים, וואו עס איז א גאַנץ געוועהנליכע פאַסירונג, אז דער פאָטער זאָל מיסברויכען די פרויען פון זיינע זיהן. אַט אויף דעם אופן פירט דער פאַטריארכיזם צו דער ערגס־טער טיראַניי פון דעם ראש־המשפחה, וועלכער ווערט פערערט ווי א גאָט. אויף דעם שטאַטען פון פאַטריארכיזם האַלט זיך ביז א הויכען

קנס׳ט ביים געבוירען־ווערען. ביי די בושמענער, אשאנטים א. אז. וו., ווערט אפילו פון פארוים נאך אין דער מוטער׳ס לייב פער׳קנס׳ט דאס מיידעל, אויב א מיידעל ווערט געבוירען. מייגסטענס איז עס די משפחה פון דער מוטער׳ס צד וועלכע בעשליסט צוזאמען מיט דער מוטער מכח דעם שדוך.

אבער זעהר אפט פאדערט מען די צושטימונג פון דער פרוי; אדער די הייראט ווערט ערשט גילטיג נאך דער געבורט פון דעם ערשטען קינד, אויף דעם בעדינג אז די פרוי וועט זיין איינשטימיג, און ניט שטערען. צווישען די אינדיאנער אין אמעריקא קומט פאר זעהר אפט דאס לעצטע; דעמאלט אנטלויפט דאס ווייב מיט איהר געליבטען און מיידט אויס איהר ארויפגעצוואונגענעם מאן. אויף דעם אופן איז דאס אנטלויפען ביי געוויסע פעלקער שטאפעלווייז אנערקענט געווא־רען אלס אן אינסטיטוציע. ווען איך האב אין 1891 געררייזט אין בול־גאריען, האט מיר מיין בולגארישער בעגלייטער דערצעלט, אז אפילו נאך אין יענער צייט קויפט דער בולגארישער בויער זיין כלה פון איהר פאטער פאר ארום 200 ביז 300 פראנקען! טאמער אבער פערלאנגט דער פאטער צופיל פאר זיין טאכטער, ווערט זי פשוט אוועקגערויבט. נאכדעם האט מען חתונה, און דער פאטער קריגט גארניט. ביי א טייל פעלקער האט די פרוי א רעכט צו וועהלען צווישען א סך מענער און די ריינע ליבע איז א געזעץ; ביי זיי האבען די עלטערן ניט קיין דעה און קאנען גארניט טון. אזוי איז דער מנהג ביי די מינאהאסער פון צע־לעבעס. אבער דער חתן מוז געבען נדן. ענליכע מנהגים זענען אויך פא־ראן ביי אנדערע פעלקער.

בסך הכל קומט וועסטערמארק צום שלוס, אז אין דער פרימיטי־ווער צייט פון דער מענשהייט, האט די פרוי געהאט א סך א פרייערע וואהל איידער שפעטער. די הייראט דורך קויפען האט זיך ערשט שפע־טער ענטוויקעלט אלס א צווישען־שטאפעל. דעמאלט ווען די ערשטע קולטור־מענשען, ווערענדיג אליץ מעהר קאמפליצירט, זענען דערגאנ־גען דעם ווערט פון דער פרוי׳ס ארבייטס־פעהיגקייט, האבען די פא־טערס אנגעהויבען צו פערקויפען זייערע טעכטער. אויף דעמזעלביגען חשבון פערקויפען די היינטיגע ווילדע פעלקער זייערע פרויען צו דער פראסטיטוציע פון די ווייסע פעלקער. אבער אין דער פרימיטיווער צייט, בעת עס האבען ניט עקזיסטירט קיין ציוויליזאציע, קיין געלד

קען זייער פנים א. אז. וו. און געוויסע ווילדע שבטים שעמען זיך אפילו צו ווייזען די שפּיצען פון זייערע פינגער.

געוויסע מנהגים, ווי דאָס מל זיין ביי אידען, פאָלינעזער, אויס־טראַליער א. אז. וו.; די קינסטליכע פערלענגערונג פון די שאַמליפּען ביי די פרויען פון די האָטענטאָטען, מאַלאיער און די אינדיאַנער פון נאָרד אַמעריקא, האָבען זיך, לויט וועסטערמאַרק, אָנגעהויבען אלס אַ מיטעל צו רייצען דאָס צווייטע געשלעכט, אויפצואוועקען דעם גע־שלעכטס־טריב אָדער צו האָבען אַן ענדערונג, כדי דאָס דאָזיגע גע־פיהל צו בעפרידיגען. ערשט שפּעטער זענען זיי דורך מנהג און געוואוינ־הייט געוואָרען הייליג, און זענען טיילוויז אריבער אין די רעליגיעס. ביי די אידען, זייענדיג אַ פּראַקטיש פאָלק, קאָן זיין האָט אויך דער היגיענישער ווערט פון מל־זיין מיטגעווירקט צו מאַכען פון דעם מנהג אַ רעלייגעזען דין.

בקצור, יעדע אָבקערונג פון אַן אלטען און טיפען מנהג רופט ארויס דאָס געפיהל פון בושה, ניט בלויז אין שייכות צום געשלעכט־ליכען פערקער, נאָר אויך אין אנדערע פירונגען. די מיינסטע קינדער שעמען זיך אויפצופירען אנדערש איידער זייערע חברים אָדער שוועס־טער און ברידער. אלע געפיהלען פון בושה און זיטליכקייט האָבען אַ קאָנווענציאָנעלען יסוד. ווילדע פרויען האָבען ארויסגעפּלאַצט מיט אַ הארציג געלעכטער, בעת ליווינגסטאָן'ס נאַקעטע בעגלייטער האָבען זיך איבערגעדרעהט מיט'ן רוקען אויס בושה. אלזאָ, די אורזאַך פון דעם געפיהל פון בושה איז נאָר די ניט־צוגעוואוינטע איבערטרעטונג פון וועלכען ניט איז אלטען מנהג, און די ניט־געוואוינטע אָדער אונ־קאָנווענציאָנעלע אויפפירונגען פון איין געשלעכט (בעזונדערס פון די פרויען) רעגט אויף אין די מיינסטע פאַלען אַט טאַקע און דווקא דער־פאַר דעם געשלעכטס־בעגער פון צווייטען צד.

## 7. דאָס רעכט צו וועהלען.

ביי די ווילדע האָט זעהר אָפט די פרוי ניט דאָס רעכט צו זאָגען אַ דעה אין איהר שדוך. אבער זעהט אָפט האָט זי עס יאָ. דאָס ערש־טע איז ניט קיין וואונדער דאָרט וואו די פרוי ווערט בעטראַכט אלס סחורה צום פערקויפען. ביי די עסקימאָס ווערט איטליכס מיידעל פער־

ניגער די געשלעכטליכע לײדענשאפט, אײדער די געזעלשאפט מיט גאנץ־ און בעזונדערס האלב־בעקלײדטע פרויען פון אונזערע עלעגאנטע סאלאנען. ריר זאגט אפילו: „קײן זאך איז ניט אזוי מאראליש און טויג אזוי װעניג צו רײצען די לײדענשאפטען, אײדער די נאקעטקײט.“ עס פערשטעהט זיך, אז דאס איז בלויז אמת דעמאלט, װען די נאקעטקײט איז געװארען א צוגעװאױנטער מנהג. פרומע מענשען האבען געװאלט אין׳ם װילדען בעשאפען א געפיהל פון בושה איהם אנטועענדיג מלבושים, אבער דער פועל יוצא איז געװען פונקט א פערקערטער. װילדע פרויען האבען זיך געשעמט און בעטראכט פאר א שאנד צו בעדעקען זײערע געשלעכטס־טײלען. דער נאטוראליסט װאללעיס, האט אין א נאקעטען שבט געטראפען א מײדעל װאס האט פערמאגט א קלײדעל, אבער װעלכער האט זיך אזוי געשעמט עס אנצוטון, װי א שטײגער בײ אונז שעמט זיך א פרוי אויסצוטון פאר פרעמדע מענשען.

די נאקעטקײט האט ערשט דעמאלט אנגעהויבען רײצען געשלעכטליך, װען דער מענש האט זיך צוגעװאױנט צו טראגען מלבושים. דאס שעם־געפיהל, װעלכעס איז ארויסגעװאקסען פון דעם מנהג צו טראגען מלבושים, װערט אויף דעם אופן קינסטליך ענטװיקעלט, און װערט אלעמאל שטארקער בײ עלטערע פרויען. בײ די לעצטע איז די אורזאך פון דעם דאזיגען שעמען־זיך ניט בלויז דער משך פון דער געװאױנהײט, נאר אויך דאס כסדר׳דיגע פערשװינדען־װערען פון זײער שעהנקײט, און דעריבער גיבען זײ זיך די גרעסטע מיה דעם דאזיגען פאקט צו בעהאלטען. דערין ליגט אויך א טײל פון דעם אינסטינקטיװען עסטעטישען געפיהל בײ פרויען. אין ימים־טובים, ארגיעס און בײ פײערליכע טענץ בײ װילדע פעלקער, בעדעקען די פרויען זײערע געשלעכטס־טײלען מיט פערשידענע זאכען, בעזונדערס מיט שירצלעך, אלס א מיטעל מיט װעלכען די פרויען זוכען בכװן צו רײצען די מענער. דעריבער זענען בײ די װילדע די מענער מעהר, הגם זעהר װעניג, אנגעטון אײדער די פרויען, װעלכע זענען מײנסטענס פולשטענדיג נאקעט.

שפעטער, װען טראגען מלבושים איז געװארען אן אלגעמײנער מנהג, איז, פערקערט, די נאקעטקײט געװארען רײצבאר און איז בעטראכט געװארען אלס א שאנד. אט דערפאר שעמען זיך די כינעזישע פרויען אבצודעקען זײערע פיס, די מאהאמעדאנשע פרויען אבצודע־

שעהנערען. בכלל לעגען די ווילדע פרויען וועניגער וויכטיגקייט אויף זייער פערזענליכען אויסזעהען איידער אויף דעם אויסזעהען פון זייערע מענער, וועלכע פירען זיך אין דעם דאָזיגען פרט קודם כל וועדליג דעם געשמאק פון זייערע פרויען. די צירונגען פון די מענער בעשטעהען טיילוויז אויף פון זינעס-טראָפּעען (צייכענס פון זיג). ביי די ציוויליזירטע פעלקער, פערקערט, האָבען די מענער דורכשניטליך א סך א ברייטער פעלד צום וועהלען און א סך פרויען בלייבען פערזעסען. צוליב וואָס די לעצטע צירען זיך מעהר און זענען אויך מעהר פערטון אין דער קונסט פון פלירטען און געפעלען.

## דאָס שעמען-זיך מיט די געשלעכטס-אָרגאנען. נאַקעטקייט.

— פון וואַנען קומט צום מענש דאָס שעמען-זיך מיט זיינע געשלעכטס-אָרגאנען ? ביי די חיות מערקען מיר ניט אזא מין געפיהל. דער פסיכאָלאָג וואונדט דענקט, אז נאָר דער מענש האָט אייביג געהאט א געפיהל פון בושה. דאָס איז אבער פאלש. א סך פעלקער ווייזען ניט קיין סמן פון דעם, און טיילמאָל בעדעקען זיי אלע איבעריגע טיילען פון זייער קערפּער, א חוץ די געשלעכטס-אָרגאנען. ביי א טייל געהען נאַקעט די מענער, בעת ביי אנדערע געהען נאַקעט די פרויען — וועדליג דעם מנהג. פון אָנפאנג זענען געטראָגען געוואָרען קליידער, אָדער אלס א צירונג, אָדער אלס שיצונג פון קעלט. ביי די מאַסאַיער איז די גרעסטע בושה צו בעדעקען זייער פּענים ; אדרבה, ביי זיי איז אַן אָנשמענדיגע מידה איהם צו ווייזען. אויך די גארטלען און אנדערע ענליכע קליידונגס-שטיק פון די ווילדע פרויען זענען צירונגס- און רייצונגס-מיטלען, און האָבען גארניט צו טון מיט דעם שעם-געפיהל. אין א געזעלשאַפט, וואו איטליכער געהט נאַקעט, איז די נאַקעטקייט זעלבסטפערשטענדליך און נאַטירליך, און איז ניט קיין בושה, און ווירקט אויך ניט עראָטיש. דער מנהג צו צירען די געשלעכטס-טיילען, איז דעמאָלט א מעכטיג אָנציהונגס-מיטעל, אי ביי מענער און אי ביי פרויען. די דורכזיכטיגע קורצינקע קליידלעך ביי א באַלעט-טענצערין זענען באמת א סך אונאָנשטענדיגער איידער די נאַקעטקייט פון די ווילדע פרויען. א בערימטער נאַטורפאָרשער האָט געזאָגט, אז די פּערשלייערטקייט רייצט מעהר איידער די נאַקעטקייט. מיט רעכט בעמערקט סנאָו, אז דער ארומגאנג מיט נאַקעטע ווילדע רעגט אויף וועי-

הפחות די פרוי דאס רעכט צוריקצואווייזן א הייראטס־פארשלאג, הגב אורחא דערמאנען מיר דא דאס קאפיטעל 4, דער פלירט.

## 6. אנציהונגס־מיטלען.

דאס פערשעהנערען־זיך איןביידע געשלעכטער. — די אייטעלקייט איז אור־מענשליך. אפילו די ווילדסטע און רויהסטע פעלקער שמיקען און צירען זיך. די אנציהונגס־מיטלען פון ביידע געשלעכטער זענען די טאטואירונג, ליפען־, נאז־, אויערען־, ארעם־ און פוס־רינגען, פארבען א. אז. וו. א סענטאל־פרוי קאן טראגען אויף איהר לייב ארום דרייסיג פונט צירונג. די אייטעלקייט פירט צו די אונגלויבליכסטע איבערטרייבונגען, א שטייגער, דאס אויסשלאגען פון ציין כדי זיך צו פערשעהנערען. א טייל פון אט אזא מין אונזין איז אפטמאל פערקניפט מיט רעליגיעזע פארשטעלונגען, הגם מיט ניט וויכטיגע און ניט ממשות'דיגע. דער אמת'ער אורשפרונג איז דער סעקסועלער וואונש צו געפעלען, וועלכער איז פערבונדען מיט דער אייטעלקייט. אויך די מלבושים פון די ווילדע ראסען, לכל הפחות אין די ווארימע לענדער, האבען זייער ווארצעל נאר אין דעם וואונש זיך צו פוצען און צו געפעלען. די רעליגיעזע מנהגים וואס זענען מיט זיי פערבונדען, זענען אין קיין פאל ניט פרימיטיוו. זיי זענען בלויז ארויסגעוואקסען פון דעם געשלעכטס־טריב און פון דער אייטעלקייט, און שפעטער ערשט, נאכדעם ווי זיי האבען זיך טיף איינגעבירגערט אין פאלק, זענען זיי געווארען ארומגעוועבט מיט א מיסטיציזם און זענען געווארען א טייל פון דער רעליגיע.

די טאטואירונגען זענען בשום אופן ניט אלעמאל מאוס, אדרבה, טיילמאל האבען זיי קינסטלערישע ליניעס. ביי די ווילדע זענען די מענער בכלל מעהר קאקעטיש, און האבען א שטארקערע נייגונג זיך צו צירען און פוצען איידער די פרויען. אבער דאס האט גארניט צו טון מיט דעם נידעריגערען שטאנד פון דער פרוי, מחמת די פרייערע און מעהר אונאבהענגיגע פרויען צווישען זיי זענען אפטמאל א סך וועניגער טאטואירט און בעפארבט, איידער יענע וועלכע ווערען בעהאנדעלט ווי שקלאפען; ניין, די זאך דערקלערט זיך דערמיט, וואס ביי די ווילדע איז די ריזיקע צו בלייבען ניט פערהייראט בלויז נוגע די מענער, צוליב וואס זיי פערווענדען מעהר מיה זיך צו צירען און פער־

פון מיטגלידער פון איין פאמיליע. אויסגעשלאָסען פון דעם פאמיליען־קרייז, נעהמט דער סעקסועלער פערקער בכלל אויף זיך ארויף דעם שטעמפעל פון אונריינקייט, וועלכע בערירט די בעשיידענקייט און די צניעות, און דורך אידעען־פערבינדונגען ווערט דער דאָזיגער שטעמפעל אויך אריבערגעטראָגען אויף דער לעגאַלער הייראט מחוץ דער פאמיליע. די דערמאָנטע פארשטעלונג מכח דער אונריינקייט פון דעם געשלעכטליכען פערקער איז באיין אופן ניט קיין כלל. איך קאָן דאָ ניט פערביילאָזען וועסטערמארק'ס א דערקלערונג. בעזונדערס די איי־פערזוכט און שפעטער די קליידער זענען געווען די אורזאך, אז דער מענשליכער געשלעכטס־פערקער זאָל ניט צושטאַנדקומען עפענטליך, נאָר אין געהיים, אונטער פיר אויגען. אבער דורך אידעען־פערבינדונגען ווערט אלעס וואָס קומט פאָר אין געהיים, לייכט בעטראכט פאר אונריין אָדער זינדיג. מיר שיינט, אז דאָס איז די נאַטירליכסטע דערקלערונג.

די שטרעבונג צו געפעלען. — זייענדיג דער אקטיווער טייל איז עס נאַטירליכערווייז דער זכר, אויך ביים מענש, וואָס מאכט דעם ערשטען אויפטריט צו געווינען די זי. פונדעסטוועגען זענען פאראן גע־זויסע פעלקער (פאראַגווויי, מאַקווים, גאַראַם), ביי וועלכע די פרוי מאכט דעם ערשטען אנבאָט. די קאמפען צווישען די ערם ביי חיות, בכדי צו געווינען די זי (הירשען, העהנער א. אז. וו.) זענען איטליכען בעקענט. אויך ביי געוויסע אינדיאנער קומען פאָר רינג־קאמפען, נאך וועלכע דער בעזיגטער מוז איבערגעבען זיין פרוי צום זיגער. צו דעם דאָזיגען מנהג געהערען אויך די וועט־קאמפען פון די אלטע גריכען. צ. ב. די שטרעבונג צו געווינען פענעלאָפּע. אין אירלאַנד האָט גע־הערשט דער אייגענער מנהג ביז צום לעצטען יאהרהונדערט. פון דער אנדערער זייט זעהען מיר ווילדע פעלקער, אפילו פויגלען, ביי וועלכע די פרוי וויל מיינסטענס געווינען ווערען ניט דורך קאמפען, נאָר דורך ביטעס און שדכנ'ען זיך. ביי געוויסע ווילדע, קעמפען די פרויען בכדי צו געווינען די מענער; דאך, ביי איהר איז די קאָקעטעריי, אין אלע איהרע גראַדען, אפילו אין די מילדע שאַטירונגען, דאָס געוועהנליכע מיטעל איז איהר שטרעבונג צו געפעלען.

ביי א סך, און אפשר טאקע ביי די מיינסטע פעלקער, האָט לכל

אז העכערע און אידעאלערע פאדערונגען פון דער הייראט מאכען זי אלץ שווערער און ניט דורכפירבארער. אויף א פארזיכטיגען אופן לאזט וועסטערמארק די פראגע ניט פערענטפערט, די פראגע, אויב אין דער צוקונפט וועט די הייראט זיך ווייטער און ווייטער פערקלענערען.

**די פערגעטערונג פון בתילות, די הייליגקייט פון ניט פער־הייראטע.** — ביי א סך ווילדע פעלקער הערשט דער זונדערבארער בעגריף, אז אין די געשלעכטליכע בעציהונגען איז פאראן א געוויסע מאס אונרייניגליכקייט, צוליב וואס מען האט אויף זיי ארויסגעווארפען א שלייער פון בושה. פון אט אזוינע בעגריפען נעחמט זיך דער ניט־פערהייראטער שטאנד ביי א סך רעליגיעס. א סך פעלקער האבען פערגעטערט בתולות, צוםביישפיעל, די וועסטאלינען פון די רוימער. בודהא׳ס מוטער איז הייליג און ריין, מחמת בודהא איז בעשאפען גע־ווארען איבערנאטירליך. א בודהיסטישער מאנאך טאר ניט האבען קיין געשלעכטליכען פערקער, „אפילו ניט מיט קיין חיות". אין כינא איז פאראן א ניט־פערהייראטער גלחים־שטאנד.

אויך ביי די אידען, בעזונדערס ביי די עסייער, איז געווען איינגע־ווארצעלט דער בעגריף, אז די הייראט איז אונריין, און דאס האט אחן ספק געהאט א געוואלדיגען איינפלוס אויף דעם קריסטענטום. אט אזוי פראקלאמירט דער הייליגער פאול דעם ניט־פערהייראטען שטאנד הע־כער איידער די הייראט, און אזוי האט זיך ביי די קירכען־פאטערס ענטוויקעלט דער געדאנק, אז די אונטערדריקונג פון אלע ליידענשאפ־טען איז א הימלישע קארדינאל־טוגענד, און אז גאט האט געטראכט אין גן־עדן פארטצופלאנצען דעם מענשליכען מין אהן א געשלעכטלי־כען פערקער, ווען אדם וואלט ניט געזינדיגט. אזוינע מענשען וואל־טען געווען אונשטערבליך. די ערד איז פול מיט הייראט און דער הימעל מיט בתולה׳שאפט (ירמיה). אין די דאזיגע בעגריפען איז איינ־געווארצעלט דער ניט־פערהייראטער גלחים־שטאנד, וועלכער, הגב, איז לטובה דער מאכט פון דער קירך, מחמת דער גלח איז ניט פערנומען מיט קיינע פאמיליען־אינטערעסען.

וועסטמארק גלויבט, אז די דאזיגע אידעע פון אונרייניקייט וועל־כע ווערט פערבונדען מיט דעם סעקסועלען פערקער, שטאמט אודאי אב פון דעם אינסטינקטיווען אבשטויס געגען א געשלעכטליכען פערקער

טע פערדינסטען ביי די ציוויליזירטע פעלקער פערקלענערען אלץ מעהר און מעהר די צאָל חתונות. ביי ווילדע זענען פרויען און קינדער דער וויכטיגסטער קוואַל פון עשירות, מחמת זיי ארבייטען און האָבען קליי־נע בעדערפענישען. טיילווייז איז דאָס אויך אמת ביי אונזער בויערנ־פאָלק. ביים מיטעלקלאס פערקערט איז אי דאָס ווייב מיינסטענס אַ קוואַל פון הוצאות און אי די ערציהונג פון קינדער איז טייער. ווייטער ווערען ביים מאַן העכער די הייראטס־יאָהרען צוליב דער לענגערער צייט פאַר זיין גייסטיגער אָדער פראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג און צו־ליב דעם מיליטער־דינסט אין טייל לענדער, אזוי דאָס בעת דער גע־שלעכטס־טריב איז אממעכטיגסטען ווערט מען פשוט געצוואונגען צו זיין ניט פערהייראַט. וואָס העכער עס איז דער קולטור־שטאַפעל, אלץ העכער ווערען די הייראַטס־יאָהרען ביי ביידע געשלעכטער. אויך די פערפיינערטקייט און די פערפילפאכונג פון די פערגעניגענס פון אַ ראַפינירטער ציוויליזאציע, פערקלענערען דעם רייץ פון דעם פערהיי־ראטען לעבען.

צום סוף און אַ חוץ אלע זאכען, ווי די ניו־יאָרקער צייטשריפט „טהי נעישאָן" זאָגט מיט רעכט, ווערען אַ דאנק דער אינטעלעקטועלער קולטור געהעכערט די אידעאלע פרעטענציעס און וואונשען, אזוי דאָס געגענזייטיג זיך פאַסענדיגע פרויען און מענער בעגעגענען זיך אלץ זעל־טענער און זעלטענער. די אנשפרוכען און וואונשען פון די מענשען ווערען אלץ מעהר און מעהר קאָמפליצירט און זייער געגענזייטיגע צופאסונג ווערט דעריבער אלץ שווערער און שווערער. פונדעסטוועגען מוז איך דאָ ווידער דערמאָנען, אז אַ סך ראָמאַנען־שרייבער האָבען בלויז אן הנאה צו שילדערען פסיכאָפאטען מיט עקסטרעמע געפילען און תאוות, אלס נאָרמאלע טיפען, מחמת דער אמת נאָרמאלער מענש איז פאַר זיי צו פראָזאַיש און לאנגווייליג. אזוי ווי אונזער מאָדערנע געזעלשאפט שווימעלט און גריבעלט מיט פסיכאָפאַטען, איז פאַר די נאָוועליסטען קיין דוחק ניט אין מאָדעלען. עס איז אבער דאָך אַ גרוי־סער טעות אַט די דאָזיגע דעגענעראַטען כסדר אוועקצושטעלען אוי־בען־אָן. קולטור־מענשען מיט גרויסע פעהיגקייטען און מיט אַ ניט־קשה'דיג ענטוויקעלט גייסטיג גלייכגעוויכט פאסען זיך זעהר גוט צו צום פערהייראטען לעבען און ניט תמיד איז בעזונדערס שווער צו בע־פרידיגען זייערע וואונשען. פון דער אנדערער זייט איז אויך אמת,

## 5. הייראט און דאס ניט-פערהייראטע לעבען.

ביי חיות עקזיסטירט א פרייוויליגע סעקסועלע צוריקגעהאלטענ־קייט בלויז ביי געוויסע פויגלען, ביי וועלכע דער ער איז געשטארבען, ד. ה. ביי די זים, און אפילו דא איז עס א זעלטענקייט. ביי ווילדע מענשען האט חתונה כמעט איטליכער יחיד, און א פרוי קוקט אויף דעם ניט־פערהייראטען לעבען אדער אויף דער אלמנה'שאפט כמעט ווי אויף דעם טויט. ניט־פערהייראטע ווערען פעראכט פונקט ווי גנבים אדער מכשפים; א ניט־פערהייראטער מאן איז ביי ווילדע קיין מאן ניט. דעריבער האבען די ווילדע חתונה א סך יונגער איידער די ציוויליזירטע, טיילמאל אפילו, איידער עס איז נאך פאראן א מעגליכקייט פאר א בעפרוכטונג (אין גרענלאנד). ביי געוויסע אינדיאנער האבען מענער חתונה אפילו ביי ניין אדער צען יאהרען, בכלל אבער צווישען ניין און צוועלף יאהרען. די פערזעסענקייט ווערט אפילו ביי א טייל אין ערך שוין ציוויליזירטע פעלקער אזוי ווייט פעראכט, אז זיי מאכען אפילו חתונה די גייסטער פון די יונג און ניט־פערהייראט געשטארבע־נע קינדער. אפילו ביי די גריכען זענען די ניט־פערהייראטע געווארען בעשטראפט, און ביי די רוימער האבען זיי געמוזט צאלען הויכע שטייערן. איבעראל ביים מאראלישען אונטערגאנג פון די פעלקער זעהט מען, אז דער מנהג פון ניט הייראטען האט געהאט די אויבערהאנד. די אלטע גערמאנען האבען פערהעלטניסמעסיג אהן ספק שפעט חתונה געהאט, אבער חתונה געהאט האבען כמעט אלע.

געוויס איז אין דעם ניט־פערהייראט־זיין פון א סך ארימע מענער אי שולדיג דער הויכער קויף־פרייז פון די פרויען און אי די פאליגאמיע. פונדעסטוועגען איז די זאך מיינסטענס נאך ניט אזוי שלעכט, וואס ניט איטליכער ארבייטסזאם בחור'ל קאן בעשטעהען צו האבען א ווייב. יעדענפאלס איז דער ניט־פערהייראטער שטאנד געווען אמזעלטענסטען אין די גאנץ פריהע צייטען פון דער מענשהייט; הייגט רויבען די פראסטיטוציע און די פאליגאמיע ביי די ווילדע פעלקער זייערע ווייבער.

דער נרעסטער שאדען פאר דער הייראט איז די ציוויליזאציע, ברפט אין די גרויסע שטעדט וואו, וואס ווייטער, זענען די יאהרען וועז מען האט חתונה אלץ עלטער און עלטער. די ארימקייט און די שלעכ־

אויב אַ ווייב ווערט געליהען צו אַ גאַסט, איז דאָס ניט קיין סמן פון פּראַמיסקואיטעט, נאָר פון גאַסטפריינדליכקייט, און מען דאַרף עס בעטראַכטען אלס אַ געשאַנק, פּונקט ווי דאָס מאָלצייט מיט וועלכען מען איז מכבד דעם גאַסט. די דאָזיגע פעלקער פיהלען גאַנץ אַנדערש ווי מיר.

ביי שבטים האָבען שטענדיג די שטאַרקסטע (עלטערע) מענער גענומען די יונגסטע און שענסטע פרויען און האָבען זיך תמיד גע־היטען זיך ניט צו טיילען מיט די שוואַכערע.

פּונקט אזוי קינדיש איז די טענה, אז די פּרימיטיווע מענשען האָ־בען דערפאַר געמוזט לעבען אין פּראַמיסקואיטעט, מחמת ביי זיי האָ־בען געפעהלט אלע אינדיווידועלע בעציהונגען, מחמת זיי האָבען גע־האַנדעלט אינסטינקטיוו און זיי איז געווען פרעמד דער מאָדערנער בעגריף פון הייראַט. די מאָנאָגאַמישע אָראַנגס האָבען ניט קיין מאָ־דערנעם בעגריף פון הייראַט און האַנדלען זיכער אינסטינקטיווער איי־דער די פּרימיטיווע מענשען! כמעט אלע העכערע חיות און בפרט דער פּרימיטיווער מענש, האָבען געהאַט אינדיווידועלע בעציהונגען און זענען געווען אייפערזיכטיג.

דער בערימטער עטהנאָלאָג, מיין פריינד, פּראָפעסאָר אַ. שטאָלל, דערקלערט מיר, אז אין דעם פּרט פון דער פּראַמיסקואיטעטס־לעהרע איז ער פולשטענדיג איינפערשטאַנען מיט וועסטערמאַרק.

ווי מען קאָן זעהען, איז אין דעם דאָזיגען וכוח מיינסטענס פער־וויקעלט אַ קאַמף אין ווערטער, צוליב דעם, ווי מיר האָבען געזעהען, וואָס געוויסע פערהעלטניסען, בעזונדערס פרויען־וועקסעל, וועלכע וועסטערמאַרק בעטראַכט פאַר בעשטימטע פאָרמען פון הייראַט, בע־טראַכטען אנדערע פאַר פּראַמיסקואיטעט, און אויך צוליב דעם וואָס איך גופא גיב צו, אז אין אלע צייטען פון די מענשליכע ציוויליזאַציעס, האָט נעבען דער הייראַט עקזיסטירט פּראַמיסקואיטעט און פּראָסטיטוּ־ציע. איך האַלט אבער די פּראַמיסקואיטעט פאַר אַ שפּעטערדיגע ער־שיינונג פון דעגענעראַציע און ניט פאַר אַ פּרימיטיווען אור־צושטאַנד, מחמת אלע פאַקטען זענען עדות פאַר דער מיינונג און ניט פאַר דער היפּאָטהעזע פון אַן אורשפּרינגליכער פּראַמיסקואיטעט.

שטענדיג גערופען נאך דער מוטער. ווי מען זעהט, האנדעלט זיך דא מכח א זעהר קאמפליצירטען ענין.

ה. מעין ווייזט, אז די פראסטיטוציע און די פראמיסקואיטעט פירען צו אונפרוכטבארקייט און צום אונטערגאנג. ביי דער זעהר זעל־טענער און זעהר כאראקטעריסטישער פארם פון פאליאנדריע, צ. ב. אין טיבעט, האבען מיינסטענס עטליכע ברידער איין ווייב. אבער בכלל בייטען זיי זיך און נאר איינער איז אין דער היים. אין 15טען יאהרהונדערט האט אויף די קאנארישע אינזלען איטליכע פרוי גע־וואוינט מיט דריי מענער, אבער נאך דער רייה נאך, יעדען מאנאט מיט אן אנדערען, און יענער, וועמען עס איז אויסגעקומען מיט איהר צו וואוינען דעם קומענדיגען חודש, האט געמוזט זארגען און ארבייטען אי פאר איהר און אי פאר די צוויי אנדערע מענער. די פאליאנדריע איז אלעמאל ענטשטאנען צוליב מאנגעל אין פרויען און רופט ארויס א גרויל ביי די ווילדסטע פעלקער.

אבער דעם קלארסטען בעווייז געגען דער פראמיסקואיטעט גיט אונז די אייפערזוכט פון די מענער, וועלכע האט אייביג געהערשט און הערשט נאך ביז היינט. די פאליאגדריע איז נאר מעגליך ביי יענע פעלקער, וועלכע ווייסען ניט פון קיין אייפערזוכט. דארט, וואו זי הערשט קאן זיך א שטאם קיינמאל ניט ענטוויקלען; אדרבה, די עט־ליכע פעלקער וואס לעבען פאליאנדריש, ווערען קלענער און געהען אונטער. ביי ווילדע איז די אייפערזוכט בכלל אזוי געוואלדיג גרויזאם, אז א פרוי וואס ווערט געפינען שולדיג אין אונטרייקייט, קריגט טויט־שטראף צוזאמען מיט איהר פערפירער. אפטמאל ווערט איהר בלויז אבגעביסען די נאז און געגעבען אנדערע שטראפען. אין דער אייפער־זוכט ליגט דער ווארצעל פון דער פאדערונג פון אנשטענדיגקייט ביי דער כלה. מיט די דאזיגע געדאנקען פערבינדען זיך אפטמאל רעלי־גיעזע אידעען און פארשטעלונגען (עולם הבא), צוליב וואס פון אן אלמנה ווערט ניט זעלטען געפאדערט צניעות, דער טויט און אפילו אלערליי קוויילען און מאטערנישען. דאס חתונה־האבען פון אן אלמנה, אפילו דארט וואו דאס איז ערלויבט, ווערט בכלל בעטראכט פאר א פעהלער.

מען דארף ניט פערגעסען, אז ביי די מיינסטע ווילדע פעלקער ווערט דאס ווייב בעטראכט אלס אייגענטום פון איהר מאן; דעריבער,

שוי,ן וואָס ער אנערקענט צווישען זיי א קרובה׳שאפט, בעווייזט די אב־ סורדיטעט פון זיינע בעהויפּטונגען. אין די זעכציגער יאָהרען האָט באכאָפען אונגעוויזען, אז אין אלטערטום איז געווען איינגעפירט א מנהג א נאָמען צו געבען די קינדער נאָך דער מוטער׳ס צד, און עס איז זיכער, אז דאָס דאָזיגע סיסטעם האָט עקזיסטירט ביי זעהר א סך פעלקער, אפשר ביי א העלפט, בעת ביי די איבעריגע (טיילווייז ביי די זאמע רויהסטע) האָט מען די קינדער גערופען נאָך דעם פאטער׳ס צד. פון יענער אזוי־גערופענער מוטערשאפט (מאַטריאַרכיע) וויל אלזאָ מאַקלענאן ארויסדרינגען די פּראָמיסקואיטעט, אבער אזא שלוס איז אויך א טעות. די מוטערשאפט איז בעשיינפּערלעך, און קאָן דירעקט מיט׳ן אויג בעמערקט ווערען. דער בעוויז פאר דער פאטערשאפט, פערקערט, איז געבויט אויף ענטשיידונגען און שלוספאָלגען. עס שיינט אבער, אז די פעלקער האָבען „ענטדעקט“ דעם פאטער׳ס ראָלע אין דער שוואנגערשאפט. טייל איבערטרייבען זי, האלטען זי פאר איבער־ נאַטירליך א. אז. וו. דערפון נעהמט זיך אויך דער זונדערבארער מנהג ביי געוויסע פעלקער, לויט וועלכען דער פאָטער לעגט זיך אין בעט און פאסט בעת זיין פרוי ליגט אין קינפּעט. דאָס רופען די קינ־ דער נאָך דער מוטער׳ס צד דערקלערט זיך אבער וועדליג וועסטער־ מארק א סך פשוט׳ער און נאַטירליכער דורך די אינטימערע בעציהונ־ גען וואָס הערשען צווישען קינדער און מוטער. קינדער, בעזונדערס ווען זיי זענען נאָך יונג ציהען גיכער צו דער מוטער ווען זי שיידט זיך פון פאָטער. ספּעציעל שטעלט זיך די זאַך ארויס קלאָר ביי די קורץ דויערענדיגע הייראטען, מיט פרויענוועקסעל, און ביי פּאָליגאַ־ מיע; בעת ביי מאָנאָגאַמישע פעלקער הערשט די פּאַטריארכיע, אָדער דאָס געבען די קינדער נעמען נאָך דער פּאַטערליכער אבשטאַמונגס־ ליניע. דאָרט, וואו עס הערשט דער מנהג פון אָנקעל־הערשונג, און דאָרט וואו דאָס ווייב בלייבט ביי איהר פאמיליע ביז זי האָט א קינד. איז דאָס רופען פון די קינדער נאָך דער מוטערליכער אבשטאַמונגס־ ליניע, אויך זעהר נאַטירליך. אין יענע יאַפּאַנעזישע פאַמיליעס וועלכע האָבען בלויז טעכטער אליין, נעהמט אָן דער מאן פון דער עלטסטער טאָכטער איהר פאמיליען־נאָמען. ביי ווילדע האָט דער נאָמען א גע־ וואלדיגע וויכטיגקייט. דאָרט, וואו דער ראנג און דאָס פערמעגען גע־ הען איבער בירושה בלויז אין דער ווייבליכער ליניע, ווערען די קינדער

דער אנעידא־קאלאניע אין ניו יארק, אין וועלכער די מיטגלידער האַ־בען זיך פערפליכט צו א פרייען געשלעכטס־פערקער.

איידער דער רעפארמאציע איז אין סקאטלאנד געווען איינגע־פירט אן אייגענטימליכער מנהג, דאס אזוי־גערופענע „הענד־פעסטינג“ לויט וועלכען די יונגע מענער האבען געהאט א רעכט אויפ׳ן אפענעם מארק זיך אויסצוקליבען א ווייב פאר איין יאהר. אבער נאך דעם יאהר זענען ביידע צוריק געווען פריי און האבען געקאנט וועדליג זייער ווינש יא חתונה האבען אדער ניט.

פון דער אנדערער זייט דערמאנט לובבאק געוויסע מנהגים פון גריכענלאנד און אינדיען, די פערגעטערונג פון פאללוס, לויט וועלכע די יונגע מיידלעך האבען זיך געמוזט איבערגעבען צו אלע מענער. דא האנדעלט עס זיך אבער ניט מכח פרימיטיווע פעלקער, נאר אדרבה מכח דעם עראטיזם פון ציוויליזירטע פעלקער. א טייל ווילדע פעלקער לייהען אויס זייערע טעכטער אדער דינסטען צו זייערע געסט, אבער זעלטען זייערע פרויען. ביי זיי איז מיינסטענס געווען און איז אויך איצט איינגעפירט א „רעכט אויף די ערשטע נאכט“, אבער דאס איז גוגע בלויז הויפטלינגען, קעניגען אדער פריסטערס, א רעכט, וועלכעס האט זיי געגעבען די ערלויבניש צו האבען א געשלעכטליכען פערקער פריהער פאר דעם מאן מיט איטליכער כלה אין דער ערשטער נאכט נאך דער חתונה. אבער דאס דאזיגע רעכט, פונקט ווי די פריהערדיגע פריווילעגיעס פון די אייראפעישע אדעללייט און גוט־בעזיצער צו מיסברויכען זייערע לייבקנעכט אדער בויערען, זענען אלע בארבארישע מנהגים וועלכע זענען געבויט אויף דעם רעכט פון דעם שטארקערען איבער דעם שוואכערען. דאס איז אבער ניט פראמיסקואיטעט, ווי לובבאק וויל האבען.

קורטיזאנקעס און קעבס־ווייבער זענען געווען און זענען נאך איצט אויך געשאצט און געאכט אין א טייל לענדער; אבער אויך דאס איז ניט קיין פראמיסקואיטעט. מארגאן האט זיין פראמיסקואיטעט־לעהרע געדרונגען פון געוויסע שפראך־אויסדרוקען און ווערטער וועלכע געוויסע ווילדע בענוצען בכדי צו בעצייכענען קרובה׳שאפט. אבער דאס איז א פאלשער שלוס, אזוי גוט ווי נאך אנדערע, צו וועלכע מאר־גאן איז פערפירט געווארען צוליב געוויסע אונקלארקייטען איז דער שפראך פון די דאזיגע נאטור־פעלקער. דער פשוט׳ער פאקט אליין

ציוויליזאציע, אלץ גרעסער איז די צאל פון די אונגעזעצליכע געבור־טען און אלץ מעהר איז פערשפרייט די פראסטיטוציע. אין די איי־ראפעישע שטעדט זענען די צאלען פוןביידע כמעט צוויי מאל גרע־סער איידער אין די דערפער. אט די דאזיגע פאקטען, וואס זענען אי־בעראל קלאר ווי דער טאג, ווייזען ווי לעבערליך עס איז צו האלטען די פראמיסקואיטעט פאר א פרימיטיווע אינסטיטוציע. די פרימיטי־ווע זיטען און מנהגים זענען איבעראל געווען ריין און בעשיידען, און ערשט די ציוויליזאציע האט זיי פערדארבען. אין אייראפא געהט די פראסטיטוציע ארויף אויף אזויפיל, אויף וויפיל די הייראט געהט אראב און זינקט. אבער עס איז די הייראט, וועלכע איז דער נארמאלער און פרימיטיווער צושטאנד.

יעדענפאלס גיט דאך וועסטערמארק צו, ווי מיר האבען שוין אוי־בען געזאגט, אז ביי געוויסע פעלקער הערשט א גאנץ פרייער גע־שלעכטס־פערקער פאר אדער נאך דער חתונה. אבער ער מאכט אונז אויפמערקזאם דערויף, אז ביי יענע פעלקער איז טראצדעם שטענדיג פאראן אן ענטוויקעלטע געוואוינהייט פאר א פארזיכטיגען און זארג־פולען אויסוואהל, א דאנק וואס די פערבינדונגען ווערען רעלאטיוו דויערהאפט. ער דערמאנט למשל די טאונגהטאם פון אינדיען, ביי וועלכע דער געשלעכטס־פערקער איז פריי פאר דער חתונה, אבער וועלכער פירט כמעט תמיד צו א פערהייראט צוזאמענלעבען. דאס דאזיגע פאלק בעטראכט די פראסטיטוציע פאר א שאנד. מיר מוזען אבער דא וועסטערמארק'ן אין איין זאך סותר זיין, ווייל, אין זיך גופא איז די פראמיסקואיטעט נאך באין אופן דוקא ניט פראסטיטו־ציע, מחמת די לעצטע נעהמט אויך אין זיך אריין דעם בעגריף מכח דעם פערקויף פון דעם לייב, בעת ביי דער פראמיסקואיטעט איז די זאך ניט אזוי. אבער מיין איינווענדונג געגען דעם אנגענומענעם בע־שלוס פון א פרימיטיווער פראמיסקואיטעט ביי ווילדע פעלקער, שטעלט זיך אב דערויף, אז אזוי גיך ווי ביידע געשלעכטער זענען פריי, ווערט דער מאנאגאמישער אינסטינקט פון דער פרוי צוזאמען מיט דעם א י פ ע ר ז ו כ ט ס ־ ג ע פ י ה ל פ ו ן ב י י ד ע ג ע ש ל ע כ־ ט ע ר אלעמאל צוריק איינפיהרען די הייראט. אז אמת'ע פראמיסקו־איטעט קאן נאר אויפגעבויט ווערען מיט דער הילף פון א געוויסער גע־זעצליכער אבליגאציע, אן אבליגאציע ווי זי האט אמאל עקזיסטירט ביי

כבוד און ניט פון קיין אייפערזוכט. די ווילדע ווערדאס זענען מאָנאָ־ גאמיש. זייער שפרוך איז: נאר דער טויט קאן אברייסען דאס ווייב פון מאן.

עס עקזיסטירט בלויז איין אמת׳ע פולקומענע פארם פון פראָ־ מיסקואיטעט — די מאָדערנע פראָסטיטוציע פון די ציוויליזירטע פעלקער, וועלכע איז פון זיי ביסלעכווייז איינגעפירט געוואָרען ביי די אונטערדריקטע ווילדע פעלקער, צווינגענדיג זיי צו בעפרידיגען זייערע תאוות. א סך ווילדע, אדרבה, זענען זעהר שטרענג מאָנאָגאמיש, און איטליכען פערפירער, אזוי גוט ווי אלע אונגעזעצליך געבוירענע קינ־ דער צוזאמען מיט זייערע מוטערס, בעשטראפען זיי מיט׳ן טויט. ווי־ דער ביי אנדערע ווילדע הערשט א כמעט ניט־בעגרעניצטע געשלעכט־ ליכע פרייהייט פאר דער חתונה אדער נאך דער חתונה. מען קאן אין דעם פרט ניט אויפשטעלען קיין פעסטע כללים.

איין זאך מוזען מיר אבער אוועקשטעלען אלס א כלל און אלס אונצווייפעלהאפטען אמת: אז די געשעלכטליכע פערדארבענקייט ביי די ווילדע פעלקער איז באצם צו פערדאנקען דעם איינפלוס פון די צי־ וויליזירטע ווייסע, וועלכע האבען איינגעוואנדערט אין די ווילדע לענ־ דער און סיסטעמאטיש איינגעפלאנצט די פערדארבענקייט און די געזונקענקייט צווישען די איינגעבוירענע. די ווייסע קאָלאָניסטען זע־ נען עס, וואס נעהמען און פאסען צו זיך צו אויף דעם ברוטאלסטען אופן די פרויען פון די ווילדע; זיי זענען עס, וואס לערנען זיי אויס די ערגסטע פארמען פון פראָסטיטוציע; די ווייסע קאָלאָניסטען זענען עס, וואס בענוצען דעם אלקאָהאליזם אלס טרייבקראפט צו דער דאָזי־ גער געזונקענקייט, און וועלכער העלפט זיי צו אונטערגראָבען די ריינסטע און געטרייסטע מדות און געוואוינהייטען, און סוף כל סוף זיי איינגאנצען צו צוברעכען. געוויסע אראבישע שטאמען נוצען אויס די אייראָפעישע פראָסטיטוציע: די יונגע מיידלעך שיקען זיי אין בארדעלען וואו זיי פערדינען געלד און ווען זיי דענקען אז זיי פערמאָגען שוין א היבש פערמעגען, קומען זיי צוריק און האבען חתונה מיט איי־ נעם פון זייערע לאנדסלייט. די אייגענע אויפפירונג קאן מען אויך מערקען ביי אנדערע פעלקער.

אין שייכות צום אויביגען מאכט וועסטערמארק אונז אויפמערק־ זאם אויף דעם פאקט, אז, וואס העכער עס איז דער שטאפעל פון דער

2. דאס בייזאמענלעבען פון מאן און פרוי איז א ירושה פון די אור־עלטערן פון די היינטיגע מענשען־ענליכע אפען.

3. הגם וועניגער אינטים און אויך אויף א קורצערען משך איידער די מוטער איז צוגעבונדען מיט די קינדער, פונדעסטוועגען איז ביים מענש שטענדיג דער פאטער געוועזן דער בעשיצער פון דער פאמיליע.

## 4. קריטיק פון דער פּראַמיסקואיטעטס-לעהרע.

די גרעסטע צאל סאציאלאגען גלויבען צוזאמען מיט לובבאק, באכאפען, מאקלענאן, באסטיאן, זשיראוד טעולאן, ווילקענס און אנדערע, אז דאס אורשפּרינגליכע מענשליכע געשלעכטס־לעבען איז געוועזן די פּראמיסקואיטעט. דאס דאזיגע איז אבער אהן ספק בעצם פאלש, לכל הפחות ווען מען רעכענט צו, ווי עסטערמארק, צו דער הייראט די פאליגאמיע, פאליאנדריע און די הייראט אויף א געוויסער בעגרעניצטער צייט; מחמת אט די דאזיגע פארמען פון הייראט הייסט ביי די דערמאנטע מחברים דאס רוב סוף כל סוף פּראמיסקואיטעט, אפילו צווישען די בעוואוינער פון טאהיטי, וועמעם געשלעכטס - לעבען איז דאס פרייעסטע און צולאזענסטע. אממיינסטען צומישט דעם ענין האט פיסאן מיט זיין דאגמאטישער טעאריע מכח די זיד־אויסטראליער: ער האלט זיך דערביי אז פּראמיסקואיטעט איז געוועזן זייער פריהערדיגער צושטאנד ניט קוקענדיג דערויף וואס ער מוז צוגעבען, אז איצט איז זי דארט מעהר ניט פאראן. קורר, וועלכער קען די אויסטראליער א סך בעסער איידער ער, בעווייזט, אז אלס א כלל זענען זיי מאנאגאמיש. פונקט אזוי פאלש זענען די ענליכע בעהויפּטונגען פון באסטיאן, ווילקענס א. אז. וו., וועגען די פייערלענדער, די קוטשינס און אנדערע פעלקער. אין קיין שום אפריקאנישען נעגער־שטאם זענען פאראן קאמונעס פון ווייבער; אדרבה, אלע זענען זעהר אייפערזיכטיג. אויב ערגיץ־וואו ציינט זיך א פאל, וועלכער דערגעהט צום שטאפעל פון פּראמיסקואיטעט, איז עס אבסאלוט ניט נוגע די פּרימיטיווע און רויהע פעלקער, נאר גיכער טאקע די אמת'ע ציוויליזירטע שבטים, ווי למשל, די בודהיסטישע בוטיאס, ביי וועלכע די מענער ווייסען ניט פון קיין

## 3. די עלטער פון די הייראטס-אינסטיטוציעס.

דער פאקט, וואס ביי די העכערע אפען ווערען געבוירען בלויז צו איין קינד מיט אמאל, וועלכעס איז אונבעהאלפען און וועמעס קינדהייט איז זעהר לאנג, איז העכסטוואהרשיינליך געוועזן דער אורשפרונג פון דער הייראט. קויטסקי מיינט, אז ביי די פרימיטיווע מענשען האבען די קינדער געהערט צום שטאם: אבער דאס איז א טעות. גיכער איז געוועזן די פאמיליע, אדער בעסער, א פעראייניגונג פון פאמיליעס, דער אורשפרונג פון דער סאציאלער געמיינדע אדער געזעלשאפט. ביי דעם פרימיטיווען מענש שפילט די פאמיליע די עיקר־ראלע און איז איבעראל געוועזן דער קערן פון דער געזעלשאפט. ביי די אנטהראפאידען (מענשען־ענליכע) אפען געפינען מיר שוין די פאמיליע, אבער נאך אלץ ניט קיין שטאמען. דאסזעלביגע האט אהן ספק אויך געמוזט זיין ביים פיטהעקאנטהראפוס און ביי אנדערע ענליכע בעשעפענישען. מיר זעהען, אז פאקטיש לעבען די נידעריגסטע ווילדע, די פלייש־פרעסענדיגע זויגחיות, א סך מעהר אין אנגעזונדערטע פאמיליעס איידער אין שטאמען אדער שבטים. דאס זעהען מיר צ. ב. ביי די ווילדע ווערדאס וואס יאגען זיך ארום אין די וועלדער פון צעילאן, די פייערלענדער, די וועסטאויסטראליער, די בושמענער, די עסקימאס און געוויסע ווילדע בראזיליאנער אינדיאנער, מחמת אויף דעם אופן קאנען זיי לייכטער קריגען זייער נאהרונג. דאס זעלביגע איז אויך געוועזן מיט די הייל־מענשען. עס שיינט דעריבער, אז אין די פרימיטיווע צייטען איז געוועזן דאס פאמיליען־לעבען און די יאגד אויף חיות דער הערשענדער צושטאנד. ערשט שפעטער, ווען דער מענשליכער ערפינדונגס־גייסט האט ענדעקט נייע קוואלען פאר נאהרונג (פאסטקעס און אקערבוי) איז געווארען מעגליך דאס צוזאמענלעבען אין שבטים. אויף דעם דאזיגען אופן האט ביים מענש ערשט די קולטור מיט זיך געברענגט דאס סאציאלע לעבען, און אהן ספק האט לובבאק א טעות, האלטענדיג דעם שטאם פאר עלטער איידער דעם ערשטען אנפאנג פון קולטור. נאכדעם ווי ער ברענגט א גרויסע צאל פון די קלארסטע בעווייזען, פערענטפערט וועסטערמארק בסך הכל די דאזיגע גאנצע פראגע אזוי:

1. אין קיין שום צייט האט דאס שטאם־לעבען פערנומען דעם פלאץ פון פאמיליען־לעבען.

נאגאמישע צוזאמענלעבען ביי פויגלען און העכער ענטוויקעלטע אפען, זענען אויף דעם אופן, לויט דער דאזינער דעפינאציע, נארמאלע און אמת׳ע הייראטען.

ביי חיות, וועלכע האבען א בעשטימטע צייט בעת וועלכער זיי פארען זיך, קאן די הייראט זיך ניט האלטען בלויז אויף דעם געשלעכטס־טריב, ד. ה. זיין געבויט אויף דעם עגאיסטישען עראטיזם אליין, א־ניט וואלט זי דאך אויפגעהערט נאך דער פארונגס־צייט. פון דעם גופא קאן מען זעהען אז די צוכטוואהל און די מנעמע (ענגראפיע) האבען אויסגעבילדט אוים דעם געשלעכטס־טריב געוויסע סאציאלע, ד. ה. אלטרואיסטישע אינסטינקטען, מיט דעם צוועק אויפצוהאלטען די מינים דורך דער בעשיצונג פון די קינדער. די דאזיגע אינסטינקטען זענען א מיטעל, הגם ניט דאס איינציגע מיטעל, אויפצוהאלטען די מינים. די פאמיליע איז אויף דעם סמך דער יסוד פון דער הייראט און אזוי ארום דערקלערט זיך עס, פארוואס ביי א סך פעלקער ווערט ערשט די הייראט דעמאלט גילטיג, נאכדעם ווי עס ווערט געבוירען ווענינגסטענס איין קינד. ביי געוויסע פארמען פון הייראט דורך מסחר מוז אפילו דאס ווייב צוריקצאלען דעם מאן די סומע וועלכע ער האט פאר איהר בעצאלט, אויב זי איז אן עקרה; און ביי א סך ווילדע ווערט ערשט געפראוועט די חתונה נאך דער געבורט פון ערשטען קינד. אין בארנעא און בירמא איז דער געשלעכטליכער פערקער פריי, אבער בלויז ביז צו א שוואנגערשאפט; די שוואנגערשאפט איז ערשט דער בעדינג פאר די פליכטען פון דער הייראט.

נאך אן אורזאך לטובה דער הייראט ביים מענש איז די, דאס ביי איהם זענען פאראן דא און דארט העכסטענס שוואכע און ניט קלארע סמנים פון א פארונגס־צייט. א דאנק דער צוועקמעסיגער נאטירליכער צופאסונג, פאלט אוים די פארונגס־צייט ביי חיות מיינסטענס אזוי, אז די יונגע ווערען געבוירען פונקט אין יענער צייט פון יאהר, ווען זיי קאנען געפינען די בעסטע און רייכסטע נאהרונג. ביים מענש אבער איז די געשלעכטליכע אויפרעגונג א שטענדיגע.

געשלעכטליכער פערקער צווישען אלע מענער מיט אלע פרויען אהן הייראט) און, דער אדער יענער קעניג אדער גאט האט איינגעפירט די חתונה. אבער די דאזיגע מיינונג, וועלכע, הגב, איז אויך די מיינונג פון מאדערנע מחברים, איז באצם פאלש און זי ווערט פון וועסטער־מארק אויספירליך אבגעלייקענט מיט די קלארסטע פאקטען און מא־טעריאלען. ניט קוקענדיג אויף די מיינונגען פון די נייערע מחברים, מוז איך דאך האלטען מיט וועסטערמארק.

בפרט די פליכט פון מאן צו שפייזען זיין פאמיליע איז א כלל־גע־זעץ ביי די ווילדע. דאס דאזיגע ווערט אויך בעשטעטיגט מיט דעם פאקט, דאס אפילו אין דער פאליגאמיע איז בלויז ערלויבט געווען צו וואוינען מיט אזוי פיל פרויען וויפיל מען האט געקאנט ערנעהרען. דער מאן מוז דאס בעווייזען דורך געוויסע העלדענטאטען און ארויס־שטעלען זיין פעהיגקייט. אפילו נאך א גט זענען אויף דעם מאן אלץ נאך געלעגען פליכטען אויסצוהאלטען די פאמיליע, פליכטען וועלכע האבען אפילו געקאנט אריבערגעהען צו זיינע יורשים צום ביישפיל דארט, וואו א ברודער האט די פליכט חתונה צו האבען מיט דער אלמנה פון זיין פערשטארבענעם ברודער. דער דאזיגער חוב פון מאן שיינט צו זיין א ירושה פון יענע זויג־חיות, ביי וועלכע דאס צוזאמענ־לעבען געדויערט לענגער איידער דער סעקסועלער בעגער. ער האט דע־ריבער טיפע פילאגענעטישע ווארצלען אין אונזער נאטור, און מיר ווע־לען שפעטער זעהען, אז דעם חוב קאנען מיר היינט בשום אופן ניט אונבעשטראפט פערנאכלעסיגען (זעה קאפיטעל 12).

וואס איז די הייראט? וועסטערמארק גיט אונז די פאלגענדע, זעהר ברייטע דעפינאציע: די הייראט איז א לענגער אדער קורצער דויערענדיגע גע־שלעכטליכע פערבינדונג צווישען בע־שטימטע מענער און פרויען, וועלכע בלייבט ניט אונטערבראכען פון דעם פארטפלאנצונגס־אקט אז [illegible]ט־ניגסטענס נאך דער געבורט פון דעם קינד. וועדליג דער דאזיגער דעפינאציע קאנען זיין מאנאגאמישע, פאליגאמישע, פאליאנדרישע און גרופען־פערבינדונגען, פונקט אזוי גוט ווי הייראטען אויף א בעגרעניצטער צייט. דאס שוין דערמאנטע מא־

## 2. דער אורשפרונג פון דער הייראט.

וואָס איז שייך צום אורשפרונג פון דער מענשליכער הייראט דארפען מיר, בכדי צו זיין פּינקטליך, זיך נאָר פערגלייכען צו אונזערע נאָהענטסטע, הייגט נאָך לעבעדיגע חיות, די אנטהראָפּאָידען (מענשען־ענליכע) אפען.

ביי די מיינסטע זויג־חיות געדויערט די הייראט, אויב מען קאן זיך אזוי אויסדריקען, זעהר קורץ. זי איז בעשרענקט אויף דעם משך פאר בלויז איין בעשאפונג פון קינדער. נאָך דעם פערקער קימערט זיך דער ער בכלל גאנץ ווענינ מכח דער זי. פונדעסטוועגען שיצט ער זי אָפּטמאָל נאָך א לאנגע צייט. פערקערט ביי די מענשען־ענליכע אפען (אראנג־אוטאנס, שימזאנזען, גאָרילאס און גיבאנס). אויף ווי ווייט מען האָט געקאָנט דערפאָרשען זייערע אויפפירונגען אין דער נאטור, געפינען מיר א מאָנאָגאמישע הייראט מיט א פאמיליען־לעבען. דער מאן בעשיצט די פרוי און זיינע קינדער. ביי אזא פאר געפינט מען אָפּטמאָל ניט קיין גלייך אלטע קינדער, וועלכעס איז א סמן אז די געטריישאפט פון זייער צוזאמענלעבען איז אריבער דעם משך פון בלויז איין געבורט. בעת ווייב און קינדער זיצען אין זייער נעסט אין דער הויך אויף א בוים, היט דער פאטער אונטען ביים שטאם פאר דער זיכערקייט פון זיין פאמיליע.

לויט וועסטערמארק איז דאָסזעלביגע געוועזען מיט דעם פּרימיטיווען מענש. די פאמיליע וועלכע איז בעשטאַנען פון פאטער, מוטער און קינדער איז געוועזן אן אלגעמיינע אינסטיטוציע, ניט קוקענדיג צי זי איז געוועזן געבויט אויף מאָנאָגאמישע, פּאָליגאמישע אָדער פּאָליאנדרישע יסודות. דאס ווייב האָט געזארגט פאר די קינדער בעת דער מאן איז געוועזן דער בעשיצער פון דער פאמיליע. אמת, ווערדליג עס ווייזט אויס, איז דעם מאַן ניט זעהר שטאַרק געגאנגען אין דעם וואוילזיין פון ווייב און קינדער, און ער האָט טאקע גיכער געזוכט צו בעפרידיגען זיין סעקסועלען בעגער און זיין שטאָלץ; פונדעסטוועגען האָט ער זיך געמאכט נוצליך: געבויט א נעסט אָדער א כאַטע, געקראַגען שפּייז (יאגד א. אז. וו.) פערטייטיגט זיין פאמיליע און דגל.

די גרעסטע צאָל פאלקס־לעגענדען דערצעהלען, אז פריהער האָט דער מענש געלעבט געמישט, אויף די יסודות פון פראָמיסקואיטעט (א

רונג פון דער געהירן־סובסטאַנץ אויך אַן אַנדערע. דערפון איז גענוג קלאָר, אז די ווערדאס שטעהען אויף אַ נידעריגערען שטאַפעל אין פערגלייך צו אונז. מענער-געהירנס אונטער 1250 גראַם און פרויען-געהירנס אונטער 1120 גראַם זעגען ביי אונז פאַטהאָלאָגיש; איך קאָן מאַכען די דאזיגע דערקלע־רונג שטיצענדיג זיך אויף מיינע אייגענע אבזערוואַציאָנען (584 געהירנס) אין דעם בורגהעלצלי משוגעים־הויז.

פון דער אויביגער טאַבעלע קאָן מען קלאָר זעהען, אז כמעט אי־בעראַל איז דער חלוק צווישעןביידע געשלעכטער דערזעלביגער. אויף וויפיל עס זענען גרעסער די אבסאָלוטע צאָלען, אויף אזוי פיל מוז אויך נאַטירליכערווייז ווערען גרעסער דער אבסאָלוטער (ניט דער רע־לאַטיווער) חלק און אויך די אבווייכונג צווישען די בעזונדערע גרופּען מענשען. דער אבסאָלוטער חלוק פון דעם ווייבליכען און מענליכען שאַרבען־רוים איז צווישען די בייערן (168) און די ווערדאס (138) ניט קשה'דיג גרויס, אין פּראָצענטען אבער איז ער זעהר קליין (11.2 און 10.8). אלס דורכשניט קאָן מען דעריבער מאַכען די פאָלגענדע איינטיילונג:

## דער דורכשניטליכער שאַרבען-רוים לויט מענשען-סאָרטען.

| | שאַרבען-רוים | |
|---|---|---|
| | מענער | פרויען |
| יוּענצעפאַלען (מיטעלערע געהירנס) | איב. 1450 גר. | איב. 1300 גר. |
| יוּענצעפאַלען (מיטעלערע געהירנס) | 1450—1300 גר. | 1300־1150 גר. |
| אָליגענצעפאַלען (קליינע געהירנס | אונ. 1300 גר. | אונ. 1150 גר. |

פּראָפעסאָר מארטין פירט אויס, אז ביי זיינע פאָרשונגען צווישען די פּרימיטיווע פעלקער פון דעם האלב־אינזעל מאַלאַקאַ, האָט ער אין שייכות צו יעדער זאַך געפינען פּונקט אזא גרויסען אונטערשיד צווי־שען די געשלעכטער ביי זיי פּונקט אזוי גוט ווי ביי די אייראָפּעער.

אז ביים מענש ווערט כסדר גרעסער דער אונטערשיד צווישען די געשלעכטער א דאַנק דער ציוויליזאציע אָדער פילאָגעניע, איז קיין שום צווייפעל ניט.

גען, דעריבער מוז מען זיך בענוצען מיט דעם אויסמעסטען פון דעם שארבען־רוים, וועלכעס איז אמת ניט אלץ איינס, אבער פונדעסט־וועגען גיט עס אונז א כמעט ריכטיגע פערהעלטניסמעסיגע מאָס. מען קאָן אָהן שום ספק זאָגען, לויט פראָפעסאר מארטין, אז דאָס געהירן־געוויכט בעטרעפט 87% פון דעם שאַרבען־רוים (ד. ה. 87 געהירן־געוויכט איז גלייך צו 100 שארבען־רוים). עס פערשטעהט זיך, אז דאָ האנדעלט זיך וועגען נאָרמאלע און געזונדע געהירנס: ביי א פאַטהאָ־לאָגישער איינשרומפּונג פון געהירן ווערט אין שארבען דער היזק אין געהירן־סובסטאַנץ, וועדליג זיין קובישע גרויס, אויסגעפילט מיט דערזעלביגער מאָס סערום־פליסיגקייט. א חוץ דעם מעסטען די פער־שידענע מחברים אביסעל אנדערש. די פאָלגענדע טאַבעלע וועלכע גיט די מיטעל־צאָל פון דעם שארבען־רוים איז צונויפגעשטעלט, לויט פראָ־פעסאָר מארטין, פון צופערלעסיגע ציפערן.

## דער שאַרבען-רוים ביי פערשידענע פעלקער.

| | | | מענער | פרויען | חלוק | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| ציוויליזירטע פעלקער | בארענזער | (48 מענער שאַרבענס) | 1513 | 1330 | 182 | |
| | | (26 פרויען " ) | | | | |
| | בייערן | (100 מענער " ) | 1503 | 1335 | 168 | (11.2%) |
| | | (100 פרויען " ) | | | | |
| האלב־ציוויליזירטע פעלקער | מאלייער | (26 מענער " ) | 1414 | 1223 | 191 | |
| | | (2 פרויען " ) | | | | |
| | איינא | (87 מענער " ) | 1462 | 1308 | 154 | |
| | | (64 פרויען " ) | | | | |
| גידעריגסטע ראַסען | וועדאס | (22 מענער " ) | 1277 | 1139 | 138 | (10.8%) |
| | | (10 פרויען " ) | | | | |

ווען מיר נעהמען אין בעטראכט די דורכשניטליכע פראָפּאָרציע פון דעם געהירן־געוויכט צום רוים אין שאַרבען (87%), געפינען מיר ביי די וועדאס אַ דורכשניטליך געהירן־געוויכט פון 1111 גראַם ביי די מענער און 991 גראַם ביי די פרויען. אין אונזער ראַסע געפינט מען אַזאַ געוויכט גאָר ביי אידיאָטען אָדער אַלס רעזולטאַט פון אַ געהירן־איינשרומפּונג (אַל־געמיינע פּאַראַליזיס און זקנים־אידיאָטען). דעמאָלט איז אָבער די ענדע־

רעכט, ווי נויטיג עס איז א גרויס מאטעריאל בכדי ניט אריינצופאלען אין פאלשע שלוסען. ער ווארענט אויך ניט צו מאכען דעם טעות און אין איילעניש אננעהמען די איינצעלנע מנהגים פון די איצטיגע ווילדע פעלקער אלס מנהגים פון די אור־אור־פעלקער.

וואס אבער ס'איז נוגע דעם אונענדליכען געביט פון דער עראטיק ביי די פערשידענע פעלקער, גיב איך אן דאס רייכע און אלעס ארומנעהמענדיג ווערק פון פראפעסאר אטטא שטאלל „דאס געשלעכטס־לעבען אין דער פעלקער־פסיכאלאגיע“, אין וועלכען ער בעשרייבט די געשלעכטליכע מנהגים און זיטען אי פון די איצטיגע און אי פון די פריהערדיגע מענשען־ראסען, שטיצענדיג זיך אויף געשיכטע און עטהנאלאגיע.

## 1. דאס געוויכט פון געהירן לויט ראסע און געשלעכט.

קודם כל פעררוף איך זיך אויף קאפיטעל 3 (קארעלאטיווע געשלעכטס־סמנים). בעכעל (אין זיין בוך „די פרוי“, 1883) בעמיהט זיך צו בעווייזען, אז די פרויען פון די פרימיטיווע פעלקער זענען געווען פונקט אזוי שטארק ווי די מענער און, אז ביי ביידע איז דאס געהירן געווען גלייך גרויס. ער בויט די דאזיגע מיינונג דערויף, וואס דער אונטערשיד צווישען דעם מענליכען און ווייבליכען געהירן איז קלענער ביי די נידעריגע ווילדע פעלקער איידער ביי די ציוויליזירטע פעלקער. אבער די דאזיגע גאנצע מיינונג איז אבסאלוט פאלש. ערשטענס איז דא א שטארקער אונטערשיד אין דער גרויס פון קערפער און פון געהירן, לטובה דעם זכר, אפילו ביי אראנג־אוטאנס, גארילאס א. אז. וו. צווייטענס אבער ווייזט די פאלגענדע טאבעלע, וועלכע איך האב צו פערדאנקען דער גוטסקייט פון מיין פריינד, פראפעסאר דר. רודאלף מארטין, פון צוריך, א בעגאבטער און געוויסענהאפטער אנטהראפאלאג, אז עס ניט פאראן קיין ממשות'דיגער אונטערשיד צווישען ווילדע פעלקער און קולטור־פעלקער אין דעם דאזיגען פרט און, אז כמעט איבעראל איז דער אונטערשיד צווישען דעם מענליכען און ווייבליכען שארבען־רוים ארום 150 גראם. מחמת מען קריגט צו ווייניג נארמאלע געהירנס, בכדי, בעזונדערס ביי ווילדע פעלקער, צו קאנען מאכען אנווענדבארע אבוועגונ־

## קאַפּיטעל VI.

# עטהנאָלאָגיע, אור־געשיכטע און געשיכטע פון דעם מענשליכען געשלעכטס־לעבען און פון דער הייראַט.

ווי מיר האָבען שוין געזעהען, איז ביי דער פאָרשונג פון דער געשלעכטס - פראַגע דער וויכטיגסטער בעדינג, זיך צו האַלטען אביעקטיוו און אויסצומיידען דעם שפּיל פון סענטימענטען אַזוי גוט ווי די קליפּה פון עראָטיזם. אבער אין דער געשיכטע פון דעם מענשליכען געשלעכטס־לעבען שפּילען בייַדע א געוואַלדיגע ראָלע, און עס איז דוקא גראַד די דאָזיגע געשיכטע, אויב זי ווערט נאָר אָביעקטיוו נאַטור־וויסענשאַפטליך בעהאַנדעלט, וועלכע גיט אונז דאָס זיכערסטע מאַטעריאַל פאר דער פאָרשונג פון די מענשליכע סעקסועלע פערהעלטניסען אין דער געזעלשאַפט. אָהן ספק, די איצטיגע ווילדע פעלקער זענען א סך ענליכער צו די פּרימיטיווע פעלקער איידער אונזערע ציוויליזירטע מענשען; און די מאָדערנע פאָרשונג גיט אונז מכח זיי א סך מעהר צופערלעסיגע ידיעות איידער מיר קאָנען ארויסקריגען פון די ווידערשפּרוכיגע, מיינסטענס צוויי־פעלהאַפטע, אָפטמאָל נאָר פאַבעלהאַפטע און לעגענדאַרישע שריפטען וואָס די אור־געשיכטע קאַן אונז געבען מכח אונזערע אור־אור־עלטערן.

פונדעסטוועגען האָט עדוואַרד וועסטערמארק, פּראָפעסאר אין לאָנדאָן, אין זיין „געשיכטע פון דער מענשליכער הייראַט“ אונז גע־געבען א מאָנומענטאַל ווערק. א ווערק, וועלכעס גלאַנצט מיט זיין אונגעוועהנליכקייט ניט בלויז אַ דאַנק זיין רייך און צופערלעסיג מאַ־טעריאַל, נאָר אויך א דאַנק זיין שאַרפער און געזונדער קריטיק. איך וויל דאָ געבען אַ קורצען סך הכל פון דעם דאָזיגען ווערק, דער ענין פון וועלכען איז הגב אויסער די גרעניצען פון מיינע אייגענע פאָר־שונגען. טאַקע וועסטערמארק גופא בעטאָנט, און ער איז אבסאָלוט גע־

קלאנגען, ווי דאס האט ריכטיג בעמערקט לודוויג ברונז (נאך קראפט־עבינג).

## דאס שייכות צווישען ליבע און רעליגיע.

ווי עס איז בעקענט פערנעהמען די ליבע און דער עראטיזם א זעהר אנגעזעהענעם פלאץ אין די רעליגיעס, און א סך צווייגען פון דעם רעליגיעזען געפיהל זענען ענג פערבונדען מיט די אויסשטראַלונגען פון דעם געשלעכטס־טריב. דער רעליגיעזער עקסטאז איז, ווי קראפט־עבינג זאגט ריכטיג, א גייסטיגער נאהענטער קרוב מיט דעם ליבעס־עקסטאז און זעהר אפט איז ער א טרייסט און אן ערזאץ פאר אן ענטוישטער, אבגענארטער, אונגליקליכער ליבע אדער, דארט וואו די ליבע איז אינגאנצען פרעמד. ביי משוגעים פערבינדט זיך רעליגיע און עראטיזם אויף א זעהר כאראקטעריסטישען אופן. די דערקלערונג פאר א טייל ביז א געוויסען שטאפעל גרויזאמע רעליגיעזע מנהגים פון א סך פעלקער, איז דאס אריבערגעהען פון עראטישע פארשטעלונגען אין זייער רעליגיע. פונקט ווי אין דער רעליגיע, איז אויך פאראן אין דער ליבע א געוויסער מיסטיציזם, דער חלום פון אן אייביג גליק (קראפט־עבינג). דעריבער זענען די ביידע מינים התלהבות צונויפגעמישט אין די רעליגיעס פון די פעלקער. די גרויזאמקייט, וועלכע דריקט זיך אוים אין א סך רעליגיעס אי אין דער פארם פון קרבנות, און אי אין דער פארם פון א פאטהאלאגיש־סעקסועלען סאדיזם (די געשלעכט־ליכע תאוה וואס ווערט ארויסגערופען דורך די ליידען פון אנדערע), ווערט פון קראפט־עבינג דערקלערט אלס דאס צוריקקערען זיך פון דעם גליק־געפיהל צו זיין היפך, און ער ענדיגט מיט די פאלגענדע ווערטער:

„אויף דעם אופן קאן מען די אפטמאל שוין בעוויזענע קרובה־שאפט צווישען רעליגיע, תאוה און גרויזאמקייט אוועקשטעלען אויף דעם פאלגענדען כלל: די רעליגיעזע און געשלעכטליכע ליידענשאפטען, ווען זיי דערגרייכען די ווייטסטע הויך פון זייער ענטוויקלונג, צייגען דעמזעלביגען גראד אויפרעגונג, אי אין קוואנטיטעט און אי אין קוואַליטעט, און דעריבער קאנען זיי זיך אונטער צוגעפאסטע אומשטענדען געגענזייטיג פערבייטען. אונטער א פאטהאלאגישען איינפלוס קאנען זיך ביידע ענדערען אין גרויזאמקייט". (זעה קאפיטעל 8, סעקסועלע פאטהאלאגיע, און בעזונדערס קאפיטעל 12).

פון דעם אָביעקט גופא״ — (קראפט־עבינג). דער פעטישיזם איז א צושטאנד אין וועלכען די אבשאצונג פון א פעטיש קאָן זיך אויפהויבען ביז צו א פערגעטערונג: ביי א סך רעליגיעס, ווי עס איז בעקענט, שפּילט דער פעטישיזם (קמיעות, רעליקוועס א. אז. וו.) א געוואלדיגע ראָלע. בינעי, קראפט־עבינג און אנדערע רופען עראָטישען פעטישיזם יענעם כשוף פון געוויסע געגענשטאנדען אָדער טיילען פון א קערפּער וואָס האָט א גלייכע ווירקונג אי אויף דעם סעקסועלען בעגער און אי אויף דער ליבע, אויף אזא אופן, אז זייער בילדליכע פארשטעלונג איז געוואלדיג פערקניפּט מיט דער עראָטיש געפארבטער פאָרשטעלונג פון א בעשטימטער פערזאָן אָדער מיט א געוויסער פאָרם פון דער געשלעכטליכער אויפרעגונג. אי פאר דעם מאן און אי פאר דער פרוי קאָנען א מלבוש, האָר, געוויסע ריחות, און אויך אברים, א שטייגער א פוס אָדער האנד פון דעם געליבטען מענש, אָננעהמען דעם כאראקטער פון א פעטיש. איינצעלנע גייסטיגע אייגענשאפטען, אויסדרוקען פון פנים און געוויסע בליקען, קאָנען אויך האָבען די ווירקונג פון א פעטיש. די האָר פון א פרוי, איהרע הענד און פיס, איהרע קליידער, שפּילען ביי די מענער אָפטמאָל די ראָלע פון עראָטישע פעטישען.

אין דער נאָרמאלער ליבע שפּילט דער פעטיש מיינסטענס די ראָלע פון רייץ וועלכער איז פערבונדען מיט געוויסע אידעען, וועלכע רופען ארויס דאָס בילד פון דער געליבסטער פערזאָן. פונדעסטוועגען קאָן ער אויך דאָ ניט זעלטען ווערען א ספּעציעל אביעקט פון דער ליבידאָ סעקסואליס. אבער, ביי א פּאטהאָלאָגישער דעגענעראציע (זעה שפּעטער קאפּיטעל 8) ווערט אָפטמאָל בלויז נאָר דער פעטיש גופא דאָס אויסשליסליכע אָביעקט פון א געשלעכטליכען בעגער, וועלכער איז בלויז א קאריקאטור פון ליבע.

און פערקערט זענען פאראן געגענשטענדען, ריחות, אויסדרוקען, מאנירען, קלאנגען פון דער שטים א. אז. וו. וועלכע פּאראליזירען דעם עראָטיזם, אָדער וועלכע רופען ארויס אפילו אן עקעל ביי א מאן צו א פרוי און פערקערט: דאָס איז דער אנטי־פעטישיזם.

פון דעם וואָס מיר האָבען ביז איצט געזאָגט, קאן מען גענוג קלאָר זעהען, אז די נאָרמאלע ליבע איז א בנין וועלכער איז געבויט אויף אן עקסטרעם־קאָמפּליצירטער סינטהעזע, אויף אן אמת׳ער סימפאָניע פון געפיהלען און פארשטעלונגען, וועלכע איז קאָמבינירט פון אלערליי

די נאטירליכסטע זאכען, און דאס לעבען ווערט פאר איהר אפטמאל א מאטערניש.

ביי קינדער קאן מען די צניעות בעשאפען אדער קורירען דורך ער־ציהונג. זי ווערט בעשאפען דורך אבזונדערונג פון אנדערע, דורך דער מורא אז א שטיקעל לייב זאל חלילה ניט זיין אבגעדעקט, און דער עיקר דורך לערנען קינדער צו בעטראכטען נאקעטקייט אלס שאנד. זי ווערט קורירט צ. ב. דורך בשותפות'דיגע בעדער, און דאס דערפאר, בכדי מען זאל די קינדער צוגעוואוינען צו בעטראכטען דעם מענש־ליכען קערפער, אלע זיינע טיילען און פונקציעס, אלס א נאטירליכע זאך און ניט עפעס מיט וואס מען דארף זיך שעמען; און לסוף, אין א פאסיגער צייט און אויף אן ערענסטען אופן זיי דערקלערען די סעקס־סועלע פערהעלטניסען, אנשטאט זיי אבצו'פטר'ען מיט פרומע ליגענס און מיט געהיימניספולע צווייד־טיגקייטען. א חוץ דעם איז ביי דער פרוי אויף פאראן, ווי האוועלאק עללים האט ריכטיג בעמערקט, אן אינסטינקטיווע בושה, וועלכע האט איהר טיף־טיפען ווארצעל אין דעם נאטירליכען אויסמיידען און זיך פערטיידיגען פון אלע פרויען אין דער חיות־וועלט געגען דער ווילדער און רויהער צודרינגליכקייט פון מאן.

דאס קאפיטעל איבער ליבע האט קיין סוף ניט. אבער איהר שייכות צום געשלעכטס־טריב מאכט דעם דאזיגען ענין נאך פערוויי־קעלטער. אבער מיר מוזען דא אבגעבען פלאץ נאך עטליכע אויסשטרא־לונגען און געשלעכטס־טריב בייביידע געשלעכטער, אויסשטראלונגען מיט זייערע בעזונדערע ווייבליכע אדער מענליכע כאראקטער־שטריכען.

## פעטישיזם און אנטי־פעטישיזם.

„אונטער פעטיש ווערען פערשטאנען געגענשטאנדען, אדער חלקים פון געגענשטאנדען אדער אפילו נאר בלויזע אייגענשאפטען פון גע־גענשטאנדען, וועלכע זענען אימשטאנד, צוליב זייער שייכות צו די גע־פיהלען פון א געוויסער פערזאן, אדער זייער שייכות צו איהר'ס א רעלאטיוו וויכטיגער אידעע וואס רופט ארויס איהר פול בילד אדער איהר גאנצע פערזענליכקייט, צו בעשאפען א מין כשוף, אדער לכל הפחות א זעהר טיפען און אייגנארטיג בעטאנגען איינדרוק, וועלכער בלייבט זיך ניט אויס, אליין פאר זיך, מיט דער אינדיווידואליטעט

דאָ שוין ווערט ער געמילדערט און פערבעסערט פון דער נאַטירליכער ווייבליכער בושה און עסטעטיק. דער ציניזם און די גראָבקייט עקעלט די נאָרמאלע פרוי און רופט ביי איהר ארויס א געפיהל פון פעראכ־טונג צו דעם מענליכען געשלעכט. זי ווערט אבער, פון דער אנדערער זייט, זעהר לייכט בעיינפלוסט פון עראָטישע בילדער און בעשרייבונ־גען, ווען זיי טראגען אויף זיך עסטעטישע אָדער גאר עטישע מלבושים. אַט דערין ליגט טאקע די גרויסע געפאַר פון יענער פאַלשער עראָטי־שער קונסט פאר ביידע געשלעכטער בכלל, און פאר דער פרוי בפרט. פאר זיי איז די פיינערע אָדער די אידעאליזירטע עראָטיק ווי גע־וואונשען. (לעז מאָפּאססאן: („Ce cochon de Morin")

צניעות און בושה ביי דער פרוי. — מיט דער ווייבליכער צניעות און בושה איז דאָס אייגענע. דער ענין איז אייגענטליך שוין דערקלערט מיט דעם געזאגטען. זיי זענען דער פועל יוצא פון דעם נאַ־טירליכען עקעל פון דער פרוי פאר פּאָרנאָגראפיע, פון איין זייט, און פון האלטען זיך ווי מיט צוואַנגען אין מאַ־עם און פּארורטיילען, פון דער צווייטער זייט. דעם געוואלדיגען שרעק און די אויפרעגונג וואָס צינדען זיך אָן ביי אַ סך פרויען ביים אַבדעקען וועלכען ניט איז טייל פון איהר קערפּער, האָבען מיינסטענס זייערע ווארצלען אין די קאָנ־ווענציאָנעלע מנהגים און געוואוינהייטען, אבער אין אַ טייל פאלען האָבען זיי אויך זייער אורשפּרונג אין דער פערטעמפּטקייט אָדער אב־וועזענטקייט פון דעם געשלעכטס-געפיהל, אָדער אין די פּערווערזיעס פון דעם דאָזיגען געפיהל. ווייטער, שעמט זיך די פרוי אינסטינקטיוו מיט אַלעס וואָס איז מאוס. אַן אַלטע פרוי שעמט זיך מעהר אויסצוטון זיך איידער אַ יונגע. און אזוי שעמען זיך די גאַסענפרויען צו צייגען זייערע געשלעכטס-אָרגאַנען, ווען זיי זענען אונריין אָדער ווען זיי מענ־סטרואירען (לאַמבראַזאָ). די צניעות, טיילמאָל ערצויגען ביז צו אַזאַ אבסורדען און שעדליכען גראַד ווי צ. ב. אין ענגלאַנד, פירט די פרויען צו אַן אבסאָלוט אוננאַטירליכען צושטאַנד און אָפּטמאָל צו אויפרעגונ־גען פון וועלכע זיי האָבען זעהר אַ סך צו ליידען; נאָך מעהר, די אי־בערגעטריבענע צניעות פירט אָפּטמאָל צו פּונקט דעם היפּך אָדער זי דעגענערירט צו אַן עקעלהאַפטער היפּאָקריטסטווע. זי בערויבט די פרוי פון איהר נאַטירליכקייט און צוימונג. די צניעה שעמט זיך פאַר

בעלער, בעזוכט סאלאנען און דאס טעאטער און וואס בעאבאכט געגנוי די פרויען, קאן ניט בלויז אין זייער טואלעט, נאר אויך אין זייערע בליקען און אין זייער פיזיאנאמיע שטודירען די פערשידענע שטאפלען און די גאנצע דעגענעראציע פון דער דאזיגער ווייבליכער איינגענשאפט. א סך האבען אין דעם פרט אזא אויסערגעווענליך שלעכטען געשמאק, און מיינען אז זיי פערשעהנערען זיך דורך כל המינים פליטערלעך, בעת אין דער אמת'ן מאכען זיי פון זיך א קאריקאטור. דאס שמינקען, דאס פארבען די האר און די ברעמען און אפילו די ליפען, געהערט צו די דאזיגע מאוס'ע אינסטינקטיווע געוואוינהייטען, און ווען אפילו דאס אלעס ווערט געטין מיט דעם איינציגען צוועק בכדי אויסצוזעהען יונגער, שעהנער און בליהענדיגער, טויג עס כמעט אזוי וועניג ווי די ענליכע געוואוינהייט פון די ווילדע פרויען זיך צו מאכען שעהנער דורך טאטואירונג. די נאז־ און פוס־רינגען, די היפטען־בענדער, מיט וואס יענע האבען זיך א חוץ דעם פערפוצט, אט דאס אלעס לעבט נאך היינט ביי אונזערע פרויען אין דער פארם פון אויער־רינגען, ארעם־בענדער און האלז־בענדער. דאס אלעס זענען אויסשטראלונגען פון דעם געשלעכטס־טריב, דער וואונש צו געפעלען די מענער. ענליכע ערשיינונגען בעגעגענען מיר זעהר אפט ביי מענליכע האמאסעקסואליסטען (זעה קאפיטעל 8), און אויך ניט זעלטען ביי נארמאל־סעקסועלע פראנטען.

**דער פארנאגראפישער גייסט ביי פרויען.** — די פארנאגראפיע איז דורך און דורך ווידערווילליג פאר דער נארמאלער ווייבליכער נאטור, הגם דאס קאן אבסאלוט ניט געזאגט ווערען מכח דעם עראטיזם גופא. דער פארנאגראפישער גייסט ווערט ענטוויקעלט אין דער גאסענפרוי, און פונדעסטוועגען געפינט מען אפילו ביי זיי ניט גאר קנאפע איבערבלייבענישען פון דעם שעם־געפיהל. דאס מיינט אבער ניט צו זאגען, אז ביי זעהר עראטישע פרויען פירט דער עראטיזם קיינמאל ניט צו פארנאגראפישע אקטען, צ. ב. אבדעקען זייערע געשלעכטס־טיילען און דאס זעלביגע אויך טון צו די מענער, א. ד. גל. אבער דאס זענען אלץ זעלטענע, מייגסטענס פאטהאלאגישע אדער אויסגעלערענטע אויסנאהמען. דער נאטירליכער ווייבליכער עראטיזם, דער עראטיזם וועלכער איז ניט ענטוויקעלט געווארען פון די מענער צוליב זייערע אייגענע צוועקען, צייגט זיך אפען נאר ביים אינטימערען פערקער און, אפילו

בעטראכט ווערען אלס א פאלשקייט: זי איז נאטירליך, אינסטינקטיוו. איהר פערלאנג נאך ליבע און מוטערשאפט טרייבט די פרוי ניט וויי־לענדיגערהייט ווי ווייט מעגליך אין דעם מאן'ס אויגען אויסצוזעהען חן'עוודיגער און אנציהענדער, און דורך פער'גנב'עטע בליקען, זיפצען און א שטומעס שפיל פון איהרע געפיהלען, צו לאזען טרעפען איהר בענקשאפט ווי דורך א שלייער. הינטער דעם דאזיגען פערשעמטען בע־האלטענעם שפיל, וועלכער איז בכח צו רייצען די מענליכע ליידענ־שאפטען, געפינט זיך פונדעסטוועגען ביי א נאטירליך גוטער פרוי א וועלט מיט צארטע געפיהלען, אידעאליזם, און אן ענערגיע און אויסדויער־קראפט, וועלכע זענען אין תוך גענומען אויפריכטיגער און ערליכער, איידער עס איז די ניט בעפוצטע און ניט בעבלומטע ליבעס־קונסט פון דעם מאן. די קלינגענדיגע ליבעס־פראזען פון דעם מאן פער־דעקען בכלל חשבונות וועלכע זענען א סך ווענינער ריין און א סך מעהר עגאיסטיש, איידער דער רעלאטיוו אונשולדיגער ליבעס־שפיל פון א יונג מיידעל. עס פערשטעהט זיך, אז עס זענען אויך פאראן גענוג פאלשע פרויען, וועמעס ליבעס־מאנירען זענען געבויט בלויז אויף שווינדעל.

קאקעטסטווע. — די געשלעכטליכע בערימעריי פון מאן גע־פינט מען אין דערזעלביגער פארם העכסטענס נאר ביי געוויסע גאסענ־פרויען. אין דער פרוי האט איהר פלאץ פערנומען די אט ערשט דער־מאנטע קאקעטסטווע אדער דער וואונש צו געפעלען. פרויען מיט א נארישען שטאלץ נוצען אויס דעם נאטירליכען חן און שעהנקייט פון זייער געשלעכט און פערזאן ניט בלויז כדי צו צוציהען און צו געפעלען די מענער, נאר אויך, בכדי צו גלאנצען צווישען איהר אייגען גע־שלעכט, בכדי איבערצושטראלען אנדערע פרויען מיט זייער שעהנקייט און פראכט. וואס פאר א קונסטשטיק קאקעטקעס בעווייזען אין דעם פרט, איז פשוט אונגלויבליך. אלע זייערע געדאנקען און חלומות זע־נען נאר פערנומען מיט דעם ענין ווי אזוי צו פערפולקאמענען זייער רייצבארקייט, מיט גלאנצענדיגע קליידער, מיט דער טואלעטען־קונסט, מיט פודערען און שמינקען. די דאזיגע ווייבליכע שוואכקייט ווערט אט דא קלאר אין איהר פולסטער נישטיגקייט.

עס וואלט געווען צו באנאל זיך דא צו פערנעהמען מיט א בע־שרייבונג פון דער ווייבליכער קאקעטעריי. איטליבער וואס געהט אויף

פרייע אנשויונגען און א העכערע בילדונג, דעמאָלט וועט זיך זייער ארבייטס-לוסטיגע און בעגייסטערטע אויסדויער־קראפט אבקערען פון דעם פערוואָלקענטען מיסטיציזם, און זי וועט זיך ווידמען דעם סאָ־ציאַלען פאָרטשריט. מכח דעם איז כמעט איטליכער איינפערשטאַנען.

אייפערזוכט ביי דער פרוי. — א רייה ווייטערדיגע אויסשטראַ־לונגען פון דער ווייבליכער ליבע זענען זעהר ענליך צו די אויסשטראַ־לונגען פון דער מענליכער ליבע. די אייפערזוכט ביי דער פרוי איז אין אלגעמיין אפשר ניט א סך שוואכער ענטוויקעלט איידער ביים מאַן. זי איז ניט אזוי ברוטאל און ווילד, דערפאר אבער דריקט זי זיך אויס אין בייזע קריגערייען, כסדר'דיגע אויפרעגונגען, קליינליכע אינטרי־געס און שטיכווערטער, קליינליכע טיראנישע האנדלונגען, קווייטלענייש און אלערליי שפיצלעך און שטוקעס. זי פער'סם'ט דאָס צוזאמענלעבען פונקט אזוי פיל ווי די מענליכע אייפערזוכט און ווי די לעצטע העלפט זי פונקט אזוי ווייניג געגען דער טריילאָזיגקייט פון צווייטען צד. אין די העכסטע גראַדען פון דער דאָזיגער ליידענשאפט ווערט דער אייפער־זיכטיגער מאַן א מערדער, ער דערשיסט אדער דערשלאָגט צום טויט, בעת די אייפערזיכטיגע פרוי צוקראצט און צודראפעט, פער'סם'ט אָדער דערשטעכט. ביי ווילדע פעלקער ווען א פרוי איז אייפערזיכטיג בייסט זי אָב די נאָז ביי איהר קאָנקורענטקע, און אין פאריז און אין אנדערע קולטור־שטעדט גיסט זי שוועלעבזוירע אין פנים. דער צוועק איז דער־זעלבינגער — צו מאַכען מאוס.

די ליבעס-אילוזיעס וואָס ווערען פערורזאכט פון דער ליבידאָ סעקסואַליס, זענען ענליך צו די אילוזיעס פון מאַן, הגם בעיינפלוסט פון די שוין דערמאָנטע ווייבליכע אייגענשאַפטען. דאָס זעלבינגע איז אויך מיט דער ווייבליכער צבוע'אַצטווע. אין איינקלאַנג מיט דער פאַ־סיווער ראָלע פון דער פרוי אין געשלעכטס-לעבען, קאן איהר אָנשטרענ־גונג צו געפעלען אָדער געווינען חן, זיך נאָר אויסדריקען אויף א מעהר אָדער ווייניגער בעשיידענעם און צוריקגעהאלטענעם אופן. זי קאָן ניט פארמעל זיין די ערשטע און פריהער אנטקעגענקומען דעם מאַן אָהן דערביי ניט צו שעדיגען די צניעות און דעם גוטען נאָמען פון דער פרוי. דעריבער דארף איהר קונסט אין דעם פרט פון פערשטעלען זיך און בעהאַלטען זיין אַלץ גרעסער. די דאָזיגע קונסט דארף אבער ניט

טער אויסדויער-קראַפט, בעהערשט שטאַרקער איהר אינטעלעקט איידער ביי דעם מאַן, און ווייל די געפיהלען זענען דאָס קאָנזערוואַטיווע עלעמענט אין דער מענשליכער נשמה. אַט דעריבער איז די פרוי די שטאַרקסטע שטיצונג פון נאַרישע דאָגמעס און געוואוינהייטען, פון דער מאָדע, דעם פאָרורטייל און מיסטיציזם. עס איז ניט ווייל זי איז אין זיך גופא מעהר גענייגט צום מיסטיציזם איידער דער מאַן, נאָר ווייל דער מיסטיציזם איז שוין דאָ און ווייל ער פערשפּרעכט צו געבען אַן אילוזאָרישען ערזאַץ אַלע ענטוישטע געפיהלען, אַט דערפאַר פערזינקען אַזוי פיל ענטוישטע פרויען אין דער רעליגיעזער פערגעטערונג און קלאַמערען זיך צו דער פאַטאַ מאָרגאַנאַ פון א גליק וואָס זאָל זיין זייער שכר אויף עולם-הבא פאַר זייער עונש אויף עולם-הזה.

די איבעריגע שוואַכע פונקטען פון ווייבליכען כאַראַקטער, ווי א שטייגער מאַנגעל אין לאָגיק, עקשנות, די ליבע זיך צו צאַצקען און פוצען א. אַז. וו. זענען רעזולטאַטען פון די ערשט אַנאַליזירטע פונדאַמענטאַלע שוואַכקייטען פון איהר נשמה. פונדעסטוועגען ווערען די דאָזיגע שוואַכקייטען אדרבה אויפגעהאַלטען אי פון דער געזעצליכער און אי פון דער ערציהערישער געזעלשאַפטליכער אַבהענגיגקייט פון דער פרוי. טייל מענשען האָבען מורא, אַז דאָס פרויען-שטימרעכט קאָן זיין, וועט ווערען א שטערונג צום פּראָגרעס אַט טאַקע צוליב די נאָר-וואָס דערמאָנטע אורזאַכען. זיי פערגעסען אָבער, אַז דאָס היינטיגע שטימרעכט פון די מענער ווערט ביז צו געוואַלדיגען גראַד אונדירעקט און אונבעוואוסטערהייט בענוצט פון די פרויען. צוליב דעם דאָזיגען פאַקט אַליין גלויב איך, אַז די דערהויבונג, ערציהונג און די געזעצליכע גלייכשטעלונג און עמאַנציפּאַציע פון די פרויען, קאָן אדרבה זיין לטובה דעם פּראָגרעס, און דאָס דערפאַר אַליין שוין, מחמת די מענער גופא וועלען דערפון לערנען, אַנשטאַט צו דעגענערירען אין זייער איינזייטיגער טיראַנישער איינגעגלויבטקייט אין זיך.

ווייטער ווערט די פרוי אינסטינקטיוו בעגייסטערט פאַר גייסטיג הויך ענטוויקעלטע מענער, פאַר מענער מיט עדעלקייט און אַלטרואיזם. זי שטרעבט דעריבער זיי, וועמען זי פערגעטערט, נאָכצוטון, און ווי ווייט מעגליך צו פערווירקליכען זייערע אידעען. דעריבער, ווען מיר זאָלען געבען די פרויען זייערע פולע בירגערליכע רעכטע, צוזאַמען מיט

מען שטעלט זיך קלאר ארויס, אז געוויסע מאדערנע טענדענצען פון דער פרוי, זייער גענוס־זוכט און די פערהיטונג געגען שוואנגערשאפט און קינדער, קענען פערגליכען ווערען צו א פולשטענדיג קוואליטאטיוו און קוואנטיטאטיוו סאציאל סיסטעם פון דעגענראציע, עס איז א סאציאלע קראנקהייט, וועלכע מוז קורירט ווערען.

מיר האבען געזעהען, אז דער וויבליכער פסיכיק פעהלט בכלל די אינטעלעקטועלע פאנטאזיע און די פעהיגקייט פאר אריגינעלע קאמבינאציעס. דעריבער אבער זענען ביי איהר שטארקער איהרע פראקטישע, אינטואיטיווע אויפפאסונגס־פעהיגקייטען און איהר געפיהלס־פאנטאזיע. דער לעצטער פעהלט הגב, מיט זעלטענע אויסנאהמען, די פעהיגקייט צו עפענען נייע וועגען. בעוואוסט אדער ניט בעוואוסט, קאפירט נאך איהר פאנטאזיע די שאפונגען פון די מענער. אבער דערפאר בעשאפט דאס אהן א שעור פיינע עסטעטישע און עטישע געפיהל פון דער פרוי, איהר נאטירליכער טאקט, איהר נאטירליך בעדערפעניש, יענעם עלעמענט פון פאעזיע אין די ווינקלען פון לעבען, בעשאפט, ווי מיר האבען שוין געזאגט, יענע אמת׳ע און ווארימע זון פון פאמיליען־גליק, וועלכע מאן און קינדער געניסען אפטמאל גאנץ געמיטליך, אהן צו האבען א בעגריף, וואס פאר א געטרייע ארבייט און ליבע הינטער דעם ליגט בעהאלטען, וויפיל מיה און ליבע א מוטער גיט אפטמאל אוועק, בכדי נאר צו בעשאפען איינעם פון יענע זונשטראהלען, אונטער דעם ווארימען ליכט פון וועלכען עס וועקט זיך אויף דער פרידען און די פרייד.

רוטין. — אנטקעגעניבער די דערמאנטע אויסשטראלונגען פון דער פרוי׳ס געשלעכטס־געפיהלען שטעהען איהרע שוואכקייטען. די אפען־ליבע האבען מיר שוין דערמאנט. די עיקר־שוואכקייט פון וויבליכען כאראקטער איז זיין אינטעלעקטועלע אויבערפלעכליכקייט, איז דאס פערנעהמען זיך מיט קליינליכקייטען, דאס אפטמאל ניט פערשטעהען דאס אביעקט פון א קאמפליצירט פראבלעם, און ועל־כולם דער קאפריז און די רוטין. די רוטין איז דער איבערשוס, דער עקסצעס פון דעם וויבליכען איינגע׳עקשנ׳טען ווילען וועלכער איז אנגעווענדט געווארען מיינסטענס אויף קאפיעס, רעפראדוקציעס. אין דער פאמיליע איז די פרוי דאס קאנזערוואטיווע עלעמענט, ווייל איהר געפיהלס-לעבען וועלכעס איז פערבונדען מיט אן איינגעשפאר-

ד. ה. פון דעם כאַראַקטער, אין ערציהונג דורך זעלבסט-בעהערשונג און דורך דער ערפילונג פון פליכטען. בעשעפטיגונג אליין איז ניט גענוג, אויב די מוטער האָט צו שמאָלע האָריזאָנטען, שוואַכקייטען, אבערגלויבענס און קאַפּריזען.

**די אויסדויערליכקייט פון די געפיהלען.** — די מאַכט פון דער פרוי אין דער סעקסועלער ליבע איז געבויט ניט נאָר אויף דער פיל־זייטיגער האַרמאָניע פון איהרע סימפּאַטיע־געפיהלען פאַר מאַן און קינד, אויך ניט בלויז אויף דער אונענדליכער פייגקייט און אויף דעם נאַטירליכען טאַקט וועלכען זי פערשטעהט דערביי אנצואווענדען, אויב זי געפינט זיך אויף א העכערען מעמוד, ווערענדיג א דאַנק דעם דער לייכטענדיגער זונשטראַל אין דעם פאַמיליען־לעבען; נאָר איהר מאַכט איז מעהר פון אלעס געבויט אויף דער אויסגעהאַלטענקייט און אויס־דויערליכקייט פון איהר ליבע. מיר האָבען געזאָגט, אז וואָס איז נוגע דעם ווילען שטעהט די פרוי העכער פון מאַן, און אָט דאָ, אויף דעם גע־ביט פון ליבע, בעווייזט זיך די דאָזיגע העכערקייט אין איהר פולען גלאַנץ. בכלל איז עס די פרוי וואָס האַלט צונויף די פאַמיליע. עס איז די פרוי, לכל הפחות די פאָלקס־פרוי, וואָס שפּאַרט אממיינסטענס, גיט אכטונג און זאָרגט פאַר אלעס און מאַכט צוריק גוט אלע פעהלערס; עס איז זי וואָס האָט תמיד א היילזאַמע ווירקונג אויף די ליידענשאַפ־ליכע זייטענשפּרונגען, די שוואַכקייטען, די אימפּולסיווע האַנדלונגען און אויף די גיכע ענטמוטיגונגען פון די מענער. ווי אָפט מיר זעהען די פאָטערס פערלאָזען זייערע קינדער, פערלירען זייער פערדינסט און אויפגעבען זייערע שטעלען צוליב א גאָרניט; אבער די מוטיגע פרויען, הגם האלב פערהונגערט, האַלטען זיך גאַך פעסט, בינדען אלעס צוזאַמען, וואַרטען, בכדי גאָר אין ערגסטען פאַל צו קאָנען אַרויסראַ־טעווען וואָס־ניט־איז פון דעם חרבן. די אויסנאַהמען, וואו דער מאַן פון א לייכטזיניגער אָדער גאָר פון זיין אלקאָהאָלישער פרוי ווערט דער איינציגער פאַמיליען־צוזאַמענהאַלטער, בעשטעטיגען אויך דאָ בלויז דעם כלל. דער דאָזיגער כלל איז, אז דאָרט, וואו דער פרוי פעהלען די נאָרמאַלע, טיף־איינגעוואָרצעלטע ליבעס־געפיהלען, ווערט די פאַמיליע צובראָכען אָדער זי צופאַלט, מחמת זעלטען פערמאָגט דער מאַן די נויטיגע אייגענשאַפטען דעם חרבן צו פערהיטען. פון די דאָזיגע פאַק־

אנדערער זייט, פערשטעהט זיך, פּאָדערט זיך דאָ אויך אַ געוויסע מאָס שכל; די אפּען־ליבע דארף ניט אריבערגעהען די ערשטע מאָנאַטען. צו פערהיטען אז די מוטערליכע געפיהלען זאָלען ניט דעגענערירט ווערען אין אַ פּאַטאָלער אַפּען־ליבע מיט אלע איהרע ספּע־ציפישע קאָנסעקווענצען, איז קיין שום זאַך בעסער ניט צוגעפּאסט איי־דער אַ שטרענגע וויסענשאַפטליכע קינדער־ערציהונג, פערמיידענדיג אלע פאָלגען פון אַ קינדער־פערציהונג. די מאָדערנע קינדער־פלעגע האָט אין דעם דאָזיגען פּרט געמאכט געוואלדיגע פּאָרטשריטען, אבער לײדער קאָנען די גרעסטע צאָל מוטערס פון זיי ניט געוואָר ווערען און זיי ניט בענוצען צוליב זייער עגאָיזם, זייער נאכלעסיגקייט, גע־וואוינהייט, געמוסזוכט אָדער אָרימקייט. זיי אליין האָבען ניט קיין צייט אכטונג צו געבען אויף זייערע קינדער און פערלאָזען זיך דערמיט אויף פּראָפּעסיאָנעלע קינדער־פלעגערינס. די לעצטע זענען זעהר נויי־טיג פאר א קינפּעטאָרין, בפרט ביי אן ערשטלינג, כדי איהר צו העלפען און אויך זיין איהר לערערין. אבער אַ נאַטירליכע און גוטע מוטער מוז אליין ווערען אן אויסגעצייכענטע קינדער־פלעגערין; דאָס איז אַ חלק פון דער פרוי׳ס צוועק אין לעבען און פון איהר גליק. צווישען די אָרי־מע ווידער איז די נויט און אונוויסענקייט פון דער מוטער, אָפטמאָל אויך די לייכטזיניגקייט און די גלייכגילטיגקייט, א שטערונג פאר דער ריכטיגער קינדער־פלעגע.

די מוטער־ליבע איז אלזאָ די וויכטיגסטע אויסשטראַלונג פון דער סעקסועלער ליבע ביי דער פרוי. זי ווערט אבער, ווי שוין געזאָגט, זעהר לייכט דעגענערירט אין אַ פערדאָרבליכע, בלינדע אפּען־ליבע, וועל־כע פערקוקט שוואכמוטיג אויף אלע פעהלערס פון קינד, ענטשולדיגט און פערשעהנערט זיי, דערמיט טוענדיג דעם קינד דעם גרעסטען שאדען און אויף דעם אופן לעגענדיג דעם קערן פאר די ביטערסטע ענטוי־שונגען אין לעבען. אויך אין דעם פּרט שפּילען די מיטגעבוירענע שוואכ־קייטען פון כאראקטער אן אונגעהייערען, ניין, די עיקר ראָלע, פונדעסט־וועגען זענען נאָך פאראַן אנדערע אורזאכען פון דער מוטערליכער אפּען־ליבע: רייכטום, א צו נידעריגע גייסטיגע בילדונג, פוילענצעריי, צו ווייניג קינדער א. אז. וו. די בעסטע געגענמיטלען צו דער אפּען־ליבע זענען: די ענערגישע ארבייט פון דער מוטער צוזאמען מיט א גוטער ערציהונג פון איהר ווילען, דעם געמיט און דעם אינטעלעקט,

גוטע אייגענשאפטען פון דעם מאן, און אייגענשאפט וואס דינט איהר אלס אידעאל און, פערקערט, ווען דער מאן געפינט אין זיין פרוי דויערהאפטע געפיהלען פון אן איבערגעגעבענער ליבע, מיט וועלכע ער צאלט אויך צוריק; און א חוץ דעם, וועןביידע זענען ערליך פערינטע־רעסירט און ארבייטען צוזאמען אין אלע איבעריגע געזעלשאפטליכע ענינים.

מוטער-ליבע. — אבער די וויכטיגסטע און נאטירליכסטע אויס־שטראלונג פון דער ווייבליכער ליבע איז נוגע צו קינדער־האבען און צו קינדער גופא. א פרוי, וואס האט ניט ליב קיין קינדער, איז אן אוננא־טירליך בעשעפעניש און א מאן, וואס בעגרייפט ניט און רעספעק־טירט ניט דעם פערלאנג פון זיין פרוי נאך קינדער, איז ניט ווערט איהר ליבע. ניט זעלטען רופט ארויס דער עגאיזם אין מאן אן אונ־נאטירליכע אייפערזוכט אויף דער ליבע פון זיין פרוי צו די קינדער. מען בעגעגענט אויך אדרבה מענער וואס האבען די קינדער מעהר ליב איידער די מוטער. אזוינע אויסנאהמען בעשטעטיגען בלויז דעם כלל. די שעהנסטע און נאטירליכסטע אויסשטראלונג פון די ליבעס־געפיה־לען איז די פרייד וואס די עלטערן פיהלען ביים געבוירען־ווערען פון זייערע קינדער, א פרייד, וואס איז אמבעסטען מסוגל אויסצוגלייכען די געגענזאצען פון זייערע כאראקטערס און אויפצוהויבען זייער סעק־סועלע ליבע צו א העכערען מאראלישען שטאפעל, מחמת זי דריקט אויס די פערווירקליכונג פון דעם נאטירליכען צוועק פון דער געשלעכטס־ליכער פערבינדונג. דער פרוי קומט דערביי דעם גרעסטען חלק. אן אמת ווייב פרעהט זיך מיט איטליכען נייעם טאג פון איהר שוואנגערשאפט. קוים וואס די לעצטע געבורטס־וועהען זענען אריבער, לאכט שוין די מוטער פאר פרייד און גליק ווען זי דערהערט דאס ערשטע געוויין פון דעם ניי־געבוירענעם קינד. די אזוי־גערופענע בלינדע אפען־ליבע איז פאר דעם נאר־וואס געבוירענעם קינד ביז א געוויסען גראד בערעכ־טיגט, מחמת דאס קינד נויטיגט זיך אין א כסדר׳דיגע און זארגזאמע מוטערליכע אויפפאסונג. קיין שום זאך אויף דער וועלט איז ניט שעה־נער איידער די שטראלענדיגע פרייד, וואס א יונגע נאטירליכע מוטער פיהלט געבענדיג צו זויגען איהר נאר־וואס געבוירען קינד, און קיין שום דעגענעראציע איז ניט טרויריגער, איידער איבערצוגעבען א קינד אין פרעמדע הענד אהן דער צווינגענדיגער נויטיגקייט. אבער, פון דער

בעפרידיגט די פרוי אבסאָלוט ניט. איהר הערשונג קאָן ווי־ניט־ווי
שמייכלען איהר פוסטען שטאָלץ און איהר הערשזוכט, אבער קיינמאָל
ניט קאָן זי בעפרידיגען איהר הארץ און דעריבער איז אין דער פאַנטאַ־
פעל־הערשאפט די פרוי אזוי אָפט פאלש צו איהר מאן. אין אזא צו־
זאמענלעבען האָט זי ניט געפינען די אמת'ע ליבע און האָט די אמת'ע
ליבע ניט געקאָנט געפינען. דעריבער, אויב איהרע מאָראלישע פרינ־
ציפען זענען דערצו אויך שוואך, זוכט זי אן ערזאץ ביי עפּעס א דאָן
זשואַן. אויב אבער אזא פרוי האָט א שטארקען כאראקטער אָדער איז
געשלעכטליך מעהר אָדער וועניגער קאלט, דעמאָלט ווערט זי א פער־
ביסענע, הערשזיכטיגע שלאַנג, איינס פון יענע בייזע, אָבשרעקענדיגע,
גיפטיגע און פערביטערטע בעשעפענישען, וועלכע מיר בעגעגענען
גאנץ אָפט און וועמעס פריהערדיגע, ענטוישטע ליבעס־געפיהלען האָ־
בען זיך איבערגעביטען אין א כעס, האַס אָדער אייפערזוכט, און געפינען
בלויז נאָך א בעפרידיגונג אין יענעם'ס ליידען. עס איז אינטערעסאנט
צו שטודירען די פסיכאָלאָגיע פון די דאָזיגע פרויען; געוועהנליך האָבען
זיי קיין אידעע פון זייער בייזקייט. די כראנישע פערביטערונג צוליב
די געליטענע ענטוישונג פון זייערע געפיהלען, מאָלט פאר זיי די וועלט
אין די שווארצסטע פארבען און אין אלע זאכען זענען זיי בלויז פעהיג
צו זעהען די אונגליקליכסטע און פינסטערסטע זייט. זיי ווערען גע־
וואוינט אויטאָמאטיש אלעס צו דערנידעריגען, אלעס צו בעליידיגען
און בעשמוצען; זיי גופא זענען אונגליקליך, אבער זיי האָבען א
טייפלישע הנאה פון יענעם'ס אונגליק, אין וועלכען זיי זעהען א בע־
שטעטיגונג פון זייערע שווארצע נביאות, די איינציגע בעפרידיגונג
וואָס בעגייסטערט זייער זעלבסט־געפיהל. עס פערשטעהט זיך, אז צו
אזא מין דעגענעראציע פון דעם ווייבליכען געפיהלס־לעבען איז נוי־
טיג א געוויסע בירושה'דיגע דיספאָזיציע און, אז צו דער ענטוויקלונג
פון דעם טרויריגען צושטאַנד קאָנען א סך מיטהעלפען אלערליי שלעכ־
טע איינפלוסען פון דער ארומיגער סביבה.

דאָס כסדר'דיגע צוזאמענלעבען פון מאן און ווייב מוז ווילענדיג
אָדער ניט ווילענדיג אויפדעקען זייערע געגענזייטיגע שוואכקייטען,
פון וועלכע קיין מענש איז ניט אויסגעזאָרגט. אבער אז אמת'ע ליבע
איז בכלל געווען בכח צו זיין דאָס צעמענט צווישען א פּאָרפאָלק, אבער
בלויז דעמאָלט ווען דאָס ווייב קאָן זיך אָנלעגען אויף א שטארקע און

פאַרפאַלק קאָן זיך נאָך ענטוויקלען אין אינטימיטעט. טאָמער ליגען אבער דער ציניזם און די סעקסועל שמוציגע טבע׳ס צו טיף, דעמאָלט ווערט די העכערע ליבע פון דער פרוי באַלד דערשטיקט און עס קאָן בלויז נאָך בלייבען די פראַגע פון דולדען און דערטראָגען. טיילמאָל איז דאָס ווייב שוואַך און אונענטוויקעלט און זי לאָזט זיך פון מאַן אַראָבציהען צום שטאַפעל פון זיינע געדאַנקען. אַז ניט קומט עס סוף כל סוף צו א ברוך, צו א גט. אין דעם אויבען דערמאָנטען ראָמאַן פון גיו דע מאַפּאַססאַן ווערען נאַטור-טריי געשילדערט די כסדר׳דיגע ענטווישונגען פון אַן אונערפאַרען און סענטימענטאַל יונג מיידעל, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַן עגאָיסטישען אויסוואורף. א מיידעל, וועמעס לעבען ווערט נאָך א רייה פון טרויריגע פאַסירונגען פולשטענדיג צובראָכען. מאַפּאַססאַן׳ס ווערק זענען נאַטור-טרייע ראָמאַנען און נאָוועלען מיט די פיינסטע פסיכאָלאָגישע שילדערונגען. איך ראָט איטליכען צו לעזען די דאָזיגע שריפטען אַלס אילוסטראַציעס צו אונזער קאַפּיטעל, ד. ה. צו דער געשיכטע פון דעם סעקסועלען לעבען און פון דער ליבע.

ווייבער-הערשאַפט. — דער אורשפּרונג פון א רייה וויכטיגע אויסשטראַלונגען פון דער ליבע ביי פרויען איז זייער בעדערפעניש, אויב ניט ״דוקא צו זיין בעהערשט, איז אבער לכל הפחות צו קאָנען צו איהר געליבטען מאַן אַרויפקוקען. כדי צו זיין גליקליך, מוז די פרוי פיהלען א כבוד צו איהר מאַן און איהם קאָנען בעטראַכטען וועניגס-טענס אין שייכות צו וועלכען ניט איז ענין מיט א געוויסען יראת-הכבוד; זי מוז אין איהם זעהען די פערווירקליכונג פון עפּעס אין אי-דעאַל, אָדער פון דער קערפּערליכער קראַפט, דעם מוט, דער אונייגענ-נוציגקייט, אָדער פון א העכערען גייסט. אויב ניט, ווערט פון דעם צוזאַמענלעבען דאָס וואָס מען רופט די פאַנטאַזפעל-הערשאַפט, אָדער אין דער פרוי ענטוויקעלט זיך באַלד א גלייכגילטיגקייט אָדער אַנטי-פּאַטיע צו איהר מאַן, אויב עפּעס אַן אונגליק, א קראַנקהייט ביים מאַן, וועקט ניט אויף איהר רחמנות-געפיהל און מאַכט פון איהר אַן איבער-געגעבענע פלעגערין. די פאַנטאָפּעל-הערשאַפט קאָן מען ניט רופען א גליקליך צוזאַמענלעבען, מחמת דאָ זענען די ראָלען פערביטען; דאָס ווייב פירט דעם סצעפּטער ווייל דער מאַן איז א שוועכלינג. און דאָס

און דעם דרויסענדיגען אויסזעהען פון מאן. אן אנדערער מין כשוף פאר דער פרוי איז די מיסטיק, דאס געהיימניספולע. אזוינע פרויען פערליבען זיך אין פרעדיגער, דער עיקר אין גלחים, ד. ה. אין רעלי־גיעזע ענטוזיאסטען, צווישען זיי אויך אריינגערעכענט רעליגיעזע צבוע'אקעס.

א טרויעריגע ערשיינונג איז דער קאנטראסט צווישען דער התפעלות'דיגער ליבע פון א בראוו און בעשיידען יונג מיידעל און דעם געזונקענעם סעקסועל־אויסגעלאסענעם לעבען פון דער גרעסטער צאל יונגע מענער מיט זייער ציניש־פארנאגראפישע כאראקטער־שטריכען, ווי מיר האבען זיי אבגעמאלען. מען קאן ניט דעם דאזיגען קאנטראסט שארפער און אמת'ער שילדערען איידער דאס איז געטון געווארען פון גיו דע מאפאססאן אין זיין ראמאן „Une Vie". מיר גופא זענען בע־קענט אן אנצאל פון ענליכע פאלען, אין וועלכע, פון איין זייט די טאָ־טאלע אונוויסענקייט פון דעם יונגען ווייב מכח געשלעכטליכע פער־העלטניסען און, פון דער אנדערער זייט, די רויהע צינישע אויסגעלאַ־סענקייט פון איהר יונגען מאן, האבען ניט בלויז פערביטען די ענטו־זיאסטישע ליבע פון דעם מיידעל אין א טיפען עקעל אין דער יונגער פרוי, נאר האט אפילו פערורזאכט משוגעת. אזוינע פסיכאזען (צו־שטאנד פון גייסט) אלס פועל יוצא פון טיפע ענטוישונגען אין דער חתונה־נאכט, הגם זיי געהערען ניט דוקא צו די אפטקייטען, זענען אבער אויך ניט פון די גאר גרויסע געלטענקייטען. אבער דאס וואס האט נאך אן ערגערע ווירקונג איידער די פלוצלינגע אויסניכטערונג, דעם קאלטער אבגוס, אויף וואס די רעאליטעט פון געשלעכטס־אקט האט פערביטען די ריין גייסטיגע און הארצליכע התפעלות, זענען די ציניִשע גערדאנקען מכח דעם סעקסועלען פערקער בפרט און מכח דער ליבע בכלל, אט די אנשוויונג וואס דאס יונגע ווייבעל ענטדעקט שפעטער ביי איהר מאן. דא הויבט זיך אן אין דער פרוי'ס נשמה א שווערער קאמף מיט ענטוישונגען פון דער ביטערער ווירקליכקייט און פערלוירענע אילוזיעס פון א גליקליכער ליבע. אויב דא איז בלויז א פראגע פון געוויסע שלעכטע געוואוינהייטען ביים מאן אדער עס האנ־דעלט זיך מכח עטליכע נארישע טאקטלאזיגקייטען, הינטער וועלכע עס ליגט אפשר בעהאלטען אן אמת'ע ליבע, דעמאלט קאנען זיך נאך באלד פערהיילען די וואונדען אין דער פרוי'ס נשמה און צווישען

גאַרניט פערשטעהען, אז דאַס פולשטענדיגע לייבליכע איבערגעבען זיך צום געליבטען מאַן מוז ניט נויטיגערווייז זיין דער צווייטער שריט נאָך דעם איבערגעבען פון הארץ אָדער אַפּטמאַל, נאָר פשוט, נאָך דעם ערשטען קוש. זיי קאָנען גאַרניט זעהען דעם חלוק צווישען ביידע, און קאָנען ניט מאַכען קיין גרעניצען. געוועגליך ווערען אזוינע פרויען נאָך מעהר פעראַכט פון זייער אייגען געשלעכט איידער פון דער מענליכער היפּאָקריטסטווע, די מענער, וועלכע האָבען זי צוערשט ארויפגעטריבען אויף דעם דאָזיגען וועג, נאָכדעם ווי זיי האָבען זיי פערפירט און אויסגענוצט.

אידעאַליזם אין דער פרוי. — איך האָב דאָ געברענגט עקס־טרעמע, הגם מיינסטענס זעהר געוועהנליכע און אַלטעגליכע פּאַלען. הגם אפילו איינזייטיג, אילוסטרירען זיי פונדעסטוועגען אַן אַלגעמיינע ערשיינונג פון דער ווייבליכער ליבע בעת התפּעלות. עס פערשטעהט זיך אז ערענסטע, העכער־שטעהענדיגע, דער עיקר קלוגערע פרויען, זענען גאַנץ אַנדערש, בערעכענטער, אפילו אין זייערע ליבעס־פּער־העלטניסען. אבער אין דער טיפעניש פון דער אמת׳ער בעגייסטערטער פרויען־ליבע איז אלעמאָל בעהאַלטען אַט דער אויבען געשילדערטער שטריך, ווי פיל ער זאָל ניט זיין פערשלייערט און פעראַנדערשט.

עס איז ניט תמיד די דרייסטקייט און אויך ניט תמיד זענען עס די העלדענטאַטען לויט דער מאָדע פון די פערגאַנגענע ריטער־צייטען, וועלכע זענען בכח צו געווינען די פרוי. אויך דרויסענדיגע מעלות, ווי למשל שעהנקייט, צירליכקייט, דער וואוקס פון דער באָרד, שפּילען אַ וויכטיגע ראָלע, הגם בכלל האָבען זיי וועניגער ממשות איידער די קער־פּערליכע שעהנקייטען פון דער פרוי אין דעם מאַן׳ס ליבע. אינטעלעק־טועלע הויכקייט, מאָראַלישע האַנדלונגען, בכלל גייסטיגע מעלות ביים מאַן, צינדען אויך אַן זעהר לייכט די בעגייסטערונג אין דער פרוי. אָבער נאָך שטאַרקער ווערט די בעגייסטערונג אין דער פרוי אויפגע־פלאַמט דורך דעם דרויסענדיגען ערפאָלג פון די מענער; אזוי צ. ב. דורך אנערקענטע שוישפּילער, טענאָרען, שריפטשטעלער, אַפּיצירען, און אלע יענע „בערימטקייטען“ וועלכע זענען דער צענטער פון עפענט־ליכען בליק. ניט־געבילדעטע אָדער גייסטיג נידעריגערע פרויען ווערען נאַטירליך אַ סך לייכטער בע׳כשוף׳ט פון דער קערפּערליכער קראַפט

ביי זיך אזוי לייבט ניט געקאַנט פועל'ען אזוי שענדליך און לייכטזי־
ניג צו פערפירען און שפעטער פערלאָזען יונגע מיידלעך, בפרט נאָך
ווען זיי וואָלטען זיך דערמאָנט מכח די אונגערעכטיגקייטען פון אונ־
זערע מנהגים און געזעצען. דאָ רעד איך זעלבסטפערשטענדליך בלויז
פון דער אמת'ער ליבע און ניט פון די געלד־אויספּרעסונגען וואָס ווע־
רען פראַקטיציררט פון א גרויסער צאָל, אָדער אליין געזונקענע פרויען,
אָדער פון פרויען וואָס זענען צו דעם שטאַנד ערצויגען געוואָרען פון
מענער: און אויך האָב איך דאָ ניט אין זין דעם עראָטיזם פון א סך,
בעזונדערס סעקסועל שוין ערפאַרענע פרויען, א פאַקט וועלכען מען
דאַרף ניט אָבלייקענען. איך קאָן ווייטער זאָגען, אז עס זענען פאַראַן
אפילו אזוינע פרויען, וועלכע ווערען פאַלש צו זייערע אייגענע מענער,
לאָזען זיך פערפירען פון אלערליי דאָן זשואַנס. ניט האָבענדיג דערביי
קיינמאָל אין זייער גאַנץ לעבען די קלענסטע ליבידאָ סעקסואַלים אָדער
אפילו געפיהלט איין אָרגאַזמוס ווענעריקוס. זיי לאָזען זיך אריינשלע־
פען אין בלאָטע, זיי לאָזען זיך בערויבען פון זייער פערמעגען, זייער
רעפּוטאַציע און פאַמיליע; פון די זעלביגע מענער גופא פון וועמען
זיי זענען פערפירט געוואָרען, לאָזען זיי זיך אפילו טרעטען מיט די
פיס און, דאָך בלייבען זיי געטריי צו זיי. מען פערדאַמט זיי אלס די
נידעריגסטע ברואים, אלס פרויען אָהן א ברעקעל געפיהל פון פליכט.
אָבער אין דער אמת'ן זענען זיי פשוט שוואַכע, ווידערשטאַנדס־אונ־
פעהיגע בעשעפענישען, וואָס זענען ניט בכח אָבצוזאָגען קיין שום
מאַן'ס פאָרשלאַג אָדער אנדייטונג, אבער וואָס וואָלטען דורך א ריכ־
טיגער פּסיכאָלאָגישער פירונג געוואָרען אפטמאָל די געטרייעסטע און
בעסטע פרויען. עס קלינגט אונגלויבליך און דאָך איז עס אמת: אין
דער דאָזיגער קאַטעגאָריע זענען אפילו פאַראַן די פעהיגסטע פרויען,
פרויען וואָס זענען בעשאַנקען מיט די גרעסטע טאַלאַנטען. אין אזא
פאַל זאָגט מען וועגען זיי, אז זיי פעהלט דער מאָראַלישער חוש, אבער
דאָס איז אבסאָלוט ניט אלעמאָל ריכטיג. זיי קאָנען אין אנדערע
פּרטים דוקא זיין פליכט־געטריי, אויפּאָפּפערענדיג, אפילו ענערגיש און
העלדיש. אבער זיי זענען אויף אזוי ווייט שוואַך אַנטקעגען דעם מענ־
ליכען איינפלוס, אז זיי קאָנען גאָר ניט בעגרייפען ווי אזוי מען קאָן זיך
איהם שטעלען אנטקעגען. ביי זיי איז דאָס נאָכגעבען גאַנץ נאַטירליך,
אפילו זעלבסטפערשטענדליך, און ביי זיך אין דער נשמה קאָנען זיי

מיר קאָנען ניט שטארק גענוג ווארענען געגען דעם אופן ווי אונ־זערע מאָדערנע לעבעמענער דערנידעריגען און מיספערשטעהען די פרוי. אין דער פרוי'ס פערגעטערטער ליבע, אין איהרע אומארמונגען, אין דעם אופן ווי א יונג מיידעל גיט זיך אונטער אהן ווידערשטאַנד צו איהר סעקסועלען בעגער, גלויבען זיי, אז זיי זעהען א סמן פון עראָ־טיזם, פון א בעגער צום קויטוס, בעת דערפון, וועניגסטענס אין זעהר א סך פאלען, אויב טאקע ניט אין די מיינסטע פאלען, קאן ביי דער ערשטער פעריינינגונג קיין רייד ניט זיין. דער ערשטער קויטוס איז דאָך מיינסטענס פערבונדען מיט וועהטאָג, און אויב ניט, איז ער רייצ־לאָז, אָפטמאָל אפילו ווידערוויליג. אונצעליגע זענען די פאלען, וואו מיידלעך, ניט קוקענדיג וואָס זיי איז קלאָר די שרעקליכע סאָציאלע און אינדיווידועלע פאָלגען פון זייער שוואכקייט, טראָצדעם וואָס זיי האָבען שוין אפשר אמאָל געפיהלט דעם ביטערען טעם פון די דאָזיגע פאָלגען, האָבען זיך געלאָזט געשלעכטליך מיסברויכען, אָהן א סמן פון בעקלאָגען־זיך אָדער פארוואורף און אָהן דעם קלענסטען גע־שלעכטליכען גענוס, פשוט בכדי דעם מאן צו בעפרידיגען, איהם נאָכ־צוגעבען זיין בעגער, ווייל ער איז אזוי גוט, אזוי פריינדליך און אזוי ליב. דער סעקסועל ליידענשאפטליכער און עגאיסטישער מאן קאן מיינסטענס אזא סטאָיזם, אזא מין איבערגעבען זיך דערביי פער־קוקענדיג די אינטערעסען פון דעם אייגענעם איך גופא. דער מאן קאָן דאָס ניט בענעהמען און בעגרייפען. אין די ווייבליכע סענטימענטען לעגט ער אריין זיינע ליידענשאפטען און ער געפינט אין זיי אן ענט־שולדיגונג פאר זיין האנדלונג. פאוסט און גרעטכען אין געטהע'ס „פאוסט" גיבען אונז אין דעם פרט א קלאָר בילד:

זעה איך דיך, בעסטער מאן, נור אן,
וויים ניכט, וואס מיך נאָך דיינעם ווילען טרייבט;
איך האבע שאָן זאָ פיל פיר דיך געטאָן,
דאָס מיר צו טון פאָסט ניכט מעהר איבריג בלייבט!

מען מוז זיין בעקאַנט מיט די אלע פערהעלטניסען, בכדי גענוי צו קאָנען אבשאצען אין דעם פרט די טיפע געזונקענקייט פון אונזערע סאָציאלע אינסטיטוציעס אין זייער שייכות צו דער פרוי'ס לעבען. ווען די מענער וואָלטען ניט אזא טעות געהאט אין דער פרוי, וואָלטען זיי

דועל־עגאיזם. אין דער אמת'ן, וואס טוט מען דארט, וואו צוויי פער־ליבטע לעבען אויסשליסליך בלויז איינער פאר'ן אנדערען, און איינער פון זיי שטארבט? מוז דען דער איבערגעבליבענער ניט אריינפאלען אין דער טיפסטער פערצווייפלונג אהן א פיצעל טרייסט? אלעס צו וואס זיין הארץ האט געצויגען איז טוידט, זיין ליבע האט ווייטער פון דעם ניט געשטראלט און איז ניט אריבער אויף אנדערע מענשען אדער אויף אלגעמיין מענשליכע אינטערעסען. בפרט די פרוי, די אלמנה, זי ווערט כמעט אזוי אונגליקליך ווי די פערזעסענע אלטע מויד, הגם אויף אן אנדערען אופן, אזוי גיך ווי זי האט פערלוירען דאס אדער די אביעקטען פון איהר אויסשליסליכער ליבע. אט דעריבער האט די פאדערונג זיך צו פערינטערעסירען מיט געזעלשאפטליכע ארבייטען א ממשות אויף פאר דעם פערהייראטען פארפאלק.

מיר מוזען דא ווידער בעטאנען, אז ביי דער נארמאלער דורכשניטליכער פרוי, בעזונדערס ביים מיידעל, האט די ליבידא סעקסואליס וועניגער אימפולס און איז אונטערווארפען אונטער דער העכערער פסיכישער ליבע. דעם מיידעל'ס ליבע איז א געמיש פון א פערגעטערטער בעוואונדערונג פון דעם מענליכען מוט און גרויסקייט, און א בענקשאפט נאך ליבע און אומארמונגען; זי וויל ווערען אויסערליך בע־הערשט פון א מאן אבער אינערליך וויל זי איהם בעהערשען מיט איהר ליבע. אט די דאזיגע פערגעטערונג צוזאמען מיט דער פאסיווער סעקסועלער ראלע פון דער פרוי, רופט אין איהר ארוים א צושטאנד פון בעגייסטערונג, וועלכע גרעניצט זיך אפטמאל מיט עקסטאז און צו־ברעכט אין איהר דעם גאנצען ווידערשטאנד פון ווילען און שכל. די פרוי גיט זיך איבער אדער אונטערווארפט זיך צו דעם מאן וועמען זי פערגעטערט אדער וועלכער האט זי דורך זיין געוואגטקייט היפנא־טיזירט און פערשטאנען צו בעזיגען. זי איז בעטויבט דורך זיינע אומארמונגען. זי פאלגט איהם אהן ווידערשטאנד, און אין דעם דאזיגען צושטאנד איז זי פעהיג און פארטיג פאר איטליכער נארישקייט. הגם מיינסטענס אזא סטאזיס, אזא מין איבערגעבען זיך דערביי פער־ער פונדעסטוועגען זיין בעוואוסטזיין אין ערך א סך וועניגער איידער די פרוי. מיר קאנען דעריבער גאנץ דרייסט זאגען, אז די מאכט פון די געפיהלען ביי דער פרוי זענען, טראץ איהר פאסיווער ראלע, גרעסער איידער ביים מאן.

מעהר, וואָס די פרויען זענען אימשטאַנד אויפצוטון און ניט נאָך מעהר האָפנונג פאַר דער צוקונפט.

אָבער וואָס איז נוגע דער אַלטער פערזעסענער מויד פערמאָגט זי איבערגענוג קאַפּריזען און משוגעת'ען מיט וועלכע זי געהט אין ערך נאָך אריבער דעם אַלטען בחור. איהר פעהלט די פעהיגקייט צו שאַפען עפּעס זעלבסטשטענדיג מיט איהר אייגענעם שכל; צוזאַמען מיט איהר ווייבליכער ליבע ווערט פערוועלקט און פערטרוקענט איהר גאַנצער פסיכישער איך. די קאַץ, דאָס שויס־הינטעל און די טעגליכע דאגות וועגען איהר אייגענעם ליבען איך און וועגען די קליינינקייטען פון דער בעל־הבית'ישקייט, פערנעהמען איהר גאַנצע נשמה א חוץ איין אָדער עטליכע ספּעציעלע קאַפּריזען. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס אַזוינע פרויען מאַכען בכלל א טרויריגען און לעכערליכען איינ־דרוק; מען קאַן זיי בעטראַכטען פאַר די פערדאַרטע פּירות אויף דעם בוים פון לעבען.

צווישען די דאָזיגע צוויי עקסטרעמען איז פונדעסטוועגען פאַראַן א גרויסע קאַטעגאָריע ניט־פערהייראַטע פרויען, וועלכע געפינען זייער ערזאַץ פאַר דער סעקסועלער ליבע אין דער געשלעכטסלאָזער ליבע צו עפּעס א קרוב אָדער פריינד, מאַן אָדער פרוי. דאָס האָט א בעסערע ווירקונג אויף איהר פסיכישען צושטאַנד, און דער תהום ווערט טיילווייז אויסגעפילט. געוועהנליך איז דאָס אָבער ניט גענוג. אַזאַ ערזאַץ איז בלויז א הילף אין א נויטפאַל; דער פועל יוצא איז א טרויעריגער. מחמת די האָריזאָנטען זענען געוועהנליך צו שמאָל צו וועלכע עס פירט די אָבגעגרעניצטקייט און דער עקסקלוזיוויזם פון אַזאַ טרייע ליבע. אויב די געליבטע פערזאָן שטאַרבט, איז זי אינגאַנצען פערלוירען. זי ווערט בעפאַלען פון א פערצווייפלונג, בעטריבטקייט און פעסימיזם, וואָס וועלען זי אַזוי גיך ניט פערלאָזען, אויב זי וועט ניט, ווי עס גע־שעהט מיינסטענס, געפינען אַביסעל טרייסט אין דער רעליגיעזער בעגייסטערונג, וועלכעס, הגם, מען קאַן אויך מערקען ביי די איבעריגע קאַטעגאָריעס. די לעצטע כאַראַקטעריסטישע אייגענשאַפט בעגעגענען מיר טיילווייז אויך ביי פערהייראַטע פרויען, און ביי אַלע פרויען בכלל.

די פּאַסיווע ראָלע פון דער פרוי. דער געשלעכטס-טריב. — מיר האָבען פריהער געזעהען, אַז אַן אידעאַלע ליבע זאָל ניט זיין א

האָבען שוין אויבען געזעהען, רעדענדיג וועגען דעם מענליכען עראָטיזם (זעה צ. ב. שאָפּענהויער).

## די פּסיכישע אויסשטראַלונגען פון דער סעקסועלער ליבע ביי דער פרוי.

רעדענדיג מכח דער ליבע פון מאַן האָבען מיר שוין בערירט אַ סך פּונקטען וועלכע ווייזען דעם חלוק צווישען זיין ליבע און דער ליבע פון דער פרוי. די שאַרפסטע אייגענשאַפט פון דער פרוי׳ס ליבע איז, די הערשענדע ראָלע וואָס זי פערנעהמט אין איהר געהירן. ביי דער פרוי איז זי אַ סך מעהר לעבענס-צוועק איידער ביים מאַן. אָהן ליבע הערט אויף אַ פרוי צו זיין אַ נאָרמאַלע פרוי.

די פערזעסענע. — מיר ווילען דאָ באַלד פון אָנהויב, צו דעם וויטערדיגען צוקניפּען אויך דאָס, וואָס מיר האָבען געזאָגט מכח די אַלטע בחורים. דאָס דאָזיגע איז ביז אַ הויכען שטאַפּעל נאָך שאַרפער ביי פערזעסענע פרויען. בכדי זיי זאָלען ניט פערלירען זייער ווייבליכע נאַטירליכקייט און, בכדי זיי זאָלען ניט ווערען פּסיכיש אַבנאָרמאַל, פערטרויערטע און נוצלאָזע עגאָיסטקעס, דאַרף דער ערזאַץ וואָס מוז אויספילען דאָס אָרט פון דער סעקסועלער ליבע זיין אַ סך גרעסער איידער ביים מאַן. אבער די פרוי, אַ דאַנק איהר נאַטירליכער אויפּאָפּפערונגס-פעהיגקייט וועלכע איז פערבונדען מיט אַן אויסגעהאַלטענקייט און פעסטקייט, קאַן דעם דאָזיגען ערזאַץ אין אַלגעמיין נאָך בעסער דערגרייכען איידער דער מאַן. ליידער אבער פערשטעהען דאָס ניט פיל פרויען. ווידער, יענע פרויען וואָס גיבען זיך אָב מיט העכערע פּראָבלעמען, געזעלשאַפטליכע ענינים, קונסט, ליטעראַטור, פילאַנטראָפּיע אָדער אַנדערע בעשעפטיגונגען, יענע פרויען וואָס טון דאָס מיט אַ טיפען אינטערעס, מיט דער פולסטער לעבענס-ענערגיע, אנשטאָט צו פערברענגען די צייט מיט נאַרישקייטען, קאָנען אין אַט יענע אַלע צווייגען פון געזעלשאַפטליכען לעבען זיך אַזוי אויסצייכענען און אין דעם געפינען אַזאַ בעפרידיגונג, אַז דאָס קאָן ווערען אַ רעלאַטיווער ערזאַץ און בעלוינונג פאַר דעם היזק פון דעם סעקסועלען ליבעס-גליק. אין דעם פּרט האָט מען די פרויען זעהר שלעכט אָבגעשאַצט. די מאָדערנע בעוועגונג פאַר דער פרוי׳ס פולשטענדיגער בעפרייונג בעווייזט אַלעמאָל

פערנאכלעסיגט אדער, ארדבה, ער ווערט א קליינליכער ארדנונגס־פעדאנט.

געווענליך איז דער אלטער בחור פעסימיסטיש און מרה־שחורה׳־דיג און ווערט גאר גיך קאפריזנע און נאריש. זיינע כאראקטער־שטרי־כען און אריגינאליטעטען זענען שפריכווערטליך. זיין עגאיזם בעגע־גענט קיינמאל ניט קיין גענענקראפט און זיינע אלטרואיסטישע ניי־גונגען האבען בכלל ניט אויף וואס זיך אבצושטעלען. די אנשטענדיג־קייט פון א טייל אלטע בחורים בעהאלט הינטער זיך ניט זעלטען גע־שלעכטליכע אבנארמאליטעטען. אבער אפילו אהן דעם ווערט דער בע־שיידענער און ציטערדיגער אלטער בחור ניט זעלטען מיזאנטראפיש און בעזונדערס, מיזאגיניסטיש, אויב זיין ארבייטס־קראפט ווערט ניט דורך עפעס א דרויסענדיגער אורזאך אבגעווענדט אויף אן אנדער גע־ביט. אן אנדער מאל ווידער פיהלט ער צו די פרויען א טיפע פערערונג און האט פאר זיי דאס הייליגסטע אנדענקען.

אלס א גאנץ בעזונדערע קאטעגאריע טיילען מיר אב יענע אלטע בחורים, וועלכע האבען ניט חתונה געהאט און זענען צוריקגעהאלטען צוליב העכערע מאראלישע אורזאכען, ווענעס לעבען איז א לעבען פון ארבייט און אויפאפפערונג, הגם אויך זיי זענען ניט מעהר ווי מענשען און ניט זעלטען האבען זיי אלערליי אייגענשאפטען פון דער פערזע־סענקייט. בקצור, אפילו די בעסטע אלטע בחורים פעהלט אהן ספק איין טייל פון לעבענס־צוועק, און דער דאזיגער תהום איז ניט בלויז א שטערונג אין זייער געפיהלס־לעבען, נאר ער האט אויך א ווירקונג אויף זייער גאנצען איך. בלויז זיין אלגעמיינע טענדענץ צום פעסי־מיזם און עגאיזם, וואלט שוין געווען א גענוגענדיגע אורזאך וועלכע וואלט בערעכטיגט אן ענערגישען פראטעסט געגען דעם איבערגעבען פון דער פרוי. די שארפסטע אייגענשאפט פון דער פרוי׳ס ליבע איז,

וואס איז שייך צו די אויסגעלאסענע אלטע בחורים, פאלען זיי מיינסטענס אריין אין דער ריכטונג פון דעם פארנאגראפישען גייסט אדער זיי דערקענען בלויז די ערגסטע זייטען פון דער פרוי. פון ערגער־ניש ווערט ער לייכט א מיזאגין, מחמת די אייגענשאפטען פון יענע פרויען, מיט וועלכע ער האט געהאט אינטימערע בעציהונגען, איז ער אפטמאל גענייגט צו צושרייבען צום גאנצען פרויען־געשלעכט. ווי מיר

ווערט אויך דעריבער זעהר אפט קרענקליך און פערבינדט זיך שפעטער זעהר לייכט מיט סעקסועלע פסיכישע קראנקהייטען.

צניעות איז אזוי צו זאגען א קאדיפיצירט (סיסטעמאטיזירט) אדער דאגמאטיזירט סעקסועל שעם־געפיהל, און עס איז שוין דערפאר אליין גרונדלאז, מחמת די אורזאך פון דעם געפיהל איז א ריין קאנ־ווענציאנעלע, און דער מענש האט קיין שום אמת'ן ארגומענט זיך צו שעמען מיט וועלכען ניט איז טייל פון זיין קערפער. נארמאל קאן מען בלויז בערעכטיגען יענע בושה וועלכע האט א שייכות צו נידעריגע מאטיוועו און צו דער געזונקענקייט פון דעם אמת'ען מאראלישען געוויסען.

דער אלטער בחור. — די וויכטיגקייט פון די פסיכישע אויס־שטראלונגען פון ליבע ביים מאן זעהט זיך אפשר אמדייטליכסטען ארויס אין זייער נעגאטיווער זייט, אויס דער פ ע ר ז ע ס ע נ ק י י ט, ב ח ו ר'ש א פ ט. געוויס, היינט צו טאג מיינט בחור'שאפט אין זעל־טענע פאלען דאס אבזאגען זיך אדער דאס פערווארפען פון דער בע־פרידיגונג פון געשלעכטס־טריב. הגם, ווענינסטענס בכלל, מיינט זי דאס אבזאגען זיך פון ליבע. עס זענען דעריבער פאראן, אויב מען וויל, צווייערליי אלטע בחורים, נזירים, אזוינע וואס זענען איינגעהאלטען און אזוינע וואס זענען אויסגעלאסען. אבער דיביידע סארטען אלטע בחורים זענען זיך פסיכאלאגיש מעהר ענליך איידער דער פערהייראַ־טער מאן און דער פאמיליען־פאטער. דער תהום און דער היזק אין לעבען פון דעם אלטען בחור איז אין ערך קלענער איידער דער היזק אין לעבען פון דעם פערזעסענעם מיידעל. אבער אויך ביי איהם זעהט ער זיך דייטליך אז. ער אויך דארף האבען עפעס מיט וואס אויסצופילען דעם לעדיגען פלאץ פון ליבע און פאמיליע. אבער דאס מענליכע געהירן קאן זיך דעם דאזיגען עפעס א סך גרינגער פערשאפען אין וועלכער ניט איז שווערער גייסטיגער ארבייט אדער לעבענס־אויפגאבע איידער די פרוי. פאר זיינע טיפערע אינסטינקטען געפינט ער אויך א רעלא־טיווען ערזאץ אין הינט, קעץ, פאפוגייען, מתנות, זאמלונגען, אדאפ־טיוו־קינדער, געוואוינהייטען א. אז. וו. דערמיט פאלט ער לייכט אונ־טער דעם פאנטאפעל פון א טיראנישער אלטער בעל־הבית'טע, אדער זיין קליינע בעל־הבית'ישקייט ווערט פערלאזען, און ער אליין ווערט

שעמט זיך מיט זיין עראָטיזם, בעת אַן אַנדערער שעמט זיך, אדרבה, ווייל ער איז צו ווייניג עראָטיש, אַלעס וועדליג דער הערשענדער מיינונג פון דער סביבה. ווי האַוועלאָק עלליס האָט ריכטיג בעמערקט, איז דאָס סאָציאַלע שעם־געפיהל געבויט אויף דער מורא, ניט אַרויסצורופען אַ ווידערווילען ביי אַנדערע.

מיר האָבען שוין געזעהען, אַז די מאָדע צו ענטבלויזען אָדער צו בעדעקען געוויסע טיילען פון קערפּער, בעשטימט דעם גראַד פון שעם־געפיהל, און אַז פעלקער וואָס געהען נאַקעט שעמען זיך בעת זיי זענען אָנגעטאָן פּונקט ווי מיר שעמען זיך מיט אונזער נאַקעטקייט. בכלל אָבער ווערען אַזוינע מאָדעס זעהר שנעל איבערגענומען, און דיזעלביגע ענגלישע מיס, וועלכע שעמט זיך מורא'דיג אין ענגלאַנד דערזעהענדיג בלויז אַ ברעקעל פון אַ נאַקעטען פוס אָדער אָרעם, שעמט זיך גאָרניט אין די טראָפּישע קאָלאָניעס און בעטראַכט גאָר אין גיכען פאַר גאַנץ נאַטירליך צו זעהען מוטער־נאַקעטע נעגערס אַרומשפּרינגען אין איהר געגענוואַרט. די ענטוויקלונג פון אַן איבערגעטריבענער בושה פירט צו פאַלשע צניעות, וועלכע טראָגען מאוס'ע פּירות, הגם ניט אַזוינע שלעכטע ווי די פּאָרנאָגראַפיע. עס זענען פאַראַן יונגע מענער וואָס זענען אַזוי שעמעדיג, אַז דער בלויזער געדאַנק מכח געשלעכטליכע ענינים דערשרעקט זיי און רעגט זיי מורא'דיג אויף, און פערבינדענדיג זיי מיט זייערע עראָטישע געפיהלען און פאַנטאַזיעס, מיט וועלכע זיי שעמען זיך, מאַלען זיי זיך אויס דאָס געשלעכטס־לעבען אין די שרעקליכסטע פאַרבען און זיי פיהלען זיך דערביי טיף אונגליקליך. זיי ווערען אויף אַזאַ אופן ניט זעלטען געטריבען צום אָנאַניזם, פאַר וואָס זיי האָבען, געוואַלדיג מורא, זיך פאָרשטעלענדיג זיינע פאָלגען אין די פינסטערסטע קאָלירען, אַז לסוף פיהלען זיי זיך פולשטענדיג פערלוירען. זיי האָבען אפילו ניט דעם מוט — און ווידער טאַקע אויס בושה און בעשיידענקייט — זייער בעטריבטקייט צו דערציילען אַ פערטרויליכען מענש. אַזוינע אונגליקליכע מענשען ליידען שרעקליך טיף אין זייער נשמה. זיי ווערען טיף פערצווייפעלט און ליידער געפינען זיי זעהר ווייניג קלוגע מענשען וואָס קאָנען זיי טרייסטען; פון איין זייט לאַכט מען זיי אויס בעת פון דער אַנדערער זייט פערגרעסערט מען נאָך זייער שרעק מיט די נאַרישסטע בעהויפּטונגען. דאָס סעקסועלע שעם־געפיהל

סיוועז ווילעז און מיט א בעגרעניצטער אינטעליגענץ. דאָס פירט צו שטורעמדיגע סצענעס, צו די גרעסטע געוואלט־ריסעז אין דער ליבע און אפילו צו די ליידענשאפטליכסטע פערברעכענס. כאראקטעריס־טיש אין אזוינע פאלעז, בעזונדערס ווען די אייפערזוכט שפילט מיט, איז דער אָפטער מאָרד פון דער געליבטער פרוי און אויך זעלבסטמאָרד.

אז מען בערעכענט רוהיג די זאך, קאָן מען לייכט דאָס פערברע־כען דערקלערען דורך עגאָיזם און, אזא דערקלערונג איז טאקע מיינס־טענס א ריכטיגע ; אבער ניט אלעמאָל. א טיפע פערצווייפלונג קאָן אָפטמאָל, אָהן ראכע־מאָטיוועז אָדער אָהן אייפערזוכט, פירען צו די זעלביגע פערברעכענס. דער בלויזער שטורעם פון ליידענשאפטען אין אזוינע פלאָך־קעפּ טרייבט זיי צו אימפּולסיווע אקטען, די מאָטיוועז פון וועלכע זענען מיינסטענס זעהר שווער צו אנאַליזירען. נאָך אזוינע מאָרד־ און זעלבסטמאָרד־טראַגעדיעס ביי וועלכע דער זעלבסטמאָרד איז ניט געלונגען. גיט דער מערדער געוועגליך די פאָלגענדע דערקלע־רונג : „איך בין געווען אזוי פערצווייפעלט און אזוי צורודערט, אז איך האָב ניט געזעהען קיין אנדערען אויסוועג ווי נאָר אונזערביידע'ס טויט" א. ד. גל.

**פאַלשע צניעות און דאָס שעם-געפיהל.** — מיר האָבען שוין פריהער געזעהען, אז דאָס געפיהל פון שעמען־זיך האָט זיין אורשפּרונג אין דער מורא און בעשיידענקייט פאר אלצדינג וואָס איז ניט־געוועג־ליך און ניי. אמטיפּסטען איז דאָס געפיהל ביי קינדער, וועלכע שעמען זיך פאר אלעס, וואָס איז אנדערש ווי דאָס, וואָס זיי זענען געוואוינט צו זעהען אין זייערע שפּילען. אזוי פערשטאַנען, איז דאָס סעקסועלע מענליכע שעם-געפיהל און בעשיידענקייט געבויט אויף דער מורא פאר דאָס נייע. אין דער נעגענוואָרט פון פרויען פעראט זיך עס דורך אונגע־שיקטקייט, אונזיכערקייט א. אז. וו., הינטער וואָס דער עראָטיזם איז אָפטמאָל זעהר שלעכט בעהאלטען. דער בעשיידענער און שעמעדיגער בעהאלט מיט דער גרעסטער פארזיכטיגקייט זיינע געשלעכטס-געפיה־לען פאר אנדערע מענער. אין זיך גופא איז פאר דער פּסיכאָלאָגיע פון שעמעדיגקייט בכלל קיין חלוק ניט פאר וועלכער זאך מען שעמט זיך און מען קאָן זיך שעמען פאר זאכען וועלכע זענען ניט נאָר זעהר פער־שידען, נאָר אפילו פאר דורכויס געגענגעזעצטע זאכען. איין יונגערמאַן

העז ארום זיין איך, בעת ער אליין רעדוצירט זיין ליבעס־פליכט אנט־קעגען זיין געליבטער פערזאָן ביז צו א מינימום. ער רעדט איין אי זיך און אי דעם אביעקט פון זיין ליבע ענדליכע לעבענס־פרינציפען און כללים; ער פאָדערט פון איהם אויסערגעוועגליך א סך און גיט איהם צוריק אויסערגעוועגליך וועניג, אבער ער זעהט דאָס אבסאָלוט ניט. פונקט פערקערט פירט זיך אויף דער אלטרואיסטישער, גוטער מענש. רוהיגע און לעבעדיגע נאטורען ליבען אי אנדערש און אי זיי פיהלען אנדערש ווען זיי ליבען. דאָס אייגענע זעהט זיך ביי נארישע אָדער אינטעליגענטע, ביי גראָבע אָדער געבילדעטע נאטורען. אויך דער ווי־לען שפּילט דאָ א געוואלדיגע ראָלע; איינעם'ס שוואכקייט און אימ־פולסיוויטעט, אזוי גוט ווי די ווילענס־קראפט שפיגלען זיך אב אין די ליבעס־פערהעלטניסען. בנוגע צום לעצטען שטעהט די פרוי העכער א דאנק איהר גרעסערער אויסגעהאלטענקייט און קאָנסעקווענץ אין דער ליבע. בקצור, ווי איך האָב שוין געזאָגט, עס עקזיסטירט כמעט ניט קיין פסיכיש געביט, וואָס זאָל ניט ווערען בעיינפלוסט פון דער ליבע און, פערקערט, וואָס די ליבע זאָל איהם ניט בעיינפלוסען. אפילו די אינטעלעקטועלסטע בעשעפטיגונגען ווערען בעיינפלוסט און אויפגע־מונטערט דורך א גליקליכער ליבע, און פערקערט, אָפטמאָל געבונדען דורך אן אונגליקליכער ליבע. נאָך מעהר, אפילו יענע קאָפּ־העלדען, וועל־בע זענען געוואלדיג שטאָלץ אויף זייער קאלטער אביעקטיוויטעט, צ. ב. וויסענשאפטס־מענער, ווערען אין זייערע וויסענשאפטליכע אנ־שטרענגונגען אָפטמאָל ניט קנאפּ בעיינפלוסט דורך דער קוואליטעט פון זייערע פערזענליכע ליבעס־געפיהלען, מחמת, ניט־בעמערקטערהייט מי־שען זיך אוים א מענשען'ס געפיהלען מיט זיינע, ווי ער מיינט, ריין אינטערעלקטועלע אנזיכטען און זיי ווערען בעיינפלוסט א סך מעהר ווי מען שטעלט זיך געוועגליך פאָר. די אזוי־גערופענע געפיהלס־מענשען שטעהען דאָ נאַטירליך אין דער סאמער ערשטער ליניע. אין דער ליבע זענען זיי צוויי־שאַרפיגע שווערטען. די אינטענזיטעט פון זייערע גע־פיהלס־רעאקציעס און זייערע געמיהטס־צושטאנדען, טרייבט זיי גאָר גרינג פון איין עקסטרעם צום אנדערען: פון א הימעל־הויכער נאַרי־שער התפעלות ביז צו דער טיפסטער מעלאנכאָליע, און אָט טאקע באלד צו א פלאקערדיגען צאָרן! די לאַגע ווערט בעזונדערס ערענסט, ווען זייער געפיהלס־אויסברוך געהט צוזאמען מיט א שוואכען, אימפּול־

כל סוף צו דער איבערצייגונג, אז דער צווייטער האָט טאקע די מעלות און ער גופא פערווירקליכט זיי שפּעטער אויך, לכל הפחות טיילווייז, אָדער ער „ערווערבט זיי, כּדי זיי צו בעזיצען“ (געיטהע).

די ערגסטע איז יענע צבוע'אצטווע וועלכע איז דאָס פּראָדוקט פון שמוציגע געלד־אינטערעסען, אָדער פון א רויהער ליבידאָ אהן ליבע און אויך יענע וואָס ווערט בעשאפען אונטער דעם דרוק פון קאָנווענ־ציאָנעלע אָדער רעליגיעזע מנהגים. די גוטע היפּאָקריטסטווע בעשטעהט דעריז, וואָס מען זוכט פאר אנדערע און אפילו פאר זיך אליין צו בע־האלטען די אייגענע רויהע געפיהלען, נייגונגען און ליידענשאפטען, זיי צו דערשטיקען, און אויף זייער פּלאץ זיך גופא איינרעדען, סוגע־רירען, ווי ווייט מעגליך פיינערע און ליבליכערע אייגענשאפטען און אויף דעם אופן, מיט א ניט־אייגעננוציגער אבזיכט, צו בעיינפלוסען דעם מענש וואָס מען ליבט מיט עדעלע און גוטע געפיהלען. די דאָזיגע צבוע'אצטווע איז אין דער אמת'ן אן אונדירעקט פּראָדוקט פון דעם אלטרואיזם, בעת דער גריבלענדיגער שכל זעהט מיט וועהטאָג, טייל־מאָל דעם מאנגעל פון ספּאָנטאנע סימפּאַטיע־געפיהלען אָדער אן אנ־דערס מאָל טיפע געפיהלען פון עקעל און ערגערניש, און ער שטרעבט דעריבער מיט דער גרעסטער מיה דעם דאָזיגען צושטאַנד זיינעם צו פּערדעקען מיט היפּאָקריטישע אויסדרוקען פון סימפּאַטיע, פאר וועל־כע ער זוכט אן אָביעקט, און וועלכע ער וואָלט געמאכט דויערהאפט. מיט אזוינע ערענסטע בעמיהונגען איז מען גאנץ אָפט בכח צו פער־בעסערן די פעהלערס פון וועלכע מען ליידט און צו דערשטרעבען די געווינשטע געפיהלען. אבער, עס פערשטעהט זיך, די דאָזיגע אנשטרענ־גונג טאָר ניט דעגענערירען די געליבטע פערזאָן, וועלכעס קאָן זיין דער פועל יוצא פון אן אומגעלומפּערטער בלינדער איבערטריבענקייט און איינזייטיגקייט, אָדער פון א פּשוט'ער פערצערטעלטקייט.

די עגאָיסטישע ליבע. — אייגענטליך פערשטעהט זיך אליין, אז די פּסיכישע אויסשטראלונגען פון געשלעכטס־געפיהל ווערען שטארק בעיינפלוסט פון דעם פּערליבטען'ס אינדי־ווידואליטעט. דער עגאָיסט ליבט אויף א נאַיוו עגאָיסטי־שען אופן. פראזען און שעהנע ווערטער פעהלען איהם דוקא ניט, אָבער ביי איהם קומט אויס, אז אלע געפיהלען און מאָטיוווען מוזען זיך דרע־

גיש געזעץ פון די ליבעס־אילוזיעס און זייערע געגענגעזעצטע רעאק־
ציעס.

צווייטענס האָט די אבנאָרעריי אויך איהר גוטע זייט. ניט אומ־
זיסט האָט א חכם געזאָגט: „די צבוע׳אָצטווע איז א פשרה צווישען
זינד און טוגענד". אין זייער נאַקעטקייט זענען אָפטמאָל די מענשליכע
געדאנקען אזוי רויה און וואולגאר, אזוי עקעלדיג, אז אביסעל פאַרב
וועט גאָרניט שאדען און, אויב זי קומט פון א געפיהל פון שאנד אָדער
גוטען ווילען, פערדינט די היפאָקריטסטווע אביסעל פון יענעם לויב
וואָס דער הומאָריסט מארק טוואין האָט איהר געגעבען אין זיין סאַ־
טירע: „די דעקאַדענץ פון דער קונסט פון ליגען־זאָגען".

און לסוף ווערט די היפאָקריטסטווע אין דער געשלעכטס־פּראַגע
דירעקט ארויסגערופען דורך דער טיראניי און באַרבאריי פון די אזוי־
גערופענע פיינע זיטען און, אפילו די געזעצען. אין שייכות צו דעם איז
זי אַן ענטפער פון דער מענשליכער נאַטור אויף אַזוינע פארמען און
מנהגים, וועלכע זענען טיילווייז די פּרוכט פון דעם רעכט פון שטאַר־
קערען, טיילווייז פון דעם רעליגיעזען אבערגלויבען אזוי גוט ווי פון
די דאָגמעס וואָס זענען פון זיי ארויסגעוואקסען.

מיט די ווערטער ס ע ק ס ו ל ע  ה י פ אָ ט ק ר י ט ס ט־
ו ו ע מיין איך נאַטירליך ניט יענע שמוציגע פאָרמען פון היפאָק־
ריטסטווע וועלכע דער מאַן נעהמט צו הילף כדי אונדירעקט אויסצו־
נוצען די ליבע צוליב געלד־צוועקען, זי אויסצונארען, כדי צו קריגען
א רייכע כלה. איך מיין נאָר יענע היפּאָקריטסטווע וועלכע ווערט בע־
שאפען פון דעם געשלעכטס־טריב גופא אָדער פון דער ליבע.

אָט פון דעם שטאַנדפּונקט מוז מען אבשאצען די געשלעכטליכע
היפּאָקריטסטווע און בעזונדערס וואָלט איך געוואלט בעטאנען דוקא
איהרע גוטע זייטען דערפאר, ווייל, צום ביישפּיל, אין פערהייראטען
לעבען העלפט זי אפילו אין צבוע׳יאַק גופא צו ערציהען עדלע גע־
פיהלען; בעת מען אונטערשטרייכט און מען טרייבט אביסעל איבער
די מעלות פון דער פרוי (אָדער, פערקערט, פון מאַן), ווערען זיי טאקע
פערשעהנערט און פערבעסערט. אויב מען זאָגט זיך קיין אנדערע זאך
ווי בלויז ביטערע אמת׳ן, דערשטיקט מען און מען דער׳הרג׳עט אין
גיכען די ליבע. פערקערט, ווען איינער שרייבט צו דעם אנדערען די
בעסטע מעלות וואָס זענען נאָר מעגליך, קומט איטליכער ביי זיך סוף

ניט געזאָגט קיין ליגען. אָבער אין ערגיץ ניט ווערט ניט געזאָגט אַזוי פֿיל ליגען ווי אין דעם פּרט און, הגבֿ, גאַנץ ערליכע מענער האָבען ניט קיין שום געוויסענס-ביסען דווקא דאָ זייערע פֿרויען אָבצונאַרען, און זיך פֿאַר זיי צו בעהאַלטען. עס איז קוים נויטיג דאָ צו רעדען פֿון דער היפּאָקריטסטווע אין דעם ליבעס-שפּיל, מחמת זי איז איינע פֿון די טאָג-טעגליכסטע און באַנאַלסטע ערשיינונגען. מען דאַרף אָבער אויך דאָ ניט זיין צו פֿיל שטרענג און מען מוז אָנערקענען מילדערע אומ-שטענדען.

ערשטענס קאָנען מאָמענטאַנע עראָטישע געפֿיהלען אַזוי פֿער-בלענדען דעם מענש, אַז ער טאַקע גופֿא איז איבערצייגט אין דער איי-ביגקייט פֿון זיין ליבע און איבערגעבענקייט, וועלכע ער פֿערשפּרעכט דעם אָביעקט פֿון זיין עראָטיזם און, די גערטליכע אייגענשאַפֿטען מיט וועלכע ער בעפּוצט איהם, גלויבט ער טאַקע באמת צו זעהען. דורך אי-לוזיעס בענאַרישען זיך צוויי מענשען וואָס האָבען זיך געגענזייטיג אויפגערעגט, און מיר ווייסען, אַז ניט זעלטען בעוואַרפֿען זיי זיך שוין באַלד דעם צווייטען טאָג מיט די שרעקליכסטע שימפּפווערטער. ווער עס האָט דאָס ניט געזעהען, וועט עס ניט קאָנען גלויבען. מען דאַרף אָבער נאָר זיין אַן אונטערזוכונגס-ריכטער אָדער צו שטודירען די אַק-טען פֿון מאַנכע געריכטס-פּראָצעסען צו וועלכע עס האָט געפֿירט עפּעס אַ ליבעס-קריג אָדער אַן אָבגעלאָזטער שדוך צווישען צוויי פּראָסטע מענשען, צו לעזען די בריף וואָס דאָס פֿאַרפֿאָלק האָט זיך געשריבען אין פֿערשידענע צייטען פֿון זייער ליבעס-שפּיל, כדי זיך צו איבערצייגען אין דער ריכטיגקייט פֿון אונזער בעהויפּטונג. אין די ערשטע בריף פֿערגע-טערען זיך די פֿערליבטע מיט די גוזמא'דיגסטע ווערטער, האַלטען אין איין שווערען אייביגע ליבע און טרייקייט, און נאַרען איינער דעם אַנדערען און זיך אַליין אָב אויף דעם נאַרישסטען אופֿן. מען ווערט אָבער געפּלעפּט ווען מען זעהט די בריף וואָס זענען געשריבען געוואָרען בלויז עטליכע טעג שפּעטער אין וועלכע דאָס פּאָר בעשיט זיך מיט די גראָבסטע שאַנדווערטער און נידעריגסטע פֿערלוימדונגען. אָט אַזוי שנעל איז געקומען די „אויסניכטערונג" און, די הייסע ליבע צוזאַמען מיט אַלע איבעריגע אילוזיעס און לאָגיק האָבען זיך איבערגעקערט פּונקט מיט'ן קאָפּ אַראָב. אַזוינע קאָנטראַסטען קומען פֿאָר אַזוי אָפֿט, אַז מען קאָן אָהן מיה דערביי דערקענען דעם אויסדרוק פֿון אַ פּסיכאָלאָ-

דאָס מודה געווען און זענען געווען אמת איבעראשט, ווען איך האָב זיי געפּרופט געבען אַן אַנדערען בעגריף פון ליבע און פרוי, דערביי זיך ניט בענוצענדיג מיט קיין שום רעליגיעזער מאָראַליזאַציע. געוויס געדענקען נאָך די בעסערע עלעמענטען, די וואָס זענען צופעליג אַריינגעפאַלען אין דעם דאָזיגען סעקסועלען זומפּ, זייער מוטער אָדער זייערע שוועסטערס צו וועלכע זיי פיהלען אָפטמאָל אַ כמעט רעליגיעזען כבוד. די לעצטע בעטראַכטען זיי אבער פאַר אויסנאַהמס־מענשען, פאַר אַ פערלוירענעם מין פון האַלב־געטער, און זיי מערקען ניט, אַז אין זייער פּאָרנאָגראַפישען אבשאַץ פון דער פרוי בכלל, אַז אַבשאַץ וועלכער געהט אָפטמאָל איבער אין אַ טיפען פעסימיזם, דערנידעריגען זיי און שלעפּען אויך אַריין אין דער בלאָטע אַט יענע האַלב־געטער. די לעצטע ערשיינונג האָב איך אַמאָפטסטען בעגעגענט אין פראַנקרייך.

די דאָזיגע שילדערונג, קאָן זיין, וועט אין בעסערע געזעלשאַפטס־קרייזען אויסווייזען צו זיין איבערטריבען, ווייל פיינערע און עדעלערע נאַטורען האָבען דאָ אַ טבע נאָכצוטון דעם שטרויס־פויגעל, זיי דרעהען אוועק זייערע אויגען פון דעם פּאָרנאָגראַפישען זומפּ און מיידען איהם אויס אינסטינקטיוו. אבער דאָס מאַכט די זאַך ניט בעסער. די פאַקטען בלייבען ווי געווען און דערביי מוזען מיר דאָס פאָלגענדע געדענקען: דער געשלעכטס־טריב איז אויף קיין פאַל ניט קיין אויסגעלאַסענקייט און די סעקסועלע קאַלטקייט איז פונקט אַזוי ווייניג אַ טוגענד. ליבינדינגזע נאַטורען, אפילו ווען זיי זענען גוט, דאַרפען אָבער אַ שטאַרקען ווילען כדי בייצוקומען אַלע קינסטליכע פערפירונגען וועלכע רייצען איבעראַל זייער ליידענשאַפט. אַט דערפאַר ז.ערען אַזוי פיל, פון נאַטור אויס גוטע מענער, איינגעשלונגען פון דעם זומפּ. וואָס איז שייך די קאַלטע נאַטורען זענען זיי דאָ גראַד אין אַ בעסערער פּאָזיציע: זיי קאָנען דאָ אויף זיך לאָזען שיינען די הייליגע שטראַלען פון דער „טוגענד“ און מיט זיי פּרופען אַריבערצולייכטען זייערע פעהלערם און שוואַכקייטען, פון וועלכע זיי ליידען אויף אַנדערע געביטען.

די סעקסועלע אַבנאָרעריי. — די נייגונג אבצונאַרען איז אַן איינגענשאַפט וועלכע איז טיף איינגעוואָרצעלט אין דער מענשליכער נשמה. דער, וואָס בעהויפּט אַז ער האָט קיינמאָל ניט אָבגענאַרט, איז אַ ליגנער פונקט אַזוי גוט ווי דער, וואָס בעהויפּט אַז ער האָט קיינמאָל

די שמוציגסטע געשלעכטליכע בעציהונגען. אין זייערע אויגען איז די פרוי נאר א געגענשטאנד פאר דעם סעקסועלען גענוס, און איהר נשמה ערשיינט אין שפיגעל פון אט אזא סאטיר־געהירן אלס אן אונווירדיגע, עראטישע קאריקאטור וואס רופט ארויס אן עקעל אין איטליכען אנ־שטענדיגען און נארמאל דענקענדיגען מענש. א דאנק זיין גראבען ליי־דענשאפטליכען טריב האט זיך איהם אויך פאקטיש איינגעגעבען, ווער־ליג זיין אייגענעם אידעאל און פארשטעלונג, צו מארעלירען א גאנ־צע קאטעגאריע שוואכע פרויען. אבער אנשטאט אין דעם דאזיגען טיפ פרויען צו דערקענען זיין אייגענע שאפונג און זיין אייגען בילד, איז דער לעבעמאן גיכער געניינט, ווי מיר האבען שוין געזעהען, די דאזיגע פרויען צו בעטראכטען פאר דעם נארמאלען טיפ פון דעם ווייבליכען געשלעכט. מיט פעראכטונג קוקט ער אויף איהר אראב פון זיין מענליכער הויכקייט און ער ווייסט ניט, אז זי איז אויסשליסליך זיין אייגען ווערק; מחמת די היינטיגע, אבהענגיגע פרוי איז בכלל, פון סעקסועלען שטאנדפונקט, דאס, וואס דער מאן האט פון איהר געמאכט. דער קויטוס, זייער צאל און דעטאלען, די מאס און די פאר־מען פון די געשלעכטס־ארגאנען, די הנאה האבענדיג אנדערע מענער אונטערגעשטעלט א פוס און, מיט א בעזונדערען חשק די פאטהאלא־גישע אויסוואוקסען און פערווערזיעס פון דעם געשלעכטס־גענוס, זענען כמעט דער איינציגער ענין מיט וואס די געדאנקען און די געשפרעכען פון אזוינע פארנאגראפישע גייסטער גיבען זיך אב. איטליכער וויל אי־בערשפרינגען דעם צווייטען, און זייער גאונות אויף דעם דאזיגען פעלד ווערט מיינסטענס איבערגעטראפען נאר דורך זייער גייסטיגע פלא־טשיגקייט און פוסטקייט אין אלע אנדערע געביטען.

די פראסטיטוציע און די גאנצע מאדערנע סעקסועלע דעגענע־ראציע וואס זעגלען אונטער דער היפאקריטישער פאהן פון קריסטענ־טום, פון ציוויליזאציע און מאנאגאמיע, האבען אזוי ענטוויקעלט דעם פארנאגראפישען דענק־ און געפיהלס־צושטאנד, אז די מענער, וואס לעבען אין אזוינע סעקסועל פערדארבענע סביבות, שטאדטישע סביבות וואס שטעקען אליין מעהר און מעהר אין דאס דארף און לאנד, האבען ניט דעם פולען בעגריף פון אמת'ער ליבע און פון די נאטירליכע ערע־לע אייגענשאפטען פון די ווייבליכע געפיהלען; זיי איז בלויז געבליבען עטליכע בלאסע און לעכערליכע קאריקאטורען. א סך מענער האבען מיר

אונעק פון פאריז. קוים וואס זיין נאמען איז דערמאנט געווארען, הויבט זיך אויף א קוויטשעריי און א געשריי, פונקט ווי דער נאמען פון איינעם פון די גרעסטע גייסטיגע פירער וואלט דא אבגעקלונגען, און איך בין פלוצלינג געווארען דער צענטער פון דער גאנצער געזעלשאפט, און דאס בלויז צוליב דער איינציגער אורזאך וואס איך בין געווען בעקענט מיט יענער בערימטקייט. פערשטעהט זיך, עס האט מיך דערפון אזוי גענומען עקלען, אז בלויז א קאלטער דוש פון מיין זייט האט געקאנט מאכען א סוף צו דער דאזיגער התלהבות, און דאס האט, ווי עס האט אויסגעוויזען, ביי איינער אביסעל אינטעליגענטער אויסזעהענדיגער פרוי ארויסגערופען דעם געשריי: „נארישע מענער וואס איהר זענט, גלויבט איהר, אז מען דארף אייך צוליב אייך! מען וויל בלויז אייער געלט.“ זי איז וועניגסטענס געווען ניכטער און אויפריכטיג.

די סעקסועלע מענליכע בערימעריי קעמפט איינעם מיט דעם געשלעכטס־טריב געגען די העכערע אינסטינקטען, געגען דעם שכל און געגען די מאראלישע געפיהלען פון בעשיידענע און פיין פיהלענדיגע יונגע מענער, כדי זיי צו פערנארען אין דער נעץ פון פראסטיטוציע. אמלייכסטען געלינגט זיי דער זיג ווען זיי קומט צוהילף דער שפאט און דער אלקאהאליזם. אט דאס איז דער געוועגליכסטער פראצעס, דער וועג וואס פירט צו דער פערזומפונג פון דעם מענליכען געשלעכטס־לעבען, און וועלכער עס ליגט אויך בעגראבען איינע פון די עיקר־אורזאכען פון דער סאציאלער דעגענעראציע.

דער פארנאגראפישער גייסט. — דער געשלעכטס־טריב אין זיין אויפגערעגטען צושטאנד ווערט גערופען ע ר א ט י ז ם. ווען דער טריב ווערט כסדר קינסטליך קולטיווירט און געבויט אויף א ריינער חיה'שער ליידענשאפט, אהן פערבינדונג מיט העכערע עטישע און אינטעלעקטועלע צוועקען, ענטוויקלען זיך אין דער נשמה אויסשטראלונגען, וועלכע מען קאן בעצייכענען מיט דעם נאמען „פ א ר נ א ג ר א פ י ש ע ר   ג י י ס ט“. דער גאנצער קרייז פון געדאנקען און פארשטעלונגען פון אט אזוינע מענשען איז אזוי דורכגעזאפט מיט עראטיזם, אז זייער גאנץ דענקען און פיהלען איז פון איהם בעלויכטען. אין די אונשולדיגסטע ענינים געפינען זיי די קיצעלדיגסטע, מיינסטענס

התפעלות פאר דעם צווייפעלהאפטסטען ריטער, וועלען זיי זיך איהם איבערגעבען זייענדיג געבונדען ווילען און שכל, אויב נאָר זיין זיכערקייט און געוואגטקייט וועלען איהם נאָר ניט פערלאָזען.

איך וויל דאָ אויך זאָגען, אז אמאָפטסטען זענען עס שמאָל־קעפּיגע, דאגמאטישע און גייסטיגע קארליקעס וועלכע האלטען זיך געוואלדיג העכער פון ווייבליכען געשלעכט און וועלכע זענען צו זייערע פרויען אמת'ע טיראנען.

די מענליכע סעקסועלע בערימעריי איז אבער אויך פאר דעם מאן גופא דאָס גרעסטע אונגליק, מחמת זי טרייבט איהם צו עקסצעסען וועלכע זענען גרעסער פון זיין ווירקליכען נאַטירליכען בעגער. ער וויל אויסנעהמען ביי זיינע פריינד, יא אפילו ביי די גאסענפרויען, וועמעס מוח איז פול בלויז מיט סעקסואליזם. איך וועל קיינמאָל ניט פערגעסען א טיפּישע סצענע וואָס מיר איז אויסגעקומען דורכצומאַכען אין פּאריז ביים סוף פון מיין סטודענטען־לעבען:

א פרויען־העלד פון דעם דערמאָנטען שניט איז אין די אויגען פון די יונגע סטודענטען געשטאַנען אויפ'ן העכסטען שטאפּעל פון בערימטקייט צוליב זיין סעקסועלער פּאָטענץ. אזוי ווי איך האָב איהם פריהער געקענט, האָט מען מיר דערפון דערצעלט. איינמאָל האָבען מיך מיינע בעקאנטע געוואָלט בעקענען מיט די זיטען פון דעם לאַטיינישען קוואַרטאל, וועלכע האָבען מיך, הגב, דוקא געעקעלט. זיי האָבען מיך אריינגעפירט אין איינער פון די דאָרטיגע שמוציגע ביר־קנייפּעס, וואו עס האָבען זיך אויפגעהאלטען די געווענליכסטע הורען, וועלכע האָבען זיך אונטערשייד פון די עפענטליכע גאַסענפרויען דערמיט, וואָס די ערשטע האָבען זיך פאר א זעהר קורצער צייט אבגעגעבען בלויז מיט איין סטודענט און וועלכע האָבען אויך דערצו געמאכט דעם אַנשטעל, אז אויסער דעם געשלעכטס־פערקער פיהלען זיי אויך א געוויסע חבר'שאפט, א חבר'שאפט פון דעם נידעריגסטען מין, צו די דאָזיגע מוזען־זיהן. אלזאָ אין אָט דער קנייפּע זענען געזעסען מענער און פרויען ארום א ביר־טיש און געפירט די גראבסטע און שמוציגסטע געשפּרעכען, אין וועלכע עס האָט זיך נאָר געהאנדעלט וועגען געשלעכטס־טיילען און געשלעכטס־פערקער. מיט אמאָל שטעהט אויף איינער פון מיינע בעגלייטער און שטעלט מיך פאָר אלס לאנדסמאן און פריינד פון יענעם סעקסועלען העלד; וועלכער איז זינט א קורצער צייט

פאַלען, וואו די מענער האָבען מיט פונקט אזוי פיל מילדקייט און שכל בעהאנדעלט די ליבע פון זייערע פרויען מיט אנדערע מענער, יא אפילו זייער פולשטענדיגען איבערגאנג, און דאָס רעזולטאַט איז אלע־מאָל געווען גוט. עס פערשטעהט זיך, איך וויל ניט זאָגען, אז א מאַן זאָל טאָלערירען די פאַלשקייט און אונאַנשטענדיגקייט פון זיין פרוי, אָדער פערקערט.

סעקסועלע בערימעריי. — נאָך אן אנדערע אויסשטראַלונג פון דעם מענליכען געשלעכטס־טריב איז די סעקסועלע בערימעריי. זי האָט איהרע וואָרצלען אין זיין בעגייסטערטען זעלבסט־געפיהל, דאָס נתפעל־ווערען פון זיך אליין, וועלכעס איז צו פערדאַנקען דער מענליכער סעק־סועלער פּאָטענץ. דאָס דאָזיגע געפיהל, פונקט ווי די אייפערזוכט, איז אָהן א ספק אן איבערבלייבעניש פון אונזערע שטאַם־פּאָטערס און געפינט ביז א געוויסען שטאַפּעל איהר'ס גלייכען אין האָן און אין דער פּאַווע, און בכלל ביי פּאָליגאַמישע און רייך־געשמיקטע זכרים פון דער חיות ־ וועלט. הגם בדרך כלל איז ער ניט שעדליך, זענען אבער די פירות וואָס דער דאָזיגער אור־אינסטינקט גיט פון זיך ארויס ניט א סך שעהנער איי־דער די רעזולטאַטען פון אייפערזוכט. ער טרייבט דעם מאַן, קודם כל נאַטירליך דעם גייסטיג ווייניגער ענטוויקעלטען מאַן, זיך צו בערימען מיט זיינע סעקסועלע אויפטואונגען און צו איבערטרייבען זיינע גע־וואַלדיגע זיגען. נאַטירליך האָט דערביי דעם גרעסטען ערפאָלג ניט דער אומגעלומפּערטער בערימער, נאָר יענער וואָס דערצעלט זיינע חוצפות און וואַגענישען מיט א געוויסער רוהיגקייט און זעלבסטפערשטענדליכ־קייט. אזוינע דאָן זשואַנס וואָס זענען אין דער סעקסועלער פערפיר־קונסט ערפאַרען, טרעטען אויף מיט וואַגעניש און זיכערקייט און האָ־בען איבער דעם ווייבליכען געשלעכט אן אונגלויבליכע קראַפט, ווי נאַ־ריש און ווערטלאָז זיי זאָלען ניט זיין מכח אנדערע זאַכען. איין זאַך זענען זיי אינסטינקטיוו דערגאַנגען, און דאָס איז, די שוואַכקייט פון די פרויען אזוי בעיינפלוסט אָדער היפּנאָטיזירט צו ווערען דורך דעם מאַן'ס דרויסענדיגער בענעמונג און פאָרם, דורך א בעפעהלענדיגען טאָן, א געוואַגטע האַנדלונג, שפּיציגע וואָנצעס אָדער א דרייסט וואָרט, אז זיי פערלירען זייער שכל און, אריינפאַלענדיג אין דער העכסטער

נאר די מאראלישע געפאלענקייט; אויב אבער זי איז געבויט אויף ליבע און שכל, דארף זי דאך אדרבה ווערען געלויבט און רעספעקטירט. איך וואלט געוואונשען אז אלע אייפערזוכטס־העלדען און אלע פערערער פון אייפערזוכט זאלען נאכדענקען וועגען דעם פאלגענדען פאל:

אן אנגעזעהענער, געבילדעטער מאן, און א פאטער פון פינף האלב־דערוואקסענע קינדער, האט גליקליך געלעבט מיט זיין פאמיליע. אין א געוויסען טאג האט ער זיך בעקענט מיט זיין פרוי'ס א פריינדין, א זעהר געבילדעטע, אינטעליגענטע און רעספעקטאבלע אלמנה. די אפטע בעזוכען און די לאנגע געשפרעכען האבען געפירט צו אן אינטימ פערהעלטנים און דער סוף איז געווען א פייערדיגע געגענזייטיגע ליבע.ביידע זענען בעגאנגען דעם פעהלער, לאזענדיג די זאך דערגעהען וויים געגוג. אבער אלץ ניט צו ווייט, ווייל די אלמנה איז געווען אונענטשלאסען זיך פולשטענדיג איבערצוגעבען איהר געליבטען. ער האט זיך אין אלעס, אפילו אין דער קלענסטער איינצעלהייט, מודה געווען פאר זיין פרוי, דאס אייגענע האט געטון די אלמנה. אנשטאט צו ווערען אייפערזיכטיג, האט די פרוי די צוויי אונגליקליכע פערליבטע ניט בלויז בעהאנדעלט מיט מילדקייט און צערטליכקייט, נאר אויך מיט דער גרעסטער ליבע די דורכויסיגע ערליכקייט אין דעם פאל האט גרינגער געמאכט צו לעזען שטאפעלווייז אט דאס קאמפליצירטע פערהעלטנים; אבער די דאזיגע לעזונג וואלט אויך אפילו דעמאלט אנגענומען א רוהיגען גאנג, ווען די אלמנה וואלט געווען יא נאכגעגעבען און עס וואלט צווישען די צוויי פערליבטע דערגאנגען ביז צום פולשטענדיגען געשלעכטס־פערקער. זיין פרוי האט באמת דעם דאזיגען פונקט גענומען אין בעטראכט אין פאל דאס פייער וואלט מען אויף אן אנדערען אופן ניט געקאנט אויסלעשען. אט אזא מילדע און מענשליכע בעהאנדלונג פון אן אונגליקליכער ליבע, אין וועלכער אלע דריי צדדים זענען געווען גלייך פערינטערעסירט און געזארגט צו פערמיידען יעדען סקאנדאל און יעדען עפענטליכען שאדען פון זייערע געגענזייטיגע רעפוטאציעס, שטעהט געוויס, פון מאראלישען שטאנדפונקט אזוי ווי זיי איז שייכות מיט א טיפער איבערגעבענקייט, געוואלדיג העכער איידער אלע יענע אבשטויסענדיגע דועלען, אייפערזוכטס־סצענעס, גיטין, מיט אלע זייערע נאכוועהען. איך וויים אויך פון א סך

וועלכער האָט א בעגרינדעטען צווייפעל אין דער טרייקייט פון זיין פרוי צו איהם, האָט געווים דאָס רעכט, דורך טאַקטישע מיטלען זיך צו אי־בערצייגען אין דער ריכטיגקייט אָדער פאַלשקייט פון זיין חשד. אבער וואָס פאַר א זין האָט עס, צו זיין אייפערזיכטיג? טאָמער שטעלט זיך שפּעטער ארויס, אז זיין חשד איז געווען אָהן א גרונד, האָט ער בלויז, דורך זיין אייפערזיכטיגע האלטונג, זיין פרוי אומזיסט געקרענקט און געמאכט אונגליקליך. טאָמער אבער איז זיין פערדאכט א ריכטיגער, דעמאָלט זענען נאָר פאראַן צוויי ברירות: אָדער עס האנדעלט זיך אפשר וועגען א ליבעס־רויש וועלכער איז פון אַן אַנדערען מאַן סוגגע־רירט געוואָרען צו זיין, הגב גוטער, פרוי, וועלכע איז קאָן זיין דעריבער אונגליקליך, און קאָן ווידער צוריקגעברענגט ווערען אויף א גוטען וועג און פערדינט אונבעדינגט פערצייהונג פון איהר מאַן: אָדער, צווייטענס, עס האנדעלט זיך מכח אַן אמת'ער אויסגעלאַשענקייט פון יעדען פונק ליבע, אָדער די פרוי איז אַן אונווירדיגע, כאראקטערלאָזע בעטריגערין: אבער דעמאָלט ערשט איז די אייפערזוכט אודאי און אודאי נאריש און דאָס בעסטע איז א בערעכענטער און רוהיגער גט.

ליידער אָבער פערמאָגט דער מענש זעהר ווייניג כח צו קאָנטראָ־לירען זיינע געפיהלען, ווען זיי זענען שטארק, און דער מענש וואָס איז פון דער נאַטור, ד. ה. בירושה, אייפערזיכטיג, איז בכלל גענומען און־קורירבאר און ער פער'סם'ט מיט זיין אייפערזוכט אי זיין אייגען לעבען און אי דאָס לעבען פון זיין פרוי. אזוינע מענשען זאָלען קיינמאָל ניט חתונה האָבען.

אין די משוגעים־אנשטאַלטען, אין געריכטס־פּראָצעסען און אין ראָמאַנען שפּילט די אייפערזוכט אַן אונגעהייער וויכטיגע ראָלע, מחמת זי איז איינע פון די דאַנקבאַרסטע קוועלען פון מענשליכע טראַ־געדיעס און אונגליקען. עס פאָדערט זיך די דאָפּעלטע און כסדר'דיגע אָנשטרענגונג פון ערציהונג און צוכטוואהל, כדי די אייפערזוכט ווי ווייט מעגליך ארויסצורייסען פון מענשליכען געהירן. מיר הערען אָפטמאָל זאָגען וועגען א פרוי אָדער מאַן, אז זיי זענען „צו ווייניג אייפערזיכטיג", ווייל זיי זענען צו מילד און נאָכגעביג אנטקעגען זייע־רע געגענזייטיגע סעקסועלע נייגונגען. אויב די אורזאך פון אזא נאָכ־געביגקייט איז א צינישע גלייכגילטיגקייט אָדער גאָר פשוט'ע געלד־איגטערעסען, איז אין דעם ניט שולדיג דער קליינער גראד אייפערזוכט.

און ברוטאלע קראפט האבען גענענזייטיג געקעמפט. און ווען דער זיגרייכער ער האט פערמאגט א זי, האט ער זי אייפערזיכטיג געמוזט היטען כדי זי זאל ביי איהם ניט געברויכט ווערען פון אן אנדערען. דער־ביי האבען זיך צופלאקערט ווילדע קאמפען, אדער דאס געפיהל פון טרויריגקייט, נאך וועלכע עס איז געקומען די רעאקציע פון צארן און די שטענדיגע ניט־צוטרויליכקייט בעת א פרעמדער דערנעהענטערונג, א בליק אדער וואס־ניט־איז, וואס וועקט אויף דעם חשד, אז א קאנ־קורענט איז נאהענט.

די רעזולטאטען פון דער מענליכער אייפערזוכט אין דער גע־שיכטע פון מענשליכער הייראט, זענען באמת אונגלויבליך. איך וויל בלויז דערמאנען די אייזערנע גארטלען מיט שלעסער, וועלכע געפינען זיך היינט אין די מוזעען פון אלטערמיטליכקייטען, אייזערנע גארט־לען וועלכע די ריטער האבען אין מיטעלאלטער אנגעטון זייערע פרויען איידער זיי זענען אוועק אין מלחמה, בכדי אויף דעם אופן צו בערו־היגען זייער אייפערזוכט. א סך ווילדע פעלקער בעשטראפען זייערע פרויען מיט שווערע ליידען, און ניט זעלטען מיט טויט, ניט בלויז פאר אונטרייקייט, נאר אפילו פאר רעדען און זיין נאהענט צו א פרעמדען מאן. די אייפערזוכט מאכט פון דער הייראט א גיהנם. זי דערגעהט ביים מאן אפטמאל אויף א קראנקהאפטען אופן ביז צו דער פולשטענ־דיגער משוגעת און האט בכלל סמנים פון יענער קראנקהייט, וועלכע איז א גאנץ געוועהנליכער פועל יוצא פון אלקאהאליזם. דעמאלט ווערט שוין דאס לעבען פון דער אונגליקליכער פרוי א כסדר'דיגע מאטערניש. די שטענדיגע פערדאכטען, קרענקונגען, גראבקייטען, בעליידיגונגען, סטראשונקעס און מיסהאנדלונגען ביז אפילו מארד, זענען דאך אין אלערליי גראדען די פאלגען פון אט דער דאזיגער גרויזאמער ליידענ־שאפט.

אפילו אין איהר מעסיגערער, נארמאלערער פארם איז די אייפער־זוכט צו בעדויערען, מחמת פערדאכט און מיסטרויען פערגיפטען שוין ביסלעכווייז די ליבע. מיר הערען אפטמאל, ווי שוין געזאגט, מכח א בערעכטיגטע אייפערזוכט. אבער איך האלט, אז עס עקזיסטירט ניט קיין בערעכטינטע אייפערזוכט און אז זי איז בלויז אן אטאוויסטישע ירושה אדער א פאטהאלאגישער סימפטאם, ווייל אט די ליידענשאפט איז ניט מעהר ווי א ברוטאלע חיה'שע דומהייט. א מאן מיט שכל

ליבעס־רויש. געוויס, דאָס לעצטע איז טיילמאָל אמת; אָבער ניט דע־מאָלט, ווען די ליבע איז אויף יענעם אופן, ווי מיר האָבען אויבען אויס־געפירט, פערעדעלט, געוואָרען דורך אַ טיף זיך־פערשטעהען און דורך געגענזייטיגע אַכטונג און ערציהונג. דעמאָלט, אדרבה, בעפעסטיגט זיך די ליבע אַזוי, אַז ניט זעלטען איז דער האָניג־חודש פון דער זיל־בערנער חתונה גליקליכער און בעגייסטערטער איידער יענער האָניג־חודש נאָך דער ערשטער און ווירקליכער חתונה. דעמאָלט קאָן מען באמת זאָגען, אַז דער אָפּטימיזם, ווי עס האָט איהם בעשאַפען די גע־שלעכטליכע פעריינינגונג וואָס האָט אַלס פונדאַמענט די אמת׳ע ליבע, איז געבויט אויף דער נאָרמאַלער ערפילונג פון לעבענס־צוועק, צו וואָס עס געהערט אויך די געמיינשאַפטליכע סאָציאַלע אַרבייט פון ביידע פון פאָרפאָלק — אַ פּונקט וועלכען איך קאָן ניט צופיל בעטאָ־נען. די דאָזיגע געמיינשאַפטליכע אַרבייט קאָן זיין אויף דעמזעלביגען געביט (צוויי קינסטלער, דאָקטאָר און דאָקטאָרין, בויער און בויערטע); דאָס איז ווי געוואונשען. די געביטען קאָנען אָבער אויך זיין ניט גלייכע, אין וועלכען איטליכער אַרבייט פריי אין זיין פאַך וועדליג זיי־נע פעהיגקייטען. פונדעסטוועגען זענען נאָך פאַראַן געגנוג בערירונגס־פונקטען. דער עיקר אָבער איז: קיין שקלאַפישע אונטערוואָרפענקייט פון איין צד און קיין אויטאָקראַטיע פון צווייטען צד.

**אייפערזוכט.** — די ערגסטע אויסשטראַלונג, אָדער בעסער גע־זאָגט, קאָנטראַסט־רעאַקציע פון דער געשלעכטס־ליבע, וועלכע איז ליידער אַמטיפסטען איינגעוואָרצעלט און וועלכע מיר האָבען גע־ירש׳ענט פון אונזערע חיה׳שע אור־אור־עלטערן איז, די אייפער־זוכט. ווען אַ בעקענט דייטש וואָרטשפּיל זאָגט, אַז: „אייפער־זוכט איז אַ ליידענשאַפט, וועלכע מיט אייפער (היץ, חשק) זוכט וואָס ליידען שאַפט", זאָגט עס בשום אופן ניט צו פיל. די אייפערזוכט איז אַ ירושה פון חיות און באַרבאַריי; דאָס וואָלט איך אויסגערופען צו יענע אַלע העלדען, וועלכע בערעכטיגען זי אין נאָמען פון דער „בעליי־דיגטער ערע" און שטעלען זי אויף אַ הויכען פּידעסטאַל. פאַר אַ פרוי איז צען מאָל בעסער אַ ניט־געטרייער מאַן איידער אַן אייפערזיכטי־גער מאַן. פון דעם פילאָגענעטישען שטאַנדפּונקט, איז די אייפערזוכט ענטשטאַנען בעת דעם קאַמף פאַר דעם בעזיץ פון דער פרוי, אין אַ צייט ווען אַלעס איז אָבגעהאַנגען פון דער רויהער געוואַלט. ביטרעקייט

דענער און שעמעדיגער אופן פון א נאיווען יונגען מאן צו געווינען א הארץ, מאכט אפטמאל ניט מעהר קיין איינדרוק אויף אונזערע עלעגאנטע, פאר דעם סאלאן ערצויגענע יונגע דאמען, וועלכע זענען ערפאהרען אין אלע ראפינירטע פערגעניגענס און אנגעשטאפט מיט ראָמאנען. די דאזיגע יונגע פרויען ווערען א סך לייכטער פערפירט דורך דער צונעפאסטער קונסט פון אלטע קאדעטען און דאן זשואנס, וועלכע האבען פראקטיש שטודירט און געפארשט די פסיכאלאגיע פון דער מאדערנער פרוי.

**די אינסטינקט פון בעשאפונג.** — אן אנדערע אויסשטראלונג פון דעם נארמאלען מענליכען געשלעכטס־אינסטינקט, וועלכע איז פערבונדען מיט דער ערשטער, איז דער בעשאפונגס־טריב. עס איז קיין שום צווייפעל, אז דער מאן וואלט אינסטינקטיוו געווען גענייגט געשלעכטליך צו פערקערען מיט דער גרעסטער צאל פרויען און בעשאפען אזוי פיל קינדער ווי עס איז נאר מעגליך, ווען דאס וואלט אזוי געקאנט אנגעהען אהן וועלכע ניט איז שוועריגקייטען און פאלגען. די לייכטע מעגליכקייט צו בעפרידיגען זיין בעשאפונגס־טריב הויבט אויף זיין זעלבסטגעפיהל, ווייל דערמיט פערבינדט זיך די פארשטעלונג פון דער פערפילפאכונג פון זיין איך, פון זיין קראפט, פון זיין ווייט פערשפרייטער בעהערשונג פון א גרויסער צאל פרויען און קינדער, וועלכע זענען אבהענגיג פון זיין מאכט. דאס איז אויך איין פון די עיקר־אורזאכען פון דעם פאקט, וואס ביי פאליגאמישע פעלקער זוכען די רייכע מענער צו פערמאגען די גרעסטע צאל פרויען.

ווייטער איז אויך קיין שום ספק, אז דער צוועקלאזער געשלעכטס־פערקער, ווי דער פערקער אין דער פראסטיטוציע, זעטיגט בלויז די סאמע נידעריגסטע ליבידא אבער ער בעפרידיגט ניט אלע העכערע אויסשטראלונגען פון געשלעכטס־טריב. עס איז א בעקאנטער פאקט, אז א גליקליכע פערלאבונג, וועלכע איז געבויט אויף ליבע און ניט אויף געלד־ספעקולאציעס אין ענליכע אינטערעסען, האט ניט איין יונגען מאן געפירט פון פעסימיזם צו אפטימיזם און געמאכט פון א מיזאגין א פילאגין. די „ניכטערע“ אדער „אויסגעניכטערטע“ לאכען דערפון אדער שאקלען מיט'ן קאפ און דערקלערען אט דעם דאזיגען איבערבייט פון דער גאנצער וועלט־אנשויונג פאר א פאריבערגעהענדיגען

טיגקייט, ווי אַ סך מענער שטעלען זיך פאָר. די מענליכע איינבילדונג און דאָס מענליכע זעלבסט־געפיהל מאַכען זיי דאָס צו גלויבען. עס איז מיינסטענס די מענליכע דרייסטקייט וואָס האָט אַן איינפלוס אויף דער פרוי און ווי עס איז בעקענט וואַקסט אין סעקסועלען לעבען די דאָזיגע דרייסטקייט מיט דער פראַקטישער ערפאַהרונג און רוטין. די אָפטע אורזאַך פון דעם מאַן'ס ניט פערשטעהען דער פרוי'ס פסיכאָלאָגיע איז, זיין געוואוינהייט מיט גאַסענפרויען. די גאַסענפרויען זענען אייגענטליך, ווערליג דער פאָדערונג פון דעם מענליכען עראָטיזם, אָבגעריכטע אויטאָמאַטען. ווען די מענער זוכען אין זיי די סעקסועלע פסיכאָלאָגיע פון דער פרוי, געפינען זיי דאָרט פאַקטיש נאָר זייער אייגען שפּיגעלבילד.

מיט דער דרייסטקייט פון מאַן פערבינדען זיך זיינע פלירט־קונסטען, זיינע ליבעס־העפליכקייטען, וואָס מיר טרעפען שוין ביי פויגלען און זויג־חיות און אפילו ביי נידעריגערע חיות. דער ער זוכט צו געפעלען דער זי און צו געווינען איהר סימפּאַטיע. די בריליאַנטענע פאַרבען ביי שמעטערלינגען און פויגלען, געזאַנג, פלינקקייט און דאָס בעווייזען פון כח, איז טיילמאָל מעהר און טיילמאָל ווענינער פערבונדען מיט זיין געשלעכטס־טריב. אויך געבעט־ און קלאָג־טענער אפילו, העלפען שוין ביי געוויסע חיות אין זייער שטרעבונג, ווען זי ווערט, כלומרשט אָדער טאַקי אין דער אמת'ן, צוריקגעוויזען פון דער זי. אין קאַפּיטעל 6 וועלען מיר זעהען ווי ביים ווילדען מענש איז די נייגונג זיך צו פוצען און טאַטואירען א. אַז. וו. אַ סך שאַרפער ענטוויקעלט ביים מאַן איידער ביי דער פרוי. מיר וועלען דאָ די דאָזיגע גוט בעקענטע און איבעראַל אין נאָוועלען, ראָמאַנען, רייזע־בעשרייבונגען און עטהנאָגראַפישע ווערק, ביז צום לאַנגווייליגען געשילדערטע ליבעס־שטרעבונגען, ניט געבען אַ בעזונדערע בעשרייבונג; עס וואָלט געווען ארויס־געוואָרפענע מיה. אדרבה, מיר ווילען דאָ בלויז פעסטשטעלען, אַז ביי אַ העכערער קולטור ווערט נאָך דעם מאַן אַ סך מעהר געשטרעבט ווי נאָך דער פרוי און דעריבער האָט די לעצטע איבערגעיאָגט דעם ערשטען אין אַ טייל געביטען פון פלירט־קונסט. פּסיכאָלאָגיש וויכטיג איז אָבער דער פאַקט, אַז די כסדר וואַקסענדיגע גייסטיגע קאָמפּליצירטקייט פון די מענשען האָט אויף דאָ געביטען זייער טאַקטיק. דער מעהר פּשוט'ער, נאַטירליכער, אבער אין דערזעלביגער צייט מעהר בעשיי־

מאכט איין אָדערביידע פּערליבטע מענשען געגענזייטיג בלינד און פערשלייערט פאר איינעם דעם אמת׳ן כאראקטער פון צווייטען, אבער דאָס אַלעס בלויז דעמאָלט, ווען ביידע׳ס געפיהלען זענען ערליך און ווען די ליידענשאפט איז ניט צוזאמענגעפּאַרט מיט קאַלטע עגאָיסטי־שע חשבונות. ערשט נאָכדעם ווען דער ערשטער שטורעם פון דעם סעקסועלען בעגער, וועלכער האָט געשיינט צו זיין אונערזעטליך, ווען דער האָניג־חודש איז אריבער, קומט די אויסניכטערונג און צוזאמען מיט איהר די אמת׳ע ליבע, אָדער די גלייכגילטיגקייט אָדער גאָר דער האַס, אָדער אויך זיך־אָבבייטענדיגע און געמישטע געפיהלען, און מען קאָן ערשט זעהען אויב זיי קאָנען זיך מעהר אָדער וועניגער צופּאסען און טאָלערירען. דעריבער זענען די פּלוצלינגע פערליבטקייטען און ליבעס תמיד געפעהרליך און פאַרוואָס מען קאָן מיט מעהר זיכערקייט ערוואַרטען א דויערהאפטערען און גליקליכערען בונד פון טיפערע גע־געגנזייטיגע בעקענטשאפט פאר דער חתונה. אבער אפילו דעמאָלט בלייבט נאָך גענוג ניט־פאראויסגעזעהענס, ווייל ניט בלויז קען מען זעהר זעלטען געניי א מענש און זיין אבשטאַמונג, נאָר ווייל אויך ערוואָרבענע גייסטיגע אבנאָרמאליטעטען אָדער קראנקהייטען קאָנען דעגענערירען זיין כאראקטער.

איצט לאָמיר זיך ווענדען צו א רייה פּסיכישע ערשיינונגען, וועל־כע זענען מעהר אָדער וועניגער פערבונדען מיט דער סעקסועלער ליבע. נאַטירליכערווייז זענען די דאָזיגע אויסשטראַלונגען א סך וועניגער ענטוויקעלט ביים מאַן איידער ביי דער פרוי; די אורזאכען דערפון האָבען מיר שוין ארומגערעדט אויבען.

## די פּסיכישע אויסשטראַלונגען פון דער סעקסועלער ליבע ביים מאַן.

די מענליכע הרייסטקייט. — נאָרמאַל מענליך איז, אז דאָס געפיהל פון דער געשלעכטליכער פּאָטענץ זאָל ביי איהם ארויסרופען א געהויבענע שטימונג און בעגייסטערונג, און, אז פערקערט, דאָס גע־פיהל פון אימפּאָטענץ אָדער אפילו בלויז א שוואכע פּאָטענץ דריקט די שטימונג, הגם פאקטיש איז דער דאָזיגער פּונקט פאר א נאָרמאַלער און אנשטענדיגער פרוי אויף קיין פאַל ניט פון אזא געוואַלדיגער וויכ־

דאָזיגע געפיהל אזוי, אז עס פערלירט אלע זיינע קליינליכקייטען. און גראד די דאָזיגע קליינליכקייטען זענען עס וואָס טויטען אָפטמאָל די אויפריכטיגסטע ליבעס־פערהעלטניסען. די געמיינשאַפטליכע סאָציאַלע ארבייט פון צוויי צווישען זיך דורך ליבע פערבונדענע מענשען, וועמעס געגענזייטיג זאָרגען איז פול מיט צערטליכקייט, אבער וועלכע ערמוטיגען אין זיך אויך געגענזייטיג די אויסגעהאַלטענקייט און דעם חשק צו אלץ אַ ווייטערדיגער געזעלשאַפטליכער ארבייט, וועט רעלאַטיוו לייכט בעזיגען די אייפערזוכטס־קליינליכקייטען און אלע איבעריגע בייזע אינסטינקטיווע רעאקציעס פון דער נאַטירליכער, פילאָגענעטישער אויסשליסליכקייט (עקסקלוזיוויזם) פון דער ליבע, און זי וועט די ליבעס־געפיהלען וואָס ווייטער אלץ מעהר אידעאַליזירען. אויף דעם דאָזיגען אופן פערלירט דער דועל־עגאָיזם דעם פונדאַמענט, אויף וועלכען ער האָט זיך געקאָנט האַלטען.

די שווערקייט ביי אַ פּאַרפּאַלק זיך איינצוהאַלטען פון געשלעכטס־פערקער צוליב אַ קראַנקהייט. — עס איז אַן אָפענער פאקט, אז דער געשלעכטס־פערקער צווישען אַ פּאַרפּאַלק, ווענינגסטענס בעת דער רייפער צייט פון לעבען, שטאַרקט און האַלט אויף די ליבע, הגם דער געשלעכטס־פערקער איז בלויז איין טייל פון דעם ליבעס־צעמענט. איך האָב געזעהען אין אַ סך פאַלען, אז דער פועל יוצא פון אַ גוט־געמיינטען מעדיצינישען פערבאָט, צוליב וועלכען ניט איז קרענקליכען צושטאַנד, צו האָבען געשלעכטליכע פערבינדונגען, איז געווען די אָבקיהלונג פון דער געגענזייטיגער סימפּאַטיע און ליבע, ענדיגענדיג זיך מיט אַ גלייכגילטיגקייט וועלכע איז שפּעטער געוואָרען אונקורירבאַר. אָט די דאָזיגע פאָלגע דאַרף דער דאָקטאָר שטענדיג האָבען אין זין און בלויז דאַרט פערזאָגען דעם געשלעכטס־פערקער, וואו עס איז אבסאָלוט נויטיג.

דויערהאַפטע ליבע. — בכלל קאָן מען זאָגען, אז די אמת׳ע און העכערע ליבע איז דויערהאפט, און אז דער פּלוצלונג פריי־געוואָרענער שטורעם פון דעם סעקסועלען בעגער אנטקעגען אַ ביז אהער ניט בעקענטען מענש איז אויף קיין פאַל ניט די מאָס פאַר דער אמת׳ער ליבע. די דאָזיגע שטורעמדיגע ליידענשאַפט פאַרפאַלשט דעם אורטייל, דעקט צו די סאַמע גראָבסטע פעהלער, פערצירט אלעס מיט הימלישע קאָלירען.

ציהונג צווישען מאַן־און־ווייב ווערען אַ געגענזייטיגע: שטרענג קודם כל מיט זיך גופא און ניט זיין שוואַך אַנטקעגען דעם אַנדערען. זוען איטליכער טוט כסדר אַלעס בכדי צו פערבעסערען און דערהויבען דעם צווייטענס אמת גליק, וועט ער דורך דעם דאָזיגען אַלטרואיזם, אין זיך גופא שטאַרקען און ווייטער ענטוויקלען זיינע סימפּאַטיע־געפיהלען. אָבער דערצו פאָדערט זיך אַן אָפענהערציגע און ערענסטע אַנשטרענגונג מצד פון ביידע, אויב מען וויל ניט, אַז די איזיע פון דער ליבע, ארויסגערופען דורך תאוה, זאָל ניט נאָך אַ קורצער צייט צורינען ווערען ווי אַ חלום, אָדער אַפּטמאָל, נאָך ערגער, ניט פערביטען ווערען אין אַ האס. אָהן צו זיין בלינד צו די פעהלערס און שוואַכקייטען פון זיין פרוי (אָדער מאַן) מוז מען זיי ניט בלויז בעטראַכטען אלס אַ טייל פון דעם מענש וועמען מען ליבט, נאָר טאַקע דעריבער זיי אויך ליבען אָבער אַנווענדען די גאַנצע קונסט בכדי זיי ליבליך אויסצובעסערען און ניט דורך זיי צו קולטיווירען די אייגענע שוואַכקייטען.

מיר מוזען אבער ביי דעם פונקט זיך נאָך אביסעל אָבשטעלען און פריפען די ריכטיגקייט פון דעם פראַנצויזישען שפּרוך: די ליבע איז אַ דועל־עגאַיזם. פון דער געגענזייטיגער פערגעטערונג ביי צוויי מענשען ענטוויקעלט זיך ניט זעלטען אַן עגאָיסטישע פיינדשאפט געגען דער גאַנצער איבעריגער מענשהייט. דאָס דאָזיגע האָט אבער אויך אָפטמאָל אַ שעדליכע ווירקונג אויף דער קוואַליטעט פון דער ליבע גופא. די מענשליכע סאָלידאַריטעט, בפרט היינט, איז צו גרויס בכדי ניט צו קאָנען פערטראַגען אָט די דאָזיגע אויסשליסליכקייט אין דער ליבע. דאָס אידעאל פון דער סעקסועלער ליבע וואָלט איך אַזוי דעפינירט: די געשלעכטליכע אָנציהונג און די האַרמאָניע פון די כאַראַקטערס פירען אַ מאַן און אַ פרוי צו אַ בונד אין וועלכען זיי סטימולירען זיך געגענזייטיג צו דער געזעלשאַפטליכער ארבייט פאַר דער מענשהייט, נעהמענדיג אלס זייער אויסגאַנגס־פונקט צו די איבעריגע ענינים אין לעבען, די געגענזייטיגע אייגענע ערציהונג און די ערציהונג פון די וואָס געפינען זיך אַמנאָהענסטען צו זיי, און דאָס זענען זייערע קינדער. אַזאַ אויפפאַסונג פון דער ליבע פערפיינערט און רייניגט דאָס

און חסדים, נאר, אדרבה, ער ליבט א סך מעהר יענע, פאר וועמעס טובה־וועגען ער אפפערט זיך און וועמען ער טוט גוטס. דעם דאזיגען שטריך קאן מען גאנץ קלאר מערקען אין די עלטערן בנוגע צו זייערע קינדער, אזוי גוט ווי אין דער חתונה. נאך דער חתונה ווען איינער פון דעם פארפאלק פערגעטערט איבער דער מאס דעם אנדערען און גיט איהם אין אלצדינג צו פיל נאך, וועט דער צווייטער סוף כל סוף קומען דערצו דאס אלעס צו בעטראכטען פאר זעלבסטפערשטענדליך און פיהלט צום ערשטען א סך ווייניגער ליבע ווי, למשל, צו א פערצערטעלט קינד וועמען ער גיט אוועק זיין גאנצע ליבע בלינדערהייט. דאס דאזיגע קינד ווידער פיהלט ניט קיין דאנקבארקייט און ענטפערט אויף דער אפענליבע מיט גלייכגילטיגקייט, פרעכקייט און אונפערשעמטקייט. אויב מען קוקט זיך בעסער צו, זעהט מען דעם דאזיגען שפיל פון סענטימענטען איבעראל אין דער וועלט. א פראצעס וועלכער מאכט זעהר שווער די געגענזייטיגקייט אין דער ליבע. דאס זעלביגע איז אפילו נוגע טויטע געגענשטאנדען. מען האט ליב א גארטען, א הויז אדער בוך, אלעס וואס איז אנגעקומען מיט שווערע מיה, און מען איז גלייכגילטיג צו די שעהנסטע און טייערסטע מתנות וועלכע זענען אהן מיה אריינגעפאלען אין אונזער שויס. מיר זעהען, אז שוין דאס קליינע קינד האט ליבער זיין אומגעלומפערט אבער פון איהם אליין געשאפען שפילכעל און קוקט זיך ניט אום אויף די ווערטפולע ווייהנאכטס־געשאנקען וואס זיינע עלטערן גיבען איהם. עס ליגט א טיפער פסיכאלאגישער אמת אין די אלטע און קלוגע ווערטער, אז די אמת'ע, ד. ה. די העכערע ליבע דריקט זיך אויס ניט בלויז אין אלעס נאכגעבען און אין צערטליכקייט, נאר אויך אין אבזאגען, זיך געגענשטעלען און, אז זי מוז זיין פערבונדען מיט שכל. געוויס, די דאזיגע ליבע איז ניט די אורשפרינגליכע, פרימיטיווע ליבע: זי איז געלייטערט און דערהויבען געווארען א דאנק איהר פערבינדונג מיט די עלעמענטען פון שכל.

דער לעצטער זאץ ווערט פון טייל מענער פערשטאנען, אז בכדי ניט צו פערצערטלען זייערע פרויען מוזען זיי זיין שטרענג צו זיי, ווייל זיי זענען דאך זייערע ווייבערס בעלי־בתים און דעה־זאגערס. מען דארף ניט קיין פיל רייד צו בעווייזען ווי פאלש עס איז אט די דאזיגע איינזייטיגע פערטייטשונג. בכדי צו זיין פולשטענדיג, מוז די ליבע זיין געגענזייטיג, און בכדי צו קאנען בלייבען געגענזייטיג, מוז די ער־

אדער ווייניגער ערפאלגרייך פערווירקליכט אין דער פארם פון א שטאפעלווייז און כסדר׳דיג דולדען און צופאסען זיך, געוועהנליך ווערלינ די אנגענעמע אדער אונאנגענעמע ענטדעקונגען וועלכע מען מאכט נאך דער חתונה.

די סענזאציאנאלע ליבעס־ראמאנען, אפילו ווען זיי זענען ביז א געוויסער מאס אמת, בעהאנדלען מיינסטענס די עקסטרעמע פאלען און אויסנאהמען, אפטמאל אפילו פאטהאלאגישע פאלען, מחמת די דורכשניטליכע בירגערליכע חתונה שיינט פאר איהם צו זיין ניט גענוג פיקאנט און אינטערעסאנט. אבער אונזער ענין דא איז ניט די עקס־טרעמען און ניט די קאנווענציאנעלע ראמאן־שילדערונגען, נאר די נארמאלע און נעוועהנליכע ליבעס־געפיהלען אט אזוי ווי מיר בעגעגע־נען זיי מיינסטענס אין דער ווירקליכקייט. פון דעם ביז אהער געזאגטען איז קלאר, אז די סעקסועלע ליבע איז א קאמבינאציע פון צוויי פאק־טארען : 1) די אויגענבליקליכע, אקטועלע ליבידא סעקסואלים (גע־שלעכטליכע ליידענשאפט), 2) די אינסטינקטיווע סימפאטיע־געפיהל־לען וועלכע האבען זייערע ווארצלען אין די סאמע אנפאנגס־שטאדיען פון דער ליבידא, אדער אור־ליבידא, פון אונזערע אור־אורחיות, אבער וועלכע זענען נעגענווערטיג געווארען אונאבהענגיג פון איהר. צווישען זיי ביידע געפינען זיך יענע, מיינסטענס דורך דער ליבידא סעקסוא־ליס נאך אין סאמע פריהען לעבען פ ו ן אן אינדיווידיום פראדו־צירטע און פ א ר אן אידיווידיום פון צווייטען געשלעכט אויפגע־וועקטע, סימפאטיע־געפיהלען וועלכע קאנען דורך דער ערינערונג ווי־דער אויפפלאקערען און האבען א געוואלדיגע ווירקונג אויפצוהאלטען די ליבע. די דאזיגע פערשידענע געפיהלען געהען אריבער איינס אין אנדערען אין אלערליי מעגליכע גראדען און שאטירונגען און שטענ־דיג בעיינפלוסען זיי זיך נעגענזייטיג. ווען די ליבידא וועקט די סימפא־טיע, ווערט זי צוריקוועגס געוועקט פון סימפאטיע־געפיהלען : און פערקערט, זיי ווערען צוליב א מאוס׳ער און אבשטויסענדיגער אויפ־פירונג מצד דער געליבטער פערזאן, אבגעקיהלט אדער פערלאשען.

מיר מוזען דא דערמאנען א געזעץ פון די סימפאטיע־געפיהלען. א געזעץ, וועלכעס, הגם עס איז גוט בעקענט, ווערט עס אבער אין די מענשליכע חשבונות געוועהנליך פערגעסען. דער מענש ליבט ניט מעהר דאס אדער יענע אינדיווידועז פון ווענען ער האט א סך גוטס, טובות

דער שעהנער ליטעראַטור זענען פערנומען מיט ליבעס־בעשרייבונגען. אַז דער נאָרמאַלער מענש פיהלט אַ גרויס בעדערפעניש נאָך ליבע, איז אַהן צווייפעל. די סעקסועלע ליבע מיט אַלע איהרע אויסשטראַלונגען איז נשמה־לעבען, שטעלען צונויף איינעם פון די עיקר־בעדינגונגען פון מענשליכען גליק און זענען אַ קאַרדינאַלער צוועק פון מענשליכען לעבען. צום בעדויערען ווערט דער ענין מיינסטענס בעהאַנדעלט אָדער אויפגעפאַסט אויף אַ צו סענטימענטאַלען און איבערטריבענעם שטייגער אָדער שלעכט פערשטאַנען.

קודם כל שיינט די ליבע צו קריגען איהר ברען פון דער ליבידאָ סעקסואַלים. דאָס איז די בערימטע מעשה פון אַמאָר'ס פייל. מען פער־ליבט זיך אין אַ בליק, אין אַ פּנים, אין אַ בוזעם, אין אַ מעלאָדישען מעטאַל־קלאַנג פון אַ שטים א. ד. גל. דאָך איז דאָס שייכות צווישען ליבידאָ און ליבע אויסערגעוועהנליך קאָמפּליצירט און דעליקאַט. מיר האָבען געזעהען, אַז ביים מאַן קאָן גאַנץ פּשוט די ליבידאָ אויסקומען אַהן ליבע און אָפּטמאָל אויך די ליבע אַהן דער ליבידאָ, בעת ביי דער פרוי זענען די צוויי זאַכען שווערער צו צושיידען. לכל הפחות עקזיס־טירט די ליבידאָ אַהן אַ ליבע אַ סך זעלטענער. דיביידע זאַכען זענען אונבעדינגט ניט אידענטיש, ניט איינס, און אפילו דער מאַטעריאַליס־טישסטער, געננוס־זיכטיגסטער און ליבידינעזעסטער עגאָיסט, אויב ער איז נאָר ניט צו שמאָלקעפּיג, וועט דאָס מוזען צוגעבען. עס טרעפט אויך אַז די ליבע קומט פריהער פאַר דער ליבידאָ און דאָס דאָזיגע פירט אָפּטמאָל צו דעם גליקליכסטען סעקסועלען צוזאַמענלעבען. צוויי כאַראַקטערס קאָנען זיך זיין גענענזייטיג אַהן אַ שיער סימפּאַטיש און די דאָזיגע ריין גייסטיגע אָדער סענטימענטאַלע סימפּאַטיע קאָן זיך פון אָנהויב אָן ענטוויקלען אַהן אַ שאָטען פון תאוה, גיכער אָבער דאָרט וואו צ. ב. זי האָט שוין עקזיסטירט אין דער קינדהייט. אין אונזער מאָדערנער געזעלשאַפט ווערט אַן אונגעהייער גרויסע צאָל סעקסועלע פערבינדונגען אָדער חתונות סצענירט אַהן אַ סמן פון ליבע און זענען געבויט אויף פּשוט'ע ספּעקולאַציעס אָדער קאָנווענציאָנאַליטעט. מען פערלאָזט זיך דאָ דערויף, אַז די נאָרמאַלע ליבידאָ סעקסואַלים, צוזאַ־מען מיט דער געוואוינהייט, וועלען זיין דאָס צעמענט וואָס וועט מאַכען די חתונה דויערהאַפט. אַזוי ווי דער נאָרמאַלער מענש איז אין זיינע געפיהלען ניט זעהר עקסטרעם, ווערט די דאָזיגע נביאה מעהר

אונגעהייערע קאמפליצירטקייט פון די אייגענטימליכקייטען פון דער מענשליכער נשמה, וועלכע זענען פערבונדען מיט דער ליבע. די אינדיווידועלע פערשידענקייטען פון די דיספאזיציעס אדער נייגונגען פון דעם געשלעכטס־טריב פערבינדען זיך אויף אלערליי אופנים מיט די אינדיווידועלע דיספאזיציעס פון די העכערע אייגענשאפטען פון געמיהט, שכל און ווילען, בכדי אויפצובויען די פערשידענסטע אינדיווידועלע צונויפשטעלונגען וועלכע מיר קאנען רופען ק א נ ס ט ע ל א־צ י ע ס. א חוץ דעם פערבינדען זיך ביים מענש זיינע גע׳ירש׳ענטע אינדיווידועלע דיספאזיציעס מיט דער געוואלדיגער צאל ערפארונגען און זכרונות, וועלכע ער האט אין משך פון זיין לאנג לעבען ערווארבען אויף אלע געביטען און אנגעזאמעלט אין זיין געהירן (ערציהונג אדער צופאסונג) בכדי שטענדיג צו בעשטימען זיינע איינצעלנע ענטשלוסען און האנדלונגען.

אט אזוי קאן א מאן זיין א מוסטער פון זיטליכקייט, פשוט דערפאר, מחמת זיין געשלעכטס־טריב איז כמעט נול. אן אנדערער ווידער ליידט פון אן אבנארמאל שטארקען געשלעכטס־טריב אבער דערביי איז ער גוט, געוויסענהאפט, אויפאפפערונגס־פעהיג, און די פאלגען דערפון זענען די שווערסטע אינווענינסטע קאמפען פון וועלכע ער ווערט אפטמאל בעזיגט. ווידער אן אנדערער האט א מעסיגען געשלעכטס־טריב; אבער בעת מיט א שטארק פליכט־געפיהל און א שטארקען ווילען וועט ער קאנען ביישטעהען זיין בעגער, וועט ער אבער מיט א שוואכען ווילען אדער א געפאלענער מאראל נאכגעבען דעם ערשטען פערזוך און אויפרייצונג. ליבע און געשלעכטס־טריב קאנען זיין ענג פערקניפט, אדער, אדרבה, פולשטענדיג צושיידט אין איין אינדיווידיום. פונקט אזוי גוט ווי א סעקסועל קאלטע פרוי קאן זיין א גוטע מוטער, קאן א זעהר ליבידינעזע פרוי זיין א שלעכטע מוטער; אבער די זאך קאן אויך זיין פונקט פערקערט א. אז. וו.

די סעקסועלע ליבע. — מיר ווילען אז מיט די ווערטער דאס זאל פערשטאנען ווערען די העכערע, אמת׳ע ליבע פון איין געשלעכטס צום צווייטען, אז זי איז ניט בלויז א פשוט׳ע פריינדשאפט, נאר אז זי איז פערבונדען מיט דעם געשלעכטס־טריב. צו שרייבען וועגען דעם ענין הייסט אייגענטליך גיסען וואסער אין ים, ווייל דריי־פערטעל פון

בעוואוסטזיניגען אופן נאָך מיט איהם פערבליבען שוואכער אָדער שטארקער פערבונדען.

מיט דער הילף פון דער דאָזיגער קורצער סקיצע פון דער אבשטאַמונגס-געשיכטע פון דער ליבע און איהרע וואָרצלען און צווייגען, קאָן מען זיך משער זיין דעם געוואלדיגען איינפלוס פון דעם געשלעכטס-לעבען אויף דער גאנצער ענטוויקלונג פון דער מענשליכער נשמה. פון דער אנדערער זייט דארף מען אבער אויך ניט איבערשאַצען דעם ווירקליבען און אקטועלען בעדייט פון דעם דאָזיגען פילאָגענעטישען איינפלוס. יונגע קינדער, וועלכע פערמאָגען ניט קיין געשלעכטס-טריב און ניט קיין געשלעכטס-געפיהלען, ציינען ארויס ניט בלויז שטארקע געפיהלען פון סימפּאַטיע און אנטיפּאַטיע, ניט בלויז כעס און אייפערזוכט, נאָר אויך מיטגעפיהל, צ. ב. א טרויריגקייט ווען זייערע געליבטע ליידען, א געפיהל און זעלבסטלאָזע אויפאָפּפערונגס-פעהיגקייט. אלע די דאָזיגע פילאָגענעטיש ענטוויקעלטע שטאַפּלען (דעריוואטען) פון דעם סעקסועלען אָנציהונגס-געפיהל, בעווייזען זיך דעריבער היינט ביים אינדיווידיום לאַנג איידער דער געשלעכטס-אינסטינקט גופא. דאָס שטערט אָבער ניט, זיי זאָלען ווערען געוואלדיג בעיינפלוסט פון דעם לעצטען אזוי גיך ווי ער וועקט זיך אויף, אָדער זיי זאָלען זיך אפילו פערבינדען מיט זיינע אנדערע דירעקטע דעריוואטען, דאָרט וואו עס פעהלט דער געשלעכטס-טריב גופא. אָט אזוי זעהען מיר, ווי א געשלעכטליך פולשטענדיג קאַלטע פרוי ווערט א געטרייע און ליבע מוטער און ווייב און האָט א שטארק אינסטינקטיוו פאמיליען-געפיהל. א חוץ אלע זאכען איז די טיפע איבערגעבענקייט און אויפאָפּפערונג פון דעם ווייב אָן ערזאַץ פאר דער געשלעכטס-ליבע, אָדער אפילו אַן אָבווענדונג, אַן אָבקערונג פון איהר. ביי א סך פרויען איז די געשלעכטליכע קאַלטקייט געבויט אויף דעם צוריקדראַנג פון דער ליבע (געצוואונגענע חתונה מיט א מאַן וועלכען מען האָט ניט געליבט), וועלכע וואַרפט זיך שפּעטער אויף אנדערע געביטען. דאָס מוטער-געפיהל איז א סימפּאַטיע-געפיהל (דעריוואט אָדער אויסוואוקס פון דעם געשלעכטס-געפיהל), וועלכעס שלאָגט זיך דאָ אב דירעקט אויף די קינדער (די פּראָדוקטען פון דעם געשלעכטס-לעבען).

קאָנסטעלאציעס. — פון דעם געזאָגטען ווערט בעלויכטען די

די פערשידענע געשלעכטער, אזוי, אז טיילמאל געווינען די בעזיגטע און געפאנגענע שונאים די בעסטע פריינד און מענער צווישען די זיגער, וועלכעס איז צו פערדאנקען זייער צוזאמען לעבען; בעת, פער־קערט, אינדיווידועלע פיינדשאפט און אנטיפאטיע, ווי מיר ווייסען, קומט פאר אפטמאל גיט בלויז אין אייגענעם שבט, נאר אפילו צווישען דעם ענגסטען פאמיליען־קרייז. דאס לעצטע קאן אפילו געהען אזוי ווייט, אז לסוף פירט עס צום עלטערן־מארד, קינדער־מארד, ברודער־מארד א. ד. גל.

די פילאגעניע פון דער ליבע. — דאס אינסטינקטיווע געזעל־שאפטליכע לעבען פון די מוראזשקעס גיט אונז עטליכע לעררייכע משלים. טראץ דער טיפער נעגענזייטיגער שנאה צווישען די פערשי־דענע קאלאניעס פון מוראזשקעס, געלינגט עס דאך דורך צוגעוואוינונג, אפטמאל ערשט נאך עטליכע ברענענדיגע שלאכטען און הריגות, צו־שטאנד צו ברענגען אייביגע פערבינדונגען צווישען די ביז אהעריגע שונאים. דערביי איז אינטערעסאנט צו מערקען, ווי, בעת די חבר'שאפט הויבט זיך אן צו פארמירען, עס בלייבען נאך אלץ איבער, איינגע־עקשן'ט פאר א לאנגער צייט, איינצעלנע אינדיווידועלע שנאות און, ווי געוויסע איינצעלנע אינדיווידוען פון דעם שוואכען צד ווערען מיסהאנדעלט פון געוויסע איינצעלנע אינדיווידוען פון שטארקערען צד. זיי ווערען אפילו לאנגזאם געמאטערט און גע'הרג'עט. פערקערט אבער איז האס און קאמף איינע פון די גרעסטע זעלטענקייטען צווישען די מוראזשקעס פון דערזעלביגער קאלאניע.

פון דעם געזאגטען, און שטיצענדיג זיך אויף די אונצעליגע נא־טור־וויסענשאפטליכע בעווייזען, איז קיין צווייפעל, אז דאס סעקסועלע אנציהונגס־געפיהל, ד. ה. דער געשלעכטס־טריב איז געווען דער א ו ר ש פ ר י נ ג ל י כ ס ט ע ר דירעקטער אדער אונדירעקטער קוואל פון כמעט אלע שפעטערע סימפאטיע־ און פליכט־געפיהלען צווי־שען חיות. א סך פון די דאזיגע געפיהלען האבען זיך שפעטער אהן ספק פולשטענדיג אבגעשיידט פון די סעקסועלע געפיהלען און האבען זיך פארמירט, פאר געזעלשאפטליכע צוועקען, אין א רייה פון ענט־שפרעכענדע פארשטעלונגען אלס געפיהלען פון פריינדשאפט; אבער זעהר א סך פון יענע געפיהלען זענען אויף א מעהר אדער וועניגער

צו זיין נוצליכקייט פאר דעם בינשטאָק. פאר זייער קעניגין וועלען זיך די ארבייטס־בינען טויטען און אויסגעהען פון הונגער, בעת, פערקערט, אין הערבסט, וועלען זיי אונ׳רחמנות׳דיג אומברענגען אַלע יענע זכרים אָדער דראָנען וועלכע זענען געוואָרען נוצלאָז.

דאָס געפיהל פון פּאטריאָטיזם און דאָס אַלגעמיין מענשלי־כע געפיהל. — דאָס מעכטיגע און קאָמפּליצירטע מענשליכע גרויסע געהירן פערמאָגט אביסעל פון די אַלע זאכען, אבער מיט אונגעהייערע אינדיווידועלע אונטערשידען. בכלל גענומען, זענען ביים מענש די סימפּאַטיע־ און פליכט־געפיהלען שטארק ענטוויקעלט בנוגע צו זיין פאמיליע, ד. ה. זיי זענען נאָך ביז א הויכען גראד בעשרענקט אויף די אינדיווידוען וואָס שטעהען אמנאָהענסטען צו זיין סעקסואַל־לעבען. אויף זיין פרוי (אָדער אויף דעם מאַן) און אויף די קינדער, אזוי ווי עס איז ביי זויג־חיות בכלל. לאָגישערווייז זענען די סימפּאַטיע־געפיהלען וואָס זענען פערבונדען מיט א גרעסערער געמיינשאפט, למשל, מיט דער ווייטער משפחה, דעם שבט, דער געמיינדע, מיט די וואָס רעדען איין שפּראך, מיט דער נאַציע, רעלאַטיוו פיל שוואכער און זענען מעהר אויפגעצויגענע און צוגעוואוינטע איידער מיטגעבוירענע און אינסטינק־טיווע. אמשוואכסטען ענטוויקעלט איז נאָך אָהן ספק דאָס אלגעמיין מענשליכע געפיהל. דאָס געפיהל וואָס זעהט אין איטליכען מענש אַ ברודער און קרוב. און די סאָציאַלע פליכט־געפיהלען וואָס שטאַמען פון איהם ארויס. אבער, ווי האָט עס דען געקאָנט זיין אנדערש ביי אַ בריאה, וועמעס מין איז אין משך פון טויזענדער אָדער אפשר מיליאָנען יאָהרען געווען צוטיילט אין קליינע, פיינדליכע גרופּען אָדער פעלקער? די גענגענזייטיגע שנאה פון די פרימיטיווע מענשען און פון די הייגטי־גע ווילדע פעלקער איז געווען און איז נאָך אזוי שארף אויסגעטון און פרעמד פון מענשהייטס־ און מענשליכקייטס־געפיהלען, אז זיי האָ־בען זיך ניט בלויז געגענזייטיג פערשקלאָפט און געטויט, נאָר אפילו זיך געגענזייטיג געמאַטערט, צוהאַקט און געפרעסען, און טון עס נאָך טיילווייז אפילו היינט. פונדעסטוועגען, א דאנק דער צוגעוואוינונג און דעם געמיינשאפטליכען צוזאמענלעבען, פערברייט זיך אין דער מענש־הייט דאָס אינדיווידועלע סימפּאַטיע־געפיהל זעהר לייכט אויך אויף די מיטגלידער פון אנדערע ראַסען און פעלקער, בפרט וואָס איז נוגע

דאָס געפיהל פון קרובה׳שאַפט. — די סימפּאַטיע־געפיהלען דערהויבען זיך צו א העכערען שטאַפּעל ניט ווען זיי פערבלייבען בעגרעניצט אויף א דערוואייל געבויטער פאמיליע, נאָר ווען זיי זענען געבויט אויף א לעבענסלענגליכען צוזאַמענלעבען, ווי מיר האָבען געזעהען ביי א סך אַפּען און פויגלען. די סימפּאַטיע־געפיהלען קאָנען זיך אויך ענטוויקלען אויף אַן אנדער אופן, דורך דער פערגרעסערונג פון דער פאמיליע אויף א משפחה פון א גרעסערער צאָל יחידים, וועלכע פערזאַמלען זיך פאר דעם צוועק פון פערטייטיגונג, ווי מיר זעהען עס ביי שוואַלבען, קראָהען (וואראנעס) און לסוף אין נאָך א פיל גרעסערער מאָס ביי די הויך אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטען פון סאָציאַלע חיות, צ. ב. ביי די ביבערס, בינען און מוראַשקעס. ביי די דאָזיגע מינים געזעלשאַפטען פון חיות פערשפּרייטען זיך דאָס סימפּאַטיע־געפיהל און דאָס פליכט־געפיהל כמעט תמיד צווישען אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, בעת מיט אייפערזוכט און צאָרן ווערען בעגעגענט כמעט אלע חיות, וועלכע געהערען ניט צו דער געזעלשאַפט. מען מוז באמת זיין בלינד כדי ניט צו זעהען און בענעהמען, אז די וואונדערבארע פאַקטען, וועלכע ווערען פאר אונז אויפגעדעקט ביים שטודיום פון דער פּסיכאָלאָגיע און ביאָלאָגיע פון חיות, איבער׳חזר׳ען זיך אין אונזער אייגענער מענשליכער נשמה. טייל חיות זענען, וואָס איז נוגע צו דער אונטערזיוויטעט פון זייערע סימפּאַטיע־ און פליכט־געפיהלען, אזוי גוט וואָס איז נוגע זייער ליבע און פאמיליען־טרייקייט, א סך העכער איידער די מיינסטע מענשען. בעזונדערס זענען אזוי געוויסע אַפּען און פּאָפּוגייען. ביי די געזעלשאפטליכע אינסעקטען, א שטייגער מוראַשקעס און בינען, מיט זייער סאָלידע, אינסטינקטיוו פעסט־אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטען, האָט דאָס סאָציאַלע פליכט־געפיהל כמעט פולשטענדיג פערנומען דאָס אָרט פון דעם אינדיווידועלען סימפּאַטיע־געפיהל. א מוראַשקע אָדער א בין האָט, אזוי צו זאָגען, בלויז ליב די מאַסע, די מחנה פון זייער׳ס גלייכען. זי איז זיך דורכויס קיינמאָל ניט מקריב פאר דעם יחיד, בלויז נאָר פאר דעם כלל; ביי די דאָזיגע חיות ווערט דער יחיד ווירקליך בלויז א ציפער פון דעם כלל, דער געמיינדע, וואו עס גילט דאָס מאָטאָ: „איינער פאר אלע“, אבער קיינמאָל ניט „אלע פאר איינעם“. ביי די בינען איז דער גראַד סימפּאַטיע פאר א מיטגליד אָדער קלאַס פון דעם בינשטאָק צוגעפּאסט אין ערך

ווילד־ברענענדיגען צאָרן, א כעס וועלכען מען קאן אויך מערקען ביי מענשען.

דאָס פליכט-געפיהל. — אן אנדערע צווייג פון דעם סימפּאַטיע־געפיהל איז דאָס פליכט־געפיהל, דאָס געוויסען. איטליכס ליבע־ אָדער סימפּאַטיע־געפיהל טרייבט דעם פערליבטען צד צו געוויסע האנדלונגען לטובה דעם געליבטען צד. אַט דעריבער ווערט די מוטער איהרע יונגע פיטערן און קאָרמען, פּעסטשען און מאכען א ווייך געלעגער; דער פּאָטער ברענגט נאהרונג פאר מוטער און קינדער און שיצט זיי געגען שונאים. צו אַלע די דאָזיגע האנדלונגען, וועלכע זענען בעצוועקט ניט לטובה דעם אייגענעם וואוילשטאנד, נאָר אדרבה דעם אָדער די געליבטע, פאָדערט זיך מעהר אנשטרענגונג, דאָס בייקומען פון כל׳ער־ליי געפאַרען א. ד. גל.; דעריבער רופען זיי ארוים א קאמף צווישען דעם סימפּאַטיע־געפיהל און דעם געפיהל פון עגאָיזם, ד. ה. דאָס ניט־גלוסטען, דאָס ניט האָבען דעם חשק צו אזוינע שווערע ניט אַנגענעהמע אָדער געפערליכע האנדלונגען. פון דעם דאָזיגען קאמף צווישען צוויי געגענגעזעצטע רייהען פון סענטימענטען, ענטשטעהט א דריטע קאָמפּליקאציע פון א געפיהל, דאָס פליכט־געפיהל, דאָס געוויסען. אויב דאָס סימפּאַטיע־געפיהל איז שטארקער און די חיה ערפילט איהר פליכט צו איהרע יונגע אָדער צום צווייטען צד, דעמאָלט פיהלט זי די בעפרידיגונג פאר איהר פליכט־ערפילונג. טאָמער, פערקערט, פערשפעטיגט זיך די פליכט - ערפילונג, כאפּט זיך אויף דאָס געוויסענביסען, ד. ה. דער וועהטאָג וואָס קומט צוליב דער ניט - בעפרידיגונג פון דעם סימפּאַטיע־געפיהל, א וועהטאָג וועלכער זאמעלט זיך אַן אין געהירן אין דער פאָרם פון א מין אונצופרידענקייט מיט זיך גופא און עס קאן פירען ביז צום גע־פיהל פון דער טיפסטער חרטה. וואָלט דאָס, אפילו ביי חיות, ניט גע־ווען אזוי, דעמאָלט וואָלט פון א פליכט־ערפילונג גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין: דעמאָלט וואָלט די קאץ אַנטלאָפען פון איהרע קינדער, אנשטאָט זיי צו פערטייטיגען, זי וואָלט איהר רויב אליין אויפגעפרע־סען אנשטאָט איהם צו געבען צו די יונגע א. אַז. וו. אַט אזוי זעהען מיר די עלעמענטען פון דעם מענשליכען סאָציאלען געפיהל זעהר קלאָר ביי א סך חיות.

טרייקייט פון זכר צו נקבה, בעזונדערס א צוגעבונדענקייט פון דער זי און אפטמאל אויך פון דעם ער צו די יונגע. די דאזיגע געפיהלען קאנען זיך ענטוויקלען ביז צו אן אינטענזיווער, אפטמאל לאנג־דויערענדיגער ליבע צווישען די געשלעכטער, אפילו ביז צו א לאנגיעהריגער טרייקייט, ווי מיר זעהען א שטייגער ביי פויגלען א. ד. גל. דערפון ענטשטעהט די אינטימע פערוואנדשאפט צווישען דער סעקסועלער ליבע און די איבעריגע סימפאטיע־געפיהלען, ד. ה. ליבע איז'ם ברייטערען זין פון ווארט.

צו אימליכען סימפאטיע־געפיהל צווישען צוויי יחידים — סימ־פאטיע־געפיהלען געהערען דאך אין תוך צו די געפיהלען פון פערגע־ניגען, פון לוסט און פרייד — איז נויטיגערווייז וויטער פאראן אן ענטשפרעכענדיג געגענגעזעצט געפיהל, ד. ה. א געפיהל פון בעטריבט־קייט אין פאל דאס אביעקט פון דער ליבע שטארבט, ווערט קראנק, פערלאזט אדער ווערט געראובט. די דאזיגע בעטריבטקייט נעהמט אן טיילמאל די פארם פון א פשוט'ער טרויעריגקייט אבער זי קאן דערגעהען צו א צושטאנד פון א כראנישער מעלאנכאליע. ביי אפען און געוויסע פאפוגייען זעהען מיר, אז דער טויט פון איינעם פון א פארפאלק ברענגט מיט זיך אפטמאל דאס אבזאגען זיך פון שפייז און אויך דעם טויט פון דעם צווייטען, א פועל יוצא פון דעם זיך פערגרעסערענדיגען טרויער און טיפען וועהטאג. ענטדעקט אבער איין חיה די אורזאך פון דעם דאזיגען דראהענדיגען אדער אלעמאל בעפאלענדיג ליידען, ווען, למשל, עס קומט עפעס א פרעמד בעשעפעניש און וויל ביי איהר רויבען דעם (אדער די) מיט וועמען זי לעבט צוזאמען אדער א קינד, רופט דאס ארויס א געמישטע רעאקציע פון געפיהלען, א געפיהל פון כעס און רציחה געגען דעם פערורזאכער פון איהר טרויער. די אייפערזוכט איז נאר א געוויסע פארם פון דעם דאזיגען געפיהל. דאס געפיהל פון צארן און זיין אויסדרוק דורך געוואלט און פיינדליכקייט, שטעלען מיט זיך פאר די רעאקציע געגען דער שטערונג פון די סענטימענטען פון פרייד און פערגעניגען. דאס צארן־געפיהל ווערט ברענענדיגער וואס שטארקער און פעהיגער עס איז די פערטייטיגונג, בעת שוואכע און פריידליכע ברואים ווערען בעהערשט פון א געפיהל פון אנגסט און טרויער. און פערקערט, ביי רויב־חיות וועט דער אנבליק פון א שוצלאז רויב זיין גענוג ביי זיי אויפצורעגען, דורך רעפלעקטיווע פערבינדונגען, א

ארומרעדען אין שייכות מיט די איבעריגע אויסשטראלונגען פון גע־שלעכטס־טריב. און נאך מעהר, מחמת די אייפערזוכט שפילט זיך איי־געגטליך אב דער עיקר אין פסיכישען געבים, אויף דעם אופן וועלען מיר פערשפארען איבער׳חזר׳ונגען.

דאס שייכות צווישען ליבע און געשלעכטס-טריב. סימפא-טיע. — דעם געשלעכטס־טריב, נאכדעם ווי דאס גרויסע געהירן, ד. ה. דער ארגאן פון דער נשמה, האט אויף איהם געהאט זיין גאנצע ווירקונג, רופט מען ל י ב ע, אין אייגענטליכען ענגערען זין פון וואָרט. בכדי דעם צוזאמענהאנג פון ליבע און געשלעכטס־ליבע בעסער צו פערשטעהען, מוזען מיר צוריקגעהען צו קאפיטעל 2. דאס איצטיגע קאפיטעל מוזען מיר אנפאנגען מיט א קורצער פערטייטשונג פון דער פילאגעניע פון די סימפאטיע־געפיהלען, אדער אלטרואיסטישע און סאציאלע געפיהלען, מחמת א באריכות׳דיגע אבהאנדלונג פון דעם ענין וועט אונז צו ווייט אוועקפירען.

כל זמן עס זענען ניט פאראן קיין בעזונדערע געשלעכטער, איז דער עגאיזם דער אבסאלוטער הערשער. איטליכע אינדיווידיום פרעסט וויפיל עס וויל און וויפיל עס קאן; דערמיט און אויך מיט דער טיי־לונג, קנאספונג אדער קאניוגאציע איז ערפילט זיין צוועק אין לעבען. אפילו ביים אנפאנג פון פארטפלאנצונג דורך בעזונדערע זכרים און נקבות, הערשט נאך אלץ ביז א הויכען שטאפעל דאס זעלביגע פרינ־ציפ. די שפינען גיבען אונז א טיפישען ביישפיל, ביי וועלכע דער גע־שלעכטס־פערקער איז פאר די זכרים זעהר געפערליך, מחמת, טאמער ווענדען זיי ניט אן די גרעסטע פארזיכטיגקייט, ווערען זיי, גאר אפט־מאל נאך איידער זיי האבען דערגרייכט זייער ציל, און טיילמאל באלד נאך דעם פערקער, אויפגעגעסען פון דער זי, כדי עס זאל גארניט פער־לוידען ווערען. אבער אפילו ביי די שפינען צייגט די מוטער א געוויסען גראד אויפאפפערונג פאר איהרע יונגע, לכל הפחות באלד נאך זייער אויסבריהונג.

ביי אביסעל העכער ענטוויקעלטע חיות, מערקען מיר, ווי מיר האָ־בען שוין געזעהען, אלעמאל שטארקערע און טיילמאל שוואכערע סימ־פאטיע־געפיהלען, געפיהלען וועלכע האבען זייערע ווארצלען אין דער סעקסועלער פערייניגונג פון די אינדיווידועו, אן איבערגעבענקייט און

## קאפיטעל V.

# די אויסשטראַלונגען פון געשלעכטס־טריב.

### די סעקסועלע ליבע און אַנדערע אויסשטראַלונגען פון געשלעכטס-טריב אין מענשליכען נשמה-לעבען.

דאַס אַלגעמיינע. איבערזוכט. — מיר האָבען געזעהען, אז דער מעכאַניזם פון די טריבען האָט א צוזאַמענהאַנג מיט אַלטע אינסטינקטען, וועלכע זענען גע'ירש'ענט פון חיות און, אז אָהן שום ספק איז זיין זיץ אין די אורשפּרינגליכע אָדער נידעריגערע געהירן־צענטערס. אָבער ביי רעלאַטיוו נידעריגע חיות געפינען זיך שוין אויך אַנדערע נערוועזע רעאַקציעס, אזוי־צו־זאָגען צוריקווירקונגען פון געשלעכטס־טריב, וועלכע זענען, פּונקט ווי די ערשטע, טיף־אינסטינקטיוו גע'־ירש'ענט. די בעשיינפּערליכסטע פון זיין איז די אייפערזוכט, ד. ה. די בעטריבטקייט און דאַס צאָרן־געפיהל, וועלכע ענטשטעהען אין אַן אינדיווידיום, ווען דאַס אָביעקט פון זיין געשלעכטס־טריב ווערט שטרייטזיכטיג צוליב אַן אַנדערען אינדיווידיום פון זיין אייגענעם געשלעכט. די אייפערזוכט קאָן אויך האָבען ווארצלען אין אַנדערע אינסטינקטען, צ. ב. אין דעם נאַהרונגס־טריב, אין דער עהרגייציגקייט א. ז. וו. אבער זי איז איינע פון די טיפּישסטע נעבען־ אָדער ביי־ערשיינונגען פון דעם געשלעכטס־טריב און פּירט, ווי מיר ווייסען, צו די שרעקליכסטע קאַמפען, בעזונדערס צווישען די זכרים, אבער טיילמאָל אויך צווישען די נקבות.

צוליב איהר פילאָגענעטיש זעהר וויטער אבשטאַמונג האָט די דאָזיגע ליידענשאַפט א טיף אינסטינקטיווען כאַראַקטער און דעריבער האָט מען זי פּונקט אזוי גוט געקאָנט דערקלערען אין לעצטען קאַפּיטעל. פונדעסטוועגען וועלען מיר דעם ענין בעהאַנדלען אין א י צ ט י ג ע ן קאַפּיטעל, און טאַקע דערפאַר, ווייל מען וועט איהם קאָנען ברייטער

געשלעכטס־פערקער און סענטימענטאל, דעם פלאץ פון ליבע. דאס זעגען אלץ ביי אלע יענע מאדערנע, גייסטיג צורודערטע בעשעפעניי־שען, וועמעס טעם אין לעבען זענען אלע גראדיגע קינסטליך־ליידענ־שאפטליכע אויפרעגונגען און וועלכע זענען טויט פאר א געזונדער און נוצליכער ארבייט.

אלס אן ערשיינונג וועלכע בעגלייט אלע סעקסועלע ליבעס־שפילען האט דעריבער דער פלירט זיין נארמאלען פלאץ און זיין בערעכטיגונג. אבער אלס א קולטיווירטער זעלבסט־צוועק, א צוועק פאר זיך גופא און אייביג פערבלייבענדיג פלירט, איז ער א סימפטאם פון דעגענעראציע.

אפילו דעמאָלט ניט ארויסגעהען, ווען זי ווערט געמאַטערט פון דער טיפסטער עראָטישער בענקעניש. פונדעסטוועגן געלינגט עס איהר בכלל זעהר לייכט, מיט עטליכע פלירטישע קונסטשטיק אויפצואוועקען די ליידענשאפט ביי די מענער, הגם דאָס מיינט נאָך ווייט־ווייט ניט, אז זי האָט איהם אונטער איהר מאכט. די פרוי מוז דעריבער, אין איהרע פלירט־פּראָוואָקאַציעס, לכל הפּחות פון אָנהויב, זיין זעהר צאַרט און געשיקט. דערצו העלפט איהר די נאַטור פון איהר עראָטיזם און איהר גאנצער איך. פערקערט, דער מאן קאן זיין מעהר שטורמיש און געוואגטער. אבער דאָ מוזען מיר אָנווייזען אויף דעם שוין בעהאנדעלטען ענין פון געשלעכטס־אונטערשידען. און אויף דעם וועלכעס עס וועט אונז נאָך אויסקומען שפּעטער אויסצופירען.

מכח די פאָרמען פון פלירט קאן מען אָנשרייבען גאנצע ביכער. ער איז א נויטוועדיגע ערשיינונג וואָס בעגלייט איטליכע סעקסועלע אָנציהונג, וועלכע מאָטיווען עס זאָלען דערביי ניט זיין. ביי אָפּיציעלע חתן־כלה טראָגט דער פלירט אן אבסאָלוט געזעצליכען כאראקטער און אפילו א קאָנוועציאָנעלע פאָרם. אויך כמעט קאָנווענציאָנעל ערלויבט איז דאָס פלירטען פון די קעלנערינס מיט די געסט אין די קנייפּעס, אין סאלאָנען און אין בעסערע געזעלשאפטען ווערט דער פלירט בע־זאלצען מיט גייסטרייכע און קלאסישע וויצען. עס קאן זיין, מחמת ער דארף ניט אריבערגעהען א געוויסע גרעניץ, אָדער פערקערט, מחמית ער פירט צו ניט בעשרענקטע ליבעס־פערהעלטניסען ווערליג דעם מוסטער פון די גריכישע העטערען, אז ביים דאַרפס־יונג און דאָרפס־מיידעל נעהמט דער פלירט אָן א גרעבערע, זינליכערע פאָרם איידער צווישען הויך געבילדעטע און גייסטרייכע מענשען, ביי וועלכע די שפּראך איז דער עיקר, איז געווג קלאָר פון דעם ביז אהער געזאָגטען. אין די „הויכע מקומות" פון אונזערע, מאָדערנע גאָרניט־טוערס, אין בעדער, אין שפּיל־ און אין אונטערהאלטונגס־פּלעצער, אין פיינע האָטעלען און אפילו אין א טייל קור־ערטער און סאנאטאריען שפּילט דער פלירט א גאנץ אָנגעזעהענע ראָלע און איז, אין אלע זיינע שאטירונגען און שטאפּלען, דער תמצות פון די מיינסטע געסט'ס בעשעפטיגונג. ער וואקסט ווי ווילד גראז אין פאבריקען און איבעראל וואו מענשען האָבען א מאָנאטאָנע בעשעפטיגונג, אָדער ליידען פון לאנגווייליגקייט. ביי א טייל מענשען פערנעהמט דער פלירט סעקסועל, דעם פּלאַץ פון

שען אַב דעם עדראַטיזם פון פרויען אנשטאַט איהם אויפצואוועקען. אזא מאַן האַט געוועגליך ניט קיין מזל ביים שעהנעם געשלעכט. אמת, די פרוי האַט ליב דעם פלירט. זי האַט איהם אבער פיינד אין א מאוס'ער פאַרם; בכדי צו געפינען חן ביי איהר מוז ער זיך אנטון א העפליכע און ליבליכע פאַרם.

צו א פרוי קאַן מען אלעס זאגען, עס ווענדט זיך נאַר אין דעם ווי אזוי מען זאַגט עס; דער אונהעפליכער וויץ דארף ביי איהר זיין ריכטיג צוגעגרייט, יא, פיין פערקליידט און פערהילט. איך האַב אפילו געזעהען געלערענטע מעדיצינערינען (דאַקטוירים־פרויען), מיט וועלכע מען האַט געקאַנט אַהן מיה און גאנץ פריי דיסקוטירען די עמפינדליכס־טע און סאמע קיצעלדיגסטע טעמא, זיך טיף בעליידיגען צוליב טאַקט־לאָזע וויצען פון א געוויסען פראַפעסאר, מחמת ער האַט זיי ארויסגע־געזאַגט אומגעלומפערט, גראב און מיט אזא מינע, וועלכע האַט אַהן ספק וועה געטון זייער געפיהל פון אנשטענדיגקייט. אין זיך גופא זענען יענע וויצען געווען גאנץ אונשולדיג פאר מעדיצינישע אויערען. דאַס דאַזיגע האָבען מיר מיינע, אגב קלוגע קאַלעגינען לאַכענדיגערהייט געמוזט צוגעבען, ווען איך האַב זיי אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם אמת־ווייבליכען כאראקטער פון זייער פסיכישער רעאקציע. אבער אונז מע־נער טוט אויך וועה א געוויסע אומגעלומפערטע, ציניש אַדער טאַקט־לאָזע פאַרם פון דעם ווייבליכען עראַטיזם, הגם אין דעם דאַזיגען גע־ביט זענען מיר ניט איבעריג עמפינדליך.

די צולעצט דערמאַנטע ערשיינונג פירט אונז צו מאכען א חלוק צווישען דעם פלירט ביים מאן און ביי דער פרוי. דער פלירט ווערט פוןביידע געשלעכטער ענערגיש פראַקטיצירט. פאר דער פרוי איז דאַס פלירטען די איינציגע ערלויבטע פארם אויסצודריקען איהרע עראטישע געפיהלען און אפילו דאַ פאדערט מען פון איהר א זעהר גרויסע מאס צוריקגעהאלטענקייט. אלס פועל יוצא האַט זיך דער אַקטיווער פלירט פון דער פרוי ענטוויקעלט צו א מערקווירדיגער פיינער קונסט. איהר עראטיזם דארף זי בלויז לאָזען טרעפען און זיך אַנשטויסען וועגען איהם. איטליכע חוצפה'דיגע אַדער טאַקטלאָזע ארויספאַדערונג פער־פעהלט איהר ציל; דאַס שטויסט אב די מענער און עס מאכט דעם מיידעל א מאוס'ען נאַמען. זי דארף פון איהר פאַסיווער ראָלע אפען

צדדים האָט זיך איינגעשטעלט א מין שטום איינפערשטענדניס, געהט אַן דער שפּיל ווייטער אַהן דערביי זאָל אפילו קיין איין וואָרט ניט דארפען פּערוּאטען זייערע ביידע'ס געפיהלען. א סך פלירטערס היטען זיך צו פּערוּאטען דורך ווערטער אוּן האָבען אַן הנאה פון דער דאָזיגער, הגם אונפולשטענדיגער, רייצונג פון זייערע געשלעכטס־געפיהלען.

דער פלירט נעהמט אַן ווייטער זעהר פערשידענע פארמען לויט דעם בילדונגס־מעמד און טעמפּעראמענט. אין דער וואולגארנער ביר־קנייפּע וואו די קעלנערין פלירט מיט די שטאַמגעסט און וואו די געסט ענטפערען צוריק, נעהמט אַן דער פלירט אַן וואוליוּנגישען כאַראקטער. די ווירקונג פון דעם אלקאָהאָל־גיפט אויף די געהירן, טרייבען שטענ־דיג דעם פלירט צו זיינע געמיינסטע און מאוס'סטע פארמען. אומגע־לומפּערט, עקעלדיג, קריכענדיג און גראב זענען די אלקאָהאָלישע פלירט־מאַנירען, מאנירען וועלכע מען קאָן ליידער אין דאָס רוב לענ־דער זעהען אלע נאכט, זונטאג און אין אלע יומים טובים אפילו אויף די אָפענע גאַסען און אין די אייזענבאנען. אפילו אין די בעסטע און אנשטענדיגסטע געזעלשאפטען פערלירט דער פלירט דורך דער אלקאָ־האָלישער בעגייסטערונג זיין דעליקאטקייט און פיינקייט. מכח דעם אלקאָהאָל־פלירט אין די אייזענבאנען און אין די עפענטליכע פּלעצער קאָן מען אָנשרייבען א בוך.

אָבער דאָרט וואו עס איז פאראן א העכערער מעמד פון בילדונג, בעזונדערס ביי א העכערער גייסטיגער פעהיגקייט, נעהמט אן דער פלירט א פיינערע און קאָמפּליצירטערע פאָרם, גיט איהם צו שעהנ־קייט און מאכט איהם אדרבה ווינשענסווערט.

עס עקזיסטירט אויך א גייסטיגע וואַריעטעט פון פלירט, וועלכע דריקט זיך אויס ניט דורך אויג און בערירונג, נאָר דורך דער שפּראך. דעם עראטישען וויץ רופט מען זנות־רייד און נבול־פּה. עראטיש ריי־צענדיגע זנות־רייד און מאוס'ע אָנצוהערענישען האָבען פונקט אזא'ן עראטיש אויפרעגענדיגע ווירקונג ווי בערירונגען און בליקען. די דאָזיגע רייד קאָנען אויך וועדליג דעם בילדונגס־שטאַפּעל און דער אינדיווי־דואַליטעט זיין, אָדער גראב און שמוציג, אָדער אדרבה פיין און וויציג, מעהר אָדער ווייניגער טאַקטפול אָדער טאַקטלאָז א. אַז. וו. דער נאַ־טירליכער פיינער טאקט פון פרויען שפּילט דאָ א גרויסע ראָלע. טאַקט־לאָזע מענער, וועמעס פלירטעריי איז אומגעלומפּערט און שענדליך, לע־

רופען דעם זאמען־אויספלוס. דאָס זעלביגע פּאסירט אפטמאָל בעת ליי־
דענשאפטליכע אומאָרמונגען, אָהן דערביי זאָלען פארקומען וועלכע ניט
איז ענטבלויזונגען אָדער אבזיכטילכע בערירונגען פון די געשלעכטס־
אָרגאנען. בנוגע צו דעם איז די פרוי רעלאטיוו בעסער געשיצט, אבער
ווען זי איז א זעהר עמפינדליכע, קאָנען בעת די אומאָרמונגען פון א
ליידענשאפטליך פלירטען, פארקומען אָרגאזמען, וועלכע זי קאַן זעהר
לייכט ארויסרופען דורך פּרעסען אָדער רייבען א פוס קעגען א פוס.
(א סאָרט אָנאניזם ביי פרויען).

ביים פלירט שפּילט דער קוש און בעזונדערס דער קוש אין מויל
א גרויסע ראָלע. די מיינסטע ערטער וואו די שליימהויטען געהען אי־
בער אין הויט זענען רייצבאר און דאָס מויל איז דאָס צוגענגליכסטע.
אין עראָס־שפּיל (ליבע) האָט דער איבערגאנג פון האנדדרוק צום קוש
אין מויל, לכל הפחות פאר דער פרוי, א סך א שטארקערע ווירקונג
איידער דער איבערגאנג פון מויל־קוש צום קויטוס, הגם די פאָלגען
פון קוש גופא זענען הארמלאָז.

בכלל אָבער געהט עס ביים געוועגליכען פלירט ניט אזוי ווייט.
דער פלירט בענוצט זיך אבוועקסלענדיג מיט דעם אויסדרוק פון פּנים
און בערירונג. דער בליק שפּילט דערביי א גרויסע ראָלע, מחמת דער
בליק קאָן זעהר א סך אויסזאָגען און דעריבער האָבען א געוואלדיגע
ווירקונג. דער האנדדרוק, די בלויזע דערנעהענטערונג, א הויך, א
בלומרשט ניט געמיינטע בעוועגונג, דאָס בערירען זיך פון די קליידער
און פון דער הויט, פּראָוואָצירענדיגע און סוגעסטיווע בעוועגונגען, זע־
נען די געוועגליכסטע מיטלען פון פלירט. אונטער אומשטענדען וואו
מענשען מוזען זיצען געדיכט צוזאמען אָדער קומען אזוי אין א גאנץ
נאָהענטער בערירונג (ווי צ. ב. אין אייזענבאנען, ביי געדיכט בעזעצטע
טישען און ד. גל.) שפּילען מעהר די פיס זייער וואויל־בעקענטע ראָלע,
דורך דעם קניע־דרוק, פוס־דרוק און דגל.

אָט דער דאָזיגער גאנצער שטום־לשון פון דעם געשלעכטס־טריב
ווערט צוערשט געערדט אויף א פארזיכטיגען און אונשולדיגען אופן,
אזוי אז דער אָנגרייפער קאָן דירעקט ניט בעשולדיגט ווערען אין אונ־
אַנשטענדיגקייט. טאָמער בעמערקט אבער דער דאָזיגער פלירט־זוכער,
אז זיינע צאַרטע איינלאַדונגען ווערען אויף וועלכען ניט איז שטייגער
געענטפערט, קריגט ער מעהר מוט און שפּעטער, בעת צווישען ביידע

וואוסט אָדער אונבעוואוסט. אין זיך גופא איז ער ניט קיין פסיכישע איינגענטימליכקייט און אויך ניט אידענטיש מיט דער ליבידאָ, מחמת א מענש קאָן זיין ליבידאָ אזוי פערבאָרגען און צוריקהאַלטען, אַז קיינער זאָל זי ניט בעמערקען. און פערקערט, מען קאָן, אָהן אליין אויף א האָר ניט צו פיהלען קיין ליבידאָ, זי מעהר אָדער וועניגער סי־מולירען און נאָכמאכען אדער וועניגסטענס זיך אזוי אויפפירען, אז מען טוט אַלעס, כדי אויפצוואוועקען די ליבידאָ ביי אנדערע. אויף דעם אופן בעשטעהט דער פלירט פון וועלכע ניט איז האנדלונגען און בענעהמונ־גען, וואָס זענען קוואַליפיצירט אויפצואוועקען אי דעם אייגענעם עראָ־טיזם און אי איהם אויפצואוועקען ביי אנדערע. יעדענפאלס, די נייַ־גונג פון קאָקעטען גערן און א סך צו פלירטען, ליגט אין דער נאַטור פון זייער כאראקטער.

דער פלירט קאָן זיך אָנהויבען פון א לייכט פראָוואָצירענדיגען, עטוואָס פערליבטען בליק, פון א לייכטען און פיינעם כלומרשט ניט געמיינטען גלעט, פון אלע מעגליכע ליבעס־שפּילען, קושען, גלעטען און אומארמונגען, און קאָן דערגעהען ביז צו די גראבסטע בערירונג און רייצונג, אַלעס, אבער ניט לאָזענדיג עס צוקומען ביז צום סאמע קויטוס גופא. די גראדען געהען דאָ אונבעמערקטערהייט איבער איינער אין אנדערען און וועדליג דער עמפינדליכקייט און דעם טעמפעראמענט. קאָן זיך עס אמאָל האנדלען אָדער אין לאנגזאמע, ניט זעהר ווייט־געהענדיגע, אדער, אדרבה, אין זעהר גיכע און שטארקע רייצונגען פון געשלעכטס־טריב. די אונגעהייערע גרויסע אינדיווידועלע פערשידענ־קייט פון דער סעקסועלער עמפינדונג, איז די אורזאך פאַרוואָס דיזעל־ביגע וואָרנעהמונג און האנדלונג לאָזט איין אינדיווידיום איבער כמעט קאַלט, בעת דאָס אנדערע רעגט זי אויף ביז צום העכסטען גראד. אין לעצטען פאַל, בעזונדערס ביים מאַן אבער וועניגער ביי דער פרוי, קאָן עס ביים פלירט, אָהן קויטוס אָדער אפילו אָהן דער דערנעהענטע־רונג צו איהם, אָפטמאָל דערגרייכען ביז צום אָרגאַזמוס וועגעריקוס. דאָס טאנצען פון די דערוואקסענע מענשען איז ביז צו א הויכען שטאָ־פּעל ענטוויקעלט געוואָרען פאַר א קאָנווענציאָנעל ערלויבטע פאָרם פון פלירט. אַן עראָטיש־ליידענשאַפטליך־טאַנצענדיגע, פול־ענטוויקעלטע פרוי, קאָן אפילו ניט זעלטען בעת׳ן טאַנצען, דורך די לייכטע רייבונגען פון איהר קלייד אויף דעם פּעניס פון איהר טענצער, ביי איהם ארויס־

יאָ, האָב איך געזאָגט: „אייערע רויבער וואָלטען ביי אונז געווען רעגירונגס־מיטגלידער". ער האָט געלאַכט, און געענטפערט: „יאָ! אין אונזער פּאַרלאַמענט זיצט טאַקע אַ געוועזענער רויבער," אין אַ העכער קולטור־לאַנד זענען די פֿערברעכער מיינסטענס פּאַטהאָלאָגיש דעגענערירטע מענשען. אָבער ניט ביי באַרבאַרען, מחמת די בעגריפען און די מאָטיוועט פון פֿערברעכענס זענען ביי ביידע אָהן אַ ערך אַנדערע.

דאָסזעלביגע איז אויך מיט די סעקסועלע פּערווערזיעס (פֿערדאָרבענקייטען). ביי די באַרבאַרען זענען זיי מעהר רויה, פּערווערזיעס וועלכע האָבען זייערע וואָרצלען אין דעם טריב נאָך אַבוועקסלונג, אין דער נויט א. אז. וו.. בעת ביי די קולטור־פֿעלקער זענען זיי דער עיקר אַ פּועל יוצא פון פּאַטהאָלאָגישע בירושה'דיגע דעגענעראַציעס (טריב־אַבנאָרמאַליטעטען, ז. קאַפּ. 8).

דער פֿלירט. — אז מען זוכט אין אַן ענגליש ווערטערבוך דעם זין פון דעם וואָרט „פֿלירט", געפינט מען אַלס איבערזעצונג: קאָקעטעריי, קאַפּריזענקייט, אויסגעלאַסענקייט, מאַכען אַנשטעלען א. ד. גל. אָבער דאָס דאָזיגע ענגלישע וואָרט איז אין אַ בעשטימטען אַנדערען זין אינטערנאַציאָנאַל מאָדערניזירט געוואָרען און איז אַן אויסדרוק פאַר דעם אוראַלטען בעגריף פון אַ רייהע ערשיינונגען, וועלכע מוזען בשום אופן אָבגעשיידט ווערען פון דעם בעגריף קאָקעטעריי. בעזונדערס די ווייבליכע אייגענשאַפט צו קאָקעטירען איז ניט אָבהענגיג פון געשלעכטס־טריב אַלס אַזוינער; די אייגענשאַפט איז אַן אונדירעקטע, ריין פּסיכישע אויסשטראַלונג פון איהם, אַן ענין וועגען וועלכען מיר וועלען שפּעטער רעדען. אדרבה, דער היינטיגער בעגריף פון דעם וואָרט פֿלירט געהערט אונבעדינגט צום דירעקטען געשלעכטס־טריב און איז אַ פּאַרמענרייכע סקאַלאַ פון זיין מין אויסדריקען זיך אי ביים מאַן און אי ביי דער פרוי. אין עטליכע ווערטער קאָן מען זאָגען, אַז דער פֿלירט איז אויף כל'ערליי אופנים דער אויסדרוק פון געשלעכטס־טריב פון אַן אינדיווידיום אנטקעגען די צווייטע אינדיווידוען, וועלכע האָבען ביי איהם יענעם טריב אויפגעוועקט, דערביי אויסשליסענדיג דעם אייגענטליכען געשלעכטס־פֿערקער.

דער פֿלירט קאָן פּראַקטיצירט ווערען מעהר אָדער ווייניגער בע־

איינמאל זיך שוין פראסטיטואירט אדער וועלכע איז אזוי אוועק אויף קרומע סעקסועלע וועגען, אפילו ווען איהר קוואליטעט איז אורשפרינג־ליך ניט געווען אזא שלעכטע, בכלל א סך שווערער צוריקצוברענגען אויפ'ן גלייכען וועג איידער א מאן וועלכער געפינט זיך אין דערזועלבי־גער לאגע. מיר האבען ערשט געזעהען, אז ביים מאן לאזט זיך דער געשלעכטס־טריב א סך לייכטער אבשיידען פון זיין איבעריג גייסטיג־און געמיהטס־לעבען איידער ביי דער פרוי און, ווי העפטיג דער טריב זאל ניט זיין, פערמאגט ער א מעהר פאריבערגעהענדיגען כאראקטער און דערפאר בעהערשט ער א סך ווייניגער זיין גאנץ נשמה־לעבען. מען מוז דעריבער קענען די אונטערשידען צווישעןביידע געשלעכטער און זיי אויך נעהמען אין בעטראכט, אויב מען וויל די סעקסועלע פרא־גע אורטיילען פון א סאציאלען שטאנדפונקט. ביידע געשלעכטער קאן מען און מען מוז געבען גלייכע רעכטען; אבער פונדעסטוועגען וועלען זיי קיינמאל ניט אין זייער סאמע איך ווערען גלייך.

די געשיכטע און די עטהנאגראפיע גיט אונז דעם אונבעשטרייט־בארסטען בעווייז אז אין אלע צייטען, אויך ביי פרימיטיווע, ווילדע פעלקער, איז די ראפינירטסטע קונסט אנגעווענדט געווארען צו רייצען דעם געשלעכטס־טריב. קינסטליכע מענליכע גלידער זענען צ. ב. פון עראטישע ווייבער אין אלע צייטען בענוצט געווארען פאר זעלבסט־בעפרידיגונג. אלערליי מעגליכע אפעראציעס זענען אויף די ווייבלי־כע און מענליכע געשלעכטס־ארגאנען געמאכט געווארען בכדי צו פער־שטארקען דעם סעקסועלען רייץ ביי ביידע, און פאר דעמזעלבינגען צוועק איז קיין איין רייצמיטעל פאר די עמפינדליכע קערפער־שטעלען ניט געווען צו שווער. מען דארף דעריבער אונזער היינטיגע עראטישע איבערגעשפיצטקייט ניט צו שטרענג רופען צו דין תורה און מיר־ניט־דיר־ניט, אין פערגלייך מיט די „גוטע אלטע צייטען", זי אב'פסק'ענען אלס דער העכסטער שטאפעל פון אן אלץ ווייטער געהענדיגע דעגע־נעראציע און דעקאדענץ. די לעצטע האבען אנדערע אורזאכען.

פון דער אנדערער זייט דארף מען אבער די בארבארישע איבער־מאס פון די פרימיטיווע פעלקער, אין זייער פריי און ניט געבונדען לע־בען, ניט פערבייטען מיט אונזערע פאטהאלאגישע דעגענעראציעס. צו א בולגאר, וועלכער האט מיר מיט 17 יאהרען צוריק דערצעלט די העלדען־טאטען פון די בולגארישע רויבער אונטער דעם טערקישען

ווי מיר האבען שוין געזאגט, זענען די אינדיווידועלע אונטער־שידען פון דעם געשלעכטס־טריב ביי פרויען א סך גרעסער איי״ער ביי מענער. עס זענען פאראן פרויען מיט אן עקסטרעם סעקסועלען טעמפעראמענט, וועלכע האבען שוין אין זייער פריהערסטער יוגענד א שטורעמדיגע ליבידא, פאנגען אן צו אגאנירען אדער ווארפען זיך פשוט די מענער אויפ׳ן האלז. די דאזיגע פרויען זענען אויך פון נאטור אויס פאליאנדריש, וועניגסטענס בכלל, הגם דער פרויען געשלעכטס־טריב איז געוועגליך א סך מאנאגאמישער איידער דער געשלעכטס־טריב פון מאן. דער דאזיגער עקסטרעמער ווייבליכער געשלעכטס־ט.־יב ווערט געוועגליך נאך פאטהאלאגישער איידער דער עקסטרעמער געשלעכטס־טריב פון מאן און אין דער פסיכא־פאטהאלאגיע ווערט ער בעצייכענט מיט דעם נאמען נ י מ פ א מ א נ י ע. די סעקסועלע אונערזעט־ליכקייט פון אזוינע פרויען, אינדיווידוען וועלכע מען געפינט אין אלע קלאסען פון דער געזעלשאפט, איז כמעט פאבעלהאפט. טאג ווי נאכט, מיט קורצע אונטערברעכונגען פאר עסען און שלאפען, זענען די עקס־טרעמסטע צווישען זיי, גרייט צו האבען א געשלעכטס־פערקער. זיי ווערען וועניגער מיד איידער די מענער, ווייל דער ארגאזמוס ביי זיי איז ניט פערבונדען מיט א פערלוסט פון זאמען.

אט פונקט ווי די נארמאלע פרוי איז סעקסועל פול מיט געפיה־לען פון צארטקייט און בושה, אט אזוי פערשווינדט דאס אלעס פול־שטענדיג ווען זי ווערט סיסטעמאטיש אבגעריכט פאר אונאנשטענדיג־קייט און אונבעשיידענקייט. דא העלפט מיט דאס רוטינהאפטע, די סוגעסטיווע אייגענשאפט און די ווילענס־קאנסעקווענץ פון דעם ווייב־ליכען כאראקטער, אזוי גוט ווי איהר טענדענץ צו דער מאדע שקלא־פעריי. די פראסטיטוציע גיט אונז טרויריגע בעווייזען פאר דעם פאקט.

אפילו ווען מיר מוזען פעסטשטעלען, אז די סעקסועלע עקסצעסען פון דעם ווייבליכען געשלעכט, זענען דאס רוב בעיינפלוסט דורך בירושה׳דיגע כאראקטער־פרעדיספאזיציעס, צוזאמען מיט שלעכטע סאציאלע און עקאנאמישע פערהעלטניסען, און סוף כל סוף אויך דורך א שטארקע ליבידא, מוזען מיר דאך פון דער אנדערער זייט אויך אנער־קענען, אז צוליב דער אונגעהייערער ראלע, וואס די געשלעכטס־פער־העלטניסען שפילען אין ווייבליכען געהירן, איז א פרוי, וועלכע האט

נאך דער תאוה פון פערקער, אזוי, אז ניט זעלטען טרעפט, אז אין משך פון א לאנגיעהריג צוזאמענלעבען בייטען זיך די ראלען, און די פרוי ווערט מעהר ליידענשאפטליך איידער דער מאן. און אזוי ווי די מענער ווערען זעהר, זעהר לייכט בעזיגט פון דער פרוי'ס געשלעכטליכען בעגער, אזוי באלד ווי ער ציינט זיך דייטליך ארויס, ווערט דער־פון טייל־וויין קלאר דער וואונש פון אזוי פיל אלמנות צוריק ווידער חתונה צו האבען און, ווי לייכט זיי דערגרייכען זייער ציל.

דערביי קעמפען צווישען זיך — דער ערפאלג ווענדט זיך יעצט ביי דער בעזונדערער אינדיווידואליטעט — צוויי מעכטיגע געפיהלען: ערשטענס, די ווייבליכע דויערליכקייט און קאנסטאנץ אין דער ליבע, די פערגעטערונג, ד. ה. דער קולטוס פון דעם פערשטארבענעם מאן; צווייטענס, די געוואוינהייט צו דער סעקסועלער ליבעס־תאוה און די בענקעניש נאך זייער ערזאץ. ווען דער סעקסועלער בעגער איז גלייך, זיגט דער ערשטער געפיהלס־קאמפלעקס ביי פרויען מיט א טיף־עטי־שער אדער טרוימעריש־רעליגיעזער נאטור, בעת ביי פרויען מיט א ווענינער־פיינער, געוועגליכער נאטור אדער ביי וועלכע דער שכל איז שטארקער און ווערען פון איהם פשוט געפירט, זיגט די צווייטע קראפט. ביי אזוינע קאמפען ציינען זיך ארויס דורכשניטליך בולטער דער פרוי'ס גרעסערע געפיהלען פון צערטליכקייט און איהר שטארקערער ווילען אנטקעגען איהר אייגענעם בעגער אין פערגלייך מיט דעם מאן. עס פערשטעהט זיך, אז טראצדעם שפילט אין דעם דאזיגען קאמף דער הויכער גראד פון סעקסועלען בעגער אויך אן אנגעזעהענע ראלע; דארט וואו דאס פעהלט, עקזיסטירט בכלל ניט קיין קאמף. ד. ה. אז עס איז העכסטענס פאראן א ווייבליך אינסטינקטיוו נאגעבען, א פלאטאנישע נייגונג אדער דער בעטראכט פון איהר אייגענער בעקוועמליכקייט ביים אנטקעגען קומען פון א פערליבטען מאן.

דאס קלימאקטעריום (דאס אויפהערען פון סענסטרואציעס) שליסט אין קיין פאל ניט אב דער פרוי'ס סעקסועלען בעגער אדער די תאוה־געפיהלען, הגם אויך ביי איהר האט די עלטער נארמאלערוויין א בערוהיגענדיגע ווירקונג. בנוגע צו דעם איז פאראן א זונדערבאר מיס־פערהעלטניס; אלטע פרויען האבען ניט מעהר קיין סעקסועלען רייץ אויף מענער, זיי פיהלען אבער ניט זעלטען א מעהר דירעקטע ליבירא סעקסואלים איידער יונגע.

תאוה, און פון וועמען זיי לאזען זיך תמיד עקספלואטירען און אויס־פלינדערען.

וואס די נארמאלע פרוי פערלאנגט פון מאן זענען דער עיקר ליבע, צערטליכקייט, א פעסטע שטיצונג אין לעבען, א געוויסע ריטער־ליכקייט און קינדער. די תאוה פון געשלעכטס-פערקער גופא קאן זי לייכט מוחל זיין און זיך פון זיי אבזאגען, לכל הפחות פיל גרינגער איידער פון יענע איהרע הויפט ערווארטונגען. קיין שום זאך קאן ניט א פרוי אזוי בעליידיגען איידער די גלייכגילטיגקייט פון איהר מאן, ווען, צום ביישפיל, ער בעהאנדעלט זי ווי א פשוט'ע הויזהאלטערין. טייל האבען בעהויפטעט, אז די פרויען זענען דורכשניטליך זינליכער איי־דער די מענער, אנדערע, אז זיי זענען, אדרבה, ווייניגער. ביידע בע־הויפטונגען זענען פאלש, די פרויען זענען זינליכער, אבער אויף אן אנדערען אופן.

אלע יענע איינענטימליכקייטען פון דער פרוי'ס געשלעכטס-טריב קאן מען אויף דעם אופן הויפטזעכליך דערקלערען, ערשטענס, דורך דעם טיף־איינגעקארבטען איינפלוס פון די געשלעכטס-פונקציעס אויף איהר גאנץ לעבען, צווייטענס, דורך איהר סעקסועל פאסיווער ראלע, דריטענס, דורך איהרע בעזונדערע גייסטיגע איינענשאפטען.

דורך די דאזיגע און דער עיקר דורך דער פאסיווער ראלע פון דער פרוי דערקלערט זיך די בולטע ווייבליכע קאקעטעריי אדער דער אינסטינקט צו געפעלען, זיך צו פוצען, צו שמיקען און צירען, צו גע־פעלען די מענער דורך איהר דרויסענדיג אויסזעהען, דורך בליקען, בע־וועגונג, גראציע א. אז. וו. דאס אלעס פעראט קודם כל דעם ווייבליכען סעקסואל־טריב, וועלכער אבער, ווי מיר האבען געזעהען, איז אויף קיין פאל ניט נארמאלערווייז געווענדט צו א דירעקטען וואונש נאך א גע־שלעכטס-פערקער.

בעת א יונגע בתולה פיהלט דורך אט די נאר־וואס געשילדערטע עמפינדונגען, ענדערט זיך אבער די זאך ביז א הויכען גראד נאך דער חתונה און דער עיקר נאך א געוויסער צייט געשלעכטליך פערקערען. אמת, דער געשלעכטס-פערקער וועקט ביי א גאנצער קאטעגאריע פרוי־ען קיינמאל ניט אויף די תאוה-געפיהלען, אבער זעהר פיל וועקט ער יא אויף ביי אנדערע, און אין דעם דאזיגען לעצטען פאל, וועלכער איז אהן ספק נארמאלער, ענטוויקעלט די געוואוינהייט א שטארקערען בעגער

אומאַרמונגען און ליבעס־שפּילערייען, וועלכע איז באַזירט אויף אַלגע־מיינע, אונבעוואוסטע סעקסועלע געפיהלען, אדער לכל הפּחות איז זי אַן אויסוואוקס פון זיי, ניט אַזוי שאַרף בעשרענקט בלויז אויף מענער; די נייגונג ווענדט זיך גערן, אַהן דעם אין עצם צו געהערען צו פּאַטהאָ־לאָגישע געגענגעזעצטע געשלעכטס־געפיהלען, אויך אויף אַנדערע פרוי־ען, אַזוי גוט ווי אויף קליינע קינדער און אפילו אויף חיות א. אַז. וו. נאָרמאַלע מיידלעך צ. ב. שלאָפען גערן צוזאַמען אין איין בעט זיך האַלזענדיג און קושענדיג, אַ זאַך וואָס נאָרמאַלע מענער וועלען ניט טון אַזוי גערן. ביים מאַן זענען די דאָזיגע פּעראַלגעמיינערטע ליבעס־שפּילערייען כמעט תמיד פערבונדען מיט דער ליבידאָ סעקסואַליס גופא און זענען פון איהר אַבהענגיג; ביי דער פרוי אבער ניט. דער מאַן קאַן, ווי מיר האָבען געזעהען, די העכערע ליבע אויף אַזוי ווייט אָבשיידען פון דער געשלעכטס־טריב, אַז ביי איהם זענען פאַראַן אין דעם דאָזיגען פּרט צוויי טאָטאַל פערשידענע פיהלענדיגע אינדיווידועןן אין איין און דעמזעלביגען געהירן; ער קאַן אפילו זיין דער בעסטער און געטרייסטער מאַן צו זיין ווייב, און דערביי זיין זינליכקייט בעפרי־דיגען מיט גאַסענפרויען. ביי דער פרוי איז אַזאַ מין דואַליזם אַ סך זעלטענער און אוננאַטירליך. די העכערע ליבע און געשלעכטס־טריב זענען ביי איהר אַ סך שווערער פאַנאַנדערצושיידען.

מיט די דאָזיגע פאַקטען ווערט קלאָר דער וואונדערבאַרער קאַפּריז פון דער אייגענטליכער ליבידאָ סעקסואַליס און דעם אָרגאַניזם פון דער פרוי. ביי אַ פרוי אין אַ נאָרמאַלען צושטאַנד ווערען די דאָזיגע ערשיי־נונגען ניט אַזוי לייכט ארויסגערופען אַהן ליבע. די זעלביגע פרוי, וועלכע ליבט איין מאַן און ליבט ניט דעם אנדערען, קאַן ביים פערקער מיט דעם ערשטען האָבען די אינטענזיווסטע ליבידאָ און די העכסטע תאוה, בעת פערקערט, ביים צווייטען בלייבט זי, זעהר אָפט ווייניגס־טענס, אויב ניט כמעט אַלעמאָל, פולשטענדיג קאַלט און געפיהללאָז. און אויף דעם אופן דערקלערט זיך דער בעקאַנטער פאַקט, ווי אַזוי אפילו די ערגסטע עפּענטליכע גאַסענפרויען, האָבענדיג אונצעליגע מאָל אַ געשלעכטליכען פערקער מיט צאָלענדיגע קליענטען, אַהן דער־ביי צו זיין אויף דאָס קלענסטע סעקסועל אויפגערעגט, האָבען ערגיץ אַ געליבטען „בעשיצער“ וועמען זיי שענקען זייער גאַנצע ליבע און

מען, פערפירען די מיינסטע יונגע מיידלעך. שרעקעדיגקייט און אונ־בעהאָלפענקייט ביים מאן האָט בכלל אן אבשטויסענדיגע ווירקונג אויף דער פרוי. קלוגע פרויען ווערען היינט מעהר און מעהר בעגייסטערט פאַר די העכערע גייסטיגע קראַפט ביי די מענער. אויך די דאָזיגע איינענשאַפט קאָן אויפרעגען זייער ליבידאָ. רעלאַטיוו ווייניגער רייצענ־דיג פאַר דער פרוי איז די ריינע קערפערליכע שעהנקייט פון מאַן, הגם אינגאַנצען גלייכגילטיג איז זי צו איהר ניט. מען ווערט אי־בעראַשט זעהענדיג אין וואָס פאַר א מאוסע, עלטערע און אפילו פער־וואַקסענע מענער פרויען קאָנען זיך פערליבען. מיר וועלען שפּעטער זעהען, אז די נאָרמאַלע פרוי איז א סך מעהר אויסקלויבעריש איידער דער מאַן בנוגע צום אָביעקט פון איהר ליבע. זי ווערט ניט גערייצט צו א געשלעכטס־פערקער מיט כמעט איטליכען מאַן, אזוי ווי דער מאַן ווערט פון כמעט איטליכער געזונדער, יונגער פרוי גע־שלעכטליך אויפגערעגט. זי איז דעריבער סעקסועל אויך שטאַנדהאַפּ־טיגער און קאָן זעלטען פיהלען א סעקסועלען בעגער צו עטליכע מע־נער מיט אמאָל; איהרע געפיהלען זענען בכלל געווענדעט בלויז צו איין געליבטען.

א חוץ דעם בעשאַפונגס־טריב, וועלכער איז ביי דער פרוי א סך שטאַרקער ענטוויקעלט איידער ביים מאַן, פירט זי איהר נייגונג זיך פּאַסיוו איבערצוגעבען, צו שפּילען די ראָלע פון אז אונטערדריקטע, אונטערגעוואָרפענע און בעהערשטע דולדערין, דאָס איז אן עיקר־טייל פון א נאָרמאַלען געשלעכטס־טריב. צום זעלביגען ענין וועלען מיר נאָך צוריקקומען אין קאַפּיטעל 5 און אין קאַפּיטעל 8.

כאַראַקטעריסטיש פאַר די ווייבליכע געשלעכטס־געפיהלען איז אויך דער פאַקט, אז א פּאַטהאָלאָגישע ערשיינונג, וועלכע ווערט ביי מענער זעהר שאַרף קענטיג, איז ביי דער פרוי א סך ווייניגער אָבגע־גרעניצט פון איהרע נאָרמאַלע געפיהלען; איך מיין דאָ אויף דעמזעל־ביגען געשלעכט זיך צילענדיגע ליבידאָ, וועלכע פירט צו דער אזוי־גערופענער האָמאָסעקסועלער ליבע. אין נאָרמאַלען צושטאַנד האָט דער מאַן סעקסועל אויף דעם אנדערען פון זיין אייגען געשלעכט, די־רעקט אן אבשטויסענדיגע ווירקונג; נאָר פּאַטהאָלאָגישע מענער ווערען פון אנדערע מענער סעקסועל ליידענשאַפטליך אויפגערעגט. ביי דער פרוי, פערקערט, איז א געוויסער גראַד פון א זינליכער נייגונג נאָך

אַלעז און נאָך דער בעפרידיגונג פון אַ זינליכקייט וועלכע שטראַמט בכלל איבער איהר גאַנצען קערפּער און וועלכע קאָנצענטרירט זיך מיינסטענס גאָר ניט דוקא אויף די געשלעכטס־אָרגאַנען אָדער פּער־לאַנגט אַ געשלעכטס־פערקער.

די כאַראַקטער שטריכען פון ווייבליכען געשלעכט-טריב.—

ביי דער פרוי איז דער געשלעכטס־רייץ גופא וועניגער בעגרעניצט אויף די געשלעכטס־אָרגאַנען. די בריסט־וואַרצלען צ. ב. בילדען ביי איהר אַן אַזוי־גערופענער רייצונגס־זאָן און זייער רייבונג וועקט אויף תאוה. אַזוי איז אויך דאָס מויל בעת קושען; אַפּטמאָל וועניגסטענס. אויב מען נעהמט אין בעטראַכט די געוואַלדיגע וויכטיגקייט וואָס איז נוגע צו איהר שוואַנגערען; איהר זויגען קינדער און צו דעם גאַנצען קרייז מוטערליכע פליכטען און פונקציעס אין איהר לעבען, מוז מען בעגרייפען יענע קאָמפּליקאַציע פון געפיהלען ביי דער פרוי, וועלכע זענען אַזוי פערשידען פון די געפיהלען ביים מאַן. איהר קלענערער קערפּער און שוואַכערע קראַפט, צוזאַמען מיט איהר פּאַסיווער ראָלע ביים פערקער, דערקלערט פולשטענדיג איהר וואונש נאָך אַ שטאַרקע שטיצונג, וועלכער איז ניט מעהר ווי אַ פועל יוצא פון אַ נאַטירליכער צופּאַסונג. דעריבער בענקט נאָרמאַלערווייז דאָס יונגע מיידעל נאָך אַ מוטיגען, שטאַרקען, אונטערנעהמענדיגען מאַן, וועלכער שטעהט גייסטיג העכער פאַר איהר, צו וועמען זי מוז אַרויפקוקען און אונטער וועמעס שוץ זי קאָן זיך פיהלען געזיכערט. דאָס אונגעבילדעטע און ווילדע נאַטור־מיידעל ווערט גיכער צוגעצויגען פון פיזישע קראַפט און פלינקקייט, בעת דאָס אידעאַל פון דעם געבילדעטען מיידעל איז דעם מאַן׳ס גייסטיגע און מאָראַלישע הויך.

פרויען זענען בכלל גרעסערע שקלאַפען צו זייערע אינסטינקטען און געוואוינהייטען איידער די מענער. בעת דעם פּרימיטיווען צו־שטאַנד פון דער מענשהייט זענען דרייסטקייט און געוואַגטקייט געווען פון יעדע איינגענשאַפטען מיט וועלכע מען איז אַמווייטסטען דערגאַנגען. דאָס דאָזיגע דערקלערט וואָרום, אַפילו היינט נאָך, זענען עס מיינס־טענס די געוואַגטע און דרייסטע דאָן זשואַנס וואָס רייצען אַמ־שטאַרקסטען די ליבידאָ פון די פרויען און קאָנען מיט אַ רעלאַטיווער לייכטקייט, ניט קוקענדיג אויף זייערע איבעריגע ערגסטע איינגענשאַפ־

שלעכטליך אויפגערעגט. דורך די בערירונג פון כמעט אלע קערפער־טיילען, די בריסט, דאָס פּנים, בכלל די גאַנצע הויט, ווערען פרויען עראָטיש אויפגערייצט. און דאָס אריינפירען פון א געגענשטאַנד אין די שייד וועקט אויף תאווה־געפיהלען.

אבער די עקסטרעמען וואָס איז שייך צו דעם ריין סעקסועלען בעגער, וואָס איז שייך דעם געשלעכטס־טריב, זענען זיי ביי פרויען א סך גרעסער איידער ביי מענער. א סך זעלטענער ווי ביי איהם ענט־וויקעלט זיך דער טריב אלס אַזוינער ביי איהר ספּאָנטאַן, און ווען ער ענטוויקעלט זיך שוין, איז עס אויך שפּעטער. די תאווה געפיהלען ווערען ערשט אויפגעוועקט דורך דעם פּערקער.

ביי א זעהר גרויסער צאָל פרויען פעהלט בכלל די ליבידאָ סעק־סואַלים אינגאַנצען. פאַר זיי איז דער געשלעכטס־פּערקער אַן אוּנאַנ־גענעמע, אָפּטמאָל אַן עקעלדיגע, וועניגסטענס א גלייכגילטיגע זאַך. זונדערבאַר, לכל הפּחות בעגרייפליך פאַר דער מענליכער עמפּינדונג און וועלכער פּירט מיינסטענס צו מיספּערשטענדניסען, איז דער פאַקט, אַז אַזוינע פרויען, וועלכע זענען אבסאָלוט קאַלט בנוגע צו געשלעכטס־געפיהלען, קאָנען פונדעסטוועגען, דוקא ניט זעלטען, זיין גרויסע קאָקעטקעס, רייצענדיג דעם מאַן סעקסועל, און האָבען אָפּטמאָל א בעדערפעניש נאָך ליבע און צערטליכקייט. נאָרמאַלערווייז איז איי־גענטליך דאָס סעקסועלע בענקען פון דער פרוי א סך וועניגער צוגע־נייגט צום געשלעכטס־אַקט גופא און צו די מיט איהם פערבונדענע אויפרייצונגען פון דער תאווה, איידער צו דער גאַנצער קאָמפּליקאַציע פון די פאָלגען פון דעם דאָזיגען אַקט, וועלכע זענען אַזוי וויכטיג פאַר איהר גאַנץ לעבען. די מענליכע געשלעכטס־טיילען רייצען מיינסטענס ניט די פרויען און אַמוועניגסטענס מיידלעך. זיי אינטערעסירען זיך א סך מעהר מיט זייערע אייגענע געשלעכטס־אָרגאַנען. ווען דער אַנ־בליק פון א געוויסען מאַן וועקט אויף אין א יונג מיידעל געפיהלען פון סימפּאַטיע און בענקשאַפט, נעהמען זיי אַן די פאָרם פון א בעגער צו האָבען קינדער מיט אָט דעם דאָזיגען מאַן, „זיך צו איהם (אָפּטמאָל שקלאַפיש) איבערצוגעבען“, נאָך זיינע אומאָרמונגען און פּלירט, נאָך א דוויערענדיגער ליבע, נאָך א שטיצונג פאַר איהר גאַנץ לעבען. דאָס זענען ניט־קלאָרע און אלגעמיינע געפיהלען, א בענקעניש נאָך א פאַ־מיליען־גרינדונג און נאָך מוטער־גליק, נאָך פּאַעטיש־ריטערליכע איד־

פלאנצונגס־טריב. אבער ליידער שפילט ניט דער דאזיגער טריב, ניט בלויז אין שייכות צו קינדער־ליבע און העכערע געפיהלען, אזוי גוט אויך ניט ביים בעוואוסטזיניגען דענקען און איבערלעגען. נאר אויך אפילו ניט אין סאמע היה׳שען אינסטינקט, אין טריב גופא, א צו גרויסע ראלע. דא אהער וועט זיין געגנוג דאס דאזיגע. מיר וועלען אבער שפע־טער זעהען, אז דער דאזיגער טריב אלס אזוינער, שפילט א ניט־קשה־דיג אונגליקליכע ראלע אין אונזער היינטיגער ציוויליזאציע.

דער געשלעכטס-טריב אין דער פרוי. — די ראלע פון דער פרוי בעת דעם געשלעכטס־אקט אונטערשיידט זיך ממשות׳דיג פון דעם מאן׳ס ראלע, ניט בלויז דורך איהר נאטירליכע פאסיוויקייט, נאר א חוץ דעם אויך דורך דעם פעהלען פון דעם פענאמען פון זאמען־אויס־פלוס. פונדעסטוועגען זענען פאראן גרויסע ענליכקייטען, דאס שטייף־ווערען פון קליטאריס און זיינע פערורזאכטע תאוה־געפיהלען, די פרי־הער דערמאנטע אויסשיידונג פון די בארטאלאנישע דריזען וועלכע איז ענליך צו דעם מענליכען זאמען־אויספלוס, דער ארגאזמוס ווענע־ריקוס, וועלכער, אויב ער איז נאר פאראן, איז ער ניט הינטערשטעליג דעם ארגאזמוס פון מאן און אפטמאל געהט ער איהם נאך אריבער א. אז. וו.

הגם ביי דער פרוי פעהלט אן ענליכע ערשיינונג צו דעם מאן׳ס אנזאמלונג פון זאמען, געפינט זיך אבער אויך ביי איהר אין צענטראל־נערווען-סיסטעם, בעזונדערס נאך אן אלטער צוגעוואוינקייט, א מין אנזאמלונג פון דעם ליבידינעזען טריב, אויב זי האט זיך א לענגערע צייט צוריקגעהאלטען. א געווענליכע פרוי האט מיר איינמאל אפען צוגעגעבען, אז זי דארף האבען א געשלעכטס־פערקער וועניגסטענס אלע 14 טעג און, אז, ווען זי קאן ניט האבען איהר אייגענעם מאן, נעהמט זי פשוט אן אנדערען. אויך וויפיל די פסיכישע עמפינדונג פון דער דאזיגער פרוי איז געווען אונווייבליך, אויך אזוי פיל רעלאטיוו נארמאל איז דערפאר געווען איהר ליבידא.

מען מוז צוגעבען, אז דער קליטאריס ליגט אין אן אונגעשיקטער פאזיציע, אזוי אז פרויען וועלכע קריגען דעם ארגאזמוס נאר בעת דער רייבונג פון קליטאריס, ווערען פון קויטוס אפטמאל ניט בעפרידיגט. פריבער ציהען פאר טייל פרויען דעם אנאניזם ווען זיי זענען גע־

ווארט, אין אזוינע פאלען, וועלכע זענען אט אין אזא עקסטרעמער פארם אמת ניט גאנץ אפטע ערשיינונגען, אבער אויך ניט זעהר זעל־טענע, געפינט זיך די ליבידא סעקסואליס פונקט אין שארפסטען היפך צו די העכערע ליבעס־געפיהלען. אן אונבעזיגבארע קראפט טרייבט דעם מאן צו א געשלעכטס־פערקער מיט די סירענע, און דאך וועט ער בשום אופן זי ניט וועלען האבען פאר א פרוי און האבען מיט איהר קינדער, ווייל ביי זיך אין הארץ האט ער זי ביים קלענסטען פער־טראכטען זיך, פיינט, פעראכט זי און האט מורא פאר איהר. אויב דער דאזיגער פאל, ווי איך האב שוין געזאגט, שפילט זיך געוועהנליך ניט אב אין אזוינע עקסטרעמע פארמען, ענטשטעהט אבער ביי די מיינס־טע מענער א געמיש פון ענליכע, פערוואנדטע און ניט ביז צו אזא גראד ענטוויקעלטע געפיהלען.

די ליבידא שטעלט דא פאר מיט זיך דעם אלטען חיה'שען אינס־טינקט, וועלכער ווערט מיט א געוואלדיגער קראפט צוגעצויגען פון דער פרוי'ס תאוה־בליקען, פון איהר שעהנקייט און איהרע ליידענ־שאפטליכע מאנירען, בעת ביים בעסערען טייל מענשען, וועלכער שטעהט אויף א העכערען גייסטיגען שטאפעל, געהען די העכערע גע־גענזייטיג־טיף צוזאמענגעקניפטע סימפאטיע־געפיהלען פון דער אמת'ער ליבע, צוזאמען מיט אלע אויסדרוקען פון טרייקייט, דאנקבארקייט און גייסטיגע אינטימע נאהענטקייט, אויף גאנץ אנדערע וועגען און, אדרבה, זיי פעראייניגען זיך נעגען דעם עלעמענטארען חיה'שען אינס־טינקט. דא זעהען מיר „צוויי נשמות אין איין ברוסט" (אין איין צענטראל־נערוועז־סיסטעם) וועלכע לעבען מעהר אדער ווייניגער בע־זונדער און האלטען כסדר אין איין זיך בעקעמפען. גאט אמאר איז ניט אין אחדות מיט זיך גופא.

עס פערשטעהט זיך, אז דא זענען ניט געמיינט געווארען יענע פאלען, וואו א נייער ליבעס־רויש ווענדט אב דעם מאן אי גייסטיג און אי זינליך פון זיין פריהערדיגער ליבע (זיין אייגענער פרוי).

**דער פארטפלאנצונגס־טריב.** — דער געשלעכטס־טריב פון מאן בעשטעהט ניט אויסשליסליך בלויז פון א דראנג צום קויטוס. אין א סך פאלען איז מיט דעם געשלעכטס־טריב וועניגסטענס אויסגעמישט, מיינסטענס אפילו אונבעוואוסטזיניג און ניט אזוי שטארק, דער פארט־

בווירענע פאטהאלאגישע דיספאזיציע א זעהר וויכטיגע ראלע און טאקע דא שטעלט זיך ארויס, אז די ליידענשאפטליכע „ליבעס־חתונות" (מיר רעדען דא ניט פון יענע ליבעס־חתונות וואס ווערען געשלאסען מיט א רוהיגער איבערלעגונג און נאך א טיפער געגענזייטיגער בעקענט־שאפט) זענען בשום אופן ניט תמיד דויערהאפטער איידער חתונות דורך שדכנים, מחמת פאטהאלאגיש ליידענשאפטליכע נאטורען, ווי עס איז בעקענט, פאלען דאס רוב פון איין עקסטרעם צום אנדערען. די קראפט פון דער ליבידא סעקסואלים איז אין אזוינע פאלען א שרעק־ליכע. זי קאן טרייבען צו געוואלדיגסטע ליידענשאפטען, צו מארד און זעלבסטמארד. ביי מענשען, וועלכע האבען ניט קיין איבעריג גרוי־סען און זעלבסטשטענדיגען שכל, בייט זי פשוט אלע מיינונגען און אנשוואוינגען, זי פערענדערט ליבע אין האס און האס אין ליבע, דאס געפיהל פון נערעכטיגקייט ווערט פונקט דער היפך. זי מאכט דעם ער־ליכען פאר א ליגנער און אינטריגאנט א. אז. וו. בקצור, די דאזיגע לי־בידא סעקסואלים וואס רייסט זיך ארויין ווי א שטורעם־ווינד אין דעם גאנצען נשמה־לעבען פון א מענש, הערט אויף צו זיין א ריינע ליבידא. מען האט זי אפטמאל מיט רעכט פערגליכען צו שכרות אדער משוגעת. אפילו שוין אין א מילדערען גראד קאן זי דעם מאן ברענגען צ. ב. אזוי ווייט, אז מיט זיין אייגענער פרוי איז ער גאר דעמאלט אימשטאנד צו האבען א פערקער, ווען ער שטעלט זיך אין איהר פאר דאס בילד פון דעם אנדערען, גייעם אביעקט פון זיין ליבע און ווען ער בילדט זיך איין, אז עס איז יענע וועלכע איז איינגעשלאסען אין זיינע ארעמס. דעם דאזיגען פונקט האבען מיר דא ארומגערעדט, הגם ער געהערט פונקט אזוי גוט צום נעכסטען קאפיטעל, ווייל מען זעהט דא ניט זעלטען א פערצווייפעלטען קאמף צווישען דער ליבידא סעקסואלים און דער העכערער ליבע.

צום ביישפיל, א מאן קאן מיט זיין גאנץ הארץ זיין צוגעקניפט צו זיין פרוי, ער ליבט זי, רעספעקטירט זי, ער פערגעטערט זי אפילו, פונדעסטוועגען איהר אנבליק און איהר בערירונג רייצען איהם ניט מעהר און וועקען ניט אויף אין איהם ניט קיין ליבידא און ניט קיין ערעקציעס, בעת עפעס אן אנדערע סירענע, וואס שטעהט גייסטיג און מאראליש נידעריגער, קאן אין איהם אויפוועקען א שרעקליכע תאות, ניט פיהלענדיג צו איהר די מינדסטע ליבע אדער אכטונג. מיט איין

און צו בלייבען ביי איהר. אמת, א גרויסע צאל פון אמאליגע קאדע־טען און באַרדעל־בעזוכער ווערען שפּעטער גוטע און געטרייע מענער און פאמיליען־פאטערס, בפרט ווען זיי האָבען געהאט דאָס גליק ניט געכאפּט צו ווערען פון אַנשטעקענדיגע קראנקהייטען. ווער עס קוקט אָבער טיפער הינטער די קוליסען, מוז באלד זעהען די גרויסע בעדינג־ליכקייט פון דעם גליק אין די מייגסטע פון די דאָזיגע חתונות. די קאַץ פערלאָזט ניט די מייז און די געזונקענקייט פון די סעקסועלע סענטי־מענטען פון א מאַן א דאנק א לאַנג צוגעוואוינט לעבען מיט גאסען־פרויען, ווערט בכלל שפּורלאָז ניט אָבגעווישט.

ווען אפילו א מאַן מיט א גוטען בירושה'דיגען כאראקטער, וועל־כער איז בלויז גאנץ ווייניג געווען אונטער דעם פערפירערישען איינ־פלוס, קאַן דורך א צייטליכע אמת'ע ליבע ווערען ווידער אויפגעהויבען, אפילו דערמאָלט לאָזען די פריהערדיגע עקסצעסען איבער סמנים וועלכע קאָנען איהם לייכט פערפירען אויף קרומע וועגען, אזוי גיך ווי ער ווערט מיד פון דער בעשרענקונג אויף גאָר דעם בלויזען פערקער מיט זיין אייגענער פרוי. פון דער אַנדערער זייט מוז אָבער אויך ווערען צוגעגעבען, אז דער סעקסועלער פערקער אין זיך גופא, און אפילו אין דער הייראַט, בעשאפט א געוואוינהייט, וועלכע רייצט א טייל פער־הייראַטע מענער צו א פערקער מיט א צווייטער פרעמדער פרוי, אפילו ווען ער איז פערבליבען איינגעהאלטען ביז צו דער חתונה.

די אַלע דערמאָנטע קינסטליכע און אבנאָרמאלע ענטוויקלונגען פון דעם געשלעכטס־טריב דארפען ניט פערבּיטען ווערען מיט די צו־לעצט אַנגעצייגטע שפּיצלען וואָס די ליבידאָ סעקסואַליס, בעזונדערס זיינע פּאָליגאמישע טריבען, טוען אָב דעם מאַן. קערפּערליכע אזוי גוט ווי גייסטיגע איינגעשאפטען און רייצען פון א פרוי, קאָנען פולשטענדיג אָבקערען די געשלעכטליכע בעגערען פון זייער ביז־אהעריגען אָביעקט און מיט א מורא'דיגער קראַפט צוגעצויגען ווערען צום נייעם אָביעקט. די עלעמענטען פון דער ליבידאָ מיט די עלעמענטען פון דער העכערער ליבע מישען זיך דאָ אָפּטמאָל אויס אויף א זעהר פערפּלאָנטערטען אופן, און דאָס דאָזיגע מאַטעריאַל איז דער קוואַל פון וואַנען מען שעפּט די הויפּט־טעמאס פאר סענזאַציאָנעלע ראָמאַנען און פאר די מייגסטע אמת סענזאַציאָנעלע ליבעס־געשיכטען.

אין זעהר א סך פון אָט דעם מין פּאַסירונגען שפּילט א מיטגע־

די גוט־מיינענדיגע און קלוגע אויף א ליבליכען און ערענסטען אופן און אין דער ריכטיגער צייט מכח דער סעקסועלער פראגע, ווערען זיי פון איהר געוואר אויף דעם שעדליכסטען אופן און פון די ערגסטע ווינקלען.

ניט בלויז ווערט אויף אזא'ן אופן די ליבידא סעקסואלים קינסט־ליך פערשטארקט און פערפירט אויף אונגאטירלכע וועגען, נאר די יוגענד ווערט פון דער גאנצער צאל געשלעכטס־קראנקהייטען (שויז אבגערעדט פון אלקאהאליזם) פערגיפט און צובראכען. אבער דער דא־זיגער ענין געהערט צום קאפיטעל פאטהאלאגיע.

מיר האבען גערעדט מכח דער שול־יוגענד. אבער נאך ערגער איז דער צושטאנד פון דער פראלעטארישער יוגענד, וועלכע וואקסט אויף, צוליב דער וואוינונגס־נויט און דער ארימקייט, אין דער טרוי־ריגסטער סעקסועלער סביבה. ניט זעלטען זעהען זיי צו דעם גע־שלעכטס־פערקער פון זייערע אייגענע עלטערן און אפטמאל ווערען זיי צוליב געלד־צוועקען דירעקט און קינסטליך ערצויגען אויף א שלעכ־טען וועג.

בסך הכל איז בלויז א חדוש וואס די מאוס'ע רעזולטאטען פון אזוינע אונגלויבליכע פערבלאנדזענישען פון דער ליבידא סעקסואלים זענען ניט נאך א סך ערגער ווי זיי זענען אין דער אמת'ן. געוויס, די דאזיגע איבערטרייבונגען מאכען לויז אויף אלערליי אופנים דעם באנד פון חתונה און פאמיליע, פירען צו אימפאטענץ און צו אנדערע צאלרייכע שטערונגען פון די געשלעכטליכע פונקציעס. פונדעסטוועגען מוז מען מודה זיין, אז די ווענערישע קראנקהייטען פון איין זייט און דער אלקאהאליזם פון דער אנדערער זייט זענען באמת די גרעסטע דירעקטע שעדיגער פון געזונד, א סך גרעסערע איידער די קינסטליכע אויפרייצונגען און פערקרימונגען פון דער ליבידא סעקסואלים גופא. די לעצטע אבער פערגיפטען זעהר אפט דאס נשמה־לעבען און די געזעל־שאפטליכע עטיק.

א טראגישער פועל יוצא פון דער קינסטליכער סעקסועלער רייי־צונג ביי די מענער דורך די מאדערנע פראסטיטוציע און אלעס וואס האט א שייכות צו איהר, איז די סעקסועלע ניט־געגנוגקייט, וועלכע מאכט שווער שפעטער נאך דער חתונה צו קאנען ווערען צוגעוואוינט צו די טרייע, לעבענסלענגליכע, אידעאליזירטע ליבע פון איין פרוי

טע מיטלען מיט וועלכע אויפצורייצען די געשלעכטליכע שוואכקייט פון די מענער זענען, א חוץ פארנאגראפישע בילדער:

די פארנאגראפישע ראמאנען, אין וועלכע דער סעקסועלער בעגער ווערט קינסטליך געררייצט דורך אלע מיטלען פון דער שילדערונג און זייערע אילוסטראציעס געהען איבער און קאנקורירען מיט די נאר־וואס דערמאנטע בילדער, כדי צו רייצען דעם קויף־חשק פון עולם.

דער אלקאהאל, וועלכער פאראליזירט פון איין זייט די אורטיילס־קראפט און די העכערע קאנטראל פון מאראלישען ווילען, בעת פון דער אנדערער זייט הויבט ער אויף די גראבע אימפולסיווע קראפט און רייצט דעם געשלעכטליכען אפעטיט. דער מענש ווערט „אונטערנעה־מענד" און ווערט א לייכטער קרבן פון קאדעטען און פון דער פראס־טיטוציע.

אבער קודם כל קומט דא אין בעטראכט דאס ארסענאל פון דער מאדערנער פראסטיטוציע. (זעה קאפיטעל 10, 3.)

אבער אויך אנדערע אורזאכען א חוץ די געלד־זשעדנעקייט זענען פאראן אדער זיי זענען די אינדירעקטע פאלגען פון איהר. א שול־אינגעל ווערט דורך פארנאגראפישע בילדער אדער דורך א סעקסועל פערדארבענעם מענש געררייצט צום אנאניזם און שפעטער פערפירט ער דערצו אויך זיינע חברים. געוויסע סעקסועל פערדארבענע פרויען האבען, צום ביישפיל, פערפירט שולד־אינגלעך און גאנצע שול־קלאסען מיט זיי צו שלאפען און אויף דעם אופן אין זיי אויפגעוועקט פריה־צייטיגע און ניט־געזונדע געשלעכטס־בעגערען.

אט אזוינע געוואוינהייטען וואס רייצען קינסטליך און דעגענע־רירען דעם סעקסואל־טריב, ענטוויקלען ווידער פון זייער זייט צווישען די מענער א געוויסע סעקסועלע בערימעריי, וועלכע ברענגט מיט זיך די ערגסטע פאלגען. פונקט ווי דאס שול־אינגעל, א שטייגער באלד נאך בר מצוה, שטעקט אריין א ציגאר אין מויל כדי צו ווייזען אז ער איז געווארען א מאן, אפילו ווען עס שטויסט איהם אויף צו ברעכען, פונקט אזוי האלטען די אינגלעך זיך פערפליכט צו פראסטיטואירען, „ווייל אז ניט וועלען זיי ניט זיין קיין ריכטיגע מענער." די דאזיגע נארישע איינרעדעניש ווערט נאך געפעהרליכער דערמיט, ווייל דער אונוויסענדער אין סעקסועלע פראגען אדער דער שעמעוודיגער ווערט אויסגעלאכט. אנשטאט די אינגלעך זאלען ווערען אויפגעקלערט מצד

לעצטע בעפרידיגונג קאן דאך ווערליג דעם פאל זיין גוט אדער שלעכט, אונשולדיג אדער פערברעכעריש. אין דער פראקטיק, קאנקרעט, איז אבער די אנווענדונג פון דער ריכטיגער מאס און דאס אויסוועלען פון די ריכטיגע אביעקטען א דעליקאטער אזוי גוט ווי א קאמפליצירטער ענין. מיט מאראלישע דרשות קאן מען דא גאר ניט געווינען.

איך גלויב, שטיצענדיג זיך אויף מיין גרויסער ערפארונג מיט צאלרייכע מענשען, וועלכע האבען מיך קאנסולטירט בנוגע אט צו די דאזיגע און ענליכע פראגען, אז איך קאן בעהויפטען, אז אויב א מאן וויל נאר בלייבען ערליך צו זיך אליין, קאן ער כמעט תמיד געפינען דעם חלוק צווישען דער קינסטליכער רייצונג פון דעם געשלעכטס־טריב און דעם נאטירליכען בעדערפעניש. עס איז דאך ניט אלץ איינס. צו ווערען געפייניגט און פערפאלגט פון סעקסועלע בעגערען און פאנטאזיעס, טראצדעם וואס מען קעמפט נעגען זיי, מחמת עס פעהלט די געלעגענהייט זיי געזעצליך און נארמאל צו בעפרידיגען, אדער צוליב פשוט׳ען וואוילטאג און תאוה, וועלכע זענען געוועהנליך פערבונדען מיט א פוילענצער־לעבען, בסדר צו טראכטען און זוכען גייע קינסטליכע מיטלען זיך אויפצורייצען. איך רעד דא פון נארמאלע מענשען: עס זע־נען אבער אויך פאראן געוויסע פאטהאלאגישע נאטורען, ביי וועלכע דער געשלעכטס־טריב ווערט אן אונויפהערליכע צוואנגס־פארשטעלונג, אפילו קעגען זייער איינענעם ווילען. בכלל וועט אן ערענסטע און פליי־סיגע ארבייט, צוזאמען מיט אן אויסמיידען פון אלע סארטען רייצ־מיטלען, איינהאלטען דעם געשלעכטס־טריב אין מעסיגע גרעניצען און דאס גופא שוין פיהלט מען פאר דער גרעסטער טובה.

די פארנאגראפישע קונסט האבען מיר שוין בעצייכענט אלס איינס פון די מיטלען וועלכע רייצען קינסטליך דעם סעקסועלען אפע־טיט. נידעריגע און קליינליכע מענשען נעהמען קודם כל אין בעטראכט דעם געפלאנעוועטען געלד־צוועק פון זייערע אונקינסטלערישע און גראָ־בע וואולגאריטעט צום רייצען דעם געשלעכטס־טריב. די געלדזוכט! זשעדנעקייט! דאס דאזיגע ווארט בעצייכענט דעם הויפטקוואל פון דעם אונגליק. די געלדזיכטיגע עקספלואטאציע פון דעם געשלעכטס־טריב איז, צוזאמען מיט דער עקספלואטאציע פון דער געוואוינהייט צו שכרות, דאס הויפט־פעלד פון דער סאציאלער רויבעריי. די וויכטיגס־

מיט דער מאכט פון אן אלטען נאטור־אינסטינקט, געגען דעם איבונגס־געזעץ פון נערוועז־סיסטעם. בכדי צו ווערען קלאר אין דעם דאזיגען עניו, מוז מען דיזען אנטאגאניסטישען שפיל גרינדליך פערשטעהען. א שפיל, וועלכער, ווי שוין געזאגט, חזר'ט זיך איבער אויף אן ענליכען אופן ביים נאהרונגס־אינסטינקט און ווייטער ביים שלאף. אבער אויף וויפיל צווינגענדיג דער נאהרונגס־טריב זאל ניט זיין, און אויף וויפיל די אויפהאלטונג פון לעבען זאל ניט אבהענגען פון זיין בעפרידיגונג, פונדעסטוועגען בלייבט דאס אלטע פראנצויזישע שפריכווארט ווידער אמת, אז דער אפעטיט קומט ערשט מיט'ן עסען. ווי עס איז בעקענט ווערט מען א פרעסער, א זולל וסובא'ניק, ווען מען האלט אין איין קולטיווירען און זיך צוהערען צום קיצלען פון גומען און, מען קריגט דערפון די גיכט, פעטזוכט א. ד. גל. די שלאפזוכט פון פוילענצער איז אן ענליכע ערשיינונג אבער אין א פערקערטען זין: הגם דער נויטיגער שלאף איז א בעדינג פאר א געזונדע פראדוקטיווע געהירן־טעטיגקייט, קאן אבער דאך ענטוויקעלט ווערען אן איבערגעטריבען בעדערפעניש נאך שלאף.

די דאזיגע פראגע איז אין שיכות צום געשלעכטס־טריב פון א פרינציפיעלען בעדייט און וויכטיגקייט. אט דא אהער איז ווי געוואונשען די בעקאנטע אקסיאמע וועגען מעסיגקייט: דער מיסברויך שליסט ניט אויס דעם געברויך. אן ענגלישער קאמענטאטאר האט דורך א טעות צוגעשריבען די פאלגענדע דעפינאציע צו ציצערא: „די אמת'ע מעסיגקייט איז די אונבעגרעניצטע הערשאפט פון שכל איבער די תאוות און פערלאנגען און איבער אלע אונגערעכטע וואונשען פון הארץ. זי בעדייט דאס צוריקהאלטען זיך פון אלע יענע זאכען וועלכע זענען ניט גוט און זענען ניט דורכויס פון אן אונשעדליכען כאראקטער". די דאזיגע דעפינאציע איז אן אויסגעצייכענטע גוטע, אפילו ווען זי איז ניט ציצערא'ס. זי שליסט אויס שכרות, דעם אין זיך גופא אוננאטירליכען און גיפטיגען אלקאהאל־גענוס, אבער זי שליסט ניט אויס די מעסיגע בעפרידיגונג פון דעם סעקסועלען בעגער וועלכער איז נארמאל צוגעפאסט אויפצוהאלטען די מינים. מחמת די

ווערק זענען געווען בעשרענקט אויף עטליכע מוזעאומס אדער דאס אייגענטום פון געצעלטע נגידים.

דער איינפלוס פון אן אפטער סעקסועלער אויפרעגונג. — עס איז אהן צווייפעל, אז דורך א כסדר איבערגע׳חזר׳טע קינסטליכע רייצונג מיט דער הילף פון פערשידענע מיטלען און אופנים, א דאנק וועלכער די לעצטע ווערען פערמעהרט און אנציהענדער, ווערט אבער דער סעקסועלער אפעטיט צוריק פון זיי פערגרעסערט. עס איז דאך אן אלגעמיינער כלל פון דער פיזיאלאגיע פון נערוועז־סיסטעם, אז איטלי־כער מין נערוועז־טעטיגקייט ווערט דורך איבונג פערמעהרט און פער־שטארקט: דורך דער טבע צו עסען א סך און גוט ווערט מען א זולל וסובא׳ניק; דורך דער טבע צו שעהנע מלבושים, צו וואשען זיך אין קאלט וואסער ווערט די זאך א בעדערפעניש: א דראנג נאך בעווע־גונג פערגרעסערט זיך און די מוסקלען ווערען שטארקער פון קערפער־ליכער טעטיגקייט; דורך דאס כסדר׳דיגע אבגעבען זיך מיט א גע־וויסער זאך קריגט מען די זאך ליב און אפטמאל ווערט מען דערין א ווירטואז; דאס שטענדיגע טראכטען וועגען א קראנקהייט מאכט אונז צום סוף גלויבען אז מיר ליידען פון איהר; און אז אפטמאל איבערגע־חזר׳טע מעלאדיע ווערט פון אונז אויטאמאטיש געפייפט אדער גע־ברומט אונבעוואוסטזיניג.

און פערקערט, די אונטעטיגקייט, דאס גארניט־טוהן, אין א געווי־סען געביט שוואכט אב די בעטרעפענדע רייצען. די פערנאכלעסיגונג פון געוויסע עמפינדונגען און בעוועגונגען שוואכט אבביידע און פער־מינדערט אויך אין דערזעלביגער צייט דעם חשק צו זיי. אונטעטיגקייט אין א געוויסען געביט מאכט אונז פויל צו דער דאזיגער זאך, מחמת וואס די ווידערשטאנדען אין געהירן פערמעהרען זיך, און, טאמער איז די פוילקייט שוין פאראן, מאכט זי שווערער דאס בעגייען זיך פון דער טעטיגקייט. דעריבער איז ניט קיין חדוש, אז מיר געפינען דאס אייגע־נע געזעץ אויך ביי דער ליבידא סעקסואליס, און, אז דאס אבהאל־טען זיך פערמינדערט דעם טריב בעת די ענטוויקלונג און רייצונג פער־שטארקט איהם. טראצדעם אבער, פונקט ווי דער לעדיגער מאגען ביים נאהרונגס־טריב, קעמפט דא אויך אפטמאל א קראפט, וועלכע מיר האבען אויבען דערמאנט, דאס איז די פולע זאמען־בלאז, פערבונדען

דעם נאַטור־צוועק פון געשלעכטס־טריב האָט די מענשליכע ציוויליזאַציע איהם פערביטען אויף אַ קינסטליכען גענוס און אויסגעטראַכט אַלע מעגליכע מיטלען כדי די ליבידאָ צו פערשטאַרקען און כדי איהר צו געבען אַבוועקסלונג.

אַזוי ווייט צוריק ווי די געשיכטע פון ציוויליזירטע פעלקער גרייכט, האָט שטענדיג עקזיסטירט דער דאָזיגער צושטאַנד און איצט זענען מיר גופא אין דעריין ניט בעסער אָדער ערגער פון אונזערע עלטער־עלטער־זיידעס. אדרבה מיר פערמאָגען דערצו אַ סך ראַפינירטערע און פערשידענערליי מיטלען איידער די באַרבאַרישע פעלקער און איידער אונזערע אייגענע אור־עלטערן פון די איינפאַכע צייטען. בפרט די מאָדערנע קונסט איז אויף אַלערליי אופנים אַ דאַנקבאַר מיטעל אויפצוּוועקען דעם עראָטיזם, און, לאָמיר עס טאַקע ארויסזאָגען, געהט אַקסעל צו אַקסעל מיט פּ אָ ר נ אָ ג ר א פ י ע. אריינפאַלענדיג אין אַ היפּאָקריטישען צאָרן געגען די וואָס דענקען אַנדערש, ווערען אָפטמאָל די אונגלויבליכסטע עראָטישע רייצמיטלען כלומרשט בעוואונדערט און פערטייטיגט אונטער דעם תרוץ פון קונסט.

די פּאָרנאָגראַפיע און אַלע אַנדערע אָהן אַ שעור פערפיינערטע און פערבעסערטע מעטאָדען צו רעפּראָדוצירען בילדער, די פערבעסערטע פערקערס־מיטלען וועלכע פערלייכטערען דעם געהיימען און פּריוואַטען געשלעכטס־פערקער, די אינדוסטריעלע קונסט וועלכע פערצירט און בעפּוצט אונזערע וואוינונגען און אונזער מעבעל, דער גאַנצער ראַפינירטער לוקסוס פון אונזער צייט, די גרעסערע בעקוועמליכקייט פון די וואוינונגען, די בעטען א. אז. וו. זענען היינט אויף אַלערליי אופנים פאַקטאָרען פון דער עראָטישער תאוה. די פּראָסטיטוציע אָדער קויפבאַרע ליבע גופא האָט זיך צוגעפּאַסט און געהאַנדעלט מיט די צאָלרייכע פּאַטהאָלאָגישע אויסוואוקסען פון אויסגעלאַסענקייט. מיט איין וואָרט, די קינסטליכע ערציהונג פון דער ליבידאָ סעקסואַלים ביים מאַן האָט בעשאַפען אַן אמת'ע הויכשול פון אויסגעלאַסענקייט. עס איז קיין פראַגע ניט, אַז די ארטיסטישע און אמת־רעאַליסטישע קונסט־פּראָדוקציעס פון עראָטיש־סעקסועלע סצענעס, וועלכע זענען היינט איבעראַל פערשפּרייט, זענען בכח אַ סך מעהר אויפצורעגען געשלעכטליך איידער די גראָבע און ארטיסטיש־אָרימע בילדער פון דער „גוטער אַלטער צייט" ווען, אגב, די עראָטישע קונסט־

א פענאמען. מיט וועלכע מיר וועלען זיך בעקענען אין קאפיטעל 8 איבער פאטהאלאגיע אלס די פסיכישע אימפאטענץ, איז באזירט אויף דער מעכטיגער שטערענדיגער און איינגעהאלטענדיגער טעטיגקייט פון דעם געדאנקען־לעבען אויף דער אויטאמאטישער ארבייט פון דעם געשלעכטס־טריב. א מאמענטאנע פסיכישע אימפאטענץ מוז אבער דוקא ניט זיין פאטהאלאגיש. בעת ביים קויטוס בייטע זיך געפיהלען פון דער העכסטער תאוה מיט בעגערען און ענליכע ליבעס־פאנטאזיעס, קאן פלוצלונג עפעס א געדאנק וועגען דער לעבערליכקייט פון דער סיטואציע אדער א געדריקטע שטימונג ביי דער פרוי אדער וועלכער ניט איז קאנטראסט דעם גאנצען געוועב פון געפיהלען און טריבען צום פערקער אזוי ווייט אונטערברעכען, אז וועגינכטענס מאמענטאן, פערשווינדען די תאוה־געפיהלען און די ליבידא סעקסואליס און די ערעקציע ביים מאן פאלט. די אנשטרענגונג פון ווילען קאן דעם צוריקפאל צוריק ניט אויפרייצען, מחמת אין אזא פאל קאנען בלויז העלפען אזוינע פארשטעלונגען און סענטימענטען וועלכע זענען מעכטיג פערבונדען מיט דער ליבידא סעקסואליס.

דער איינפלוס פון דער מאדערנער ציוויליזאציע. פארנאגראפיע. — אונגליקליכערווייז האט אונזער קולטור דאס נאטירליכע געשלעכטס־לעבען ניט בלויז פערשטויסען און טיילווייז דורך איהרע זיטען עס טיף פערוואונדעט, נאר אדרבה זי האט עס ביז א הויכען שטאפעל קינסטליך און פאטהאלאגיש עטנוויקעלט. דאס דאזיגע איז דערנאכגען אזוי ווייט, אז וועגען אבסאלוט אבנארמאלע פערהעלטניסען רעדט מען פונקט ווי זיי וואלטען געוועזען גאנץ נארמאל. פונקט ווי ביי דער אלקאהאל־פראגע. בעסער, ביי דער אלקאהאל־פאטהאלאגיע רעדט מען פון א פאטהאלאגישען רויש, עפעס אזוי ווי ער וואלט געוועזען א נארמאלער רויש, רעדט מען אין איין נאנג, אז די פראסטיטוציע פערשאפט דעם מאן א נארמאלען סעקסועלען פערקער פונקט ווי דער בעצאלטער פערקער מיט א פשוט'ער נאסענפרוי, וועלכע פיהלט דערביי גארנים, וועמעס איינציגע אויפגאבע איז דורך קינסטליך אויסגעלערנטע מאנירען אויפצורייצען איהרע קליענטען וועלכע ווערען דערפאר פון איהר בעלוינט מיט ווענערישע קראנקהייטען. פונקט ווי דאס אלעס וואלט געהערט צו א נארמאל געשלעכטס־לעבען! פערגעסענדיג

פערשידענקייטען שטעלען צונויף דעם וויכטיגסטען אויסגאנגס־פונקט פון דער סעקסועלער פאטהאלאגיע. פונדעסטוועגען זענען נאך פאראן גענוג רוהיגע מענער מיט ניט ווייניג שטארקע מאנאגאמישע אינסטינקטען און מיט א זעהר קליינעם בעגער נאך אבוועקסלונג, ד. ה. א בעגער צו אנדערע איידער צו זיין אייגענער געזעצליכער פרוי. ווידער דארף מען ניט פערגעסען, אז רייכע נאהרונג און פוסט־און־פאסעווען רייצען דעם געשלעכטס־טריב און טרייבען צו פאליגאמיע, בעת אן אינטענזיווע, בעזונדערס א פיזישע ארבייט בערוהיגט דעם געשלעכטס־טריב.

עס פערשטעהט זיך, אז די גייסטיגע און געמיהטס־אייגענשאפטען האבען א געוואלדיגע צוריק־ווירקונג אויף דער ליבידא סעקסואליס. שטרייטזיכטיגקייט, קאלטקייט און אבשטויסונג מצד דער פרוי קיהלען אב דעם מאן'ס בעגער, בעת, פערקערט, א הייסער פערלאנג, ווייבליכע ליבידא, ליבע און צערטליכקייט פערגרעסערען און האלטען איהם אויף לענגער. אין שייכות צו אונזער קאפיטעל, וועלכעס איז נוגע בלויז דעם היה'שען אינסטינקט, מוז דא בעטאנט ווערען, אז בכלל האט די ווייבליכע ליבידא א בעדייטענדע אויפרייצענדיגע און פערשטארקענדיגע ווירקונג אויף דער מענליכער ליבידא, פערגרעסערענדיג זיין גענוס ביים קויטוס. אויב אבער דאס איז דער כלל, זענען אבער פאראן אויסנאהמען פונקט אין אן ענטקעגענגעזעצטען זין, וועלכע בעשטעהען אין דעריין, וואס דער פרוי'ס קאלטקייט און אבשטויסונג רייצען די מענליכע ליבידא און, פערקערט, די ווייבליכע ליבידא קיהלט אב די ליבידא פון מאן. אין דעם דאזיגען געביט זענען פאראן צאלרייכע פיינע שאטירונגען און שטאפלען.

דער אקטיווער מאן ביים געשלעכטס־אקט זוכט און ווינשט די געגענזייטיגע ליבעס־געפיהלען און איבערגעבענקייט אין דער פרוי; ער ווערט אבער, ווען ער פיהלט נארמאל, צוריק אבגעשטויסען דורך צינישע ווייבליכע סעקסועלע פאדערונגען, דורך דעם מאנגעל פון ווייבליכער נאטירליכער איינגעהאלטענקייט און ווען עס פעהלען איהר די פיינערע און צארטערע ווייבליכע געפיהלען. די נארמאלע פרוי פערמאגט א וואונדערבארען אינסטינקט און ווייסט אויף וועלכען אופן ארויסצואווייזען איהרע געפיהלען, זיי צו ווייזען וואס צארטער און פיינער בכדי ניט צו פערלעצען דיזעלביגע געפיהלען ביים מאן.

אינטענזיווער דורך אנדערע פרויען. אמת, א מאראַלישע ערציהונג, א געטרייע און צארטע ליבע, פאמיליען־ און פליכט־געפיהלען זענען ביז א הויכען גראד בכח בייצוקומען דעם דאזיגען בעגער; זיין עקזיס־טענץ קאן אבער ניט פערלייקענט ווערען. און דער עיקר זענען עס די דאזיגע בעגערען וואס פירען צו דער ערגסטער פערדארבענקייט און צו די ליידענשאפטליכסטע, ווילדסטע און טראגישסטע סצענעס. אבער וועגען דעם וועלען מיר רעדען שפעטער.

דאס אויפרעגען און בערוהיגען פון געשלעכטס-טריב. — אהן דעם צו בערירען דאס געביט פון פאטהאלאגיע, מוזען מיר דא נאך דערמאנען די אונגעהייערע אינדיווידועלע פערשידענקייטען פון די ציל־פונקטען פון דער ליבידא סעקסואלים. בכלל זענען די שטארקס־טע אויפרעגער פון די מענער פולבלוטיגע, געזונדע, בליהענדיגע, יונ־גע אבער רייפע פרויען, בעזונדערס דער אנבליק פון די טיילען פון קערפער ביי זיי, וועלכע זענען געוועהנליך פערדעקט, דער עיקר די גע־שלעכטס־טיילען, דעם בוזים, אזוי גוט ווי די עמפינדונג פון זייערע ענטשפרעכענדע ריחות. אבער אויך די שטים, דער אויסדרוק פון פנים, די קליידער און אהן אן ערך אנדערע דעטאלען קאנען האבען אינדיווידועל רייצענדיגע אייגענשאפטען. עס זענען אבער פאראן מע־נער וועלכע וועלען ווערען גיכער אויפגערעגט פון מאגערע און אפילו פון בלייכע פרויען.

געוויסע כאראקטעריסטישע שטריכען רעגען אויף איינעם אבער ניט דעם אנדערען, למשל, די האר און זייער קאליר, געוויסע ריחות, א געוויסער אופן פון טראגען קליידער, געוויסע פארמען פון פנים, בעזונדערס אויף די פארם פון בוזים און ד. גל. מיינסטענס האבען די שטארקסטע רייצענדיגע ווירקונג יענע אייגענשאפטען, וועלכע פעהלען ביי די פרויען מיט וועלכע מען איז בעקענט נאך פון דער יוגענד אן. אויך קאנטראסטען רייצען זיך סעקסועל געגענזייטיג: מאגערע מענ־שען פערליבען זיך אפטמאל אין דיקע, מענשען מיט לאנגע נעזער פער־ליבען זיך אין קורצנאזיגע א. אז. וו. און פערקערט. עס איז אבער שווער צו מאכען א כלל. אפטמאל זעהט מען גאנץ יונגע מענער זיך פערליבען אין עלטערע פרויען, און אלטע מענער ווערען געשלעכטליך אויפגערעגט פון זעהר יונגע פרויען, אפילו פון קינדער. די דאזיגע אלע

זיי פערשטעהט זיך ווייט און ברייט פערשפרייט. דער פּראַקטישער רעפאָרמער, לוטהער, האָט אויפגעשטעלט אלס א נאָרמאַל־כלל פאַר דעם פערהייראַטען לעבען, צו האָבען צוויי ביז דריי מאָל א פערקער אין משך פון א וואָך. פערשטעהט זיך אין די רייפסטע מענליכע יאָהרען. איך מוז זאָגען, אז מיינע צאָלרייכע נאָכפראַגען און ערפאַרונגען אלס דאָקטאר האבען דורכשניטליך בעשטעטיגט דעם דאָזיגען כלל וועלכער זאָל אויך ביז א הויכען גראד זיין אין איינקלאַנג מיט דער נאָרמאַליטעט צו וועלכער דער מענש האָט זיך צוגעפּאַסט אין א משך פון טויזענדער יאָהרען. עס וואָלט אבער געווען אי אַן אונרעכט און אי א חוצפה ווען פערהייראַטע מענער וואָלטען דעם דאָזיגען דורכשניט בעטראַכט אלס א חזקה־רעכט, מחמת פאַר א נאָרמאַלען מאַן איז גאַנץ גוט מעגליך זיך איינצוהאַלטען פאַר א לענגערע צייט, און דאָס זאָל ער טון ניט בלויז ווען זיין פרוי איז קראַנק, נאָר אויך בעת דער מענסטרואַציע און בעת דער קינפּעט־צייט.

די דאָזיגע פראַגע ווערט אביסעל שווערער צוליב דער לאַנגער צייט פון דער שוואַנגערשאַפט. אמת, בעת דער שוואַנגערשאַפט פּאָדערט זיך פאַרזיכטיגקייט און זעהר פיל שוינונג, אבער וועדליג מיין מיינונג איז א טאָטאַלע אויסשליסונג פון דעם געשלעכטס־פערקער ניט נויטיג, כל זמן ער ווערט אויסגעפירט אויף א נאָרמאַלען אופן.

**דער פערלאַנג נאָך אבוועקסלונג אין מאַן.** — א כאַראַקטעריסטישע אייגענשאַפט פון דעם מענליכען געשלעכטס־טריב, אַן אייגענשאַפט וועלכע איז אַן אונגליק פאַר אונזער געזעלשאַפט, און וועלכע ווערט טיילווייז פערענטפערט פון דעם אויבען שוין דערמאָנטען רייץ פון דאָס נייע, דאָס ניט־געוואוינטע, און די רייצלאָזיגקייט פון דאָס אלטע, דאָס געוואוינטע, איז דעם מאַן'ס פערלאַנג נאָך אבוועקסלונג, א וואונש וועלכער איז ניט בלויז איינער פון די עיקר־אורזאַכען פון דער פּאָליגאַמיע, נאָר אויך פון דער פּראָסטיטוציע און ענליכע אינסטיטוציעס. אין'ם דורכשניט איז די פרוי בירושה א סך מעהר גענייגט צו מאָנאָגאַמיע איידער דער מאַן. צוליב דער לאַנגער געוואוינהייט צו האָבען דעם סעקסועלען פערקער מיט זיין פרוי, פערלירט דער בענעהר זיין אינטענזיוויטעט און ווערט, הגם ניט ביי אלע מענער, איז דאָך ביי זעהר א סך, כמעט ביי די מיינסטע, אויף אזוי פיל מעהר גערייצט און

ערשטע קאן גאנץ גוט אויסקומען אהן דער לעצטער, ווען די זאמען־דריזען האבען אויפגעהערט פולשטענדיג צו פונקציאנירען, בעת אבער די אנדערע דריזען (בעזונדערס די פראסטאטא) אין פאל די ערעקציעס ווערען נאך אויפגעהאלטען, העלפען דעם ארגאזמוס ווענעריקוס דורך דער אויסשיידונג פון זייער פליסיגקייט. פערקערט ווידער, קאנען אימפאטענטע פערמאגען געזונדע, לעבעדיגע ספערמאטאזאען. אין אזא פאל איז מעגליך צו בעפרוכטען מיט דער הילף פון אן ארייג־שפריצער.

אונטערשידען אין דער פאטענץ. — ווי גרויס עס איז דער אינדיווידועלער אונטערשיד אין ליבידא און פאטענץ, קאן מען זעהען דערפון, וואס עס זענען פאראן מענער וועלכע קאנען יאהריין און יאהרויס עטליכע מאל אין טאג האבען א געשלעכטס־פערקער. די סעקסועלע אויפרעגונג און דער בעגער קאנען דערגרייכען צו אזא שטאפעל, אז נאך א זעהר קורצע פויזע, ניט מעהר ווי 10 ביז 15 מינוטען נאך דעם געענדיגטען זאמען־אויספלוס, קאנען זיי ווידער צוריקקומען. א מאן וואס האט 10 ביז 20 מאל א געשלעכטס־פערקער אין איין נאכט, למשל אין בארדעלען, געהערט דורכויס ניט צו די גרעסטע זעלטענקייטען, הגם אזוינע פאלען זענען דורך און דורך פאטהאלאגישע אבנארמאליטעטען. מיר איז בעקאנט א פאל, וואו דער פערקער איז געשעהען 30 מאל. איינמאל בין איך קאנסולטירט געווארען פון א 65 יעהריגע בויערן־פרוי, פול מיט קנייטשען, בעקלאגענדיג זיך פאר מיר אויף די אונערזעטליכע ליבידא און פאטענץ פון איהר 73 יעהריגען מאן, וועלכער האט זי טעגליך 3 א זייגער אין דער פריה, איידער ער איז ארויס צו דער ארבייט, אויפגעוועקט פון שלאף און מיט איהר געהאט א פערקער: זייענדיג אבער ניט צופרידען דערמיט, איז די זאך אלע אבענד און אפטמאל אפילו נאך יעדען מיטאג־עסען נאך אמאל איבערגע׳חזר׳ט געווארען! פערקערט, האב איך געזעהען געזונדע מענער אין זייערע קרעפטיגסטע יאהרען, וועלכע האבען בעטראכט א פערקער איינמאל אין א חודש, און אפילו נאך זעלטענער, פאר איבערגענוג! א ספעציאליסט פאר געשלעכטס־קראנקהייטען האט מיר דערצעלט פון א רייכען מאן, וועלכער האט אין משך פון 5 יאהרען געהאט א פערקער מיט כמעט 2000 פערשידענע פרויען. דער דאזיגער סאטיר האט נאטירליך געהאט סיפיליס און פערשידענע טריפערס און

מען קאן זאגען, כמעט פון א נול־פונקט ביז צו א צושטאנד פון א כסדר׳דיגער אויפרעגונג, וועלכע ווערט גערופען ס א ט י ר י א־ ז י ס. אונטער ס ע ק ס ו ע ל ע ר פ א ט ע נ ץ ווערט פערשטא־ נען די פעהיגקייט צום קויטוס. די פאטענץ בעשטעהט קודם כל פון שטארקע און פולשטענדיג געזונדע ערעקציעס, און פון דער פעהיגקייט צו האבען רעלאטיוו אפטע זאמען־אויספלוסען. די אימפאטענץ אדער די אונפעהיגקייט צום קויטוס געהערט צו דער פאטהאלאגיע און זי בעשטעהט מייסטענס אין ניט האבען קיין אדער האבען אונפולשטענ־ דיגע ערעקציעס. פאטענץ און ליבידא געהען געוועהנליך צוזאמען, אבער ניט אלע מאל, מחמת מען קאן זיין פאטענט מיט א שוואכער ליבידא און א סך אפטער געהט אן אינטענזיווע ליבידא צוזאמען מיט אימפא־ טענץ; דאס לעצטע איז אבער פאטהאלאגיש. די אינדיווידועלע פא־ טענץ איז אזוי פיל אנדערש ביי פערשידענע מענשען, אז עס איז כמעט ניט מעגליך צו ציהען די גרעניצען צווישען דאס נארמאלע און פאטהא־ לאגישע.

ליבידא און פאטענץ זענען דורכשניטליך ביים מאן אמשטארקס־ טען צווישען 20 און 40 יאהרען, בעזונדערס צווישען 25 און 35. בעת מאנכע יונגע לייט פון 18 אדער 20 יאהרען אדער עלטער זענען סעקסו־ על נאך גאנץ רוהיג און האבען נאך ניט געהאט קיין זאמען־אויספלוס, געפינט מען אבער גאנץ אפט, בעזונדערס ביי פעלקער וואס ווערען פריה רייף, אינגלעך פון 12 ביז 16 יאהרען וועלכע האבען א פול־ שטענדיג ספאנטאנע ליבידא און פאטענץ. אבער ביי אונזער ארישער ראסע איז אזא מין פאל אונטער 14 יאהרען א צושטאנד פון א פאטהא־ לאגישער פריה־רייפקייט. דאס שפעטערדיגע אנקומען פון דער ליבידא און פאטענץ איז גיכער א סמן פון קראפט און געזונדקייט.

ביי 40 יאהרען הויבט אן די פאטענץ שטאפעלווייז צו ווערען שוואכער און ארום די זיבעציגער, אפטמאל שוין פריהער, ווערט זי אינגאנצען אויסגעלאשען. אויסנאהמסווייז געפינט מען נאך 80 יעה־ ריגע פאטענטע גרייזען. אויך די ליבידא סעקסואלים ווערט שוואכער אויף דער עלטער; אבער גאנץ אפט, בעזונדערס ביי א קינסטליכער אויפרעגונג, דויערט זי לענגער איידער די פאטענץ.

אין שייכות צו פאטענץ מוז מען נאך אנווייזען דעם חלוק צווישען דער פאטענץ פון פערקער און דער פאטענץ פון דער בעפרוכטונג. די

דעם גאנצען קערפער; דער בויך, די הענד, אפילו די פיס האבען זייער פיזיאגנאמיע. אבער אמשטארקסטען דריקט זי זיך אויס דורך די בעוועגונגען פון די אויגען און די מוסקלען פון פנים. דער סעקסועלער אפעטיט פעראט זיך דורך בליקען, געזיכטס־אויסדרוק און געוויסע בעוועגונגען אין דער געגענווארט פון ווייבליכען געשלעכט. א חוץ דעם ווייסען מיר, אז די מענשען אונטערשיידען זיך זעהר א סך אין די אופנים פון זייער פעראטען אדער, פערקערט, פערבארגען זייערע געפיהלען און געדאנקען דורך די מימיק, אזוי אז דאס אינוועניגסטע ווערט ניט תמיד געטריי אבגעשפיגעלט אין דרויסען. און א חוץ דעם קאנען די אין כלל מעהר אדער ווייניגער קאנטראלירטע אויסדרוקען פון סעקסועלען אפעטיט דורך פיזיאגנאמישע בעוועגונגען פערביטען ווערען מיט דעם אויסדרוק פון אנדערע געמיהטס־צושטאנדען און אויף דעם אופן איז דער ליבידינעזעסטער ניט תמיד יענער, וואס זעהט אזוי אויס.

**קאנטינענץ.** — אין א נארמאלען צושטאנד פון א דורכשניטליך נארמאל אינגעל, זייענדיג פלייסיג פערנומען מיט א גייסטיגער און בעזונדערס מיט א קערפערליכער ארבייט און וואס האלט זיך אב פון אלע קינסטליכע אויפרעגונגען, בעזונדערס אבער פון אלע קינסטליכע און נארקאטישע מיטלען, א שטייגער אלקאהאל, וועלכע פאראליזירען דעם ווילען און שכל, אין די ק א נ ט י נ ע נ ץ, ד. ה. די סעקסועלע זעלבסט - בעהערשונג אויף קיין פאל ניט אונויספירבאר. זי ווערט געוועגליך תמיד פערלייכטערט ערשט ביי א אינגעל אין א גאנץ רייפע עלטער, אפטמאל נאך 18 אדער 20 יאהרען, דורך די ביינאכטיגע זאמען־אויספלוסען און די עראטישע חלומות. צום געזונד זענען זיי בשום אופן ניט שעדליך. אין סך הכל קאן אבער דער דאזיגער צושטאנד ניט בעטראכט ווערען פאר נארמאל, בעזונדערס ווען עס איז ניט דא קיין האפענונג אז ער וועט זיך ענדיגען אין משך פון א געוויסער צייט. א סך אבנארמאלער זענען די צאלרייכע קינסטליכע פריהצייטיגע רייצונגען פון געשלעכטס־טריב, וואס די ציוויליזאציע האט מיטגעבראכט מיט זיך.

**סעקסועלע פאטענץ.** — מיר האבען שוין געזאגט פריהער, אז דער געשלעכטס־אינסטינקט איז אינדיווידועל אונגעהייער פערשידען.

וועלכע ניט איז זינליכע רייצונג דורך אנדערע אינדיווידועז. א גאנץ ריינע ענטשטעהונג פון אן אויטאָ־עראָטיזם איז ניט אזוי לייכט אָנ־צואווייזען, מחמת די בילדער אין זכרון פון געזעהענע אינדיווידועז פון צווייטען אדער פון אייגענעם געשלעכט, שפּילען מיינסטענס מיט אויף וויפיל ניט איז. פונדעסטוועגען קאן ביי קינדער דער אָנאַניע־רייץ אָהן ספק אליין ספּאָנטאַן ענטשטעהען ניט האָבענדיג קיין שייכות צו אנדערע מענשען. י. בלאָך רעכענט, אין א וויטערען זין, אויך אָהינ־צו דאָס, וואָס ער רופט „סעקסועלע אקוויוואַלענט", ד. ה. די פונקציאָ־נירענדיגע רעליגיעזע, אידעאַל־מענשליכע אדער ספּעציעל אינדיווי־דואַליזירטע געפיהלען פון איבערגעבענקייט אלס ערזאַץ פאר דעם עראָטיזם.

עס איז בעשטימט, אז ביים מאַן ווערט די ליבידאָ סעקסואַליס שטארק געררייצט דורך די אָנזאַמלונג פון זאָמען־פליסיגקייט אין די זאָמען־דריזען און אז מיט זייער אויסלעדיגונג טרעט אויך אָב דער רייץ. אבער מיר וועלען באַלד זעהען, אז די דאָזיגע ריין אָרגאַניש־מעכאַנישע אויפרעגונג, וועלכע שיינט ביים ערשטען בליק צו זיין צוגעפּאַסט צו די נאַטור־בעדערפעניסען, שפּילט איצט ביים מענש אויף קיין פאַל ניט די הויפּטראָלע. געוויס, עס איז אויך לייכט צו פער־שטעהען, אז זי קאָן אליין ניט זיין די וויכטיגסטע בעוועגונגס־קראַפט, מחמת די מעגליכקייט פון א געשלעכטליכען פערקער ביי אלע חיות, וואָס פאָרען זיך איבערהויפּט, איז סוף כל סוף אבהענגיג ניט בלויז פון דער אָנזאַמלונג פון דער ספּערמאַ (זאָמען), נאָר אויך פון דער מעגליכקייט צו קריגען א זי. דעריבער מוז די לעצטע דורך איהר עמפּינדליכקייט און אינסטינקטען, דורך איהר וואָרנעהמונג, מיטן דער הילף פון וועלכען ניט איז חוש אלס אויפרייצער פירען צום קויטוס.

דרויסענדיגע סמנים פון סעקסועלען בעגער. — פּונקט ווי איטליכער אנדערער אַפּעטיט, פעראַט זיך די ליבידאָ סעקסואַליס דורך די פיזיאָגנאָמיע. די פיזיאָגנאָמיע מיינט דער שפּיל פון דער געהירן־טעטיגקייט (געדאַנקען, געפיהלען, ענטשלוסען) אויף די מוסק־לען מיט דער הילף פון די בעוועגונגס־נערוועז און צענטערס. די פי־זיאָגנאָמיע איז ניט בעשרענקט אויף דעם פּנים; זי איז אן אויסדרוק בעזונדערס פון דעם געמיהטס־צושטאַנד דורך די מוסקולאַטור פון

נאטור־צושטאנד האט דער מענש זעלבסטפערשטענדליך חתונה באלד ביים אנפאנג פון דער געשלעכטליכער רייפקייט.

פאלוציעס. — ביים קולטור־מענש אבער שטעלען זיך אנטקעגען אזא מין זאך אזוינע שטערונגען, אז אדער ער קומט אן צו דער פראס־טיטוציע אדער אלס ערזאץ בענוצט ער זיך מיט מעהר אדער וועניגער אונגאטירליכע הילפס־מיטלען אזוי גיך ווי דער געשלעכטס־טריב ווערט גענוג שטארק. געוועהנליך אין שלאף, בעת די ווירקונגען פון די פאר־שטעלונגען זענען א סך שטארקער איידער אין וואכיגען צושטאנד, רופט ארויס דער געשלעכטס־רייץ, זייענדיג פערבונדען מיט דער ערעקציע, א זאמען־אויספלוס אין בעט, וועלכע מען רופט פ א ל ו־צ י ע ס, און וועלכער איז בכלל פערבונדען מיט די שוין דער־מאנטע עראטישע חלומות. נאקעטע פרויען־געשטאלטען נעהמען איהם ארום און דריקען איהם צו זיך אין חלום בעת ער גלויב אז ער האט מיט זיי, יא, טרוימענדיג האט ער מיט זיי, א מעהר אדער וועניגער אונ־פולשטענדיגען געשלעכטס־פערקער, מחמת, ווי עס איז בעקענט, בע־זיצען חלומות די קראפט און די קוואליטעט פון ממשות׳דיגקייט.

מאסטורבאציע. — אבער אויך אין וואכיגען צושטאנד קאן די ניט־בעפרידיגטע ליבידא סעקסואליס ווערען אזוי שטורעמדיג, אז דאס אינגעל פאנגט אן מעכאניש צו רייבען זיין פעניס, וועלכעס רופט ביי איהם ארויס א געפיהל פון תאוה. אזוי גיך ווי ער ענטדעקט דאס, טוט ער עס נאכאמאל און פערורזאכט דאס מאל דעם געקינצעלטען זאמען־אויספלוס. אויף דעם דאזיגען אופן ענטשטעהט די מאוס׳ע געוואוינהייט פון א נ א נ י ז ם (מאסטורבאציע אדער זעלבסט־בעפלעקונג). א געוואוינהייט וועלכע דריקט דעם געמיהטס־צושטאנד און מאטערט אויס קערפערליך, ווייל די אויפרעגונג ווערט צוליב דער כסדר׳דיגער איבער׳חזר׳ונג אלץ מעהר עקשנות׳דיג און ווייל איהר בעפרידיגונג ווערט ניט קאנטראלירט פון קיין דרויסענדיגען אדער געזעלשאפטלי־כען אבהאלט און פון קיין אנדערען ווילען א חוץ דעם אייגענעם. אבער דעם דאזיגען ענין און בעזונדערס דעם אנאניזם וועלען מיר בעהאנד־לען אין קאפיטעל 8, וועגען פאטהאלאגיע.

אלס אויטא־עראטיזם בעצייכענט האוועלאק עללים די ריי פון אינזויגיג ספאנטאן ענטשטעהענדיגע סעקסועלע אויפרעגונג, אהן

די אייגענטימיליכע קארפיל־געריכען פון די געשלעכטס־ארגאנען האבען בעזונדערס א אויפרעגענדיגע ווירקונג, ד. ה. סעקסועל רייצענדיג. די אייכעל און אין א קלענערען גראד דער הינטער־חלק, דאמנגענד, בריסט־ווארצלען און דאס מויל זענען ביים מאן די ספעציעלע עמפינדליכע זאנען פון דעם פיהל־חוש אדער חוש המשוש. אמאל קאן די בעטרעפענדע שטעלע, די אייבעל צ. ב. די עראטיש תאוה'דיגע עמפינדונגס־פעהיגקייט גארניט, אדער ניט אין א בעזונדערס שטארקען גראד, בעזיצען אדער גאר פערלירען. הגם די געוועגליכע עמפינדונג אדער דער פיהל־חוש איז אדער פערבלייבט נארמאל.

די ערשטע סעקסועלע געפיהלען זענען פון א גאנץ אונבעשטימטען כאראקטער. עס זענען האלב־אונבעוואוסטע און ניט קלארע עמפינדונגען וועלכע ציהען צום ווייבליכען געשלעכט, מאכענדיג די פרווי צו זיין ליבענסווירדיג. דאס אינגעל קאן שוין פער'כשוף'ט ווערען פון א ליבענסווירדיג פרויען־בילד, פון א פולען בוזים, פון צוויי פערפירערישע אויגען און, ביי זייער אנבליק אדער ביים בלויזען געדאנק, צו פיהלען אן ערעקציע און ווערען אנגעפילט מיט אן אונבעשרייבליך בענקען און ציהען, אן עמפינדונג וועלכע קאנצענטרירט זיך ניט אזוי ווי ביים סעקסועל ערפארענעם מאן אויף דעם געשלעכטס־אקט, נאר זי איז ביי איהם א סך אלגעמיינער און אונבעשטימטער, הגם ניט א סך וועניגער זינליך. א לאנגע צייט בלייבט דאס א כסדר צוריקקומענדיג בענקען, בעגערען און טרייבען אהן א בעפרידיגונג. ווערליג דעם אינדיווידיום פערבינדט די פאנטאזיע די פערשידענסטע בילדער מיט אט אזוינע אויסשטראלונגען פון געשלעכטס־טריב. די אביעקטען פון זיין סעקסועלען בעגער ערשיינען אין חלום און פערורזאכען ביינאכטיגע ערעקציעס. דאס אינגעל בעמערקט באלד א סענזארישע אדער זינליכע קאנצענטראציע פון זיינע געפיהלען אין זיינע געשלעכטס־טיילען, בעזונדערס אין דער אייכעל, אבער אויך אין די ארומיגע טיילען, און די פארשטעלונג פון די ווייבליכע געשלעכטס־ארגאנען, וועלכע זענען אין סאמע אנפאנג פון די געשלעכטליכע אויפרעגונגען קוים געקומען אין בעטראכט, הויבען איהם אן מעהר און מעהר צו רייצען. ביי נאטור־מענשען, פונקט ווי ביי חיות, פרופט דאס אינגעל דירעקט דעם געשלעכטס־פערקער, וועלכעס פירט ענדליך צום ציל, ווייל אין

זונדערס אמשטארקסטען, איז מיינסטענס דאס אונגעוועהנליכע: דער אנבליק פון געוויסע טיילען פון קערפער וועלכע זענען געוועהנליך פער־דעקט, אויפפאלענדע קליידער און צירונג, זעלטענע ריחות. אזוינע פרויען וועלכע דאס אינגעל זעהט ניט געוועהנליך א. אז. וו. דעריבער קאנען שוועסטער און ברידער געגענזייטיג זיך זעהר ווייניג אדער גארניט געשלעכטליך רייצען. נאטירליך אויב עס איז ניט פאראן עפעס אן אבנארמאליטעט אדער אונגעוועהנליכע ענטבלויזונגען. דעריבער ווע־רען אויך די אינגלעך פון ווילדע נאקעטע פעלקער ווייניג אדער גארניט גערייצט פון נאקעטע מיידלעך; אדרבה זיי ווערען שטארק גערייצט פון אזוינע וואס טראגען קליידען און צירען זיך. די מאהאמעדאנער ווערען סעקסועל א סך מעהר גערייצט דורך די נאקעטקייט פון א פנים, בעת די אייראפעער רייצען מעהר די נאקעטע פרויען־פיס, מחמת די פרויען פון די ערשטע פערדעקען זייער פנים בעת די פרויען פון די לעצטע פערדעקען זייערע פיס א. אז. וו. דאס אלעס נאטירליך איז בלויז א רעלאטיווער אונטערשיד. ביי א שטורעמדיגען און ניט־בעפרי־דיגטען סעקסועלען טריב, רייצט דאס ווייבליכע געשלעכט בעזונדערס שטארק, אויב די פרוי איז נאר ניט צו אלט.

א צווייטער און וויכטיגער נארמאלער כאראקטער־שטריך איז, וואס די ערשיינונג און דער אנבליק פון דער פרוי׳ס געזונדקייט און קראפט זיינען בעזונדערס רייצבאר פאר דעם מאן, געזונדע, בליהענדיגע פאר־מען, נארמאלע דופטען און ריחות, א נארמאלע שטים, א הויט וואס זעהט אויס און פיהלט זיך נארמאל און געזונד, זענען אויך אזוי אנצי־הענדיג און רייצען דעם נארמאלען געשלעכטס־טריב, בעת אלעס וואס איז שוואך, קראנק און פערוועלקט, מאוס׳ע ריחות א. אז. וו. ווירקען סעקסועל אבשטויסענדיג און ווידערווייליג.

אלע יענע קערפער־טיילען וועלכע זענען פערבונדען מיט די איי־גענטליכע געשלעכטס־ארגאנען פון דער פרוי, זייער אויסזעהען, זייער בעריהרונג, זייער גערוך, רייצען דעם געשלעכטס־טריב, און בעזונדערס אייגענטליך אמשטארקסטען דערפאר, ווייל זיי זענען פערדעקט; דאס זעלביגע איז מיט דעם בוזים. איבערהויפט דער עראטישער מאן האט א געוואלדיגע ליידענשאפט צו די ווייבליכע געשלעכטס־ארגאנען און אלעס ארום זיי. אן אונגעהייערע קראפט טרייבט איהם צו זיי.

אין דער עראטיק שפילען ריח און בעריהרונג א וויכטיגע ראלע.

יועלען מיר צוריקקומען ווען מיר וועלען רעדען וועגען פאטהאלאגיע. מיר ווילען דא פארביילאזען אלע אוננאטירליכע און אבנארמאלע פאר־מען פון דעם געשלעכטס־אינסטינקט און דא נאר בעשרייבען דעם עניין אין זיין ספאנטאנסטער און נארמאלסטער מאניפעסטאציע.

סעקסועלע רייפקייט. דאס אויפוועקען פון סעקסועלען אינסטינקט אין אינגלעך. — ווערליג נאך דעם אינדיווידיום ווערט דאס אינגעל פריהער אדער שפעטער אויפמערקזאם אויף זיינע ערעק־ציעס, וועלכע ווערען פון זיין פריהערסטער קינדהייט אן צוערשט ארויסגערופען אויף א ריין רעפלעקטיווען (ניט־ווילענדיג) אופן. די פריהצייטיגע גייסטיגע ענטוויקלונג און רעפלעקציע ביים מענש וועקען אין איהם אויף זיין אויפמערקזאמקייט צו די געשלעכטס־אונ־טערשידען נאך איידער זיין געשלעכטס־טריב איז ענטוויקעלט. אבער ערשט די ענטשטעהונג פון דעם טריב קאנצענטרירט געוואלדיג די אויפמערקזאמקייט אויף יענע אונטערשידען, וועלכע פלעגען, בעת דער טריב האט נאך געפעהלט, בלייבען גלייכגילטיג ווי א שטייגער דער אונטערשיד צווישען א גלייכער און קרומער נאז. דער מענש קאן לייכט פערביילאזען און איבערהיפען זאכען וועלכע האבען ניט פאר איהם קיין אינטערעס, און דעריבער בעגעגענען מיר ביי מענער מיט א זעהר שפעט אדער שוואך ענטוויקעלטען געשלעכטס־טריב א גלייכגיל־טיגקייט און אונוויסענהייט אין די דאזיגע ענינים וועלכע שיינען פאר אנדערע צו זיין כמעט אונבעגרייפליך; בעת, פערקערט, דער סעקסועל־לער אינטערעס פון דעם געשלעכטליך שטארק נייגעריגען און אויפגע־רעגטען שיינט ווידער פאר דעם גלייכגילטיגען צו זיין אבסורד און גע־שמאקלאז.

אין יענע, מיט א פריהער און שטארקער געשלעכטליכער דיס־פאזיציע, וועקט שוין אויף דאס פארען־זיך פון חיות, אפילו פון אינס־סעקטען, צ. ב. פליגען, א נייגעריגקייט; דער ענין ווערט באלד ניט־קשה׳דיג פערשטאנען און עס פירט דאן צו אנאלאגישע שלוסען און פערגלייכונגען מיט די אייגענע ענטשפרעכענדע סעקסועלע עמפפינ־דונגען. א סך מעכטיגער אבער ווירקט נארמאלערווייז דער אנבליק פון דעם ווייבליכען געשלעכט. דאך זעהען מיר דא אן אייגענטימליכע ער־שיינונג. יענעם פון ווייבליכען געשלעכט וואס רייצט דאס אינגעל בע־

צום אינהאלט פון דעם איבער־בעוואוסטזיין, אויף איהם האבענדיג א ממשות'דיגע ווירקונג בשעת זייערע אויסשטראלונגען פערבינדען זיך מיט אלע עלעמענטען פון דאס וואס מיר רופען אין אייגענטליכען זין פון ווארט אונזער „נשמה", די נשמה פון גרויסען געהירן, ד. ה. מיט אונזער געמיט, שכל און ווילען. אט פון דעם דאזיגען שטאנדפונקט מוז מען בעטראכטען דעם געשלעכטס־טריב בכדי איהם צו פערשטעהען. די געשלעכטליכע ליבע און אלעס וואס האט א שייכות מיט איהר, געהערט אלס אזאלכע צו דער נשמה פון גרויסען געהירן, זי ווערט אבער דארט פראדוצירט דורך א סעקונדערע אויסשטראלונג פון דעם חיה'שען געשלעכטס־טריב, וועלכער דארף אונז איצט דא אממיינסטען בעשעפטיגען. מיר ווילען נאך בלויז בעמערקען, אז די סעקסועלע פארשטעלונגען וועלכע זענען דורך דעם געשלעכטס־טריב שוין אויפגעוועקט געווארען אין גרויסען געהירן, ווערען פון איהם געריצט און פערקניפט מיט אנדערע געדאנקען, וועלכע ווידער פון זייער זייט ווירקען געוואלדיג צוריק אויף דעם געשלעכטס־טריב, איהם וועקענדיג אדער פאראליזירענדיג, איהם אויפהויבענדיג אדער אבשטויסענדיג, אדער אויך קוואליטאטיוו בייטענדיג זיין ציל.

מיט די ווערטער ליבידא סעקסואליס אדער סעקסועלער בעגער, וועלכע מיר האבען דערמאנט אין פריהערדיגען קאפיטעל, מיינען מיר דעם אופן ווי דער געשלעכטס־טריב מאניפעסטירט זיך ביי מענשען.

**דער געשלעכטס-טריב ביים מאן.** — ביים מאן, אלס דער אקטיווער טייל בעת דעם געשלעכטס־פערקער, איז דער דירעקטער סעקסועלער בעגער, ד. ה. דער בעגער צום קויטוס תחלת אמשטארקסטען. ער ענטוויקעלט זיך אויך ביי איהם מעהר ספאנטאן, מחמת זיין ראלע ביי דעם פערקער איז דאך זיין וויכטיגסטע סעקסועלע אקטיוויטעט. דער בעגער שטראלט אויך געוואלדיג אריין אין זיין נשמה־לעבען, הגם ער שפילט דארט אין איהם א סך א מינדערע ראלע ווי ביי דער פרוי.

ביי אינגלעך ווערט דער געשלעכטס־טריב אפטמאל פריהצייטיג אויפגעוועקט דורך שלעכטע ביישפילען און ווערט פערפירט אויף אוננאטירליכע וועגען. א חוץ דעם איז ער ביי פערשידענע מענשען אויף א מערקווירדיגען אופן ניט־גלייך ענטוויקעלט. צו דעם דאזיגען ענין

פלייש־פליגען אדער טויטען־פליגען צו לעגען אייער ווערט ארויסגע־רופען דירעקט פון דעם ריח פון טויט פלייש. אזוי גיך ווי מען שניידט אב דיזע פליגען זייערע פיהלהערנער, הערען זיי אויף צו לעגען אייער אפילו ווען זיי זיצען אויף דעם פערפיולטסטען פלייש, בעת אנדערע שווערע וואונדען, אדער דאס אבשניידען פון בלויז איין פיהלהארן, ברענגט ניט דעם דאזיגען רעזולטאט.

דער מעכאניזם פון די טריבען איז אויף אזא שטייגער א נידע־ריג ענטוויקעלטער מעכאניזם וועלכער האט זיין זיץ אין די פרימי־טיווע געהירן־צענטערס אין וועלכע עס געפינען זיך די נידעריגערע אינסטינקטען. ווי יערקס האט בעוויזען, קאן ביי א גריל אהן א געהירן צושטאנדקומען א געשלעכטליכער פערקער, כל זמן די נויטיגע אויפ־וועקענדיגע סענזארישע רייצונג קאן דערגרייכען די נערוועזע גע־שלעכטס־צענטערס.

מען קאן אלזא זאגען, אז דער מעכאניזם פון די טריבען געהערט צו די טיף פילאגענטיש (אבשטאמונגס־געשיכטליך) גע׳ירש׳ענטע אווי־טאמאטישע בעוועגונגען, אבער וועלכע ווי עס איז בעקאנט, הגם זיי זענען קאמפליצירט און בעשטעהען פון צייטליך אבגעזונדערטע, זיך איינע נאך דער אנדערער פאלגענדיגע, גלייך־ווערטיגע, קאארדינירטע רעפלעקס־בעוועגונגען, בעזיצען זיי אבסאלוט ניט די ווירקליכע פלאס־טישע איינענשאפט צו מאדיפיצירען אונזערע מענשליכע איבער־בע־וואוסטע, דורכאויס פון גרויסען געהירן אבהענגיגע אזוי־גערופענע פרייוויליגע האנדלונגען. זיי קאנען זיך צו נייע, ניט־פאראויסגעזעהע־נע אומשטענדען ניט צופאסען און זיי טרעטען אב ווען די קייט וואס האט זיי ארויסגערופען ווערט אונטערבראכען. מיר מוזען אננעהמען, אז די אינסטינקטען אדער טריבען ווערען בעגלייט פון אן אונטער־בעוואוסטער אינטראספעקציע (אונטער־בעוואוסטזיין), וועלכע די־רעקט אלס אזאלכע עס קאן שווערליך געלונגען צו קומען אין א פערבינדונג מיט אונזער איבער־בעוואוסטזיין (אונזער געוועג־ליך בעוואוסטזיין אין א וואכיגען צושטאנד).

פונדעכטוועגען ביי א פערגרעסערטער אינטענזיוויטעט איבער־וועלטיגען די געפיהלען און טריבען די צענטראלע נערוועזע ווידער־שטאנדען און דערגרייכען אין א סינטהעטישער אדער אלגעמיין פער־איינהייטליכער פארם צום גרויסען געהירן און, קאנסעקווענטערווייז

תאווה אדער בעסער געזאגט פון זיין געשלעכטס־תאווה. ער זעהט די גאנצע וועלט בלויז אין דעם דאזיגען ליכט. דער, אדער די געליבטע ערשיינט אין הימליכע פארבען וועלכע פערשלייערען אלע ווירקליכע פגימות און פעהלערס. איטליכער מאמענט פון ליבעס־לוסט וועקען אין איהם אויף געפיהלען וועלכע זעהען ביי איהם אויס צו האבען דעם כח אייביג צו געדויערען. ער זאגט צו און גיט שבועות אויף אונמעגליכע זאכען. ער גלויבט אין אן אייביג גליק. א געגענזייטיגע איליזיע פערוואנדעלט אויגענבליקליך דאס לעבען אין א מיראזש פון א גן־עדן. די געוועגליכסטע זאך און אפטמאל אפילו דאס וואס עקעלט איהם מיינסטענס, ווי מיר האבען שוין געזעהען, ווערט אין דעם דאזיגען מאמענט זיין שטארקסטער בעגער. — אבער באלד נאך דער בעפרידיגונג פון דעם סעקסועלען אפעטיט קומט אן דאס געפיהל פון זאטקייט. א פארהאנג פאלט איבער די סצענע, און, ווענינגסטענס פאר דעם אויגענבליק, קומען צוריק די רוה און די אויסגעניכטערטע ווירקליכקייט.

דאס זענען אין עטליכע שטריכען די אלגעמיינע ערשיינונגען פון דעם סעקסועלען טריב ביי דער געשלעכטליכער פארטפלאנצונג אין דער לעבעדיגער נאטור. מיר מוזען אבער דיזען טריב נעהענטער אנאליזירען.

די נאטור־טריבען זענען טיף־גע'ירש'ענטע אינסטינקטען וועלכע גרייכען ווייט צוריק אין די אבשטאמונגס־געשיכטע פון אונזערע אור־אור־עלטערן. דער נאהרונגס־טריב אדער הונגער איז דער באזיס פאר דער אויפהאלטונג פון דעם אינדיווידיום, דער געשלעכטס־טריב איז, ווי מיר האבען ערשט געזעהען, כל זמן צו דער פארטפלאנצונג זענען נויטיג צוויי פערשידענע געשלעכטס־אינדיווידועו, דער באזיס פאר דער אויפהאלטונג פון דעם מין. איטליכער טריב געהערט צו דער בעוועגונגס־ אדער מאטארישער זייט פון דער נערווען־טעטיגקייט; עס איז אן אינוועניגסטער עפעס, וועלכער טרייבט צו א געוויסער האנדלונג. ווייטער איז נויטיג פאר דעם טריב איין אדער עטליכע געפיהלען וועלכע זאלען איהם פריילאזען, און אויך געוויסע אויפרייצונגען פון די חושים, וועלכע זאלען אויפוועקען די דאזיגע געפיהלען און דורך זיי בעוועגען דעם בעטרעפענדען טריב. איך האב צ. ב. בעוויזען, אז דער טריב ביי די

אויף זיין געליבטע, און עטליכע שטונדע פון א בערוישט און פרעהליך פלאטערען און פליגלען־ארומארמונגען בעזיגלען זיין גליק. פערמאַטערט שטארבט ער באלד דערנאך, אדער בעסער, אין א שטילער נאַטירליכער הכנעה הויכט ער איצט אויס זיין ערפילט לעבען, פונקט אזוי שטארבען זיינע פון דעם פליהען פערמאטערטע קאנקורענטען, אבער, אהן צו האבען דערגרייכט זייער ציל. די זי פליהט איצט אוועק, זוכט זיך אויס די גרינע פלאנצען, וועלכע זאלען פאר איהרע קינדער, פאר דער פרוכט פון איהר קורצער און גליקליכער ליבע, פערזיכערען א לאנג לארווען־לעבען. זי לעגט אויף זיי איהרע אונגעהייער צאהלרייכע, בעפרוכטעטע אייער און זי שטארבט באלד פונקט ווי זיי, ווי א פערמאטערטע, פערוועלקטע בלום וואס האט איצט ערפילט איהר לעבענס־צוועק.

דער פראנצויזישער נאטור־פארשער פ א ב ר ע האט דיזע ערשיינונגען אין זיין „ענטאמאלאגישע סואווענירען“ ליכטפול און קלאר בעשריבען זיך שטיצענדיג אויף איבערצייגענדיגע עקספערימענטען. מיינע אייגענע בעאבאכטונגען און אויך די בעאבאכטונגען פון אנדערע נאטור־פארשער זענען פולשטענדיג אין איינקלאנג מיט זיינע. ביי די מוראזשקעס שטארבען אויך אלע זכרים באלד נאך א ווילדען און לוסטיגען חתונה־פליה, ביי וועלכע עס עקזיסטירט מיינסטענס א פאליאנדרישע ליבע. דא אבער בעזיצט די זי א זאמען־רעזערוואואר אין וועלכען עס קאן זיך אויפהאלטען דער זאמען פון א סך זכרים און וועלכער מאכט פאר איהר מעגליך יאהרען לאנג צו בעפרוכטען איהרע אייער איינס נאך דעם אנדערען און אויף אזא'ן אופן צו פונקציאנירען אלס א לאנג־לעביגע אזוי־צו־זאגען סעקונדער הערמאפראדיטיש געווארענע מוטער פאר א גאנצע קאלאניע מוראזשקעס.

דער דראנג פון געשלעכטס־טריב איז ביי די נידעריגע בעשעפעניש דער סך הכל פון דער גאנצער ליבע. אזוי גיך ווי די פונקציע איז ערפילט, הערט אויף די ליבע. ערשט ביי די העכערע חיות, ווי מיר וועלען זעהען, קאן זיך ענטוויקלען א דויערענדיגע סימפאטיע צווישעןביידע געשלעכטער. אבער אז אויך ביי זיי, און אפילו ביים מענש, ווערען אלע חושים און די גאנצע נשמה אויגענבליקליך בערוישט פון דעם סעקסועלען דראנג, בעווייזען די בעאבאכטונגען פון יעדען טאג. אזוי ווי פון א כשוף ווערט אפילו דער מענש בעהערשט פון זיין ליבעס־

עס קאסט אפטמאל דעם ער ביז ער דערגרייכט זיין ציל. פערקערט אבער, אויב דער מאן איז אונגעשיקט, לאנגזאם און אונבעהאלפען, זעהט מען ניט זעלטען די פרוי איהם אנטקעגענקומען אדער וועניגס־טענס שטעלט זי איהם אין קיין פאל ניט ארויס קיין ווידערשטאַנד: דאס זעהען מיר צ. ב. ביי געוויסע מוראזשקעס ביי וועלכע די זכרים האבען ניט קיין פליגלען בעת די נקבות האבען יא פליגלען. דער לעצ־טער אקט איז תמיד די גלייכע אינטימע און גליקליכע פעריינינונג פון לייב און נשמה אין'ם אויגענבליק פון געשלעכטליכען פערקער.

ביי געוויסע חיות ווייזט זיך די נאטור צו זיין דוקא פערשווענ־דעריש אגווענדענדיג די מיטלען פאר איהר גרויסען צוועק, די פארט־פלאנצונג דורך דעם געשלעכטס־טריב. אין ביהנשטאָק ווערען מיט שווערע מיה ערצויגען הונדערטע שטארקע און גרויסע זכרים־ביהנען און, אזוי גיך ווי די איינציגע קעניגין פאנגט אן איהר חתונה־פליה, ווארפט זיך די גאנצע מחנה זכרים איהר נאָך אין א ווילדען געיעג צום הימעל. איין איינציגער, געוועגליך דער שטארקסטער, דערלאנגט זי. אין עקסטאז און רויש פון סעקסועלען פערקער לאזט ער העגגען אויפ'ן קערפער פון דער קעניגין אלע זיינע געשלעכטס־ארגאנען און שטארבט. די איבערגעבליבענע זכרים, זייענדיג איצט נוצלאז, ווערען ענדליך אין הערבסט אויסגע'הרג'עט פון די ארבייטערינען.

פונקט אזוי וואונדערבאר איז די חתונה פון שטעטערלינגען פון דער באמביצידען פאמיליע. די פראכטפולע נאכט־פאוועאויגען לעבען חדושים, — טיילמאל יאהרען לאנג אלס שמעטערלינג־לארווען אויף בוימער און אלס שלאפענדיגע פופען אויף ערגיץ־וואו א קארע אדער א מויער. ענדליך קומט ארויס דער ברילאנטענער און קונסטפול גע־פארבטער שמעטערלינג. אבער ער האט בלויז רודימענטען, אנפאנגס־שטאדיען פון אן איינגעווייד, מחמת פאר דעם קורצען לעבען וואס איז איהם נאך געבליבען, דארף ער ניט קיין נאהרונג און, עס איז גע־ווידמעט בלויז פאר דער ליבע. די זי ווארט ערגיץ־וואו. דער ער, פער־זארגט מיט לאנגע און זעהר עמפפינדליכע פיהל־הערנער וועלכע דער־שפירען דעם ריח פון דער זי אויף ווייטע שטרעקען, פאנגט אן, אזוי גיך ווי זיינע פליגלען זענען גענוג שטארק, א ווילדען פליה דורך וואלד און פעלד. זיין איינציגער ציל איז צו דערגרייכען די זי. אויך דא זענען פאר־ראן צאלרייכע קאנקורענטען. דער גליקליכער ערשטער ווארפט זיך

אַלעס. נאָר איין בעגער, נאָר איין שטרעבען, בלויז איין פערלאַנג לעבט, דער פערלאַנג נאָך דעם געבענקטען צווייטען געשלעכט, א פערלאַנג עס אַרומצונעהמען און אין דער נאָהענטסטער בערירונג און דורכדרינ־גונג זיך צו פערבינדען און ווערען איינס. עס איז פּונקט ווי דאָס גאַנ־צע אינדיווידיום וואָלט זיך מאָמענטאַן געפיהלט אלס א זאָמען־צעלע, אזוי גרויס איז דער דראַנג און די תאוה זיך מיט דעם אַנדערען אינ־דיווידיום צו פערשמעלצען.

שעהן האָט געיטהע, דער דייטשער פּאָעט־פילאָזאָף, געשילדערט דעם בעשאַפונגס־טריב און דעם גלויבען אין זיין זיג, אין וועסט־עסטלי־כען דיוואַן, בוך 8 (סולעיקא): „וויעדערפינדען“:

אונד מיט איילִיגעם בעשטרעבען,
זוכט זיך, וואַס זיך אַנגעהערט,
אונד צו אונגעמעססענעם לעבען
איסט געפיהל אונד בליק געקעהרט.
זיי׳ס ערגרייפען, זיי׳ס ראַפּפען,
ווען עס נור זיך פּאַססט אונד העלט!
אַללאה ברויכט ניכט מעהר צו שאַפּפען,
וויר ערשאַפּפען זיינע וועלט!“

ווען מיר גיבען א בליק אויף די ארומיגע נאַטור, זעהען מיר אי־בעראַל דיזעלביגע בענקשאַפט, דיזעלביגע נעגענזייטיגע אַנציהונג פון די געשלעכטער, ביי די סוויסטשענדיגע פויגלען, ביי די ברומענדיגע זויג־חיות, ביי די זשומענדיגע אינסעקטען, איבעראַל מיט דער גרעס־טער עקשנות און איינשטעלענדיג זיין לעבען לויערט און פערפאָלגט דער ער די זי. אמאָל בענוצענדיג ביטרעקייט, און אַנדער מאָל פלינק־קייט אָדער פיזישע קראַפט כדי צו בעפרידיגען זיין וואונש. דאָס בענ־קען און דער בעגער פון דער פרוי איז אָפטמאָל ניט א סך קלענער, דאָך בכלל קאָקעטירט זי, איז כלומרשט דאַגעגען, אַנטלויפט און מאַכט אַן אַנשטעל פון ווידערווילען און אָבשטויס. וואָס פרייער, פלינקער און געשיקטער ס׳איז דער מאַן, אַלץ שטאַרקער ווערט די פרוי געטריבען צו דעם דאָזיגען כלומרשט׳ען ווידערשטאַנד און צו דעם קאָקעטירענדען שפּיל. מען דאַרף זיך בלויז צוקוקען צו די ליבעס־שפּילען פון שמע־טערלינגען און פויגלען, כדי צו זעהען וועלכע מיה און אונשטרענגונג

ליכע צעלע בכדי איבעראל אויף דער וועלט זאלען צושפרייט און צר זייט ווערען די שפראצונגס־פעהיגע זריע. דאסזעלביגע געשעהט מיט מאדרעפארען וועלכע זענען פערשידענע צוזאמענגעוואקסענע חיות (פאראמערען, מעטאמערען), צ. ב. באנדווערים, קאראלען א. אז. וו. כל זמן א צענטראל נערווען־סיסטעם מאכט ניט די איינצעלנע מעטאמע־רען (אורשפרינגליכע חיות) געגנוג איינהייטליך און גלייך.

ביי העכערע חיות ארגאניזירען זיך די מעהר־צעליגע, יא, אפילו יענע אינדיווידוען וואס בעשטעהען מיינסטענס פון עטליכע צוזאמענ־געוואקסענע חיות, אין איין בעוועגליכע איינהייטליכע גאנצקייט מיט דער הילף פון א מערקווירדיגען לעבענס־אפאראט. דעם נערווען־סיסטעם, וועלכעס ווערט מיט דער הילף פון דעם בעוועגונגס־אפאראט (מוסקולען א. אז. וו.) דער איינהייטליכער, גייסטיגער פירער און געוועלטיגער פון דעם לעבעדיגען ארגאניזם, וועלכער ווערט דורך איהם געשטעמפעלט מיט די ריכטיגע כאראקטער־שטריכען פון אן אינדיווידיום. די דאזיגע איינהייטליכע גאנצקייט פון לעבען, וועלכע ווערט צוליב איהרע קאמפ־ליקאציעס און איהר געגענזייטיגען פערקער וואס אמאל אלץ מעהר פערגייסטיגט. די דאזיגע גאנצקייט וועלכע מען רופט דאס העכער ענט־וויקעלטע חיה'שע אינדיווידיום און צענטראל נערווען־סיסטעם, קאן דאך בשום אופן ניט אויסקומען אהן דעם טריב, בעזונדערס, אזוי ניך ווי דער הערמאפראדיטיזם הערט אויף און איטליכס אינדיווידיום ווערט אליין דער טרעגער פון איין סארט געשלעכטס־צעלען. דעמאלט וואל־טען די מינים געשטאנען פאר זייער אונטערגאנג ווען די מענליכע זא־מען־צעלען וואלטען מעהר ניט געקאנט צוקומען צו די ווייבליכע זא־מען־צעלען דורך דער אקטיווער בעוועגונג פון דעם גאנצען אינדי־ווידיום. אט אזוי ארום ענטשטעהט דאס מערקווירדיגע וואונדער, וואס דער פערמעהרונגס־ אדער פארטפלאנצונגס־טריב דרינגט דורך דאס גאנצע נערווען־סיסטעם, דאס הייסט, דאס גאנצע גייסטיגע לעבען אדער העכער איינהייטס־לעבען פון דעם אינדיווידיום. א מעכטיג בענקען און טרייבען שטראמט דורך דורך דעם גאנצען נערווען־סיסטעם פון א געשלעכטליך רייף־געווארען אינדיווידיום און עס ציהט איהם צום צווייטען געשלעכט און בעת דעם דאזיגען אימפולסיווען דראנג פער־שווינדט מאמענטאן די זארג און דער חשק פאר דעם אייגענעם איך'ס פערגעניגען און אויפהאלטונג. דער בעשאפונגס־טריב איבערוועלטיגט

## קאפיטעל IV.

# דער געשלעכטס־טריב.

מאכענדיג א סך הכל פון די דריי אויביגע קאפיטלען, מוזען מיר קומען צו דער פילאזאפישער דערקענטניש, אז די פארטפלאנצונג איז באזירט אויף קיין שום אנדערע זאך ווי נאר אויף דעם אלגעמיינעם נאטור־טריב פון אלע לעבעדיגע בעשעפענישען, זיך אונענדליך צו פער־מעהרען און וואקסען. טיילונג און געשלעכטליכע פארטפלאנצונג עק־זיסטירען דערפאר, ווייל דאס וואקסען פון דעם איינצעלנעם יחיד האט נויטיגערווייז זיינע רוימליכע און צייטליכע גרעניצען. די אייביגקייט פון לעבען ווערט אויף דעם אופן פערזיכערט דורך די פארטפלאנצונג: דער יחיד שטארבט, קומט אבער ווידער אויף אין זיינע קינדער. פאר־וואס די קרייצונג פון די אינדיווידוען איז נויטיג צוליב דעם פענאמען פון פעריינינונג אדער קאניוגאציע, ווייסען מיר ניט; מכח דעם קא־נען מיר נאר אויפשטעלען היפאטהעזען אבער, אז זי איז נויטיג בעווייזט דאס שטודיום פון דער נאטור.

און מיר זעהען, ווי פאר דעם צוועק פון דער פארטפלאנצונג, ווירקט פון סאמע בראשית אן פון לעבען, א מעכטיג געזעץ פון צוציהונג. צוערשט, ביי דער פעריינינונג פון איין־צעליגע בעשעפענישען, טרייבט עס אן איין צעלע דורכצודרינגען א צווייטע צעלע. ענג פער־בינדען זיך זייער ביידע'ס סובסטאנץ און זיי לעזען זיך אויף גענענזיי־טיג. די מאלעקולען פון ביידע קערנער גרופירען זיך אויף אזא'ן אופן, כדי דאס נייע אינדיווידיום צו טרייבען צו א מעהר פריש און ענער־גיש וואקסען.

דאס ענליכע זעהען מיר ביי מעהר־צעליגע קנאספונגס־חיות און פלאנצען ביי וועלכע ביי דער אלטער שטאם ווערט פערצערט פון דער פריי־שער קנאספע פון לעבען, בכדי צו בעשאפען נייע לעבעדיגע שטאמען, און ווי די מענליכע זאמען־צעלען אדער דער פאלען בעפרוכטען די וייב־

דער קאָנצעפּציע אָדער רעפּראָדוקציע פון דעם אינדיווידיום ; ביידע זע־נען עקוויוואַלענט, גלייכווערטיג און געהערען איינס צום אנדערען פּונקט ווי צוויי העלפטען פון איין גאנצע זאך פון וועלכע איטליכע העלפט אָהן דער אנדערער וואָלט אין משך פון דער צייט געווען ניט בכח צו עקזיסטירען. דאָס וואָס איז לטובה איין העלפט איז דער בעדינג פאר דער טובה פון דער אנדערער העלפט. דאָס זאָל מען ענדליך און ניט מעהר חקרנ'ען. וואָלט א שטייגער פלוצלונג דורך עפּעס א כשוף די מענליכע און די ווייבליכע העלפט פון אונזער הייניטיגער מענשהייט איטליכע ווי זי איז איצט פאר זיך אליין, געקאָנט און געמוזט פּאָרט־פלאָנצען, דעמאָלט וואָלטען די מענער צוליב זייער ווילענס־שוואַכ־קייט, פערבונדען מיט זייערע זינליכע תאוות, און די פרויען צוליב זייער אונפעהיגקייט אויפצוהויבען זייער גייסטיגען שטאַפּעל דורך נייע שעפּפערישע אידעען, אזוי גוט ווי צוליב זייער קליינליכקייט, גיך דעגענערירט.

די צאָלרייכע פּסיכאָלאָגישע אייגענטימליכקייטען פון דער פרוי, וועלכע זענען אין איינקלאַנג מיט איהר מוטער־בערוף, און די אייגענ־טימליכקייטען פון דעם מאן וועלכע זענען אין צוזאַמענהאנג מיט זיין איינענשאפט אלס בעשיצער פון דער פאמיליע, דארפען מיר דאָ בעסער מעהר ניט דערמאָנען, מחמת זיי וועלען שפּעטער געפינען זייער פּלאַץ אָלס דירעקטע דעריוואַטען אָדער ארויסוואוקסען פון די געשלעכטס־אונטערשידען. מיר וועלען אויך פערביילאָזען ניט וויכטיגע קאָרעלאַ־טיווע אונטערשידען, וועלכע זענען גענוג גוט בעקענט און וועלכע זענען מיינסטענס א פועל יוצא פון די דערמאָנטע אדער פון די דירעקטע סעקסועלע אונטערשידען. מען קאן זיי גענוי בעאָבאכטען אין די מענליכע קנייפּעס פון איין זייט, און ביי די פערשידענע ווייבליכע אונטערהאלטונגס־קרייזען פון דער אנדערער זייט. די פרוי צ. ב. איז מעהר ביטרע און שעמעוודיגער, בעת דער מאן איז ברוטאלער, צינישער א. אז. וו. — דאך וויל איך נאָך בעמערקען, אז ווערליג מיינע פּאָזיטי־ווע ערפאַרונגען אין געזעלשאפטען און פעריינען, וואו ביידע גע־שלעכטער זענען גלייכבערעכטיגט, האָט זיך די פערלוימדונג מכח די ווייבליכע פּליאָטקעס און רכילות כמעט קיינמאָל ניט בעשטעטיגט. מחמת רכילות און אינטריגעס ווערען פערורזאכט לכל הפחות גראד אזוי אָפט פון מענער ווי פון ווייבער.

בכלל גאָר לפנים רעפּרעזענטירט דורך די מוסקעל־שטאַרקערע בעלי־בתים און געוועלטיגער. דער מאַן בערימט זיך אַ סך אָפטער מיט זיין אויטאָריטעט, ווי ער פערשטעהט באמת זי צו פּראַקטיצירען, מחמת איהם פעהלט די אויסגעהאַלטענקייט, פעסטקייט, און די עלאַסטיציטעט, וועלכע זענען די עקירים פון אן אמת שטאַרקען ווילען, און וועלכע זענען די כאַראַקטער־שטריכען פון דער פרוי. עס פערשטעהט זיך, אז איך רעד דאָ נאָר פון דורכשניטען און אז ווילענס־שוואַכע פרויען זע־נען פאַראַן גענוג. זיי אבער פאַלען לייכט אלס קרבנות פון דער פּראָס־טיטוציע און געהען דעריבער אונטער און פערשווינדען. אפשר ליגט דאָ איינע פון די אורזאַכען פאַרוואָס די צוכטוואהל איז דורכשניטליך גע־ווען אזוי לטובה דער ווילענס־קראַפט פון די פרויען. דער מאַן איז אימפּולסיווער און שטורמישער אין זיין ווילען, אבער אָפטמאָל אונבע־שלאָסען און נאָכגעביג ווען עס האנדעלט זיך דוקא עפּעס אויסצופירען. נאַטירליכערווייז קומט דערפון ארויס, אז דורכשניטליך אין דער פאַ־מיליע איז עס דער מאַן וואָס גיט די געדאַנקען און אימפּולסען, בעת די פרוי, מיט איהר פיין טאַקט־געפיהל, שיידט אָב אינסטינקטיוו דאָס שלעכטע פון גוטען, בעקעמפענדיג דאָס ערשטע און אויספירענדיג דאָס צווייטע. און דאָס, ניט ווייל זי איז אין עצם בעסער, נאָר ווייל זי איז פעסטער און אויסגעהאַלטענער פערפאָלגענדיג איהרע צילען, וועלכעס בעווייזט די גרעסערע קראַפט פון איהר ווילען. „דאָס וואָס פרויען ווילען, וויל גאָט“, זאָגט דער פראַנצויז. דעריבער מוז די געזעלשאַפט דורך פרייהייט, גלייכע רעכטען און אַ העכערער ערציהונג אויפהויבען די גייסטיגע האָריזאָנטען פון דער פרוי. דעמאָלט ערשט וועט זי דורך איהר ווילען זיין בכח אויסצוקעמפען די העכערע סאָציאַלע אידע־אַלען, וועלכע דער מאַן טאַקע עפענט אבער איז ניט בכח צו פערווירק־ליכען.

עס איז אן אבנאָרמאַליטעט און אין דערזעלביגער צייט אן אונ־גערעכטיגקייט צו וועלען איין געשלעכט אין פערגלייך צום אנדערען געשלעכט אונטערשאַצען. דער פאַקט אז פּאַרטהעגאָגענעזיס, זייענדיג אַ פאַקט ביי נידעריג ענטוויקעלטע חיות, אבער האָבענדיג אויפגעהערט צו עקזיסטירען ביי די ווירבעל־חיות, איז ביי די לעצטע איין גע־שלעכט פונקט אזוי אבסאָלוט נויטיג ווי דאָס אנדערע ניט בלויז פאַר דער פאָרטפּלאַנצונג פון דעם מין בכלל, נאָר פאַר איטליכער בעזונדע־

נער אונבעוואוסטזיניג מיט די בערימטע אויבערשטע שפיצען, מיט די גרעסטע דיכטער און קונסט־גאונים און מיט א זעלבסטצופרידענ־קייט מאכט ער זיך ניט זעהענדיג אויף די איבעראל שוויבלענדיגע דומקעפ און אידיאָטען פון זיין אייגען געשלעכט. געגען דעם האָט מען איהם שוין מיט רעכט פירגעהאלטען. ביי דער פרוי איז דער אור־טייל (דער אינטעלעקט, שכל) אין א הויכען גראד א סך מעהר אבהענ־גיג פון דעם איינגעפונדעוועטען געפיהל־קאָנזערוואַטיזם איידער ביים מאַן. דערפאר אבער בענעהמט די פרוי אינטואיטיוו זעהר ריכטיג די העכערע גאון'ישע אויפטואונגען פון גרויסע מענער, אזוי גוט ווי זייער עטישען ווערט. ווערט בעגייסטערט פאר זיי און וועהלט אויס דע־ריבער א סך בעסער איידער דער דורכשניט פון די מענליכע שטרעבער־נשמות מיט זייער גלויבען אין אויטאָריטעטען און מיט זייערע סאָ־פיזמען. אין'ם געפיהלס־לעבען פערפולקאָמען זיך געגענזייטיג ביידע געשלעכטער וואונדערבאר: דער מאַן הויבט אויף די צילען צו א העכע־רען שטאַפּעל און עפענט נייע וועגען, בעת די פרוי, אנטקעגען זיינע אפטמאָל צו פיל שטורמדיגע שטרעבונגען און ליידענשאפטען, האָט דעם צוגעפּאסטען טאַקט צו היטען און צו מילדערען און צו פערפיינע־רען דעם טאַן, אזוי גוט ווי מיט איהר נאַטירליכער איבערגעבענקייט און התמדה אלע זיינע שאַטירונגען צוצופּאַסען צו דער ספּעציעלער סיטואַציע. דיזער געגענזייטיגער איינפלוס קאן און זאָל העלפען ברענ־גען די בעסטע און העכסטע האַרמאָניע פון די געפיהלען אין א גליק־ליך פערהייראַט צוזאַמענלעבען.

וואס איז שייך צום ווילען שטעהט די פרוי, לויט מיין מיינונג, אבסאָלוט העכער פון דעם דורכשניטליכען מאַן. אָט דאָ און ניט אין קיין אנדערען פּסיכאָלאָגישען געביט קאן זי און וועט תמיד מעהר טריומפירען. בכלל ווערט דאָס דאָזיגע מיספערשטאַנען, ווייל עד היום הזה, וועניגסטענס לפנים, האָט אלץ דער מאַן אליין געהאלטען דעם סצעפּטער פון אַן אונבעשרענקטער געוואַלט, ווייל די מענשהייט איז צוליב דעם כסדר געפירט געוואָרען פון ווילענס־שטארקע מענער, און ווייל דערפאר זענען די ווילענס־שטארקע פרויען בעהערשט און אונ־טערדריקט געוואָרען פון די געזעצען און די ברוטאלע כחות פון די שטאַרקערע. ווער אבער עס קוקט זיך אויפמערקזאם צו צום פאָלק, מוז באלד בעמערקען, אז דער הערשענדער ווילען אין דער פאמיליע ווערט

רעפּראָדוקטיוו נארישער איידער די זעלביגע ווייבליכע עקסטרעמען. איך גלויב ניט, אויב מען קאָן מכח דעם ריין אינטעלעקטועלען געביט זאָגען עפּעס מעהר.

אין דער קונסט געפינען מיר די זאַך בעשטעטיגט: אין זייער זעלבסטשטענדיגער ארבייט אדער שאפונג זענען די פרויען דורכ־שניטליך א סך מינדערוועֶרטיג, מחמת אין זייערע שאפונגען, אפילו ווען זיי זענען שוין די בעסטע, פעהלט מיינסטענס די אָריגינאַלי־טעט: זיי עפענען כמעט ניט קיין נייעם וועג. פערקערט, אין דער רעפּראָדוקטיווער קונסט, אלס ווירטואָזען, קאָנען זיך די פרויען אַב־סאָלוט פערמעסטען מיט די מענער. אויף דעם דאָזיגען פעלד פערנעה־מען זיי זייער אויבען־אָן א דאנק די ווייבליכע פארצוגען, וועלכע מיר וועלען באלד אָנצייגען. אבער אויסנאהמסוויז זענען אויך פאראַן אָרי־גינעל שעפּפערישע און זעלבסטשטענדיג פּראָדוקטיווע פרויען. דער פי־לאָזאָף סטוארט מילל ווייזט אָן מיט רעכט אייף דער בעגאַבטקייט פון דער פרוי, מיט דער הילף פון איהרע אינדיווידועלע בעאָבאכטונגען, אינטואיטיוו צו דערגעהען אן אלגעמיינעם אמת און איהם מיט א גיכען און קלאָרען בליק אָנווענדען אין א קאָנקרעטען פאַל, דערביי ניט האָ־בענדיג קיין מיה מיט אָבסטראַקטע טעאָרעטיק. דאָס איז דאָס ניט־בעוואוסטע אדער אינטואיטיווע אורטיילען פון דער פרוי.

אין דעם רייך פון געפיהלען זענען ביידע געשלעכטער שטארק פערשידען, אבער דאָ קאָן מען ניט זאָגען, אז איינס איבערשטייגט דאָס אנדערע. זיי זענען ביידע גלייך געגוג ליידענשאפטליך, יעדעס אויף זיין שטייגער. אבער די ליידענשאפטען פון מאַן זענען ברוטאלער, דויערען וועניגער און זענען פון א העכערער קוואַליטעט נאָר דערפאַר, מחמת מיינסטענס זענען זיי פערבונדען מיט מעהר אָריגינעלע און קאָמפּליצירטע אינטעלעקטועלע צילען און קאָמבינאַציעס. און פער־קערט, זענען נידעריגער וואָס איז שייך צו דער פיינקייט פון די בע־טאָנונגען. די פרויען־געפיהלען זענען צארטער, דעליקאטער און ריק־זיכטס־פולער, עטיש און עסטעטיש פיינער נואנצירט, זענען אויך דויערהאפטער, לפּחות אין דורכשניט, הגם איה־רע צוועקען זענען אָפטמאָל קליינליך און באנאַל. דער ערש־טער־בעסטער מאַן ווען ער האלט זיך העבער אין דער דאָזיגער בעציהונג, אידענטיפיצירט ער זיך געוועהנליך מעהר אדער וועני־

געהאט קיין געלעגנהייט ארויסצואווייזן זייער אינטעלעקט. אבער ביי דער מאדערנער פרויען־עמאנציפאציע ווערט דער דאזיגער אר־גומענט וואס ווייטער אלץ שוואכער און איז ניט אויסגעהאלטען וואס איז שייך צו קינסטלערישע שאפונגען זינט יאהרהונדערטען, מחמת דערמיט האבען די פרויען זיך פון תמיד־אן פערנומען. די אנדערע בע־הויפטונג, אז עטליכע דורות פרייע ארבייט (אפשר דורך צוכטוואהל? אדער דורך ירש'ענען ערווארבענע אייגענשאפטען!?) וועט קאנען ביז א הויכען שטאפעל אויפהויבען דעם אינטעלעקטועלען מעמד פון דער פרוי, איז געבויט אויף דעם לחלוטין ניט־פערשטעהען די אב־שטאמונגס־געשיכטע און די ירושה געזעצען (זעה קאפיטעל 1). אמת, די פסיכישע אייגענשאפטען פון דער פרוי, וועלכע זענען ביז אהער אויף אלערליי אופנים געשמידט געווען ווי אין קייטען, וועלען זיך, דורך דער פרוי'ס גלייכבערעכטיגונג מיט דעם מאן און דורך איהר אבסאלוט פרייע סאציאלע טעטיגקייט, קאנען ענטוויקלען און דער־גרייכען זייער פולסטע בליהונג, אבער דערצו איז גענוג די ערציהונג פון אן איינציגען דור. דאס אבער וואס האט זינט טויזענדער אדער מיליאנען יאהרען ניט עקזיסטירט אין די בירושה'דיגע ענערגיען פון די זאמען, קאן ניט בעשאפען ווערען אין עטליכע דורות; די סמנים פון די בעזונדערע מינים און ראסען און קאנסעקווענטערוויז אויך די געשלעכטס־סמנים האבען דאך א גאנץ־אנדערע בעשטענדיגקייט ווי די וועלכע ווערט טעגליך ארויסגעברענגט פון אויבערפלעכליכע פלוידער־זעק. מען דארף די דאזיגע סמנים ווידער און אבער ניט פערבייטען מיט די ריין אינדיווידועלע רעזולטאטען פון דער ערציהונג, וועלכע, אלס געוואוינהייטען פון געהירן, ערווארבען אין'ם משך פון דעם אינדיווי־דועלען לעבען, געהען ניט איבער בירושה.

פון דער צווייטער זייט פערמאגט די פרוי אויף דעם אינטעלעק־טועלען געביט אן אויפנעהמונגס־פעהיגקייט און א כח השגה אזוי גוט ווי א טאלאנט דאס בעגריפענע צו רעפראדוצירען, וועלכע זענען בכלל מעהר געגליכען צו די אייגענשאפטען פון מאן. אין דער הינ־זיכט צייגען די פרויען צ. ב. ביי די הויכשול למדים, ווערליג ווי איך האב געהאט גענוג געלעגנהייט זיי צו בעאבאכטען אין צוריך, א גלייכמעסיגערען מיטלען דורכשניט איידער די מענער. די קלוגסטע מענער זענען רעפראדוקטיוו קלוגער און די נארישסטע מענער זענען

מאַטעריאַל (געהירן־סעקציעס אין דעם ברוגהעלצלי אַנשטאַלט אין צוריך), האָט מערסעי דאָס זעלביגע בעשטעטיגט. דאָס דורכשניטליכע געוויכט פון גרויסען געהירן אליין (אָהן דעם געהירנשטאַם און קליינעם געהירן) איז ביים מאַן 1019 גראַם (שטערנלאַפּען 428, דאָס איבעריגע גרויסע געהירן 591), ביי דער פרוי 930 גראַם (שטערענלאַפּען 384, דאָס איבעריגע גרויסע געהירן 546). דיזע דורכשניטס־צאָלען פון געוויכט פון דעם גרויסען געהירן זענען אביסעל קלענער ווי זיי זע־נען דאָ אָנגעגעבען, ווייל צוזאמען מיט זיי זענען אויך געוואויגען גע־וואָרען אסך מעהר אָדער ווייניגער אַטראָפּישע געהירנס פון גייסטיג־קראנקע מענשען. פונדעסטוועגען צושטערט דאָס ניט די פּראָפּארציע צווישען מענער און פרויען, מחמת אלע פאַלען פון ווייט־ענטוויקעלטער פּאַראַליזיס זענען ניט געוואויגען געוואָרען. אָט אזוי איז דאָס איבערי־גע גרויסע געהירן שווערער פון שטערענלאַפּען מיט 163 גראַם ביים מאַן און מיט 162 גראַם ביי דער פרוי. אין פּראָצענטען אויסגעדריקט הייסט עס, אז ביים מאַן בעטרעפט דער שטערענלאַפּען 42% פון גאַנ־צען גרויסען געהירן, בעת ביי דער פרוי בעטרעפט ער קוים 41,3%. דער חלוק איז אמת ניט קיין גרויסער, ער איז אבער אַ זיכערער נעהר־מענדיג אין בעטראַכט די גרויסע צאָל פערגלייכונגען.

**גייסטיגע פעהיגקייט פוןביידע געשלעכטער.** — דער עיקר־אונטערשיד צווישען דער פּסיכאָלאָגיע פון דער פרוי און דעם מאַן בעשטעהט אין אלע זייערע פערגייסטיגטע, ד. ה. אין'ם גרויסען גע־הירן אויסגעשטראַלטע סעקסועלע בעציהונגען. דיזען ענין וועלען מיר אָבער ארומרעדען אין די קומענדיגע קאַפּיטלען, מחמת ער איז דער סאַמע עיקר פון אונזער גאַנצער פראַגע. דאָ געהט אונז נאָר אין די קאָרעלאַטיווע אונטערשידען.

בכלל ווען מיר נעהמען אין אויג די הויפּט־געביעטען פון דער פּסיכאָלאָגיע, קאָנען מיר אויפשטעלען די פאָלגענדע בעהויפּטונג. פון אַ ריין אינטעלעקטועלע שטאַנדפּונקט שטייגט דער מאַן דורכשניט־ליך ביז אַ הויכען שטאַפּעל ווייט אריבער די פרוי, אַ דאַנק זיין שעפּ־פערישע פאַנטאַזיע, זיין קאָמבינאַציאָנס־ און ערפינדונגס - פעהיג־קייט און זיין טיפערען קריטיקירענדיגען מוח. שוין פון לאַנג האָט מען געוואָלט דאָס דערקלערען דערמיט, אז די פרויען האָבען נאָך ניט

זונדער געוואויגען (אהן דעם רוקענמארך, פערשטעהט זיך) האב איך בעקומען דעם דאזיגען דורכשניט:

| דאס גרויסע געהירן | איבעריגע געהירן צענטערס |
|---|---|
| מענער 1060 גראם, (78,5%) | 290 גראם, (21,5%) |
| פרויען 955 גראם, (77,9%) | 270 גראם, (22,1%) |

אזוי זעהען מיר אז דאס קליינע געהירן און די שטאם־גאנגליען אין פערגלייך צום גרויסען געהירן, זענען ביים מאן אביסעל קלענער איידער ביי דער פרוי.

דיזע ציפערן זאגען ניט פיל, אבער זיי שיינען דאך אנצואווייזען, אז דאס גרויסע געהירן פון דער פרוי אין פערהעלטניס צו איהר קערפערגרויס איז דורכשניטליך אביסעל גרינגער איידער דאס גרויסע געהירן פון מאן. עס זענען אבער פאראן פרויען־געהירנס וואס זענען גרעסער ווי א סך מענער־געהירנס, און דעריבער איז די רעלאטיווע און אבסאלוטע גרויס ניט קיין פולשטענדיגער מאסשטאב צו מעסטען די קוואליטאטיווע פעהיגקייט פון אן אבר, און אמווענינגסטען פון דעם געהירן. מען ווייסט פון מערקווירדיג פעהיגע מענער וועלכע האבען פערמאגט דוקא א צימליך קליין געהירן און, פערקערט, גרויסע דומקעפּ מיט א נישקשה'דיגען שווערען מוח. מען פערגעסט מיינסטענס די געוואלדיגע וויכטיגקייט פון די קוואליטאטיווע בירושה'דיגע נייגונגען אדער פרעדיספאזיציעס פון די נעוראנען אדער נערוועןּ־עלעמענטען פאר א בעשטימטער טעטיגקייט, דער עיקר, פאר ארבייט בכלל, ד. ה. זייער פאסליכקייט צו פראדוצירען ענערגיע, זייער נייגונג צו א ווילען.

עס איז אויך אינטערעסאנט צו נעהמען אין בעטראכט דאס פערהעלטניס פון דעם שטערענלאפען צו דעם איבעריגען גרויסען געהירן. אזוי ווי דער שטערענלאפען דארף אהן ספק זיין דער הויפּטזיץ פון דער אינטעלעקטועלער ארבייט אדער שכל, דעריבער איז דער ענין וויכטיג. וועדליג מיינערט'ן וועגט אריבער די שווערקייט פון דעם מענליכען שטערענלאפען די שווערקייט פון דעם ווייבליכען שטערענלאפען נים בלויז אבסאלוט, נאר אויך רעלאטיוו צו דער שווערקייט פון דעם איבעריגען גרויסען געהירן. מיט זיינע פריהערדיגע אייגענע סטאטיסטישע צונויפשטעלונגען, איינענעם מיט די רעזולטאטען פון מיין אייגען

באמת פאַראַן מענישע ווייבער און ווייבישע מענער. נאַראָנים זענען פאַראַן געננג ביי ביידע געשלעכטער אָבער קיין מענש מיט שכל וועט ניט לייקענען, אז אן אינטעליגענטע פרוי שטעהט אפילו פון אַ ריין אינטעלעקטועלען שטאַנדפּונקט ווייט העכער פון אַ נאַרישען מאַן. טראָץ דיזע אלע שווערקייטען וועל איך פונדעסטוועגען, שטי־צענדיג זיך אַ חוץ אויף מיינע אייגענע בעאָבאכטונגען, דער עיקר אויף די פאַקטישע פּסיכישע פעהיגקייטען פון ביידע געשלעכטער, פּריפען ארויסברענגען לפּחות די וויכטיגסטע פונקטען וועלכע בדרך כלל ווייזען דעם פּסיכישען אונטערשיד צווישען ביידע געשלעכטער.

די וואָג פון געהירן. — צוערשט מוז מען געדענקען, אז דאָס געהירן פון די מענער פון אונזער ראַסע, וועדליג אלערליי וואָג־סטאַ־טיסטיקען, וועגט דורכשניטליך 1350־1353 גראַם, בעת דאָס געהירן פון די פרויען וועגט 1200־1225 גראַם. אבער דאָס אבסאָלוטע געוויכט איז ניט פון קיין גרויסער וויכטיגקייט, מחמת אַ טייל פון דער געהירן־סובסטאַנץ ביי גרעסערע חיות עקזיסטירט בלויז צוליב דער גרעסע־רער צאָל פון די קערפּער־עלעמענטען וועלכע נויטיגען זיך אין אַ גרע־סערער צאָל פון נערוועז־עלעמענטען. דעריבער, כדי צו מאכען קלאָר דעם ענין זאָל מען דאָס געוויכט פון דעם גרויסען געהירן אליין נעהמען אין בעטראכט און עס בעזונדער אָבשיידען פון דעם איבעריגען צענט־ראַל־נערוועז־סיסטעם, ווי דאָס קליינע געהירן, קאָרפּאָרא סטראַטאַ, מי־טעל־ און צווישען־געהירן, בריק, פערלענגערטער מאַרך, רוקענמאַרך א. אַז. וו. מחמת די טיילען זענען אונבעדינגט נידעריגערע און אָב־שטאַמונגס־געשיכטליך עלטערע, ד. ה. גע'ירש'ענט פון עלטערע מינים חיות. פערגליכען מיט דעם גרויסען געהירן, זענען דיזע געהירן־אָבטיי־לונגען אויך ביי די מיינסטע זויג־חיות ניט דער ערך פיל גרעסער איידער ביים מענש; זיי האלטען אויס אַ סך מעהר זייער פּראָפּאָרציע מיט דער קערפּער־גרויס איידער דאָס גרויסע געהירן. ביי אַן אומגע־פער גלייכער אינטעליגענץ זענען דעריבער יענע טיילען (רוקען־מאַרך, דאָס קליינע געהירן און די אַזוי־גערופענע שטאַם־גאַנגליען) ביי די גרע־סערע חיות פּראָפּאָרציאָנעל צום גרויסען געהירן גרעסער איידער ביי די קליינע חיות. איבערשניידענדיג אַ גרעסערע צאָל מעשנליכע גע־הירנס וועדליג דעם אַזוי־גערופענעם מיינערטשען שניט, און זיי בע־

מאן. א חוץ דעם האט דער ווייבליכער קערפער א נייגונג צו ווערען פעט. איהר שטים ענדערט זיך ניט. נאך דער צייט פון דער סעקסועלער רייפקייט ענטוויקלען זיך די מילך־דריזען אויף איהר ברוסט אין דער פארם פון דעם בוזים, מיט גרעסערע ווארצלען צו זויגען קינדער. די געשלעכטליכע רייפקייט קומט אביסעל פריהער איידער ביים מאן. צוזאמען מיט דעם פראצעס וואקסען די אינוועניגסטע און דרויסענדיגע געשלעכטס־ארגאנען און מיט דעם רייף־ווערען פון אייער הויבען זיי אן צו מענסטרואירען.

אין ערך פיל וויכטיגער איידער די זיך־אנזעהענדיגע קערפערליכע קארעלאטיווע געשלעכטס־סמנים זענען די גייסטיגע. די מענליכע פסיכאלאגיע איז אן אנדערע ווי די ווייבליכע. מכח דעם ענין זענען אנגעשריבען געווארען א סך ביכער, אבער מיט מעהר סענטימענטאליטעט איידער מיט אן אביעקטיווער פינקטליכקייט. מיזאגיניסטען, פרויען־האסער, ווי א שטייגער שאפענהויער, אונטערשאצען די פרוי פסיכיש פון אלע שטאנדפונקטען, בעת פון די פריינד פון ווייבליכען געשלעכט ווערט זי פערהערליכט און דערהויבען ביז צו דער העכסטער מדרגה. אין דער לעצטער צייט געפינען מיר אויך ענליכע קאנטראסטען ביי שרייבערינס אורטיילענדיג דעם מאן, ווענדליג נאכדעם צי זיי זענען מענער־פריינדינען אדער מענער־פיינדינען. דער וויכטיגסטער אויפטו פון דער נייער צייט ביים אורטיילען פון דער ווייבליכער פסיכיק איז פ. י. מאעביוס׳ בעהויפטונג מכח דעם פיזיאלאגישען שוואכזין פון דער פרוי. עס פאדערט זיך שוין דערצו א היבשע מאס פרויען־האס, כדי ביים אבשאצען פון דעם ווייבליכען גייסט צו קאנען אנווענדען דעם פאטהאלאגישען בעגריף פון דער שוואכזיניגקייט אין די פיזיאלאגיע, ד. ה. אין די נארמאלע גייסטיגע פעהיגקייט פון דער פרוי. אין דער אמת׳ן זענען די אינדיווידועלע פסיכאלאגישע אונטערשידען, נאך אפשר מעהר איידער די קערפערליכע, אזוי קאלאסאל גרויס, אז עס איז אונגעהייער שווער דורצופירען אדער געבען א דעפינאציע פון דעם דורכשניט.

ווי עס איז בעקענט עקזיסטירען ווייבער מיט בערד, אטהלעטישע פרויען, און פערקערט, צארט־געבויטע קליינע מענער און אויך אזוינע וואס האבען כמעט ניט קיין בארד. און וואס איז שייך צום גייסט זענען

א האלב־עמבריאָנישען צושטאנד, הגם דער מעכאַניזם פון ערעקציע פאנגט שוין אָן צו פונקציאָנירען ביים קליינעם אינגעל. אבער ביי נאָרמאלע קינדער איז ער ניט פערבונדען מיט קיין געשלעכטס־געפיהל אָדער זאָמען־אויספלוס.

אייגענטימליכערווייז האָט דער מאן אויך רודימענטען, אַנהויב־שטאדיען פון קארעלאַטיווע סעקסועלע ווייבליכע סמנים, ווי קליינע בריסט־וואָרצלען אָהן ענטשפרעכענדע פונקציאָנס־פעהיגע מילך־דריי־זען הינטער זיי. בכלל האָט איטליכער בעזונדערער טייל פון די דרוי־סענדיגע געשלעכטס־ארגאנען פון איין געשלעכט זיין עמבריאָנישען אנאלאָגאָן אָדער עמבריאָנישע גלייכקייט ביים צווייטען געשלעכט, א פאקט וועלכער דערקלערט זיך לייכט מיט די פערשידענערליי ענדע־רונגען פון אָן אורשפרינגליך גלייכען עמבריאָנישען געבוי; דער מענ־ליכער פענים איז געליכען צום ווייבליכען קליטאָרים, דער טעסטיקעל־זאק צו די דרויסענדיגע ליפּען א. אז. וו. ביי געוויסע אינדיווידועך זע־נען די דערמאָנטע רודימענטען מעהר ענטוויקעלט איידער ביי אַנדערע, וואָס עס קאָן דערגעהען ביז צום אבנאָרמאלען הערמאַפראָדיטיזם (קאַפּיטעל 1). אזוי למשל ביי פרויען וועמען עס וואקסט א באָרד, ביי פרויען מיט א זעהר גרויסען קליטאָרים, אָדער פערקערט, ביי מענער אָהן בערד, מיט קליינע געשלעכטס־אָרגאנען און מיט א ווייב־ליכען קערפּער־געבוי. די געשלעכטליכע נייגונג פון די זאָמען שיינען אין די אַלע פאַלען זיך צו האָבען ניט אזוי שאַרף דיפערענצירט, הגם די זאָמען־צעלען (א חוץ ביי פּאָזיטיווע הערמאַפראָדיטען) זענען אַלע פון איין בעשטימטע געשלעכט. די קאָרעלאַטיווע געשלעכטס־סמנים האָ־בען דאָ בלויז איבערגעגעבען איין שטריך צום צווייטען געשלעכט.

מיר קאָנען דאָ אויך דערמאָנען די ענדערונג פון דעם שטים ביים מאַן אין דער צייט פון זייער סעקסועלער רייפקייט (פּובערטעטס־על־טער); די שטים ווערט טיפער. אבער דיזע קאָרעלאַטיווע ערשיינונג געהערט שוין צום ענין פון נערוועז־סיסטעם, מכח וועלכען מיר וועלען באַלד רעדען.

דער ווייבליכער קערפער איז קלענער, צארטער געבויט, מיט שוואַכערע ביינער, א ברייטערען בעקען, אָן ענגערע ברוסט און מיט מעהר גראַציע. דער נאָרמאלער פרוי וואקסט ניט קיין באָרד, אבער אין דער געגענד ארום די געשלעכטס־אָרגאַנען וואקסען האָר פונקט ווי ביים

לייב, פערבלייבט עס מיט הונדערט פעדים צוגעבונדען צו זיין מו־טער, ניט בלויז בעת דער זויג־צייט, נאָר, ביי נאַטירליכע לעבענס־פערהעלטניסען, נאָך א לאנגע צייט נאָכדעם. קליינע קינדער זענען מיט לייב און לעבען צוגעקניפּט צו זייער מוטער און, בעת דער פאָטער ווערט אונגעדולדיג און בייז פון זייער שרייען און ליארמען, האָט א נאַטירליכע מוטער די גרעסטע הנאה דערפון. ווען דאָס טראָגען קומט נאָך א בערעכענטער אָברוה־צייט פון 1 ביז 2 יאָהרען נאָכאַנאַנד, דע־מאָלט לעבט די נאָרמאַלע פרוי א סך יאָהרען כסדר מיט איהרע קינ־דער אין ליבשאַפט און אחדות־געפיהלען, וועלכע שטאַרבען קיינמאָל איינגאַנצען ניט אָב אין אנשטענדיגע און מענשליכע פאַמיליען. אונ־טער נאָרמאַלע אומשטענדען דויערט די דאָזיגע אייגענאַרטיגע צוגע־קניפּטקייט צווישען מוטער און קינדער לעבענסלענגליך, בעת דער פאָטער ווערט צו זיינע וואַקסענדיגע קינדער, אין בעסטען פאַל, דער בעסטער פריינד. עס איז שוין צייט, אז די פאַטערס זאָלען סוף כל סוף איינמאָל אָנהויבען אנצוערקענען דיזע נאַטור־אמת'ען, אנשטאָט נאָך אלץ מיט אזא'ן עקשנות זיך צוהאַלטען און גלויבען אין דער היי־ליגקייט פון דער היסטאָרישער און קינסטליך געהאָרעוועטער אויטאָרי־טעט פון עפעס א פערשימעלטען און אוננאַטירליכען פאַטריאַרכיזם. דער פאַקט אז עס זענען פאַראַן אזוי פיל פאַטהאָלאָגישע און דעגענע־רירטע מוטערס, בעשטעטיגט נאָר דעם כלל פון דער נאָרמאַליטעט וועלכען מיר האָבען ערשט דערמאָנט.

קאָרעלאַטיווע געשלעכטס-סמנים. — די קאָרעלאַטיווע גע־שלעכטס־סמנים, מכח וועלכע מיר האָבען פריהער גערעדט אין שייכות צו דער היות־וועלט, זענען ביים מענש גוט בעקאַנט. דער מאַן איז דורכשניטליך גרעסער, ברייט־אַקסעלדיגער און שטאַרקער געבויט; זיין סקעלעט איז געזונדער, אבער זיין בעקען איז ענגער. אין די יאָהרען ווען ער ווערט געשלעכטליך רייף (פּובערטעט), צווישען 16 און 20 יאָהרען, וואַקסט א באָרד אויף זיין פנים, און, ביי ביידע גע־שלעכטער גלייך, הויבט אָן וואַקסען האָר אויפ'ן אונטערשטען טייל פון בויך, איבער דעם שאַמביין, בעת גלייכצייטיג פערגרעסערען זיך די טעסטיקלען אזוי גוט ווי אלע איבעריגע דרויסענדיגע געשלעכטס־אָרגאַנען. מען קאָן זאָגען, אז די געשלעכטס־דריזען אזוי גוט ווי די דרויסענדיגע געשלעכטס־אָרגאַנען זענען ביז אהער געבליבען אין

די פרויען ברענגען אין שייכות מיט זייער טראגען און האָבען קינ־דער: היינט דער חוזק וואָס ווערט ניט זעלטען בעגאַנגען אנטקעגען שוואַנגערדיגע פרויען. שוואַנגערדיגע פרויען זאָלען זייער שוואַנגער־שאַפט ניט בעהאַלטען און קיינמאָל דאַרפען זיי זיך ניט שעמען. פער־קערט, זיי זאָלען זיך פיהלען שטאָלץ דערמיט. זיי וואָלטען דערצו געהאַט א מעהר בערעכטיגטע אורזאַך, איידער עס האָבען אונזערע גלאַנצענדיגע אָפיצירען פאַראַדירענדיג אין זייערע אוניפאָרמען. דער סמן פון אויפבויען די מענשהייט איז פאַר דער געזעלשאַפט א גרע־סערער כבוד איידער דער סימבאָל פון צושטערונג. דער דאָזיגער קלאָרער אמת דאַרף אַלץ טיפער אריינדרינגען אין די פרויען, זיי דאַרפען זיך אויפהערען שעמען און ניט בעהאַלטען זייער טראָגען קינדער, און מיט דעם פולען בעוואוסטזיין מכח דער גרויסקייט פון זיי־ער סאָציאַל־סעקסועלער ראָלע, דאַרפען זיי אין קאַמף פאַר דער בע־פרייונג פון זייער געשלעכט הויך האַלטען די פאָהן פון דעם אמת'ן צוקונפטיגען מענשליכען לעבען, די פאָהן פון קומענדיגען דור! קו־קענדיג פון דעם שטאַנדפונקט, ווערט די סעקסועלע ראָלע פון דער פרוי אויפגעהויבען און הייליג, און פאַר דעם אנשטענדיגען און ערענסטען מענש ווערט אונמעגליך ווייטער צו זיין גלייכגילטיג אנטקעגען יע־נעם סאָציאַלען צושטאַנד וועלכער האָט אין משך פון א יאָהרטויזענד־לאַנגע פרויען־שקלאַפעריי דערנידערט און מיסברויכט אַלע יענע הויכע פונקציעס פון דעם ווייבליכען געשלעכט.

די היגיענע פון דער שוואַנגערשאַפט, דער געבורט און קינפּעט איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט. געוויס מיינט דאָס ניט אז זי זאָל בע־שטעהען פון פוילענצען, פערצערטעלטקייט און א גאָרניט־טון; אבער דער ברוטאַלער אופן אויף וועלכען אריגע פאָלקס־פרויען ווערען פער־מאַטערט, פעראַכט און פערנאַכלעסיגט בעת זייער שוואַנגערשאַפט, איז פשוט רעוואָלטירענדיג, און אָט דאָ זענען סאָציאַל־היגיענישע רע־פאָרמען די עלעמענטאַרסטע מענשליכע בעדערפעניש.

וויסענדיג די בעדייטונג פון יענע אַלע פּראָצעסען פאַר דער פרוי, וועלכע ווערט צו איהר איטליך קינד צוגעבונדען פאַר חדשים און יאָהרען, בעגרייפען מיר ערשט אז איהר גאַנצע נשמה איז קאָנסעק־וועגטערוויז קאָרעלאַטיוו צוגעפאַסט צו דער מוטערשאַפט. הגם דאָס קינד איז ביי דער ענטבינדונג אָבגעשיידט געוואָרען פון דער מוטער'ס

דאזיגע הונגער־געפיהל רופט ארויס, אויך אויף א נערוועז־רעפלעק־טיווען אופן, די זויג־בעוועגונגען. בעת דאס אלעס קומט פאר ביי דעם ערשט־געבוירענעם קינד, ציהט זיך געוואלדיג צוזאמען די איצט לעדיג־געווארענע געבערמוטער און אין משך פון עטליכע טעג פער־קלענערט זי זיך גאנץ ממשות'דיג. דאס איבערפליסיגע בלוט, וואס דער מוטערליכער ארגאניזם האט דורך זיין צופאסען־זיך צו דער ער־נעהרונג פון עמבריא ביז אהער פראדוצירט, פערווענדט זיך איצט ביי דער ענטוויקלונג פון א סך מילך אין די בריסט אדער מילך־דריזען וועלכע האבען זיך בעת דער שוואנגערשאפט שטארק פערגרעסערט.

דאס זויגען. מוטערשאפט. — אינסטינקטיוו ציהט עס די מו־טער צו זויגען דאס קינד, פונקט ווי עס ציהט דאס קינד צום זויגען. נאך פיער ביז זעקס וואכען קומט די געבערמוטער כמעט פולשטענדיג צוריק צו איהר פריהערדיגער גרויס, בעת ביי ווילדע פעלקער זויגט דאס קינד ביי דער מוטער פון א יאהר ביז צוויי אדער מעהר יאהרען.

איך דארף דא ערשט ניט אנווייזען אויף וויפיל עס האט זיך פערקלענערט די אנזויגונגס־פעהיגקייט, דאס פערמעגען און די מילך־פראדוקציע ביי אונזערע מאדערנע פרויען אין די ציוויליזירטע לענדער. דיזעס בעדויערנסווערטע פענאמען פון דעגענעראציע האט זיינע ווארצלען, ווי בונגע האט סטאטיסטיש בעוויזען, דאס רוב אין די שכרות־געוואוינהייטען פון דער ציוויליזירטער מענשהייט און איז פערבונדען מיט אנדערע בלאסטאפטהארישע דעגענעראציעס וואס קומען בירושה פון אלקאהאליזם. אויב די קינסטליכע ערנעהרונג מיט קוה־מילך, בעזונדערס מיט דער הילף פון דעם סאקסהלעטשען אפאראט, ניט קוקענדיג וואס עס איז געווארען מעגליך די קינדער צו דערהאל־טען ביים לעבען, איז געוועזן א גליק פאר די מענשהייט, מוז ערשט די צוקונפט בעווייזען. די ענטוויקלונג פון א דעגענעראציע קאן אין אלע פאלען כמעט ווי זיכער ניט זיין לטובה פון דעם מין, און אונזער האפענונג זאלען מיר בויען אויף דעם צוריקקעהר צו דעם נארמאלען צושטאנד און צו דער נאטור דורך די סאציאלע אבסטינענץ פון אל־קאהאליזם.

איינער פון די טרויריגסטע סמנים פון דעגענעראציע, נאך מעהר, פון דער פערדארבענקייט פון אונזערע ראפינירטע קולטור־זיטען, פון אונזער ציוויליזאציע, איז אהן ספק דאס פאלשע שעם־געפיהל וואס

בלוט־געפעסען פון די פיס, אבער מיר קאָנען דאָ אלעס ניט אויסרע־כענען מחמת עס וועט אונז צו ווייט אָוועקפירען.

אבער אלע ליידען פון שוואנגערען ווערען בעלוינט מיט דער הארציגער פרייד און מיט דער בענקשאפט נאָך דעם קינד, א בענק־שאפט וואס יעדע נאָרמאלע פרוי פיהלט שטאָלץ און גליקליך, אז זי ברענגט אויף דער וועלט א ניי מענשליך וועזען, אז זי גיט איהם דאָס לעבען, אז זי וועט עס אָט באלד האלטען אין איהר שויס און עס איינ־שטילען מיט איהר ברוסט. איבערטראַגט די נאָרמאלע פרוי גערן אלע יסורים און שווערקייטען פון טראָגען און האָבען דאָס קינד. דאָס לעצטע איז באמת פול מיט יסורים, ווייל וויפיל די נאַטור זאָל ניט האָבען מיטגעהאָלפען מאכענדיג לויזער און עלאסטישער דעם בעקען, ברייטער דאָס מוטער־מויל, די שייד און די וואולוואַ, איז אָבער טראָצ־דעם דאָך זעהר שווער דורכצודרינגען דעם מעכטיגען קאָפּ פון א מענשליך קינד דורך אלע דיזע רעלאַטיוו שמאָלע דורכגענג. דאָס טון די שטארקע צוזאַמענציהונגען פון די געבערמוטער־מוסקלען. אבער ווי עס איז בעקאַנט געלינגט עס זיי ניט תמיד אליין דאָס אויפצו־טון, און דאָ מוז מען אָנקומען צו קינסטליכע מיטלען, צום אקושער, דער העבאַם א. ד. גל. אָפטמאָל טרעפט אויך אז דאָס מוטער־מויל, די שייד אָדער דאָס (די הויט צווישען דער וואולוואַ און דעם אנוס) ווערען בעת דער ענטבינדונג אריינגעריסען און לאָזען איבער שווערע, אָפּט־מאָל לעבענסלעגגליכע קראַנקהייטען, ווי צ. ב. דאָס אראָבפאלען אָדער פּראָלעפּסוס פון דער געבערמוטער.

ווען דאָס קינד ווערט געבוירען, שניידט מען איבער די נאָפּעל־שנור און די פּלאַצענטאַ (נאָכגעבורט) אָוועקגענומען, און אויף אַזאַ'ן אופן ווערט די ערנעהרונגס־פערבינדונגען צווישען דער מוטער און דעם קינד פּלוצלינג און אַזוי־צו־זאָגען ברוטאל איבערגעריסען. דאָס קינד, וועלכעס האָט ביז אהער דורך די פּלאַצענטאַ און די נאָפּעלשנור בע־קומען אי זיינע ערנעהרונגס־זאַפטען און אי זיין זויער־שטאָף אינדי־רעקט דורך דעם מוטער'ס בלוט, מוז איצט פּלוצלינג, ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרען, אליין אָטעמען און עסען. די ביז אהער רוהיגע לונגען ווערען דורך דעם אויסגעשפּאַנט און הויבען אָן צו פונקציאָנירען. אין א קורצער צייט אַרום קומט אויך אָן דאָס געפיהל פון הונגער, מחמת די ערנעהרונג דורך דעם מוטער־בלוט האָט אויפגעהערט, און דאָס

קינפטיגען קליינעם מענש קומען צושטאנד אט דיזע אלע וויכטיגסטע לעבענס־ערשיינונגען; בעת די סובסטאנץ פוןביידע אמאליגע פער־ייניגטע (קאניוגירטע) זאמען־צעלען צוטיילען זיך אין צאלרייכע צע־לען, דיפערענצירענדיג זיך אין קאמפליצירטע און פערשידענע גרופען פון וועלכע עס בויען זיך שפעטער די אברים (פיגור 4). אויף אזא׳ן אופן אז פון בעשטימטע צעלען־גרופען ענטוויקלען זיך די אברים פאר די חושים און די הויט, פון אנדערע דאס איינגעווייד, ווידער פון אנ־דערע די מוסקלען און די בלוט־געפעסען און פון אנדערע ווידער (פון דער הויט־צעלען־גרופע) ענטוויקעלט זיך דאס געהירן, דער ריקענ־מארך און די נערוועז — בעת אלזא אלעם דאס קומט צושטאנד, קאן די מוטער פירען איהר געוועגליך מענשליך לעבען. אבער דערביי האט זי א סך שטערונגען וועלכע האבען א שייכות מיט דעם געזאגטען, מיט ענדערונגען וואס קומען פאר אין איהר קערפער.

מערקווירדיגערווייז פיהלט זי מעהר שוועריקייט אין אנפאנג פון דער שוואנגערצייט, בעת פון דרויסען קאן מען נאך גאנץ וועניג דער־קענען, איידער שפעטער. דאס זענען מיינסטענס נערוועזע אנפאלען, דאס הייסט שטערונגען פון די געהירן־פונקציעס און פון די געפיה־לען, זעהר אפט אן איינגע׳עקשנ׳ט ברעכען, אלערליי מאדנע וואונשען און שטימונגען, וועלכע קומען פון די ענדערונגען פון דער בלוט־מי־שונג און פון דער ערנעהרונג פון דעם גאנצען קערפער א. ד. גל. דער מוטערליכער קערפער מוז זיך פולשטענדיג צופאסען צו דער ענט־וויקלונג פון דעם קינד אין דער געבערמוטער. ווי שווער און בעלעס־טיגט א פרוי מעג זיך ניט פיהלען אין די לעצטע חדשים פון שוואנ־גערען, צוליב דער גרויס פון דער געבערמוטער און דורך איהר פון בויך (פיגור 5), איז אבער די צופאסונג שוין כמעט פארטיג און דאס טראגען אויך לייכטער. אז די מענסטרואציע הערט אויף בעת דער שוואנגערשאפט איז זעלבסטפערשטענדליך, און איז פאר די פרויען נאטירליך א טובה. דער געשלעכטס־טריב, בעזונדערס די ליבידא סעקסואלים איז זעהר פערענדערליך: ביי א סך פרויען שוואכער, ביי אנדערע ניט־פערענדערט אבער זעלטענער פערשטארקט. עס זענען פאראן נאך אנדערע שטערונגען, ווי למשל די אפטע קראמפ־אדערן, וועלכע ווערען פערורזאכט פון דעם דרוק פון דער געבערמוטער אויף די

גאַנץ לעבען. אַט די דאָזיגע געוואַלדיגע ענטוויקלונג פון דעם אמת, דערווייל נאָך ניט פונקציאָנירענדיג געהירן, אבער מיט זיינע עמבריאָ־נישע אַנלאַגען פאַרטיג פאַר דער פונקציע, פאָדערט אַ געוואַלדיג גרויסען שאַרבען. דאָס געהירן און דער שאַרבען מוזען ניט בלויז פון דעם מוטער־בלוט ווערען ערנעהרט, נאָר דערצו מוזען זיי נאָך ביי דער געבורט דורכגעהען דעם בעקען און מיר ווייסען, אז דיזער מאָמענט בעת דער ענטבינדונג איז פאַר דער מוטער דער געפעהרליכסטער. דערפאַר וואָס די אינגלעך האָבען דורכשניטליך אַ גרעסער געהירן און פאָלגליך אויך אַ גרעסערען שאַרבען איידער מיידלעך, איז דעריבער זייער געבורט אַ שווערערע.

ענטבינדונג. — אבער בכדי צו מאַכען מעגליך די געבורט, פערענדערען זיך די ווייבליכע געשלעכטס־אָרגאַנען זעהר אַ סך בעת דער שוואַנגערשאַפט. זיי ווערען פיל גרעסער און האָבען אַ סך פליסיגקייט, בעזונדערס די געבערמוטער. איהר וואַקסען איז ערשטוינענדיג. פון אַן אָרגאַן וואָס איז קלענער פון אַ הינערן־איי מיט אַ גאַנץ קליינע הייל, ווערט שטאַפּעלווייז אַ מאַסע, גרעסער פון אַ קאָפּ פון אַ דערוואַקסענעם מאַן, און די גלאַטע מוסקלען פון איהר דיקער וואַנד, פערמעהרען זיך געוואַלדיג. אין דיזער וואַנד ענטוויקלען זיך גרויסע בלוטגעפעסען, וועלכע, בעזונדערס אין דער אַזוי־גערופענער פּלאַצענטאַ (פיגור 5 און 6), פערבינדען זיך זעהר נאָהענט מיט דער בלוט־צירקולאַציע פון עמבריאָ.

פון דעם בויך פון עמבריאָ וואַקסט ארויס נאָך דעם צווייטען שוואַנגערשאַפטס־חודש אַן אָרגאַן (די אַללאַנטאָיס), וועלכעס ברענגט דעם בלוט־לויף פון עמבריאָ צו דער פּלאַצענטאַ, און אין דערזעלביגער צייט העלפט עס ענטוויקלען די לעצטע. אין דער פּלאַצענטאַ קומען זיך די עמבריאָנישע בלוט־געפעסען מיט די מוטערליכע בלוט־געפעסען אַזוי נאָהענט צוזאַמען, זיי בעריהרען זיך דורך אַזוינע דינינקע ווענטלעך, אַז דורך זיי טריפען דורך די ערנעהרענדיגע זאַפטען פון דער מוטער׳ס בלוט דירעקט אין דעם וועגען־בלוט פון דעם עמבריאָ און אויף אַזאַ׳ן אופן קאָן זיך דאָס לעצטע ערנעהרען, מחמת די נאַהרונגס־שטאָפען פון דעם איי, דאָס ווייטעלוס, וועלכעס האָט ערנעהרט דורך ענדאָסמאָזיס פון זיין איי־הייטעל, זענען מעהר ניט גענוג פאַר דעם זיך־פערגרעסערענדיג ביי קליין עמבריאָ. בעת אין אָרגאַניזם פון דעם צו־

קאמפליצירטע, לאנג־דויערענדיגע ערשיינונגען וועלכע בעיינפלוסען אזוי טיף און ביז צו אזא הויכען שטאפעל דעם גאנצען ווייבליכען מע־כאניזם, בכדי איינצוזעהען, אויף וויפיל טיפער און וויכטיגער אין דער פאקטישער עקזיסטענץ דאס געשלעכטס־לעבען איז פאר דער פרוי ווי פאר דעם מאן. אמת, דער לעצטער מוז בעזיצען א בעזונדערס אינטענסיווען געשלעכטס־טריב וואס זאל איהם ציהען צו דער פרוי, מחמת ביי דעם פערקער שפילט ער די אקטיווע ראלע, אבער מיט דיזער קורצער טעטיגקייט איז זיין ראלע ביי דער פארטפלאנצונג פון מין געענדיגט.

אלזא, בעת מיט דער קאנצעפציע, ד. ה. מיט דעם בעפרוכטעטע פערקער ביי דער פארטפלאנצונג, האט זיך געענדיגט די מענליכע טעטיגקייט, הייבט זיך ערשט מיט איהר אן די ראלע פון דער פרוי. אין קאפיטעל 1 האבען מיר כמעט מיט עטליכע ווערטער דערמאנט דעם נאטור־וויסענשאפטליכען ענטוויקלונגס־גאנג פון שוואנגערשאפט ביז צו דער געבורט. ער איז אבער פון אזא געוואלדיגער וויכטיגקייט אין דעם לעבען פון דער פרוי, אז מיר מוזען דא נאך עפעס צולעגען צו דעם שוין געזאגטען אין קאפיטעל 1. אין משך פון 9 חדושים ענט־וויקעלט זיך, ווי מיר האבען שוין פריהער געזעהען, דאס מענשליכע עמבריא אין דער, צוזאמען מיט איהם, וואקסענדיגער געבערמוטער פון אן איי־צעלע די גרויס פון א שפילקע־קעפעל ביז צו דער גרויס פון א ניי־געבוירען קינד. הגם די מענשליכע פרוי טראגט זעלטען מעהר ווי איין עמבריא אין איין צייט, מחמת צווילינגען זענען בכלל א זעל־טענקייט, דרילינגען און פיערלינגען זעהר זעלטען, פונדעסטוועגען האט זי דערמיט מעהר צער און יסורים ווי וועלכע ניט איז ווייבליכע חיה. דאס קומט ניט בלויז דערפון אליין, וואס אונזער קולטור האט גע־ברענגט א מין ניט־נאטירליכע און איינזייטיגע פערצערטליכקייט, א דעגענעראציע, פון דער פרוי. נאר דער דאזיגער פאקט האט אויך א שייכות מיט דער אנגעהייערען ענטוויקלונג פון דעם מענשליכען גע־הירן, בעזונדערס ביי די העכערע קולטור־ראסען. דער קאפ פון מענש־ליכען עמבריא איז פון אן ניט־פערהעלטניסמעסיגער גרויס, ווייל ביי דער געבורט, ווי איך האב עס בעוויזען מיט ה. שיללער אין 1889, האט דאס געהירן בעשיינפערלעך שוין אלע נערוועןעלעמענטען, נערוועןצעלען און הויפט־פעדים, וועלכע עס ווערט פערמאגען אין משך פון זיין

פאלען ברענגט דיזער צושטאַנד שווערע ענטווישונגען, צוריסענקייט און אָפּטמאָל אויך גט'ען. דיזער ענין ווערט בעהאַנדעלט אין קאַפּיטעל 14. די געשלעכטס־געפיהלען זענען נאָר פון דער נאַטור, דורך צוכט־וואהל און אנדערע עוואָלוציאָנס־פאַקטאָרען, בעשאַפענע מיטלען, כדי די געשלעכטער צוזאמענצוברענגען פאַר דעם צוועק פאָרטצופלאַנצען זייער מין. פאַר דעם שוואַנגער־ווערען גופא האָבען זיי קיין שום ווערט. אין דער געבערמוטער קאָן מען אריינשפריצען דעם מענליכען זאָמען מיט א גלעזערנעם שפּריצער און אויף דעם אופן זי שוואַנגער מאַכען. א חוץ דעם איז עס גיכער די אָגיסגאָהם, ניט דער כלל, ווען דער אָר־גאזמוס וועגעריקוס ענטשטעהט אין ביידע געשלעכטער פּונקט אין דעמזעלביגען מאָמענט. די עיקר־זאַך פאַר דער בעפרוכטונג איז און זועט זיין, אַז דער זאָמען זאָל קאָנען אריינדרינגען אין די געבערמוטער. דעם דאָזיגען אריינדרינגען העלפט א סך וועניגער דאָס דירעקטע אריינשפּריצען ווי די שווים־בעוועגונגען פון די ספּערמאַטאָזאָען, ווייל אָנגעפאַנגען פון מוטער־מויל שווימען זיי ניט בלויז דורך די גאַנצע געבערמוטער־הייל, נאָר זיי דערגרייכען ביז צו די מוטער־טראָמפּעטען און דראַפּען זיך אפילו ווייטער ביז ארויף אין די בויך־הייל. ווי מיר האָבען שוין איינמאָל געזאָגט, קומט באמת פאַר א זיך־אנטקעגענ־וואַנדערען פון אן איי אראָב־צו און א מחנה ספּערמאַטאָזאָען ארויף־צו. די נאַטירליכע צופּאַסונג האָט שוין אבער די זאַך אזוי איינגעפירט, אַז איין איי ווערט ניט אין איין צייט בעפרוכט פון א סך ספּערמאַ־טאָזאָען.

*שוואַנגערשאַפט.* — מערקווירדיג איז די פערגרעסערונג פון דער געבערמוטער בעת דער שוואַנגערשאַפט. זי ווערט גרעסער פון א קאָפּ, איהר הייל ווערט אויסגעברייט, און די מוסקלען פון איהרע וועגד פערגרעסערען זיך און ווערען אונגעהייער שטאַרק כדי צו קאָ־נען שפּעטער ארויסשטויסען דאָס קינד.

אינדירעקט מיט דיזען קאַפּיטעל פאַלען צונויף אלע יענע בע־קאַנטע ערשיינונגען פון דער שוואַנגערשאַפט, דער ענטבינדונג, גע־בורט, קינפּעט און דאָס זויגען פון קינד, אלס א בעזונדערס אינטע־רעסאַנטע קאָרעלאַטיווע ערשיינונג נאָך דער געבורט, איז די פּלוצלינגע טעטיגקייט פון די מילך־דריזען (בריסט) פאַר דעם צוועק צו ערנעה־רען דאָס קינד. עס איז גענוג בלויז א בליק צו טון אויף אלע יענע

נאָר עס רופט אפילו ניט גאַנץ זעלטען ארויס א לייכט געפיהל פון עקעל. לפחות וואָס איז שייך געוויסע ריחות, געשמאַקען, און אפילו בערירונג און אַנבליק. די ליידענשאַפטליכע און ריין-געשלעכטליכע נעגענזייטיגע ליבע אָדער בעגער צווישען ביידע געשלעכטער, ווערט גערופען ליבידאָ סעקסואַליס (געשלעכטליכער אַפּע־טיט). זי איז אבער אַנדערש ביי פערשידענע מענשען.

ווערליג פערדי און אנדערע פאַרשער קומט אויס, אז בעת דער פרוי׳ס ווענערישען אָרגאַזם, מאַכט דאָס מוטער־מויל זוויגענדיגע בע־וועגונגען אנטקעגען דער אייכעל פון פּענים. אויב דאָס איז אזוי אָדער ניט, איז א פראגע. אויף אזוי פיל איז אבער זיכער, אז דער ווייבליכער אָרגאַזם איז בשום אופן ניט נויטיג צום שוואַנגער־ווערען. אבסאָ־לוט קאַלטע פרויען, אָהן דעם מינדסטען געשלעכטס-געפיהל, זענען פּונקט אזוי פרוכטבאַר ווי אזוינע פרויען וואָס האָבען לייכט שטאַרקע אָרגאַזמען; די ספּערמאַטאָזאָען דערגרייכען זייער ציל אפילו ווען די געבערמוטער איז אבסאָלוט פּאַסיוו.

בעת דעם פערקער ווערט די סעקסועלע ליידענשאַפט פער־שטאַרקט דורך אלערליי ליבעס-צערטליכקייטען און בערירונגען פון ביידענס קערפּערס, און אויך דורך דעם ריח, אן אויסדרוק פון פּנים און אויגען. צוליב דעם אונגעהייערען חלוק פון דער געשלעכטליכער אונ־גלייכקייט ביי די מענשליכע אינדיווידוען, ענטשטעהט א סך דיסהאַר־מאָניע. טיילמאָל קומט דער ווענערישער אָרגאַזם פריהער צום מאַן. טיילמאָל פריהער צו דער פרוי (זעלטענער צו דער פרוי), אזוי דאָס ביי איינעם פון ביידע וועט ער שוין ניט צושטאַנד קומען. דאָ האָט בכלל בלויז די פרוי דעם הזיק, מחמת דער אקטיווער מאַן קאָן זיך נאָך תמיד בעפרידיגען אפילו נאָך דעם ווייבליכען אָרגאַזם, אויב די פרוי שטערט ניט, בעת דאָס אומגעקערטע איז ניט מעגליך אָהן קינסטליכע מיטלען. נאָך מעהר, די אַפּטקייט און דער גראַד פון דעם סעקסועלען אפּעטיט (טיילמאָל ביים מאַן, טיילמאָל ביי דער פרוי) איז אָפּטמאָל שטאַרקער ביי איין טייל ווי ביים אנדערען, מחמת וואָס ביידע ליידען. דאָ אויך האָט מייניסטענס די פרוי דעם הזיק, ווייל דער מאַן קאָן זיך בעפרידיגען אפילו ביי פרויען אָהן טעמפּעראַמענט. די אזוי-גערופענע גוטע זיטען שטערען איין דער אמת׳ן אז די מענשען זאָלען זיך קענען אין דעם פרט איידער זייער חתונה. און אין א סך

מיר האָבען שוין אויבען גערעדט. די רייץ־ערטער ביי דער פרוי זענען פילפאַכיג. צום קליטאָרים קומען נאָך צו די בריסט־וואָרצלען, די גע־גענד ארום דער געשלעכטס־עפענונג, און אפילו דער אונטערשטער טייל פון דער געבערמוטער. אויך ביים מאַן קאָנען, א חוץ די אייכעל, ווערען רייץ־ערטער די געגענד ארום דעם אַנוס. אין העכסטען גראַד פון ערעקציע איז די אייכעל זעהר שטארק אויסגעדעהנט און געפינט זיך דירעקט פאר דעם מוטער־מויל, ד. ה. פאר דער אונטערשטער עפענונג פון דער געבערמוטער־הייל (פיגור 1). אויף דעם אופן ווערט די ספערמא ארויסגעשפריצט דירעקט אנטקעגען דעם מוטער־מויל. נאָך דעם זאַמען־אויספלוס קומט צום מאַן די רוהה און דער שלאָף.

ביי דער פרוי קומט פאַר א גאַנץ ענליכער פראַצעס אזוי ווייט, וואָס דער קליטאָרים ווערט שטייף, און פון איהם, אזוי גוט ווי פון די אנדערע רייץ־פונקטען, צוליב די מילדע, שליימיגע רייבונגען, גע־העז ארוים גאַנץ ענליכע געפיהלען ווי פון דער אייכעל ביים מאַן. דורך דער אַסאָציאַציע פון די רייץ־נערווען זונדערט אָב די כסדר׳דיגע רייצונג א פליסיגקייט פון געווויסע דריזען אין דער שייד (באַרטאָלי־נישע דריזען), וועלכע מאַכט פייכט די געשלעכטס־עפענונג. אין מאָ־מענט פון דער העכסטער ליידענשאַפט פיהלט די פרוי, כמעט אזוי ווי דער מאַן, א געפיהל וועלכעס דריגגט דורך איהר גאַנצען קערפער. ביי ביידע שטילט זיך גיך איין די ליידענשאַפטליכע אויפרעגונג, און עס קומט אַן א געפיהל פון זאַטקייט און חשק צו שלאָפען.

מערקווירדיג איז דער פּסיכאָלאָגישער קאָנטראַסט, א פּועל יוצא פון דער אלטער, אינסטינקטיווער נערווען־ארבייט, וועלכער קומט נאָך דעם געשלעכטס־פערקער. ביים אָנפאַנג פון פערקער האָבען די ריחות (בעזונדערס די ריחות פון די געשלעכטס־אָרגאַנען), די בערי־רונגען, בעוועגונגען, דער אָנבליק, בקצור אַלעס וואָס איז נוגע צום קערפּער פון צווייטען געשלעכט, א געוואַלדיגע ווירקונג טרייבענדיג די ליידענשאַפט ביז צום העכסטען שטאַפּעל פון עקסטאַז, א געפיהל וואָס איז שטאַרקער פון אלע איבעריגע געפיהלען און שיינט אין יענער רגע צו זיין דער ענד־צוועק פון לעבען. אבער נאָכדעם ווי דער געשלעכטס־אַקט האָט זיך נאָר־וואָס געענדיגט, פערשווינדט דאָס אַלעס און צורינט ווי א חלום. דאָס, צו וואָס מען האָט ערשט פריהער געהאַט דעם שטאַרקסטען בעגער, ווערט איצט ניט נאָר גלייכגילטיג און א לאַסט,

וועזער רייצונג און קאן צ. ב. דורך היפנאטיזם ווערען ארויסגערופען אדער צוריקגעהאלטען.

און ווידער פערקערט, ביי פרויען וואס מענסטרואירען קיינמאל ניט קאן ניט בלויז פארקומען דער פראצעס פון איי־רייפונג, נאר אפילו די בעפרוכטונג און שוואנגערשאפט. בכלל אבער זענעןביידע ערשיינונגען, מען קאן זאגען אויף דעם אופן ווי די אזוי־גערופענע נערווען־רעפלעקסען, צווישען זיך אזוי פערבונדען, אז פריהער קומט די מענסטרואציע און שפעטער הויבט אן דאס איי זיין לאנגזאמע וואנדערונג אראב־צו און ענדיגט זיך. בעת דער ברונסט־צייט (די צייט פון פארען זיך) פאלט אראב ביי זויג־חיות די אויבערשטע שליימהויט; אבער מיט דיזען פראצעס געהט צוזאמען א בלוט־אנזאמלונג (ביי אפען צ. ב. א פעריאדישער שליים־אבגאנג) הגם ניט קיין בלוטונג.

דער מעכאניזם פון קויטוס. — דער געשלעכטס - אקט געשעהט אויף דעם פאלגענדען אופן: נאכדעם ווי דער מאן איז שוין געשלעכטליך גענוג אויפגערעגט, גייסטיג און סענזאריש. און די פרוי האט ענדליך אויפגעגעבען איהרע ווידערשטאנדען אדער זי איז אליין אויך געניינט צום געשלעכטס־אקט, ברענגט דער מאן אריין זיין שטעהענדיגען, ד. ה. פערגרעסערטען און הארט־געווארענעם פענים אין די ווייבליכע שייד. דערביי קאן די פאזיציע זיין א צווייאיגע: דער מאן קאן ליגען פון אויבען אדער פון אונטען, און ביי שוואכע פרויען איז די לעצטע פאזיציע דורכויס א בעסערע. ביי פרויען וואס זענען אין די הויכע מאנאטען פון שוואנגערשאפט, דארף דער מאן דעם פערקער האבען פון היגטען, פארזיכטיג און שוינענדיג, כדי ניט צו שעדיגען דאס ניט־געבוירענע קינד. ריטמישע בעוועגונגען פון מאן און פרוי, אבער בעזונדערס פון מאן, פערשטארקערען און הויבען אויף, דורך דער געגענזייטיגער רייבונג פון ביידענס רייץ־פונקטען אויף דער שליימהויט אדער הויט, דעם אנגענעמען געשלעכטליכען חשק שטאפעלווייז ביז צו דער העכסטער תאוה, וועלכע, ארויסגעהענדיג פון די דערמאנטע הויט־פונקטען, בעזונדערס פון דער אייבעל און פון דעם קליטאריס, פערשפרייט זי זיך איבער דעם גאנצען נערווען־סיסטעם אין געהירן און אין'ם גאנצען קערפער, ביז ענדליך, ווען זי האט שוין דערגרייכט איהר העכסטען שטאפעל (ארגאזמוס ווענעריקוס), ענדיגט זי זיך ביים מאן מיט דעם פענאמען פון זאמען־אויספלוס, מכח וועלכען

בעת דעם ערשטען פערקער זענען שפּעטער ביי דעם שייד־אַריינגאַנג די מירטען־פאָרמיגע קאַרונקלען (קאַרונקולאַע מירטאָפאָרמעס).

איז׳ם ערשטען קאַפּיטעל האָבען מיר גערעדט מכח די ענדערונגען, וועלכע דאָס איי מאַכט דורך ביז עס ווערט אַן עמבריאָ און שפּעטער אַ קינד. איצט איז אונז נאָך געבליבען צו רעדען מכח דעם מעכאַניזם וואָס האָט אַ שייכות צו דער ארויסשטויסונג פון דעם איי און צו זיין בעפרוכטונג, און אויך מכח די ענדערונגען פון דער געבערמוטער וועלכע האָבען צו טון דערמיט.

מענסטרואַציע. — אַלע פיער וואָכען, ווי מיר האָבען געזעהען, ווערען רייף איין אָדער צוויי אייער (זעלטען מעהר) און ווערען ארויסגעשטויסען אין דעם מוטער־טראָמפּעט, דורך וועלכען זיי וואַנדערען ווייטער, מיט דער הילף פון דער וויבראַציע פון די וויבריר־ציליען, ביז צו דער הייל פון דער געבערמוטער (אוטערוס), בעפעסטיגענדיג זיך שפּעטער אויף איהר וואַנד אויב זיי זענען אויף זייער וועג בעפרוכטעט געוואָרען (פיגור 1). בעת דעם רייף־ווערען און דער ארויסשטויסונג פון איי איז די פרוי געוועהנליך אין אַן אויפגערעגטען צושטאַנד, אַן ערשיינונג, וועלכע האָט אַ געוויסע נאָהענטקייט צו דער מענליכער ערעקציע. די שליימהויט פון דער געבערמוטער־הייל האָט זעהר אַ סך בלוט־געפעסען, וועלכע קאָנען, ווערענדיג בעיינפלוסט פון געוויסע נערוועז, זיך אָנפילען מיט בלוט און זיך אַ סך פערגרעסערען. אַזוי ווי אָבער די שליימהויט איז זעהר דינע, איז דער פועל יוצא אַן אנדערער ווי ביים מאַן; דאָס בלוט זיפּט זיך דורך און רינט אָב, און דאָס איז דער פּראָצעס פון דער בעקאַנטער „מענסטרואַציע", „רעגעל" אָדער „דאָס מאָנאַטליכע". דער צוועק פון דעם איז אָהן ספק דער, דורך דעם איבערבייטען פון דער אַלטער שליימהוים אויף אַ נייער, די געבערמוטער־וואַנד ריכטיג צוצוגרייטען פאַר דעם בעפרוכטעטען איי וועלכעס זאָל זיך אויף איהר בעפעסטיגען. איטליכער ווייסט, אַז די מענסטרואַציע דאַרף דויערען אין ערך דריי אָדער פיער טעג, אָבער אָפּטמאָל איז זי זעהר ניט רעגעלמעסיג. קודם כל מוזען מיר מאַכען קלאָר, אַז זי איז ניט אונבעדינגט אָבהענגיג פון דער „אָוואולאַציע (אַרויסשטויסונג פון איי). ביידע ערשיינונגען קאָנען צושטאַנדקומען אונאָבהענגיג פון זיך, מחמת די מענסטרואַציע פאַר זיך גופא איז אָבהענגיג פון אַ נער־

1 און 2) וועלכע מיר האָבן בעשריבן אין׳ם ערשטען קאַפּיטעל, זענען דער אינוועייניגסטער און וויכטיגסטער טייל פון די ווייבליכע געשלעכטס־אָרגאַנען. ביי דער פרוי עפענט זיך דער אורין־קאַנאַל פאַר זיך אליין אין דרויסען. ער איז אַ סך קורצער ווי ביים מאַן, און אויך ברייטער. אָבער אויף זיין סאַמע ענד האָט ער אַ קליינעם שוועל־קער־פּער, דעם אַזוי־גערופענעם קיצלער אָדער קליטאָריס, וועלכער איז עמבריאָלאָגיש געגליכען צום מענליכען פּעניס, בעזונדערס צו דער איי־כעל, און פּונקט ווי די לעצטע האָט ער פאַר׳ן געשלעכטס־רייץ ספּעציאַליזירטע און זעהר עמפּפינדל וועז. די עפענונג פון דעם אורין־קאַנאַל ביי דער פרוי געפינט זיך פאָרענט, אונטער דעם אַזוי־גערופענעם שאַם־ביין (אָס פּוביס), אויף דעמזעלביגען אָרט וואו עס איז דער וואָרצעל פון דעם מענליכען אָרגאַן. אַנגעפאַנגען פון דעם פּונקט ציהען זיך אויףביידע זייטען פון דער מיטעל־ליניע צו צוויי לענגליכע פאַלבען, פון וועלכע איינע איז רינג־ענליך און בעדעקט מיט הויט, די וועלכע מען רופט די דרויסענדיגע אָדער גרויסע ליפּען (פיגור 1) און אונטער זיי פאַנגען זיך אָן די צאַרטע, שליים־הויטיגע אינוועניגסטע אָדער קליינע ליפּען. צווישען ביידע אינוועניגסטע ל י־פּ ע ן געפינט זיך די ווייבליכע געשלעכטס־עפענונג. אַלעס צוזאַמען הייסט די וואָלוואַ. זי איז אָבגעזונדערט פון דער עפענונג פון דעם אורין־קאַנאַל און פירט אריין אין אַן אינוועניגסטען קאַנאַל, וועלכען מען רופט שייד אָדער וואַגינאַ (פיגור 1). די שייד איז ארום 10—12 צענטימעטער לאַנג און ענדיגט זיך אויבען ארומנעהמענדיג דעם וואַגינאַל־חלק פון דער געבערמוטער וועלכער קומט אין איהר אריין.

ביי בתולות, כל זמן קיין פערקער איז נאָך ניט פאָרגעקומען, איז דער אריינגאַנג צו דער שייד מעהר אָדער ווייניגער פערשלאָסען מיט אַ קווער־אָוועקגעשטעלט דין הייטעל, דאָס אַזוי־גערופענע בתולים־הייטעל אָדער הימען, אין וועלכען עס איז נאָר פאַראַן אַ גאַנץ קליינע עפענונג, אָבער וועלכעס צורייסט זיך ביים ערשטען געשלעכטס־פערקער פערורזאַכענדיג מיינסטענס אַ געוויסען וועהטאָג און אַ לייכטע בלוטונג. אַ חוץ דעם האָבען די װענד פון דער נאָך גאַנץ ענגער שייד פון אַ בתולה קווער־פאַלבען, וועלכע מאַכען זי אַביסעל שאַרסטקע. די איבערגעבליבענע טיילען פון דעם צוריסענעם הימען

אַט אזוי איז דיזער גאנצער אַפּאַראַט זעהר קאָמפּליצירט און
פונקציאָנירט מיט דער הילף פון פערשידענע נערווען־רייצונגען, וועל־
כע קאָנען לייכט און אויף אלערליי אופנים געשטערט ווערען ביי קראַנק־
הייטען פון נערווען־סיסטעם. לאָמיר דאָ טאקע באלד בעמערקען, אז די
נערווען־צענטערס פון דער ערעקציע און פון דעם זאמען־אויסגוס קאָ־
נען געריייצט ווערען אי דירעקט פון געהירן און אי פונקט אזוי גוט
אינדירעקט רייצענדיג די דרויסענדיגע הויט.

יענע פעריפערישע נערווען, וועלכע ווירקען פון דרויסען אויף דעם
מענליכען געשלעכטס־רייץ, זענען דער עיקר די נערווען פון דער אוי־
בען דערמאָנטער אייכעל. די אייכעל האָט א זעהר צאַרטע הויט אָדער
שליימהויט, וועלכע ווערט געשיצט קעגען דרויסענדיגע בערירונגען,
דרוק אָדער רייבונגען פון א לענגער הייטעל, די אזוי־גערופענע פאָר־
הויט, וועלכע נעהמט זי ארום. דיזע פאָרהויט איז אבער אָפטמאָל אזוי
ענג, אז זי קאָן ניט צוריקגעצויגען ווערען איבער די אייכעל. אין אזאַ
פאַל ווערט זי א טאָש אין וועלכער עס האלט זיך אונריינע מאַטעריע.
דיזע אַבנאָרמאַליטעט עקזיסטירט ניט ביי אידען א דאנק זייער רע־
ליגיעזען דין אָבצושניידען די פאָרהויט, ד. ה. מל זיין; אבער צוליב
היגיענישע אורזאכען מוז אן עהנליכע אָפּעראַציע זעהר אָפט געמאַכט
ווערען אויך ביי ניט־אידען.

אז א פשוט'ע מעכאַנישע רייצונג פון דער אייכעל קאָן ניט
בלויז ארויסרופען די ערעקציע פון דעם פּעניס, נאָר ענדליך אויך דאָס
ארויסלאָזען פון דעם זאָמען, בעווייזט גענוג די מאוס'ע געוואוינהייט
פון זעלבסט־בעפרידיגונג אָדער אָנאַניזם (מאַסטורבאַציע) וועלכע איז
זעהר פיל פערשפרייט צווישען אינגלעך.

מיר האָבען אויבען געזעהען, אז די מענליכע און ווייבליכע זאמען־
דריזען קומען ארויס פון דעמזעלביגען ארגאַן אין עמבריאָ. אויב דאָס
עמבריאָ ווערט מענליך, ענטוויקלען זיך פון דעם אָרגאַן די אויבען־
בעשריבענע אייער־פאָרמיגע טעסטיקלען, וועלכע זינקען אראָב אין'ם
טעסטיקעל־זאַק (סקראָטום) דורך די קאַנאַלען אין ביידע דיכען;
ווערט עס אבער ווייבליך, פערבלייבט יענער אָרגאַן אין דער בויך־הייל
און פון איהם ענטוויקלען זיך די אייערשטעק.

די ווייבליכע געשלעכטס־אָרגאַנען. — די אָרגאַנען (פיגור

גליד, ביי געוויסע נערוועז־אויפרייצונגען, צו ווערען ברייטער און לענגער און אין דערזעלביגער צייט שטייף און הארט. דאס איז די ארבייט פון די אזוי־גערופענע דריי שוועל־קערפערס, וועלכע זענען די הויפט מאסע פון דעם פעניס. איינער פון זיי ציהט זיך אויף זיין אונטערשטער זייט, אין דער מיט, ארומנעהמענדיג דעם אורין־קאנאל און ענדיגט זיך מיט אן ענד־קניפ אין דער פארם פון דעם שווין דערמאנ־טען אייכעל. די אנדערע צוויי ליגען רעכטס און לינקס פון אויבען, ציהען זיך מעהר־וועניגער גלייך סימעטריש און האבען א האלב־צי־לינדערדיגע פארם. אלע דריי קערפערס בעשטעהען פון היילען אדער שוואמען אויפגעבויט פון די בלוט־געפעסען, זייענדיג געוועהנליך לע־דיג בעת דער ארגאן איז ווייך. די דערמאנטע נערוועז־אויפרייצונגען פערורזאכען דורך א נערוועז־מעכאניזם, וועלכען מיר קאנען דא ניט בעשרייבען, קומענדיג פון געפעס־פאראליזים א דאנק די אזוי־גערופענע נערוועז־דינאמאגעניע און שטערונגען, א בלוט־אנזאמלונג אין די היי־לען פון די שוועל־קערפערס און זיי פילען זיך אן ביסלעכוויז מיט אזוי פיל בלוט ביז די דריי שוועל־קערפערס ווערען א הארטע און שטייפע מאסע. דורך דעם ווערט דער פעניס אדער מענליכער געשלעכטס־אר־גאן אונגעהייער גרעסער, בעת די גלייכצייטיגע שטייפקייט מאכט מעג־ליך דאס אריינדרינגען אין די ווייבליכע שייד. אין דערזעלביגער צייט, מיט דער הילף פון דעמזעלביגען מעכאניזם פון די שוועל־קער־פערס, געפינט זיך דער אויבען דערמאנטער ווערומאנטאנוס אין אזא פאזיציע, אז דער אורין־קאנאל ווערט פערשלאסען פאר דער אורין־בלאז, בעת פערקערט, דער פערייניגטער זאמען־קאנאל עפענט זיך אנט־קעגען דעם ווייטסטען טייל פון אורין־קאנאל. דערמיט איז דער קאפ־פולאציאנס־ארגאן פארטיג צו פונקציאנירען.

אבער עס זענען נאך נויטיג אנדערע און כסדר'דיגע רייצען וועל־כע זאלען ברענגען דאס ארויסלאזען פון זאמען. ענדליך ווערט אבער דאס לעצטע געטון דורך די רייצונג פון א בעזונדערען מוסקעל, פון וועלכען די זאמען־בלעזלעך א. אז. וו. ווערען צוזאמענגעדריקט און די זאמען־פליסיגקייט, דורך די כסדר'דיגע צוזאמענפרעסונגען, ווערט דורך דעם אורין־קאנאל ארויסגעשפריצט אין דרויסען. ווען דער זאמען איז ארויס, טרעט אויך אב דאס בלוט פון די שוועל־קערפערס און דער גאנצער פעניס ווערט צוריק ווייך.

**דער מענליכער געשלעכטס-אָרגאַן. די טעסטיקלען. זאָמען-בלעזלעך.** — אפילו אין איהרע וויכטיגסטע און העכסטע ענינים פירט זיך די נאַטור זעהר שפּאָרזאַם און אזוי האָט זי פעראייניגט דעם מענליכען אורין-קאַנאַל, די אורעטרא, מיט דעם מענליכען געשלעכטס-אָרגאַן. די מענליכע זאָמען-דריזען זענען די איינפאָרמיגע טעסטיקלען אָדער האָדען (מיט דעם נעבען-האָדען), און אין זייערע דריזען-רערלעך געפינען זיך טויזענדע און טויזענדע זאָמען-פעדים אָדער ספּערמאַטאָזאָען וועלכע ווערען דאָרט כסדר פּראָדוצירט. ווען זיי זענען רייף, פערזאמלען זיי זיך ביים סוף פון די ארויסגעענג פון די דריזען און אויך אין׳ם רעזערוואואר פון א דערבייאיגער דריז, וועלכע מען רופט זאָמען-בלעזעל, וואו זיי מישען זיך אוים מיט זייער געדיכטער פליסיגקייט. די זאָמען-פליסיגקייט האָט אן אייגענטימליכען ריח. פון די זאָמען-בלעזלעך, וועלכע ליגען ווייטער ארויף-צו, אונטער דער אורין-בלאָז, פירט א בשותפות׳דיגער קאנאל אין דעם אונטערשטען טייל פון בויך, נאָהענט פון אונטען און פאר דער אורין-בלאָז, ווייטער אריין אין דעם אורין-קאַנאַל, אין וועלכען די פליסיגקייט פון עטליכע אנדערע דריזען, וואָס געפינען זיך אין יענעם פּלאַץ, בעזונדערס פון דער אזוי-גערופענער פּראָסטאַטא, מישט זיך צוזאמען מיט דער דורכשוויימענדיגער זאָמען-פליסיגקייט. די עפענונגען פון ביידע זאמען-קאנאלען קומען זיך נאָהענט צונויף אין דעם אורין-קאַנאַל. דאָס אָרט אין דעם אורין-קאַנאַל, וואו די צוויי עפענונגען פאלען צונויף איז אביסעל אויפגעהויבען, וועלכעס ווערט גערופען ווערומאַנטאַנוס. ביי דיזען פונקט קומט דער מענליכער אורין-קאַנאַל ארויס פון דער בויך-הייל און ווערט ווייטער פאָרטגעזעצט אין דער אייגענטימליכער פאָרם פון דעם פּענים אָדער מענליכער געשלעכטס-אָרגאַן. געוועהנליך שיינט, אז דער פּענים איז בלויז כדי צו לאָזען דעם אורין. ער ענגט ווייך אראָב און ענדיגט זיך מיט א רונדיגער פערגרעסערונג, וועלכע מען רופט אייכעל, די ענד פון וועלכען ענדיגט זיך מיט דער אורין-קאַנאַל-עפענונג (פיגור 1), וועלכע איז אבער אין דערזעלביגער צייט אויך די געשלעכטס-עפענונג.

**די ערעקציע. די שוועל-קערערם.** — דאָס זונדערבאַרסטע פון דעם גאַנצען אַפּאַראַטוס איז דער מעכאַניזם פון דער אזוי-גערופענער ערעקציע, ד. ה. די אייגענשאַפט פון דעם פּענים אָדער מענליכען

עמבריא אבגעזונדערט פון מוטער־קערפער ווי דאס איז דער פאל ביי אינסעקטען, שנעק, פיש, אמפיביען, רעפטיליען און פויגלען.

אבער שוין ביי די נידעריגע זויג־חיות ענטוויקעלט זיך אן ארגאן. די געבערמוטער, וועלכע מאכט מעגליך פאר דעם עמבריא א לענגערע צייט צו פערבלייבען אין דעם ווייבליכען קערפער. דיזער ארגאן איז אבער צוערשט ניט־פולשטענדיג, און א בעזונדערע בויך־טאש דינט דעמאלט דער זי אין וועלכער זי קאן איהרע נאך גאנץ יונגע קינדער, זייענדיג נאך אין אן עמבריאנישען צושטאנד, מיט זיך ארומטראגען, ביז זיי זענען גענוג ענטוויקעלט צו לעבען אליין (בייטעל־חיות).

ביי די העכער ענטוויקעלטע זויג־חיות אבער ענטוויקעלט זיך די געבערמוטער פולשטענדיג אין דער מיטעל־ליניע פון בויך, צווישען די אייערשטעק און דער געשלעכטס־עפענונג, און ווערט א ספעציעלער בעהעלטער ערלויבענדיג דער מוטער איהרע יונגע בעת דער גאנצער לאנגער עמבריאנישער פעריאדע צו האלטען ביי זיך אין קערפער. ביי א גרויסע צאל זויג־חיות קאן די געבערמוטער טראגען א סך קינדער צוזאמען, ביים מענש טראגט זי געוועהנליך איינס, זעלטען צוויי, דריי אדער מעהר. פון דיזע פאקטען זעהט מען, מיט וויפיל עס איז וויכטיגער די ראלע פון דעם ווייב ביי דער פארטפלאנצונג פון זויג־חיות, ווי פון מאן. אפילו ווען די זי לעגט אייער אדער ביי איהר ווערען געבוירען העכער ענטוויקעלטע קינדער, האט זיך דערמיט, אין די מיינסטע פאלען, ניט געענדיגט איהר סעקסועלע ראלע. אפטמאל ווערען די יונגע פאר א לאנגע צייט נאך געפיטערט פון דער מוטער, אדער מיט דער מילך פון איהרע מילך־דריזען, ווי ביי די זויג־חיות, אדער מיט דער נאהרונג וואס זי ברענגט פון דרויסען, ווי למשל ביי די פויגלען, אדער מיט ביידע צוזאמען, איינע פאלגענדיג די אנדערע, ווי למשל ביי קעץ.

אבער ביי א סך חיות האבען מיר אויך געזעהען דעם זכר זיך אבגעבען מיט דעם האדעוועז פון זיינע קינדער. וועגען דעם אבער וועלען מיר שפעטער רעדען. מיר ברענגען דיזע קאמפליצירטע פרטים דערפאר דא אהער, בכדי צו ווייזען, אז דער אייגענטליכער געשלעכטס־אקט איז ניט מעהר ווי בלויז איין רינג אין דער לאנגער קייט פון דער פארטפלאנצונג.

גרייכען צו די איי־צעלען. מיט דעם ענדיגט זיך זיין הויפּט־אַרבייט. ביי דעם פּאַסיווען אָדער ווייבליכען טייל, פון די העכער ענטוויי־קעלטע חיות, פערקערט, הויבט זיך מיט דער צוזאַמענפּאַרונג אָדער פעריינינונג ערשט אָן די פאָרטפּלאַנצונגס־אַרבייט. אָבער דאָס איז ניט אַ כלל אין דער גאַנצער וועלט פון חיות. פיש, אַ שטייגער, זענען חיות מיט פערשידענע געשלעכטער. ביי זיי אָבער לעגט די זי איהרע ניט־בעפרוכטעטע אייער (רויגען) ערגיץ־וואו אין וואַסער און קימערט זיך ניט מעהר וועגען זיי. דערנאָך קומט דער ער און לאָזט אויף זיי אַרויף זיינע ספּערמאַ־צעלען (מילך). אויף דעם אופן פערבינדעט ער זיך געשלעכטליך ניט מיט דער זי, נאָר ער בעפרוכט אַזוי אַרום איהרע אייער. ביי אַזאַ סיסטעם איז די געשלעכטס־ליבע אָהן עפּעס אַ ממשות און זי איז טאַקע ניט פאַראַן, שוין צוליב דער אורזאַך אַליין וואָס באַלד פון סאַמע אָנפאַנג אָן קאָנען די קינדער, די יונגע פיש, לעבען זעלב־שטענדיג און אַליין. עס עקזיסטירען אָבער געוויסע אויסנאַמען, פון וועלכע די אינטערעסאַנטסטע איז אפשר יענע פיש־גאַטונג, ביי וועלכע דער פאָטער גופא בריהט אויס די אייער אַריינגעהמענדיג זיי אין זיין מויל.

**רעפּראָדוקציע ביי רוקען-ביינינע חיות.** — עס וועט אונז צו ווייט אוועקפירען ווען מיר זאָלען אפילו בלויז פיל־ווענינ וועלען בע־שרייבען די וויכטיגסטע וואַריאַציעס פון די רוקען־ביינינע־ אָדערווירבעל־חיות, ביי וועלכע בלויז עס ענטוויקלען זיך די געשלעכטס־פערהעלטניסען. אין די מיינסטע פאַלען האָט דער ער אַ קאָפּולאַ־ציאָנס־ אָדער געשלעכטס־אָרגאַן אָבשטעהענדיג אָדער אַרויסקומענדיג אין דרויסען, בעת די זי האָט אַ שייד־פאָרמיגע עפענונג, אין וועלכער דער מענליכער אָרגאַן קאָן אַריינדרינגען. דורך אַ צוגעפּאַסטען מעכאַ־נישען פּראָצעס קומט אַריין אַ קוואַנטיטעט ספּערמאַסאַזאָען אין די געגענד וואו עס געפינען זיך די רייפע אייער (פיגור 1) פון דעם ווייב־ליכען זאָמען־צעלען־אָרגאַן אָדער אייערשטאָק, אויף וועלכען אופן די קאָניוגאַציע ווערט מעגליך. מיט דער הילף פון זייערע בעוועגליכע עקען דערגרייכען די ספּערמאַטאַזאָען צו די אייער וואָס קומען אַרויס פון אייער־שטאָק. אונגעהייער פערשידען איז דער אופן ווי די שוין בעפרוכטעטע אייער ענטוויקלען זיך ווייטער. איין אופן איז אַז זיי ווערען אַלס אייער געלעגט פון דער זי, דעמאָלט ענטוויקעלט זיך דאָס

טער זענען פאראן צוויי סארטען אינדיווידועז, א זכר און א נקבה, וועלכע מען קאן תמיד אונטערשיידען וועניגסטענס דורך די גע־שלעכטס־ארגאנען. בכלל אבער אונטערשיידען זיי זיך אויך קערפּער־ליך און אויך א סך גייסטיג, מחמת די חלוקים פון די געשלעכטס־אפּאראטען און זייערע פונקציעס רופען ארויס ענטשפּרעכענדע חלוקים אויך אין אנדערע ארגאנען פון קערפּער, אין די אינסטינקטען און אין די שטימונגען, וועלכע געפינען צום סוף זייער מאטעריעלען אויסדרוק אין א פערשידענער ענטוויקלונג פון געהירן. ווי מיר האבען שוין גע־זעהען, קאנען געוויסע געזעלשאפטליכע פונקציעס ארויסרופען ביי געוויסע געזעלשאפטליכע חיות, ווי מוראזשקעס א. אז. וו. די ענט־וויקלונג אדער די דיפערענצירונג פון א דריטער אדער פערטער פארם אינדיווידועז (פּאלימארפיזם). דא איז ניט די געשלעכטס־פונקציע די אורזאך פון דער דיפערענצירונג צווישען די אינדיווידועז פון דעמזעל־ביגען מין גופא, נאר די צוטיילונג פון דער ארבייט.

דער סעקסועלער אונטערשיד ביי מענשען האט געפירט צו דער אויפבויונג פון צוויי ניט־שטארק פערשידענע פארמען פון אינדי־ווידועז, פון וועלכע איטליכע טראגט בלויז צו איין סארט זאמען־צע־לען. ביים געשלעכטס־פערקער איז דער מאן דער אקטיווער טייל און דאס ווייב דער פּאסיווער טייל. מיר קאנען דא לייכט פערשטעהען, אז די דאזיגע העכער ענטוויקעלטע אדער אינדיווידועלע פארם פון דער געשלעכטליכער אקטיוויטעט אין די חיות־וועלט, מחמת זי בעגרעניצט זיך ניט בלויז אויף איין איינציגער צעלע, נאר נעהמט ארום דאס גאנצע אינדיווידיום, מוז זיין א סך קאמפּליצירטער און מוז געפירט ווערען פון דעם צענטראל־נערווען־סיסטעם. קאנסעקווענטערווייז מיינט דאס די מיטארבייטונג פון אנדערע קערפּער־ארגאנען און דער עיקר די צענטראל־ארגאנען פון די רעפלעקס־בעוועגונגען, די אינס־טינקטען און פון די העכערע פּלאסטישע נשמה־ארבייט בעת דעם בע־פרוכטונגס־אקט און אויך זיינע קאנסעקווענצען. שוין דיזע פשוט'ע רעפלעקס־טעטיגקייט גיט אונז די דערקלערונג מכח דעם חיה'שען אורשפּרונג פון דער קאמפּליצירטקייט פון דער סעקסועלער ליבע ביים מענש. א חוץ דעם בעשטעהט די נאטור פון דער זאך דעריין, אז דער אקטיווער אדער מענליכער טייל האט דער עיקר נאר די אויפגאבע צו ברענגען ספּערמאטאזאען צו א פּונקט וואו זיי קאנען לייכט דער־

רענצירען זיך בעזונדערע אברים, און וועלכע בעוועגען זיך פריי ארום, זעהען מיר אין דער אבשטאַמונגס־געשיכטע א צווייטע ערשיינונג פון אַן אקטיווער רעפּראָדוקציאָנס־בעוועגונג, נעמליך די בעוועגונג פון דעם גאַנצען אינדיווידיום אין וועלכען עס געפינען זיך די מענליכע זאַמען אַנטקעגען דעם אינדיווידיום אין וועלכען עס געפינען זיך די ווייבליכע זאַמען. דיזער פאַקט פירט צו דער ענטוויקלונג פון די שוין פריהער ארומגערעדטע קאָרעלאַטיווע געשלעכטס־אונטערשידען ביי יענע אינדיווידוען וועלכע טראָגען מענליכע זאַמען־צעלען און יענע וואָס טראָגען ווייבליכע זאַמען־צעלען. דורך דיזע צוויי מאָטאָרישע פענאָמענען אין דער אבשטאַמונגס־געשיכטע, דער צוועק פון וועלכע איז די קאָניוגאַציע, קריגען מיר פאַר יעדען געשלעכט צוויי קאַטעגאָריעס פון ניט־גלייכע פאָרמירונגען פון די לעבעדיגע בעשעפּענישען.

א) יענע פון די זאַמען־צעלען גופא, פון וועלכע די ווייבליכע פאָרם ווערט גרעסער, רייכער אין פּראָטאָפּלאַזמע, פערבלייבענדיג אונ־בעוועגליך, בעת די מענליכע פאָרם, דאָס ספּערמאַטאָזאָאָן, ווערט קליין און פערזאָרגט מיט בעוועגונגס־אַפּאַראַטען.

ב) יענע פון די אינדיווידועו מיט זייערע קאָרעלאַטיווע גע־שלעכטס־אונטערשידען, פון זכר און נקבה, א דאַנק וואָס דער ערשטער איז דער אַנגרייפענדיגער טייל, בעת דער צווייטער איז דער פּאַסיווער אָדער געדולדיגער טייל.

א צווישען־שטאַפּעל איז פאַראַן ביים פולשטענדיגען אָדער געגענ־זייטיגען הערמאַפראָדיטיזם. דאָ איז איטליכס אינדיווידיום דער טרע־גער פון ביידע סאָרטען געשלעכטס־צעלען און פערמאָגט אויך אי מענ־ליכע און אי ווייבליכע געשלעכטס־אָרגאַנען. אויף דיזען אופן עקזיס־טירט דאָ בלויז איין סאָרט אינדיווידוען, וועלכע פערבינדען זיך גופא אָדער געגענזייטיג דאָפּעלט געשלעכטליך, דער פערקער בעשטעהענדיג דערין וואָס דער מענליכער אָרגאַן פון איין אינדיווידיום דרינגט אריין אין דעם ווייבליכען אָרגאַן פון צווייטען אינדיווידיום און פערקערט; אזוי איז ביי שנעק. דאָ עקזיסטירען ניט נאַטירליך קיינע קאָרעלאַטיווע געשלעכטס־סמנים און איטליכס אינדיווידיום איז גלייכצייטיג אק־טיוו און פּאַסיוו.

פערקערט, ביי דער פאָרטפלאַנצונג מיט אבגעטיילטע געשלעכ־

## קאפיטעל III.

# נאטור־היסטארישע בעדינגען פון דעם מענשליכען געשלעכטס־פערקער.

### שוואנגערשאפט. — קארעלאטיווע סעקסועלע סמנים.

מען קאן ניט פערשטעהען דעם טיפען זין און דעם הויכען צוועק פון דעם געשלעכטליכען פערקער ניט זייענדיג בעקענט מיט די פרטים פון דער פעראייניגונג און פון דער מענשליכער אבשטאמונג וועלכע מיר האבען בעהאנדעלט אין די פריהערדיגע קאפיטלען.

די פעראייניגונג (קאניוגאציע) פאדערט די דערנעהענטערונג פון צוויי צעלען, פאלגליך וועניגסטענס דאס בעוועגען זיך פון איינער פון זיי. די דאזיגע צעלען־בעוועגונג איז גענוג פאר די נידעריגע פארמען פון דער געשלעכטליכער פערבינדונג און געוועהנליך בע־ציהט זי זיך אויף איינער פון דיביידע פעראייניגטע צעלען, וועלכע ווערט גערופען די מענליכע צעלע. מחמת דיזער בעוועגונג ווערט זי דער אקטיווער טייל וועלכער זוכט דעם אנדערען, דעם פאסיווען טייל, די ווייבליכע צעלע. אזוי זעהען מיר ביי די העכער ענטוויקעלטע פלאנ־צען, ווי דער בלומען־שטויב אדער פאלען, ד. ה. די מענליכע צעלען, ווערט פון דעם ווינד אדער פון אינסעקטען אריבערגעטראגען צום פיסטיל אדער שטעמפעל, פון וואנען ער דערגרייכט, מיט דער הילף פון א מעכאנישען אנציהונגס־פראצעס, צו די נאך ניט בעפרוכטעטע איי־צעלען (דעם פלאנצען־זאמען) מיט וועלכע ער פעראייניגט זיך. ענליכע פראצעססען קומען פאר אויך ביי נידעריג ענטוויקעלטע חיות.

אזוי גיך ווי מיר האבען צו טון מיט קאמפליצירטערע חיות, אינ־דיווידועז וועלכע בעשטעהען פון א סך צעלען פון וועלכע עס דיפע־

פערשידענע לעבעדיגע מענשען־ראסען, וועלכע פירט אין ערגיץ ניט צו ניט־פרוכטבארקייט. פונדעסטוועגען קאָן מען אויך בעהויפטען, דערביי ניט מאכענדיג קיין טעות, אז יענע מענשען־ראסען וואָס גהען זיך זעהר ווייט פאנאנדער גיבען ארויס א שלעכטע קוואליטעט באַס־טאַרדען, וועלכע פערמאָגען א קליינע אויסזיכט און פעהיגקייט צו בויען לעבענספעהיגע געמישטע ראסען. וועגען די סאמע נידעריגסטע מענשען־ראסען (ווי די פיגמייען און די וועדאס) איז בכלל פאראַן גאָר קיין אָדער ווענינ ערפאהרונג אין שייכות צו דיזען ענין. פער־קערט אבער איז זיכער אז די מולאטען (קינדער פון א פערבינדונג צווישען נעגערס און ווייסע) זענען א מינדערווערטיגע און בכלל א שוואכע, קוים לעבענספעהיגע ראסע, בעת די מעסטיצען (קינדער פון א פערבינדונג צווישען אינדיאנער און ווייסע) זענען א סך אויסהאל־טונגס־פעהיגער, שטארקער און בעסער.

אין דיזען ענין ליגט אָהן ספק דאָס גוטע אויפ'ן צווישען־וועג. די פערבינדונגען צווישען נאָהענט־שטעהענדיגע אונטער־ראסען אָדער וואריעטעטען, אָדער ווענינסטענס צווישען ניט צו־נאָהענטע קרובים פון דערזעלביגער אונטער־ראסע, זענען אָהן ספק די בעסטע. עס איז אמת אז די האַמאָגעניטעט פון א ראסע האָט די מעלה צו זיין בכח צו ענטוויקלען איהרע אייגענטימליכקייטען וואָס דויערהאפטער און כאַ־ראקטעריסטישער; אָבער אנטקעגען דיזען ניצליכען כח שטעהען א סך שעדליכע כחות. אויב, דורך א ריכטיגע צוכטוואהל און דורך דעם אָבשאפען פון די הויפטקוועלען פון דער בלאַסטאַפטהאָריע, וועט עס ווען־עס־איז געלונגען צו דערגרייכען צו א געזונדערע קוואליטעט זאָמען. קאָן זיין אז אפשר אין דער ווייטער צוקונפט וועט א ניט צו־פיל איבערגעטריבענע קאָנסאנגוויניטעט פערלירען איהר געפאהר, אָבער מיר וועלען די דאָזיגע פראגע איבערלאָזען נאָך אפען.

ווירקונג, פונקט אזוי ווי פארטהענאגענעזיס אדער די כסדר'דיגע פארטפלאנצונג דורך טיילונג אדער קנאספונג. אלע די דאזיגע אופנים פון פארטפלאנצונג פערורזאכען מיט דער צייט א שטאפעלווייז אב־שוואכען און דעם אונטערגאנג פון דעם בעטרעפענדען מין.

אונטער קאנסאנגוויניטעט ווערט פערשטאנען דער כסדר'דיגער געשלעכטליכער פערקער צווישען די אמנאהענסטע קרובים (קינדער מיט עלטערן, שוועסטער מיט ברידער א. אז. וו.). עס איז לייכט איינ־צוזעהען, אז די פעראייניגונג פון צוויי זאמען, וואס שטאמען פון שוועס־טער און ברידער אדער גאר פון פאטער און טאכטער, דערנעהענטערען זיך צו פארטהענאגענעזיס פון דעם שטאנדפונקט פון דער קאמבינאציע פון די בירושה'דיגע ענערגיען. מיר וועלען שפעטער זעהען, אז כמעט אלע מענשליכע פעלקער האבען א ווידערווילען קעגען דער קאנסאנג־וויניטעט. ביי די חיות שאפט אב די נאטירליכע צוכטוואהל די פרא־דוקטען פון א צו שטארקער קאנסאנגוויניטעט.

אבער פון דער אנדערער זייט איז פונקט אזוי זיכער, אז דער גע־שלעכטליכער פערקער צווישען פערשידענע מינים ברענגט בכלל ניט קיין פראדוקט. פון א פערקער צווישען מינים וועלכע זענען נאהענטע קרובים, קאן ארויסקומען קינדער (באסטארדען), אבער זיי זענען מיינס־טענס ניט פרוכטבאר אדער ווייניג פרוכטבאר און זייער טיפ איז דע־ריבער ניט בכח זיך אויפצוהאלטען: ער קערט זיך באלד צוריק צו איי־נעם פון די פריהערדיגע אבשטאמונגס־מינים.

אין די לעצטע צייט האט מען בעוויזען, אז די אונפעהיגקייט פון צוויי מינים חיות ארויסצוברענגען באסטארדען, איז ענג פערבינ־דען מיט דער געגענזייטיגער גיפטיגקייט פון זייער בלוט. דארט, וואו מען האט געקאנט אהן געפאהר אריינשפריצען דאס בלוט פון איין מין אין די אדערן פון דעם אנדערען מין, איז פארא, אויף ווי וויים עס האט זיך ביז איצט ארויסגעשטעלט, די מעגליכקייט פאר א באס־טארד־פראדוקציע. עס איז אינטערעסאנט צו בעמערקען אז מערק־ווירדיגערווייז איז דאס בלוט פון די העכסטע מינים אפען (למשל פון דעם אראנג־אוטאן און פון די אנדערע מענשען־ענליכע אפען) ניט גיפטיג פאר די מענשען, הגם זיי געהערען צו א גאנץ אנדערען מין. צוליב דיזען פאקט קאנען מיר אויך פערשטעהען, ווי אזוי עס איז מעג־ליך אזא אויסערגעווענליכע באסטארדירונגס־פעהיגקייט צווישען די

ראַסען, מחמת וואָס די נידעריגע ראַסען ווערען איבערראַל דערגרייכט פון די קולטור־ראַסען, ווערען בעזיגט און פערניכטעט.

די ווילדע ראַסען וועלכע האָבען זיך בעזונדער אין משך פון א סך טויזענדער יאָהרען און אפשר שוין זינט הונדערטער טויזענדער יאָהרען, ענטוויקעלט און זיך ערפאָלגרייך צוגעפאַסט צו געוויסע אינזלען אָדער געגענדען, וואו זיי האָבען געקאָנט פירען זייער איי־גענאַרטיג לעבען, ווערען פלוצלינג אויף אייביג פערטיליגט און פער־ביטען פון די אין קאַמף שטאַרקערע און גייסטיג העכער ענטוויי־קעלטע קולטור־ראַסען.

די געאָלאָגיע האָט אויסגעגראָבען פערשטיינערטע איבערבלייבע־נישען פון מענשען (סקעלעטען, שאַרבענס און אַנדערע מענשליכע אי־בערבלייבענישען, וואָס גרייכען צוריק כמעט ביז צו דער טערטיער־צייט), וועלכע זענען נאָך א סך נידעריגער, אפען־ענליכער פון די נידעריגסטע היינט לעבעדיגע מענשען־ראַסען, און זייער קרובה'שאַפט מיט אונז מוז נאָך זיין ווייטער ד. ה. גרייכענדיג א סך ווייטער צוריק אין די פאָר־היסטאָרישע און געאָלאָגישע צייטען. אויב מען וועט נאָך מאַכען אַנדערע ענטדעקונגען, ווי די ענטדעקונג פון דעם שאַרבען פון א פיטהעקאַנטהראָפּוס ערעקטוס וועלכע דובאָיז האָט אויסגעגראָבען אין יאַוואַ, וועט די וויסענשאַפט זיין בכח גענוי אַנצואווייזען די וויי־טערע מענשליכע קייט, וועלכע וועט אונז פערבינדען מיט די איצט נאָך לעבעדיגע איבערבלייבענישען פון נאָך עלטערע שטאַם־פאַטערס, מיט די אַנטהראָפּאָמאָרפען אָדער מענשען־ענליכע אַפען.

קאָנסאַנגווינימעט. — איידער איך ענדיג דאָס קאַפּיטעל, מוז נאָך אַרומגערעדט ווערען דער ענין פון קאָנסאַנגוויניטעט און דאָס צוזאַמענפּאָרען פון צוויי פערשידענע מינים. דאָס בעיינפלוסען פון דער פּרוכטבאַרקייט און די קינדער צוליב דער נאָהענטער אָדער ווייטער קרובה'שאַפט פון ביידע בעשאַפער (מאַן און ווייב), איז א ברייטער ענין אין וועלכען מיר קאָנען זיך דאָ ניט אַריינלאָזען באריכות, ווי מיר האָבען געזעהען, איז בכלל געבויט די פערייניגונג אין דער נאַטור אויף א בעדערפניש פון איטליכען שטאַם זיך צו פערשטאַרקערען דורך דער פערשידענקייט. די כסדר'דיגע קאָנסאַנגוויניטעט (סעקסוי־עלער פערקער צווישען נאָהענטע קרובים, משפחה) האָט א שעדליכע

שטאם־עלטערן פון פאר א טויזענד יאָהרען און אפילו למשל פון די אלטע אסיריער. עס זענען פאראַן צווישען זיי ראסען, ווי סטאנלי׳ס פיגמייען (די אקאס), די וועדאס, אפילו די אויסטראליער און די נעגער, וועמעס גאנצער געבוי פון קערפער אונטערשיידט זיך אזוי טיף און געוואלדיג פון דעם קערפער־געבוי פון אונזערע אייראפּע־ישע ראסען און וואריעטעטען, וואס עס בעווייזט אז די קרובה־שאפט צווישען יענע ראסען און אונזערע איז א זעהר ווייטע.

עס איז בכלל ניט פאראן קיין שווערערע זאך, ווי פאנאנדערצו־פלאנטערען דעם וויר־וואר פון די מענשליכע ראסען. אבער אזויפיל קאָנען מיר אננעהמען פאר זיכער, אז יענע ווילדע ראסען און וואריע־טעטען, וועלכע אונטערשיידען זיך אזוי פיל פון אונז, און אפילו די ראסען וואס זענען נעהענטער צו אונז ווי די היינטיגע מאנגאלען און מאלאיער, זענען אין ערך א סך ווייניגער נאָהענטע קרובים צו אונז ווי עס זענען למשל די אלטע אסיריער. דאס דאַרף אזוי פערשטאַנען ווע־רען, אז יענע שטאם־עלטערן, וועלכע מיר האבען געהאט געמיינשאפט־ליך מיט אונזערע היינטיגע ווילדע פעלקער, האבען עקזיסטירט אוראי א סך טויזענדער דורות צוריק, טראצדעם וואס די שפּעטערדיגע דורות, זייערע קינדער, לעבען אויף אנדערע ערד־טיילען. דאס דאָזיגע „זיך ווייטער בעזונדערס ענטוויקלען" פון אזוינע ניט־גלייכע און אלערליי־איגע מענשען־ראסען דערקלערט זיך גאנץ לייכט כל זמן דער מענש האט ניט געהאט אונטער די אונגעהייער פערשידענע לעבענס־ און ענטוויקלונגס־בעדינגען פון די פערשידענע קאָנטינענטען און אלער־ליי קלימאטען קיין גוטע פערקערס־מיטלען און האט בערך ניט זעהר אנדערש געלעבט ווי די מענשען־ענליכע אפען. אפילו די העכערע קולטורען פון די אלטע צייטען האבען זיך נאר געקאָנט ענטוויקלען אויף א רעלאטיוו בעשרענקטען שטח, ווייל זייערע וואפען און פער־קערס־מיטלען האבען זיי ניט געגעבען די מעגליכקייט צו פיל צו רו־זיקירען און אונטערנעהמען. דאס בעזיגען פון דער גאנצער ערד מיט דער הילף פון די מאדערנע קולטור־מיטלען. קאמפּאס, שיספּולווער און דאמף איז לעת עתה א געשעהעניש, וואס איז קוים אלט 400 יאָהרען. אבער דאס האט שוין אנגעהויבען פולשטענדיג איבערצוקערען מיט׳ן קאפּ אראָפּ די ביזאהעריגע נאטירליכע ענטוויקלונג פון די מענשען־

דורות, און האָבען אין זיך אין דערזעלביגער צייט די פּאָטענצען אָדער ענערגיען פון די פערגאַנגענע דורות. זיי קאָנען אָבער, וועדליג דעם אויפפיהרען זיך פון דער ציוויליזירטער מענשהייט, בעיינפלוסט ווערען צום גוטען אָדער צום שלעכטען. אזוי ווי אָבער, צוליב רעלי־גיעזע און אנדערע פאָרורטיילען, ווערען די נייע פאָרשונגען איבער די חיה׳שע און בעזונדערס די מענשליכע אָבשטאַמונג נאָך אַלץ טויט־פערשוויגען אין די שולען, דעריבער ווערט די גרעסטע צאָל מענשען פון זיי קיינמאָל ניט געוואָר און זיי לערנען זיך בכלל ניט אויס צו דענקען נאַטור־וויסענשאפטליך, מחמת בעת א סך געגענשטאַנדען זייענדיג פאר דעם נאַטור־פאָרשער און דאָקטאָר זעלבסטפערשטענדלי־כע ערשיינונגען, זענען זיי ביים עולם דערווייל נאָך א טויטער אות. צוליב דיזער אורזאַך מוז איך דעם פאָלגענדען פּונקט אביסעל מעהר בעלייכטען.

די אַזוי־גערופענע היסטאָרישע צייטען — לאָמיר זאָגען זינט דער צייט פון די אלטע עגיפּטער אָדער אסיריער ביז היינט — וועלכע שיי־נען פאר אונז צו זיין אָהן א שעור לאַנג, זענען נאַטור־וויסענשאַפט־ליך אונענדליך קורץ. יענע אלטע פעלקער, אויך אזוי ווייט ווי זיי זענען געשטאַנען נאָהענט צו אונזער היינטיגער אייראָפּעישער ראַסע, זענען דעריבער, נעהמענדיג די זאַך נאַטור־וויסענשאַפטליך, גאַנץ נאָהענטע קרובים מיט אונז. די אפשר 150 דורות, וואָס ליגען צווישען אונז און זיי און אפילו די עטליכע הונדערט דורות, וואָס האָבען זיי אָבגעטיילט פון זייערע דירעקטע שטאַם־עלטערן, וועלכע זענען גע־ווען אין דערזעלביגער צייט די שטאַם־עלטערן פון אונזערע דירעקטע דעמאָלט (ד. ה. גלייכצייטיג מיט די אַלטע אסיריער א. אַז. וו.) לעבע־דיגע שטאַם־עלטערן, ווערען פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער עטהנאָלאָ־גישער געשיכטע פון דער מענשהייט, בעצייכענט אלס אַ רעלאַטיוו קורצע, און אויב מען וויל, אַ רעלאַטיוו מאָדערנע צייט. ווען מיר שטו־דירען אבער די ווילדע שבטים און פעלקער פון אמעריקא, אזיע, אפ־ריקא און אויסטראַליע וועלכע לעבען נאָך מיינסטענס איצט און וועל־כע זענען פון אונז אייראָפּעער געפינען געוואָרען, בעזונדערס זינט דער ענטדעקונג פון אמעריקא, שטעלט זיך קלאָר ארויס, אז דער חלוק צווישען זיי און אונז און אויך אונזערע ערשט דערמאָנטע שטאַם־עלטערן איז אין ערך א סך גרעסער ווי צווישען אונז און אונזערע

ב) ביים ערשטען בליק דאכט זיך, אז די עוואלוציאנס־פאקטארען זענען זעהר פערשידען: צוכטוואהל, מוטאציעס, קלימאטישע, פיזישע און כעמישע פאקטארען א. אז. וו. אבער מיר האבען געזעהען אז זיי אלע זענען פערבינדען מיט דעם עיקר־פרינציפ פון דער ענגראפיע און מיט איהר רעגולירונג דורך די נאטירליכע צוכטוואהל. געוויס, די נא־טור פון דער ענגראפיע פון די דרויסענדיגע רייצען אין די לעבעדיגע סובסטאנץ קענען מיר נאך ניט, ווען מיר וועלען אמאל אפשר זיין אימשטאנד צו פערבינדען די געזעצען פון דעם לעבען מיט די געזע־צען פון דער אזוי־גערופענער טויטער נאטור, וועלען מיר דעמאלט פאר אונז האבען נאך בלויז איין איינציג גרויס מאניסטיש־מעטאפי־זיש רעטעניש: די טענדענץ פון דער וועלט־ענערגיע און שייכות צו דער אונענדליכער דיפערענצירונג פון איהרע איינצעלהייטען (דעטא־לען) פון די ערשיינונגען און צו איהר אויפבויונג פון כסדר נייע מעהר קאמפליצירטע פארמען, ענערגיע־קאמפליקאציעס. דאס וויכטיגסטע וואס פאר אונז בלייבט דא איז צו וויסען, אז די ענגראפיע און די צוכטוואהל איז בכח צו ענדערען די ארגאנישע מינים ממשות'דיג, פאזיטיוו אדער נעגאטיוו, זיי לטובה אדער לרעה, זיי פערבעסערענדיג דורך גוטע איינפלוסען און קאמבינאציעס, אדער זיי פארדארבען דורך א שלעכטע צוכטוואהל און ענגראפיען, אדער זיי גאר אינגאנצען צו דעגענערירען דורך בלאסטאפטהאריע. די קאמבינאציע פון א שלעכטער צוכטוואהל מיט בלאסטאפטהארישע איינפלוסען שטעלט צונויף די אמת'ע גרויסע געפאהר פאר דער מענשהייט, און דא וועט דארפען קומען צו הילף א ראציאנאל געשלעכטליך לעבען.

ג) אז די אבשטאמונג פון די מינים נעהמט ארום מיט איהר איינפלוס פונקט אזוי גוט די גייסטיגע (פסיכישע) ווי אלע איבעריגע איינענשאפטען, מחמת די ערשטע שטעלען פשוט פאר די אינווייניגס־טע זייט פון דעם געהירן־לעבען, און דאס נעהירן פאלגט די נאטור־געזעצען פונקט ווי עס פאלגען אלע איבעריגע ארגאנען.

ד) אז פון דיזע אלע פאקטען איז געדרונגען אז די אבשטא־מונגס־געשיכטע און די צוכטוואהל, פונקט אזוי גוט ווי די ריכטיג פער־שטאנענע ירושה, שפילען א געוואלדיגע ראלע אין דער געשלעכטס־פראגע, מחמת די זאמען וואס קומען נאך איטליכען סעקסועלען פער־קער זיך פארטצופלאנצען, טראגען אין זיך דעם מזל פון די צוקינפטיגע

זענען אַזוי־צו־זאָגען אײנגאַנצען רוהיג און ענדערען זיך ניט מעהר, נאָר זײ האָבען גיכער די טענדענץ אונטערצוגעהען, בעת אנדערע פער־פערט, זענען אַהן אַ ערך פערענדערליך. דאָס אריבערברענגען פון אַ מין אין אַ גאַנץ נײַע סביבה, למשל אין אַן אַנדערען קאָנטינענט, פער־ורזאכט אויך, ווי מען האָט בעוויזען, אַ רעלאַטיוו שנעלע ענדערונג. עס איז קלאָר, אַז די ענגראַפיע ענדערט די לעבעדיגע בעשעפעניש ען אויף אַזוי פיל גיכער, אויף וויפיל זי גופא ווערט אַנדערש. ביי די נאָר־וואָס דערמאָנטע אַריבערברענגונג פון אַ מין אין אַן אַנדערען קאָנטי־נענט ווערט אי די ענגראַפיע אַן אַנדערע און אי עס ענדערען זיך די פאַקטאָרען פון דער צוכטוואַהל (וואַגנער).

אַנדערע פאַקטען ציינען אַלץ דייטליכער און קלאָרער, אַז די היינטיגע פוינא און פלאָרא פון דער וועלט, וואָס איז שייך צו זייער פערשידענאַרטיגקייט (דאָס אויפקומען פון אַלץ נײַע און פערשידענע פאָרמען), איז אין אַ צושטאַנד פון צוריקגעהען; מחמת אין דער טער־טיער־צייט איז די פוינא און פלאָראַ געווען אַ סך רייכער ווי איצט. אַ חוץ דעם קאָנען מיר דרינגען, אַז יעדענפאַלס שטאַרבען היינט אויס אַ סך מעהר מינים חיות און פלאַנצען איידער עס קומען אויף נײַע.

ווי אַזוי דאָס לעבען איז אַמאָל ענטשטאַנען, ווייסען מיר נאַ־טירליך נאָך ניט; אָבער יעדענפאַלס אין אַהן אַן ערך אַ קלענערער פאָרם ווי די צעלע. אָבער אַהן אַ ספק איז עס ניט אויפגעקומען אויף איין אָרט און פון איין אינדיווידיום, נאָר אויף אַ סך ערטער און דורך אַ סך אינדיווידועז, אַזוי אַז דער אבשטאַמונגס־בוים מוז זיין פּאָליפי־לעטיש און ניט אַז ער קאָן זיין מאָנאָפילעטיש. אָבער די רעאַליטיווע גלייכפאָרמיגקייט פון די איין־צעליגע בעשעפעניש ען איז אַ קלאָרער בעוויז, אַז דאָס לעבען איז ענטשטאַנען אויף אַ סך ערטער אָבער אונטער גלייכע בעדינגען און אויף אַ זעהר איינפאָרמיגען אופן. דער־מיט דערקלערט זיך דאָס דרויסענדיגע אויסזעהען פון אַ מאָנאָפילע־טישער אָבשטאַמונג.

דער סך הכל. — אויב מיר ווילען פאַר אונזער פראַגע אַרויסצי־העז די וויכטיגסטע פאַקטען פון דער מענשליכער אבשטאַמונגס־גע־שיכטע, דאַרפען זיי זיין די פאָלגענדע:

א) די עוואָלוציאָנס־לעהרע איז אַן אונבעשטרייטבאַרער אמת.

דאנק הערינג'ס גֿעדאנק, וועלכער איז פון סעמאָן'ען פערטיפט און אויסגעארבייט געוואָרען, ווערען איצט די פאקטען קלאָר אויף א גאנץ צופרידענעם אופן. די ענגראפיע, וועלכע ווערט אין דעם אָרגאַניזם ארויסגערופען פון די רייצען פון דער דרויסענדיגער וועלט, גרייטען צו און בויען שטאפעלווייז אויף די וואקסענדיגע קאָמפּליקאציעס פון די לעבעדיגע בעשעפענישען, בעת די צוכטוואהל רעגולירט און דיריגירט כסדר דיזע קונסט־ארבייט פון דער מנעמע אויף דעם אופן וואָס זי קלויבט אויס אלעס וואָס איז שלעכט צוגעפאסט און פאסט זיי צו צו די לאָקאלע פערהעלטניסען פון דער סביבה.

דע ווריע האָט געציינט, אַז די ענדערונגען וואָס זענען פּראָדוצירט געוואָרען דורך די קינסטליכע און נאַטירליכע צוכטוואהל, דויערען ניט לאנג, בעת די פלוצלינגע מוטאַציעס (ענדערונגען) זענען א סך דויערהאפטער. אבער מיר האָבען ערשט געזעהען, אַז יענע מוטאַציעס גופא זענען ווארשיינליך ניט אנדערש ווי בלויז די פערשפעטיגטע עקספּאָריע פון א לאנג שוין אָנגעזאמעלטער און פערבארגענער ענגראפיע ביי די אור־עלטערן.

פון דער צווייטער זייט, זענען די ענדערונגען, וועלכע מען בעקומט דורך דער צוכטוואהל, געבויט נאָר אויף שנעלערע עקספּאָריען וואָס זענען צו פערדאנקען די קאָניוגאַציעס (פערייניגונגען) וואָס איבער'חזר'ען זיך אין א בעשטימטע ריכטונג. אבער פלעיט און אנדערע האָבען בעוויזען אַז די דאָזיגע וואריאַציעס, ווען זיי פאסען זיך גוט צו, זענען זיי אימשטאַנד זיך מעהר און מעהר צו פיקסירען און שטאפעלווייז ווערען דויערהאפט. דערפון זעהט מען, אַז עס זענען ניט פאראַן קיינע ווידערשפּרוכען צווישען די עיקר־פאקטען, און אַז אלעס דערקלערט זיך פשוט און נאַטירליך דורך די קאָמבינאַציעס פון דער בירושה'דיגער מנעמישער ענגראפיע מיט דער צוכטוואהל.

א חוץ דעם ווייזען די נייע פארשונגען אלץ מעהר, אַז די פאָרם־ענדערונגען פון די לעבעדיגע בעשעפענישען ענטשטעהען ניט אויף א שטאַפּעלדיגען רעגעלמעסיגען אופן, ווי דארווין האָט פריהער געגלויבט, נאָר אַז, אי בכלל און אי ביי בעשטימטע מינים, קומען דייטליך פעריאָדען פון רעלאַטיוו גיכע ענדערונגען און בייטען זיך מיט פעריאָדען פון א רעלאַטיווען שטילשטאַנד. מיר אליין קאָנען היינט זעהען, אַז צווישען די לעבעדיגע מינים זענען פאראַן אזוינע וואָס

זאַמקייט צו דער קינסטליכער צוכטוואַהל, ווי זי פלעגט ווערען פּראַק־טיצירט פון גערטנער און חיות־ציכטער אויף קולטור־פלאַנצען און הויז־חיות, איז דאַרווין געקומען צו זיין השערה מכח דער נאַטירליכער צוכטוואַהל, דורך דעם קאַמף פאַר דעם דאַזיין, אלס א דערקלערונג פאַר דער ענטשטעהונג פון אלערליי לעבעדיגע בעשעפענישען אויף דער וועלט. די דאָזיגע השערה רופט מען בקצור דאַרוויניזם. מען האָט אבער אויך די גאַנצע עוואָלוציאָנס־לעהרע בעצייכענט אלס דאַרוויניזם, צו־ליב וואָס עס איז ענטשטאַנען אן אונענדליכע צופלאָנטערניש, וועלכע איז געוואָרען און ווערט נאָך איצט טענדענציעזע אויסגע׳פשט׳לט, פון מענשען פול מיט פאַראורטייל און אבערגלויבען, נאַטירליך געגען דער עוואָלוציאָנס־לעהרע. אָט אזוי הערט מען למשל די פערטרעטער פון דעם רעליגיעזען אזוי־גערופענעם קעפּלערבונד דערמאָנען אין זייערע דרשות „דאָס טויטען־בעט פון דאַרוויניזם", מיט וואָס עס ווערט דעם עולם אויף א טענדענציעזען אופן געגעבען אנצוהערען אז די עוואָלו־ציאָנס־לעהרע ליגט אויפ׳ן טויטען־בעט!!

דער קאַמף פאַר דעם דאַזיין. — אבער דער קאַמף פאַר דעם דאַזיין און די נאַטירליכע צוכטוואַהל זענען אבסאָלוט פעסט־שטע־הענדיגע אמת׳ן. מען דאַרף פערשטעהט זיך אין דער נאַטור נאָר אויפ־מאַכען די אויגען און גענוי בעאָבאַכטען כדי זיי איבעראַל צו געפי־נען. אלעס אין דער נאַטור פרעסט זיך געגענזייטיג אָדער וועניגס־טענס קעמפט געגענזייטיג, די פלאַנצען אזוי גוט ווי די חיות, און, א חוץ פון וואַסער און לופט, לעבען די חיות גופא כמעט נאָר אויף פלאַנ־צען און אנדערע חיות. אז אין דעם קאַמף געהען אונטער די וועניגער צוגעפּאַסטע און אז עס בלייבען לעבען אממיינסטענס יענע בעשעפע־נישען וואָס זענען אמבעסטען צוגעפּאַסט פאַר דעם קאַמף, איז דאָך אייגענטליך זעלבסטפערשטענדליך. און איך קאָן ניט פערשטעהען די היינטיגע פערלייקענער פון דאַרווין וועלכע זענען מיט איינמאָל, דורך נייע סוגעסציעס געוואָרען בלינד, און קאָנען מעהר ניט זעהען דיזע אמת׳ן. פון דער צווייטער זייט אבער איז די לעהרע פון דער ענטשטעה־הונג פון אלע פאָרמען חיות און פלאַנצען שטענדיג געוועזן און פער־בלייבט השערה׳דיג.

מיר האָבען שוין גערעדט וועגען דע וורי׳ס מוטאַציעס און וועג־נען סעמאָן׳ס מנעמע, און מיר וועלען זיי דאָ ניט איבער׳חזר׳ען. א

די אלע פאקטען ציינען אז מיט א זיכערקייט אויף די ענדערונ־גען, וועלכע דערקלערען זיך מיט דער אבשטאמונג, און וועלכע מיר קאנען דערפארשען אין אלע איהרע פרטים אפילו. ביי געוויסע מור־ראזשקעס, וואס זייערע קערפערס ווייזען אהן ספק זייער נאהענטע קרובה׳שאפט מיט שקלאפען־האלטענדיגע מוראזשקעס, וועלכע זענען אבער אראבגעזונקען און געווארען א פאראזיטישער מין ביי אנדערע מינים מוראזשקעס, געפינען מיר ניט נאר דעם אויבערשטען קיפער וואס ווערט בענוצט ביים רויבען, נאר אויך אבסאלוט אונצווייפעלדינע, אפילו דייטליכע און קלארע גראבע כאראקטער־שטריכען פון א רוי־בערישען אינסטינקט, הגם ער איז פון זיי פאקטיש, אפשר שוין טוי־זענדער יאהרען, מעהר ניט בענוצט געווארען.

דיזע ביישפילען דארפען זיין גענוג, כדי צו ציינען, אז די לע־בעדיגע בעשעפענישען ירש׳ענען זייערע פארמען און זייערע פונקציעס, פונקט אזוי גוט ווי זייערע גייסטיגע פעהיגקייטען, ניט נאר פון די דירעקטע אור־עלטערן פון זייער אייגענעם מין, נא א סך ווייטער, פון דעם גאנצען שטאם, פון דער גאטונג, פון דער פאמיליע, פון דעם קלאס א. אז. וו. אונזער שטייסביין, דער אונטערשטער טייל פון רו־קען־ביין, איז א גע׳ירש׳ענטע איבערבלייבעניש פון דעם עק פון די זויג־חיות. אונזער כעס און אונזער אייפערזוכט האבען מיר גע־ירש׳ענט אויך פון זיי און דאס זעלביגע איז אויך אמת מכח דעם גע־שלעכטס־אינסטינקט, דער מורא, אונזער כיטרעקייט א. אז. וו. כל זמן זיי ווערען כסדר בענוצט, האבען זיך די עלטסטע גע׳ירש׳ענטע כאראקטער־שטריכען אמפער׳עקשן׳סטען אויפגעהאלטען; ווערען זיי אבער מעהר ניט גענוצט אדער זיי פערלירען וועניגסטענס זייער ווערט, פערבלייבען זיי נאך אלץ אין משך פון טויזענדער יאהרען מערקוויר־דיג פער׳עקשן׳טע רודימענטען (ווי למשל דער ווארים־פארמיגער אפענדיקס פון די אינגעווייד און די אזוי־גערופענע צירבעל־דריז פון גע־הירן) ביז זיי פערשווינדען ענדליך. דיזע רודימענטען בלייבען אפט־מאל נאך לענגער אין עמבריא (ווי די צייהן פון וואלפיש־עמבריא). אזוי עקזיסטירט א מוראזשקע (אנערגאטעס). וואס די דערוואקסענע זכרים האבען מעהר ניט קיין פליגלען פונקט ווי די אנדערע גאטונגען, אבער די פופע פון דעם זכר האט נאך סמנים פון פליגלען

נאטירליכע צוכטוואהל. — א דאנק זיין ספעציעלער אויפמערק־

דער פּנים ווי פון דעם ביבלישען שטאַנדפּונקט אַז איטליכער מין איז בעזונדער בעשאַפען געוואָרען. אונטער דעם נאָמען „ביאָגענעטיש גרונדגעזעץ" האָט העקעל, ווי מיר האָבען געזעהען, אין אביסעל אַ דאָגמאַטיזירטער פאָרם אַריינגעוואָרפען אַ טעאָריע אין די וועלט וועל־כע, הגם זי קאָן ניט פאָדערען דאָס רעכט אויף אַן אבסאָלוטער ריכטיג־קייט, האָט זי אבער דאָך אַ רעלאַטיווען ווערט און קאָן פאַר אונז זיין אַ וועגווייזער אין די אָבשטאַמונגס־געשיכטע פון די לעבעדיגע בעשע־פענישען. „די אָנטאָגעניע", (ד. ה. די געשיכטע פון דער עמבריאָנישער ענטוויקלונג פון אַ לעבעדיג וועזען) איז תמיד אַן אָבגעקירצטע סך־הכל'דיגע איבער'חזר'ונג פון דער פילאָגעניע פון דער אבשטאַמונגס־געשיכטע" : דאָס מיינט, אַז אַלס עמבריאָ זענען מיר דורכגעגאַנגען אויף אַן אָבגעקירצטען אופן פון ענטוויקלונג אַלע פאָרם־שטאַפּלען פון אונזערע אור־אור־עלטערן. פאַקטיש איז עס אָבער מיינסטענס ניט אַזוי, ווייל אַ גרויסער טייל פון די בירושה'דיגע אייגענשאַפטען ווערען אין'ם עמבריאָ אינגאַנצען פערלוירען ניט איבערלאָזענדיג קיין סמן, און פון דער אַנדערער זייט האָבען ווידער אַנדערע, בעזונדערס, זעלבסט־שטענדיג לעבעדיגע עמבריאָס, אַזוינע אייגענאַרטיגע בעדערפנישען וועלכע האָבען ביי זיי ענטוויקעלט גאָר בעזונדערע אברים. אַזוי זענען די דערמאָנטע שמעטערלינג־לאַרוועס מיט זייערע ספּעציפישע און גענערישע אייגענטימליכקייטען, ווי הערנער, האָר א. ד. גל. אבער פונדעסטוועגען זענען פאַראַן אַ סך דייטליכע איבערגעבליבענע אור־עלטערליכע סמנים אין אַ סך עמבריאָס ביי די פערשידענע שטאַפּלען פון זייער ענטוויקלונג. עס איז למשל אָהן ספק, אַז די אינסעקטען שטאַמען אָב פון ווערים, און פונקט אַזוי זיכער איז אויך, אַז די עמב־ריאָנישע אינסעקטען־לאַרוועס זענען אין אַ סך פּרטים פונקט ווי די ווערים. עס איז זיכער, אַז די היינטיגע וואַל־פיש, הגם זיי האָבען ניט קיין ציי־הן נאָר פישביין־פּלאַטען, שטאַמען אָב פון אַן אַנדערען מין וואַסער־חיות מיט ציין און ווייטער פון אַנדערע ציין־פערמאָגענ־דיגע זויג־חיות. פאַקטיש געפינען מיר אויך אין דעם עמבריאָ פון וואַלפיש ריכטיגע ציין, אָבער וועלכע זיי קאָנען ניט בענוצען און זיי פערשווינדען נאָך אין די עמבריאָנישע פעריאָדע. אין די פלאָם־פעדערען פון וואַלפיש געפינען מיר דיזעלביגע ביינער ווי אין די פיס פון די זויג־חיות און אין די פליגלען און פיס פון פויגלען.

פיע פון פלאנצען און חיות, פונקט אזוי גוט ווי זייער פערגלייכענדע ענטוויקלונגס־געשיכטע און א טיפע אויספארשונג פון אן אנצאל נייע ענטדעקטע פארמען פון פלאנצען און חיות, האבען אונבעשטרייטבאר קלאר געמאכט די סאמע יסודות פון דער אבשטאמונג (פילאגעניע) פון די לעבעדיגע בעשעפענישען. די צאל פון וואריעטעטען און ראסען אדער אונטערגאטונגען ווערט אהן א גרעניץ, וואס נעהענטער מען שטודירט זיי. צו דעם האבען אויך געהאלפען די אונטערזוכונגען פון די אויסגעגראבענע פערשטיינערטע איבערבלייבענישען פון די פערשידענע אויסגעשטארבענע מינים חיות און פלאנצען, הגם ניט אזוי פיל, מחמת עס פעהלען נאך א סך צווישען־שטופען צווישען דיזע פראגמענטארישע איבערבלייבענישען.

אבער ניט נאר ווייסען מיר, אז די פערשידענע פארמען פון לעבעדיגע בעשעפענישען זענען צווישען זיך פארבינדען דורך אן אמת'ער קרובה'שאפט, נאר היינט קאנען מיר אלץ טיפער און טיפער אריינדרינגען אין דעם שטאפעל פון דיזער אמת'ער קרובה'שאפט; מיר קאנען דערגעהען פון וועלכע גרופען חיות עס שטאמען אב געוויסע אנדערע חיות, וועלכע זענען יונגער און וועלכע עלטער, א. אז. וו. אויף מאנכע ערטער קאנען מיר פעסטשטעלען, אין וועלכער רעלאטיווער צייט עס האט זיך אנגעטיילט די פוינא פון דער פלארא (די חיות־וועלט פון דער פלאנצען־וועלט) פון צוויי קאנטינענטען און ווי אזוי זינט דעמאלט, הגם נאך נאהענט פערוואנדט, זיי האבען זיך ענטוויקעלט אין פערשידענע פארמען. דער ספעציאליסט קאן היינט גרינג אויסגעפינען וועלכע חיות אדער פלאנצען עס געהערען צו דער עלטערער, פריהערער געאגראפיש־דיפערענצירטער פוינא אדער פלארא פון דעם לאנד, און וועלכע האבען שפעטער אריינגעוואנדערט.

אלעס דאס בעמערק איך בלויז פאר יענע מענשען וועלכע האבען נאך ניט פערשטאנען אז מען קאן מעהר ניט אבלייקענען דעם אמת פון דער ירושה, מחמת זיי מישען זי אויס מיט די מיינונגען מכח די איינצעלהייטען פון די וויכטיגע פאקטארען ביי דער ענטוויקלונג פון די פערשידענע פארמען.

אנטאגעניע. פילאגעניע. — מיר האבען ארומגערעדט די ירושה. אין'ם ליכט פון דער אבשטאמונגס־לעהרע בעקומט זי אן אנ־

## קאפיטעל II.

# די עוואלוציע אדער די אבשטאמונגס־געשיכטע פון די לעבעדיגע ברואים.

מיר מוזען דעם ענין דא אויך בעטראכטען, מחמת אין די לעצטע צייט איז דיזער ענין פיל צומישט געווארען א דאנק דעם פערבייטען השערות מיט פאקטען, און מחמת מיר ווילען בויען אונזערע מיינונגען ניט אויף השערות נאר אויף בעגרינדעטע און פעסט־שטעהענדיגע פאקטען. אבער מיר וועלען זיך ווי ווייט מעגליך האלטען ביים תמצות.

די אבשטאמונגס־לעהרע פלעגט מען ענג פערבינדען מיט דאר־ווין'ס נאמען, ווייל עס איז געווען ער וועלכער האט געהאלפען די לעה־רע זיך דערהויבען צו איהר אלגעמיינעם ווערט. אין דער אמת'ן אבער איז די לעהרע א סך עלטער און איז מיט מעהר ווי א יאהרהונדערט צוריק צוערשט אויפגעשטעלט געווארען פון לאמארק. די אבשטא־מונגס־לעהרע זאגט בקיצור און פשוט, אז אלע מינים פלאנצען און חיות זענען ניט יעדער פאר זיך פארטיגערהייט בעשאפען געווארען פון א גאט אוים גארניט אדער אויס א טויט שטיק ערד, נאר אז זיי, אריינגעשלאסען אויך דער מענש, זענען צווישען זיך פערקניפט מיט א טיפער און ווייט־פערצווייגטער אבשטאמונג, דאס הייסט, זיי האַ־בען זיך שטאפעלווייז ענטוויקעלט איינער פון דעם אנדערען, און בכלל אייגענטליך אזוי, אז פון איינפאכע לעבעדיגע בעשעפענישען האבען זיך כסדר ענטוויקעלט קאמפליצירטע. דיזען פעלזען־שטיין, דיזען טי־פען אמת פון דער אבשטאמונגס־לעהרע, איז אונמעגליך צו פערלייִ־קענען. זינט דארווין, און א דאנק דעם געוואלדיגען אנשטויס וואס דיזער גאון האט געגעבען די נאטור־וויסענשאפטען, איז דיזע לעהרע מיט אן אונגעהייערער מאסע פאקטען פון אלע זייטען בעשטעטיגט געווארען. די פערגלייכענדע אנאטאמיע און די פערגלייכענדע געאגרא־

מען קאנען אויך אן עהנליכען אופן ווירקען ווי די בלאסטאפטהאריע. אויבען האבען מיר דערמאנט די עקספערימענטען פון מעררימיעלד און שטאנדפוס מכח די ווירקונג פון קעלט אויף שמעטערלינג־לארווען און פופען. אפילו ווען גים ריין פאטהאלאגיש, דאך דערמאנען די דאזיגע ווירקונגען און די ירושה און זייערע פאלגען אין די בלאסטאפטהאריע.

אויך קאנען מעכאנישע שטערונגען אין דער ענטוויקלונג פון עמבריא ארויסרופען פערקריפעלטע און פאטהאלאגישע פראדוקטען. וויסמאן האט בעשאפען דעגענערירטע אינדיווידוען ביי מוראזשקעס לאזענדיג זיי וואוינען אין איין נעסט מיט געוויסע זשוקעס, וועלכע צוזאמען מיט זייערע לארווען זענען ערצויגען געווארען פון די מור־ראזשקעס, בעת די מוראזשקעס האבען זעהר ליב געהאט דעם זאפט וואס די זשוקעס האבען ארויסגעלאזט פון זייערע האר־דריזען. געוויסע קאנסטיטוציאנעלע קראנקהייטען און מיטגעבוירענע אבנארמאלי־טעטען ביי מענשען זענען די רעזולטאטען פון יענע קראנקהייטען ביי זייערע אור־עלטערן וועלכע האבען אויך אנגעגריפען די זאמען־צעלע אדער דאס כמעט פארטיגע עמבריא. אויב אבער די בלאסטאפטהארי־שע טעטיגקייט הערט אויף ביי די אור־עלטערן, האבען זייערע קינדער, וואס לעבען אונטער נארמאלע צושטענדען, א קלארע טענדענץ שטאַ־פעלוויז אין משך פון עטליכע דורות פטור צו ווערען פון די בלאס־טאפטהארישע ענגראמען, און טריט ביי טריט, א דאנק דער מאכט פון דער אור־אור־עלטערליכער מנעמע, זיך צוריק צו רעגענערירען, וועלכע ברענגט שטענדיג צוריק די האמאפאניע. דאך פעהלט אונז נאך אויך דיזען געביט גענוג פאקטען. די האמאפאניע ווערט דא צוריקגע־ברענגט א דאנק דעם גלייכגעוויכט פון די פערשידענע טיפישע איינער־שאפטען פון די מינים.

דער טיפּישסטער און אָפּטסטער ביישפּיל פֿון בלאַסטאָפּטהאָריע איז די אַלקאָהאָלישע פּערגיפּטונג (שכרות). די ספּערמאַטאָזאָען אָדער די אייער פֿון דעם אַלקאָהאָליקער, פּונקט ווי זיינע אַנדערע געוועבען, ליידען צוליב דער גיפּטיגער ווירקונג פֿון דעם אַלקאָהאָל אויף זיין פּראָטאָפּלאַזמע. דאָס רעזולטאַט פֿון דיזער פּערגיפּטונג פֿון די זאָמען קאָן למשל זיין, אַז די קינדער וואָס קומען אַרויס פֿון זייער פּעראייניגונג זאָלען ווערען אידיאָטען, עפּילעפּטיקער, קאָרליקעס, פּסיכאָפּאַטען, ראַכיטיקער א. ד. גל. אבער דאָ איז ניט גע'ירש'ענט געוואָרען דער אַלקאָהאָליזם און אויך ניט די שכרות. געוויס קאָנען די שוואַכקייט צום אַלקאָהאָל אדער די ליידענשאַפּט צו שכור'ען, כל זמן די סאָציאַלע געוואוינהייט פֿון אַלקאָהאָל־געניס איז פֿאַראַן, איבערגעגעבען ווערען דורך דער געוועהנליכער ירושה, אבער ניט דאָס איז עס וואָס פּערורזאַכט די אַלקאָהאָלישע דעגענעראַציע פֿון דער ראַסע. די דעגענעראַציע איז בלויז דאָס רעזולטאַט פֿון דער בלאַסטאָפּטהאָריע. אבער ווען א מענש איז געוואָרען גייסטיג קראַנק אָדער עפּילעפּטיש אלס רעזולטאַט פֿון זיין פּאָטער'ס שכור'ען, האלט ער אין זיך אויף די דאָזיגע טענדענץ און קאָן זיין גייסטיגע שוואַכקייט אָדער זיין עפּילעפּסיע איבערגעבען בירושה צו זיינע קינדער, בעת ער גופא קאָן אפשר פולשטענדיג זיך צוריקהאלטען פֿון שכור'ען. די כראָמאָזאָמען פֿון ספּערמאַטאָזאָאָן אָדער פֿון איי פֿון וועלכע עס האָט זיך ענטוויקעלט א העלפט פֿון זיין אָרגאַניזם, האָבען געליטען פֿון אַ קראַנקהאַפטער פּעראַנדערונג וועלכע דאָס שכור'ען פֿון פאטער אָדער מוטער האָט אריינגעבראַכט אין דעם מאָלעקולאַרטיג געבוי פֿון זייער בירושה'דיגער מנעמע און האָבען אויף דעם אופֿן די דאָזיגע שוואַכקייט מעהר אָדער ווייניגער איבערגעטראָגען צום גאַנצען זאַפּאַס פֿון זאָמען־צעלען אזוי גוט ווי צו די איבעריגע קערפּער־צעלען פֿון דעם עפּילעפּטיקער אָדער גייסטיג קראַנקען, וועלכער קאָן זי ווייטער בירושה איבערגעבען צו זיינע קינדער. רעדענדיג ווי ווייסמאַן, פּערבלייבען זיינע בירושה'דיגע דעטערמינאַנטען פּאַטהאָלאָגיש פּעראַנדערט. אלע פּערגיפּטונגען וועלכע פּעראַנדערען די פּראָטאָפּלאַזמע פֿון דער זאָמען־צעלע, קאָנען אויף דעם אופֿן פּערורזאַכען א בלאַסטאָפּטהאָרישע דעגענעראַציע פֿון וועלכער עס וועלען שפּעטער ליידען עטליכע דורות נאָכאַנאַנד.

אבער אויף אַנדערע שטערונגען אין דער ענטוויקלונג פֿון די זאַ־

הילף פון די געזעצען פון די ערשיינונגען וועלכע ער פערורזאכט, צו דערקלערען דאס וויטערדיגע. דאס איז א וויכטיגער שריט בעסער צו פערשטעהען די געזעצען, וועלכע זענען די יסודות פון לעבען.

בלאסטאפטהאריע. — מיט בלאסטאפטהאריע (די פערדארבונג פון זאמען) מיין איך דאס וואס מען קאן אויך רופען פאלשע ירושה, און דאס מיינט די פאלגען פון אלע דירעקטע אבנארמאלע און שטערענדיגע ווירקונגען אויף די פראטאפלאזמע פון די זאמען־צעלען, פון וואס די בירושה'דיגע רעטערמינאנטען ווערען אויף דעם אופן פערדערבליך געענדערט. די בלאסטאפהאריע ווירקט אזוי ארום אויף די נאך ניט פעריינינגטע זאמען, מיט דער הילף פון זייערע טרעגער און דורך זיי פערורזאכט זי דעם ערשטען אנפאנג פון דאס וואס ווערט גערופען בירושה'דיגע דעגענעראציע, און זיי זענען טאקע דאס, בעת די אמת'ע ירושה רעפראדוצירט נאר די עקפאריע פון דער בירושה'דיגער שטאם־עלטערליכער מנעמע מיט איהרע פערשידענע ענגראפישע פערבינדונגען.

די בלאסטאפטהאריע צושטערט דעריבער, ווי א ווילדער פרעמדער, די בירושה'דיגע מנעמע און קאנסעקווענטערווייז אויך א מעהר אדער ווייניגער בעדייטענדען טייל פון איהרע עקפאריען אין די שפעטערדיגע יאהרען פון דעם בעטרעפענדען יחיד. אויף דעם אופן האנדעלט זיך דא ניט מכח דער איבער'חזר'ונג אדער רעפראדוקציע פון בירושה־דיגע שטאם־עלטערליכע ענערגיען ביי די קינדער, נאר, פערקערט, מכח זייערע פאטהאלאגישע שטערונגען. אבער אזוי ווי דער גאנצער זאפאס זאמען־צעלען איז אין איין פון זיינע אורשפרונגס־צעלען אדער אין ביידע בלאסטאפטהאריש־פערדארבענע עמבריאס מעהר אדער ווייניגער אויפ'ן זעלביגען גראד ווי זייערע איבעריגע קערפער־צעלען בעשעדיגט געווארען פון א מולטיפליצירטע פאטהאלאגישע אורזאך ביי דער צעל־צוטיילונג, בעגרייפט מען ווי אזוי דורך א פעריינינגטע בלאסטאפטהאריש־פערדארבענע זאמען־צעלע עס גיט זיך שפעטער איבער דורך דער געוועגליכער ירושה די ארייננעברענגטע פאטהאלאגישע ענדערונג אין די בירושה'דיגע מנעמע. אט אזוי לענט די בלאסטאפטהאריע די ערשטע זריעה, מען קאן זאגען, דאס שרים־איי, פאר די מיינסטע פאטהאלאגישע דעגענעראציעס.

מישער ענגראַפּיע; בעת די פּעריינינונגען און די צוכטוואַהל קאָנען אין עטליכע דורות פּערורזאַכען אַזאַ שנעלע און שטאַרקע פּערענ־דערונג פון אַ מין, אַז ביי אונז איז עס אַ סך מעהר אויפפאַלענדיג, און אַ חוץ דעם פּערשאַפּט עס אונז אַ פּיל לייכטערע מעגליכקייט דירעקט צו עקספּערימענטירען. דערביי מוז מען געדענקען, אַז אַ פּאָזיטיווע ענגראַפּיע מוז נויטיגערווייז שטאַרקער ווירקען ווי אַ נעגאַטיווע. מיר שיינט, אַז די מוטאַציעס זענען די עקספּאָריען פון אַלטע, אַנגעזאַמעלטע, פריהער ניט ענטוויקעלטע ענגראַפּיעס.

אויסזעצענדיג פּאַר אַ לענגערע צייט שמעטערלינג־לאַרווען און פּופּען צו אַ בעדייטענדער קעלט אָדער היץ, האָבען מעררים־פעלד און שטאַנדפוס געקאָנט אַרויסרופען דויערנדיגע ענדערונגען אין די ספּעצ־ציפישע אייגענשאַפטען פון די שמעטערלינגען וואָס האָבען זיך פון זיי ענטוויקעלט.

שטאַנדפוס און פישער האָבען ענדליך געצייגט, אַז נאָך עטליכע דורות קאָן מען די אויף דעם אופן בעקומענע וואַריעטעטען פון אַ מין, בסדר אַזוי אויפהאַלטען, אפילו ווען שפּעטער ווערט די דירעקטע ווירקונג צ. ב. פון דער קעלט אָבגעשטעלט. דאָ האָט אָהן ספק די קעלט דירעקט געווירקט אויף די זאָמען־צעלען, אַזוי גוט ווי אויף דעם איבע־ריגען קערפּער, אבער טראָצדעם איז דערמיט ניט ווייניגער בעוויזען געוואָרען די ירושה פון אַן ערוואָרבענער אייגענשאַפט.

נאָך איבערציינענדיגער זענען די עקספּערימענטען פון פּרל. דע שאַווין אויף די אַקסאַלאָטל (סאַלאַמאַנדער, אַ מין יאַשטשערקע), מחמת דאָ האַנדעלט זיך מכח ערוואָרבענע אייגענשאַפטען וואָס גע־חען אויפ'ן חשבון פון דער סביבה (וואַסער אָדער לופט), און עס איז שווער אַנצונעהמען, אַז דאָס וואַסער אָדער די לופט רופט אַרויס די מינים אייגענשאַפטען (לונגען אָדער קיעמען; דאָס פעהלען אָדער דאָס פאַראַן־זיין פון שווימהויטען) דירעקט אין די זאָמען־צעלען. מיר קאָנען זיך דאָ מעהר ניט פערברייטען מיט דעם ענין און מיר ווייזען יעדען אָן אויף סעמאָן'ס ווערק. זעלבסטפערשטענדליך בלייבט, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, די נאַטור פון דער מנעמישער ענגראַפּיע נאָך אַ סוד און וועט אַ סוד פערבלייבען כל זמן מיר וועלען ניט קאָנען מאַ־כען אַ לעבעדיג בעשעפעניש פון אַ טויטער מאַטעריע. דאָך וועט דיזער איינציגער סוד זיין געננג בכדי, ווי סעמאָן האָט געוויזען, מיט דער

מען, אז אזוינע איינגענשאפטען, וואס ווערען ערווארבען דורך אהן א ערך איבער׳חזר׳ונגען, אין משך פון א סך דורות, האבען זיך געקאנט אויף דעם אדער אויף אן אנדערען אופן שטאפעלוויין אנזאמלען אדער אויפבויען אין דער פארם פון די אזוי־גערופענע בירושה׳דיגע נייגונגען אין דער קערן־פראטאפלאזמע. אהן ספק, אונזער געהירן האט זינט דער צייט ווען אונזערע שטאם־עלטערן זענען נאך געווען ענליך צו דעם גארילא, צו דעם פיטהעקאנטהראפוס אדער אפילו צום הייל־מענש, שטאפליך און פונקציאנעל פראגרעסירט. ווי קאן מען דיזען שטאפעלוויזען אויפבוי פון געהירן נאר דערקלערען בלויז מיט א צוכטוואהל וועלכע שליסט נאר אויס און שאפט אב, און מיט קרייצונגען וועלכע זענען אליין ניט בכח אויפצוהויבען דעם דורכשניט? דא האט מען געמוזט אויסגעפינען די ווירקונג פון נאך א ניט־בעקענטער קראפט, פון א נאך ניט־דערקלערטען עפעס, די טעטיגקייט פון וואס עס איז לעצטענס פעסטגעשטעלט געווארען אין דע וורי׳ס פע־נאמענען פון מוטאציע.

דע וורע בעווייזט, אז פלוצלונג, מען ווייסט ניט פון וואנען, ער־שיינען געוויסע וואריאציעס, וועלכע ציינען א שטארקערע טענדענץ זיך אויפצוהאלטען איידער יענע וואריאציעס וועלכע מען בעקומט בלויז דורך קרייצונגען און צוכטוואהל. לויט מיין מיינונג ווערען די דייטליכע ווידערשפרוכען, פון וועלכע די ירושה־טעאריען האבען ביז אהער געליטען, איצט דערקלערט דורך די ערשיינונגען פון דער מנע־מע, ווי הערינג און סעמאן האבען זיי אויפגעדעקט. דורך איהר אונ־ענדליך־קלענסטע און אין משך פון דורות איבערגע׳חזר׳טע טעטיג־קייט, פערורזאכט די ענגראפיע, ווי מיר האבען שוין געזאגט, א שטא־פעלוויין איבערגעבען פון די איינדריקען פון דער דרויסענדיגער וועלט צו די זאמען־צעלען. אויב אעל צעלען זענען צ. ב. זאמענפעהיג, א שטיינער ווי ביי די פלאנצען, דעמאלט קאן די ווירקונג ווערען א רעלאטיוו גיבערע. טאמער אבער ווירקען די ענגראמען דער עיקר אויף א ספעציאליזירט ארגאן, פון דער ווייטענס און ניט דירעקט אויף די זאמען־צעלען, דעמאלט איז אזא ענגראפיע קוים בכח איבערגעטראגען צו ווערען אין די בירושה׳דיגע מנעמע. דער משך פון די 108 דורות, בעת וועלכע די אידען ווערען גע׳מל׳ט, זענען טאקע נאך ניט געווען גענוג פאר דער ענטשפרעכענדער געגאטיווער עקפאריע פון דער מנע־

זיין זיינע קינדער, וואקסט די פאַרהויט ביים קיגר פונקט ווי פאר 3600 יאַהרען, הגם אין משך פון די 108 דורות האָט איהר פעהלען, פון סאמע געבורט אָן, נוויטיגערוויז געמוזט פערהינדערען איהר רע־אקציע אויף די זאמען־צעלען פון יחיד. אויב די ענגראפיע פון דער דרויסענדיגער וועלט קאָן אין עטליכע דורות ממשות׳דיג ענדערען די ירושה׳דיגע מנעמע פון דעם מין, איז דאָך דאכט זיך קלאָר, אז די היינטיגע אידישע קינדער האָבען פּשוט געמוזט קומען אויף דער וועלט אהן א פאַרהויט אָדער וועניגסטענס מיט אן אַטראָפּירטע פאַרהויט.

אויף אַזוינע אונצעליגע פאַקטען אין דער נאַטור־געשיכטע האָט זיך וויסמאַן געשטיצט, בכדי אונבעדינגט אַבצולייקענען דאָס ירש׳ענען פון ערוואָרבענע אייגענשאַפטען דורך ניט זאַמען־פעהיגע אברים, און בכדי די עוואָלוציע פון די לעבעדיגע בעשעפענישען צוצו־רעכענען צו די ענטשטאַנענע קאָמבינאַציעס א דאַנק די פערייניגונ־גען, ד. ה. די קרייצונגען, און אויך צו דער נאַטירליכער צוכטוואַהל. ער האָט אפילו די „אַלמעכטיגקייט" פון די לעצטע פאַקטאָרען אָהן ספק איבערטריבען. דאַרווין האָט די שוועריגקייט פון דער פראגע זעהר גוט פערשטאַנען. ניט קאָנענדיג די דאָזיגע פאַקטען דערקלערען אויף אן אַנדערען אופן, האָט ער אויפגעשטעלט זיין פאַנגענען־היפּאָטהעזע, וועדליג וועלכער קליינע זיך־אַבריסענדיגע חלקים׳לעך (פאַנגענען) פון אַלע אברים פון קערפּער ווערען מיט דעם בלוט געפירט אין די זאַמען־צעלען, און אויף דעם אופן ווערען אפילו איבערגעגעבען די ערוואָר־בענע אייגענשאַפטען פון דעם געהירן, וועלכע זענען ערוואָרבען אין משך פון לעבען. די היפּאָטהעזע איז געווען אַזאַ געוואַגטע און אַזאַ צווייפעלהאַפטע, אז דאַרווין האָט עס באַלד אַליין צונעגעבען. איצט לאָ־מיר בעטראַכטען די פאַקטען.

פון איין זייט וועט א נאַר־וואָס געבוירענער כינעזער, אריבערגע־ברענגט נאָך דייטשלאַנד און דאָרט ערצויגען, לערנען דייטש און ניט אַרויסצייגען די מינדסטע נייגונג צו לערנען אָדער פערשטעהען כינע־זיש. דיזער בעגרינדעטער אמת שיינט צו זיין לטובה וויסמאַן׳ען און קעגען דער ירושה פון דער ערוואָרבענער מוטערשפּראַך. אָבער פון דער צווייטער זייט איז שווער צו פערשטעהען ווי אַזוי אין משך פון דור דורות עס האָט זיך געקאָנט ענטוויקלען די אונגעהייערע קאָמפּלי־צירטקייט פון געהירן און זיינע פונקציעס און דערביי ניט אַנצונעה־

קאנדאל האט אין זיין „געשיכטע פון וויסענשאפט און וויסענשאפטס-מענער" געברענגט דעם אונבעשטרייטבארען בעווייז, אז די קינדער פון עלטערן מיט העכערע אייגענשאפטען גיבען פון זיך ארויס פע-היגערע און גאונ'ישערע מענשען איידער די קינדער פון דעם דורכ-שניטליכען פאלק, און אויף דעם אופן האט ער די אויבען דערמאנטע אויבערפלעכליכע פוסטע דברים געמאכט צו גארניט. אין דער אמת'ן איז אויך אונבעגרייפליך, פארוואס עס זאל גראד די גייסטיגע פעהיג-קייט זיין א יוצא ממין הכלל ביים ירושה-געזעץ. נאך עפעס וואס פער-פירט, איז דער קאנטראסט צווישען א גאון און זיינע קינדער וועלכע זענען אויך בעיינפלוסט פון דער מוטערליכער אבשטאמונגס-ליניע. אין די אויגען פון פאלק שטעהען די לעצטע דעריבער אויף א נידערי-גען שטאפעל.

אבער אויך דא וועט אונז די טעאריע פון דער מנעמע בעלייכטען דעם עניין, אויפדעקענדיג א נייעם פאקטאר: די עקפאריע פון די אנגע-זאמעלטע געהירן ענגראמען אין דער בירושה'דיגער סנעמע פון דער אבשטאמונג.

**די ירושה פון ערווארבענע אייגענשאפטען.** — בעת דאר-ווין און העקעל האבען צוגעלאזט די מעגליכקייט פון ירש'ענען אזוינע אייגענשאפטען וואס זענען אין משך פון לעבען ערווארבען געווארען פון אלע געוועבען פון קערפער (ניט נאר פון די זאמען-דריזען אליין), און אויף דעם אופן אויך פון געהירן, האט וויייסמאן צוגעלאזט דאס ירש'ענען בלויז פון יענע אייגענשאפטען, וואס פערענדערען די נוקלעא-פלאזמע (קערן-פראטאפלאזמע) פון די זאמען-צעלען. איצט מוזען מיר דא פון דיזער פראגע אבטיילען דאס פענאמען פון בלאסטאפטהאריע פון וואס מיר וועלען באלד רעדען, וועלכען וויייסמאן, אזוי ווייט ווי איך וויים, האט דער ערשטער בעגריפען, איהם ניט אנרופענדיג מיט א בע-שטימטען נאמען.

פון איין זייט זעהען מיר, די זונדערבארע פאלגען פון קאסטראציע, פון וועלכע מיר האבען פריהער גערעדט, בעת פון דער אנדערער זייט, א כמעט אונגלויבליכע רעלאטיווע בעשטענדיגקייט (קאנסטאנץ) אין די בירושה'דיגע אייגענשאפטען פון דעם מיז. שוין אריבער 3600 יאה-רען (וואס דער משך איז ארום 108 דורות) ווערען אידישע אינגלעך גע'מל'ט. טראצדעם אבער, ווען א איד שמד'ט זיך און תערט אויף מל

מער אָבער געהען די דעטערמינאַנטען צוליב עפּעס אַן אור־זאַך אַרויס פון כלל אָדער דורך אַבנאָרמאַלע וואַריאַציעס פון רייץ ווערען זיי געבראַנגט אין אונאָרדנונג, דעמאָלט ענטשטעהען די אַזוי־גערופענע מאָנסטעראַרטיגע העדמאַפראָדיטען (פּערזעהעניסען). ביי נאָרמאַל הערמאַפראָדיטישע חיות (שנעק) איז נאַטירליך פאַראַן נאָר איין מין געשלעכטליכע דעטערמינאַנטען, בעת ביי פּאָלימאָרפישע חיות (מוראַזשקעס) איז פאַראַן אַזוי פיל, ווי פיל פאָרמען עס איז פאַראַן אין דעם מין. וויסמאַן׳ס היפּאָטהעזע איז נאַטירליך געווען נאָר אַ דערווייליגע טעאָריע, און סעמאָן׳ס מנעמיש געזעץ דערקלערט די פאַקטען פיל בעסער.

א סך מאָל האָט מען אויפגעשטעלט די בעהויפּטונג, אַז העכע־רע אייגענשאַפטען האָבען זיך אויסגעשעפּט אין אַ משך פון עטליכע דורות, און אַז אויף זייער פּלאַץ האָט זיך פון דער מאַסע מיטעלמע־סיגקייטען פלוצלינג אויף׳סניי געגומען בעוויזען דאָס גאונ׳ישע. דער פאַקט, אַז קינדער פון גאונים זענען אָפטמאָל מיטעלמעסיג און אַז גאונים קומען אָפטמאָל פלוצלינג אַרויס פון פּשוט׳ן פאָלק, שיינט ביים ערשטען בליק צו שטיצען די אויביגע אויבערפלעכליכע בעהויפּטונג. דערביי פערגעסט מען אבער, אַז אין אַ פאָלק, וועמעס מיטעלמעסיגע מאַסע בעשטעהט פון מיליאָנען מענשען, בעת מענשען מיט העכערע אייגענשאַפטען צעלען זיך בלויז אין עטליכע הונדערטער, ווערט פון דעם דאָזיגען חשבון, צוליב די ניט גלייכע צאָלען, אַ פּשוט׳ע אבסור־דיטעט אַזוי גיך ווי מען בעגרייפט אויף וויפיל ניט איז דאָס ירושה־געזעץ. בכדי גענויער צו רעכענען, דאַרף מען צוערשט קאָנען דערגע־העוו וויפיל גאונים עס שטאַמען אָב פון די עטליכע הונדערט גאונ׳ישע פאַמיליען און וויפיל עס קומען אַרויס פון די מיליאָנען פון איבעריגען פאָלק און דערנאָך ערשט דאָס רעזולטאַט פּראָצענטענווייז פערגלייכען. אין׳ם חשבון מוזען אבער אויך אַריינגענומען ווערען די מיטלען וועלכע העלפען ערציהען דעם מענש. אין יענע לענדער וואו די שול־ערציהונג איז אַ געצוואונגענע און אַן אומזיסטע, האָט דעריבער דער דאָזיגער פאַק־טאָר אַ קלענערען בעטרעף.

צווייטענס פלעגט מען דערביי פערגעסען דעם איינפלוס פון דער ווייבליכער אָבשטאַמונגס־ליניע. אַ נאַריש ווייב מוז דאָך די קינדער פון איהר גאונ׳ישען מאַן קוואַליטאַטיוו מאַכען נידעריגער. אלפאנז דע

טערעסאנטע פאקט, וועלכער בעווייזט אז דער אטאוויזם איז זעהר אפט די פאלגע פון קרייצונגען צווישען וואריעטעטען. עס זענען פאראן פערשידענע סארטען היהנער וועלכע בריהען גיט אויס קיין קינדער. אבער ווען מען קרייצט צוויי פערשידענע ניט אויסבריהענדיגע סארטען, א און ב, זענען די קינדער אויסגעצייכענט גוטע אויסבריהער־קעס. אנגעהמענדיג, זאגט סעמאן, אז ביי איטליכער פון די ניט אויסבריהענדיגע סארטען איז די ערבליכע אור־עלטערליכע מנעמע א פון דעם אורשפרינגליכען מין, אין שוואכערען גראד ווי די מנעמע ביי די סארטען ב און ג, דעמאלט האבען מיר א>ב און א>ג. פערקערט, פארט מען א האהן ב מיט א היהן ג, שטעלט דאס פראדוקט מיט זיך פאר דעם ווערט ב+ג+א+א. אויף דעם אופן געפינען זיך ב און ג און גלייכגעוויכט, בעת א ווערט פשוט פערדאפעלט, ווערט שטארקער פאר ב און ג בעזונדער, און פאגליך אויף זייער פלאץ עקפארירט. דורך דעם בעקומט דאס פראדוקט פון דער קרייצונג אויפ׳סניי די פעהיגקייט אויסצובריהען.

דע וריע, קרייצענדיג וואריעטעטען מיט זייערע אבשטאמונגס־מינים, האט אנגעצייגט אויף מעהר אדער וועניגער ענליכע ערשיי־נונגען, וועלכע ער האט גערופען „וויצינא־וואריאציעס". בסך הכל זעהט מען אז די פערייניגונג פירט צו אהן אן ערך קאמבינאציעס און וואריאציעס, דורך וועלכע דאס געזעץ פון ירושה ציהט זיך דורך ווי א רויטער פאדים.

דער בערימטער זאאלאג און פארשער פון דער ירושה פראגע, וויסמאן, נעהמט אן אז יעדע זאמען־צעלע האט אין איהר כראמאטין (יענע פראטאפלאזמע־סובסטאנץ וואס לאזט זיך פארבען אויף אן איינענארטיגען אופן) א גרויסע צאל חלקים׳לעך פון וועלכע יעדעס פאר זיך קאן ענטוויקלען א גאנצען קינדליכען ארגאניזם. ער רופט זיי „אידען". די בעזונדערע אידען צוטיילען זיך ווייטער אין „דעטער־מינאנטען", פון וועלכע עס פארמירען זיך די בעזונדערע חלקים פון קערפער וואס זענען אין זיי געווען פאטענציעל פארויסבעשטימט. אין יעדען איד זענען פאראן מענליכע און ווייבליכע דעטערמינאנטען. וועדליג דער ווירקונג פון א נאך ניט בעקענטען רייץ ענטוויקלען זיך ביי חיות מיט בעזונדערע געשלעכטער, אדער די מענליכע דעטערמי־נאנטען, אדער די ווייבליכע דעטערמינאנטען אליין. טא־

אהן א סוף, ביז, ביי די שפעטער זיך פאנאנדערוויקלענדיגע נייגונגען פון אינדיווידיזם, ווערט די גאנצע זאך ביסלעכווייז פערווישט פאר אונזער בעאָבאכטונג. דערזועלביגער כלל גילט פאר די זאַמען־צעלען פון דער נקבה פונקט ווי פאר דעם זכר.

דעריבער, ווען א פעראייניגונג קומט פאר, הענגען אָב דעם קינד׳ס שפּעטערדיגע אייגענשאפטען פון דער קאָמבינאציע פון אור־עלטער־ליכע אייגענשאפטען וואָס עס פערמאָגט דאָס בעפרוכטעטע איי־קערנ־דעל און דאָס ספּערמאַטאָזאָאָן. אבער ניט נאָר דאָס, ביי דער קערן־פעראייניגונג זענעןביידע קערנער, הגם פון דערזעלביגער גרויס, בע־שיינפערלעך ניט פון דערזעלביגער קראפט. די ענערגיען פון איין אָדער דעם אנדערען קערן איבערוועלטיגען זיך שפעטער ביים עמבריאָ און ביים פארטיגען מענש. ווערליג דעם וועט דער מענש שפעטער זיין ענליך אָדער מעהר צו די אור־עלטערן מצד זיין פאָטער, אָדער מצד זיין מוטער.

דאָ איז אבער נאָך אלץ ניט דער סוף, מחמת די פערשידענע אברים קאָנען בעקומען זייערע ענערגיען אין אלערליי גראַדען פון די פערשידענע טיילען פון די פעראייניגטע קערנער. מען קאָן האָבען דעם טאַטען׳ס נאָז אין די מאַמע׳ס אויגען, דעם הומאָר פון זיין פאָטער־ליכער באָבען און די אינטעליגענץ פון דעם מוטערליכען זיידען — דאָס אלעס נאַטירליך מיט אונענדליכע וואריאציעס און שאַטירונגען. מחמת דער סך הכל איז בלויז א מעהר אָדער ווענינער פערהעלטנים־מעסיגער דורכשניט. איך אליין האָב צוויי ניט־גלייכע העלפטען פנים, איינע זייענדיג מעהר ענליך צו מיין מוטערליכער, בעת די אנדערע, אין א קלענערען גראַד, צו מיין פאָטערליכער אָבשטאַמונג, וואָס עס איז לייכט קענטיג פון מיינע פראָפיל־פאָטאָגראַפיעס.

אין איטליכער זאַמען־צעלע געפינט זיך די גאנצע ערבליכע מנע־מע פון איהר פאָטערליכער און מוטערליכער אָבשטאַמונג אוןביידע צעלען פעראייניגט צוזאַמען פערמאָגען מעהר אָדער ווענינער די פול־שטענדיגע אור־עלטערליכע מנעמע פון ביידע זייטען. אויבען האָבען מיר דערמאָנט וועגען עקפאָריען, וועלכע פאָרמירען זיך נאָך מענדעל׳ס געזעץ און וועלכע רעפּראָדוצירען יענע אייגענשאפטען, וועלכע זענען פריהער געווען פערבאָרגען און אונענטוויקעלט אין משך פון איין אָדער מעהר דורות. פריהער האָט דארווין אָנגעצייגט אויף דיזען זעהר אינ־

ליכען קערן, גיט איבער בירושה די מוטערליכע אייגענשאפטען און אז בכלל איז דער איבעריגער טייל בלויז נאהרונגסשטאף.

דיזע פאקטען בעווייזען די אונגעהייערע וויכטיגקייט פון דער פעריינינגונג און פון דער סובסטאנץ (בעשטאנד-טיילען) פון די פעראייניגטע קערנער, די אזוי־גערופענע נוקלעא־פלאזמע מיט איהר בעזונדערס ממשות'דיגען כראמאטין. ווי מיר האבען שוין איינמאל געזאגט, האבען די נייע פארשונגען אפילו בעוויזען אז טראצדעם וואס דער קערן ווערט אוועקגענומען, קאן די איי־פראטאפלאזמע דורכמאכען געוויסע שפאלטונגען. אבער דיזער צווייטער מין צעל־טיילונג, וועלכער איז א צווייפעלדיגע אויסנאהם, ענדערט גארניט פון דעם ערשט געזאגטען, פון די אבגעגרעניצטע און בעשטימענדיגע עיקר־פאקטען ביים מענש, מחמת די דאזיגע צעל־טיילונג פאסירט נאר דעמאלט, ווען די איי־פראטאפלאזמע ווערט ניט פערצערט פון די פעראייניגטע קערנער.

פארטהענאגענעזיס איז אויך א זעהר אינטערעסאנטע ערשיינונג אין דער געשיכטע פון אונזערע היה'שע שטאמפאטערס. אבער צוליב ענליכע אורזאכען איז זי פאר דער מענשהייט געווארען אונוויכטיג.

איצט ווען מיר ווילען אונטערציהען א סך הכל פון די אלע דערמאנטע פשוט'ע און אונבעשטרייטבארע בעאבאכטונגס־פאקטען, קאנען זיי פאר אונז כמעט אויף קיין אנדערען וועג ניט קלאר ווערען ווי נאר דורך דער פאלגענדער היפאטהעזע:

אין יעדער מענליכער, אזוי גוט ווי אין יעדער וויבליכער געשלעכטס־דריז איז פאראן צווישען די זאמען־צעלען, וועלכע ווערען פראדוצירט דורך ־ער צוטיילונג פון די צעלען אין עמבריא, פאר וועלכען די פארטפלאנצונג איז דער אורשפרינגליכער צוועק, א טיפער אונטערשיד וואס איז שייך זייער קוואנטיטעט, און אין די אונענדליך קליינע אטאמען געפינען זיך אהן אן ערך ניט־גלייך פאנאנדערגעטיילטע ענערגיען, וועלכע זענען גע'ירש'ענט געווארען פון זייערע פערשידענע אור־אור־עלטערן. איינע ענטהאלט מעהר פאטערליכע, בעת די אנדערע מעהר מוטערליכע ענערגיען און, יענע פון די וואס פערמאגען צ. ב. מעהר פאטערליכע ענערגיען, ענטהאלטען ווידער א טייל פון זיי מעהר ענערגיען פון פאטערליכען זיידען, בעת אנדערע ענטהאלטען מעהר ענערגיען פון דער פאטערליכער באבען א. אז. וו.

פאַקט וואָס מען רופט בירושה׳דיגע נייגונג. בירושה גהען איבער די צאַרטסטע שאַטירונגען פון געמיהט, פון שכל און פון ווילען, ביז צו די קלענסטע אייגנצעלהייטען אין די נעגעל, אין די האָר און די פאָרם פון די ביינער א. אַז. וו. אָבער די קאָמבינאַציע פון די אייגענשאַפטען פון די עלטער־עלטערן איז ביי דער ירושה אַזאַ פערשידענע און ניט־גלייכע, אַז עס איז זעהר שווער זיי צו דערקענען. די ערבליכע דיספּאָזיציעס וויקלען זיך פאַנאַנדער פון די ענערגיען פון די פעריייניגטע זאָמען כל זמן מען לעבט, ביז צום אָבשטאַרבען. אפילו ביי גרייזען; אָפטמאָל נאָך ביים סוף פון זייער לעבען, ענטוויקלען זיך אייגענטימליכקייטען, וועלכע מען דערקענט אלס גע׳ירש׳ענטע נייגונגען, און וועלכע האָבען זיך אויף אַן ענליכען אופן אויך געוויזען ביי איין אָדער מעהר פון זייערע אורעלטערן אין זייערע גרייז־גראָהע יאָהרען.

סעמאָן האָט קלאָר בעוויזען, אז די בירושה׳דיגע ענגראַמען; צ די ענערגיען מישען זיך אייגענטליך קיינמאָל ניט אויס, הגם זיי קומען זיך צונויף אין אַזאַ א שעוור קאָמבינאַציעס. אין׳ם ליכט פון זיינע בעווייזען ווערען קלאָר די אַלע אָט ערשט דערמאָנטע פאַקטען א סך בעסער ווי ביז איצט. די עקספּערימענטען פון דעם באָטאַניקער מענדעל האָבען בעוויזען, אז ביי פלאַנצען קומען פאָר געוויסע ענדערונגען אין די בירושה׳דיגע עקספּאַריען פון יענע פּראָדוקטען וואָס שטאַמען אָב פון שטאַרק פערשידענע עלטערן. ווערליג ווי זיי סומירען זיך, אָדער, פערקערט, ווי זיי נעהמען זיך אראָב, קאָנען געוויסע אייגענשאַפטען פון די עלטערן אין׳ם משך פון איין אָדער צוויי דורות פערשווינדען, בכדי שפּעטער א סך דייטליכער צוריקצוקומען אין די וויטערדיגע דורות. בקיצור, עס זענען פאַראַן א רייה פון ערשיינונגען, די געזעצען פון וועלכע זענען פאַר אונז דערווייל נאָך ניט קלאָר. זיי צו דערפאָרשען, בלייבט איבער פאַר דער צוקונפט.

אין דורכשניט ירש׳ענט יעדער יחיד פונקט אזוי פיל מצד זיין פאָטער ווי מצד זיין מוטער, הגם, ווי מיר האָבען געזעהען, האָט בלויז דאָס מיקראָסקאָפּישע ספּערמאַ־קערנדעל נאָר געקאָנט איהם געבען די פאָטערליכע אייגענשאַפטען, בעת די מוטער האָט איהם פערזאָרגט מיט דעם פיל גרעסערען איין און מיט דער ערנעהרונג אין׳ם משך פון דעם גאַנצען עמבריאָנישען לעבען. פון דעם איז קלאָר, אז אויך דער קערן־חלק אין׳ם איי, וועלכער האָט זיך פעריייניגט מיט דעם מענ־

צו א פויגעל און א וואלפיש איז ענליך צו א פיש. ד. ה. נאָהענט שטאַם-פערוואנדט, הגם די פלאַם-פעדערן פון א וואלפיש זענען ענ-ליך צו די פאָדערשטע און הינטערשטע עקסטרעמע אברים פון אן אנ-דערער זויג-חיה. ד. ה. פערוואנדטשאפטליך ענליך, און זיי האָבען אויך די ענליכע ביינער.

אָבשטעלענדיג זיך ביים מענש און ביי זיין פערמעהרונג, זעהען מיר, אז הגם שוועסטער און ברידער זענען זיך ענליך, און צווישען זיי דאָך פאַראַן א חלוק. אז מיר בעטראכטען פאמיליען מיט א סך קינדער, זעהען מיר, אז שוועסטער און ברידער זענען זיך אויך אזוי פיל ענליך, וואָס ענליכער עס זענען זיך טאַטע-מאַמע, און אויך וויפיל זיי קומען פון א גלייכען און איינפאָרמיגען שטאַם: בעת, פערקערט, פון דער קרייצונג פון פערשידענע ראסען און סאָרטען מענשען, קומען ארויס קינדער צווישען וועלכע עס איז פאַראַן א ממשות'דיגער אונטערשיד.

ווען מיר בעטראכטען דעם עניין נאָך נעהענטער, זעהען מיר, אז דער כאַראַקטער פון יעדען איינציגען קינד איז ניט בלויז די פשוט'ע איבער'חזר'ונג אָדער א גלייכע מישונג פון די כאַראַקטערס פון זיין טאַטע-מאַמע, נאָר דאָס רוב איז עס א ניט גלייכע קאָמבינאַציע פון די אייגענשאפטען פון די פערשידענע אורעלטערן. מיר זעהען קינדער וועל-כע זענען אויך אן אויפפאלענדיגען אופן ענליך אָדער צו אן עלטערזיידען פון פאטער'ס צד, אָדער צו אן עלטערטאַנטע אָדער עלטער-עלטערבאָ-בען פון דער מוטער'ס צד. דאָס רופט מען אַטאַוויזם. טייל קינדער זענען ענליך צו זייער פאָטער, טייל צו זייער מוטער, און א טייל נאָר צו א געמיש פוןביידע.

ביי א גענויער אונטערזוכונג שטעלען זיך ארויס נאָך אַנדערע זונדערבארע פאקטען. געוויסע קינדער זענען אין זייער קינדהייט אויף א מערקווירדיגען אופן ענליך צום פאָטער, און, פערקערט, שפּעטער צו דער מוטער אָדער אומגעקערט. מאנכע כאַראַקטער-שטריכען פון געוויסע אורעלטערן ענטוויקלען זיך, אָדער בעסער גע-זאָגט, טרעטען פלוצלינג ארויס אין די שפּעטערע יאָהרען. אז די בירושה'דיגע אייגענטימליכקייטען פון דער באָרד בעווייזען זיך זעלבסטפערשטענדליך ערשט דעמאָלט ווען די באָרד וואקסט, דאַרף בכלל ניט דערצעלט ווערען, עס איז אבער כאַראַקטעריסטיש פאר דעם

**ירושה.** — פון דעם ביז אהער געזאגטען איז קלאָר געגוג, אַז יעדעס בעשעפעניש איז אין גראָבע שטריכען די אידענטישע איבער־חזר'ונג פון דעם גאנצען לעבען פון זיינע עלטערן. בעזונדערס זיינע נאָהענסטע עלטערן, און אין דערזעלביגער צייט אויך די פאָרטזעצונג פון א טיילכעל פון זיי. אין איטליכען איינצעלנעם לעבען איבער־חזר'ט זיך אַן אַזוי־גערופענער אָנטאָגענעטישער ענטוויקלונגס־קרייז פון אינדיווידיום. דאָ מוז מען געדענקען דריי עקרים:

1. אין די עצם־שטריכען איז יעדער יחיד די קאָפּיע פון זיינע עלטערן אָדער פון זיינע דירעקטע שטאַמעלטערן, נאַטירליך מיט די אויבען דערמאָנטע געשלעכטס־אונטערשידען און מיט די אינדיווידועלע ענדערונגען, וועלכע זענען די פאָלגע פון די פערשידענע קאָמבינאַציעס פון די ב'ירושה'דיגע מנעמישע ענערגיען אין די פעריינ־גיגטע צעלען, דער עיקר, פון די ניט־גלייכע אָדער פון די זיך־בייטענ־דיגע עקספּאַריען פון די פּאָטערליכע אָדער מוטערליכע בירושה'דיגע ענגראַמען.

2. קיין יחיד איז ניט אַבסאָלוט גענוי גלייך צו אַן אַנדערען יחיד.

3. בכלל איז דער יחיד אמענליכסטען צו זיינע דירעקטסטע און נאָהענטסטע שטאַמעלטערן און משפחה און, אונטערשיידט זיך פון זיי אויף אַזוי פיל אויף ווי וויים ער איז פון זיי אָבגעווייטערט.

ווייטער אונטען וועלען מיר זעהען אַז די שטאַמפערוואַנדשאַפט פון די פערשידענע גרופען, מינים און סאָרטען חיות איז היינט־צו־טאָג פעסטגעשטעלט, און מיר קאָנען כמעט זאָגען אַז דאָס אויביגע דריטע געזעץ איז אויך אמת אין'ם ברייטערען זין, וויל בעת פערוואַנדטע מינים און סאָרטען חיות זענען זיך ענליך, ווערען די דערווייטערטע גאַטונגען, פאַמיליען און קלאַסען, וואָס ווייטער זיי געהען זיך פאַנאַנ־דער, אַלץ ניט־ענליכער. די ווערטער ענליכקייט און פערשידענקייט בענוצען מיר דאָ אין א טיפערען זין און בדרך כלל. דרויסענדיגע ענליכקייטען אָדער די אַזוי־גערופענע קאָנווערגענץ־ערשיינונגען, וואָס שטאַמען פון געוויסע דרויסענדיגע לעבענס־בעדינגען (ווי וואַסער, לופט א. אַז. וו.) רופען מיר ניט־ענליך פון'ם שטאַנדפּונקט פון ירושה, ד. ה. פון האָמאָלאָגישען שטאַנדפּונקט. דעריבער, פון א נאַטור־וויסענ־שאַפטליכען שטאַנדפּונקט, זאָגען מיר אַז א פעלדמויז איז ענליך

צען ארבייטער". צו אזא'ן ארבייט איז די נארמאלע נקבה פון דעם מין ניט פעהיג! דיזע אלע פאקטען ברענג איך דא נאר אלס שטודיר־מא־טעריאל, ווייל אויף דיזען געביט איז מען בכלל צופיל גענייגט צו דרינגען איבערגעיילטע שלוסען און מאכען צו פריהע כללים, בעת פאר אונז ליגט נאך א ברייט, ניט־דערפארשט פעלד, צוליב וואס מיר מוזען זיין צוריקגעהאלטען.

עס עקזיסטירען חיות וועלכע זענען, ווי מיר האבען געזעהען, פי־זיאלאגיש, ד. ה. נארמאל הערמאפראדיטען מיט דעם וואס זיי פער־מאגען אין א נארמאלען צושטאנד אי ווייבליכע און אי מענליכע גע־שלעכטס־דריזען און, אדער זיי בעפרוכטען זיך אליין, א שטייגער ווי די באנדווערים, אדער זיי פארען זיך ווי די שנעק. אין לעצטען פאל איז פאראן א סעקסועלער פערקער בעת וועלכען איטליכע חיה שפילט אין דערזעלביגער צייט די ראלע אי פון א זכר און אי פון א נקבה.

ביי די ווירבעל־חיות און ביי דעם מענש איז דער הערמאפרא־דיטיזם תמיד אבנארמאל, און ביים מענש איז ער גאנץ זעלטען פול־שטענדיג, בכלל זעהר אונפולשטענדיג און דערביי אדער לאטעראל: צ. ב. איין טעסטיקעל אין די רעכטע זייט און איין אייערשטאק אין די לינקע זייט: אדער די דריז איז האלב טעסטיקעל און האלב אייער־שטאק, אבער מיינסטעס בעגרעניצט ער זיך אויף די דרויסענדיגע און בעזונדערס אויף די קארעלאטיווע סעקסועלע אייגענשאפטען.

עס איז בכלל א טעות, די אזוי־גערופענע סעקסועלע צווישענשטו־פען ביים מענש, מכח וועלכע מיר רעדען אין קאפיטעל 8, (האמאסעקסואליסטען, ווייביש־געבויטע מענער, און מענערישע פרוי־ען) פשוט צו בעצייכענען אלס אטאוויזם בלויז דערפאר „ווייל די שנעק און באנדווערים זענען הערמאפראדיטיש", אדער „ווייל די נייגונג פון ביידע סארטען געשלעכטס־דריזען איז נאך אין די ערשטע שטאדיע פון עמבריא ניט דיפערענצירט." פאקטיש קומט די דיפערענצירונג זעהר פריה, אין פעטוס, און אלע ווירבעל־חיות האבען שארף בעשטימ־טע געשלעכטער. דעריבער געהערען אלע אזוי־גערופענע סעקסועלע צווישען־שטופען ביים מענש צו דער פאטהאלאגיע פון דעם זאמען, בעזונדערס צו די אבנארמאליטעטען, מעגען זיי זיין ווי מינדערוויכ־טיג. די פילאגעניע פון די ווירבעל־חיות לאזט בכלל ניט צו קיין סעק־סועלע צווישענשטופע אין'ם רייך פון אטאוויסטישער נארמאליטעט.

אמאָל מענליך, וועדליג וויפיל די עקספּאַריע פון געהירן ווערט בע־ ייִנפלוסט פון דער ערבליכער מנעמע פון'ם ווייבליכער אָדער מענליכען סייל פון די הערמאַפּראַדיטישע געשלעכטס־אָרגאַנען און, וועדליג, אַלס פאָלגע פון דעם, עס ענטוויקעלט זיך א מעהר ווייבליך אָדער א מעהר מענליך געהירן. עס זענען אבער אויך פאַראַן אַזוינע מיראַזשקעס ביי וועלכע דער קאָפּ איז אינגאַנצען פון א נקבה, בעת דער קערפּער איז אויסערליך אינגאַנצען פון א זכר; דעמאָלט זענען די גייסטיגע אייגענשאַפטען ווייבליך. איך האָב געזעהען הערמאַפּראַדיטישע מו־ ראַזשקעס ביי וועלכע די ברוסטשטיקען זענען געווען הערמאַפּראַדי־ טיש נעקרייצט, פאַרענט אין די רעכטע זייט מענליך און אין די לינקע זייט ווייבליך, און הינטען אין די רעכטע זייט ווייבליך און אין די לינקע זייט מענליך. נאָך מעהר, ביי די מוראַזשקעס וואָס לעבען אין נעזעלשאַפטען ענטוויקעלט זיך פּילאָגענעטיש (ד. ה. בעת א שטאַפּעל־ ווייזער ענדערונג פון די מינים) א דריט געשלעכט, וואָס שטאַמט פון דער נקבה: דער ארבייטער, טיילמאָל אפילו א פערט געשלעכט: דער סאָלדאַט. ביי די לעצטע פעהלען די פליגעל, דערפאַר אבער ענטווי־ קעלט זיך ביי זיי אויך אזוי פיל מעהר דער קאָפּ און דאָס געהירן; די געשלעכטס־אָרגאַנען בלייבען ווייבליך אָבער זעהר פערקלענערט. בעת דאָס גרויסע געהירן איז ביי דער זכר־מוראַזשקע זעהר א סך פער־ קלענערט, כמעט צו א רודימענטאַרען צושטאַנד, איז עס ביי דער נקבה שטאַרק ענטוויקעלט, און ביים ארבייטער און סאָלדאַט אמ־ שטאַרקסטען. ביי דיזע זונדערבאַרע חיות זענען פאַראַן פּאַטהאָלאָגי־ שע, ד. ה. אבנאָרמאַלע הערמאַפּראַדיטען ניט בלויז צווישען זכרים און נקבות, נאָר אויך צווישען זכרים און ארבייטער, און ניט נאָר אַזוינע ביי וועלכע די קאָרעלאַטיווע אייגענשאַפטען זענען שאַרף צו־ שיידט וועדליג יעדען אבר פון קערפּער (אָפּטמאָל וועדליג די זייטען פון קערפּער), נאָר אויך אַזוינע מיט אַלגעמיין געמישטע, האַלב ווייב־ ליכע, האַלב מענליכע געשלעכטס־טיפּען. איך האָב געזעהען א הער־ מאַפּראַדיט, וועמעס הינטערלייב און געשלעכטס־אָרגאַנען זענען געווען כמעט פולשטענדיג מענליכע, זיך פערנעמען אינסטינקטיוו מיט די קאָמפּליצירטסטע ארבייטען פון דעם ארבייטער פון זיין מין (אַטאַ־ קירען א פיינדליכען לאַגער פון מוראַזשקעס כדי זיי צו פערשקלאַ־ פען), מחמת ביי איהם איז דער קאָפּ און דאָס געהירן געווען „אינגאַנ־

דעמאָלט קאַסטרירטע מענער קאָנען אמת נאָך געשלעכטליך פערקערען מיט פרויען, אבער אנשטאָט זאמען שפּריצט מען דעמאָלט אַרויס א שליים פון די דערבייאיגע דריזען (פּראָסטאַטא א. אַז. וו.). קאַסטרירטע פרויען פערלירען ניט די ליבידאָ סעקסואַליס (זעה שפּעטער, און אָפטמאָל האָבען זיי אפילו פאַר א לענגערע צייט זייער מענסטרואַציע. אבער געוועגליך ווערען זיי פעט, הויבען אָן ליידען פון נערוועזע אַנפאַלען און ניט זעלטען ענדערט זיך זייער כאַראַקטער.

די אויבּיגע קאָרעלאַטיווע געשלעכטס־אונטערשידען וועלכע מיר האָבען בּקצור דערמאָנט זענען אנדערש ביי יעדען מין חיות. טיילמאָל זענען זיי אונגעויכטיג און טיילמאָל זענען זיי זעהר גרויס. בעת מען קאָן קוים אונטערשיידען א מענליכע שוואַלב פון א ווייבּליכע, איז זעהר גרויס דער חלוק צווישען א האָהן און א הינה, א פּאַווע א זכר און א פּאַווע א נקבה, א הירש און א הירשין. ביים מענש זענען די געשלעכטס־אונטערשידען גענוג דייטליך, אפילו אויסערליך. דיזע אונטערשידען זענען שייך צו אַלע אברים, און דעריבער אויך צו דעם געהירן און צו די גייסטיגע אייגענשאַפטען.

פּונקט אזוי אונגלויבּליך איז דער חלוק צווישען די געשלעכטער ביי געוויסע נידעריגע חיות, צ. ב. ביי מוראַזשקעס, ביי וועלכע זכר און נקבה זעהען אויס צו געהערען צו גאַנץ פערשידענע פאַמיליען פון אינסעקטען. די אויגען, די פאָרם פון'ם קאָפּ, דער קאָליר, דער גאַנצער קערפּער זענען אזוי ווייט פערשידען, אז ווען עס בעווייזט זיך א פאַל פון א פּאַטהאָלאָגישען הערמאַפראָדיטיזם, דאָס מיינט, אַז ווען די געשלעכטס־דריזען ענטוויקלען זיך אויף איין זייט מענליך און אויף די אנדערע זייט ווייבּליך, אָדער טיילווייז מענליך און טיילווייז ווייבּליך, קאָן מען מיט דער גרעסטער געדויאינקייט אַנצייגען אויף איטליכען, אפילו אויף דעם קלענסטען אבר'ל, די מענליכע אָדער ווייבּליכע קאָרעלאַטיווע אייגענשאַפטען. אזוי זענען פאַראַן הערמאַ־פראָדיטישע מוראַזשקעס האַלב זכר און האַלב נקבה פּונקט איבערגע־טיילט אין דער מיט, שוואַרץ אין די רעכטע זייט און רויט אין די לינקע זייט, מיט א גרויס אויג אויף איין זייט און מיט א קליין אוי־געל אויף דער אנדערער זייט, מיט דרייצעהן גלידער אין דעם רעכטען פיהלהאָרן און בלויז צוועלף אָדער עלף גלידער אין'ם לינקען א. אַז. וו. אין דיזען פאַל זענען די גייסטיגע אייגענשאַפטען אַמאָל ווייבּליך.

ראַציע. מען וועט אבער מאַכען א טעות, אויב מען וועט די אייגענ־שאַפטען פון די מענליכע קאַסטראַטען פעררעכענען אלס ווייבליכע; עס איז בלויז פאַראַן א רעלאַטיווע ענליכקייט. אן אַקס איז ניט קיין קוה פונקט ווי אן יעוונוך איז ניט קיין פרוי.

עס מוז דאַ בעטאָנט ווערען אַז די דערמאָנטע אייגענשאַפטען זענען אויסשליסליך נאָר די פאָלגע פון דער אָבשיידונג פון די געשלעכטס־דריזען גופא, ד. ה. די טעסטיקלען ביי דעם מאַן און די אייער־שטעק ביי דער פרוי. די אבטויטונג פון אנדערע דרויסענדיגע אָדער אינוויינינסטע געשלעכטס־אָרגאַנען האָט ניט אַזא מין איינפלוס. אַלס רעזולטאַט פון נייע עקספּערימענטען, שיינט עס, אז מען קאַן אפילו לייכט אָננעהמען, דאָס די צוריק־איינפלאַנצונג פון א געשלעכטס־דריז אין וועלכען־ניט־איז אנדערען טייל פון קערפּער וועט אָבשטעלען דאָס ענטוויקלען זיך פון די בעזונדערע אייגענשאַפטען.

אַלע יענע ביז אַצינד ניט־בעגרייפבאַרע פאַקטען ווערען לייכט פערשטענדליך דורך די ענגראַפיע פון די מנעמישע ענערגיען, (זעה אויבען: סעמאָן). זייענדיג אין עמבריאָ אורשפּרינגליך ניט־דיפערענ־צירט, געפינען זיך אין די סעקסועלע דריזען די ערבליכע ענערגיען פוןביידע געשלעכטער. די עקפאָריע פון איינער פון די דאָזיגע ענער־גיען, רופט זיך אָב אויף איהרע קאָרעלאַטיווע סעקסועלע אייגענ־שאַפטען פון גאַנצען קערפּער און זי שליסט אויס יענע ענערגיען פון די קאָרעלאַטיווע סעקסועלע אייגענשאַפטען פון צווייטען געשלעכט. ווערט אבער דורך די קאַסטראַציע די עקפאָריע פון די אייגענשאַפטען פון די געשלעכטס־צעלען פון איין געשלעכט פלוצלינג אונטערבראָ־כען נאָך איידער איהר פאַרטיג ווערען, שוואַכט דיזער אַקט אויף אָב די קראַפט פון דער עקפאָריע פון זיינע קאָרעלאַטיווע אייגענשאַפטען. אויף דעם אופן קומט ביים קאַסטראַט ווידער צוריק א מין אין־דער־מיט שטעהענדיג אָדער ניט־דיפערענצירט עקוויליבריום (גלייכ־געוויכט) צווישען די ערבליכע סעקסועל־קאָרעלאַטיווע כאַראַקטער־שטריכען פון ביידע געשלעכטער.

פערקערט אבער, ווען מען שניידט אויס די געשלעכטס־דריזען ביי א דערוואַקסענעם, ענדערט זיך קענטיג ניט אפילו זיין קערפּער. אפילו די געשלעכטס־פונקציעס שטעלען זיך ניט פולשטענדיג אָב, הגם זיי קאָנען נאַטירליך מעהר ניט בעפרוכטען. דערוואַקסענע און ערשט

בען. די ענדערונגען וועלכע דאָס קינד מאכט דורך פון זיין געבורט אַז ביז עס ווערט שטאַפּעלווייז אַ דערוואקסענער מענש, איז איטליכען בעקאַנט.

דאָס ענטשטעהען פון די געשלעכטס-דריזען. — מיר מוזען נאָך דערמאָנען, אז אין א בעשטימטער, זעהר פריהער פעריאָדע פון עמבריאָ פאַנגען אָן געוויסע גרופּען פון צעלען אַלס געשלעכטס־צעלען צו בויען א בעשטימטע געשלעכטליכע נייגונג פון עמבריאָ. דיזע נייגונג איז פון אָנפאנג ניט ווייבליך און ניט מענליך, נאָר אינדיפּע־רענט און ערשט אביסעל שפּעטער דיפערענצירט עס זיך און ביי איין אינדיווידיום ענטוויקלען זיך מענליכע, בעת ביי אן אַנדערען ווייבלי־כע געשלעכטס־דריזען. עס העננט אַלזאָ אָב פון דיזער דיפערענצי־רונג צי דאָס אינדיווידיום ווערט מענליך אָדער ווייבליך, און ווערליג דעם ענטוויקעלט זיך דער גאַנצער איבעריגער קערפּער מיט די ענט־שפּרעכענדע, אָדער ווי מען זאָגט, קאָרעלאַטיווע געשלעכטס־אונטער־שידען (צ. ב. קודם די דרויסענדיגע געשלעכטס־אָרגאַנען, דערנאָך די באָרד ביים מאַן, די מילך־דריזען א. אז. וו. ביי דער פרוי).


קאַסטראַציע. די קאָרעלאַטיווע געשלעכטס-אונטערשידען.— קאַסטראַציע רופט מען די אויסשניידונג פון געשלעכטס־דריזען און קאַסטראַטען רופט מען יענע מענשען אויף וועמען דיזע אָפּעראַציע איז געמאכט געוואָרען. די „יעוונוכען“ ווערט א חוץ דעם נאָך אָבגע־שניטען דער פּעניס. ווען א קינד ווערט קאַסטרירט, פערורזאכט דיזע אָפּעראַציע א ממשות׳דיגע ענדערונג פון דער גאַנצער שפּעטערדיגער ענטוויקלונג פון קערפּער, בעזונדערס ביים מאַן, אבער אויך ביי דער פרוי. דער מאַן ווערט שמאָהל, האָט כסדר א קינדיש קול, מחמת ביי איהם ברעכט זיך ניט די שטים, און די קאָרעלאַטיווע געשלעכטס־אונטערשידען ענטוויקלען זיך ביי איהם גאָרניט אדער ניט־פולשטענ־דיג. אָקסען און פערד זענען קאַסטרירטע בוהאַיעס און אָגערס און מען קאן דערזעהען דעם חלוק צווישען זיי מיט׳ן ערשטען בליק. קאַסט־רירטע ווייבליכע אינדיווידוען ווערען פעטער. די מענשליכע מענליכע יעוונוכען האָבען א זעהר קוויטשעדיג קול. האָבען אַן איינגעפאלענע ברוסט, זיי וואקסט ניט קיין באָרד אָדער בלויז אביסעל האָר און האָ־בען אַ ווייבישען, אָפּטמאָל אינטריגאַנטישען כאַראקטער. קאַסטראַטען פון ביידע געשלעכטער זענען געניינט צו נערוועזיטעט און דעגענע־

פאַמירט זי פון די פערגרעסערטע און פערפילפאַכטע בלוט־געפעסען, אַ דיקע, רונדע פלאַטע. וואָס מען רופט די פלאַצענטאַ. אין דער פלאַצענטאַ פערבינדען זיך די בלוטגעפעסען פון דעם עמבריאָ מיט די אַ סך גרעסערע בלוטגעפעסען פון דער געבערמוטער און ערנעהרען דורך ענדאָסמאָזים (דורכטריפען) דעם זיך ענטוויקלענדיגען מענש.

דאָס דויערן פון שוואַנגערשאַפט. געבורט. — ווי עס איז בעקענט דויערט די שוואַנגערשאַפט פון דעם מאָמענט פון דער פערייניגונג (וועלכעס מיינט דאָסזעלביגע וואָס קאָנצעפּציע) ביז צו דער געבורט, ניין חדשים (צעהן לבנה־חדשים צו פיער וואָכען). דעמאָלט איז דאָס עמבריאָ פאַרטיג צו לעבען אָבגעזונדערט פון דעם מוטער׳ס קערפּער (פיגור 5). מיט געוואַלד ווערט עס ביי דעם געבורטס־אַקט ארויסגעשטויסען, מיטרייסענדיג די נאַפּעלשנור מיט די פּלאַצענטאַ (פיגור 6). באַלד נאָך דעם ציהט זיך די אויסגעלעדיגטע געבערמוטער שטאַרק צוזאַמען, און ביסלעכווייז קריגט זי צוריק איהר אורשפּרינגליכע גרויס. די פּלוצלינגע איבעררייסונג פון דער פערבינדונג מיט דער מוטערליכער בלוט־צירקולאַציע, נעהמט אויך צו פון עמבריאָ, וועלכעס איז איצט געוואָרען אַ קינד, דעם ביזאַהעריגען צופלוס פון נאַהרונג און זויערשטאָף.

כדי ניט צו ווערען דערשטיקט, מוז דאָס ניי־געבוירענע קינד באַלד איינאָטעמען לופט, מחמת זיין בלוט ווערט טונקעל־בלאָה, זייענדיג איבערגעפילט מיט קויהלען־זויער־שטאָף, וועלכער רייצט זיינע אָטמונגס־צענטערס (דערשטיקונג). דער ערשטער אַקט פון זיין זעלבסטשטענדיגקייט איז אַן אַקט וועלכער ווערט פערורזאַכט פון אַ נערוועזרעפלעקציע און איז פערבינדען מיט דעם ערשטען געשריי פון קינד. באַלד נאָך דעם מוז דאָס קינד אָנהויבען זויגען מילך, כדי ניט צו שטאַרבען פון הונגער. בעת די איצט איבערפליסיג געוואָרענע נאַפּעלשנור ווערט איינגעשרומפּען, און די פּלאַצענטאַ אוועקגעוואָרפען (טייל חיות עסען זי אויף). דער איינציגער אונטערשיד צווישען דעם ניי־געבוירענעם קינד און דעם עמבריאָ באַלד נאָך זיין געבורט, איז דאָס צוגעקומענע אָטעמען און דאָס שרייען.

מיר קאָנען דעריבער זאָגען, אַז די קינדהייט, בעזונדערס די ערשטע קינדהייט, איז בלויז אַ פאָרטזעצונג פון דעם עמבריאָנישען לע־




פיגור 6.

שניט דורך אַ געפראָרענעם פרויען-קערפּער בעת די געבורטס-וועהען.

1) לעבער. 2) דער פּאָרט-אָדער. 3) מאָגען. 4) אַאָרטאַ (הויפּט-שלאַגאָדער). 5) אינגעווייד. 6) דואָדענום. 7) פּלאַצענטאַ. 8) נאָפּעל-שנור. 9) לינקער איליאַק-אָדער. 10) דאָס אָרט וואו די היול פון צער-וויקס (האַלז) פון דער געבערמוטער געהט אַריבער אין דער געבערמוטער גופא. 11) דאָסזעלביגע. 12) מוטער-מויל, צושפּריוט און אויסגעצויגען דורך דעם קינד'ס קאָפּ. 13) שטייסביין (קאָקיקס). 14) אורין-בלאָז. 15) שאַמביין. 16) מוטער - מויל. 17) רעקטום. 18) אורין - קאַנאַל. 19) פּרוכטבלאָז. די געוועזענע הויט פון איי וועלכע רינגעלט אַרום דאָס קינד זייענדיג איצט אָנגעפילט מיט פליסיגקייט.

וואַנד וואַקסט ארויס דאָס נאָפּעל־בלעזעל וועלכעס האָט אַ צוועק ביי דער צירקולאַציע פון דעם איי־וויטעלין, ביי פויגלען, אבער וועלכעס איז אונוויכטיג ביי מענשען. ביים מענש הויבט זיך אָן די בלוט־צירקו־





פיגור 5.

דיאגראַם פון א שניט הורך אַ פרוי וואָס שוואַנגערט דאָס ערשטע מאָל, אין דעם לעצטען חודש פון שוואַנגערשאַפט.

1) לעבער; 2) פּלאַצענטא; 3) רוקען־ביין; 4) געבערמוטער־וואַנד; 5) דער קאָפּ פון קינד; 6) שאמביין; 7) אורין־בלאַז; 8) צערוויקס; 9) מוטער־מויל; 10) שייד; 11) הינטער־חלק.

לאַציע מיט דער הילף פון דער אַללאַנטאָיס, די שפּעטערדיגע (נאָפּעל־שנור), וואָס וואַקסט ארויס פון דעם סאַמע אינגעווייד פון עמבריאָ, און, וועלכע, צוטשעפּענדיג זיך צו דער וואַנד פון דער געבערמוטער,


דאָס עמבריאָ האָט זיך ביי א געוויסען פונקט פאָרמירט פון דער בלאַסטאָדערמע (די צעליגע וואַנד פון איי) וועלכע ענטשטעהט פון דער כסדר'דיגער טיילונג פון די צעלען, און האָט איצט די פאָרם פון א געקארבטע לאַפּעטקע מיט אַ קאָפּ און אַן עק. פון זיין וואַנד טיילט זיך אָב א בלעזעל, וואָס מען רופט אַמניאָן, בעת פון זיין פאָדערשטער




1. איי-היטעל
2. צויטלעך.
3. אמיאָן.
4. נאָפּעל.
5. עמבריאָ.

פיגור 3.

דאָס מענשליכע איי אין דער צוויימער וואך שוואנגערשאפט (אַכט מאָל פערגרעסערט.)





1. געהער-בלעזעל.
2. אויגען-בלעזעל.
3. גערוכס-גריבעל.
4. שפּראַצונג פון אויבערשטען קינבאק-ביין.
5. שפּראַצונג פון אונטערשטען קינבאק-ביין.
6. דאָס רעכטע אויער.
7. לעבער.
8. שפּראַצונג פון ארעמס.
9. שפּראַצונג פון פיס.
10. דער עק פון עבמריא.

פיגור 4.

עמבריא ביים אָנפאנג פון דער דריטער וואָך (פערגרעסערט).

כער אָרגאַן) כמעט אויף דעם מוטערמויל, וועלכעס פערלייכטערט דאָס אריינדרינגען פון די ספערמאַטאָזאָען אין די געבערמוטער.

ביי חיות וואָס לעגען אייער פערגרעסערט זיך די איי־פּראָטאָ־פּלאַזמע צוליב דעם בילדען־זיך פון דעם אָפּטמאָל מעכטיגען נאָה־רונגס־וויטעלוס (צ. ב. ביי פויגלען), וועלכער נעהמט זיך פון די נאָה־רונגס־זאַפטען אין'ם בלוט פון דער מוטער און ווערט נאָהרונגס־שטאָף פאַר דעם עמבריאָ. אבער ביי די עמבריאָס (זויג־חיות), וועלכע זענען פערבונדען מיט דעם מוטער'ס לייב, ווערט פון דער איי־פּראָטאָ־פּלאַזמע מיינסטענס ניט קיין וויטעלוס. אנשטאָט דעם קומט דאָס עמבריאָ, דורך ספּעציעלע איינריכטונגען, אין בערירונג מיט דעם בלוט פון דער מוטער. די געבערמוטער פערגרעסערט זיך צוזאַמען מיט דעם עמבריאָ.




פיגור 2.

1. רעכטער מוטער־טראָמפּעט.
2. בויך־עפענונג פון דעם רעכטען מוטער־טראָמפּעט.
3. אייערשטאָק.
4. געבערמוטער.

דיאגראַם בעת די בויך־עפענונג פון דעם (רעכטען) מוטער־טראָמפּעט לעגט זיך אַקטיוו צו צום אייערשטאָק אין דעם מאָמענט ווען דאָס איי ווערט אַרויסגעשטויסען.

אזוי־גערופענע ציליען אין דער הויט פון דער טובע איז גענוג כדי דאס איי אריינצוציהען אין דער בויכעפענונג פון דער טובע. פיגור 1 קלערט אויף דעם גאנצען גאנג.

אריינקומענדיג אין דער טובע געהט דאס איי זעהר לאנגזאם דורך די גאנצע הייל און קומט, מיט דער הילף פון די פיינע מיקראסקאפישע הארעלעך אדער ציליען, וואס וויברירען אין דער הייל פון דער טובע, אריין אין דער געבערמוטער. די בעפרוכטונג (די פערייניגונג פון איי און ספערמאטאזאאן) קומט ווארשיינליך מייגסטענס צושטאנד אין דער בויכעפענונג פון דער טובע אדער ווייטער אין איהר קאנאל, און אפשר אמאל אויך ערשט אין דער געבערמוטער. און די מעגליכקייט פאר א פערייניגונג איז שטענדיג פאראן צוליב דעם כסדר'דיגען וואנדערן פון די אייער אראב־צו און פון די ספערמאטאזאען ארויף־צו. די לעצטע ווערען זעהר אפט געפינען אין דער טובע, און אמאל אויך אין דער בויכעפענונג.

בעפעסטיגונג פון איי. מעבראנא דעצידוא. — דאס שוין בעפרוכטעטע איי בעפעסטיגט זיך אויף דער שליימהויט פון דער געבערמוטערהייל, און ווען די שליימהויט הויבט אן זיך צו פערגרעסערען, טיילט זי זיך אב (מעבראנא דעצידוא) און הילט איין דאס איי. אזוי קאן דאס פיקסירטע און בעפרוכטעטע איי בעת די ערשטע מאנאטען פון שוואנגערען וואקסען און בלייבען אין זיין פאזיציע א דאנק זיינע צוויטלעך וואס האלטען זיך נאך אין דער וואנד פון דער געבערמוטער.


די געבערמוטער. פלאצענטא. — די געבערמוטער איז די גרויס פון א קליין היהנערן איי, לענגער ביים אונטערשטען חלק, און ענדיגט זיך מיט אן אזוי־גערופענעם צערוויקס אדער האלז וועלכער קומט אין דער פארם פון א קאנוס אריין אין די שייד. דיזען קאנוס רופט מען וואגינאל־טייל פון דער געבערמוטער. די געבערמוטערהייל געהט ווייטער אריין אין דעם האלז און אויך איז דעם וואגינאלטייל און עפענט זיך אריין אין די שייד מיט אן עפענונג, וועלכע איז רונד ביי בתולות, און וועלכע מען רופט מוטערמויל. די וואנד פון דער געבערמוטער בעשטעהען פון א דיקען גלאטען מוסקעל. נאך א געבורט ווערט דאס מוטערמויל צוליב די פערורזאכטע אייגריסען צאקיג. ביים געשלעכטליכען פערקער קומט אויס די עפענונג פון פעניס (מענלי־

וואָס האַלט אין וואַנדערען, און אויך אַ צווייט בעפּרוכטעט איי וואָס איז שוין פיקסירט און פערגרעסערט, איינגעשלאָסען פון דער העצידוא אין דער געבערמוטער.

1) רעכטער אייערשטאָק מיט אייער אין פערשידענע שטאַפּלען פון רייפקייט אין זייערע גראַפּ׳שע פאַליקלען. 2) אייער-שטאָק-באַנד. 3) דער ברייטער מוטער-באַנד. 4) רייפענדיג איי אין איערשטאָק (אין זיין גראַפ׳שען פאַליקעל). 5) לעדיגער גראַפ׳שער פאָליקעל באַלד נאָך דער אַרויס-שטויסונג (געלער קערפּער). 6) רעכטער מוטער-טראַמפּעט. 7) דער אָנפאַנג פון דעם לינקען מוטער-טראַמפּעט. 8) אַ שניט דורך די בויך-עפענונג (ענד) פון דעם רעכטען מוטער-טראַמפּעט. 9) די היול פון דעם רעכטען מוטער-טראַמפּעט, פון איהר ווייטסטער בויך-עפענונג ביז צו איהר דינינקער ענד וועלכע פאַלט אריין אין דער געבערמוטער. 10) אַ נאַר-וואָס ארויסגעשטויסען וואַנדערענדיג איי. 11) די געבערמוטער-וואַנד וועלכע בעשטעהט פון געדיכטע גלאַטע מוסקלען. 12) געבערמוטער-היול. 13) אַ פיקסירט, וואַקסענדיג, בעפרוכט איי, בכדי עס צו מאַכען איינפאַך, איז אויף דערזעלביגער פיגור, צוזאַמען מיט דעם דאָזיגען איי, אויך געצייכענט דאָס וואַנדערענדיגע איי, אין דער אמת׳ען אָבער קומעןביידע צוזאַמען זעלטען פאַר אין איין צייט. 14) דער האַלז אָדער צערוויקס פון דער געבערמוטער. 15) צערוויקס-קאַנאַל. 16) וואַגינאַל-טייל פון דער געבערמוטער. 17) מוטער-מויל. 18) שייד. 19) די וואַנד פון דער שייד. 20) קליינע שאַמליפּען. 21) גרויסע שאַמליפּען. 22) די עפענונג ביים ענד פון פּעניס אין די שייד ביים אַרויסשפּריצען פון זאַמען. 23) די פּאָזיציע פון א קאַנדאָם כדי צו שטערען די בעפרוכטונג.

אייערשטאָק פערמאַכט זיך, פערהיילט זיך און דעמאָלט רופט מען איהם געלער קערפּער.

דאָס ארויסגעשטויסטע איי דערגרייכט די בויכעפענונג פון דער אַזוי־גערופענער טובע, אָדער מוטער טראַמפּעט, וועלכע קומט אריין דירעקט אין די בויכהייל. אַ טייל מחברים זענען מיט דער מיינונג אַז די ענד פון דער טובע, די אַזוי־גערופענע בויכעפענונג, ווערט מיט דער הילף פון מוסקעל־בעוועגונגען צוגעלעגט צום אייערשטאָק און דאָס אַרויסגעשטויסטע איי ווערט פון איהר, אַזוי־צו־זאָגען, אַריינגעזויגט, בעת אַנדערע דענקען אַז די בעוועגונג, דאָס וויברירען פון די




פיגור 1.

דיאַגראַם פון א פּערפּענדיקולערען שניט פון רעכטס צו לינקס דורך די ווייבליכע געשלעכטס-אָרגאַנען, ½ פון דער נאַטירליכער גרויס. אַ פיינער דורכשניט דורך דער מיט פון אַלע אָרגאַנען און זייערע היילען, ווייזענדיג אין דערזעלביגער צייט די פּאָזיציע פון אַ נאָר-וואָס ארויסגעשטויסען איי

בעקומען צוויי פולשטענדיגע בעשעפענישען, און אפילו פון אן איי־צעלע־פראָטאָפּלאַזמע אָהן דעם איי־קערנדעל, איז געלונגען, מיט דער הילף פון א ספּערמאַטאָזאָאָן, צו פּראָדוצירען עטליכע עמבריאָס. ציענ־לער האָט בעמערקט ביי דער איי־פּראָטאָפּלאַזמע גופא געוויסע שפּאַל־טונגס־פּראָצעסען.

בכלל איז פונקט אזוי אינטערעסאנט אויך די ספּעציפישע פּאַ־ליעמבריאָניע ביי געוויסע פּאַראַזיטישע אינסעקטען (הימענאָפּטערען, פון דעם ענצירטום מין, א. אַז. וו.) די אייער פון וועלכע וואַקסען, דער־נאָך צופאַלענדיג אין א גרעסערע צאָל אייער פון וועלכע יעדעס ווערט אן עמבריאָ און שפּעטער אַן אינסעקט. עקספּערימענטירענדיג האָט מען די אייער פון געוויסע ים־חיות צוטיילט דורך טרייסלען, שאָקלען, אויף מעהר אייער פון וועלכע עס זענען געוואָרען עמבריאָס. אַלע אינדיווידועז וואָס קומען ארויס פון די אייער וואָס האָבען זיך אָבגע־שפּאַלטען פון אן ענצירטום־איי זענען פון דעמזעלביגען געשלעכט.

עמבריאָלאָגיע. — עס איז ניט נויטיג דאָ צו בעשרייבען די פערשידענע ענדערונגען וואָס עס מאכען דורך ביידע פעריינינגטע צע־לען ביז פון זיי ווערט א פולשטענדיגער מענש, וועלכעס איז א טייל פון דער עמבריאָלאָגישער וויסענשאפט אָדער פון דער ענטוויקלונגס־געשיכטע. צו דיזען עניין וועלען מיר צוריקקומען אין קאַפּיטעל 3. דאָ וועט זיין גענוג מיט עטליכע ווערטער צו בערירען די אלגעמיינע פּרינציפּען.

אוואולום. — אין די אייערשטעק פון דער מענשליכער פרוי (פי־גור 1) געפינט זיך א בעדייטענדע צאָל איי־צעלען, הגם אין פערגלייך צו דער צאָל ספּערמאַטאָזאָען אין די טעסטיקלען איז זי זעהר קליין, פון וועלכע מאנכע פערגרעסערען זיך פון צייט צו צייט און ווערען ארומ־גענומען פון א העל בלעזעל, אנגעפילט מיט א פליסיגקייט, וועלכעס מען רופט דער גראַף׳שער פּאָליקעל. אין דער צייט פון דער מענסטרואַ־ציע (דאָס מאָנאַטליכע) ווערט איין, און טיילמאָל צוויי, אייער רייף אין די גראַף׳שע פּאָליקלען פון איינעם אָדער פון אנדערען אייער־שטאָק און ווערען שפּעטער פון אייערשטאָק ארויסגעוואָרפען. דעם פּראָצעס רופט מען אוואולאַציע. דער לעדיגער גראַף׳שער פּאָליקעל איז׳ם

עס בלייבט איבער פאר דער צוקונפט צו געפינען די וואָרצלען, דעם אורשפרונג פון דער מנעמישער ענגראפיע אין איהרע פיזישע און כעמישע געזעצען.

איך בעט דעם לעזער, סעמאָן'ען אליין צו לעזען, מחמת זיין 386 זייטיג בוך, אָנגעפילט מיט פאקטען און בעווייזען, איז ניט מעגליך איבערצוגעבען אין עטליכע פסיקים.

יעדע צעלע האָט ענערגיע בירושה. — ביי די פלאַנצען זעהען מיר דייטליך, אז איטליכע קערפער־צעלע פערמאָגט אזוי־צו־זאָגען אלע ענערגיען פון די מינים בירושה (די ערבליכע מנעמען). אבער אין אלע צעלען וועלכע קאָנען זיך ניט פרוכפערן, פערבלייבען יענע ענערגיען אונפעהיג זיך צו ענטוויקלען. אזוינע דורכוים ניט־ענטוויקעלט פערבליבענע ענערגיען, האבען דעריבער קיין פראַקטישען ווערט.

אין אַן ענליכען זין קאָנען מיר זאָגען, אז איטליכע קערפער־צעלע, פונקט ווי אלע זאָמען־צעלען, זענען הערמאפראדיטיש, ווייל זיי טראָגען נאָך אין זיך די ענערגיען פון ביידע געשלעכטער. ווייטער, געפינט זיך אין איטליכען ספערמאטאזאָאָן אי די ענערגיען פון דער ווייבליכער און אי פון דער מענליכער אבשטאמונג פון מאַן און, פערקערט, איטליכע איי־צעלע ווידער די ענערגיען אי פון דער מענליכער און אי פון דער ווייבליכער אבשטאמונג פון ווייב. מאַן און ווייב זענען נאָר די פערשידענע געגענזייטיג ווירקענדע טרעגער פון איטליכער סאָרט זאמען־צעלען וואָס זענען נויטיג צו דער פערייניגונג. אבער מיר דארפען ניט פערגעסען אז די זאמען־צעלען אליין האבען אורשפרינגליך אין עמבריאָ אויך ניט קיין אונטערשיידונגס־צייכען, זענען הערמאפראדיטיש, און אַז ערשט אין אַ געוויסער ענטוויקלונגס־פעריאָדע פון עמבריאָ ווערען זיי מענליך אָדער ווייבליך. ווייטער צו חקרנ'ען וועגען דעם ענין שיינט מיר צו זיין איבעריג.

אויב אַ ווייבליכע צעלע, אַן איי, ענטוויקעלט זיך אָהן בעפרוכטונג (פארטהענאָגענעזיס) ווי צ. ב. בינען, דעמאָלט וואקסט און צור־טיילט זיך איהר קערן אויף אַן ענליכען אופן ווי די ביידע ערשט דער־מאָנטע פערייניגטע קערנער, אָדער ווי ביי דער מיטאָזיס. ווייטער מו־זען מיר נאָך בעמערקען, אַז היינט איז געלונגען, דורך קינסטליך צור־שפאַלטענדיג (עקספערימענטאַלע בלאַסטאָטאָמיע) אַן איי־צעלע, צו

רעגענעראַציע און פילאָגענעטיש דורך דער צופּאַסונג, די האַמאָפּאַניע צוריק איינצואָרדנען.

מיט די קלאָרסטע פאַקטע ווייזט ער, אַז די רייץ־ווירקונגען גע־פינען זיך הויפּטזעכליך און אויף א רעלאַטיווען אופן נאָר אין די אריינגאַנגס־ערטער, און אַז ערשט שפּעטער שטראַלען זיי דורך און ווירברירען דורכ'ן גאַנצען אָרגאַניזם. אַזוי אַרום קאָן אפילו איינע פון די אָבגעשוואַכסטע ענגראַפּיעס אַמאָל טרעפען די זאַמען־צעלען. ער ציינגט אָבער ווייטער, אַז זעהר שוואַכע ענגראַפּישע ווירקונגען קאָנען ערשט דעמאָלט עקפאָרירט ווערען, נאָכדעם ווי זיי זענען אונצעהליגע מאָל, פילאָגענעטיש בשעת צעהנדליגע דורות, איבערגע'חזר'ט געוואָ־רען; און אויף דעם אופן, מיט דער הילף פון'ם מנעמישען פּרינציפּ, לאָזט זיך דערקלערען די מעגליכקייט פון אַן אונגעהייער לאַנגזאַמען איבערגאַנג פון אייגענשאַפטען בירושה, נאָך אונצעליגע ווידערהאָ־לונגען. אַהן דעם אַז ווייסמאַן'ס וויכטיגע פאַקטען זאָלען ניט פער־לירען פון זייער ווערט, ווייל דער איינפלוס פון קרייצונגען (פּעריינ־גונגען) און אַבקלויבונג (צוכט־וואַהל) איז נאַטירליך פיל שטאַרקער און פּערורזאַכט א סך שנעלער אַן ענדערונג איידער אינדיווידועל גע'ירש'נטע מנעמישע ענגראַפּיען. מיט די לעצטע קאָן מען דערקלע־רען דע וריע'ס מוטאַציעס.

סעמאָן'ס קאָנצענטרירטע פאָרשונגס־אַרבייט מכוח די געזעצען פון מאָרפאָלאָגיע, ביאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע, אַזוי גוט ווי די נייע פּערספּעקטיווען וועלכע עפענען זיך מיט זיי, איז באמת גרויס. מיט דער הילף פון די ווירקונגען פון דער דרויסענדיגער וועלט אַרבייט די מנעמע, אויפהאַלטענדיג און קאָמבינירענדיג די אָרגאַניזמען דורך ענגראַפּיע, בעת די צוכטוואַהל שליסט אויס אַלעס וואָס איז שלעכט צוגעפּאַסט. אויף אַזאַ שטייגער שטעלען צו די רייצונגען פון דער דרויסענדיגער וועלט דאָס ריכטיגע מאַטעריאַל מיט וואָס די אָרגאַ־ניזמען בויען זיך אויף. איך בין זיך מודה, אַז פון סעמאָן'ען בין איך בעקערט געוואָרען אַט אויף דעם אופן צו בעטראַכטען דאָס ירש'ענען פון ערוואָרבענע כאַראַקטער־שטריכען. אנשטאָט פערשידענע נעבעל־דיגע סודות, האָבען מיר איצט פאַר זיך איין זאַך, די עקזיסטענץ פון דער מנעמישער ענגראַפּיע. לאַמאַרק'ס געדאַנק ווערט דאָ פערטיפט און ווידער וויכטיג.

ווירקט „א“ פיל שטארקער אויף „ב“ ווי „ב“ אויף „א“ (און דיקי־
ווערטס אויף שוואכער). ווען איך זאג „מוראוו“ אנשטאט „ווארום“,
ווייסט ניט צ. ב. דער געפרעגטער באלד אז מוראוו איז די איבער־
דרעהונג פון דעם ווארט ווארום. ביי דער סוקסעסיע פון די ענגראמען
טרעפט אפטמאל, אז צוויי אדער מעהר ענליכע ענגראמען זענען מיט
א מעהר אדער ווייניגער גלייכער קראפט פערבונדען מיט דעם פארויס־
געהענדיגען ענגראם. דיזעס פענאמען רופט סעמאן דיכאטאמיע,
טריכאטאמיע א. אז. וו. אזוי ווי אבער צוויי סוקסעדענטע ענגראמען
קאנען ניט אין דערזעלביגער צייט עקפארירט ווערען פון דעם פארויס־
געהענדיגען ענגראם, פאסירט דעמאלט דאס, וואס סעמאן רופט, אל־
טערנאטיווע עקפאריע, ד. ה. עס ווערט אדער איין, אדער איינע פון
די אנדערע סוקסעדענט פערבינדענע ענגראמען עקפארירט. ביי אזא
אבוועקסלונג איז די אפטסטע עקפארירטע צווייג יענע, וועלכע האט
זיך פריהער אממיינסטען איבערגע׳חזר׳ט.

די דאזיגע אלטערנאטיווע עקפאריען שפילען א וויכטיגע ראלע
אין די גוזעצען פון אנטאגעניע און ירושה דערין וואס בלויזט די אפט
איבערגע׳חזר׳טע שטארקערע ענגראם־צווייג ווערט עקפארירט, בעת
די איבעריגע בלייבען ניט ארויסגעברענגט. זיי קאנען אבער ביי געוויסע
גינסטיגע קאמבינאציעס עקפארירט ווערען אין א שפעטערדיגען דור.

סעמאן צייגט ווייטער, דאס די אזוי־גערופענע פראצעסען פון
רעגענעראציע זענען אין תוך גענומען דיזעלביגע ווי ביי די עמבריאנען,
צ. ב. ווי דאס עקספערימענטאלע בעשאפען פון א גאנץ עמבריא פון א
האלבער זאמען־צעלע. די טערמינען „ענגראם“ און „עקפאריע“ זע־
נען צוגעפאסט צו די פסיכאלאגיש (זעלבסט־אנאליז) בעקענטע ער־
שיינונגען פון אידעען־פערבינדונגען. ענגראמען ווערען עקפארירט
אויף אזא׳ן אופן. ביי יעדען פון די דאזיגע פענאמענען וויברירט דער
גאנצער מנעמישער רייץ צוזאמען אין איין צייט מיט דעם סינכרא־
נישען רייץ־צושטאנד, וועלכער איז געווארען פערורזאכט פון א ניי־
עם רייץ. דיזע דאפעלטע וויבראציע רופט סעמאן האמאפאניע.
אויב צווישע דעם נייעם רייץ און דעם מנעמישען רייץ שטעלט זיך
ארויס א געוויסע דיסהארמאניע, צייגט זיך אינטראספעקטיוו (בע־
וואוסט) אין דעם ארגאניזם די טענדענץ, דורך דער אנשטרענגונג פון
דער אויפמערקזאמקייט, עמבריאלאגיש דורך דער ערשיינונג פון דער

ענגראַפיש אויף זיין נעהירן. דער הונט וועלכער האַט פריהער ניט געצייגט קיין רעאַקציע זעהענדיג מענשען זיך אַראַבבייגען, וועט איצט אנטלויפען און קוויטשען ווען עמיצער בייגט זיך אראַב און וואַרפט כלומרשט אַ שטיין. אזוי זעהען מיר אז דער פיהל־ענגראַם (2) ווערט צוליב דער ווידערהאַלונג פון דעם אָריגינאַל־רייץ (1) וועלכער איז מיט איהם פערבונדען, אליין עקפאַרירט. אויף דעמזעלבען אופן וועט בלויז אַ בילד פון א בוים פון א בעקאַנטער לאַנדשאַפט זיין גענוג צו עקפאַרירען די גאַנצע לאַנדשאַפט.

נאָך מעהר, אן ענגראַם קאָן ווידער לעבעדיג ווערען דורך דעם אַבגעשוואַכטען צוריקקער פון דעם אָריגינאַל־רייץ, וועלכער האַט איהם אַרויסגעברענגט, אָדער דורך וועלכען־ניט־איז אַנדערען אַבגעשוואַכטען רייץ. אזוי קאָן אַ פאָטאָגראַפיע אויפפרישען דעם זכרון פון עפּעס א בעקענטען מענש. א געוויסע סאָרט קוקורוזע, וועלכע איז מיט א זעהר לאַנגער צייט צוריק איינגעפירט און געזעצט געוואָרען אין נאָרוועגען, איז דאָרט אין משך פון צענדליגע דורות אזוי בעריינפלוסט געוואָרען פון דער זון בעת די לאַנגע זומער־טעג, אז די צייט פון איהר רייף־ווערען איז ענדליך געוואָרען קורצער. שפּעטער ווען מען האַט דיזעלביגע סאָרט קוקורודזע צוריק פערזעצט אין צענטראַל אייראָפּא, האָט זי צוערשט אין זיך איינגעהאַלטען איהר טבע גיך רייף צו ווערען, הגם עס האָבען ווידער אויף איהר אַנגעהויבען צו ווירקען קורצערע טעג (שיבעלער). סעמאָן ברענגט א רייה עהנליכע ביישפּילען, ווי ענגראַמען, וואָס האָבען זיך איבערגע'חזר'ט בעת עטליכע דורות, וועלען זיך ביסלעכווייז אַנזאַמלען און אויף דעם שטיינער ענדליך ווערען עקפאַריש.

די ענגראַמען קאָנען זיך פערבינדען גלייכצייטיג, סימולטאַן: דעמאָלט האָבען מיר סימולטאַנע ענגראַמען, אַ שטייגער יענע וועלכע מיר קריגען דורך אונזער חוש הראיה. זיי קאָנען זיך אבער אויך פערבינדען אויף אַ כסדר־נאָכפאָלגענדיגען סדר, סוקסעדענט, ווי דאָס טרעפט בעזונדערס ביים חוש השמיעה און ביי דער אַנטאָגעניע. דער וויכטיגסטער אונטערשיד צווישען סימולטאַנע און סוקסעדענט פערבינדענע ענגראַמען איז, וואָס די ערשטע זענען פערקניפּט אין יעדער ריכטונג מיט דערזעלביגער קראַפט, בעת די לעצטע זענען ניט־גלייך פערקניפּט און האָבען נאָר צוויי פּאָלען. ביי דער סוקסעסיע „א“ „ב“

מיט דער הילף פון די פונדאמענטאלע אמת׳ן פון דער מארפאלאגישער ביאלאגישער און פסיכאלאגישער וויסענשאפט, אז נים נאר איז פא־ ראן אן ענליכקייט, נאר עס עקזיסטירט א טיפע גלייכקייט אין דעם מעכאניזם פון ארגאנישען לעבען. כדי אויסצומיידען די פסיכאלאגישע טערמינאלאגיע, בעשאפט ער, אויפ׳ן גרונד פון א פארזיכטיגער דע־ פינאציע פון בעגריף „רייץ", עטליכע נייע אויסדריקען מיט וואס צו בעצייכענען זיין נייע אידעע.

רייץ רופט ער, אן ענערגישע ווירקונג (פון א דרויסענדיגער קראפט) אויף דעם ארגאניזם, וועלכע רופט ארויס א רייה קאמפליציר־ טע ענדערונגען אין דער רייצבארער סובסטאנץ פון דעם לעבעדיגען ארגאניזם. דעם אזוי ארום געענדערטען צושטאנד פון דעם ארגאניזם, וואס דויערט פונקט אזוי לאנג ווי דער רייץ, רופט ער „רייץ־צושטאנד". איידער דער רייץ ווירקט, איז דער ארגאניזם אין א פרימערען צושטאנד פון אינדיפערענץ און שפעטער, נאך דער ווירקונג, אין א סעקונדע־ רען צושטאנד פון אינדיפערענץ.

אויב די רייצבארע סובסטאנץ פון דעם לעבעדיגען ארגאניזם אין׳ם סעקונדערען אינדיפערענץ־צושטאנד פערבלייבט פערענדערט נאכדעם ווי דער רייץ האט שוין אויפגעהערט צו ווירקען, הייסט דאס ביי סע־ מאן׳ען די ענגראפישע ווירקונג. די ענדערונג אליין רופט ער ענגראם. דעם סך הכל אי פון די גע׳ירש׳נטע און אי פון די אינדיווידועל־ער־ ווארבענע ענגראמען פון א לעבעדיג בעשעפעניש, רופט ער, זיין מנעמע. עקפאריע רופט ער די ווידער־אויפלעבונג פון דעם גאנצען ענגראם מיט זיין אמאליגער רייץ־קאמפליקאציע און סינקראנישען רייץ־צושטאנד פון ארגאניזם, וואס איז פערורזאכט געווארען פון אדער נאר איין טייל פון דעם געוועזענעם, אריגינעלען רייץ, אדער פון דעם גאנצען אבער אבגעשוואכטען רייץ.

אט אזוי ארום קאן אן ענגראם, דורך דעם צוריקקומען פון א טייל פון דעם אורשפרינגליכען רייץ־מעכאניזם, וועלכער האט איהם פראדוצירט, ווידער ארויסגערופען אדער אויפגעלעבט ווערען. א יונ־ גער הונט צ. ב. ווערט צום ערשטען מאל געיאגט פון אינגלעך וואס ווארפען שטיינער אויף איהם. צוויי רייץ־גרופען ווירקען אויף איהם: (1) די אפטישע (די אינגלעך בייגען זיך אראב און ווארפען שטיינער), (2) שמערץ־רייץ (די שטיינער וואס טרעפען איהם). ביידע ווירקען

זיין ספּעציפיש פּלאַסטישע ענערגיע פונקט אַזוי פולשטענדיג, ווי עס פערלירט די פון אונז אויפגענעסענע שפּייז איהר ענערגיע, בויענדיג די סטרוקטור פון אונזערע לעבעדיגע אָרגאַנען. עסענדיג רינדפלייש בעקומען מיר קיין איינציגע טבע פון אָקס. און א ספּערמאַטאָזאָאָן, מעג עס עסען וויפיל ניט איז וויטעלין־פּראָטאָפּלאַזמע, פערענדערט עס ניט די קוואַליטעט פון זיין, איצט פערמעהרטע און פערשטאַרקטע פּאַ־טערליכע בירושה'דיגע ענערגיע. דורכשניטליך פערמאָגט דאָס קינד אַזויפיל כאַראַקטער־שטריכען פון פאָטער ווי פון דער מוטער. דאָס בעקענטע „פערזעהען זיך“ פון שוואַנגערדיגע פרויען איז ניט מעהר ווי א פשוט'ער אַבערגלויבען.

אויף דעם אופן איז דער קערנשטאָף פון אונזערע זאָמען־צעלען דער ירושה־עלעמענט און טראָגט אין זיך אַלערליי כאַראַקטער־שטרי־כען פון דעם מין, דער וואַריעטעט און די נאָהענטסטע שטאַם־פּאַטערס. די גלייכפאָרמיגע ערשיינונגען אין די צעלען ביי דער צעל־צוטיילונג און ביי דער פעריינינונג, בעווייזען דאָס, הגם די איבעריגע (ניט שפּראָצונגס־פעהיגע) קערפּער־צעלען קאָנען זיך ניט רעפּראָדוצירען, ווייל עס פעהלט זיי דערצו די נויטיגע געלעגענהייט און די בעדינגונגען, פערמאָגען זיי אָבער דאָך די בירושה'דיגע ענערגיען און, דאָס הינטער די אַלע פאַקטען ליגט בעהאַלטען א טיפער סוד פון לעבען, די אויפ־דעקונג פון וועלכען איז די אויפגאַבע פון דער צוקונפט.

עס איז נויטיג, אז מיר זאָלען דאָ געבען א קורצען איבערבליק איבער די עיקר־אידעען פון א נייע, עפּאָכע־מאַכענדיג ווערק פון רי־כארד סעמאָן: „די מנעמע אַלס א בעשטעהענדיג פּרינציפּ אין די פערענ־דערונגען פון אָרגאַנישען לעבען“ (די מנעמע אַלס ערהאַלטענדעס פּרינציפּ אים וועכסעל דעס אָרגאַנישען געשעהענס, לייפּציג 1908.) דיזעס ווערק גיט אונז גלענצענדע בעווייזען פאַר דער לעהרע פון דאַרווין, דערמיט וואָס עס דערקלערט אונז די לעהרע איינפאַך און קלאָר, עטוואָס וואָס ביז איצט איז זי מיט דער צוכטוואַהל אַליין גע־ווען שווערליך צו בעגרייפען. און דאָס איז געמליך דער אופן ווי אַזוי עס קומען צו שטאַנד, אין'ם לויף פון די דורות, די מאָרפאָלאָגישע און פיזיאָלאָגישע קאָמפּליקאַציעס פון די אָרגאַניזמען.

שטיצענדיג זיך אויף עוואַלד הערינג'ס געניאַלער אידעע, אז דער אינסטינקט איז אַזוי־צו־זאָגען דעם מין'ס זכרון, בעווייזט סעמאָן,

פערמאָגען די איבעריגע צעלען פון דעם מין חיות צו וועלכען עס גע־הערט. דער ספּערמא־קערן און דער איי־קערן הויבען איצט ביידע גלייך צוזאַמענצוציהען זייער כראָמאַטין און צו פאָרמירען כראָמאָזאָמען. פּונקט ווי ביי דער צעל־צוטיילונג שטעלען זיי זיך רעגעלמעסיג צוזאַ־מען אין דער מיטעלער ליניע, און צוטיילען זיך ווידער אין דער לענג אויף צוויי העלפטען וועלכע ווערען נאָכדעם צוגעצויגען פון די שראַ־לען פון ביידע צענטראָזאָמען פון ביידע זייטען.

פאקטיש האָט דאָס וואקסען פון קערן פון דעם ספּערמאַטאָזאָאן ענטוויקעלט זיין לעבעדיגע סובסטאַנץ צו דערזעלביגער קראַפט ווי ביי דעם קערן פון איי. ביידע פעריינינגען זיי זיך מיט א געגענזייטיגער גלייכער קראַפט וועלכעס סימבאָליזירט די סאָציאַלע גלייכבערעכטי־גונג פון ביידע געשלעכטער!

דער שכל פון דער זאַך איז דער פאָלגענדער: אזוי ווי אין זייער ווייטערדיגער ענטוויקלונג וועלען זיך די פעריינינגטע קערנער ווידער צוטיילען אין צוויי צעלען, וועט יעדע איינע פון די צוויי צעלען בע־קומען כמעט דיזעלביגע קוואַנטיטעט ווייבליכע און מענליכע סובס־טאַנץ. מיר זאָגען ניט „פּונקט דיזעלביגע קוואַנטיטעט“, מחמת דער מוטערליכער און פאַטערליכער איינפלוס צוטיילט זיך דאָך ניט פּונקט גלייך צווישען זייערע קינדער. דאָס לעצטע קאָן דערקלערט ווערען מיט וואָס סעמאַן רופט, די אַלטערנאַטיווע עקספּאָריען אין מנעמישע דיכאָטאָמיען. אזוי ווי, בעת אין ווייטערדיגען עמבריאָנישען לעבען, זעצט זיך פאָרט אויף דעמזעלביגען אופן די כסדר'דיגע צעל־צוטיילונג, איז פון דעם געדרונגען, אז יעדע צעלע, אדער וועניגסטענס יעדער קערן פון דעם צוקינפטיגען אָרגאַניזם, וועט בעקומען א כמעט גלייכע העלפט מוטערליכע און פאַטערליכע סובסטאַנץ און ענערגיע.

ירושה. מנעמע. — אין דעם נאַר־וואָס בעשריבענעם פּראָצעס ליגט בעהאַלטען דער סוד פון ירושה. די גע'ירש'נטע ענערגיע האַלט אויף איהר אורשפּרינגליכע קראַפט און קוואַליטעט אין די וואַקסענ־דיגע און זיך צוטיילענדיגע כראָמאָזאָמען. בעת דער וויטעלין־שטאָף, דאָס געלעכעל פון איי, וועלכעס איז פערצערט געוואָרען פון דיזע כראָמאָזאָמען און איז פערענדערט געוואָרען דורך לעבענס־נויטיגע כע־מישע פּראָצעסען אין זייער אייגענער לעבענס־סובסטאַנץ, פערלירט

די בעוועגליכע, קליינע מענליכע זאַמען־צעלען, אָדער ספּערמאַ־טאָזאָען, שווימען מיט דער הילף פון זייערע עקען אנטקעגען די ווייב־ליכע איי־צעלען. אין דעם אויגענבליק ווען א ספּערמאַטאָזאָאָן ווירט אָן אַן איי־צעלע און דרינגט אין איהר אריין, ווערט איהר אויבערפלאַך, ווי מיר האָבען שוין בעמערקט, גערינגע. דיזעס גערינגע־ווערען אָדער פערגליווערונג, איז די אַזוי־גערופענע וויטעלין־הויט און זי שטערט א צווייטע זאַמען־צעלע אריינצודרינגען.

פאר דעם קאָפּ פון דעם אריינגעדרונגענעם ספּערמאַטאָזאָאָן ער־שיינט א צענטראָזאָם וואָס עס האָט מיט זיך, פון זיין קליינע קוואַנטי־טעט פּראָטאָפּלאַזמע, אין דער איי־פּראָטאָפּלאַזמע מיטגעברענגט, ארום וואָס עס בילדען זיך שטראַהלען פּונקט ווי ביי דער צעל־טיילונג. אין דערזעלביגער צייט זעהט זיך דייטליך, ארום דעם כראָמאַטין פון ספּערמאַטאָזאָאָן, א קערן־פליסיגקייט וועלכע קומט ארויס פון איי־פּראָטאָפּלאַזמע. דער איי־קערן ווירט זיך ניט און בלייבט ניט געענ־דערט. אבער דער קערן פון ספּערמאַטאָזאָאָן, פערקעהרט, הויבט אָן שנעל צו וואַקסען. צוערשט טיילט ער זיך אָב אין כראָמאָזאָמען. אבער ער האָט זיי בלויז אַזויפיל, וויפיל עס האָט די צעלע פון דעם מין חיה צו וועלכען ער געהערט. ער וואַקסט אויף דעם חשבון פון דעם וויטעללוס פון איי; מען קאָן זאָגען אז דאָס וויטעללוס ווערט פון איהם פערצערט. בעת דיזער צייט צוטיילט זיך דאָס צענטראָזאָם אין צוויי העלפטען, וועלכע וואַנדערן קעגען די פעריפעריע פון דעם איי, פּונקט ווי זיי טון ביי דער צוטיילונג פון דער צעלע, און דאָס כראָמאַטין פון די כראָמאָזאָמען פון די ספּערמאַטאָזאָען הויבט זיך אָן אויפצולעזען אין דער נעץ וואָס האָט זיך פאָרמירט בעת דער קערן האַלט כסדר אין וואַקסען, ביז וואַנען ער האָט פּונקט די גרויס און די פאָרם פון דעם קערן פון איי. דערווייל האָבען זיך ביידע צענטראָזאָמען אָבגערוקט רעכטס און לינקס אויף ביידע זייטען פון דער מיטעלער ליניע פון ביידע קערנער.

ערשט איצט הויבט אויף אָן דאָס איי־קערנדעל זיין ארבייט צוזאַמען מיט דעם קערענדעל פון ספּערמאַטאָזאָאָן. פריהער האָט אבער דאָס איי־קערנדעל פון זיך אָבגעטיילט א חלק כראָמאַטין, וואָס מען רופט פּאָלאַר־קערפּערלעך, דעריבער פערמאָגט עס אצינד, פּונקט ווי דאָס ספּערמא־קערנדעל, נאָר האַלב אַזויפיל כראָמאַטין וויפיל עס

די פערייניגונג. — די ערשטע וואס האבען קלאר געמאכט דאס צושטאנדקומען פון דער פערייניגונג (קאניוגאציע), זענען געווען וואן בענעדען און א. הערטוויג. ווי מיר האבען געזעהען פאנגט זיך דיזע פערייניגונג אן שוין ביי איינצעליגע בעשעפענישען, אבער ביי זיי האט זי ניט צו טון מיט פערמעהרען זיך. איהר צוועק איז נאר צו פערשטארקען געוויסע אינדיווידוען. די פערייניגונג קומט דא צושטאנד אויף פערשידענע אופנים ביי פערשידענע פאלען.

איינמאל, צום ביישפיעל, לעגט זיך אן איינצעליגע חיה פשוט נעבען אן אנדערער. ביי דעם צושפאלטען זיך ביידע קערנער אין צווייען. די פראטאפלאזמען פון ביידע צעלען שמעלצען זיך צונויף ביי די בערירטע איבערפלאכען, און דאן דרינגט איין העלפט קערן פון דער ערשטער צעלע אריין אין די צווייטע צעלע, בעת א האלבער קערן פון דער צווייטער צעלע דרינגט אריין אין די ערשטע צעלע. נאכדעם צוטיילען זיך ווידער די צעלען און איטליכער איבערגעביטע־נער האלבער קערן שמעלצט זיך צונויף מיט דעם צווייטען האלבען קערן פון דער צעלע אין וועלכער ער איז אריינגעדרונגען. פון דעם מאמענט אן פערמעהרען זיך די צעלען ווידער דורך טיילונג, ווי מיר האבען שוין אויבען בעשריבען.

אן אנדערע פארם ווידער איז, אז צוויי צעלען פערייניגען זיך, אבער זיי שמעלצען זיך צונויף פולשטענדיג. ביידענס קערנער לעגען זיך צוזאמען און יעדער קערן בייט איבער א העלפט פון זיין סובסטאנץ מיט א העלפט פון דעם צווייטענס קערן, פונקט ווי אין דעם ערשטען פאל, אזוי, דאס, ווען די צעלע צוטיילט זיך, איז דאס ענד־רעזולטאט גענוי דאס זעלביגע.

דאס אריינדרינגען פון ספערמאטאזאאן אין איי. — אבער ביי אלע העכערע חיות, וואו די געשלעכטס־צעלען זענען צווייערליי, מענליכע און ווייבליכע, איז דאס צושטאנדקומען פון דער פערייניגונג אביסעל אנדערש. ביי דיזע חיות זענען נאר ווען־ניט־ווען די ווייבליכע אדער איי־צעלען אימשטאנד זיך צו פערמעהרען דורך פארטהענאגע־נעזיס. אין זיי געפינט זיך צו ווייניג כראמאטין אדער גאר קיין צענט־ראזאם ניט, און דעריבער שטארבען זיי אב אויב עס קומט ניט פאר קיין פערייניגונג.

קאמפליצירען די פראגע, וועלען מיר פערלאזען די פלאנצען־וועלט און זיך בלויז פערנעהמען מיט די חיות. אויבביידע סארטען געשלעכטס־דריזען בעווייזען זיך אין דעמזעלביגען אינדיווידיום, דעמאלט ווערט די חיה גערופען הערמאפראדיט. אויב אבער זיי ענטוויקלען זיך אין צוויי פערשידענע אינדיווידיוען, רעדט מען פון חיות פון צוויי פער־שידענע געשלעכטער. די שנעק, צ. ב. זענען הערמאפראדיט. אבער א חוץ דעם זענען אויך פאראן נידעריגערע פיל־צעליגע חיות וועלכע פערמעהרען זיך געוועהנליך דורך שפראצונג און ביי וועלכע דער פרא־צעס פון פערייניגונג קומט בלויז פאר ווען ניט ווען. אבער אויך די חיות וועלען מיר פארביילאזען, מחמת זיי זענען צו ווייט הינטער דעם מענש כדי אונז דא צו פעראינטערעסירען.

ספערמאטאזאאן און אוואולום. — ביי אלע העכערע חיות, און אויך ביי די הערמאפראדיטען, כאראקטעריזירען זיך די מענליכע זאמען־צעלען, אדער ספערמאטאזאען, מיט זייער בעוועגליכקייט. זיי האבען א זיך־צוזאמענציהענדיגע פראטאפלאזמע און זייער פארם איז אנדערש וועדליג די פערשידענע מינים. ביים מענש און ביי די זויג־חיות זעהען זיי אויס ווי אומענדליך קליינע פראשען און זייערע עקען זענען אויך בעוועגליך. פערקערט, די ווייבליכע זאמען־צעלע איז אונבעוועגליך און איז א סך גרעסער פון דער מענליכער צעלע. די פער־ייניגונג בעשטעהט אין דעריז, וואס אויף וועלכען־ניט־איז מעכאנישען פראצעס דערגרייכט די מענליכע זאמען־צעלע, אדער זאמען־פאדים, מיט דער הילף פון זיינע בעוועגונגען, די ווייבליכע זאמען־צעלע, אדער אייעלע, און דרינגט אריין אין זיין פראטאפלאזמע. אין דעמזעלביגען מאמענט ווערט די אויבערפלאך פון דעם אייעלע גערינען, וועלכעס פארווערט דאס ארייגדרינגען פון א צווייטען ספערמאטאזאאן.

דאס איי און דאס ספערמאטאזאאן בעשטעהען ביידע פון א פראטאפלאזמע און א קערן. אבער בעת דאס ספערמאטאזאאן האט בלויז א קליין קערנדעל און זעהר ווייניג פראטאפלאזמע, האט דאס איי א גרויסען קערן און א גרויסע קוואנטיטעט פראטאפלאזמע. ביי מאנכע מינים וואקסט די פראטאפלאזמע (דאס געלעכעל פון איי) זעהר גרויס, זייענדיג די איינציגע נאהרונג פאר א לאנג עמבריאניש לעבען, ווי צ. ב. ביי פויגעל־אייער.

אופן בילדען זיי ווידער אויף דאָס זעלביגע גאנצע אינדיווידיום (דעם
מין טיפּוס) פון וועלכען זיי שטאַמען ארויס. דעריבער קאָן מען, רע־
דענדיג פילאָזאָפיש, פונקט ווי ווייסמאַן, אַננעהמען, אַז דיזע צעלען
זענען פאַרט דאָס לעבען פון זייערע עלטערען. אזוי, דאָס איז דער
אמת'ן צושטערט דער טויט בלויז אַ טייל פון דעם אינדיווידיום, נעמ־
ליך יענעם טייל וועלכער איז געווען צוגעפּאסט צו אַ ספּעציעלען אינ־
דיווידועלען צוועק און האָט זיך אויסגענוצט. דעריבער לעבט אויף יע־
דעם אינדיווידיום אין דעם קומענדיגען דור. די געשלעכטס־צעלען, איי־
דער זיי ווערען מעהר־צעהליגע אינדיווידוען, צוטיילען זיי זיך אין אַ
סך אזוי־גערופענע עמבריאָנישע צעלען, וועלכע דיפערענצירען זיך אין
גרופּען וועלכע פאָרמירען שפּעטער די פערשידענע קערפּער־אָרגאַנען.
די איבערגאַנגס־צייט פון דעם צעל־קערן ביז צום פולשטענדיג ענטווי־
קעלטען אינדיווידיום, רופט מען עמבריאָנישע פעריאָדע. אין משך פון
דיזער פעריאָדע מאכט דורך דאָס אָרגאַניזם די וואונדערבאַרסטע ענ־
דערונגען. אין מאַנכע פאַלען בילדעט זיך אַ בעשטימט, און ווי עס
שיינט, אַ פולקאָם־פאַרטיג בעשעפעניש מיט אַן אייגענאַרטיגער פאָרם
און לעבענס־צוועק, וועלכעס לעבט און וואַקסט טיילמאָל עטליכע יאָה־
רען, אבער ענדליך וואַנדעלט עס זיך אום אין אַ דורכויס אַנדערער
געשלעכטס־פאָרם. אויף דעם אופן ווערט פון דעם איי פון אַ שמעטער־
לינג צוערשט די לאַרווע, שפּעטער די פּופּע און צולעצט ערשט דער
שמעטערלינג. לאַרווע און פּופּע געהערען צו דער עמבריאָנישער פער־
יאָדע. בעת דיזער פעריאָדע געהט יעדע חיה דורך אויף אַן אָבגע־
קורצטען שטייגער געוויסע פאָרמען וועלכע זענען מעהר אָדער ווענייגער
ענליך צו יענע פאָרמען דורך וועלכע איהרע פאָר־עלטערן זענען דורכ־
געגאַנגען: די לאַרווע, צום ביישפּיל, איז ענליך צום וואָרים, וועל־
כער איז דער שטאָם־פאָטער פון די אינסעקטען א. אַז. וו. העקעל רופט
דאָס, ביאָגענעטיש גרונד־געזעץ. מיר ווע‌לען זיך אבער דאָ ניט פער־
נעהמען מיט זאָאָלאָגיע און איך וועל מיך בעגניגען מיט דיזען פונקט.

געשלעכטס־צעלען. הערמאַפראָדיטיזם. — איצט קומען מיר
צו דער קאָניוגאַציע אָדער פעראייניגונג. ביי פיל־צעליגע חיות ענט־
וויקלען זיך, טיילמאָל אין גלייכע אינדיווידוען און טיילמאָל אין פער־
שידענע אינדיווידוען, צוויי סאָרטען געשלעכטס־צעלען: די מענליכע
און די ווייבליכע, אין פערשידענע געשלעכטס־דריזען, כדי ניט צו

יחיד, פון וועלכען איטליכע בעשטימטע גרופע צעלען, וועדליג איהר צוגעפאסטען צוועק, בעקומט אי איהר בעזונדערע פאָרם און אי איהר כעמישע קאָמפּאָזיציע. אזוי ארום בילדען זיך ביי די פלאנצען בלעטער, בלומען, קנאָספּען, צווייגען, שטאַמען, זייער רינד א. אז. וו.; און ביי חיות בילדעט זיך די הויט, דאָס איינגעווייד, דריזען, בלוט, מוסקלען, נערוועז, געהירן, אָרגאנען פאר די חושים א. אז. וו. טראָץ דער הויכער קאָמפּליקאציע ביי פערשידענע פיל־צעליגע אָרגאניזמען, געפינען מיר נאָך אלץ ביי זיי די פעהיגקייט זיך פּאָרטצופלאנצען דורך טיילונג אָדער דורך שפּראָצונג. ביי געוויסע חיות און פלאנצען וואקסט אויס פון א גרופּע צעלען א קנאָספּע וואָס זונדערט זיך שפּעטער אָב פון דעם קערפּער, און אויף דעם אופן פאָרמירט זיך א נייע אינדיווידיום (פּאָליפּען, צוויעבלען). אזוי א שטייגער קאָן מען לאָזען אן אָבגעשניטענע צווייג ווערען א בוים, און ניט בעפרוכטעטע אינסעקטען און בינען זענען אימשטאנד צו לעגען אייער פון וועלכע עס ענטוויקעלט זיך דורך פאָרטהענאָגענעזיס (געבורט פון א בתולה) פולשטענדיגע און לעבעדיגע אינדיווידוען. אבער אויך זיי דעגענערירען און געהען אונטער ווען די געשלעכטסלאָזע פּאָרטפלאנצונג דורך קנאָספּונג אָדער פאָרטהענאָגענעזיס ווערט פאָרטגעזעצט בעת עטליכע דורות. ביי די העכערע חיות, ד. ה. ביי די ווירבעל־בייניגע חיות און ביים מענשען, עקזיסטירט קיין פּאָרטפלאנצונג אָהן פעראייניגונג, קיין פאָרטהענאָגענעזיס אָדער שפּראָצונג. אזוי ווייט ווי מיר האָבען שטודירט דעם עניו, זעהען מיר אי־בעראל די געשלעכטליכע פּאָרטפלאנצונג אָדער פעראייניגונג אלס א בעדינג פאר א דויערענדיגער פּאָרטזעצונג פון לעבען. אָבער וואָס איז דער יסוד פון פעראייניגונג?

די געשלעכטס - דריזען. עמבריאָ. — וויפיל אָז אָרגאַניזם זאל ניט זיין קאָמפּליצירט, בעזיצט עס תמיד א ספּעציעל־אָרגאַן פון וועלכען די גלייך־פאָרמירטע צעלען זענען בעשטימט פאר דער פּאָרטפלאנצונג פון דעם מין, און בעזונדערס פאר דער פעראייני־גונג. דיזעס אָרגאַן רופט מען די געשלעכטס־דריז און זייגע צעלען האָ־בען די קראפט אונטער גינסטיגע בעדינגנען זיך צו רעפּראָדוצירען דורך פעראייניגונג (אָבער טיילמאָל אויך, פאר א געוויסער צייט, דורך פּאָר־טהענאָגענעזיס) אזוי גיך ווי זיי פערלאָזען דעם קערפּער און אויף דעם

זונדערען צענטראזאם. אויף דיזען אופן גרופירען זיך ארום יעדען צענטראזאם אזוי פיל כראמאזאמען וויפיל די מוטער-צעלע האט אורשפרינגליך געהאט. בעת דעם וואקסט די צעלע און איהר פראטאפלאזמע הויבט אן צו בעקומען אן איינקארבונג אויףביידע ענדען פון דער פריהעריגער צענטראלער כראמאזאם-ליניע. אבער פון איצט אן זאמעלט זיך ווידער אן קערן-פליסיגקייט ארום יעדער כראמאזאם-גרופע: די שטראלען פערשווינדען און די צעלע צוטיילט זיך אין צוויי העלפטען. איטליכע האבענדיג א גרופע כראמאזאמען, בעת די קארבונג פערטיפט זיך בילדענדיג א שייוודוואנד גלייך דורך דער פראטאפלאזמע. איצט לעזען זיך ווידער אויף די כראמאזאמען אין דער כראמאטין-נעץ פון דעם קערן און מיר האבען אויפסניי צוויי צעלען, יעדער בעזונדער מיט א קערן און א צענטראזאם פונקט ווי די מוטער-צעלע.

אונגעפער אזוי געהט עס צו ביי אלע פערמעהרונגען פון צעלען אין דער חיות- און אין דער פלאנצען-וועלט. ביי די איינפאכסטע איין-צעליגע מינים, וועלכע זענען אונז בעקענט, איז די טיילונג דער איינציגער און כסדר'דיגער אופן פון זייער פארטפלאנצונג. די צעלען פון די קאמפליצירטע ארגאניזמען, פון די ענטוויקעלטע חיות און פלאנצען, טיילען זיך גענוי לויט דעם אויבען געשילדערטען אופן, כדי, בעת דעם עמבריאנישען צושטאנד און אויך אפטמאל ביים שפעטער-דיגען וואקסען, צו בילדען די איינצעלנע ארגאנען וואס שטעלען צונויף דעם קערפער. דיזער פאקט בעווייזט גענוג קלאר די נאהענטע קרובה-שאפט פון אלע לעבעדיגע בעשעפענישען. די מערקווירדיגסטע זאך דערביי איז, די כמעט מאטהעמאטישע צוטיילונג פון די כראמאזאמען אין צוויי גלייכע העלפטען, ביי וואס עס ווייזט זיך דער צוועק צו פערטיילען די כראמאזאם - סובסטאנץ גלייך צווישען דעם גאנצען ארגאניזם. מיר וועלען זיך נאך צו דעם פונקט צוריקקערען.

רעפראדוקציע דורך שפראצונג. פארטהענאגענעזיס. — אין דער שטאפעלווייזער ענטוויקלונג פון די חיות און פלאנצען קאמפליצירען זיך וואס ווייטער אלץ מעהר די איינצעלנע ארגאניזמען, אזוי, אז זיי זענען ביט מעהר אן איינציגע צעלע, נאר א כסדר זיך פערגעסענדיגע צאל צעלען צוזאמענגעוואקסען אין איין

טיילונגען, אויף ווי ווייט די זאַך איז אונז בעקענט, ווייל ער האָט אַ נאָהענטען שייכות צום ענין פון בעפרוכטונג.

דער קערן פון אַ געוועהנליכער צעלע האָט די פאָרם פון אַ כמעט קיילעכדיג בלעזעל. די מאָדערנע קינסטליכע מעטאָדע פון פארבונג האָט בעוויזען אַז אין קערן ליגען נאָך אַנדערע קיילעכדיגע קערן־קערפּערלעך און אַז אַ חוץ דעם איז דאָס קערן־הייטעל צוגעטשעפּעט צו אַ זעהר פּיינער נעץ וועלכע איז פּארוועבט אין דעם גאַנצען קערן. דער פליסיגער קערן־טייל האַלט זיך אין די נעץ־לעכלעך פון דעם געוועב, וועלכער לאָזט זיך זעהר לייכט פארבען און דערפאַר רופט מען איהם כ ר אָ־מ אַ ט י ן. דעם אופן פון טיילונג פון אַזוינע ענטוויקעלטע צעלען מיט קערנער אין זיך, רופט מען מ י ט אָ ז י ס. עס עקזיסטירען נידעריג־ענטוויקעלטע צעלען אין וועלכע מען קאָן די קערנדלעך ניט אַזוי לייכט דערקענען. דער טיילונגס־פּראָצעס פאַנגט זיך אָן אין קערן. אין דער פּראָטאָפּלאַזמע בילדעט זיך נעבען דעם קערן אַ קליין קערפּערל, וועלכעס מען רופט צ ע נ ט ר אָ ז אָ ם (צענטראַל קערפּערל). ווען די צעלע דאַרף זיך אָנהויבען טיילען, ציהען זיך צוזאַמען די נעץ־לעכלעך פון דעם כראָמאַטין און דאָס צענטראָזאָם צוטיילט זיך אין צווייען. באַלד נאָכדעם קאָנצענטרירען זיך אַלע חלקים׳לעך פון דעם כראָמאַטין אין צוזאַמענגעראָלטע שטרענגלעך (כראָמאָזאָמען), די צאָל פון וועלכע איז אַנדערש ביי פערשידענע מינים בעשעפעניסען, אָבער וועלכע בלייבט דיזעלביגע ביי אַלע פּלאַנצען און חיות. אין דערזעלביגער צייט רוקען זיך די צוויי צענטראָזאָמען פאַנאַנדער אויף ביידע זייטען פון קערן. נאָכדעם ווערען די כראָמאָזאָמען קורצער און דיקער, בעת דער צעל־קערן אַלס אַזוינער לעזט זיך פולשטענדיג אויף און פערמישט זיך מיט דער פּראָטאָפּלאַזמע, און זיין הייטעל פערשווינדט.

איצט שטעלען זיך די כראָמאָזאָמען אויס, רעגעלמעסיג ווי אַ רייה סאָלדאַטען, אין איינעם פון די גרעסטע דיאַמעטערס פון דער צעלע, לאָזענדיג ביידע צענטראָזאָמען, איטליכען אויף איין זייט. דאַן צוטיילט זיך יעדעס כראָמאָזאָם אויף צוויי פּאַראַלעלע העלפטען פון דערזעלביגער גרויס. בעת דיזען פּראָצעס פערינגלען זיך ביידע צענטראָזאָמען מיט ליניענאַרטיגע שטראַלען. איינעגע פון דיזע שטראַלען פערלענגערען זיך און דערגרייכען די כראָמאָזאָמען, בעהעפטען זיך צו זיי און ציהען די אַצינד־געשפּאַלטענע כראָמאָזאָמען צו איטליכען בע־

גופא. אבער מיר דארפען זיך דא ניט פערנעהמען מיט דיזער ניט־געלעזטער פראגע. איז שוין דאס לעבען איינמאל געגעבען געווארען, בלייבט די צעלע דאס איינציגע בעשטענדיגע פארם־עלעמענט. די צעלע בעשטעהט פון א צעל־פראטאפלאזמע אין וועלכער עס געפינט זיך א נוקלעוס, א קערן, די סובסטאנץ, פון וועלכען ווערט נערופען נוקלעאפלאזמע. דאס קערנדעל איז דער וויכטיגסטער טייל פון דער צעלע, און עס האט אזוי צו זאגען, די דעה איבער איהר לעבען.

די צעל-צוטיילונג. — די נידעריגסטע איין־צעליגע לעבע־דיגע בעשעפענישען, פונקט ווי די בעזונדערע צעלען פון א הויך ארגאניזירט פיל־צעליג בעשעפעניש, פערמעהרען זיך דורך א מין טיילונג. איטליכע צעלע שטאמט פון אן אנדערער צעלע אויף דעם פאלגענדען אופן: א צעלע קארבט זיך איין אין דער מיט צוזאמען מיט איהר קערנדעל און צוטיילט זיך אויף דעם אופן אין צוויי בעזונדערע צעלען, וועלכע וואקסען איינזוי־גענדיג די ערנעהרענדיגע פליסיגקייטען וואס רינגלען זיי ארום. דער טויט אדער די צושטערונג פון א צעלע מיינט דעריבער אויף דער טויט פון דעם גאנצען ארגאניזם, וועלכער האט זיך מיינסטענס פריהער פערמעהרט.

מיר זעהען שוין אבער דא דעם אייגענטימליכען און פונדאמענ־טאלען פאקט פון פעראייניגונג, דאס הייסט, די פערשמעלצונג פון צוויי צעלען אין איינער פון וועלכער עס קומען ארויס שטארקערע און פארטפלאנצונגס־פעהיגערע צעלען. דיזער פאקט, וועלכען מיר בעגע־גענען ביי אלע לעבעדיגע בעשעפענישען, צווישען זיי אויך דער מענש, בעווייזט אונז, אז דאס לעבען קאן נאר דערמאלט פארטגעזעצט ווערען, ווען פון צייט צו צייט פערבינדען זיך צוויי פערשידענע עלעמענטען וואס האבען געלעבט אונטער פערשידענע איינפלוסען. ווערט אבער דיזער פעראייניגונג געשטערט און מען לאזט געוויסע לעבעדיגע בע־שעפענישען זיך כסדר טיילען אדער שפראצען, און אויף אזא'ן אופן זיך פערמעהרען, איז דאס רעזולטאט א שטאפעלווייז אבשוואכען און רעגענעראציע, ביז צום פערשווינדען ווערען פון דיזער גאנצער גרופע.

דא איז נויטיג צו דערקלערען די רעזולטאטען פון די לעצטע ווי־סענשאפטליכע פארשונגען מכח דעם געגויערען אופן פון צעלען־צו־

# קאפיטעל I.

## די פארטפלאנצונג פון לעבעדיגע בעשעפענישען.

די געשיכטע פון דעם זאמען-קערנדעל: — די פארטפלאנצונג פון לעבעדיגע בעשעפענישען, צעל-צוטיילונג, פארטהענאגענעזיס, די פעריינעגונג, מנעמע, עמבריאלאגישע ענטוויקלונג, סעקסועלע אונטערשידען, קאסטרירונג, הערמאפראדיטיזם, ירושה, בלאסטאפטהאריע.

דאס אלגעמיינע געזעץ פון ארגאנישען לעבען איז, דאס יעדער לעבעדיגער יחיד ווערט שטאפעלוויין פערענדערט אין'ם משך פון א צייט, וועלכע מען רופט דאס אינדיווידועלע לעבען, און וועלכעס ענדיגט זיך מיט דעם טויט, ד. ה. מיט דער צושטערונג פון'ם גרעסטען טייל פון ארגאניזם, וועלכער צופאלט דאן אין א לעבלאזען שטאף. בלויז קליינע חלקים, די זאמענצעלען, זעצען פארט זייער לעבען אונטער בעשטימטע בעדינגונגען.

**די צעלען-פראטאפלאזמע. דער קערן.** — זינט שוואנן (1830) איז אונז בעקענט, אז די צעלע איז דאס איינפאכסטע מארפאלאגישע עלעמענט וועלכעס איז פעהיג צו לעבען, און ביי די נידעריגערע ארגאניזמען בעשטעהט זייער גאנץ אינדיווידיום פון דיזען עלעמענט. עס איז אהן צווייפעל, אז די צעלע איז שוין א הויך ארגאניזירטע זאך. די צעלע בעשטעהט פון אונענדליך קליינע עלעמענטען פון פערשידענעם ווערט און כעמישער צוזאמענשטעלונג, וועלכע בילדען דאס וואס ווערט גערופען פראטאפלאזמע אדער צעלען-סובסטאנץ. אבער יענע אונענדליך קליינע עלעמענטען זענען דערוויל נאך ניט בעקענט. אין זיי מוז געזוכט ווערן דער איבערגאנג פון דער טויטער מאטעריע צום לעבען, אן איבערגאנג וועלכען, איידער עס איז נאך בעקענט געווען די קאמפליצירטע סטרוקטור פון דער פראטאפלאזמע, מען האט געגלויבט, אז מען דארף זוכען אין דער פראטאפלאזמע

די עיקר־שװערקײט אין דער לעזונג פון דיזען פראבלעם ליגט אין דער נױטיגקײט פון אזא מין צופאסונג, און דיזע שװערקײט פארערט פון אונז זיך פולשטענדיג צו בעפרײען פון פארורטײלען, טראדיציעס און פאלשע צנועות. דאס איז עס צו װאס מיר צילען.

אז מען בעטראכט די געשלעכטס־פראגע פון א העכערען שטאנד־פונקט, איז זי אי שעהן און אי גוט. דאס מאוסע און שענדליכע איז בלויז דער שמוץ און די עקעלדיגקייט, װעלכע גראבע, עגאיסטישע לײדענשאפטען, אינײנעם מיט דער נארישקײט, געשלעכטליכער נײ־געריגקײט, צוזאמענגעפארט מיט מיסטישע אבערגלױבענס, אפט־מאל פערבינדען מיט שכרות און משוגעת, האבען אין איהר ארײנגע־לעגט.

אונזער טעמא װעלען מיר אײנטײלען אין נײנצען קאפיטלען.

קאפיטעל 1 ביז 7, בעהאנדעלט די נאטור ־ געשיכטע און די פיזיאלאגיע פון דעם געשלעכטס־לעבען; דאס קאפיטעל 8, זײן פא־טהאלאגיע, און די קאפיטלען 9 ביז 18, זײן סאציאלע ראלע. דאס הײסט, שײן שײכות צו די פערשידענע געביטען פון דעם מענשליכען געזעלשאפטליכען לעבען.

סעקווענטערווייז אויף פון דער סעקסועלער ליבע. דעריבער מוז די פראגע בעהאנדעלט ווערען נאטור־וויסענשאפטליך, פסיכאלאגיש־פיזיאלאגיש און סאציאלאגיש. דאס איז שוין ניט איינמאל געטון געווארען, מיינסטענס אבער אדער אין שווערע, בקיאות'דיגע אבהאנדלונגען, אדער אויף אן איינזייטיגען, אויבערפלעכליכען אופן.

כדי צו פערזיכערען דאס מענשליכע גליק, מוז די מענשהייט האבען דעם וואונש זיך פארטצופלאנצען אויף אזא'ן אופן, אז עס זאלען זיך שטאפעלווייז דערהויבען און פערעדלען אלע איהרע פיזישע און פסיכישע (גייסטיגע) אייגענשאפטען, אי אין שייכות צו איהר קראפט און קערפערליכע געזונדהייט, פונקט אזוי גוט ווי אין שייכות צו איהר געמיהט, שכל, ווילען, שעפערישע פאנטאזיע, אפטימיסטישע ארבייטס־ און לעבענסלוסט, און צו איהר געפיהל פון סאציאלער סאלידאריטעט. יעדער פערזוך צו לעזען די געשלעכטס־פראגע מוז, דעריבער, האבען אין אויג די צוקונפט און דאס גליק פון די שפעטערדיגע דורות.

דאס פערנעהמען זיך מיט דער לעזונג פון דער געשלעכטס־פראגע, פאדערט א סך פערזענליכע אונפארטייליכקייט. אבער, אזוי ווי דאס מענשליכע בעשעפעניש איז נאטירליכערהווייז ביז'ן העכסטען גראד שוואך און קורצזיכטיג, בפרט נאך אין דער פארשונג, וואס ליגט דא פאר אונז, איז דעריבער אבסאלוט נויטיג, כדי ניט ארייגצופאלען אין אוטאפיעס, צוצופאסען דעם אלגעמיינעם און פונדאמענטאלען צוועק פון דער געשלעכטליכער פעריינינגונג, צום גליק און די פרייד, יא, אפילו צו די נאטירליכע שוואכקייטען פון דעם מענשליכען אינדיווידיום.

גישע אויסדרוקען דאָרט, וואו זיי זענען נויטיג. איך וועל אכטונג געבען און פּערטייטשען אלע יענע ווערטער, אהן וועלכע מיר שיינט מען קאָן ניט אויסקומען.

מיינע מיינונגען זענען געבוים, פון איין זייט, אויף מיין וויסענשאַפטליכער פאָרשונג פון דעם מענשליכען מוח, און פון דער אנדערער זייט, אויף מיין לאַנגער פּערזענליכער ערפאַהרונג אלס דאָקטאָר פון גייסטיגע קראַנקהייטען. אבער צוליב דעם געביט פון עטהנאָגראַפיע, וועלכעס איז מיר פרעמד, האָב איך מיך געמוזט שטיצען אויף דעם גרונדווערק פון וועסטערמארק. וואָס איז שייך צו דער סעקסועלער פסיכאָ־פּאַטהאָלאָגיע, האָב איך זיך הויפּטזעכליך געריכט ווערלינג דער קלאַסיפיקאַציע פון קראַפט עבינג.

די געשלעכטס־פראַגע איז אזוי אויסערגעוועהנליך קאָמפּליצירט, אז עס קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין פאַר איהר צו געפינען אן איינפאַכע לעזונג, ווי א שטייגער פאַר דער אלקאָהאָל־פראַגע, שקלאַפעריי א. ד. גל. די לעצטע פערענטפערט מען מיט איין וואָרט — אונטערדריקונג. „ארונטער מיט דער שקלאַפעריי און פייניגונג!" „ארונטער מיט דעם אלקאָהאָל אלס גענוסמיטעל!" זיי זענען קינסטליך בעשאַפענע מכות, וואָס ווערען אויפגעהאַלטען אין דער מענשליכער געזעלשאַפט: מכות וועלכע מען מוז פשוט אויסשניידען. זייער פולשטענדיגע אונטערדריקונג איז לטובה דער מענשהייט, ווייל זיי זענען ניט פערבונדען מיט דער נאָרמאַלער מענשליכער נאַטור, און זענען שעדליך. אבער דער סעקסועלער אינסטינקט און דאָס געפיהל האָבען זייערע וואָרצלען אין סאַמע לעבען; זיי זענען ענג צוזאַמענגעוועבט מיט דער מענשהייט, און זיי פאָדערען א דורכויס אנדערע בעהאנדלונג. אבער זיי זענען פערפירט געוואָרען אויף פאַלשע און געפעהרליכע וועגען. דעריבער איז נויטיג זיי פון יענע וועגען ארויסצוקיריווען. זיי מיט דער הילף פון נויטיגע דאַמבעס און קאַנאַליזאַציעס צו רעגולירען און אריינפירען אין רוהיגע וואַסערען.

דער גרונד־אמת אין דער געשלעכטס־פראַגע איז דער פאָלגענדער:

ביים מענש, פּונקט ווי ביי אלע אנדערע בעשעפעניסען, איז די פאָרטפלאַנצונג פון דעם מין בעשטענדיג דער צוועק פון יעדער סעקסועלער פונקציע, און קאַנ־

# איינלייטונג.

די געשלעכטס־פראגע געהערט צו יענע ענינים וועלכע קאנען אריינפירען אין די שווערסטע טעותים. ווערליג איהר נאטור רייצט זי די מענשליכע ליידענשאפטען פונקט אזוי גוט ווי די מענשליכע נייגע־רינקייט, און מען קאן זי מיסברויכען פאר כל המינים צוועקען. מען גע־פינט זי דעריבער צונויפגעוועבט מיט דער רעליגיע, מיט דער מאראל, מיט דער קונסט, מיט דער פאליטיק, מיט דער געזעצגעבונג און מיט דער מעדיצין, אדער זי ווערט אויסגעניצט פון דעם האנדעל און פון דער געלד־זשעדנעקייט, און צוליב דעם ווערט זי פארגעשטעלט איינזייטיג און טענדענציעז.

מיין צוועק איז צו שטודירען די געשלעכטס־פראגע און איהרע אלע ריכטונגען און פון אלע שטאנדפונקטען: וויסענשאפטליכען, עטה־נאלאגישען, פאטהאלאגישען און סאציאלען, און צו געפינען די בעסטע לעזונג פון די צאהלרייכע פראבלעמען, וואס זענען פערבונדען מיט איהר. אין אלע יענע פארשונגען פון דער געשלעכטס־פראגע שפילט, ליידער, די פערזענליכקייט, מיינסטענס דאס ליבע־געפיהל פון׳ם מחבר, א בעדייטענדע ראלע, פון וועלכער ער קאן זיך קיינמאל ניט אינגאנצען בעפרייען, הגם ידי פליכט פון דער וויסענשאפטליכער קריטיק איז, ווי וויים מעגליך דיזע געפיהלען אויסצומיידען כדי צו זיין גערעכט, אביעקטיוו און אונפארטייאיש. דעריבער וועל איך טון אלעס וואס איז מעגליך זיך פון זיי צו בעפרייען אין דיזער פארשונג.

די געשלעכטס־פראגע איז אן עיקר־פראגע פאר דער מענשהייט, וועמעס גליק און פריידען זענען מיינסטענס אבהענגיג פון דער בעס־טער לעזונג פון דיזען וויכטיגען פראבלעם. האבענדיג צו טון מיט אזא צארטען געגענשטאנד, וועל איך מיך בעמיהען אויסצומיידען די קליפה פון עהרגייציגקייט און פארורטייל, און אויך אויסצומיידען לאנגע און פערמאטערענדיגע ציטאטען, און וועל בלויז בענוצען טעב־

## קאַפּיטעל VII



## קאַפּיטעל VIII.

## קאפיטעל VI.

# אינהאלט:

## קאפיטעל I.



## קאפיטעל II.



## קאפיטעל III.



## קאפיטעל IV.



## קאפיטעל V.

די פערטיידיגער פון אלטע מדות, מנהגים און מאָראַלען קאָנ־צענטרירען זייער אטאקע בעזונדערס אויף מיין עמפעלונג פון מיט־לען צו רעגולירען די שוואַנגערשאַפט. דאָס איז **אוממאָראַליש!** אבער איך זאָג פונקט פערקערט, עס איז די פליכט פון דער סאָציאַלער מאָראַל און איך בעווייז דאָס. עס איז אַן אונזין די אויפקלערונג מכח די דאָזיגע מיטלען בלויז צו רעזערווירען פאר די געבילדעטע קלאַ־סען אליין און זי וועלען צוריקהאַלטען פון דעם פראָלעטאַריאַט און פון דעם פאָלק בכלל. דאָס איז די ערגסטע נאַרישקייט. די פערטייטיגער פון דער אַלטמאָדישקייט, פון דער הערען מאָראַל, פון דער דעספּאָטי־שער הערשונג פון עטליכע קלאַסען איבער דעם פאָלק, פיהלען גאַנץ טיף, אז אין דעם וויסען און אין דער אַנוועדונג פון מיטלען כדי צו רעגולירען די שוואַנגערשאַפט, ליגט בעהאַלטען איין אָדער טאַקע גאָר דער סאַמע קערן, דער יסוד פון דער גאַנצער יונגעניש־סעקסועלער רעפאָרם. דעריבער בענוצען זיי זיך מיט דעם פערשפּרייטען פאָרור־טייל געגען איהר, בכדי די גאַנצע רעפאָרם פון דעם שטאַנדפּונקט צו דערשטיקען. אבער טראָץ זייערע אַלע דריידלעך און פאָליציי־געזעצען וועט עס זיי סוף כל סוף ניט געלונגען.. עס איז פשוט צו פיל ניט־לאָגיש צו וועלען פערביטען דעם פערקויף פון קאָנדאָמען און אנדערע פערהיטונגס־מיטלען און אין דערזעלביגער צייט זיין אַ געדולדיג אנטקעגען דער קאָמערציאַליזירטער ווייסער שקלאַפעריי און פראָסטי־טוציע און, אַ צודריקען די אויגען פאר אַלע אונגליקען און רויהקיי־טען פון שכרות.

צום סוף וויל איך נאָך בעמערקען, אַז אַ דאַנק מיין בוך האָב איך געהאַט צו ענטפערען אויף אונצעליגע בריף און פערזענליכע אַנפראַ־גען און דורכדעם אנגעזאמעלט זעהר וויכטיגע ערפאַרונגען, וועלכע האָ־בען הגב בעשטעטיגט מיינע מיינונגען.

דר. א. פּארעל.

די וואקסענדיגע יוגענד, בכדי זיי אין דער ריכטיגער צייט און בע־צייטענס צו בעווארענען פֿאר דער פּראָסטיטוציע און פֿאר הונדערט אנ־דערע טפּשים און קליפּות. צום דערוואקסענעם מענש קומט אזא בוך מיינסטענס שוין צו שפּעט. די יוגענד טאָר ניט ווערען אויסגעשלאָ־סען פֿון דעם דאָזיגען פֿעלד פֿון וויסען.

מען האָט צו מיר פֿאריבעל אמאי איך האָב די סעקסועלע פּאטהאָ־לאָגיע בעהאנדעלט צו באריכות'דיג. די דאָזיגע טענה קאָן איך ניט אנערקענען אלס א בערעכטיגטע. דוקא די סעקסועלע פּערווערזיעס און אנשטעקענדיגע קראנקהייטען זענען די גרעסטע געפֿאר פֿאר דער יו־גענד און פֿאר דעם געזונדען מענש. זיי זענען די פּאסטקעס וואָס ליגען פֿערבאָרגען אויף שריט און טריט אויף דעם וועג פֿון אונזער יוגענד. ווער עס ווערט פֿריהער ניט געוואָרענט, געפֿינט זיך אין א געפֿאר אין זיי אריינצופֿאלען און דורך דעם אָפּטמאָל זעהען זיין לעבען פֿער־סם'ט אויף אייביג. ווענדליג מיין ערפֿארונג, קאָן דאָס העכסטענס ביי אנשטענדיגע מענשען ארויסרופֿען א געפֿיהל פֿון עקעל, און דורך דעם, אפשר אויך א מורא פֿאר דער הייראט. אבער אזא מורא איז קיין תירוץ ניט, מחמת ווער עס קען קלאָר די געפֿארען, קאָן זיי אויסמיי־דען און האָט דעריבער וואָס וועניגער מורא צו האָבען.

אנדערע קריטיקער האָבען מיר פֿאָרגעוואָרפֿען סוביעקטיוויזם, ווייל איך האָב ניט געשריבען אין דעם טרוקענעם טאָן פֿון א געלערנ־טען און, ווייל איך האָב אויסגעמידען דאָס שווערע געוויכט פֿון לאנגע ציטאטען און טעאָרעטישע פּלפּולים. איך וועל מיך אבער ניט פֿיל שטעלען אנטקעגען דעם דאָזיגען פֿאָרוואורף, נאָר איך פֿערלאנג פֿון מיינע הערען קריטיקער, מיר קלאָר און וויסענשאפֿטליך אנצואווייזען מיינע „סוביעקטיווע“ טעותים, און ניט אנשטאָט דעם צו פֿארמולירען זייערע טענות אין דער פֿארם פֿון אלגעמיינע דברים. איך האַלט מיך בשום אופֿן ניט אונפֿעהלבאר און איך וועל, אדרבה, אננעהמען איטלי־כע אויסבעסערונג מיט דעם גרעסטען דאנק. געוויסע דעטאלען זענען אין עדר איצטיגער אויפֿלאגע אויסגעבעסערט געוואָרען און איך דאנק הארציליך די בעטרעפֿענדע קריטיקער פֿאר זייערע אנווייזונגען. עטליכע ווידערהאָלונגען זענען ליידער ניט געווען מעגליך צו פֿערמיידען. איך בעט די דאָזיגע צו ענטשולדיגען.

# פאָרוואָרט צו דער אַכטער אויפלאַגע.

איך האָב די דאָזיגע אויפלאַגע רעווידירט און פערבעסערט. איך האָב אויך, זיך רעכענענדיג מיט דער בערעכטיגטער קריטיק, געמאכט געוויסע ענדערונגען, שטרייכונגען און צוזאצען.

דאָס בוך האָט דערגרייכט זיין צוועק. יעדען טאָג געהאלט איך דאנק־בריעף פון מענשען, וועמען דאָס בוך האָט געראטעוועט פון ספקות און אָפטמאָל אפילו פון פערצווייפלונג, און וועלכע האָבען דערין געפינען דעם קלאָרען וועג. מיין צוועק איז ניט געווען צו שרייבען א טיפע אבהאנדלונג מיט פשט און פלפול, אויך ניט א זאמלונג פו ציטאטען פון פערשידענע ווערק, און אויך ניט אן ענציקלאָפעדיע פון דעם געשלעכטס־לעבען מיט א פרעטענציע אויף פולקאָמענהייט מכח דעם ענין. קודם כל האָב איך געוואלט געבען **אונזער איצטיגען דור א פראקטישען וועגוויזער אין די געשלעכטס־פראגען**, פראגען וועלכע איטליכער שטעלט זיך, און דערביי זיך געשטיצט אויף אונזערע היינטיגע וויסענשאַפטליכע קענטנישען און פראקטישע ערפארונגען. דאָ האָבענדיג אין אויג די לעהרען פון עטהנאָלאָגיע און פאטהאָלאָגיע. אין דערזעלביגער צייט, פערשטעהט זיך, האָב איך אונ׳רחמנות׳דיג גע־פטר׳ט אלע פאָרורטיילען און געפרופט צו ווייזען די וועגען וועלכע פירען צו א טיפער סעקסועלער רעפאָרם אין אלע געזעלשאַפטליכע געביטען, אין דער מעדיצין, אין דער געזעצגעבונג, אין דער רעליגיע, אין דער פעדאַגאָגיק, אין דער פאָליטיק. אין דער נאציאָנאלער עקאָנאָמיע, אין דער עטיק א. אז. וו. א רעפאָרם, וועלכע פאסט אונזער קולטור און אונזער וויסען. צוליב דעם האָב איך געמוזט קריטיש בעלייכטען אלע זייטען פון דעם פראבלעם.

זינט דער ערשיינונג פו דער ערשטער אויפלאַגע (1905), האָב איך מיך איבערציינגט, אז **ראשית כל** נויטיגט זיך אין דעם בוך

# די געשלעכטס־פראגע

א וויסענשאפטליכע, פסיכאלאגישע, היגיענישע
און סאציאלאגישע פארשונג

— פון —

## אוגוסט פארעל

דאקטאר פון פילאזאפיע, געוועזענער פראפעסאר פון פסיכאט־
ריע און דירעקטאר פון משוגעים־אנשטאלט אין צוריך, שווייץ.

איבערזעצט לויט דער ענגלישער אויסגאבע

— פון —

דר. ד. בארוכסאן

ערשטער באנד

פארלאג זעלבסט־בילדונג

1920

פראפ. א. פארעל

# די
# געשלעכטס־פראגע